STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02595

# ALE VERK

## Sholem Aleichem

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by David Bern*
*in memory of*
*Israel Bernbaum*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

עזבון שמואל גילמן
אשדוד

# אַלע ווערק
פֿון
# שלום עליכם

עזבון שמואל גילמן
אשדוד

איקוף פֿאַרלאַג
בוענאָס איירעס
1957

OBRAS COMPLETAS DE

# SCHOLEM ALEIJEM

TOMO XIII

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
EDITORIAL "ICUF"
BUENOS AIRES, 1957

Queda hecho el depósito que marca la ley.

*Copyright by the
Estate of Olga Rabinowitz
New York*

# אַלע ווערק

פון

# שלום עליכם

*

## באנד XIII

ע ר ש ט ב ו ך
דראַמאַטישע שריפטן

צ ו ו י י ט ב ו ך
ק אָ מ ע ד י ע ס

# דראַמאַטישע שריפֿטן

# אינהאַלט


דער גט — — — — — — — — — — — — — — 9

צעזייט און צעשפּרייט — — — — — — — — — — 31

אַ דאָקטער — — — — — — — — — — — — 69

מענטשן — — — — — — — — — — — — — — 79

דאָס גרויסע געווינס — — — — — — — — — — 101

# דער גט

סצענעס פֿונעם אַמאָליקן ייִדישן לעבן

אין איין אַקט און דריי בילדער

---

## די פּאַרשוינען:

**שרה חנצע**, „אַן אשת חיל".
**ראובן-הערש**, איר מאַן, אַ יודע ספר.
**עטל**, זייער טאָכטער, אַ יונג ווייַבל.
**מאָטל**, זייער איידעם, אַ פֿיינער יונגערמאַנטשיק.
**לוי-בנימין**, אַ יונגערמאַן, אַ משכיל, מאָטלס אַ חבר.
**רב שלום שדכן**, אַ ייִד אַ שדכן.
**רב אַרקע**, דער רב פֿון שטעטל.
**פֿרומע-ליבע**, די רביצן.
**רב זכריה**, אַ סופֿר, אַ ייִד מיט אַ גרינער שאַל.
**ייִדל דער שמש**, אַ רירעוודיק ייִדל מיט איין אויג.
**צוויי עדות.**
**אַ מנין ייִדן.**

די געשיכטע קומט פֿאָר אין אַ קליין שטעטל אינעם פֿאַריקן יאָרהונדערט.

## ערשט בילד

איז אַ געוויינלעך צימער, פּשוט מעבלירט, אַף דעם אַלטן ייִדישן אופֿן, זיצט בײַ אַ גרויסן פּירעקעכדיקן טיש, אַף אַ בענקל, ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש איבער אַ ספר פֿון די הײַנטיקע ס פ ר י ם, שטאַרק פֿאַרטיפֿט. בײַ דער הרובע זיצט ש ר ה ־ ח נ צ ע און אַרבעט אַ זאַק מיט גרויס מהירות, און דאָס קנײַלכן בוימוואָל קאַטשעט זיך בײַ אירע פֿיס אַף דער ערד; זי איז פֿאַרטיפֿט אין דער אַרבעט און קוקט אַף די דרעטלעך, וואָס טאַנצן אַרום אין אירע פֿינגער.

### 1.

### ש ר ה ־ ח נ צ ע און ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש.

ש ר ה ־ ח נ צ ע (ציילט די אייגלעך פֿון זאָק). איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר, פֿינף... ראובן־הערש! זעקס, זיבן, אַכט, נײַן, צען... ראובן־הערש!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש (הייבט אויף די אויגן פֿון דעם ספֿר). האַ?

ש ר ה ־ ח נ צ ע : האָסט דיר אין קאָפּ אַרײַן! צען מאָל דאַרף מען דיך רופֿן, ביז דו וועסט זיך אַמאָל אָנרופֿן.

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : וואָס־זשע איז דאָרטן?

ש ר ה ־ ח נ צ ע : וואָס זאָל זײַן? גאָרניט! ער האָט זיך אָנגערעדט מיטן געניידעם, מע זאָל מיך אַ לעבעדיקע אַרײַנטרײַבן, שונאי ציון, אין דער ערד אַרײַן — און געענוג.

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : שאַ, אַ נײַעס! וואָס נאָך וועסטו זיך אויסטראַכטן?

ש ר ה ־ ח נ צ ע : אויסטראַכטן? איך טראַכט זיך אויס? איאַ, ראובן־הערש? ווער איז גערעכט? דו מיט דעם געניידעם דײַנעם! ווער איז אַ הולטײַיקע? איך! ווער ווערט אויסגעריסן, אויסגעריסן זאָלט איר ווערן? ווער פֿירט אַ גאַנצן טאָג אין קליט, אויסגעפּרווירן זאָלט איר ווערן אַלע אײַנציקווײַס? — אַלץ איך! אַלץ איך! און אַז סע קומט צו עפּעס, בין איך די שלעכטע! גיי, האָרעווע, קריך אין דער ערד! אַ שיינעם כבוד קאָן מען זיך פֿון אײַך דערלעבן, ברענען זאָלט איר אפֿן פֿײַער, ווי מיר ברענט דאָס פּנים, רבונו של עולם! אַ טאָג ווי נאַכט ווייס מען נאָר זיצן איבער די שיינע ביכלעך און פּאַטשקען אין די גאַזעטן! און אַז איך קום פֿון מאַרק, קוקט מען אַף מיר, ווי אַף דעם הונט, און מע סודעט זיך מיט דעם ווײַב, און מע שושקעט זיך מיט איר — שו־שו־שו, שו־שו־שו... וואָס שושקעט ער זיך מיט איר? האַ? דו מיינסט, איך ווייס ניט, אַז ער רעדט פֿון מיר? האָסט מורא, איך הער ניט? וואָס פֿאַר כּוונות איז דאָ פֿאַר אַ שווינגער? איך פֿרעג דיך, וואָס האָט זיך אַן איי־

דעם צו באַהאַלטן פון אַ שווינגער? ראובן־הערש! ראובן־הערש! (מיט אַ קוועטש). ראובן־הע־ערש!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש (כאַפּט זיך אויף): האַ?

ש ר ה ־ ח נ צ ע: האָסט דיר אין מוח! איך רייד און רייד, ווער צעזעצט ריידנדיק, און ער „האַקעט" און „האַקעט", גלייך ווי אַ הונט בילט! אין מיר ווערט מיין גאַל צעפּלאַצט, מיין בלוט ווערט איבערגע־זאָטן, ווי אין אַקריפּ — און ער זיצט זיך מיט אַ גלאָטן לונג און לעבער איבער די ספרימלעך, און איך האַווקע און האַווקע, טאָמער ווייסטו וואָס? אַפּנים, די ספרימלעך זיינען באַ דיר טייערער פונעם ווייב? דאָס איז דאָך אינגאַנצן דיין חיות! און ווער פּאַרט אויף אַ יאַריד? — שרה־חנצע! ווער וואַרגט זיך מיט אַ קאַרטאָפּלע פאַר אַ גאַנצן טאָג, דערוואַרגן זאָלסטו ווערן, ליבער גאָט? — שרה־חנצע! ס'זאָל אים אַנהייבן, אַ שטיי־גער, אָרן, וואָס דער שיינער געניידעם זיינער, ברענגען זאָל ער, פּאַטש־קעט מיך אויף די גאָזעטן... ראובן־הערש! (בייגט זיך אָן צו אים, אין אויער אַריין). ראובן־הערש! ראובן־הערש!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש (ווייסט זיך אָפּ פונעם ספר): האַ? האַ? האַ?

ש ר ה ־ ח נ צ ע: קוק אָן אַביסל אַ האַקען — האָסט דיר אין מוח! איך רייד פון דיין תכשיט, פונעם געניידעם דיינעם רייד איך, פאַר־כאַפּט זאָל ער ווערן!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש: וואָס האָסטו צו אים? וואָס האָט ער דיך געטאָן?

ש ר ה ־ ח נ צ ע: וואָס האָסטו געוואָלט זאָל ער מיר טאָן? ער זאָל מיך שלאָגן? ס'איז גענוג דאָס, וואָס ער באַשרייבט מיך אויף די גאָזעטן!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש: ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ער באַשרייבט דיך אויף די גאָזעטן?

ש ר ה ־ ח נ צ ע: וואָס דען ליגט ער טאָג ווי נאַכט באַ לאַה־דוואָסעס געניידעמל, וואָס שרייבט אין אַלע בלעטער? צונויפגעקאָמפּאַ־ניעט זיך מיט אַ שאַרלאַטאַן אַ שרייבער, און נאָר מע לאַכט, און נאָר מע כאַבאַטשעט זיך, און אַז מע דערזעט מיך, ווערט מען אַנשטומט. שטום און קרום זאָלן זיי ווערן פאַר כל־ישראל!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש: כ'לעבן, דו טשעפּעסט זיך אומזיסט. מאַטל איז אַ יונגערמאַן אַ גאָלד! אַזאַ יאָר אויף מיר.

ש ר ה ־ ח נ צ ע: אָמן, אַזאַ יאָר אויף אייך ביידן!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש: ער איז אַ יונגערמאַן, וואָס קאָן גוט לער־נען, און לייענען, און שרייבן, און... און... און...

ש ר ה ־ ח נ צ ע: און... און... און!... איך דאַרף ניט האָבן קיין שרייבער, וואָס זאָל מיך באַשרייבן! באַליאַפּען!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש: טשעפּע זיך אָפּ, ער האָט דיך ניט אַפילו אין זינען!

ש ר ה ־ ח נ צ ע : וואס איז! סע שטייט אים אפשר ניט אן? איך דארף אף כפרות אן אײדעם, וואס קען צופיל און פארשטייט צופיל און ווייס צופיל!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : וואס־זשע ארט עס דיך, אז ער קען צופיל און פארשטייט צופיל און ווייס צופיל?

ש ר ה ־ ח נ צ ע : ארן ארט מיך ניט; לאז ער זיך אנצינדן! אבי ער זאל מיך לאזן צורו. ניט פאטשקען מיך אף די גאזועטן!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : ווער האט דיר געזאגט, אז ער פאטשקעט דיך אף די גאזועטן?

ש ר ה ־ ח נ צ ע : וואס דען טוט ער טאג ווי נאכט בא לאה־דוואסעס גענײדעמל, וואס אלע ווייסן, אז ער פאטשקעט אף די קרויט־בלעטלעך, מײן איך אף די גאזועטן?

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש (ארויס פון די כלים): א מעשה אן אן עק מיט דיר! עס וואלט טאקע געוועזן א מצווה, כ׳לעבן, סע זאל דיך טאקע באשרײבן אין די גאזועטן, און גוט באשרײבן, אזוי אז דו זאלסט האבן צו זינגען און צו זאגן!

ש ר ה ־ ח נ צ ע (רויט פאר כעס): ניט דערלעבן וועט איך דאס בײדע! נא דיר א מתנה! (טראגט אים אונטער א פײג).

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : עס געזונט! (נעמט דעם ספר אונטער דער האנט און גייט אוועק, טוט א זעץ מיט דער טיר. פונעם אנדערן חדר לויפט ארײן ע ט ל).

## 2.

## ש ר ה ־ ח נ צ ע און ע ט ל.

ע ט ל (איבערגעשראקן): וואס איז דער טאטע אזוי אין כעס?

ש ר ה ־ ח נ צ ע : ווייס אים דער שווארצער יאר! דו קענסט אים ניט, דעם כהן? ער וויל ניט לײדן, למאי דײן מאטל איז נפש־אחת מיט דעם שארלאטאן.

ע ט ל : מיט וואסער שארלאטאן?

ש ר ה ־ ח נ צ ע : אט מיט לאה־דוואסעס גענײדעמל, מיט לוי־בנימינען.

ע ט ל : מיט וואס איז לוי־בנימין א שארלאטאן?

ש ר ה ־ ח נ צ ע : איך ווייס, מיט וואס? ער וויל ניט, דער טאטע דײנער, אז דײן מאן זאל זײן באקאנט מיט א שלים־מזל, וואס פאטש־קעט אף די קרויטבלעטלעך, שרײבט אף די גאזועטן מײן איך... ער וויל ניט לײדן, דער טאטע דײנער, וואס די שטאט האלט דיך אין מויל, דיך און דײן מאן.

ע ט ל : מײן מאטלען?

ש ר ה ־ ח נ צ ע: דײַן מאַטלען! וואָס מײנסטו, איז דײַן מאַטל? אַ בשר־ודם גלײַך מיט אַלע.

ע ט ל: וואָס־זשע זאָגט מען אױף מײַן מאַטלען?

ש ר ה ־ ח נ צ ע: מע זאָגט... וואָס אַ שטאָט קאָן זאָגן! מע שמועסט, אַז ער ליגט טאָג װי נאַכט בײַ לאה־דוואָסען ניט אַזױ צוליב דעם אײדעם, װי צוליב עמעצן אַנדערש.

ע ט ל (אױפֿגערעגט): למשל, צוליב װעמען?

ש ר ה ־ ח נ צ ע: איך װײס, צוליב װעמען? װײס זײ דער רוח אַלעמען!

ע ט ל (לאַכט מיט יאַשטשערקעס): כאַ־כאַ־כאַ! לײדיקגײערס, פּוס־טעפּאַסניקעס, רכילותניקעס! האָבן שױן ניט װאָס אױסצוטראַכטן!

ש ר ה ־ ח נ צ ע: אַז מע קלינגט, איז אַ חגא... װענט האָבן אױערן, גאַסן האָבן אױגן!...

ע ט ל (אױסער זיך): הערסטו מאַמע? אָט די, װאָס זײ קאָנען זאָגן אַזאַ זאַך, מעג זיך זײ שטעלן דאָס מױל אױף אַ זײַט! אַ חידוש איז מיר נאָר אױף דיר, מאַמע, אַז דו זאָלסט קאָנען גלײבן אַזעלכעס אױף מײַן מאַטעלען...

ש ר ה ־ ח נ צ ע: זע נאָר, װי זי פּאַרציט אים אַ ביסל אױף אַ שטריקעלע: מ אַ ט ע ל ע! מאַ־טע־לע! װאָס איז דאַרט אַזעלכעס? דו מײנסט, אַז ער גײט טאַקע אױס נאָך דיר, טאָכטער, אַזױ װי דו נאָך אים?

ע ט ל: מאַמע, דו האָסט אין אים אַ גרױסן טעות, מאַמע! דו קענסט אים ניט! ער איז...

ש ר ה ־ ח נ צ ע: אַזױ? הײסט דאָס, װײסטו מער פֿון מיר? גוטע יאָרן! אַז אַך און װײ דער מאַמע! ניטאָ װאָס צו רײדן! מײַן טאָכ־טער װײס מער פֿון מיר! זי איז די חכמה! זי װײס אַלץ! נאָר איך װײס גאָרניט! איך בין דער נאַר! איך בין די בהמה!...

ע ט ל: װער זאָגט דען, מאַמע? איך זאָג נאָר, אַז אַזאַ יונגערמאַן, װי מײַן מאַטל...

ש ר ה ־ ח נ צ ע: (נעמט די הענט פּאַדבאָקאָם). נו?

ע ט ל: אַזאַ יונגערמאַן, װי מײַן מאַטל, דאַרף מען אױספּאָרן די גאַנצע װעלט, װעט מען ניט געפֿינען...

ש ר ה ־ ח נ צ ע: (קאַטשעט זיך). כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! אַזױ? דאָס האָט ער דיך אַזױ אײַנגערעדט? איאָ? נו, גלײב אים, טאָכטער! ער האָט דיך אפֿשר געשװאָרן אױך? כאַ־כאַ־כאַ! האָסט זיך אין אים אַ ביסל צופֿיל אײַנגעגלױבט, פֿירט ער דיך בײַ דער נאָז. װען דו זאָלסט זיך צו אים אַזױ צוקוקן, װי איך קוק זיך צו, װאָלסטו אפֿשר אױך גע־זען דאָס, װאָס איך זע.

ע ט ל: װאָס זעסטו אױף אים אַזעלכעס, מאַמע?

ש ר ה ־ ח נ צ ע : איך זע? הלוואי וואלט קיינער ניט זען! מע זעט שוין!

ע ט ל : (דערשראָקן). וואָס זעט מען? ווער זעט? וואָס האָט מען געזען?

ש ר ה ־ ח נ צ ע : מע האָט געזען דאָס, וואָס קיינער דאַרף ניט זען.

ע ט ל : (צעקאָכט). מאַמעניו! הארצעניו! ליובעניו! איך בעט דיך, זאָג מיר, וואָס האָט מען געזען?

ש ר ה ־ ח נ צ ע : אַזוי? ווילסטו טאַקע, אַז איך זאָל דיר זאָגן? אַ שיינער כבוד פאַר דער מאַמע דיינער! לאָז דיר אַנדערע זאָגן, טאָכטער מיינע!

ע ט ל : (וויינט). דו מוטשעסט מיך, מאַמע! איך בעט דיך, זאָג מיר כאָטש איין וואָרט, כאָטש אַ האַלב וואָרט! איך בעט דיך, מאַמעניו! הארצעניו! נשמהניו!

ש ר ה ־ ח נ צ ע : וואָס זאָל איך דיר זאָגן, וואָס? וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מיר? גיי, לאָז ער דיר זאָגן, וווּהין גייט ער אַלע טאָג נאָכן דאַווענען?

ע ט ל : וואָס הייסט וווּהין? צו לוי־בנימין, צו לאה־דוואָסעם איידעם; דאָרט לערנען זיי צוזאַמען, לייענען גאַזעטן...

ש ר ה ־ ח נ צ ע : כאַ־כאַ־כאַ! אַזוי טאַקע? ווער האָט דיר געזאָגט? מע לערנט דאָרט אינאיינעם און מע לייענט גאַזעטן?!

ע ט ל : וואָס־זשע דען טוען זיי? אדרבה, זאָג, מאַמע, לאָם איך אויך וויסן!

ש ר ה ־ ח נ צ ע : פון וואַנען זאָל איך וויסן? איך גיי אים נאָך, צי וואָס? איך האָב מער ניט וואָס צו טאָן, נאָר נאָכקוקן דעם געניידעם מיינעם, וווּהין ער גייט — איך זאָג דיר! פּראָמענע מעג ער גיין ניט נאָר צו לאה־דוואָסעם טאָכטער — אַפילו אין דער ערד אַריין, אַרט מיך אויך ניט, אַבי מיר און מיין קינד זאָל ניט שאַטן!

ע ט ל : מאַמע! דו ווייסט גאָר ניט וואָס דו רעדסט! וואָס יענער וועט דיר דערציילן פּזמונות, נעכטיקע טעג...

ש ר ה ־ ח נ צ ע : (מיט פייער). הער נאָר, טאָכטער מיינע. שוין לאַנג ביסטו געוואָרן אַזאַ פּרעסטאַרעץ, וואָס דו דערציילסט מיר מעשיות? וואָס מאַכסטו מיר אוועק מיט דער האַנט: „פּזמונות"! איך דאַרף זיך בײַ קיינעם ניט נאָכפרעגן! איך פרעג ניט בײַ קיינעם; מע קומט צו מיר אין קלייט אַריין און מע דערציילט מיר — זאָל איך מיר פאַרשטעלן די אויערן? מאָל דיר, אַז אַך און וויי איז מיר, אַז איך זיץ און הער אויס אָט די אַלע שיינע מעשיות! איך בין דאָך מער גיט ווי אַ מענטש. נו, אַ מאַמע איז מסתמא ניט אײַנגענומען, אַז מע רעדט אָף איר קינד. יעגעם דאָס מויל פאַרשטעלן קאָן איך ניט, און גיין זיך אַפּקריגן מיט יעדן באַזונדער בין איך אויך ניט משה־מחויב. ווי זאָגט מען: „שנייִץ די נאָז און שמיר דעם פּנים"... ס'איז מיר אוודאי גוט, זאָג איך דיר!

ע ט ל : (אויסער זיך). עמעצער האט דיר אויסגעקלערט א נעכ־טיקן טאג, אוודאי א שונא מײַנער, און דו גלייבסט!

ש ר ה ־ ח נ צ ע : (הייס). אויסגעקלערט? א שונא? א, כשרע בהמהלע! גיי הער, וואס מע רעדט אף דער גאס, אין אלע הײַזער! די גאנצע שטאט האט צו טאן מיט מיר — זאגט זי א שונא! מיר ליגן בא יעדן אין מויל, קינד און קייט וויים פונעם סוד. יעדער באזונדער ווײַזט אף מיר אן מיטן פינגער, און אין שול הער איך הינטער מײַנע פלייצעס, ווי מע שושקעט זיך און מע לאכט — און זי זאגט מיר, אז עמעצער האט אויסגעטראכט! יענער הענגט זיך לאה־דוואסעס מעכטערל אפן האלדז, און זי זאגט: אויסגעטראכט!

ע ט ל : (וויינט). ס'אליגן, מאמע, ס'אליגן! ס'אליגן!

## .3

## ד י ז ע ל ב ע און מ א ט ל.

מ א ט ל : (לויפט ארײַן א דערשראקענער). וואס איז? וואס שרײַסטו, עטעלע? דו וויינסט? וואס וויינסטו, עטעלע? (נעמט זי אן בא דער האנט, קוקט בייז אף דער שוויגער).

ש ר ה ־ ח נ צ ע : (שטייט אויף). קוק אים אן א ביסל, ווי ער מאכט דעם אנשטעלן! א נעבעכל, גאט די נשמה שולדיק... געמאכט א תל פון מײַן קינד, אוועקקוילעט, אראפגענומען דעם קאפ — און האט פאטעפאלנעסט פרעגן, וואס זי וויינט? רוצח! קוילער! מלאך־המות איי־נער! זאג מיר, מיט וואס אטוועטשאיעסטו מיר פאר מײַן קינד? פאר מײַן קינד, פאר מײַן אויג אין קאפ? וויין, טאכטער, וויין! ווי איז דע־מאמע דײַנער! (כאפט די ארבעט, גייט ארויס און טוט א קלאפ מיט דער טיר).

## .4

## מ א ט ל און ע ט ל.

מ א ט ל : (נעמט אן עטלען בא ביידע הענט און וויל איר געבן א קוש; זי לאזט זיך ניט און הערט ניט אויף צו וויינען). עטעלע! טײַע־רע מײַנע! זאג מיר, וואס איז דא אזעלכעס? וואס וויינסטו? איך בעט דיך, נשמה מײַנע! זאג מיר! נו, זאג כאטש איין ווארט! כאטש איין ווארט!

ע ט ל : (צעגייט זיך פאר געוויין). אוי, לאז מיך! לאז מיך! אוי, גיי אוועק פון מיר! אוועק! אוועק! (שטופט אים אפ פון זיך).

מ א ט ל : (טרעט אפ א ביסל, בלײַבט שטיין, לאזט אראפ דעם קאפ, לייגט צונויף די הענט און בלײַבט אין א טראגישער פאזע). רבונו

**של עולם! רבונו של עולם!** (גייט צו נענטער צום ווײַב). עטל! עטל! האָב רחמנות!... עס ווײַזט אויס, אַז די שוויגער האָט שוין ווידער אָנגע־רעדט אַף מיר... עטל! למאַי זאָלסטו פון מיר פאַרבאַרגן? ערשט נעכטן האָסטו מיר געשוואָרן, אַז וואָס מע וועט דיר זאָגן, וועסטו מיר באַלד דערציילן... אַז דו וועסט שוין מער קיין שלעכטס אַף מיר ניט גלייבן... אַז צווישן אונדז וועט תמיד זײַן אַ הייליקע ליבע אַף אייביק... און אַצינד, מײַן טײַערע, שטיי איך פאַר דיר און בעט רחמים, זאָלסט כאָטש איין קוק טאָן אַף מיר, כאָטש איין וואָרט מיר זאָגן, ווילסטו ניט, עטל! וווּ זײַנען דײַנע **שבועות**? ווו זײַנען דײַנע נעכטיקע הבטחות, עטל? (ער כאַפּט זי אַרום און טוט זי אַ קוש. זי רײַסט זיך אויס פון זײַנע הענט מיט כעס).

ע ט ל: אוועק! אוועק צו לאה־דוואָסעס טעכטערל! אוועק פון מײַנע אויגן!

מ א ט ל: (דערשטוינט). צו לאה־דוואָסעס טעכטערל? וואָס הייסט דאָס און וואָס באַטײַט דאָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ נײַעס, האַ?

ע ט ל: (מיר האָרץ). אַ נײַעס, זאָגסטו? גיי הער, וואָס די שטאָט רעדט!

מ א ט ל: די שטאָט רעדט! וואָס רעדט די שטאָט? אדרבה, לאָם איך אויך וויסן?

ע ט ל: דו פרעגסט נאָך? האָ? וואָס גייסטו אַהין אַלע טאָג? דו מיינסט, דו נאַרסט מיך אָפּ? מײַן גיט, אַז איך בין אַזאַ נאַר, ווי דו מיינסט. אַ, איך ווייס שוין! איך ווייס שוין! צו לוי־בנימינען גייסטו? איאָ? צו איר, צו לאה־דוואָסעס קראַסאַוויצע מיט דער רויטער נאָז... אַ אַ אַ! ! ! (זי רײַסט אַף זיך די האָר און איז אויסער זיך).

מ א ט ל: (כאַפּט זי בײַ די הענט, נעמט זי אַרום מיט הייסע פלאַם־פײַערדיקע קושן). עטל! ליובעניו! וואָס רעדסטו? איך? איך? צו לאה־דוואָסעס טאָכטער? צו אָט דער דאַזיקער? איך וועל דיך פאַרבײַטן אַף לאה־דוואָסעס טאָכטער? דיך? מײַן קעצעלע? מײַן נשמה? מײַן לעבן? מײַן... איך...? אַ, איך ווייס שוין, פון וועמען דאָס וואַקסט! איך ווייס שוין! דאָס האָט זי אויסגעטראַכט! זי, די שוויגער! יאָ, איך ווייס שוין! איך ווייס שוין! אַ, זי וויל אונדז צעשיידן! זי וויל מיך אין דער ערד אַרײַנטרײַבן אַ לעבעדיקן! זי האָט זיך גענומען אַף מיר! ערשט הײַנט אינדערפרי האָט זי מיר דערציילט און אָנגערעדט אַף דיר כל הצרות! אַז דו האָסט זיך איר געקלאָגט אַף מיר, אַז דו קאָנסט מיך ניט אָנקוקן, אַז לוי־בנימין האָט אַ שיין קול און קאָן זינגען און איך ניט; אַז לוי־בנימין... נאָר איך גלייב ניט, און דו גלייבסט! איך זשאַלעווע דיך. און דו מיך — ניט. איך האָב דיך ליב און בין דיר געטרײַ ביז לעצט, און דו האָסט אַפילו קיין קאַפּ רחמנות ניט אַף מיר!... דו האָסט מיר געגעבן אַ שבועה, אַז דו וועסט מיך אייביק ליב האָבן, תמיד גלייבן: צום סוף,

ווילסטו אפילו אַף מיר קיין קוקט ניט טאָן... אָ! איך בין דער אומגליק־לעכסטער מענטש אַף דער וועלט! (פאַלט אַף אַ בענקל און וויינט).

עטל: (גייט צו צו אים און וויל אים טאָן אַ קוש; ער לאָזט ניט). מאַטעלע! גאָט איז מיט דיר! טו אַף מיר אַ קוק — דאָס בין איך! דו ווילסט מיך ניט; מאַטעלע! מאַטעלע!

מאַטל: (פאַלט איר אַף דעם האַלדז). עטעלע!...

עטל: (מע קושט זיך). מאַטעלע!...

מאַטל: (קושנדיק). קעצעלע!

עטל: (קושנדיק). קאַטעקל!

מאַטל: (קושט זי). נשמה מײַנע!

עטל: (קושט אים). לעבן מײַנס!

מאַטל: (קושט זי). מײַן ענגל!

עטל: (קושט אים). מײַן האַרץ!

מאַטל: און דו האָסט זיך אַף מיר אַזעלכעס געגלויבט, האָ?

עטל: אָ, זײַ מיר מוחל, מאַטעלע! דאָס לעצטע מאָל!

מאַטל: זע־זשע, עטעלע, דאָס לעצטע מאָל!

עטל: דאָס לעצטע מאָל! דאָס לעצטע מאָל!

מאַטל: שווער מיר!

עטל: איך שווער דיר!

מאַטל: בײַ דײַן לעבן?

עטל: בײַ מײַן לעבן!

(ענדע פונעם ערשטן בילד).

## צווייט בילד

ראובן-הערש זיצט איבער א ספר אין דעם זעלבן צימער און איז צעקאכט. רב ש ל ו ם ש ד כ ן קוקט אים גלייך אין די אויגן אריין.

### 1.

### ר א ו ב ן - ה ע ר ש און ש ל ו ם ש ד כ ן.

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : וואס זייט איר אזוי צעטראגן וואס? מילא, וואס סע מאכט זיך וואס? אייער טאכטער איז ניט די ערשטע איז זי! איר האט מורא האט איר, זי וועט ניט קריגן קיין אנדערן וועט זי? בראד איז ניט אויסגעשטארבן בראד!

ר א ו ב ן - ה ע ר ש : וואס רעדט איר? איר ווילט מיר איינריידן א קינד אין בויך? מאטל איז א זעלטענער יונגערמאן; א זעלטן קינד, כ'לעבן, א זעלטן קינד!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : נו, ווער זאגט דען ווער? ער איז אוודאי נישקשה פון א יונגערמאן איז ער; נאר מסתמא איז דאס ניט איר זיווג מסתמא...

ר א ו ב ן - ה ע ר ש : ניט איר זיווג, זאגט איר? וואס איז? וואס גייט אים אפ? איך פרעג אייך, רב שלום, מיט וואס איז דאס ניט גלייך? אדרבה, זאגט איר אליין! (רוקט זיך צו צו אים).

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : (רוקט זיך אפ). וואס קאן איך זאגן וואס? גאט איז דער מזווג זיווגים איז ער. וואס קאן ווישן א מענטש וואס?

ר א ו ב ן - ה ע ר ש : (כאפט אן רב שלומען פאר די לאצן און טרייסלט אים). גאט איז מזווג זיווגים, זאגט איר? איר קאנט מיר אזעלכעס זאגן? איר ווייסט דאך יא, וואס דא טוט זיך, און ווילט מיך אפנארן? מיך???

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : (רייסט זיך אויס פון זיינע הענט א דערשראקענער). לאזט מיך צורו לאזט מיך! וואס קער זיך מיט מיר אן וואס? איך דארף קריכן צו יענעם אין קעשעניע דארף איך? איך ווייס גארניט איך!

ר א ו ב ן - ה ע ר ש : (גייט ארום הין און צוריק). אוי, ווייסט איר ניט! איר ווייסט גאנץ גוט פון מיין שלאק, פון מיין צרה! איר מאכט זיך נאר, אז איר ווייסט ניט!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : יא, אבער וואס קער זיך דאס מיט מיר אן וואס? מע האט מיך געשיקט רופן האט מען מיך — בין איך געקומען בין איך; מע זאגט א גט, לאז זיין א גט לאז זיין...

ר א ו ב ן - ה ע ר ש : (שטעלט זיך אפ). א גט, זאגט איר?

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : (קאלטבלוטיק). נו, פארשטייט זיך, א גט.

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : (אַ זעץ מיט דעם קולאַק אין טיש אַרײַן). איך וויל ניט קיין גט! איר הערט, רב שלום! איך וויל ניט קיין גט! איך וויל ניט! איר הערט, צי נײן?

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : איך הער, איך הער; פאַרוואָס זאָל איך ניט הערן פאַרוואָס? „זי" וויל אָבער, „זי"!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : ווער איז די „זי"? וואָס איז פאַר אַ „זי"? וואָס מיר זי, ווער מיר זי?...

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : איך מײן, שרה־חנצע מײן איך; אײַער שרה־חנצע אײַערע.

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : שרה־חנצע? נו, און ווו בין איך?

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : (באַראַבאַנעט מיט די פינגער אין טיש אַרײַן). דאָס ווײס איך ניט דאָס.

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : וואָס הײסט, איר ווײסט ניט? איך וועל דערלאָזן אַזעלכעס באַ זיך אין שטוב? אַזאַ רציחה איז נאָך ניט געהערט געוואָרן אַף דער האַלבער וועלט! מע זאָל נעמען קינדער, אַזעלכע צוויי טײַערע קינדער, וואָס האָבן זיך ליב דאָס חיות מיט דער נשמה, און פּלוצעם אין מיטנדרינען אָפּנעמען זײ, צעשײדן זײ, צערײַסן זײער גליק אַף אײביק! פאַר וואָס? פאַר ווען? פאַר וועמענס זינד? (ער טרײסלט רב שלומען פאַר די לאַצן).

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : (רײַסט זיך אויס). וואָס בין איך שול־דיק? וואָס האָט איר צו מיר וואָס?

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : (מיט גרויס פײַער). אַזאַ צאַצקע! אַזאַ יונגערמאַן! נו, און איך וועל דאָס צוזען און אָפּשווײַגן? האַ? וואָס מײנט איר זיך? איך בין דאָך אַ פאָטער! איך בין דאָך דער פאָטער! איך האָב עפּעס אויך אַ שטיקל דעה, צי נײן! האַ? איך וועל לאָזן, מע זאָל מײַן קינד פירן פאַר אַ קרבן? און ווו בין איך — פרעג איך אײַך? רב שלום, ווו בין איך? (ער וויל אָנכאַפּן רב שלומען פאַר דער לאַץ).

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : (רוקט זיך אָפּ). איר זײַט גערעכט איר, וואָס אמת איז אמת, רב ראובן־הערש. איר זײַט אוודאי גערעכט זײַט איר. הײסט געבן אַ ביסל בראָנפן און עפּעס פאַרבײַסן אויך. איך האָב נאָך הײַנטיקן פרימאָרגן אין מײַן מויל ניט געהאַט האָב איך. (מע טראָגט אַרײַן אַ פלעשל ווײַן מיט פאַרבײַסן. רב שלום שדכן גיסט זיך אָן אַ כוסה). לחיים, רב ראובן־הערש, לחיים! לאָז גאָט געבן בעסערע געשעפטן לאָז ער... לחיים! לחיים! (ער מאַכט אַ כוסה).

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : (גיסט זיך אָן און נעמט אַ קאַפּ). לחיים, רב שלום! לחיים טובים ולשלום! עך, ברודער, אַ פּאַהאַנע וועלט! פע, כ'לעבן, אַ פּאַהאַנע וועלט! פע!... (טרינקט נאָך אַ קאַפּ).

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : (אַ כוסה). פע, רב ראובן־הערש, פע, פע!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : (טרינקט נאָך אַ קאָפּ). אָבער גאָר אויף אַן אַנדער אופן פּע, רב שלום!

רב שלום שדכן: (טרינקט). זייער פּע!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : (נאָך אַ קאָפּ). אָבער טאַקע, רב שלום, וואָס פּע הייסט?

רב שלום שדכן: (נאָך אַ ביסל). פּע, פּע, פּע! ביזן עק אַריַין פּע!

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : (אַ ביסל פאַרשמאַכט). וואָס ווייסט איר, רב שלום, ווי פּע דאָס איז! וויפל איר ווייסט פּע, איז אַפילו קיין שמינית שבשמינית, קיין צען־טויזנט־חלק אַפילו! דאָס איז אַזאַ מין פּע, וואָס זינט די וועלט שטייט איז נאָך אַזאַ פּע ניט געווען!

רב שלום שדכן: (מראה כהן; שאָקלט צו מיטן קאָפּ און שמייכלט). איך ווייס, רב ראובן־הערש! ס'איז שטאַרק פּע! איר דאַרפט מיר ניט דערציילן איר. איך האָב אויך די אייגענע מכה איך, פּונקט אַזאַ צרה פּונקט, און אפשר נאָך ערגער אפשר...

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : דאָך איז מיט אַ גאַנג; ניט אַזוי ווי באַ מיר. אוי, וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר? קיינער ווייס ניט, רב שלום! אָט דאָ ליגט דאָס באַ מיר. (ווײַזט מיטן פינגער אויף דעם האַרצן). אָט דאָ, טיף־טיף!... און פאַר וואָס? פאַר וועןּ? (בייגט איַין דעם קאָפּ). שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר, אַז איך קום אָפּ אויף דער וועלט... עט־לעכע און צוואַנציק יאָר בין איך אין גיהנם... שבעה מדורי גיהנם... אויף הייסע סקאָווערעדעס בראָטן מיַין לייַב... קאַליסטראַי, רב שלום, קאַלי־סטראַי טרייַבט זי מיך דריַי מאָל אין טאָג... אַז אַ שום רחמנות... קיין גוט וואָרט כמעט פון דער ערשטער שעה... אַ ווערטעלע אויסצוריידן — עטלעכע און צוואַנציק יאָר!... אָט ווו מע דאַרף אַ גט, רב שלום! (קוקט זיך אַרום מיט שרעק). אָט ווו מע וואָלט באַדאַרפט אַרויספירן אויף אַ גט!...

רב שלום שדכן: אוודאי גט! (גיסט אָן אַ כוסה). באַ מיר אויך די אייגענע צרה באַ מיר...

(עס קומט אָן שרה־חנצע).

2.

## די זעלבע און שרה־חנצע.

שרה־חנצע: (פליט אַריַין, ווי אַ ווינטער, און בלייַבט שטיין אין מיטן שטוב; אַ פּליעסק מיט די הענט). ראובן־הערש! וואָס איז דאָ באַ דיר פּלוצעם פאַר אַ יום־טוב? גאָט איז מיט דיר, ראובן־הערש! ווערסט ציַיט האָבן נאָך דעם גוט פאַרטרינקען... (קוקט אין דעם ליידיקן פלעשל אַריַין). געמענגט איבערלאָזן אַ ביסל אויף שפּעטער... ווערסט נאָך האָבן גענוג ציַיט צו טרינקען. און איר אויך, רב שלום! אם ירצה השם, צום צווייטן קנס־מאָל און צו דער אַנדערער חתונה באַ אונדזער טאָכ־

טער... נאָר לאָז שוין גאָט געבן מיט מער הצלחה, ניט אזא גענײדעם, ווי איר האָט מיר געגעבן, רב שלום!...

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : (לעפּעטשעט מיט דער צונג). איך בעט אײַך, שרה־חנצע... איר זײַט דאָך... אַ... אַ... איך מײן טאַקע באמת מײן איד... אַ... אַ... ווי זאָגט ער... אַ... אַ... אַ... אשה צנועה... אַ...

ש ר ה ־ ח נ צ ע : (ווײַזט זײ אָף דער טיר. זײ גײען בײדע מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, און זי גײט זײ נאָך). נו, גײט שוין, גײט! שוין אַלץ פּאַרטיק... דער רב האָט געשיקט צו מיר דעם שמש... דער גט איז שוין צום שרײַבן.. נו, רירט זיך שוין, ראובן־הערש, ריר זיך! קוק אים אָן אַ ביסל, ווי ער פּלאָנטעט מיט די פיס... אין מיטנדרינען זעצט מען זיך אוועק כלעפּטשען ווײַן... (שטילערהײט). פּיאַווקעס זאָלן טרינקען אײַער בלוט בײדע... האָט זיך צונויפגעקאָמפּאַניעט מיט דעם דאַזיקן זולל־וסו־באַניק און מע האָט אויסגעדאַכט ווו ס'איז דאָ אַ שטיקל לעקעך אין שאַפע, עסן זאָלן אײַך ווערעם בײדע אײַער לײַב, זיסער גאָט!...

.3

פריִער קומט אַרײַן מ א ט ל, פאַלט אַפן בענקל און בלײַבט זיצן אין אַ טראַגישער פּאָזע; באַלד נאָך אים קומט אַרײַן ל ו י ־ ב נ י מ י ן מיט אַ שטורבעלע.

## מ אַ ט ל א ו ן ל ו י ־ ב נ י מ י ן.

מ אַ ט ל : (וויינט און רײַסט אָף זיך די האָר). פאַרפינצטערט בין איך געוואָרן! אַז אַך און ווײ איז מיר, אַז איך דאַרף מײַן ע ט ל ע ן געבן גט?

ל ו י ־ ב נ י מ י ן : וואָס־זשע האָסטו געוואָלט? אַז עטל זאָל דיר געבן גט?

מ אַ ט ל : יאָ? דו לאַכסט? דו טרײַבסט קאַטאָוועס? אַצינד?

ל ו י ־ ב נ י מ י ן : וואָס דען? משוגענער, וואָס קלאָגסטו? וואָס האָסטו זיך צעיאָכמערט, ווי אַ ייִדענע? אדרבה, זאָג!

מ אַ ט ל : וואָס־זשע דען? טאַנצן זאָל איך?

ל ו י ־ ב נ י מ י ן : אוודאי טאַנצן!... דו ווערסט פּטור פון אַזאַ שוויגער, ווי שרה־חנצע, מעגסטו געווים גײן טאַנצן... ווער קען זי ניט? איך בין באַוואָרנט, אַז דו וועסט דאָ אָפּזײַן נאָך אַ האַלב יאָר אין שטוב, וועט דיך דײַן שוויגער פּאַטשן, אַזוי ווי זי פּאַטשט דעם שווער דײַנעם, אַט דעם ערלעכן טפש, וואָס איז ערגער פון איר, אַז ער לאָזט זיך אַזוי טרעטן מיט די פיס.

מ אַ ט ל : ס'איז דיר גרינג צו רײדן, יאָ. זאָלסט אָבער זײַן אָף מײַן אָרט, וואָלסטו...

ל ו י ־ ב נ י מ י ן : איך זאָל זײַן אָף דײַן אָרט, לעקיש, וואָלט

איך מיך אפּן דריטן טאָג נענט און געפּטרט אַז עול פּונעם קאָפּ! איין מאָל פאַר אַלע מאָל! (ער שפּאַנט אַרום איבער דער שטוב).

מאַטל: (פאַרטראַכט). זיך געגט?... נו, און עטל? אַך, לוי־בנימין! וואָס ווייסטו, וואָס ווייסטו, ווי טײַער, ווי ליב זי איז מיר?!...

לוי־בנימין: (שפּאַנט אַרום הין און צוריק). קוק אים אַן אַ ביסל, ווי ער מאַכט דאָס העוויות, די ליבע האָט זיך איין אים צע־פּלאַקערט! ווער מיר ליבע? וואָס מיר ליבע? וואָס האָסטו זיך אײַנגע־בילדעט, משוגענער? אַ שיינע ליבע, אַז די מאַמע קאָן זי אַרויספירן צען מאָל אין טאָג אַף גט? אויך מיר אַ ליבע! כאַ־כאַ־כאַ!

מאַטל: מענסט דיר לאַכן וויפל דו ווילסט. און דאָס, וואָס דאָס האַרץ פילט? (ער כאַפּט זיך באַם האַרצן).

לוי־בנימין: כאַ־כאַ־כאַ! וואָס פילט דאָס האַרץ? וואָס?... ער האָט זיך אָנגעלייענט מיט ראָמאַנען, ווי אַ פּויק, און שרײַט אַף אַלע גאַסן „ליבע”! גלאַט, סע ווילט זיך דיר שפּילן אַ ראָמאַן, נעמסטו אַליין אַף זיך צרות מיט שלעק!... נו, ווילסט ניט קיין גט? ווי דו ווילסט זיך! זײַ דאָ! אַט וועט באַלד קומען דער אשמדאַי, די שוויגער דײַנע, און וועט דיך אַרײַנלייגן נײַן איילן אין דער ערד אַרײַן און וועט אָנשטעלן די טאָכטער, אַז זי זאָל דיר וואַרפן דעם גט פאַר די פיס; און נאָכדעם וועט איר זיך איבערבעטן, צעקושן, און שפּעטער מיט צוויי טעג ווידער די זעלבע געשיכטע, ביז פון דײַן געליבטער וועט ווערן אַ מין שרה־חנצע און פון דיר אַ מין ראובן־הערש שרה־חנצעס... אַ לעמעשקע... אַ שיינער סוף!... שעם זיך! (לוי־בנימין רוקט אָן מאַטלען דאָס היטל ביז איבער די אויערן). אַ פײַנער יונגערמאַן! אַ יונגערמאַן ביסטו? אַ ווײַבל ביסטו! אַ ייִדענע! מאַטל די ייִדענע! „סענדערל די ייִדענע”, כאַ־כאַ־כאַ! דו געדענקסט „סענדערל די ייִדענע” בײַ אַבראַמאָוויטשן? כאַ־כאַ־כאַ! „שהיה יושב על הספסל” — אַז סענדערל די ייִדענע איז גע־זעסן אַפּן בענקל אונטערגעבונדן מיט אַ טיכל די ציין, „וקולף קאַרטאָפּ־לעס” — און האָט געשיילט קאַרטאָפּלעס — כאַ־כאַ־כאַ!

מאַטל: גוט איז דיר צו לאַכן! דו האָסט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַ שטוב צווישן לײַט, ניט צווישן אַזעלכע, ווי איך בין אַרײַן...

לוי־בנימין: האָסט אַ גרויסן טעות, מאַטל, איך האָב שוין דיר טויזנט מאָל געזאָגט. אַז סע ווײַזט זיך דיר אויס. גלייב מיר, ברודער, אַז איך קום געגוג אָפּ. ניט אַזויפיל, וויפל דו, פאַרשטייט זיך. אָבער קיין האָניק לעק איך אויך ניט... סע ווילט זיך מיר אַזוי זיצן און קוועטשן די באַנק, אַזוי ווי דיר גלוסט זיך אַצינד גיין טאַנצן. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? מיר זײַנען אייִדעמס, מאַטל, מיר זײַנען אייִדעמס!... מע האָט אונדז גענומען פאַר אַ צירונג אין שטוב אַרײַן, מע האָט אונדז געגעבן ווײַבער און מע זאָגט אונדז: גייט, קינדערלעך, צוויי מאָל אין טאָג אין שול אַרײַן! טוט אײַך דאָרט וואָס איר ווילט, אַבי לאָזן לײַט זאָגן, אַז איר זײַט שיינע אייִדעמלעך, זײַדענע יונגעלײַט;

און מיר, קעלבלעך, לאָזן זיך פירן פאַרן שטריקל, טאָן טוען מיר גאָר־ניט, עסן לאַסקאַווע ברויט, טונעיאַדצעס, פּוסטעפּאַסניקעס! און אַזוי גייען אַוועק טעג מיט יאָרן, עס ווערט אַ קינד און צוויי... און מיר, סאָן זײַן, וואָלט זיך גאָר געגלוסט אַצינד זײַן ווײַט־ווײַט פון דאַנען, ער־גען אין אַ ד ע ס, אָדער אין אַ פּ יי ט ע ר ב אַ ר ג . . . שטור־דירן... עך, ברודער, ניטאָ וואָס צו ריידן, מאַטל, מיר זײַנען ביידע גוט אין דער נעץ. מיר איז אַ ביסל בעסער, דיר איז ערגער — גיי־זשע, נאַ־רעלע, פּלאָנטע זיך אַרויס, ביז דו קאָנסט נאָך, — ווײַל שפּעטער נאָט ווייס?... קום שוין, קום מאַטל, מאַך זיך ניט נאַריש!... (ער נעמט אָן מאַטלען בײַ דער האַנט, זיי גייען אָפּ).

ענדע פונעם צווייטן בילד.

## דריט בילד

קומט פאַר באַם ר ב א ר ק ע ד ע ם ר ב איז שטוב, וואָס איז איבער־געצאַמט מיט אַ רעדנע אויף צוויי צימערן: אַ „זאַל" מיט אַ „קיך". אין „זאַל" שטייט אַ שאַפע מיט ספרים, אויף דעם טיש ליגט אַ „יורה־דעה" מיט אַן „אבן־העזר". אַ קאַ־נאַפע, באַצויגן מיט אַ קעסטלדיקן ציץ; אַ מזרח אויף דער וואַנט; אַ זייגער מיט אַ קוקושקע; אַ טיזליק מיט אַ טולופּל פון פיי מיט ווײַדעלעך; אַ שטרײַמל; אַן אַטלע־נע קאַפּאָטע מיט אַ געלן אונטערשלאַק; דער רביצנס יופּע אויף וואַטע; אַ גרויסע קוואָרט מיט אַ פּיטש־נאָסן חאַנטער מיט אַ פאַמוניצע און מיט אַ בעזעם.

### 1.

### פ ר ו מ ע ־ ל י ב ע ד י ר ב י צ ן א ו ן ש ר ה ־ ח נ צ ע.

ר ב י צ ן : זיצט, שרה־חנצע. זעצט זיך צו, וואָס שטייט איר?

ש ר ה ־ ח נ צ ע : (מיטן בורנעס אַף איין אָרבל). נישקשה, איך קאָן באַשטיין. (זי סמאַרעט מיט דער נאָז).

ר ב י צ ן : וואָס אַרט אײַך, שרה־חנצע? אָט שטייט אַ בענקל, נעמט, זעצט זיך צו. ביז דער גט וועט נאָך פאַרטיק ווערן, וועט אַ ביסל געדויערן. אַד־אַד־אַד! (שפּאַרט אונטער די באַק אַף צוויי פינגער און שאָקלט זיך).

ש ר ה ־ ח נ צ ע : אַד־אַד־אַד! (מאַכט פּיסקעס אַף צו ווײַנען און זעצט זיך צו מיט אַ זײַט אַף דעם שפּיץ בענקל).

ר ב י צ ן : (מיט רחמנות). למאי זאָלט איר זינדיקן, שרה־חנצע? מסתמא איז דאָס אַ באַשערטע זאַך. מסתמא הייסט דער אייבערשטער, הקדוש־ברוך־הוא, ברוך הוא וברוך שמו! מסתמא איז דאָס ניט קיין זיווג...

ש ר ה ־ ח נ צ ע : (ווישט זיך די אויגן און שנײַצט די נאָז). ניט קיין זיווג, זאָגט איר? אוי, פרומעניו, נשמהניו! איר קענט מיך דאָך ניט פון נעכטן און ניט פון פאַראיאָרן... איך קאָן דאָס אײַך גאָר אַזויפיל ניט למנצח זײַן, איך בעט אײַך איבער ווי אַן אייגענע שוועסטער. ווען איר זאָלט וויסן, וויאַזוי ער באַגייט זיך מיט מײַן טאָכטער, מיט מײַן לײַב און פלייש, וואָלט איר אַליין געזאָגט, אַז... אַז עס איז אַף מיר אַ „מחזיר נשמות", עפּעס אַ מין פורעניות פון זײַן ליבן נאָמען, עפּעס אַן „עוטר ישראל" איז ער, נאָך ערגער פון אַ משומד, ניט דאָ געדאַכט. איך ווייס? אַן אויסוואורפלינג, אַ „נשמת־כל־חי", אַ ווילדע חיה רעה, אַ וואוקעלאַקע!...

ר ב י צ ן : (שמוצערט מיט די ליפּן און מאַכט מיט דעם קאָפּ). מע זאָל גאָר באַהיט ווערן, רבונו של עולם פון דער גאַנצער וועלט, ברוך הוא וברוך שמו! סע איז דאָך עפּעס גאָר אַן אַנשיקעניש איז דאָס! אַ **מכה בכורה פון מצרים!**

ש ר ה - ח נ צ ע : (מיט היץ). פֿון מצרים, זאָגט איר? פֿון סדום, זאָג איך אײַך! פֿון סדום! עפּעס אַ מין. אַ מין... „ורחצו”! אַ פּיפּערנאָ־מער, וואָס איז דורך מיטן קוק, אַ לינדערנוואָרעם, וואָס ליגט אין בריין און מיינט, אַז סע איז נאָר קיין זיפֿערס ניטאָ אויף דער וועלט! ער ליגט און טאַטשעט, ווערעם זאָלן טאַטשען זײַן לײַב אין דער פֿינצטער, לי־בער גאָט!

ר ב י צ י ן : באַהיט מיך גאָט, ברוך הוא וברוך שמו! (זי הייבט אויף די אויגן מיט די הענט צו דער סטעליע). איך ווייס? איר דאַרפֿט נאָך דאַנקען און לויבן דעם וואָס לעבט אייביק, ברוך הוא וברוך שמו, וואָס איר ווערט פּטור פֿון אַזאַ צרה שלא תבוא! אַט נעמט, אַ שטייגער, חיים־מאיר ליפּע־חזקאלס אײַדעם. מע זאָל באַהיט און באַשירעמט ווערן, רבונו־של־עולם, ברוך הוא וברוך שמו!

ש ר ה - ח נ צ ע. וואָס איז דען מיט חיים־מאיר ליפּע־חזקאלס אײַדעם?

ר ב י צ י ן : (פֿאַרגלאָצט די אויגן, שפּײַט אויס און טוט זיך אַ וויש דאָס מויל). ס'זאָל מיר נאָר ניט פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר קיין לשון־הרע חלילה. שוין זינט חיים־מאיר ליפּע־חזקאלס האָט געבראַכט דעם אײַדעם, האָבן אָנגעהויבן צו פֿאַלן קליינע קינדער, ניט היינט געדאַכט, אַזוי ווי שטרוי. גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען, ברוך הוא וברוך שמו!

ש ר ה - ח נ צ ע : (שמוצפּערט מיט די ליפּן, שאָקלט זיך מיטן גאַנצן קערפּער). וואָס רעדט איר, אוי, פּרומעניו, נשמהניו? וואָס־זשע איז מיט אים אַזעלכעס, למשל? וואָס האָט ער געטאָן, דער ימח־שמוניק, פּאַרכאַפּט זאָל ער ווערן?

ר ב י צ י ן : וואָס האָט ער געטאָן, פֿרעגט איר? פֿרעגט בעסער, וואָס האָט ער נ י ט געטאָן? אַ קלייניקייט — יענער האָט אָפּגערעדט די לבנה!

ש ר ה - ח נ צ ע : אַ, פּאַרכאַפּט זאָל ער ווערן! וואָס הייסט ער האָט אָפּגערעדט די לבנה?

ר ב י צ י ן : ווייסט אים דער גוטער יאָר! מיט אַזאַ כישוף, צי וואָס! זינט ער האָט אים געבראַכט צו פֿירן, איז ניט געווען איין לבנה.

ש ר ה - ח נ צ ע : אַ, פּאַרכאַפּט זאָל ער ווערן! ווו איז אַהינגע־קומען די לבנה?

ר ב י צ י ן : איך ווייס ווו זי איז אַהינגעקומען? וואָס ווייס אַז אשה? איך ווייס נאָר, דער רב האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז ניטאָ קיין איין לבנה מחדש צו זײַן; ביז חיים־מאיר ליפּע־חזקאלס האָט ניט אָפּ־געגעט דעם אײַדעם, איז ניט געווען קיין לבנה. און אַז מע האָט אים אָפּגעגעט, האָט גאָט ברוך הוא וברוך שמו אַ נס געטאָן, ס'איז שוין ווי־דער דאָ אַלע חודש אַ לבנה... דאָס אייגענע איז מיט אײַך, שרה־חנצע: אַט ווערט איר פֿון אים פּטור, אם ירצה־השם, מיטן אייבערשטנס הילף, ברוך הוא וברוך שמו...

שרה־חנצע: איך וועל פּטור? סע קאָסט מיך קאָרג בלוט? וואָס רעדט איר, פרומע לעבן? אַ ווערטעלע, אַ שידוך געטאָן, חתונה געמאַכט, אַנגעטויטשעט זיך — און וואָס, איך בעט אײַך? אַצינד, גיי טו נאָכאַמאָל אַ שידוך, ווידער אַן איידעם, אַ צירונג אין שטוב אַרײַן, אַן עבודה־זרה, אַ לעשות־נקמהניק, אַ בייזער שטערן... ששאַ, אַן גייט ער, דער תכשיט מײַנער. לאָם איך זיך באַהאַלטן, פרומע־לעבן, באַ אײַך אין קיך, מײַנע אויגן זאָלן אים ניט אָנקוקן אין זײַן טרפהנעם פּרצוף. אַ סבה אים אין פנים אַף דרײַ יאָר מיט אַ האַלבן!... (זי גייט אַוועק אין צווייטן צימער).

## .2

רב אַרקע דער רב קומט אַרײַן געשווינט, וואַשט די הענט, זאָגט „אשר יצר" אַף אַ קול און זעצט זיך אויבנאָן אַף דער קעסטלדיקער קאַנאַפּע מיט גרויס פּאַראַד. נאָך אים גייט אַרײַן רב זכריה סופר און שטעלט זיך אַן אַ זײַט. נאָך דעם סופר גייען נאָך צוויי עדות, און דער שמש טראָגט אַרײַן דעם גט מיט אַ גרויסן גלעזערנעם טינטער, אין וועלכן סע שטעקט אַ געגדזענע פּעדער. עס הייבן אָן אַרײַנצוקומען איינציקווײַז אַלערליי ייִדן: הויכע און נידעריקע, אַלטע און מיטעלע, שוואַרצע און געלע — ביז עס קלײַבט זיך צונויף אַ מנין. לוי־בנימין, רב שלום שדכן און ראובן־הערש קומען אַן באַזונדער. פרומע־ליבע די רביצין הייבט אויף דעם פאָרהאַנג פון דער קיך־טיר און לאָזט אַרײַן עטלען, וואָס גייט טריט באַ טריט, אַנגערוקט דאָס טיכל ביז דער נאָז. פון דער טיר קומט אַרײַן מאָטל, בלאַס און צעטראָגן. דער שמש ווײַזט זיי זייערע ערטער. רב אַרקע דער רב אײַלט זיך און שנײַצט אוים די נאָז און איז זיך מכין צום סדר הגט.

רב אַרקע דער רב, רב זכריה סופר, ייִדל דער שמש, ראובן־הערש, מאָטל, לוי־בנימין, די רביצין, עטל, צוויי עדות און אַ מנין ייִדן.

דער רב: (נעמט דעם גט). דו, סופר זכריה בר טוביה, איז דאָס דער גט, וואָס דו האָסט דאָ געשריבן, האָסטו געשריבן?

דער סופר: (קראַצט זיך אין דער געדיכטער באָרד). יאָ.

דער רב: קענסטו דעם גט און האָסט דאָ אַ סימן מובהק?

דער סופר: יאָ.

דער רב: האָט דיר דער בעל, משה מרדכי בר אפרים מנשה, געגעבן דאָס פּאַרמעט, דעם טינט און דאָס טינטערל און דאָס גאַנצע שרײַב־געצײַג פאַר די עדים?

דער סופר: יאָ.

דער רב: האָט דיר געהייסן דער בעל, משה מרדכי בר אפרים מנשה, אַז דו זאָלסט דעם גט שרײַבן לשמו ולשמה ולשם גירושין?

דער סופר: יאָ.

דער רב: האָסטו אַזוי געדעדט, אַז דער גט, וואָס דער בעל, משה מרדכי בר אפרים מנשה, האָט געשריבן, איז געשריבן לשמו ולשמה ולשם גירושין?

דער סופר: איך האָב גערעדט, אַז דער גט, וואָס דער בעל, משה מרדכי בר אפרים מנשה, האָט געשריבן, איז געשריבן לשמו ולשמה ולשם גירושין.

דער רב: (צו די עדות). האָט איר געהערט פונעם מגרש, משה מרדכי בר אפרים מנשה, אַז ער האָט מבטל געווען אַלע מודעות, און אַז דער גט, וואָס ער האָט געשריבן, איז געשריבן לשמו ולשמה ולשם גירושין?

די עדות: (ביידע צוזאַמען, איינער אָפּ אַ גראָבער און דער אַנדערער אָפּ אַ דינער שטימע). יאָ.

דער רב: האָט איר געזען, אַז דער מגרש, משה מרדכי בר אפרים מנשה, האָט מוסר געווען דעם טינט און פען און דאָס טינטערל, בכדי דער גט, וואָס ער האָט געשריבן, זאָל זײַן געשריבן לשמו ולשמה ולשם גירושין?

די עדות: יאָ.

(מע דעקט אָפּ עטלען די פּאַטשיילע).

דער רב: דו, חיה עטל גענענדל בת ראובן־הערש, ווילסטו מקבל זײַן דעם גט פון דײַן מאַן משה מרדכי בר אפרים מנשה פון גוטן ווילן, אָן אונס און אָן תנאי?... זאָג: „יאָ".

עטל: (שווײַגט אַ היפּשע ווײַלע, ביז יידל דער שמש טוט זי אַ טאָרק באַם אָרבל). יאָ.

דער רב: האָסטו געטאָן אַ נדר, אָדער אַ שבועה, אָדער אַן איסור? זאָג: „ניין".

עטל: (שאָקלט מיטן קאָפּ). ניין, ניין!

דער רב: האָסטו גערעדט מעולם אַ דבור, אָדער אַ שבועה, אָדער אַן איסור, ס'זאָל דעם גט ניט מזיק זײַן?... זאָג: „ניין".

עטל: (מיט טרערן). ניין!

(דער שמש פירט צו מאָטלען).

דער רב: דו, משה מרדכי בר אפרים מנשה, ווילסטו געבן דעם גט דײַן ווײַב חיה עטל גענענדל בת ראובן־הערש פון דײַן גוטן ווילן, אָן אונס און אָן תנאי? זאָג: „יאָ".

מאָטל: (דרייט אויס דעם קאָפּ צו עטלען און זיפצט. יידל דער שמש טוט אים אַ שטורך פון הינטן מיטן עלנבויגן. ער שאָקלט מיט דעם קאָפּ אָפּ „ניין" און זאָגט „יאָ"). יאָ!

דער רב: האָסטו געדעדט מעולם א דבור, אָדער א שבועה, אָדער אַן איסור, ס'זאָל דעם גט ניט מזיק זײַן?... זאָג: „ניין".

מאָטל: (רוקט זיך צו נענטער צו טעלער. דער שמש נעמט איס אַן פּאָר די אַקסלען און פירט אים אָפּ א ביסל װײַטער). ניין! איך האָב געװאָלט זאָגן... (ער װיל עפּעס זאָגן װײַטער, טוט אים דער שמש א צי בײַ דער האַנט).

דער רב: (גיט אים איבער דעם גט על־פּי דין). נאַ דיר דעם גט, האַלט אים, ביז איך װעל דיר זאָגן... (דער רב װענדט זיך שוין צו טעלען). גיב אים אָפּ די כתובה, אָדער זײַ אים מוחל. טו אױס דאָס פינגערל, ס'זאָל ניט זײַן קײן שום חציצה, און דער אָרבל זאָל ניט אַנרירן, די הענט הײב אױף, און זאָלסט זײ ניט פאַרמאַכן, ביז איך װעל דיר זאָגן... (צום עולם). װער סע האָט עפּעס א פּסול אױפן גט — זאָגט!... (דער עולם שװײַגט מיט שטילשװײַגעניש. דער רב צו מאָטלען). דו, משה מרדכי בר אפרים מנשה, הײב אױף די הענט העכער פון דײַן װײַב. (מאָטל רוקט זיך צו צו טעלען און פאַרקוקט איר אונטערן טיכל; בײדע יונגע מענטשן װײַנען און שלינגען די טרערן. דער רב צו מאָטלען). דו, משה מרדכי בר אפרים מנשה, זאָג מיר נאָך װאָרט אין װאָרט. זאָג: „הרי זה גיטך"...

מאָטל: (ער װערגט זיך). הררי זזזה גגגיטך...

דער רב: „והתקבלי גיטך"...

מאָטל: (מיט א קװיטש). והתקבלי גיטטך...

דער רב: „ובו תהיי מגורשת"...

מאָטל: ובו תהיי מגגגגורשת...

דער רב: „ממני מעכשיו"...

מאָטל: (מיט א יאָמערלעך געװײן). מממממני מעכשיו...

דער רב: „והרי את"...

מאָטל: (כליפּעט װי א קלײן קינד). וההרי את... (דער גט פאַלט פּלוצעם אַרױס פון זײַנע הענט. מאָטל פאַלט טעלען אױפן האַלדז — און דאָס פאַרפאַלק װערט אומגעריכט צװױפגעגאַסן אין א לאַנגן, הײסן, פלאַם־פײַערדיקן קוש).

דער עולם: (בלײַבט לכתחילה דערשטױנט, אַפּהענטיק, אַן לשון, קוקן אײנער אױף דעם אַנדערן און אַלע צוזאַמען אױף דעם רב). אי־א־נו־פע!...

דער רב: (אין אײניקע מינוט אַרום). נו, נו! א מעשה! א מעשה! (קנײטשט מיט די פלײצעס). איך בין שױן דאָ, ברוך השם, באַלד זיבן און דרײַסיק יאָר רב, און האָב שױן אױף מײַן לעבן גענוג פאַרלעבט אָפּגעגט, — האָט זיך מיר נאָך אַזאַ מעשה ניט פאַרלאָפן! א מעשה! א מעשה! נו, נו!...

די רביצין: (קוקט ניט אױף קײנעם). מן השמים! מסתמא

איז דאך דאס א זיווג מן השמים, פון השם יתברך, ברוך הוא וברוך שמו...

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : מזל טוב! יידן, זאגט מזל טוב, יידן! און שטעלט משקה שטעלט!

ד ע ר ע ו ל ם : (איינער דעם אנדערן). מזל טוב! מזל טוב! מזל טוב!

ד ע ר ס ו פ ר : רב ראובן־הערש! רב ראובן־הערש! שיקט נאך משקה, וועלן מיר טרינקען „לחיים".

ד ע ר ע ו ל ם : נאך משקה! נאך משקה! יידל, משקה ברענג צו טראגן!

יי ד ל ד ע ר ש מ ש : אט גיי איך! אט לויף איך! וואס זאל איך ברענגען אף צו פארבייסן?

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : ברענג קיכלעך ברענג, און הערינג ברענג, און א ביסל דארע קישקע א ביסל...

ר א ו ב ן ־ ה ע ר ש : (צו שלום שדכן). נו, רב שלום! וואס האב איך אייך געזאגט? איא? ווער איז גערעכט, רב שלום? הא, רב שלום? נא דיר גאר גטן זיך?!

ר ב ש ל ו ם : אבער מיין רח"ש מיינער? רב ראובן־הערש, מיר קומט רח"ש קומט מיר! א שדכן אז ער שטיים אפילו פון דער זייט א שדכן, קומט אים שוין אויך שדכנות קומט אים! וואס זאגט איר, רב ארקע, ניט אזוי, וואס? ע ל ע ה יי א נייער שידוך ע ל ע ה יי !... (צום שמש). און פארגעסט ניט, רב יידל, דארע קישקע, למען־השם, קיש־קע דארע!

ד ע ר ע ו ל ם : (א סך קולות). ווו איז אהינגעקומען דאס פאר־פאלק? ווו זיינען זיי? האסט געהערט אז אקציע? כא־כא־כא! א קאמע־דיע! א ריינע קאמעדיע! (האלטן זיך בא די זייטן לאכנדיק).

ל ו י ־ ב נ י מ י ן (צו מאטלען). מזל טוב דיר, מאטל! ווער ס'איז דיר מקנא, דער זאל אליין ניט האבן... איך האב דיר שוין פאר־זארגט אף אייביק... (צום עולם). א קאמעדיע זאגט איר? ס'איז טאקע צו מאכן פון אייך א קאמעדיע! ס'וועט זיך שוין געפינען אזעלכער, וואס וועט פון אייך אמאל באשרייבן, מאכן פון אייך א קאמעדיע...

ש ר ה ־ ח נ צ ע : (דערשיינט פון יענער זייט פארהאנג. צום מאן). ראובן־הערש, דו הערסט? האב איך דיר געזאגט, אז ער וועט אונדז בא־שרייבן אף די גאזעטן, אט דער כל־בוניק!? (באווייזט מיט די קולאקעס אף לוי־בנימינען און אף מאטלען און לאזט זיך צו דער טיר).

פ א ר ה א נ ג.

געשריבן אין יאר 1887.

# צעזייט און צעשפּרייט

## בילדער פֿונעם ייִדישן לעבן אין דרײַ אַקטן

### די פּאַרשוינען:

**מאיר שאַלאַנט**, אַ ייִד אַ סוחר, אַן אויפֿגעקומענער גביר, אַ פּראָסטער חי־וקים, שנײַדט זיך אָפּ אַן אַריסטאָקראַט.

**מלכּה**, זײַן ווײַב, אַ ייִדענע אַן ערלעכע, אַ כּשרע נשמה.

**מאָטוויי**, זייער עלטערער זון, אַ „פּראַנט".

**פֿלאָראַ**, זייער עלטערע טאָכטער, אַ גרושה „פּען־דע־סיעקל".

**חנה**, זייער ייִנגערע טאָכטער. געשאָרענע האָר. רײַסט זיך אָפּ די קורסן.

**חיים**, זייער ייִנגערער זון, אַ ציוניסט.

**וואַלאַדיע**, זייער זון, חנהס חתן, אַ „סטאַטעטשנער" מחור.

**כאַשקע**, זייער מיזיניקל, אַ צעבאַלעוועט בר־מצווה־בחורל.

**משהלע זײַדענשטאַמער**, שאַלאַנטס מחותּן, אַן אָפּגעפּוצט ייִדל, אײַנגעטונקען אין יחוס.

**איטעלע**, זײַן ווײַב, טראַנט פּערל אינדערוואַכן.

**אַראַנטשיק**, זייער דריטער זון, אַ „חברה־מאַן".

**פּעסל**, אַן אָרעמע קרובה מלכּהס, אַ ווײַבל מיט אַ פּאַטשיילע.

**דאָווידקע**, מאָטוויים אַ חבר, אַ קאָרטנשפּילער.

**בעניע**, אַ ייִד מיט אַ זאַנטיק, האַלב מעקלער, האַלב שדכן.

**מאַשע**, אַ שטובמיידל בײַ די שאַלאַנטס.

בחורים מיט שוואַרצע העמדלעך, מיידלעך מיט רויטע בלוזקעס און גלאַט פּאַרשוינען.

די געשיכטע קומט פֿאָר אין אַ גרויסער שטאָט.

# צו דער צווייטער אויפלאַגע

מיט איינוקע יאָר צוריק האָט זיך געדרוקט פון מיר אַ פּעליעטאָן אין דער „יודישער פאָלקס-צײַטונג" אונטער דעם נאָמען „צעזייט און צעשפּרייט, בילדער פונעם יידישן לעבן". הגם די דאָזיקע בילדער זײַנען געשריבן אין אַ דראַמאַטישער פאָרעם, דאָך האָט זיך מיר אפילו ניט געחלומט, אַז איך וועל אַמאָל זוכה זײַן צו זען זיי אויפגעפירט אויף דער סצענע.

אין עטלעכע יאָר אַרום האָט מען די פּיעסע איבערגעזעצט אין דער פּוילישער שפּראַך און מע האָט זי געשפּילט אין פּוילישן טעאַטער אין וואַרשע. אמת, דאָס פּובליקום האָט אויפגענומען די פּיעסע און דעם מחבר פון דער פּיעסע זייער רוישיק, די גאַלעריע האָט געפּאַטשט „בראַ־וואָ", ווי געוויינלעך, נאָר וואָס מער דער עולם האָט געגוואַלדעוועט, אַזוי מער האָט דאָס דעם מחבר פאַרדראָסן: ער האָט געפילט, אַז דער פּיעסע פעלט אַ סך מער וויפל זי פאַרמאָגט; ער האָט געפילט, אַז אויף דער בינע ווערט געשפּילט אַ פעליעטאָן, ניט קיין דראַמע. דאָס, וואָס איך האָב דעמאָלט געליטן, קאָן מען באמת אָנרופן „חבוט הקבר". „קיינער ווייס ניט, זאָגט מען, וועמען דער שוך קוועטשט". איך בין געווען דענסטמאָל אויב ניט דער איינציקער, וואָס האָט אויסגעפּײַניקט דעם מחבר פון דער פּיעסע.

איצט, בײַ דער צווייטער אויפלאַגע, צום אויפפירן זי אויף דער יידישער בינע, האָב איך זי גענומען צום אויסבעסערן. דאָס „אויסבעסערן" האָט מיך אָבער אַזוי ווײַט פאַרשלעפּט, אַז איך האָב כמעט אָנגעשריבן אַ גאַנץ נײַע פּיעסע, כמעט נאָר איבערגעלאָזט דעם הויפּט-געדאַנק, די נעמען פון די פּאַרשוינען און אַ צוויי־דרײַ סצענעס אומגעענדערט. איך האָב געוואָלט, אַז מײַן ערשטע פּיעסע אויף דער יידישער בינע זאָל האָבן כאָטש אַ שטיקל פּנים פון אַ פּיעסע, אַזוי, אַז אויב די גאַלעריע וועט זיך ניט קענען אײַנהאַלטן און וועט אַמאָל וועלן „פּאַטשן בראַוואָ", זאָל זי ניט פּאַטשן אומזיסט... „יונגע דראַמאַטורגן — זאָגט טשעכאָוו — באַדאַרף מען ווינציקער אַפּלאָדירן און מער אויספּײַניקן". גאָלדענע ווער־טער!...

שלום־עליכם

קיִעוו, מײַ, 1905.

# ערשטער אַקט

באַ אַ גרויסן, רײַך-געדעקטן טיש זיצט מ א י ר ש אַ ל אַ נ ט אין אַ כאַלאַט, פּאַרטיפט אין חשבונות. — מ ל כ ה איז באַשעפטיקט באַם סאַמאָוואַר, טראָגט אונטער איטלעכן טיי. — פ ל אָ ר אַ, אַן אָנגע־פּודערטע, מיט ברייטע צעש:יטענע אָרבל, זיצט אין אַ וויגשטול, וויגט זיך און זינגט שטילערהייט. — ח נ ה, פאַרטיפט אין אַ ביכל, לייענט. מ אַ ט ו ו יי, אַ צעקאַשמעטער, פּיפּט אונטער שטילערהייט.

## ערשטע סצענע

מ ל כ ה : (אַף רוסיש). שאַשע! שאַשענקע?

ס אַ ש ק ע : (פונעם אַנדערן חדר, אַף רוסיש). וואָס איז, מאַ־מאַשאַ?

מ ל כ ה : וואָס טוסטו דאָרטן?

ס אַ ש ק ע : איך וואַש די קאָץ. וואָס איז דען?

מ ל כ ה : גיי טרינקען טיי! (מאַטוויי און פלאָרא לאַכן).

ח נ ה : (צו דער מוטער). אַנדערש קאָנסטו טאָקע מיט אים ניט ריידן, נאָר אַף רוסיש?

מ ל כ ה : ווי־אַזוי דען זאָל איך ריידן, אַז איר רעדט אַלע אַזוי? איך וואָלט אוודאי געוואָלט בעסער ריידן אַף ייִדיש, אַף מאַמע־לשון, נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז איר אַלע, און אַפילו אַט דער אַלטער נאַר (זי באַווייַזט אַף מאירן). האָט זיך אָנגערעדט, מע זאָל אַרויסטרייַבן אונדזער הייליקן לשון. און ווער שמועסט, פון זינט מיר זייַנען אַריבערגעפאָרן אַהער, אין דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער שטאָט! וואָס, אפשר ניט אַזוי, מאיר?

מ א י ר : וואָס ניט אַזוי? אַז דו ביסט אַ בהמה? (מאַטוויי און פלאָראַ לאַכן).

מ ל כ ה : לאַכט, לאַכט! דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייַט פונעם בוי־מעלע. „יאַקי טאַטקאַ, טאַקי דזיעצקאַ"...

מ א י ר : שוין? האָסט שוין אָנגעהויבן מיט דייַן מוסר, מיטן טייַטש־חומש און מיטן פּעטשענע־וואַרענע? (מאַטוויי און פלאָראַ לאַכן). ווּ איז חיים? ווּ איז וואָלאָדיע? (קוקט זיך אַרום). פאַרוואָס זעט מען זיי ניט?

מ ל כ ה : שלאָפן נאָך מן הסתם.

מ א י ר: אזוי שפעט? טאָמער וואָלט מען זיי אויפגעוועקט טרינ־קען טיי?
מ ל כ ה: אַ רחמנות, זיי האָבן זיך שפּעט געלייגט שלאָפן.
מ א י ר: (קוקט אין די פּאַפּירן). געלערנט?
מ אָ ט וו יי: פאַרשטייט זיך! ווי דען? מיר דאַכט, אַז זיי זייַנען ביידע געקומען אַהיים מיטן טאָג גלייַך.
פ ל אָ ר אָ: מיטן טאָג גלייַך? געווען שוין גרויסער טאָג.
מ א ר: (צו מלכהן). וואָס הייסט דאָס? ווּ איז מען דאָס געווען? וואָהין גייט מען דאָס אַרום גאַנצע נעכט? וואָס פאַר אַרומגייעכסטן באַ־נאַכט?
מ ל כ ה: ווייס איך וואָס — קינדער פּלאַפּלען!
מ אָ ט וו יי: מאַמאַשע! וואָס דאַרפסטו זיי פאַרענטפערן? זיי זייַנען געווען אַף אַ „זאַסעדאַניע". וואָס איז דער אומגליק?
מ א ר: וואָס פאַר זאַסעדאַניעס גאָר?
פ ל אָ ר אָ: שפּילסט זיך מיט זיי? יענע קערן וועלטן!
מ אָ ט וו יי: מע ברענט די באָד!
ח נ ה: (ניט צוגענומען די אויגן פונעם בוך). אַלץ בעסער ווי שפּילן גאַנצע נעכט אין קאָרטן.
פ ל אָ ר אָ: (צו מאָטווייען). דאָס איז שוין אין דייַן גאָרטן אַרייַן, מאָטוויי...
מ אָ ט וו יי: „לאַנגע האָר, זאָגט מען, קורצער שכל". באַ איר איז ביידע זאַכן: אי קורצע האָר, אי קורצער שכל.
ח נ ה: אי פּלאַטשיק, אי אָן טעם.
מ אָ ט וו יי: (ציט אויס אַ לאַנגן פייַף). פּי־יו־יט!
מ א י ר: (הייבט אויף דעם קאָפּ). ווער פייַפט עס? וואָס פאַר אַ פייַפעריי?
מ ל כ ה: (צו די קינדער מיט אַ געבעט). לאָז זייַן שטיל, איך בעט אייַך! (עס קומט אַן ח יי ם, טוט אַ קוש דעם פאָטער. גיט חנהן די האַנט. מ ל כ ה טראָגט אים אונטער טיי).

## צווייטע סצענע

מ א י ר: ווּ ביסטו דאָס געווען, חיים? וואָס פאַר זאַסעדאַניעס באַ דיר?
ח יי ם: פון ציוניסטן.
מ אָ ט וו יי: פון ארץ־ישראל־ייִדן.
מ א י ר: (איראָניש). וואָס־זשע איז געבליבן דאָרטן באַ אייַך אַף דער אַסיפה?
מ אָ ט וו יי: מע זאָל אַריבערפעקלען אַלע ייִדן קיין ארץ־ישראל.
ח יי ם: ניט אַלע... די ייִדן, וואָס זיי געפעלט ניט ארץ־ישראל, קאָנען בלייַבן דאָ.

מ אַ ט וו יי : עס גייט זיי אָפּ צו רומל נאָר אַ ווײַס פערדל. (פלאָראַ לאַכט נערוועז. עס קומט אַן וואַלאַדיע מיט אַ פּעקל ביכער, טוט אַ קוש דעם פאָטער, קוועטשט חיימען און חנהן די האַנט. מלכה טראָגט איט אונטער טיי).

## דריטע סצענע

וו אַ ל אַ ד י ע : וואָס איז דאָ אַזוי פריילעך?

ח יי ם : וואָס פעלט זיי?

מ אי י ר : (צו וואַלאַדיען, ניט אויפגעהויבן די אויגן). נו, און דו, וואָלאַדקע? ווּהין ווילסטו אַריבערפירן די ייִדן? אויך קיין ארץ־ישׂראל? צי אפשר גאָר קיין מצרים?

וו אַ ל אַ ד י ע : וואָס דאַרף מען קיין מצרים? מע קאָן ניט זײַן קיין שקלאַפן דאָ?

מ אַ ט וו יי : פּאַפּאַ! דאָס מיינט מען אונדז און דיך אויך בתוכם...

מ אי י ר : (צו וואַלאַדיען אין גוטן מוט). מיט אַ טאַטן רעדסטו אַזעלכע ווערטער, דו שייגאַץ איינער?

וו אַ ל אַ ד י ע : וואָסערע ווערטער? (מאַטוויי פייפט, פלאָראַ לאַכט).

מ אי י ר : (שטרענג). וואָס פאַר אַ פײַפערײַ? וואָס פאַר אַ געלעכטער?

מ ל כ ה : (לויפט צו). אָבער לאָז זײַן שטיל! קינדער, לאָז זײַן שטיל, איך בעט אײַך! (עס קומט אַן סאַשקע מיט צוויי קעצלעך אונטער ביידע הענט. ער קושט פריִער דעם פאָטער, נאָכדעם די מוטער. מלכה באַזעצט אים, דרייט זיך אַרום אים, גיט אים טיי, ער האָדעוועט די קעץ מיט מילך).

## פערטע סצענע

מ אַ ט וו יי : אהאָ! ער איז שוין דאָ מיט דער משפּחה!

פ ל אָ ר אַ : סאַשקע מיט די קעץ!

ס אַ ש ק ע : (קוקט ניט אָף קיינעם). פאַרוואָס קויפט מען מיר ניט קיין וועלאָסיפּעד?

מ ל כ ה : (לויפט צו צו אים). לאָז זײַן שטיל, סאַשענקע! וואָס טויג דיר זיך האַלטן מיט אַזאַ מיאוסקייט? וואָרף זיי אַהוים! שאַט צום זכרון! אַ שרץ!

ס אַ ש ק ע : (הערט זי ניט). פאַרוואָס קויפט מען מיר ניט קיין וועלאָסיפּעד? (הויך). קיין וועלאָסיפּעד פאַרוואָס קויפט מען מיר ניט?! (אַלע לאַכן, חוץ מלכהן).

מ אי י ר : (רײַסט זיך אָפּ פון די פּאַפּירן). האַ? וואָס האָט ער געזאָגט? וואָס זאָל מען אים קויפן?

מ ל כ ה : ווייס איך וואס א קינד פלאפלט!... א לעסיפעד האסטו צוגעזאגט אים קויפן, וואס?

מ א י ר : וואסערע לעסיפעדן! וואסערע פלוימען! אזא קליינער וועווריק ווי דו דארפסט נאך לערנען, ניט ארומפארן אף לעסיפעדן און שפילן זיך מיט אזא פאסקודסטווע! (ווארפט אראפ די קעץ; סאשקע הייבט זיי אויף איין מאל און צוויי מאל און דריי מאל. אלע לאכן חוץ מלכהן). ווּ זיינען דיינע לערערס זוּ?

ס א ש ק ע : לערערס? כא־כא־כא! געווען איינער א לערער, איז ער אויך ניטא.

מ א י ר : וואס הייסט איינער א לערער? נו, און דער מלמד — ווּ איז דער רבי?

ס א ש ק ע : וואסער מלמד? וואסער רבי? שוין לאנג דורכגע־טריבן!

מ א י ר : (איבערראשט). הא? וואס? דורכגעטריבן? ווער האט אים דורכגעטריבן? ווער האט דאס געהאט א העזה ארויסצוטרייבן א מלמד אן מיר? (קלאפט מיט די הענט אין טיש). איך בין דא באלעבאס, צי ניין? וואס שווייגט איר? ווער איז דא באלעבאס? (ער גייט אריין וואס וייטער אין אלץ מער כעס, ווארפט די קעץ פונעם טיש; סאשקע וויל זיי אויפהייבן, דער פאטער טרייבט אים דורך). גיי דיר, דו פיד־סווינעק איינער, מיט דער פאסקודסטווע! (סאשקע מיט די קעץ גייט אוועק, מורקעט אונטער דער נאז: „א פארשאלטענע שטוב"...).

פינפטע סצענע

מ א ט וו יי : (ציט אויס א לאנגן פייף). פי־יו־יומ!

פ ל א ר א : (שטיקט זיך שטילערהייט). כי־כי־כי!

ח יי ם : (צו וואלאדיען). א זעלטן בחורל!

ח נ ה : זעלטענע דערציִונג!

וו א ל א ד י ע : (דעקלאמירט). „וואט זלאנראוויא דאסטאיניא פלאדי"...(א פאר מינוט הערשט א שטילשווייגעניש).

ח יי ם : (צו וואלאדיען). ווען מאכן מיר א דיסקוסיע?

וו א ל א ד י ע : ניטא דערווייל קיין פלאץ... (צו חנהן). נעמסט אן אנטייל אין אונדזער דעבאטע?

ח נ ה : מיט פארגעניגן. ווען וועט דאס זיין?

פ ל א ר א : וואס? א ספעקטאקל?

ח יי ם : (צו וואלאדיען). וואס חלומט זיך א הון?

ח נ ה : פראסע.

פ ל א ר א : (צו מאטווייען). וואס זאגסטו אף אונדזער קורסיסט־קע? זי מיינט, אז ווי באלד מע שערט זיך אונטער די האר, אזוי נעמט מען שוין צו אף די קורסן...

מ א י ר : הא? קורסן? וואס פאר קורסן?

מ ל כ ה : ווייס איך וואס קינדער פלאפלען!

מ א ט ו ו יי : זי פארגעסט, אז דערוווּיל איז זי א ייִדישע טאכטער, דאס הייסט, א „זשידאָווקע מיט אן אטעסטאט".

ח יי ם : אלע שענער זוי וואלגערן זיך אין אלע קלובן.

וו א ל א ד י ע : און שפּילן אין קארטן.

מ א י ר : וואס פאר קלובן? וואס פאר קארטן?

מ ל כ ה : ווייס איך וואס קינדער פלאפלען! (צו די קינדער). איך בעט אייַך, לאָז זיין שטיל! (עס ווערט אָף א ווײַלע שטיל. יונגווארג ריידן צווישן זיך שטילערהייט).

מ א י ר : (שטייט אויף פונעם טיש). ווער וועט מיר אנשרײַבן עפּעס א רעכטן בריוו צום פריץ, צום גראף מיין איך?... ער שרײַבט מיר, דער גראף, אז מע דינגט בא אים וואלד, מע גיט אים, זאגט ער, אן אײַזערנעם פרײַז... ער מיינט, איך ווייס ניט, וואס ער מיינט!... עס ציט אים שוין אהין, קיין „מאנטעקארעל" ציט עס אים! א קערטעלע!... באדארף ער האבן געלט... בלאטע! איך וועל ניט דערלאזן, מע זאל האקן דעם וואלד, מאכן אים א תל פון דער אימעניע, אבער גאר לא!... (גייט צו צו א שרײַבטישל, וואס בא דער זײַט). מע באדארף אים אוועקשרײַבן אזא בריוול, ס'זאל אים נעמען!... נו, קינדער! ווער שרײַבט?

מ א ט ו ו יי : איך האב גאר פארגעסן, אז כ'האב היינט קיין צײַט ניט. (הייבט זיך אויף און גייט אוועק).

פ ל א ר א : איך וועל מיך היינט אמאל אנטאן, צי ניין? (הייבט זיך אויף און גייט אוועק).

מ א י ר : נו?

ח יי ם : (צו וואלאדיען). נו? וועסט אפשר שרײַבן?

וו א ל א ד י ע : (צו חיימען). פארוואס ניט דו?

מ א י ר : נו?

ח נ ה : (גייט צו צום טישל). אט וועל איך. (נעמט זיך צו דער פען).

מ א י ר : שעמען מעגט איר זיך! מילא יענע צוויי עלטערע האבן זיך אפּגעטראגן, איז כאטש דער פארדראס ניט אזוי גרויס; ס'איז פאר זיי א סוד, זיי קענען נעבעך ניט... אבער איר, ימח־שמוניקעס? איר יכולט דאך יא! קארג קאסט איר מיך אפ?... א ווייל קינד איז טאקע הנהלע... (צו חנהן). שרײַב... (שטעלט זיך אוועק אין א פארטראכטע פּאזע, דיקטירט). שרײַב אים אזוי: „יעווא סיאטעלסטוו יאסנאוועלמאזשנעמו פאנו כראביא"... שוין?

ח נ ה : שוין.

מ א י ר : (מיט די הענט). „ראשית חכמה קום איך דיר, יאסנאַוועלמאזשנע פאן כראביא, צו מעלדן... ניין! דערנידעריקסט צו מעלדן מײַן איבערגעבנהייט... ניין! מײַן אלערטיפסטע איבערגעבנהייט"... שוין?

ח נ ה : שוין.

מ א י ר : „מײַן אלערטיפסטע איבערגעבנהייט און געטרײַשאפט...

ניין! מײַן שטענדיקע געטרײַשאַפט צו דיר, יאַסנאָוועלמאָזשנע פּאַן כראַ־ביאַ, און צו דײַן הויזגעזינט... ניין! צו דײַן יאַסנאָוועלמאָזשנע הויז־געזינט..."

ח יי ם : (הויך). איך פֿאַרשטיי ניט, צו וואָס זאָל אַ ייִד זיך מאַכן אַזוי נידעריק פֿאַר אַ פּריץ?

וו אַ ל אַ ד י ע : וואָס עפּעס אַ ייִד? און גלאַט אַ מענטש פֿאַר אַ מענטשן?

מ אַ י ר : (אויפגעהויבן דעם קאָפּ). האַ? שרײַבן קען איך ניט — מע האָט מיך ניט געלערנט. נאָר וו אָ ס און וו י אַ ז ו י צו שרײַבן צו אַ פּריץ — דאָס באַדאַרף איך מיך בײַ אײַך ניט לערנען. איך וועל מיך נאָך אויסגלײַכן מיט אַלע אײַערע קענערס דאָרטן, און אפֿשר נאָך מיט אַ סמיטשיק. צי איר מיינט טאַקע, אַז ווי באַלד איך קען ניט קיין געאָגראַפֿיע, אַזוי בין איך שוין גאָר אַ בהמה און פֿאַרשטיי שוין גאָרניט?

ח יי ם : ווער זאָגט דען? מע שמועסט נאָר פֿון דעם, למאַי זאָל אַ ייִד אַזוי אַנבויגן דעם קאָפּ פֿאַר אַ פּריץ היינטיקע צײַטן?

וו אַ ל אַ ד י ע : וואָס עפּעס אַ ייִד? יעדער מענטש באַדאַרף זיך האַלטן מענטשנגלײַך. אַ מענטש באַדאַרף קודם־כל אַכטן זיך אַליין, אַליין קוקן אַף זיך, ווי אַף אַ מענטשן.

מ אַ י ר : גוט, גוט. דער גראַף קען מיך, ברוך השם, ניט דאָס ערשטע יאָר, און כאָטש איך האָב אין די „גימענאַזיעס" ניט געלערנט, וועט ער פֿונדעסטוועגן אַוועקגעבן פֿאַר מיר דרײַ הונדערט פֿאַר פֿײַנע בריות אַזעלכע ווי איר, וואָרעם ער ווייס, פֿאַרשטייט איר מיך, אַז איך בין אים געטרײַ און איבערגעגעבן ווי אַ הונט...

ח יי ם און וו אַ ל אַ ד י ע : (ביידע מיטאַמאָל). אַט־אַט, אַט דאָס מיינט מען טאַקע! אַט דאָס וואָרט „הונט" איז איבעריק.

מ אַ י ר : (אויפגערעגט). ווילט איר מיך לערנען שׂכל, הייסט עס? די נאָז שנײַצט אויס, יונגע צוציקעס וואָס איר זײַט! (שרײַט אַלעמאָל העכער). וואָס פֿאַר אַ עזות האָט איר דאָס גאָר אַזוי צו ריידן מיט אַ טאַטן, האַ? וואָס שווײַגט איר?!...

מ ל כ ה : (לויפֿט אונטער אין אימפּעט). אָבער גענוג! לאָז זײַן שטיל, אין גאָטעס ווילן, מאיר! (שיקט אַרויס חיימען און וואַלאַדיען, נעמט צו די פּען בײַ חנהן). נו, גענוג. לאָז איבער אַף שפּעטער. מע וועט שוין שפּעטער שרײַבן. (חנה גייט אַפּ. מאיר און מלכה בלײַבן אַליין).

## זעקסטע סצענע

מ אַ י ר : (שפּאַנט אַרום איבערן שטוב). נו, אַ שטוב! נו, קינדער!

מ ל כ ה : דײַן שטוב, דײַנע קינדער...

מ אַ י ר : און דײַן השגחה.

מ ל כ ה : ניט דו האָסט דאָס באַדאַרפֿט זאָגן!

מ אַ י ר : און דו וואָלסט בעסער שווײַגן.

מ ל כ ה : שוויַיגן? איך האָב שוין גענוג געשוויגן. איַינגעמידט זיך שוויַיגנדיק. ציַיט איך זאָל שוין עפּעס ריידן. איר לאָזט מיך דען אויסריידן אַ וואָרט? איך האָב דען אויך עפּעס אַ דעה? און ווער איז שולדיק, אַז ניט אַט די שטאָט מיט דער שטוב מיט דעם ניַיעם שניט? ניט געווען קיין געלט, איז ניט געווען קיין טאַרעראַם, מיט קיין האַרמידער, מיט קיין פּוסטעקראַטישע געגג. ניט געווען די גרויסע שטאָט, האָב איך ניט געוווּסט פון קיין שפּיגלען, מיט קיין פּאַטעלן, מיט קיין צאַצקעס, מיט קיין טאַפּטשאַנעס, מיט קיין לעסיפּעדן...

מ א י ר : ווער האָט דאָך אויסגעטראַכט, אַז ניט דו, צוליבן טיַיערן מיזיניקל?

מ ל כ ה : (אַ פּליעסק מיט די הענט). אוי, איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטאָן! איך האָב אויסגעטראַכט? איך? דו האָסט שוין, אַפּנים, פאַרגעסן, מאיר, אַז דו ביסט געקומען צו פאָרן אַנומלטן פונעם גראַף, האָסטו אַליין געזאָגט, אַז דו וועסט אים קויפן אַ לעסיפּעד. איך ווייס? איך זאָל, דאַכט מיר, לעבן דריַי הונדערט יאָר, וואָלט איך מיך באַגאַנגען אָן דעם! אַדרבא, איך האָב געזאָגט, מע דאַרף ניט, איך האָב גאָר מורא געהאַט, דאָס קינד זאָל זיך סך הכל ניט אויסברעכן אַ האַנט אָדער אַ פוס, האָט מען נאָך געמאַכט פון מיר דאָס גרעסטע געלעכטער!

מ א י ר : פאַרשטייט זיך, מע האָט געלאַכט. ביסט אַ געשליירטע האַנדזי, לאַכט מען!

מ ל כ ה : און דו ביסט דאָך דער גרויסער חכם מיטן גרויסן פּוסטעקראַט! זינט מיר האָבן באַקומען געלט און אַרויסגעפאָרן אין דער דאָזיקער גרויסער שטאָט, זיַינען מיר געוואָרן מיט גאָטס הילף גאַנצע פּוסטעקראַטן!

מ א י ר : און אַז מיר זיַינען, ניט היַינט געדאַכט, געזעסן אינעם פאַרשטונקענעם שטעטל און געפּגרט פאַר אַ דריַיערל, איז דיר געווען בעסער? עס לוינט דיר ניט, אַפּנים, וואָס איך הייס איצטער „פּאַני שאַ־לאַנט" און בין אַ מחותן מיט משהלע זיַידענשטאַמער? צי נאָך דיַין שכל קומט אפשר אויס, אַז ס'איז געווען שענער דעמאָלט, אַז איך האָב גע־הייסן „מאיר טשאָלנט". און דיך האָט מען גערופן „די טשאָלנטעכע" — אַ יאָ?

מ ל כ ה : איך זאָל האָבן די ברכות, רבונו של עולם! ס'איז מיר גאָר געווען בעסער, אַז איך האָב געהייסן „טשאָלנטעכע" און בין מיר געשטאַנען באַ די פּיש...

מ א י ר : ש ש ש!... בהמה! דאַרפסט, אַז די קינדער זאָלן נאָך דערהערן?

מ ל כ ה : איז וואָס? לאָזן זיי הערן! איך דאַרף מיך שעמען פאַר זיי? איך האָב עפּעס געגנבהט? חלילה צוגענומען פרעמדס? איך האָב ערלעך, כשר פאַרדינט... הלוואי וואָלטן מיר ניט אוועקגעוואָרפן די אַל־טע פּרנסה, ניט פאַרגלוסט קיין גרינגע פייגעלעך מיט קיין פּריצים, מיט

קיין גראַפֿן, מיט קיין אימעניעס, און ניט אַריבערגעפֿאָרן אַהער, אין דער דאָזיקער פֿאַרשאָלטענער שטאָט, צווישן הולטײַעס, וואָס מע ווייס נאָר אויסברענגען, טרענצלען קערבלעך דער רוח ווייס אױף וואָס, אָפּ שפּיג־לען מיט טאַפּטשאַנעס, מיט „טרעיאַטערס", מיט גימנאַזיעס, מיט סאַ־בראַניעס, מיט גוליאַניעס — טפֿו!

מ א י ר : (לאַכט). „סאַבראַניעס־גוליאַניעס"? כאַ־כאַ־כאַ!

מ ל כ ה : לאַכסט? אַז אַך און ווי צו דײַן געלעכטער!... איך זאָל האָבן די טויזנטער, וואָס ס'איז געווען בעסער דעמאָלט אָן געלט, ווי אַצינד מיט געלט... ניט געווען קיין געלט, זײַנען די קינדער געווען קינ־דער; אַצינד זײַנען די קינדער קיין קינדער ניט, די מאַמע איז קיין מאַמע ניט. איטלעכער גייט וווּהין ער וויל: איינער אין ליסי, דער אַנדערער אין סטריסי. משטיינס געזאָגט, צעזייט און צעשפּרייט אָף אַלע זיבן ימין!... (ווײנט, לאָזט זיך צו דער טיר, באַגעגנט זיך מיט די מחותנים, משהלע זײַדענשטאָמער און זײַן ווײַב איטעלע, טוט זיך אַ נעם צוריק).

## זיבעטע סצענע

מ א י ר : (שטייט אויף, גייט זיי אַקעגן, רײַבט אַ האַנט אָן אַ האַנט). אַ? ברוך הבא, געסט! זיצט, זיצט, מחותן! מחותנתטע, זיצט! מלכה! הייס געבן טיי, הייס מאַכן קאַווע, הייס דערלאַנגען עפּעס פֿאַרבײַסן! (מלכה שאַפֿט. עס ווערט אַרײַנגעטראָגן אַ גרויסע זילבערנע טאַץ מיט אַלדאָס גוטס). וואָס־זשע מאַכט איר עפּעס, מחותן? ווי גייט עס אײַך אין געזונט? וואָס מאַכט עפּעס דער חתן? פֿאַרוואָס זעט מען אים ניט?

ז ײַ ד ע נ ש ט א מ ע ר : וואָס זאָלן מיר מאַכן? מע לעבט, דאַנק גאָט. (צעלייגט זיך גאַנץ ברייטלעך אין אַ ווייכן פֿאָטעל, טראָגט אונטער אַ זילבערן פּושקעלע מיט טאַבעקע צו דער נאָז, רעדט הויך, געציילטע ווערטער, און לאָזט אויס אַלעמאָל מיט אַ לאַנגן „און יאַאַאַאַ!!!". ביי־דע מחותנתטעס זעצן זיך אַוועק איינע אַקעגן די אַנדערע מיט צונויפ־געלייגטע הענט און מע רעדט שטילערהייט).

מ א י ר : וואָס־זשע הערט זיך עפּעס בײַ אײַך? זעט, נעמט עפּעס אין מויל אַרײַן, מחותן. מחותנתטע, נעמט עפּעס! מלכה! בעט, זיי זאָלן עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן!

מ ל כ ה : נעמט עפּעס, פֿאַרוואָס נעמט איר עפּעס ניט, איך בעט אײַך!

ז ײַ ד ע נ ש ט א מ ע ר : ס'איז אַזוי די מעשה. געגאַנגען פֿאַר־בײַ. וואָלט ניט אַרײַנגעגאַנגען. רופֿט זיך אָן צו מיר זי: „לאָמיר אַרײַנ־גיין". זאָג איך: „וואָס עפּעס פּלוצעם אין מיטן דרינען?" זאָגט צו מיר זי: „וואָס אַרט דיך? מיר זײַנען שוין דאָ, לאָמיר אַרײַנגיין". זאָג איך: „מילא, לאָמיר אַרײַנגיין"... און יאַאַאַ!... איך בין, דאַרפֿט איר וויסן, ניט קיין ליבהאָבער אָף גיין. מיר אַלע האָבן ניט ליב גיין. די זײַדענ־שטאָמערס האָבן פֿײַנט גיין. כאָטש אַפֿילו דער דאָקטער האָט מיר אָנגע־

זאגט, איך זאָל דווקא גיין, און דווקא א סך! צוליב דער לופט. ווארעם לופט איז א גרויסער ענין... און יאאא! נאך מײַן זיידע, עליו השלום, פלעגט זאגן, אז לופט — דאס איז אזא מין זאך, וואס סײַ א מענטש, סײַ, להבדיל, א בהמה אדער א חיה, אדער אזוי א לעבעדיקע זאך, קאן זיך אן דעם ניט באגיין. מחמת לופט איז אזא מין זאך, וואס, וואס... פארשטייט איר מיך... נאך דער רמב"ם ברענגט, אז על פּי חכמת הדאָק־טאָריע קומט אויס, אז בשעת א מענטש כאפּט דעם אטעם... און יאאא!.. איר האט דאך געהערט מסתמא פונעם רמב"ם?

מ א י ר : געהערט, ווי דען?... פארוואס נעמט איר עפּעס ניט אין מויל אריין, מחותנתטע, פארוואס נעמט איר עפּעס ניט? מלכה, בעט זיי זאלן עפּעס נעמען אין מויל אריין!

מ ל כ ה : נעמט עפּעס, פארוואס נעמט איר עפּעס ניט, איך בעט אײַך?

ז יי ד ע נ ש ט א מ ע ר : ברענגט ער, דער רמב"ם הייסט עס, ערגעץ אין אן ארט, אז על פּי „חכמת הפילוסופיע" איז לופט כמעט אזוי נייטיק, ווי וואסער. און וואסער איז דאך מים, פון די ארבעה יסודות, הייסט עס... (ציילט אויף די פינגער). רוח—לופט, מים—וואסער, אש—פײַער, עפר—ערד... (טוט א ניס).

א י ט ע ל ע : צו געזונט און צו אריכת ימים!

מ א י ר און מ ל כ ה. צו געזונט און צו אריכת ימים.

ז יי ד ע נ ש ט א מ ע ר. א דאנק... און יאאא!... איז ווי האלט איך, הייסט עס? בײַ די ארבעה יסודות...

א י ט ע ל ע : יא! דו האסט דאך געוואלט, דאכט מיר, שמועסן מיט זיי פון עפּעס אן אנדער ענין גאר?...

ז יי ד ע נ ש ט א מ ע ר : וואס־זשע האבן מיר אזוי קיין צײַט ניט? מיר וועלן נאך ריידן. דו ווייסט דאך, אז די זיידענשטאמערס האבן פײַנט כאפּ־לאפּ. די זיידענשטאמערס האבן צײַט. די זיידענשטאמערס האלטן פונעם גלײַכווערטל: „גיי ניט גיך, וועסטו ניט רײַסן קיין שיך". איר האט געהערט אמאל דאס דאזיקע גלײַכווערטל? דאס איז מײַן זיידנס א ווארט. מײַן זיידע, עליו השלום, האט געהאט אין זיך ווערטער — וואס ווייסט איר? וואס ווייסט איר?... און יאאא!... „דאס עפּעלע, פלעגט ער זאגן, פאלט ניט ווײַט פונעם ביימעלע". און „יחוס־אבות, פלעגט ער זאגן, נא בית־הקברות". אדער: „אז גאט וויל, שיסט א בעזעם". האט איר געהערט אמאל דאס ווארט? איז דאס אויך זײַנס... הא, איטעלע, וואס זאגסטו?

א י ט ע ל ע : זײַנס, זײַנס, זכר צדיק לברכה! נאר מיר דאכט, אז...

ז יי ד ע נ ש ט א מ ע ר : האב קיין יסורים ניט, איך ווייס ווי איך האלט... און יאאא!... איז מײַן זיידע, זכר צדיק לברכה, איז געווען א ייִ א חכם און א גרויסער מיוחס, ווי אײַך איז באוווּסט, דעם אלטן רזשישטשעווער רענדארס אן אייניקל. איר פארשטייט? פון אים זײַט

דער „בעל השור שנגח", פון דער אַנדערער זײַט דער רזשישטשעוער רענדאַר, וואָס געהייסן האָט ער אַהרן און גערופן האָט מען אים „רב אַהרן". דאָס איז ער טאַקע נאָך אים נאָמען, דער חתן אײַערער, אַ שקאָץ אַ גרױסער! װעדליק דער נאָמען זײַנער, װאָלט ער געמעגט זײַן אַ קאַפּיטשקע פרומער, כע־כע, נאָר גאָרניט, מע קאָן מיט הײַנטיקע קינדער גאָרניט מאַכן. אַז ס'איז גאָר געוואָרן אַ מאָדע — אַלע ווילן לערנען זיך! אַלע ווילן לערנען!

א י ט ע ל ע : 'שטודירן אין די קלאַסן.

ז ײַ ד ע נ ש ט א מ ע ר : און יאָאָאָ!... האָב איך געזאָגט מײַן זון: לערנען — וויפל דו ווילסט, אַבי ניט אין די קלאַסן! וואָרעם אונדזער משפּחה, ווי אײַך איז ידוע, איז קיין עין הרע אַ היפּשע משפּחה, וועט איר פונדעסטוועגן ניט געפינען בײַ אונדז ניט קיין דאָקטער, ניט קיין אַדוואָקאַט. ניט מחמת מיר זײַנען, חלילה, אַזעלכע פאַרברענטע חסידים; אַדרבה, מהיכי תיתי, פאַרוואָס ניט? נאָר גאָרניט, מיר זײַנען ניט גורס, מיר האַלטן ניט עפּעס דערפון! (טוט אַ מאַך מיט דער האַנט). און יאָאָאָ!... קענט איר דערפון פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט בײַ מיר, אַז ער קומט צו גיין צו מיר, דער חתן הייסט עס, און זאָגט מיר, אַז באשר אַזוי ווי זי, הייסט עס, וויל, ער זאָל זיך לערנען נאָך...

א י ט ע ל ע : שטודירן, הייסט עס, אין די קלאַסן.

ז ײַ ד ע נ ש ט א מ ע ר : און יאָאָאָ!... זי איז אים מסית ומדיח, רעדט אים צו, הייסט עס, ער זאָל זיך מכין זײַן, צוגרייטן זיך הייסט עס, אין די קלאַסן, און די חתונה, זאָגט זי, זאָל מען אָפּלייגן אויף שפּעטער, אויף אַמאָל, הייסט עס. זי האָט צײַט. כע־כע!...

מ א י ר : (צעטראָגן). װער? ווו?

א י ט ע ל ע : טאַקע אײַער טאָכטער מיינט מען, די כלה, הייסט עס, דרודלט אַז דעם חתן...

מ א י ר : (כאַפּט זיך אויף). האָ? וואָס? ווער? חנה?... מלכּה, דו הערסט?

מ ל כ ה : וויים איך וואָס קינדער פּלאַפּלען!

ז ײַ ד ע נ ש ט א מ ע ר : קינדער, זאָגט איר, פּלאַפּלען? עס קאָן זײַן. מסתמא קענט איר בעסער אײַערע קינדער... איטלעכער קען זײַנע קינדער... איך וויים, אַז מײַנע קינדער פּלאַפּלען ניט. כע־כע! אָט, למשל, מײַנע קינדער זײַנען ניט קיין ציוניסטן. די זײַדענשטאַמערס האַלטן עפּעס ניט פון דעם ציוניזם... ניט מחמת איך האָב עפּעס חלילה צו די ציוניסטן אַ טענה? אַדרבה, מהיכי תיתי, פאַרוואָס ניט? נאָר גאָרניט, איך בין ניט גורס, איך האַלט ניט דערפון! (אַ מאַך מיט דער האַנט). צי אַ שטייגער, כּדומה למשל, די הײַנטיקע ווײַסע־חברהניקעס מיט די הײַנטיקע גענג זייערע, וואָס ווילן איבערקערן די גאַנצע וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף, ווילן זיך צעטיילן מיט אײַער געלט, דרינגען, אַז אַלצדינג, וואָס איר האָט, איז דאָס ניט אײַערס, פרײַער גאָטס און

נאָכדעם פּרעמדס, הייסט עס, ס'איז באַ איַיך סאַמע גנבה, גזלה... און יאַאַאַ!...

מ א י ר : (אויפגעבראַכט). איך האָב באַ קײנעם ניט געגנבהט, קײנעם ניט באַגזלט. איך האָב מײַן געלט כשר פאַרדינט! איך האָב געגנוג געהאָרעוועט דערויף! איך בין גענוג...

ז ײַ ד ע נ ש ט א מ ע ר : (שלאָגט אים איבער). איך ווייס, איך ווייס! ס'ניט איך זאָג עס! דאָס זאָגן זיי, די ווײַסע־חברהניקעס, הייסט עס... און יאַאַאַ!...

מ א י ר : וואָסערע ווײַסע־חברהניקעס?

ז ײַ ד ע נ ש ט א מ ע ר : אָט אָ די דאָזיקע, ווי, למשל, אײַערע, די יִינגערע.

מ א י ר : (טוט זיך אַ וואָרף). האַ?...

ז ײַ ד ע נ ש ט א מ ע ר : איר דאַרפט זיך ניט אָפּעסן דאָס האַרץ, מחותן! ס'איז ניט כדאי, כ'לעבן... (צו מלכהן). וויאַזוי זאָגט איר? קינדער פּלאַפּלען, כע־כע?... (ניסט).

א י ט ע ל ע : צו געזונט און צו אריכת ימים!

ז ײַ ד ע נ ש ט א מ ע ר : אַדאַנק... און יאַאַאַ!... איז ווו האַלט איך, הייסט עס? רעדט זי אים צו, מײַנעם, הייסט עס, ער זאָל זיך נאָך אַ ביסל צולערנען...

א י ט ע ל ע : שטודירן אין די קלאַסן.

ז ײַ ד ע נ ש ט א מ ע ר : און יאַאַאַ!... און איך וויל נאָר אָפּ־שטעלן די חתונה, פּאַרשטייט איר מיך, אויף ראש חודש אלול, מחמת איך האָב ניט ליב קיין קלאַסן, ניט מחמת איך האָב עפּעס צו זיי; אדרבה, מהיכי תיתי, פאַרוואָס ניט? נאָר גאָרניט, איך בין ניט גורס. איך האַלט ניט דערפון! (אַ מאַך מיט דער האַנט). און יאַאַאַ!... (אַ קוק אויפן זייגער, כאַפּט זיך אויף) אוי־וואַ! אַ ביסל פאַרזעסן. מיר וועלן זיך נאָך אומקערן מסתמא צו דעם ענין נאָכאַמאָל, אַז עס וועט האַלטן באַ אָפּשטעלן די התונה, אם ירצה השם... און יאַאַאַ!... איך האָב פײַנט דוחק את השעה זײַן, איך האָב ניט ליב כאַפּ־לאַפּ על רגל אחת. די זײַדענשטאַמערס האָבן צײַט. „וועמ עס לויפט, דער מידט זיך אײַן". האָט איר געהאָרכט אַמאָל דאָס וואָרט? ס'איז אויך מײַן זיידנס, זכותו יגן עלינו. האַ, איטעלע, וואָס זאָגסטו?

א י ט ע ל ע : (גרייט אַף אַוועקצוגיין). אַלץ, אַלץ איז זײַנס, זכר צדיק לברכה!...

ז ײַ ד ע נ ש ט א מ ע ר : (צו מלכהן מיט אַ זײַט). וויאַזוי האָט איר געזאָגט? קינדער פּלאַפּלען? כע־כע! ניט אַלע קינדער פּלאַפּלען. מײַנע קינדער פּלאַפּלען ניט. די זײַדענשטאַמערס פּלאַפּלען ניט... אַ גוטן! (זוכט אַ מזוזה, גייען אַפּ. מאיר און מלכה בלײַבן אַ מינוט אָן לשון, ווי געפּלעפּט).

## אכטע סצענע

מאיר: (צו מלכהן). נו?
מלכה: (צו מאירן). נו?
מאיר: וואָס נו?
מלכה: וואָס וואָס נו?
מאיר: (אַ שטאַרקן שפּײַ אָן דער זײַט). טפו!...

סוף פון ערשטן אַקט.

# צווייטער אַקט

אַ רייַך מעבלירט צימער באַ די שאַלאַנטס, אַנגעשטעלט און אָנגעפּאַקט, ווי אין אַ מעבל־מאַגאַזין. שפּיגלען הויכע; פּאַרטעפּיאַנעס צוויי; שטולן געגילטע; ביל־דער אַף די ווענט אַ סך; אויבנאַן, אין גילדענע ראַמען, צוויי גרויסע פּאָרטרעטן: דער באַלעבאָס אין אַ יאַרמלקע און די באַלעבאָסטע מיט אַ סך פּערל אַפן האַלדז; באַם קאַמין זיצט אַ בייזער הונט מיט אַ מוראדיקן קוק — סכנות נפשות; אַ גליק, וואָס פון גיפּס.

## ערשטע סצענע

מ אַ ש ע : (דרייט זיך אַרום מיט אַ באַרשט, שטעלט צוריק דאָס מעבל, קערט און ראַמט און רעדט צו זיך אַליין). אַ שמוב! דרייַסיק מאָל אַ טאָג דאַרף מען נאָך זיי ראַמען, אויסראַמען זאָל עס זיין!... און קינדער? נו, קינדער! מע זאָל זיי געדיכט זייען און שיטער אויפגייען! פאַרט אָוועק דער באַלעבאָס — קערן זיי איבער די גאַנצע שטוב האָרע־סאָרע! (שטעלט אַוועק אַ שטול און צעברעכט אַ פּיסל). אַ בראָך פאַר אַ בראָך... לאָז עס זיין די כפּרה פאַר מיר און פאַר כל ישראל, זיי האָבן געַנוג!... בעסער פון אַלע איז מאַטווייטשיק, מיטן קאָפּ זאָל ער אָנלייגן! טאָג ווי נאַכט נאָר געקנייפּט זיך!... און אַ פּלאַרעניו! ס'זאָל אַף איר קומען אַן אויסכאַפּעניש! טאָמער וויל די באַלעבאָסטע אַמאָל שענקען אַ קליידל אַן אַלטס, צי אַ פּאָר שיך, לאָזט זי ניט... זי מעג טאַקע ניט פאַרמאָגן קיינמאָל!... אַ שטיקל גליק, וואָס די „באַרישניע" שטעלט זיך איין אַמאָל, די כפּרה זאָל זי זיין פאַר דער „באַרישניע" אינאיינעם מיט דעם קליינעם סאַשקע, פאַרברענט זאָל ער ווערן! מיר צעשניטן אַ פּאָר נייַע קאַלאַשן!... אַנגערוויכערט ווי אין אַ באָד! (עפנט אויף אַ פענצטער און טרייַבט אַרויס דעם רויך מיטן האַנטעך). טאָמער פאָרט אָוועק דער באַלעבאָס אַף איין טאָג, קלייַבן זיך צונויף אַהערצו, צו די „פאַניטש־לעך", גאַנץ קעקעלי־קהל, פון דער וועלט בחורים; דער רוח ווייס זיי, וואָס זיי טוען דאָ; ווישן ניט אָפּ די שטיוול אַפילו; רייַסן זיך אַף די גאַרגלען און רייכערן, און רייכערן, און רייכערן! (טרייַבט אַרויס דעם רויך מיטן האַנטעך, פאַרטשעפּעט און צעברעכט אַ וואַזע). אַ בראָך פאַר אַ בראָך! (פאַרקערט די שטיקלעך וואַזע). לאָז זי זיין די כפּרה פאַר מיר און פאַר כל ישראל, ס'איז באַ זיי דאָ גענוג!...

(הערט זיך אַ קול פון אינעווייניק: „מאַ־שע! מאַ־שע!" — מאַשע הויבט אָפּ אַ קול): איך גיי! איך גיי! (שטיל פאַר זיך). ס'איז אוודאי פּלאַ־רעניו מיט אירע האָר... דריַי שעה דאַרף מען שטיין אַף די פיס בשעת

זי פארקעמט זיך!... א מענטש האט בא זיי א ווערט פון א הונט... עס מעג שוין קומען אף זיי א כאליערע אף אלע באלעבאטים, מע זאל שוין פון זיי אמאל עפעס אויפגעריכט ווערן, ליבער גאט!... (דורך איין טיר גייט מאשע אוועק; עס קומט אן פון דער אנדערער טיר מלכה, נאך איר — פעסל. פעסל קוקט זיך ארום אף אלע זייטן איבערראשט, רעדט גיך, מאלט ווי א מיל).

## צווייטע סצענע

מלכה: וועז־זשע, הייסט עס, קומסטו אן? זיץ פעסל. האָ? וואס זיצסטו ניט?

פעסל: א דאנק, איך קאן באשטיין. (זעצט זיך אוועק מיט א זייט אף איין עק בענקל). ווען איך קום אן — פרעגט איר מיך? מיטן באן קום איך אן. איך בין געפארן פארביי, בין איך געפארן, און האב מיך אנגעהויבן דערפרעגן, צי ווייסט איר ניט, וואס מאכט עפעס טשאלנט? זאגן זיי: וואסער טשאלנט? זאג איך: מאיר טשאלנט. איר קענט ניט מאיר טשאלנט? זאגן זיי: מיר ווייסן ניט קיין טשאלנט; אפשר מיינט איר, זאגן זיי, שאלאנט, מאיר שאלאנט?... זאג איך: איר ווילט שאלאנט, לאז זיין שאלאנט. בא אונדז האבן זיי געהייסן טשאלנט: ער טשאלנט און זי — טשאלנטעכע...

מלכה: (רייסט זי איבער). וואס־זשע מאכט עפעס דיין לייזער?

פעסל: וואס זאל ער מאכן? א מוכר־תבואהניק!... וואס מע טוט און וואס מע מאכט — איז שלים־שלים־מזל! האט ער געהאנדלט מיט ווייץ, איז ווייץ געלעגן ניין איילן אין דער ערד. א חוץ וואס די ווייץ אליין האט געטויגט אף כפרות, איז ניט געווען קיין קונה אף קיין ווייץ, כאטש נעם די ווייץ און ווארף ארויס די ווייץ. זאג איך אים: וואס האסטו זיך אנגעקלעפט אין ווייץ? זעסט דאך, אז די ווייץ איז ניט קיין ווייץ; נעמט מען, זאג איך, און מע קויפט פראסע, און מע קויפט הירזש. גייט ער און קויפט הירזש. ווערט א זול אף הירזש; אומעטום הירזש, וו מען טוט זיך א ווארף — איז הירזש און הירזש! צו וואס האט דיר געטויגט, זאג איך, הירזש? הירזש גייט דיר אפ? זאגט ער: האסט דאך מיר אליין געהייסן קויפן הירזש! האב איך דען געמיינט, זאג איך, דווקא הירזש?...

מלכה: (רייסט זי איבער). נו, און די קינדער דיינע וואס מאכן?

פעסל: די קינדער? לאזן זיי זיין געזונט און שטארק. איר ווייסט ניט היינטיקע קינדער? היינטיקע קינדער איז ניט דאס, וואס אמאליקע קינדער. אמאליקע קינדער זיינען געווען קינדער, און היינטיקע קינדער וואס? היינטיקע קינדער ווייסן נאר גיין אף „מעניסטראציעס", נאר לויפן, און נאר שרייען, נאר ליארעמען, און נאר פילדערן! אז עס קומט אונטער א יום־טוב אדער א כאגע, פאלט מיר ארויס די נשמה: קינדער, גייט ניט! קינדער, לויפט ניט! קינדער, שרייט ניט!...

מ ל כ ה : וויפל קינדער האָסטו?

פ ע ס ל : וויפל קינדער איך האָב? לאָזן זיי זײַן געזונט און שטאַרק! איר האָט דען געזען אַמאָל אַ סך קינדער? ניטאָ קיין צופיל קינדער! וויפל קינדער ס'זאָלן ניט זײַן, זײַנען זיי קינדער! איינע האָב איך די עלטערע, רופט מען זי סאָסל, נאָך דער באָבע סאָסע, איר צו לענגערע יאָר; איז דאָס אַ סאָסל — וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? זינט גאָט האַנדלט מיט סאָסלען, האָט ער נאָך אַזאַ סאָסל ניט געהאַט, מעגט איר מיר גליבן אַף נאמנות! און אַ חתן נעמט זי — שוין איינמאָל אַ חתן, פון חתן־לאַנד אַ חתן! (עס קומט אַן פ ל אַ ר אַ, זעט ניט פאַר זיך קיי־נעם, דרײַט זיך אַקעגן שפּיגל, זינגט אַ לידל און טאַנצט אונטער).

## דריטע סצענע

פ ל אַ ר אַ : (נעמט אַרויס אַ בריוול און לייענט אַף רוסיש). „ליבסטע, טײַערסטע פלאָראַ! דײַן זיס בריוועלע האָט מיך דערקוויקט. איך בין זייער צופרידן, וואָס דײַן פאָטער איז אַוועקגעפאָרן און וואָס איך וועל זיך קאָנען זען מיט דיר הײַנט אַף דער אַפּערעטקע. צווישן טאָג און נאַכט וועל איך מיך אַראָפּכאַפּן צו אײַך און וועל דיך נעמען אין מעאַטער אַרײַן. האָב קיין פּאַראיבל ניט, וואָס איך קום ניט באַלד; איך וויל ניט באַגעגענען זיך מיט דײַנע ברידערלעך, וואָס מיינען, אַז זיי מאַכן גליקלעך די וועלט מיט זייערע „סאָבראַניעס" און מיט זייערע „זאַ־סעדאַניעס". איך האָב פּײַנט דײַנע ברידער און האָב פּײַנט דײַן שוועס־טער מיט די געשאָרענע האָר. איך האָב ליב נאָר דיך אַליין, מײַן טײַע־רער ענגל, מײַן נשמה, מײַן האַרץ, מײַן לעבן פלאָראַ!" (לייגט צונויף דאָס בריוועלע, קוועטשט דאָס צו צום האַרצן). אַך, מײַן ליבער טײַערער מאַקס!

פ ע ס ל : אָט דאָס איז די געגטע אײַערע? די גרושה? אַ בארליאַנט דאָס איז!

פ ל אַ ר אַ : (דערזעט, טוט זיך אַ וואָרף צוריק). וואָס איז דאָס פאַר אַ שלים־מזל? אַלעמאָל, ווען דער פּאַפּאַ פאָרט אַוועק, טראָגט אַן דער רוח אַן אַנדער שוואַרץ יאָר!

פ ע ס ל : שלים־מזל זאָגסטו? שלים־שלים־מזל! וואָס זאָל מען טאָן, אַז גאָט וויל ניט געבן קיין מזל? ווי זאָגט מען דאָס: אַן מזל זאָל מען גאָר ניט געבוירן ווערן! איידער אַ פונט גאָלד איז בעסער אַ לויט מזל... פונדעסטוועגן האָט זיך יעדער מענטש זײַן מזל, און אַפילו אַ קינד, אַז ס'ווערט געבאָרן, אַזוי שטייט, זאָגט מען, בא אונדז געשריבן אין די ספרים, ווערט דאָס אויך געבאָרן מיט זײַן מזל...

פ ל אַ ר אַ : זי האָט זיך עס אַ ביסל צעמזלט! ווער איז די ייִדענע, מאַמע?

מ ל כ ה : דאָס איז פעסל דער מומע סאָסעס, אונדזערע אַן איי־גענע, אַ קרובה דײַנע.

פעסל: (אַף פלאַראַן). אַ באַרליאַנט דאָס איז! (גייט צו, טוט אַ קוש פלאַראַן אין האַנט).

פלאַרא: וואָס־זשע טוט זי דאָ? וואָס דאַרף זי?

פעסל: (אַף פלאַראַן). אַ באַרליאַנט דאָס איז! וואָס איך טו דאָ? וואָס זאָל איך טאָן? גאָרניט, איך בין געפאָרן פאַרביַי, האָב איך מיך אָנגעהויבן צו דערפרעגן: „ווייסט איר ניט, וואָס מאַכט עפּעס באַ אייַך טשאָלנט?" זאָגן זיי: „וואָסער טשאָלנט?"...

מלכה: (רייַסט זי אָפּ). קום, פּעסל, וועלן מיר עפּעס נעמען אין מויל אַריַין. ביסט אוודאי הונגעריק...

פעסל: הונגעריק? ביז מיַין לעבן זאָל איך אַזוי זיַין הונגעריק, ווי איך בין איצטער הונגעריק! פאַר פרייד איז דער גאַנצער הונגער אַוועקגעפלויגן, גלייַך ווי ס'איז גאָר קיינמאָל קיין הונגער ניט געווען אַף דער וועלט! (מלכה נעמט זי אַוועק).

פלאַרא: (האַלט זיך באַ די זיַיטן). כאַ־כאַ־כאַ!

פעסל: (אַף פלאַראַן). אַ באַרליאַנט דאָס איז! (גייט אַוועק מיט מלכהן. פלאַראַ דרייט זיך אַקעגן שפּיגל. עס קומען אַריַין מאָטווי און דאָווידקע).

## פערטע סצענע

דאָווידקע: (קוקט, ווי פלאַראַ דרייט זיך פאַרן שפּיגל. רעדט צו מאָטווייען שטיל) הערסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, מיַין טיַיערער שפּילפויגל? דיַין שוועסטער איז דאָך נאָך עפּעס טאַקע גאָר אַ „שקאַש־קעוואַטע שטוטשקע!"

מאָטווי: פי! וואָס איז דאָס פאַר אַ מין אויסשפּראַך באַ דיר?

דאָווידקע: טאַקע באמת! אַף וואָס דען פאַר אַ שפּראַך ביסטו געווינט געוואָרן צו ריידן, דו דזשענטלמען מיַינער?

פלאַראַ: (דרייט זיך אויס, דערזעט אַ פרעמדן מענטשן, טוט זיך אַ וואָרף צו דער טיר). אַך, פּאַרדאָן!

דאָווידקע: (צו פלאַראַן). פּאַרדאָן איז אַ לאָקשנבערעט... (פלאַראַ ווערט אַנטרונען).

## פינפטע סצענע

מאָטווי: אַט אַזוי רעדט מען מיט אַ דאַמע, דו אומגעבילדע־טער מענטש וואָס דו ביסט?

דאָווידקע: וואָס זאָגט איר אַף דעם תרנגול! למאי האָסטו מיך ניט פאָרגעשטעלט פאַר דיַין שוועסטער? עס שטייט דיר ניט אָן, דו שוטה בן פּיקהאָליץ, דו שאַרלאַט שבשאַרלאַטים, דו פּאַנסקי צאַפּ איינער?

מאָטווי: נאָכאַ! קומסט צו מיר אין שטוב אַריַין מיך זידלען?

דאָווידקע: כאַ־כאַ! צו אים אין שטוב אַריַין! (באַקוקט די שטוב). אַ גרויסן חלק האָסטו אין דער דאָזיקער שטוב!

מ א ט וו יי: מײַן טאַטנס שטוב...

ד א וו י ד ק ע: אַז אַך און וויי איז דײַן טאַטן, וואָס פאַר אַ זון ער האָט אויסגעהאָדעוועט! הער נאַר, דו ווייסט כאַטש, דו גרינער אַגרעס איינער, וואָס איך בין צו דיר אַזוי פרי געקומען?

מ א ט וו יי: דהיינו? זאָג, וועלן מיר הערן.

ד א וו י ד ק ע: איך האָב צו דיר אַ בקשה, מײַן ליבער רב אליקום, אַ טובהלע.

מ א ט וו יי: (ווערט בלייכלעך). אַך, מיטן גרעסטן כבוד!

ד א וו י ד ק ע: מיטן גרעסטן בזיון קערסטו מיינען? מע האָט מיך נעכטן „צעליינט", ווי אַ שעפּס געשלאָגן „צו דער אַדער", כ'האָב געגליט אַ גאַנצע נאַכט ווי „אַף פּאָקן", און בין אַרויס „נקי", ריין ווי אַ טעלער, נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי „אָפּן", ווי הײַנט.

מ א ט וו יי: ווער האָט דאָס דיך אַזוי אָפּגערייניקט?

ד א וו י ד ק ע: ווער ניט? תחילת האָב איך געהאַט שוין אַנגעשלאָגן אַ היטל מיט גאָלד; טראָגט אַן דער רוח דעם שוואַרצן „קאַטער", און זוויבאַלד דער שוואַרצער קאַטער שטעלט זיך אַוועק און הייבט אָן „שמירן" פאַר מיר, אַזוי ווייס איך פריִער, אַז איך וועל אַרײַן ווי קורח. איך וועל ברענען ווי אַ שטרויענער דאַך — אַזאַ שלים־מזל איז דאָס, ברענען זאָל ער! טוט ער אַ קוק אין וואַסער — הייבן אָן פּגרן פיש... וואָס טויג דיר גרויס — איך האָב מיך „אַרויפגעריסן" אַף די ריינע דרײַצן „פּאָסן"!

מ א ט וו יי: (מיט ברענענדיקע אויגן). דרײַצן פּאָסן?!

ד א וו י ד ק ע: ווי די בערן!

מ א ט וו יי: ווער האָט „געוואָרפן" די „באַנק"?

ד א וו י ד ק ע: דו ווייסט ניט ווער? אַלץ דער פלאַקנשיסער! פאַרשטערט זאָל אים ווערן! אים, אַז עס גייט אַוועק דאָס „בלעטל", קאָן ער אויסטאָן די גאַנצע „קוליסע" אָדם־נאַקעט, צונעמען ווו ס'איז דאָ ערגעץ אַ העלער און לאָזן זיצן דעם עולם אָפּן קלאָץ!... איך שאַרף אַף אים די ציין שוין פון לאַנג; איך מוז אים אַמאָל כאַפּן און אָפּבײַסן אַן אויער! זײַן גליק, וואָס איך בין איצטער אַן „אַראָפּטשיק", גיי אַרום אַן קליינגעלט... און אָפּן „פּאַנף" וויל ער מיט מיר ניט שפּילן; קרײַט איז אַ רפואה, זאָגט ער, צו ווערעם, ווערעם זאָלן עסן זײַן לײַב!... וועסט מיך דערהאַלטן בײַ מײַן לעבן, הערסטו, אַז דו וועסט ביר געבן אַ ביסל גאָלד.

מ א ט וו יי: (דערשראָקן). ווי קומט צו מיר גאָלד?

ד א וו י ד ק ע: מאַך נאַר ניט קיין אַנשטעלן, דו זויערע קיסליצע, און גיב אַהער צוויי „שמאַטעס". זײַ נאַר ניט דאָס, וואָס סע קווי־טשעט!

מ א ט וו יי: (כאַפּט אַרויס דעם טײַסטער). איך זאָל אַזוי רייַן זײַן פון שלעכטס! נאַ, זע!

ד א ו י ד ק ע : (שטופּט אים אַף דעם טײַסטער). די קונצן גײַען בײַ מיר ניט אָן! ווייסט דאַך, אַז איך בין אַ מבין אַף אַ משאַד, הײַנט וואָס מאַכסטו אָנשטעלן, דו פּרא־אָדם, דו פּוסטע גלאָק, דו „באָסיאַק" אײנער? און אַז עס מאַכט זיך, ד ו בלײַבסט זיצן אין קלוב אַז פּאַרדעם, גיב איך דיר ניט, דו יאָקל בן פלעקל, דו הונט אײנער, דו כלב שבכלבים?! (עס קומען אָן פון אַן אינעווײניקסטער טיר ח י י ם און וו א ל א ד י ע ; נאָך זײ — פּאַרלעכווײַז יונגעלײַט און בחורים מיט שוואַרצע און בלויע העמדלעך — חײמס און וואָלאָדיעס חברים; אויך מײדלעך מיט אונטערגעשאָרענע האָר און מיט צעפּלעך און מיט רויטע בלוזקעס; אײניקע גײען אַחום הין און צוריק, ריידן מיט היץ, מאַכן מיט די הענט; אײניקע וויגן זיך אין די וויגשטולן; אײניקע צעלייגן זיך אין די ווייכע פּאַטעלן, ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, און רייכערן. אַ פּאָר מײדלעך זעצן זיך אַוועק צום פּאַרטעפּיאַן; אײנע קלאַפּט מיט די הענט איבער די בײנדלעך. באַזונדער, אין אַ זײַט, שטײט ח נ ה ; אַקעגן איר — א ר א נ ט ש י ק. טענהט עפּעס, האַלט אַ פּאַפּיר. מאַטוויי און דאַווידקע בלײַבן שטיין אין אַ ווינקל הינטער די בלומען; מע זעט זיי ניט).

## זעקסטע סצענע

ע ר ש ט ע ב ל ו ז ק ע : וואָס טוסטו?

צ ו וי י ט ע ב ל ו ז ק ע : איך שפּיל אַפן בורזשואַזנע אינסטרומענט.

ע ר ש ט ע ר ח ב ר : אינטערנאַציאָנאַליזם! אינטערנאַציאָנאַליזם!... פּאַר אַ פאָלק, וואָס האָט אַ טעריטאָריע, זיצט אַף זײַן ערד, איז גרינג צו ריידן פון אינטערנאַציאָנאַליזם, זיך משדך זײַן מיט אַנדערע פעלקער; פאַר אונדז, יידן, איז דאָס אַ שחיטה!

צ ו וי י ט ע ר ח ב ר : מיט וואָס איז דאָס אַ שחיטה?

ח יי ם : אַזוי. ווארעם אַלע גרויסע פעלקער, נאָך אַלע טענות, בלײַבן פּאַרט באַלעבאָס בײַ זיך אין לאַנד. ענגלענדער וועלן תמיד זײַן ענגלענדער; פראַנצויזן וועלן תמיד בלײַבן פראַנצויזן. און פון אונדז וואָס וועט בלײַבן? אַט דאָס אַ! (בלאָזט פונעם פּאַפּיראָס).

ד ר י ט ע ר ח ב ר : אַן אומגליק מיט די ציוניסטן! באַלד זײַנען זיי דאָ מיט זייער נאַציאָנאַליטעט! מע רעדט פון פּאַראײניקן זיך קעגן קאַפּיטאַל, פירן אַ מלחמה מיט דער בורזשואַזיע, קומען זיי צוגיין מיט זייער פאָלקס־געפּיל און מיט זייער גאָט... אַ סך האָט איר געפּועלט מיט אײַער נאַציאָנאַליזם? ווהין זײַנען אַהינגעקומען אונדזערע גרויסע יידן: שפּינאָזע, הײַנע, בערנע, לאַסאַל, מאַרקס און נאָך כדומה? איר האָט געזאָרגט פאַר אײַער נאַציאָנאַליטעט, און זיי זײַנען זיך דערווײַל אַוועק צו פרעמדע...

װ אַ ל אַ ד י ע: װאָסערע פּרעמדע? ניטאָ קיין אייגענע! ניטאָ קיין פּרעמדע!

פּ ע ר ט ע ר ח ב ר: אַהאַ! קאָסמאָפּאָליטיזם האָט זיך שוין צערעדט!

פ י נ פ ט ע ר ח ב ר: מע איז אַרײַנגעגאַנגען אַהער זיך אָפּרוען פון דער דיסקוסיע, האָבן זיי פאַרבונדן דאָ אַ פרישע דיסקוסיע. משוגעים!

ז ע ק ס ט ע ר ח ב ר: (לאַכט). כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!

אַ ל ע: װאָס איז אָף אים אַזאַ געלעכטער?

ז ע ק ס ט ע ר ח ב ר: קומט אַהער, װעט איר עפּעס הערן אַ שײנס! (אַלע לאָזן זיך צו אים). זעט איר? (ער נעמט בײַ חנה׳ס חתן אַ פּאַפּיר פון די הענט). דאָס האָט זײַדענשטאַמער געבראַכט צו טראָגן אַהער אַ „פּעטיציע"!

אַ ל ע: אַ „פּעטיציע"?

אַ ר אַ נ ט ש י ק: (רויט. װישט זיך דעם שװייס, שטעלט אַרויס אַ שװערע גאָלדענע קייט מיט אַ גרויסן מעדאַליאָן). װאָס איז פאַראַן װאָס צו לאַכן? אַלע גייען היינט מיט פּעטיציעס, פאַרװאָס זאָלן מיר ניט גײן מיט אַ פּעטיציע? מיט גוטן אַז מיר װעלן גײן, װעלן מיר תמיד בעסער מאַכן... דאָס האָט איר נומער איינס... (האַלט דעם פינגער אַזוי, אַז מען זאָל זען, װי דער בריליאַנט פונעם רינג פינקלט).

ע ר ש ט ע ר ח ב ר: װילט איר, אַז מיר זאָלן חתמענען אָף אײַער פּעטיציע?

אַ ר אַ נ ט ש י ק: פאַרװאָס ניט?

צ װ ײ ט ע ר ח ב ר: אפשר װאָלט איר זיך מטריח געװען זי איבערלייענען?

ד ר י ט ע ר ח ב ר: (צום צװייטן). האָסט, אפנים, מער ניט װאָס צו טאָן? (דער עולם לאַכט).

ח נ ה: (גייט צו). װאָס איז דאָ? (צום חתן). װאָס איז? (זיי רײדן ביידע שטילערהייט. אַראַנטשיק באַהאַלט דאָס פּאַפּיר צוריק אין בוזעמקעשענע, װישט דעם שװייס, שטעלט אַרויס די גאָלדענע קייט מיטן גרויסן מעדאַליאָן).

װ אַ ל אַ ד י ע: (קוקט אָפן זייגער). שוין באַלד איבערגעגאַנגען די מינוטן, קינדער, קינדער, צו דער אַרבעט! די צײַט שטייט ניט! (קלינגט מיט אַ גלעקל. אַלע הייבן זיך אויף פון די ערטער, װאַרפן אַװעק די פּאַפּיראָסן אָף דער ערד, צעטרעטן מיט די פיס, און לאָזן זיך גײן אַלע אין איין טיר. חנה מיטן חתן גייען פון הינטן).

## זיבעטע סצענע

ד אַ װ י ד ק ע: װאָס איז דאָס? װאָס פאַר אַ קאָמעדיע בײַ אײַך? װער זײַנען די דאָזיקע לײַט?

מאטוויי: סאיז בא זיי אן אסיפה... חברה יונגווארג... ציו־ניסטן... סאציאל־דעמאקראטן...

דאווידקע: וואס ווילן זיי?

מאטוויי: ווייסט ניט וואס זיי ווילן?

דאווידקע: איך זאל אזוי וויסן פון דיר.

מאטוויי: האסט קיינמאל ניט געהערט דאס ווארט פראלע־טאריאט?

דאווידקע: איך זאל דיך אזוי האבן פאר א טאטן.

מאטוויי: זיי ווילן, פארשטייסטו מיך... זיי שטעלן זיך איין פאר די ארעמע ארבעטער. זיי ווילן איינפירן, ס'זאל זיין ווינציקער גע־ארבעט און מער גענומען געלט. הייַנט פארשטייסטו שוין, דו גויעשער קאפ?

דאווידקע: אט דאס איז גאר? דו פוסטע כלי וואס דו ביסט! דאס אייגענע ווילן מיר דאך אויך!...

מאטוויי: וואס דען מיינסטו? קום, וועלן מיר מאכן אן עקארטע.

דאווידקע: האסט דאך געזאגט, אז דו האסט קיין געלט ניט, דו שקרן, דו כזבן, דו ליגנער וואס דו ביסט!... ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגן, פאני פיפערנאטער? ס'איז בא איַיך א שטוב פון סאמע משו־געים, לאם איך אזוי לעבן מיט דיר איינאיינעם. קום, יאקים!... (גייען אפ. עס קומען אן מלכה מיט פעסלען).

## אכטע סצענע

פעסל: (מאלט ווי א מיל). גאט זאל איַיך העלפן, מלכהניו, איר זאלט תמיד זיין רייך, און תמיד געזונט, און תמיד אויפגעלייגט, און תמיד פריילעך. איך זע, ס'איז בא איַיך א שטוב, קיין עין הרע, וואס ס'איז תמיד פריילעך, קיין עין הרע, אזויפיל געסט בא איַיך. (וויַיזט מיט דער האנט אף דער טיר, וווּ עס הערן זיך קולות פון יונגווארג).

מלכה: (קוקט אף יענער טיר, זיפצט). געסט? הלוואי וואלטן זיי בעסער ווינציקער געגאנגען אהער, וואלט איך געווען רויִקער...

פעסל: (מאכט זיך ניט הערנדיק, מאלט וויַיטער). קיין עין הרע, אזא ראסקאש ווי בא איַיך, קיין בייז אויג זאל ניט שולט זיין. וואס פעלט איַיך?

מלכה: זאל עס מיר צוקומען! אונדז פעלט נאר שלום־בית. ווייסטו שוין, וואס אונדז פעלט?...

פעסל: (מאכט זיך ניט הערנדיק). הייַנט די קינדערלעך איַיערע, קיין עין הרע, קיין בייז אויג, בארליאנטן! און דעם נחת, וואס איר האט פון זיי, מיטן כבוד, קיין עין הרע, קיין בייז אויג!

מלכה: וויִ איך האב ערגעץ א שונא, רבונו של עולם!... נחת

זאָגסטו? אַ שיינער נחת! די עלטערע טאָכטער גענגט זיך... די זין ווילן ניט חתונה האָבן... באַם עלטערן שיט זיך שוין אַ בערדל... די יינגערע האַלטן אין איין לערנען מיט איין גיין אַף סאַבראַניעס־גוליאַניעס... צי־כערט אַף מיר דאָס לייַב פאַר זיי... ריידן אַזעלכע ווערטער, אַז מע קאָן שטאַרבן!... אַז ער איז אינדערהיים, מאַיר הייסט עס, האָט מען כאָטש אַ ביסל דרך־ארץ, פאַרט אַ מאַנצביל! און פאָרט ער אַוועק אַף איין טאָג, קערט מען איבער די שטוב! מע קלייַבט זיך צונויף, ווו ערגעץ אַ שלע־פער, אַ בעל־מלאכה, אַף טיש און אַף בענק! און פרוּוו זאָגן אַ וואָרט, ביסטו ניט זיכער מיטן לעבן!... ס׳איז עפּעס גאָר הפקר געוואָרן, עפּעס אַ פאַרקערטע וועלט: טאַטע־מאַמע האָבן היינט מורא פאַר די קינדער... וואָס, ניט אַזוי?

פ ע ס ל : וואָס זאָלט איר קלערן, מלכהניו, ס׳איז אין אונדזער גאַס אויך ניט בעסער. מע דאַרף היינט פאַר קינדער האַלטן דאָס היטל; אַניט, כאַפּן זיי אַ שטעקן מיט אַ רויטע פאַטשיילע און מע גייט אַרום אַף אַ „מעניסטראַציע”...

מ ל כ ה : (ציטערט אַזש). מער ווי פאַר אַלע האָב איך מורא פאַר מייַן וואָלאָדיען — אָט אַ יענער, וואָס כ׳האָב דיר אָנגעוויזן, מיטן העמדל... מילא, דער עלטערער איז טאַקע אַפילו אַ גרויסער גאַרנישט, ווערט פאַרפאַלן אַמאָל אַף אַ גאַנץ מעת־לעת; ווער ווייס ווו ער איז גע־ווען? איז ער אָבער דערפאַר אַ שטילער, מישט זיך ניט אַהין, ווו מע דאַרף ניט... וועט קומען די צייַט, וועט ער מסתמא חתונה האָבן, ווערן אַ מענטש... דער אַנדערער איז זייער אַ ווילער, איז ער אָבער אַ „צע־ניסט”, אַ פייַעריקער „צעניסט”!

פ ע ס ל : (שאָקלט מיטן קאָפּ). אייַ־אייַ־אייַ! ווי קומט עס צו־נ־אייַך?

מ ל כ ה : לאָם איך אַזוי וויסן שלעכטס מיט דיר אינאיינעם... למאי וואָלאָדיע? פון וואַנען קומט צו מיר אַזאַ וואָלאָדיע? דער וואָלאָדיע האָט אַף זיך אַ קאָפּ, וואָס מע זאָל אויספּאָרן די גאַנצע וועלט! ער האָט אים ליב דאָס חיות, מייַן מאַיר הייסט עס... ער זאָל אָבער הערן, וואָס דער וואָלאָדיע רעדט! ער זאָל וויסן, וואָס דער וואָלאָדיע טוט! (בייגט זיך צו צו פעסלען אַפן אויער). ער לערנט זיך שיסן...

פ ע ס ל : (שאָקלט מיטן קאָפּ, שמוצערט מיט די ליפּן). דער איי־בערשטער זאָל שומר ומציל זייַן! פונקט דאָס אייגענע, וואָס באַ אונדז. באַלד עפּעס — שיסן זיי!...

מ ל כ ה : איין שטיקל נחת וואָלט איך געהאַט פון מייַן קלענע־רער טאָכטער, פון מייַן חנהלען; קוים דערלעבט אַ שידוך טאָן, און נאָך וואָס פאַר אַ שידוך! משהלע זיידענשטאַמער — דער ערשטער יחוס באַ אונדז! און אַ חתן — אַזאַ יאָר אַף מיר! אַ שטיק גאָלד! האָסט דאָך אים געזען?

פ ע ס ל : אַ בריליאַנט דאָס איז! קיין עין הרע, קיין בייז אויג!

מלכה: איז אבער מײַן מזל אַזוי גרויס, אַז זי וויל ניט חתונה האָבן.

פּעסל: ווײ איז מיר! וואָס הייסט, זי וויל ניט חתונה האָבן?

מלכה: זי וויל זיך לערנען וויל זי... מיינסט, זי איז ווײַניק געלערנט? געלערנט מיט סכנת-נפשות! נאָר וואָס דען? פאַר איר איז סאַרג, זאָגט זי, זי וויל גאָר! טענה איך מיט איר: נו, און די חתונה? זאָגט זי: די חתונה וועט מען זײַן שפּעטער מיט עטלעכע יאָר... הו הערסט? אַ גליק, הערסטו, וואָס ער, מאיר הייסט עס, ווייס ניט דערפון. ער ווייס גאַרניט, מע באַהאַלט פון אים, מע האָט פאַר אים דרך-ארץ. פּאַרט אַ מאַנצביל! אַ מאַנצפּאַרשוין! (עס פליט אַרײַן ווי אַ וויכער סאָשקע, גלײַך צו דער מוטער).

נײַנטע סצענע

סאשקע: מאַמע, געלט! געלט, מאַמע! דאַוואַי דיענגי!

מלכה: (צו דער קעשעניע). שאַ! וואָס פאַר געלט? אָף וואָס איז געלט?

סאשקע: אָף וואָס? (טראַכט אַ ביסל). אָף... טינט!

מלכה: טינט? קאָרג טינט איז שטוב, טאַטעניו? ערשט נעכטן געקויפט אַ פלאַש טינט! ווער טרינקט אויס אַזויפיל טינט?

סאשקע: נו, פּענעס!

מלכה: פאַרשטייט זיך, אַז ניט קיין טינט, איז פּענעס.

פּעסל: אַט דאָס איז אײַער מיזיניקל, לעבן זאָל ער? אַ באַר ליאַנט דאָס איז, קיין עין הרע, קיין בייז אויג! (מלכה ציילט אים געלט, פּעסל שאָקלט מיטן קאָפּ, מאַכט גרימאַסן; סאשקע, הינטער אירע פּלייצעס, מאַכט איר נאָך. מלכה ווינקט צו אים, ער זאָל אַוועקגיין. סאשקע אַנטלויפט. עס לויפט אַרײַן מאַשע דאָס שטוב-מיידל מיט אַן איבערגעשראָקן פּנים).

צענטע סצענע

מאשע: געקומען אַהער דער נאַדזיראַטעל מיטן „משעסנע פּריסטאַוו"... אַ פולער הויף... אַרומגערינגלט די גאַנצע שטוב אַרום און אַרום...

מלכה: (אַ פּליעסק מיט די הענט). אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! (לאָזט זיך אין יענעם חדר, ווו די קינדער. פּאַלט חלשות).

פּעסל: (וואַרפט זיך צו מלכהן). גאָט איז מיט אײַך, מלכהניו! האַרצעניו! נשמהניו! וואַסער! גיכער! ברענגט אַהערצו וואַסער!... (עס הערט זיך אַ רעש אין יענעם צימער, ווו קליינוואַרג איז. — גיך שפּרינגט

אַרויס פון דאָרטן אַראַנטשיק, בלאַס ווי דער טויט, לויפט אַרום, ווי אַ פאַרסמטער איבערן זאַל; אַלע טירן זיינען צו).

א ר אַ נ ט ש י ק : (רעדט צו זיך אַליין). מע דאַרף זיך באַציִיטנס אַפּטראָגן פון דאַנען... וואָס האָב איך דאָ צו טאָן?... ניט מחמת איך האָב מורא! וואָס האָב איך מורא? גאָר גאָרניט, איך האָב עס פיַינט!... (שפרינגט אַרויס דורכן פענצטער).

סוף פונעם צווייטן אַקט.

# דריטער אַקט

די זעלבע דעקאָראַציע, וואָס אין ערשטן אַקט. — מ א י ר גייט אַרום צע־טראָגן, די הענט אַרונטער. — מ ל כ ה, אין אַ פּאָריק און אין ברילן, זיצט איבער אַ גראָבן קרבן־מנחה און דאַוונט שטילערהייט מיט אַ פֿרום פֿאַרווײנט פּנים. טישט איין בלעטל נאָכן אַנדערן.

## ערשטע סצענע

מ א י ר : יאָ, פֿײַן, פֿײַן... האָסט זיך שיין אויסגעפּײַנט, מאיר שאַלאַנט, שיין!... די טאָכטער אַנטלאָפֿן — און מיט וועמען? מיט עפּעס אַ נאַקעטן פּראָוויזאָר, צי אַ ציינרײַסער, אַ דאַנטיסט. דער רוח ווייס זיי דאַרטן! און דער זון זיצט... (שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע, ברעכט די הענט). און ווער איז שולדיק, אַז ניט דו?

מ ל כ ה : (דאַוונט). איך?

מ א י ר : ווער דען? איך?

מ ל כ ה : נו, לאָז זײַן איך.

מ א י ר : זאָג אפשר, אַז ניין? דו ביסט דאָך די מאַמע!

מ ל כ ה : נו, יאָ. איך בין אַ מאַמע. (דאַוונט).

מ א י ר : ווער דאַרף אַכטונג געבן אױף קינדער, אַז ניט די מאַמע? אַ מאַמע באַדאַרף צו וויסן וואָס בײַ אירע קינדער קאָכט זיך. אַלצדינג, אַלצדינג באַדאַרף אַ מאַמע וויסן! (שרײַט אַלעמאָל העכער).

מ ל כ ה : ביסט גערעכט, גערעכט. אַלצדינג באַדאַרף אַ מאַמע וויסן. נאָר וואָס דען? איין זאַך וועל איך פֿון דיר בעטן: אַז געשריי. טאַקע דער אייגענער גוואַלד, נאָר אַ ביסעלע שטילער. לאָז כאָטש די גאַס ניט וויסן אונדזער אומגליק!

מ א י ר : אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראָד!... עס ווייס שוין מסתמא פֿון דעם די גאַנצע שטאָט פֿון איין עק ביזן אַנדערן עק... אַזאַ־נ־אומגליק! אַזאַ בזיון! וואָס וועט מען זאָגן? שיין געלערנט קינדער! (שטעלט זיך אָפּ, טוט אַ זעץ מיט דער האַנט איבערן טיש). מלכה!

מ ל כ ה : (טוט זיך אַ וואָרף). האַ? וואָס איז דיר?

מ א י ר : דו דאַוונסט? די טאָכטער דײַנע שפּאַצירט אַרום ערגעץ דער רוח ווייס מיט וועמען, דער זון זיצט גאָט ווייס ווו און מיט וועמען — און דו דאַוונסט?

מ ל כ ה : איך דאַוון, וואָס דען? אַזוי ווי דו? אַזוי ווי איר, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפֿן דאָס דאַוונען מיטן גאַנצן יידישקייט? אַליין געוואָרן אויס ייִד, און די קינדער געמאַכט פֿאַר גויים... מאיר! מיר האָבן פֿאַר־

זינדיקט פאַר גאָט, מאיר, באַדאַרף מען אים דאַוונען. דאַוונען דאַרף מען אים!...

מ א י ר : נו, דאַוון, דאַוון, געזונטערהייט. ווער לאָזט דיך ניט?... (גייט אַרום). אַף איין טאָג נאָר אַרויסגעפאָרן אין וואַלד — וואָס דאָ טוט זיך! אַן איבערקערעניש: מע באַדאַרף עפּעס טאָן... לויפן... שרייַבן... בעטן... שיטן געלט... ראַטעווען אַ קינד... אַזאַ קינד! איך וועל ניט זיצן דאָ בשעת ער וועט זייַן דאָרטן, גאָט ווייס ווו און מיט וועמען!... (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ). מע דאַרף שרייַבן אַ בריוו, אַ פּראָשעניע... ווו זייַנען ערגעץ די קינדער? ווו איז מאַטוויי?

מ ל כ ה : (דאַוונט). מאַטוויי איז ניטאָ.

מ א י ר : וואָס הייסט, ער איז ניטאָ? ווו איז ער?

מ ל כ ה : איך ווייס ווו ער איז?

מ א י ר : ווער דען ווייס? ביסט אַ מאַמע, צי ניין? ווו איז מאַטוויי, פרעג איך דיך?

מ ל כ ה : שאַ, שרייַ נאָר ניט אַזוי, מע ווערט פון דיר ניט גליקלעך... איך באַדאַרף וויסן, ווו מאַטוויי איז! מע פרעגט באַ מיר, צי מע דערציילט מיר? ביסט נאָר אַוועקגעפאָרן פון דער היים, קוק איך אים ניט אָן אין די אויגן שוין דרייַ מעת-לעת!

מ א י ר : (אויסער זיך). האַ? וואָס? דרייַ מעת-לעת?! ווו זייַנען דייַנע אויגן? אַ קינד גייט אַוועק אַף דרייַ מעת-לעת פון שטוב — עס זאָל זי אפילו אָנהייבן אָרן! זי זאָל דאָס אפילו אַ פרעג טאָן, וווהין מע גייט! וואָס פאַר אַ מאַמע ביסטו, פרעג איך דיך? ביסט אַ מאַמע, צי ניין?

מ ל כ ה : טשעפּע זיך אָפּ, איך בעט דיך! וואָס פאַר אַ מאַמע בין איך דיר, אַז מע הערט מיך ווי דעם הונט. פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן! וואָס פאַר אַ מאַמע בין איך אייַך, אַז איר אַלע לאַכט פון מיר, מאַכט מיך מיט דער בלאָטע גלייַך? וואָס פאַר אַ מאַמע קאָן איך שוין זייַן, אַז דו אַליין האָסט זיי געלערנט פון קינדוווייַז אויפשטעלן דער מאַמע אַ פייַג? אַליין געמאַכט אַ תל פון די קינדער — און טשעפּעט זיך! וואָס? זאָג אפשר, אַז ניין?

מ א י ר : גוט-גוט. ביסט גערעכט, גערעכט... ווו איז חיים? (שרייַט). חיים! חיים! (עס קומט אַרייַן ח יי ם).

## צווייטע סצענע

מ א י ר : (צו חיימען). ווייסט ניט, ווו איז ערגעץ מאַטוויי דעם דריטן טאָג?

ח יי ם : פון וואַנען זאָל איך וויסן?

מ א י ר : וואָס הייסט, פון וואַנען זאָלסטו וויסן? ער קער דיר, דאַכט מיר, אַזוי אַן אַ ברודער, ווי דו אים? צי ניין?

ח יי ם : אַ ברודער קער ער מיר אָן, נאָר ווו ער איז ווייס איך ניט.

מ ל כ ה : וואָס ווילסטו פונעם קינד? פון וואַנען זאָל ער וויסן?

מ א י ר: פאַרוואָס זאָל ער ניט וויסן? פאַרוואָס וויים ער צו מאַכן סאַבראַניעס מיט זאַסעדאַניעס, אַז איך פּאַר אַוועק? (צו חיימען, איראניש). וואָס הערט זיך עפּעס מיט דײַן ארץ־ישראל?

ח יי ם: מײַן ארץ־ישראל? ארץ־ישראל איז אַזוי מײַנס ווי דײַנס.

מ א י ר: געוויס! (מיט גיפט). רעכנסט אפשר איינציקן טאָקע זיך דורכפאָרן אַהינצו. האַ?

ח יי ם: פאַרוואָס ניט?

מ א י ר: און טאָקע אין איינוועגס דאָרטן בלײַבן זיצן?

ח יי ם: מיטן גרעסטן כבוד.

מ א י ר: (צום ווײַב). מלכה, דו הערסט?

מ ל כ ה: וויים איך וואָס אַ קינד פּלאַפּלט!

מ א י ר: (צו חיימען). וואָס רעכנסטו, אַ שטייגער, דאָרטן צו טאָן, כדומה למשל?

ח יי ם: דאָס, וואָס אַלע קאָלאָניסטן: באַאַרבעטן די ערד, פּלאַנצן ביימער, ווײַנגערטנער.

מ א י ר: (צום ווײַב). מלכה, דו הערסט? (נעמט חיימס האַנט). ער וועט גראָבן ערד! פּלאַנצן ביימער! כאַ־כאַ־כאַ! וואָס זאָגסטו אויף דעם ערדגראָבער? אויף דעם ביימערפּלאַנצער?

מ ל כ ה: וויים איך וואָס קינדער פּלאַפּלען!

מ א י ר: (מיט כעס צום ווײַב). בהמה! יענער רעדט ווערטער, און זי זאָגט (קרימט זי איבער): קינדער פּלאַפּלען!... (צו חיימען). זאָג מיר נאָר, זונעניו. קיין שענערע פּרנסה האָסטו דיר שוין גאָר ניט געקאָנט געפינען, אַ חוץ ערד גראָבן און ביימער פּלאַנצן?

ח יי ם: מיט וואָס איז ערד־אַרבעט מיאוסער, ווי זײַן דעם פּריצס אַ ייִד? מיט וואָס איז קויפן און פאַרקויפן וואַלד אין גלות שענער, ווי פּלאַנצן ביימער באַ זיך אין דערהיים, אינעם אייגענעם לאַנד, צווישן אייגענע ברידער און שוועסטער?

מ א י ר: (צו מלכהן). דו הערסט? איך האָב אים גאָר קיינמאָל ניט געהאָרכט אַזוי ריידן! (צו חיימען, איראָניש). ווען־זשע רעכנסטו מאַכן די רײַזע, אם ירצה השם, אין אַ גוטער שעה?

ח יי ם: אפילו הײַנטיקן טאָג... מע דאַרף פריִער דאָס פאָלק רירן פונעם אָרט, צוגרייטן אונדזערע אָרעמע ברידער, די אַרבעטער.

מ א י ר: ביסטו דאָס פון די דאָזיקע, וואָס רירן דאָס פאָלק? פון די דאָזיקע, וואָס גרייטן צו די אָרעמע ברידער?

ח יי ם: ווער דען? איר, וואָס זײַט שטענדיק פאַרנומען נאָר מיט אײַער געלט און נאָר מיט אײַערע געשעפטן? צי אַזעלכע, ווי מאַטוויי, וואָס איז פאַרנומען מיט זיך אַליין? צי אפשר זײַדענשטאַמער מיט זײַנע קינדער?

מ א י ר: ביסטו דאָס מחויב זיך אָננעמען די קריוודע פון אַלע אָרעמע־לײַט? ווי געפעלט עס דיר!

ח יי ם : מחויב זיינען מיר אלע, ווארעם מיר אלע זיינען קינדער פונעם ארעמען יידישן פאלק, וואס ליידט שוין באלד צוויי טויזנט יאר און וואס האט ערשט ניט לאנג אויפגעוואכט פונעם שווערן מוראדיקן שלאף, ערשט ניט לאנג אויפגעעפנט די אויגן און דערזען ווו ער איז אין דער וועלט.

מ א י ר : וואס איז דאס מיט אייך געווארן אזעלכעס? איך מיין דיך... וואלאדיען... חנהן... איך האב קיינמאל ניט געהערט פון אייך אזעלכע ווערטער!

ח יי ם : ווארעם דו האסט זיך קיינמאל ניט אינטערעסירט, מיט אונדז קיינמאל ניט גערעדט פון אזעלכע עסקים...

מ א י ר : אזעלכע עסקים? וואס פאר עסקים בא אייך? ווי קומט צו אייך עסקים? דער — מיט ציוניזם! יענער — מיט ביכלעך! וואס פאר ביכלעך האט מען דאס געפונען בא וואלאדיען? דו מוזט דאך וויסן! אפשר וועט מען עפעס קאנען טאן? ראטעווען אים?

ח יי ם : איך האב דיר שוין געזאגט, אז איך קאן דיר, ליידער, גארניט זאגן, וואס מיט וואלאדיען איז געווען, ווארעם איך מיט וואלא־דיען גייען אין פארשיידענע וועגן...

מ א י ר : אין פארשיידענע וועגן? נאט אייך א גראשן פאר אלע אייערע וועגן!...

ח יי ם : איטלעכן מאלט זיך אוים, אז ער גייט אין רעכטן וועג...

מ א י ר : אזא יאר אף אלע מיינע שונאים. איינער בעסער פונעם אנדערן! די עלטערע זיינען אוועק דער שווארציאר וויים וואהין; האב איך גערעכנט פון אייך כאטש א שטיקל נחת; צום סוף האבן זיי זיך גענומען צו פרעמדע עסקים גאר! געשעפטן!

ח יי ם : (מיט פייער). פארוואס עפעס פרעמדע? ס'איז אייגענע, ניט קיין פרעמדע! ווען שלאגט מען? אייגענע, צי פרעמדע? וועמענס ברידער ליידן? אייגענע, צי פרעמדע? צי מיינסטו, אז אלצדינג, וואס קומט פאר אציננד בא יידן, מיינט מען דאס יענעם, ניט דיך?

מ א י ר : (ארויס פון די כלים). שטיל זאל זיין, דו שנעק איינער! אט אזוי רעדט מען מיט א טאטן?! (לאזט זיך צו אים).

מ ל כ ה : (שטעלט זיך אוועק אינמיטן). מאיר! זאל איך שלעכטס האבן, זאל איך שטארבן, אויב דו וועסט מיר אנרירן דאס קינד! (עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין ב ע נ י ע מיטן זאנטיק. חיים גייט אפ).

## דריטע סצענע

ב ע נ י ע : (מאכט א „בואי־בשלום"). א גוטער מארגן זאל אייך זיין, רב מאיר! א גוטער מארגן זאל אייך זיין, מלכה! א גוטער מארגן זאל אייך זיין ביידן! וואס הערט זיך, וואס מאכן עפעס אייערע... דאס? (קוקט זיך ארום אף אלע זייטן). אייערע קינדער מיין איך?

מ א י ר : גוט מאָרגן — גוט יאָר. זיצט, וואָס מאַכט אַ ייִד?

ב ע נ י ע : עט! וואָס זאָלן מיר מאַכן? (זעצט זיך אַוועק). ניט גוט. דאָס הייסט, ס'וואָלט געווען גוט, מע זאָל פאַרדינען. פאַרדינט זיך אָבער ניט, איין־שלעכט... גוט איז אײַך, אַז איר זיצט זיך, קיין עין הרע, מיט אײַער אַלטיטשקע און מיט אײַערע קינדערלעך, קיין עין הרע. ווי שטייט דאָרטן געשריבן בא אונדז, האָ? אשתך—דײַן ווײַב, כגפן—ווי אַ ווײַנשטאָק, פּוריה—וואָס זי פּרוכפּערט זיך, בנים—די קינדער, כשתילי זיתים—ווי די אייַלבירט־צווײַגן, סביב לשולחנך—רינגלען אַרום דײַן טיש. (קוקט זיך אַרום). ווו זײַנען זיי ערגעץ אײַערע דאָס... די קינדער מײַן איך?

מ א י ר : (קוקט אויף מלכהן. מלכה דאַוונט). וואָס איז דען? וואָס דאַרפט איר זיי?

ב ע נ י ע : וואָס איך דאַרף זיי? גלאַט אַזוי: איך זע, מע זעט זיי ניט, — פרעג איך... געראָטענע קינדער בא אײַך, קיין עין־הרע, איינס בעסער פונעם אַנדערן. ס'איז נאָר, הערט איר, אַ מזל. דער נגיד, זאָגט מען, האָט גליק צו אַלצדינג, אפילו צו קינדער. די עלטערע איז בא אײַך, קיין עין־הרע, אַ פאַרשוין: שאַדע, וואָס זי זיצט בא אײַך אַזוי לאַנג אַ דאָס, אַ גרושה, מיין איך; איך האָב שוין וויפל מאָל געוואָלט צו אײַך אַרײַנגיין שמועסן מכוח... איך האָב פון אירעטוועגן אַ דאָס, אַ שידוך מיין איך; וויל זי ניט, האָב איך געהערט זאָגן, חתונה האָבן דורך אַ דאָס, דורך אַ שדכן הייסט עס... (קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטן). ווו איז זי ערגעץ אײַערע עלטערע דאָס, די טאָכטער מיין איך?

מ א י ר : (קוקט זיך איבער מיט מלכהן). וואָס איז דען? וואָס דאַרפט איר זי?

ב ע נ י ע : גלאַט אַזוי, איך זע, מע זעט זי ניט, — פרעג איך... נאָר פאַרוואָס ע ר האָט ניט חתונה — דאָס קאָן איך שוין ניט פאַר־שטיין. איך מיין אײַער עלטערן דאָס, דעם זון מיין איך... דעם פּריזיוו האָט ער שוין, ברוך השם, געפּטרט לאַנג, קומט אים שוין, דאַכט זיך, אַ דאָס, אַ כלה מיין איך? שאַדע, וואָס מע טרעפט אים קיינמאָל ניט אין דער׳היים... (קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטן). ווו איז ערגעץ אײַער עלטע־רער דאָס, אײַער זון מיין איך?

מ א י ר : וואָס איז דען? איר דאַרפט אים עפּעס?

ב ע נ י ע : אַ וואָס דאַרף איך אים? גלאַט אַזוי, איך זע, מע זעט אים ניט, — פרעג איך. זעט איר, דער אַנדערער — דער איז בא אײַך נאָר אַ געראָטענער. דער חסרון, וואָס ער איז אַ דאָס, אַ ציוניסט מיין איך. דאָס הייסט, קיין חסרון איז דאָס ניט; אדרבה, ס'איז נאָר אַ מעלה. איידער ליגן אין די קלובן און שפּילן אין קאָרטן, איז שוין גלײַכער זײַן אַ דאָס, אַ ציוניסט מיין איך... מײַנע קינדער אַליין זײַנען אויך ציוניסטן, כאָטש סע געפעלט מיר ניט דער דאָס... דער געדאַנק מיין איך. דאָס הייסט, געפעלן געפעלט ער מיר, פאַרוואָס זאָל ער מיר ניט

געפֿעלן? אדרבה, זייער שיין פֿון זייער זײַט, וואָס זיי פֿאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע זאַכן, זאָרגן זיך פֿאַרן דאָס, פֿאַרן כּלל הייסט דאָס. דער חסרון, וואָס מע רעדט צופֿיל... אָט בין איך געוועזן אַנומלטן אויף אַ דאָס, אַן אסיפֿה הייסט עס: האָט אײַער זון געהאַלטן אַ דאָס, אַ דרשה מיין איך — צוקער־זיס!... דער דריטער אײַערער איז אויך אַ גוטער שקאָץ! נאָר, דאַכט מיר, שוין ניט קיין דאָס, קיין ציוניסט מיין איך? מסתמא ווייסט איר דאָך בעסער וואָס ער איז?... אַ חברה־מאַן איז ער אַ גוטער! ער קען זיך מיט אַלע דאָס, חברה־לײַט מיין איך... (קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטן). ווו איז ער ערגעץ אײַער דאָסיקער דאָס, אײַער יינגערער זון מיין איך?

מ א י ר : וואָס פֿרעגט איר זיך אַזוי נאָך? איר דאַרפֿט אים דען?

ב ע נ י ע : וואָס איז שייך, איך דאַרף אים? גלאַט אַזוי, איך זע, מע זעט אים ניט, — פֿרעג איך... אַן אויסגעשפּילטע, זאָגט מען, איז בײַ אײַך די קליינע. אָט די וואָס מיט די געשוואַרצנע דאָס, האָר מיין איך... אַ מאַנצבילשער קאָפּ אויף איר, זאָגט מען; און אַ קענערן — אַ שאַרפֿע! און נעמט אַ דאָס, אַ חתן מיין איך, אויך זייער אַ געראָטענעם... און כאָטש איך בין דאָ קיין שדכן ניט געוועזן און קיין געלט בײַ אײַך ניט פֿאַרדינט, נאָר פֿונדעסטוועגן קאָן מען פֿונעם אמת ניט אַוועקגיין: איר האָט מיטן דאָזיקן שידוך ניט שלעכט געדאַסט, געטראָפֿן מיין איך... וואָרעם לאָמיר זיך ניט נאַרן, איר זײַט טאַקע אַ ייִד אַן עושר, קיין עין הרע, מען קאָן זאָגן אַ גביר, כאָטש איך האָב אײַער געלט ניט געציילט... נאָר ווי קומט איר צו רב משהלע זײַדענשטאַמער? יענער איז אײַנגעטונקען אין דאָס, אין יחוס מיין איך... דער חסרון, וואָס ער נעמט זיך שוין צופֿיל איבער, און פֿאַרגעסט, אַז טאָמער זײַט איר ניט אַזאַ גרויסער יחסן, גיט איר אָבער דערפֿאַר אײַער קינד אַ סך דאָס, נדן מיין איך... ווו איז זי ערגעץ (קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטן) אײַער קלענערע דאָס, טאָכטער מיין איך?

מ א י ר : אויף וואָס קאָנט איר זי, אַ שטייגער, דאַרפֿן?

ב ע נ י ע : איך? חס ושלום! גלאַט אַזוי, איך זע, מע זעט זי ניט, — פֿרעג איך... דאָס הייסט, אַז מע וויל שמועסן דאָס אייגענע צוריק, באַדאַרף איך גראָדע צו איר יאָ האָבן. דאָס הייסט, איך האָב צו איר אַ שטיקל דאָס, אַ בריוו הייסט עס...

מ א י ר : אַ בריוו? פֿון וועמען איז אַ בריוו?

ב ע נ י ע : עס רעדט זיך אַזוי אַ בריוו. טאַקע פֿון אים, פֿון אײַער דאָס, פֿונעם מחותן מיין איך.

מ א י ר און מ ל כ ה : פֿונעם מחותן?

ב ע נ י ע : (נעמט אַרויס פֿון דער אונטערשטער קעשענע אַ פּאַפּיר). ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אײַך איבערגעבן, אַזוי ווי אײַער דאָס, טאָכטער הייסט עס, האָט ניט אין זינען אַפֿילו צו טראַכטן מכּוח דאָס, חתונה הייסט עס, זי וויל גאָר פֿאַרן אויף די דאָס, אויף די קורסן

הייסט עס, — זאָל זי פאָרן, זאָגט ער, געזונטערהייט... און אזוי ווי מיט אײַער עלטערער טאָכטער די גרושה האָט זיך געטראָפן אַ מעשה... און אײַער זון האָט מען אײַנגעזעצט אין דאָס, אין טורמע הייסט עס, און די גאַנצע שטאָט, זאָגט ער, האַלט אײַך אין די דאָס, אין די מײַלער הייסט עס; לכן בעט ער, איר זאָלט קיין פאַראיבל ניט האָבן און זאָלט מוחל זײַן איבערגעבן אײַער דאָס, אײַער טאָכטער הייסט עס, אירע דאָס, אירע תנאים הייסט עס. (גיט איבער מאירן דאָס פּאַפּיר).

מ א י ר : (אויסער זיך פאַר כּעס). מלכּה! דו הערסט? (צעקנייטשט די תנאים אין די הענט). גייט זאָגט אים, אײַער גרויסן יחסן, אַז איך לאַך פון זײַן באָבע! איך דאַרף אים אויף זיבן טויזנט כּפּרות מיט זײַן גאַנצן יחוס! זאָגט אים, לאָז ער נאָר ניט פאַרגעסן אָפּשיקן דאָס ביסל צירונג, די מתּנות, און טאַקע היינט! און אַז איר זעט שוין יאָ אַ שיר לאָטן־שמש, טאַ גייט־זשע טאַקע פון דאַנען גלײַך אַהין, און טאַקע באַלד, און טאַקע שוין! (ווײַזט אים אויף דער טיר).

ב ע נ י ע : וואָס דאַרפט איר זײַן אַזוי דאַסיק? איך בין דאָך ניט מער ווי אַ דאָס, אַ שליח מײַן איך, מע זאָגט מיר, איך זאָל דאַסן — דאָס איך, מײַן איך, איך זאָל גיין — גיי איך...

מ א י ר : דאַסט־זשע געזונטערהייט! (בעניע רוקט זיך אַרויס פון דער טיר מיט אַ זײַט).

## פערטע סצענע

מ א י ר : (צו מלכּהן). נו? דו שווײַגסט?

מ ל כ ה : (קוקט אין סידור אַרײַן). וואָס זאָל איך שרײַען?

מ א י ר : וואָס זאָלסטו שרײַען, פרעגסטו? אוודאי דאַרף מען שרײַען! אין אַלע גאַסן דאַרף מען אויסשרײַען! קינדער זאָלן אַזוי מור־טשען אַ טאַטן! ווו זײַנען די קינדער אַלע? חנה! חיים! ווו זײַט איר?!

מ ל כ ה : שאַ! מע וועט זיך דאָך טאַקע צונויפלויפן פון דער גאַס!

מ א י ר : לאָז מען לויפן לאָז מען זען, וואָס קינדער טוען מיט אַ טאַטן! ניטאָ זיי? ניטאָ די קינדער? ניטאָ קיין קינדער, מלכּה! ניטאָ! צעלאָפן זיך, ווי די מײַז צעלאָפן זיך!

מ ל כ ה : צעזייט און צעשפּרייט אויף אַלע זיבן ימין... (עס קומט אַרײַן ח נ ה, קוקט אָפּן פאָטער און אויף דער מוטער).

## פינפטע סצענע

חנ ה : פּאַפּאַ!... דער מחותּן האָט אָפּגעשיקט די תנאים?... כ'האָב שוין געהערט. ס'איז אמת?

מ א י ר : אַ גדולה אויף דער באָבע! וואָס־זשע ביסטו אַזוי לע־בעדיק?

ח נ ה : וואס־זשע? וויינען זאל איך?

מ א י ר : ניין, טאנצן דארף מען. מע דארף גיין א פריילעכס! זאג מיר, וואס טוט זיך עס מיט אייך? חתן־כלה איז בא אייך עפעס שפילעכלעך, צי וואס?

ח נ ה : ס'איז בא א י י ך שפילעכלעך, ניט בא אונדז. אייך האט זיך געגלוסט א שידוך טאן מיט משהלע זיידענשטאמער, איינקויפן זיך אין יחוס. עס איז אייך דען איינגעפאלן, איר זאלט פרעגן מיך, צי געפעלט מיר זיידענשטאמערס זון? אבי גאט האט אייך געהאלפן, איר האט א שיינעם מחותן... אייער מחותן איז א נידעריקער מענטש! ער האנדלט מיט יחוס, ווי מיט אתרוגים. אנשטאט דעם, וואס ער זאל קומען דיך טרייסטן אין דיין אומגליק, וואס האט אונדז געטראפן, האט ער אונדז אפגעשיקט די תנאים. איך דאנק אים זייער און זייער, וואס איך בין פטור געווארן פון א חתן, וואס טראגט בריליאנטענע פינגערלעך און שרייבט פעטיציעס. אצינד בין איך פריי און קאן מיר פארן לערנען.

מ א י ר : (צו מלכהן). דו הערסט? זי איז פריי!... זי קאן פארן לערנען!...

מ ל כ ה : ווייס איך וואס א קינד פלאפלט.

ח נ ה : ניין, מאמע, איך פלאפל ניט. איך רייד ערנסטע ווערטער.

מ א י ר : ווהין, איינגטלעך, פארסטו, הייסט עס, אויב מע קאן וויסן?

ח נ ה : קיין בערן פאר איך. דא נעמט מען ניט צו, מוז מען פארן אין דער פרעמד.

מ א י ר : (צו מלכהן). דו הערסט ווערטער? קיין בערל פארט זי. דא איז פאר איר ווינציק תורה, דארף מען פארן אזש קיין... ווי־אזוי הייסט עס?

ח נ ה : בערן.

מ א י ר : בערל! זייער שיין, א שיינער נאמען! דו קיין בערל, און חיים קיין ארץ־ישראל.

ח נ ה : איך גיב ניט אפ קיין דין־וחשבון פאר חיימען, און חיים — פאר מיר. איטלעכער פאר זיך.

מ א י ר : די אייגענע ווערטער האב איך געהערט פון חיימען. איטלעכער פאר זיך, איטלעכער פאר זיך. נו, און פאר אונדז ווער? און פאר וועמען מיר? איר קערט אונדז עפעס אן שטיקלעך אייגענע, צי ניין? איר זייט א ו נ ד ז ע ר ע ק י נ ד ע ר, צי ניין?

ח נ ה : אייערע.

מ א י ר : און מיר זיינען אייערע פאטער און מוטער, צי ניין?

ח נ ה : אונדזערע.

מ א י ר : האבן מיר עפעס אף אייך צו שאפן, צי ניין? ווי מיינסטו א שטייגער?

ח נ ה : איך מיין, אז אַ מענטש אַף אַ מענטשן קאָן ניט האָבן צו שאַפן.

מ א י ר : ניט דאָס מיין איך. איך מיין, צי קאָנען מיר אײַך זאָגן, למשל, דאָס מעגט איר און דאָס ניט? דאָס ווילן מיר און דאָס ניט?

ח נ ה : ניין, איר קאָנט ניט.

מ א י ר : ניין? מיר קאָנען ניט? דו הערסט, מלכה, וואָס די טאָכ־מער דײַנע זאָגט? מיר קאָנען ניט! מיר האָבן ניט אַף זיי קיין שום דעה, קיין שום שליטה!

מ ל כ ה : וויים איך וואָס אַ קינד פלאַפלט!

מ א י ר : (לאָזט אויס דאָס האַרץ צו מלכהן). בהמה וואָס דו ביסט! יענע רעדט, ווי אַן אַלטער, ווי אַ בר־דעת, און זי (קרימט איר איבער) — ווי אַ קינד פלאַפלט! (צו חנהן). זאָגסטו, הייסט דאָס, אַז נאָך דײַן שׂכל נאָך קומט אויס, אַז מיר מיט אײַך קערן זיך גאָרניט אָן. להלוטן גאָרניט? איר זײַט זיך — איר, און מיר זײַנען זיך — מיר?...

ח נ ה : ווער זאָגט דאָס דען? איר זײַט אונדזערע עלטערן, און מיר זײַנען אײַערע קינדער, וואָס זײַנען פאַרפליכטעט האַלטן אײַך בכבוד, ליב האָבן און...

מ ל כ ה : (אויפגעלעבט). נו יאָ, ווי מיר זאָגן אַלע אינדערפרי: „איך וועל פאָלגן אַלצדינג, וואָס דער טאַטע הייסט, וואָס די מאַמע הייסט, וואָס גוטע־פרומע לײַט הייסן”...

מ א י ר : (רײַסט איר איבער, לייגט צונויף ביידע הענט, קוקט אַרויף). „אַ ברכה־הצלחה זאָל קומען אַף מײַן קעפּל. אמן סלה”... אוודאי וועט זי דיך באַלד פאָלגן! דו זעסט ניט?

ח נ ה : אַבי נאָר אַ גלײַכע זאַך — פאַרוואָס ניט?

מ א י ר : גוט. למשל, אַז מיר וועלן דיר זאָגן: חנהלע, פאָר ניט אַהינצו אין יענער שטאָט, וועסטו דאָך מסתמא דווקא יאָ פאָרן?

ח נ ה : אוודאי, וואָרעם אין דעם הענגט אָפּ דאָס גאַנצע לעבן מײַנס!

מ א י ר : פאַרשטייט זיך! וואָרעם ווי קאָן מען גאָר לעבן אַף דער וועלט, אַז מע פאָרט ניט אוועק אהין... ווי:אַזוי הייסט די שטאָט?

ח נ ה : בערן.

מ א י ר : בערל. און דײַן ברודער חיים מוז פאָרן קיין ארץ־ישׂראל פלאַנצן ווײַנגערטנער?

ח נ ה : איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איטלעכער פאַר זיך.

מ א י ר : פאַרשטייט זיך, איטלעכער פאַר זיך: דער קיין בערל, דער קיין ארץ־ישׂראל, דער וועט זיצן אין טורמע, דער וועט גלאַט פאַר־פאַלן ווערן אַף דרײַ מעת־לעת; און די וועט לויפן אין דער וועלט אַרײַן — הכלל איטלעכער וועהין די אויגן וועלן אים טראָגן. (צו מלכהן). נו? און מיר, מלכה? מיר וועלן זיך בלײַבן דאָ אינצווייען. ווי זאָגט ער: „דיך דאָ באַבאַ”. די קינדער אַלע באַוואָרנט, וועמען הערן מיר? (לאַכט

מיט גאָל). כאַ־כאַ־כאַ! (צו חנהן). וויאַזוי רעכנסטו, למשל, פאַר וועמענס וועגן איז דאָס אַט דאָס אַלץ, דאָס גאַנצע פאַרמעגן מיטן גאַנצן געלט? איך מיין ניט איצטער, איך מיין שפּעטער, איבער הונדערט צוואַנציק יאָר?

ח נ ה : אַ מענטש, כּל זמן ער לעבט, דאַרף ער זאָגן פאַרן לעבן, ניט פאַרן טויט.

מ אי ר : בישט קלוג מאַקע נאָר ווי שלמה המלך, כ׳לעבן. לכן וואָלט איך וועלן, זאָלסט מיך קלאָר מאַכן, פאַר וועמענס וועגן, איינציקלעכע, האָבן מיר דאָס גאַנצע לעבן מעהאָרעוועט, אויסגעדרייט געוואָרן, אַפּטמאָל ניט דערשלאָפן, ניט דערעסן, אַ סך מאָל געליטן בזיונות, הכּלל — זיך מפקיר געווען, געקליבן אַ קערבל צו אַ קערבל — איך נאָכגעגעבן אַלצ־דינג, וואָס אייער הארץ גלוסט, בכדי איך זאָלט׳ זיך אויפהייבן אין אַ שיינעם פרימאָרגן, צעקריכן זיך דער אהער, דער אהין, און אונדז אי־בערלאָזן אַלייז, עלנט, אַז אַ זייגעדונג, ווי מע זאָגט... (מלכה בייגט זיך אָן איבערן סידור און וויינט שטילערהייט).

ח נ ה : (גייט צו צו איר, נעמט די אָרומט, קושט זי). מאַמע, וויין ניט, איך קאָן ניט זען, ווי דו וויינסט.

מ א י ר : דו קאָנסט ניט זען, ווי זי וויינט? און אַז איך קאָן ניט שלאָפן קיין נעכט פון זינט מע האָט צוגענומען וואָלאַדיען, וואָס איר ווילט אפילו ניט זאָגן מיר, פאַרוואָס און פאַר וועו? אַלץ איר? אַלץ פון אייערטווועגן?...

ח נ ה : וואָס־זשע ווילסטו, פּאַפּאַ? אַז צוליב דיר זאָל די זון אויפהערן וואַרעמען די ערד, נאָר פאַרקערט?... דו ווילסט, אַז צוליב דיר זאָל די גאַנצע נאַטור זיך איבערבייטן, און קינדער זאָלן ווערן צוגע־וואַקסן צו זייערע עלטערן, ווי צווייגן צו־נ־אַ בוים? ניט היינט, איז מאָרגן, שיינדל, זיך מוז מען דאָך אַמאָל!

מ א י ר : רעדסט ווי אַ בר־דעת, לאָס איך האָבן אַזאַ יאָר... נאָר אַלץ הייסט בא דיר שיידן זיך? שיידן זיך הייסט בא מיר, אַז קינדער האָבן חתונה, באַזעצן זיך ווי מענטשן, דער בא אַזאַ געשעפט, דער בא אַזאַ געשעפט... אָבער ניט אַזוי ווי מיר. אַף מיר איז עפּעס אַן אויסגאַס... (רעדט מיט אַ וויינענדיק פאַרדרימפּטן קול). אַ גאַטס שטראָף אַף מיר... איובס צרות... און ועל כּולם אַט דער וואָלאַדיע האָט מיר גאָר דעם קאָפּ אַראָפּגענומען!... איך ווייס גאָר ניט, ווי איך האַלט דאָס אויס... (ווישט זיך די אויגן. מלכה וויינט. אַף איר קוקנדיק — אויך חנה. פּויזע דויערט אַ מינוט. מאיר נעמט פּלוצעם חנהן פאַר אַ האַנט, ציט זי צו צו זיך. חנה קוקט אים). זאָג מיר צו, טאָכטער מיינע, זאָג מיר צו, אַז דו וועסט ניט פאָרן אַהין...

ח נ ה : (ראַנגלט זיך מיט זיך אַ ווײַלע). ניין, פּאַפּאַ! ניין! אַלצ־דינג, יאָ. אַלצדינג וועסטו בא מיר פועלן, נאָר דאָס ניט, דאָס ניט, איך

מ ו ז פאַרן! איך קאָן ניט! איך קאָן ניט זײַן דאָ מער, אין דער דאָזי־קער שטוב!...

מ א י ר : (שפּרינגט אַפּ). דו קאָנסט ניט זײַן דאָ מער? אין דער ד אָ ז י ק ע ר שטוב? מלכה! דו הערסט? זי קאָן ניט זײַן דאָ מער, זאָגט זי, אין דער ד אָ ז י ק ע ר שטוב! ס'איז איר דאָ ענג, ס'איז זיי דאָ אַלעמען מיטאַמאָל געוואָרן ענג אין דער ד אָ ז י ק ע ר שטוב!... (כאַפּט זיך אויף, שרײַט מיט כעס). שוין לאַנג, אַז ס'איז אײַך נמאס געוואָרן די ד אָ ז י ק ע שטוב?!...

מ ל כ ה : (שטעלט זיך אַוועק צווישן פאָטער און צווישן דער טאָכטער). מאיר!... (חנה גייט אַפּ, עס פליט אַרײַן סאַשקע מיט אַ גדולה).

## זעקסטע סצענע

ס אַ ש ק ע : דו ווייסט, מאַמע? מע האָט דאָך מיר טאַקע געבראַכט צופירן אַ הונט! אוי, זאָלסט זען וואָסער אַ הונט! גיב מיר, מאַמע, געלט! האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז מע וועט מיר קויפן אַ הונט!

מ ל כ ה : (ווינקט צו איס, ער זאָל אַוועקגיין). אָט האָסטו דיר די אַנדערע טעג יום־טוב!

מ א י ר : (אין כעס פון פריִער). וואָס פאַר הינט?

ס אַ ש ק ע : אַ מאָפּס. אַן אמתער מאָפּס!

מ א י ר : איך וועל דיר געבן אַ מאָפּס! הינט פעלט דאָ נאָך אין דער ד אָ ז י ק ע ר שטוב! אַוועק, דו ווערריק, דו פּידסוויניק אײנער! וואָן!!!...

ס אַ ש ק ע : אויב אַזוי, גיי איך גאָר זיך טרינקען! (אַנטלויפט).

מ א י ר : (שרײַט איס נאָך). זיך טרינקען? טרינק זיך! הענג זיך! הענגט זיך אַלע! אַלע זאָלט איר זיך אויפהענגען אויף איין שטריקל! אַזעלכע קינדער, ווי איר, זאָלן גאָר ניט געבאָרן ווערן!... (מלכה וויל זיך לאָזן לויפן נאָך סאַשקען; מאיר האַלט זי אַפּ). שאַ! לויף ניט! ציטער ניט! האָב קיין מורא ניט פאַרן מיזיניקל! עס וועט איס נאַרגיט זײַן, דעם קדיש דײַנעם!... (עס קומט אַרײַן מאַשע דאָס דינסטמיידל).

## זיבעטע סצענע

מ אַ ש ע : דאָ איז געקומען צוגיין אַ מענטש פון גראַנד־האָטעל זאָגן, מע זאָל אײַך זאָגן, אַז דער פּריץ, דער גראַף הייסט עס, איז געקומען צו פאָרן, אין גראַנד־האָטעל הייסט עס, און ער רופט אײַך, דער פּריץ, דער גראַף הייסט עס, איר זאָלט באַלד קומען צו גיין אַהינצו, אין גראַנד־האָטעל הייסט עס.

מ א י ר : האַ? וואָס? דער פּריץ? דער גראַף איז געקומען צו פאָרן? וואָס־זשע שווײַגט איר? דאָס אַנטאָן גיט אַהער! די שטיוול! דאָס

היטל! גיכער! דער פּריץ! דער גראַף איז געקומען צו פּאַרן, און איר שווייגט!? (ער וואַרפט זיך אַף אַלע זייטן. מע טראָגט אים צו דאָס אָנטאָן. ער שלעפּט אָף זיך די מלבושים, טרעפט ניט ווו מע דאַרף און ווערט נאָך מער צעטראָגן און נאָך מער אין כעס). בהמות! פערד! וואָס שטייט איר, ווי די טאָקן? פאַרוואָס העלפט איר מיר ניט אָנטאָן זיך? איך הערט דאָך, אַז דער פּריץ, דער גראַף איז געקומען צו פּאַרן, דער גראַף! דער גראַף!!... (זיך אָנגעטאָן, לאָזט ער זיך צו דער טיר און בלייבט שטיין מיטן צילינדער אַ ווײַלע ווי פאַרטראַכט). מלכה! (רײַבט זיך אין שטערן). וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן? איך האָב דיר עפּעס געוואָלט זאָגן... (דערמאָנט זיך). און וואָלאַדיע זיצט?... און די איבעריקע קינדער?...

מ ל כ ה : צעזייט און צעשפּרייט אַף אַלע זיבן ימין...

מ א י ר : האַ? וואָס זאָגסטו? מלכה! ווו זײַנען אונדזערע קינדער?... (פאַלט צו איינעם גאַנצן אַנטאָן צום טיש און וויינט).

מ ל כ ה : (לויפט צו צו אים אין שרעק). מאיר! גאָט איז מיט דיר! מאיר!!...

סוף פונעם דריטן אַקט.

געשריבן אין יאָר 1905.

# א דאקטער

א שפאס אין איין אקט.

די פארשוינען:

**חיים-לייב קרענדעלמאן**, אן איינגעקוועטשטער גביר פון א יאר פופציק. א ייִד מיט א קאפאטע, נאר אן א היטל.

**חנה-לאה**, זיין ווייב. קיין יארן חיים מען ניט. האלט זיך יונג, רייבט זיך צווישן „הײנטיקע“. באהאנגען מיט גאלד, דימענטן, בריליאנטן און פערל.

**חיעראטשקע**, זייער טעכטערל. א שיין מיידל פון „הײנטיקער וועלט“.

**אבראמטשיק**, זייער זון. א בײציק בחורל, א „משכיל“.

**רב שלום שדכן**, א ייִד א שדכן מיט א יארמלקע און מיט א גרינער קאפאטע.

**זלאטקע דאס מיידל**, א פאקאיאווע בא די קרענדעלמאנס.

**ברײנע די ייִדענע**, א קעכן בא די קרענדעלמאנס. א ייִדענע מיט וואנסעס.

א גרויסער זאַל. טהיער מעבל מיט סאַמעט באַצויגן. גוטע דיוואַנעס. בראָנדזענע שפּיגלען. א סך טישן מיט קליינע טישעלעך. גלעזערנע שאַפעס, אָנ־געשטעלט מיט פיל זילבער, כוסות, טעצעלעך, נעגילטע לעפעלעך, גרינע און רויטע גלעזער. די פאַטעלן פאַרוואַרפן מיט פיל פאַרשיידענע, זיידענע און סאַ־מעטענע דאַמען-קליידער. אַפן טיש א „בלאַט לאָקשן". אַפן פענצטער א גרויסע קופּערנע קוואַרט מיט צוויי אויערן. פּאָרטריקנטע, נאָר טהיערע וואַזאַנעס, אַף וועלכע עס הענגען א פאַר אויסגעבערשטלטע הויזן מיט א ווייסן זשילעט. אַף א גוטער עטאַזשערקע מיט ספרים וואַלגערן זיך א סך אנגעשניטענע שטיקלעך קוילעטש מיט א סלאַי אייגגעמאַכטס. אַפן פאָרטעפּיאַן — א קישן. דורך — א זעלטענער „פאַראַנדעק".

## ערשטע סצענע

חיים־לייב: (מאַכט מיט די הענט און לויפט אַרום איבער דער שטוב). וואָס דולדט ער מיר מיין קאָפּ?

רב שלום שדכן: (לויפט אים נאָך מיט א בריוו אין די הענט). נאַט, זעט אַליין, וואָס מע שרייבט מיר וואָס; איך וועל אייך אַף נאַרן וועל איך אייך?

חיים־לייב: אָבער אַז איך בעט אייך ניט! איך דאַרף ניט קיין שידוך! איך וויל ניט! וואָס דולדט ער מיר מיין קאָפּ?

רב שלום שדכן: אַז איך פאַרלאַנג אָבער פון אייך נאָר־ניט, בלתי וואָס איר זאָלט זיך נאָר מטריח זיין איבערלייענען אָט דאָס דאָזיקע בריוועלע, וואָס מע שרייבט מיר וואָס.

חיים־לייב: וואָס האָט איר צו מיר? אָבער טשעפּעט זיך אָפּ פון מיין לעבן! איך האָב קיין צייט ניט מיט אייך צו ריידן! איך וועט קומען אַז אַנדערס מאָל, איך בעט אייך! וואָס דולדט ער מיר מיין קאָפּ?

רב שלום שדכן: (צו זיך אַליין). עס פּאַסט אים ניט. הערכן פּאַסט אים ניט... ער וויל ניט געבן קיין נדן, דער דבר־אחר!... (צו חיים־לייבן). הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָלט איר מיר לעבן! עט־לעכע שורות, עטלעכע ווערטער, געציילטע דריי ווערטער, רב חיים סערד־צע, וואָס אַרט אייך עס וואָס? טוט מיר צוליב טוט מיר! גלייבט מיר, איך זאָג אייך בנאמנות זאָג איך אייך, ס'איז א גליק, א זעלטענע זאַך, כ'לעבן. איין מאָל אין צען יאָר מאַכט זיך אַזא גליק. נאַט, טוט, זייט מוחל, א קוק אַליין מיט אייערע אויגן, זעט, אָטאָ...

חיים־לייב: (כאַפּט זיך מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ). גוואַלד! גוואַלד! וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק? וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשי־קעניש אַף מיר? וואָס דולדט ער מיר מיין קאָפּ? גוואַלד!... גוואַלד!... גוואַלד!... (עס לויפט אַריין חנה־לאה).

## צווייטע סצענע

ח נ ה - ל א ה : (א דערשראָקענע). שאַ! וואָס איז דאָרטן?

ח יי ם - ל יי ב : (וויל ריידן, לאָזט אים ניט רב שלום שדכן. ער האַלט אים צו מיט איין האַנט דאָס מויל, און אַ'ן דער אַנדערער האַלט ער דאָס בריוול). מ מ מ . . .

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : פאַרשטייט איר מיך, חנה־לאה קרוין, געזונט זאָלט איר מיר זיין, איך ווייס זיי דאָס בריוול ווייס איך זיין; למאַי זאָלן מיר זיך נאַרן למאַי? איך מיין טאַקע באמת מיין איך, אַ גליק, אַ גליק פאַר אייער טאָכטער, איך זאָל אַזוי געזונט זיין מיט אייך אינ־איינעם! אָט נעמט, נאָט, לייענט, לייענט, וועט איר זען, אַז איך זאָג אייך ניט קיין ליגן זאָג איך אייך! צו וואָס טויג עס מיר, איך זאָל אייך אַריינפירן חלילה זאָל איך אייך? אָט זעט, נאָט, לייענט, נאָט, נאָט...

ח נ ה - ל א ה : (נעמט דאָס בריוול און גיט דאָס איבער דעם מאַן אין די הענט אַריין). פאַרוואָס זאָלסטו טאַקע ניט איבערלייענען, חיים־לייב? וואָס אַרט דאָס דיך? עס קאָסט דיך געלט, צי וואָס?

ח יי ם - ל יי ב : (נעמט דאָס בריוול; טוט אָן אַ פּאָר זילבערנע ברילן אויף דער נאָז; זעצט זיך אַנידער און הייבט אָן צו לייענען הויך, אויף אַ קול. חנה־לאה זעצט זיך לעבן אים, און רב שלום שדכן שטייט און שאָקלט צו מיטן קאָפּ נאָך יעדן וואָרט און מאַכט מיט די ליפּן; עס קומט אים צו אַ שטיק געזונט). „לכבוד ידידי היקר הנכבד והמופלג הנגיד והקצין איש חסיד וירא שמים כש"ת מוהר"ר שלום נ"י! ראשית אודיעכם, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון אייך צו הערן אויף ווייטער ניט ערגער, אָמן. והשנית, זייט וויסן, אַז השידוך עם הגביר שלכם, וואָס איר האָט מיר געהאַט געשריבן, ועם הגביר שלנו, האָב איך מורא וועט ניט גיין, מחמת ערשטנס האָט איר מסתמא געהערט די מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן מיטן מחותן של הגביר שלנו, וואָס זיין עלטערע טאָכטער האָט זיך..." צו וואָס טויג עס מיר? צו וואָס דאַרף איך עס וויסן?

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : (כאַפּט אים בײַ דער האַנט). וואָס אַרט עס אייך וואָס? לייענט, וועט איר זען ווייטער, וועט איר זען.

ח נ ה - ל א ה : אַנו? לייען, לייען, וואָס האָט זיך דאָס אַזעלכעס געטראָפן מיט איר? עס קער זיין אַ שיינע מעשה.

ח יי ם - ל יי ב : (לייענט ווייטער). „...זיין עלטערע טאָכטער האָט זיך אַנגעקלעפּט, רחמנא ליצלן, אין אַ לערער און איז מיט אים מחילה אַנטלאָפן אין אַ שטאָט אַריין און האָט דאָרטן געוואָלט שטעלן אַ חופה. איז ער געקומען מיט זיין פלוניתטע צום רב שטעלן אַ חופה. האָט אים דער רב מסתמא ניט געוואָלט געבן קיין חופה וקידושין. איז ער אַוועק־געגאַנגען צום קאַזיאָנע רב שטעלן אַ חופה, האָט אים דער קאַזיאָנער רב געזאָגט..." וואָס קער זיך דאָס אָן מיט אונדז, איך בעט אייך?...

רב שלום שדכן: וואָס האָרט איר וואָס? אַט לייענט ווײַטער, לייענט!

חנה־לאה: נו, לייען שוין אַז דו לייענסט.

חיים־ליב: (הויזט ווי פּײַער פאַר כּעס, לייענט ווײַטער):
„...האָט אים דער קאַזיאָנע רב געזאָגט: וואָס ווילט איר? האָט ער אים געזאָגט: איך וויל, איר זאָלט מיר געבן חופּה וקידושין. האָט אים דער קאַזיאָנער רב געזאָגט: וואָס הייסט, איך זאָל אײַך געבן חופּה וקידושין? איך קען אײַך? האָט ער אים געזאָגט... האָט אים דער קאַזיאָנער רב געזאָגט... האָט ער אים געזאָגט...״ טפו זאָלט איר ווערן! „האָט אים ע ר געזאָגט! האָט ער א י ם געזאָגט!״ צו וואָס טויגן מיר די אַלע זאַנגעכצן? וואָס ווילט איר האָבן פון מײַנע יאָר און טעג? (ער טוט אַ שמיץ דאָס בריוול און וויל אַנטלויפן. רב שלום שדכן לאָזט אים ניט. ער האַלט אים צו בײַ דער האַנט און נעמט אַליין לייענען דאָס בריוול).

רב שלום שדכן: (לייענט גיך און פאַרבליעט זיך).
„...איראיאי! אַט האָט איר פון היינטיקע לערערס מיט היינטיקע דאָקטוירים...״ על כּל פּנים... יאָ... „איז הגביר שלנו ניט קיין מחותן פאַר הגביר שלכם; על כּן האָב איך אַ בעסערן, אַ שענערן, אַ פײַנערן און אַ גרעסערן שידוך בעבֿור הגביר שלכם אין אַלע אופֿנים, היינו: עס איז דאָ אין דער שטאָט ליפּעוועץ זייער אַ פײַנע אַלמנה מרת ביילה שתחיה, ביילה גאָלדשפּיצע, און הגם זי איז ניט אַזוי רײַך, ווי הגביר שלכם, דערפֿאַר שטאַמט זי אָבער פון גאָר אַ הויך אָרט, פון רב פּינחסל ליפּעוויצער, און איבערהויפּט — וואָס זי האָט אַ זון, אַ בן־יחיד, אַן אַנטיקל, וואָס מע קריגט דאָס ניט בכל קצוי ארץ, היינו: שיין, פײַן, שרעקלעך געבילדעט מיט חכמות בפּשוטו! אַ געשטודירטער, פאַרשטייט איר מיך, אויף אַלע לשונות, געבילדעט כּמעט ווי אַ דאָקטער, און אפשר נאָך מער ווי אַ דאָקטער, וואָס פאַרשטעקן אַלע דאָקטוירים אין גאַרטל...״ (צו חנה־לאהן). נו? וואָס וועט איר עפּעס זאָגן אויפן שידוך? איר זעט דאָך, ווי זאָגט מען, קיין עין־הרע, אַ קלוגע ייִדענע, אַ חכמה...

חנה־לאה: (דרייט מיט דער נאָז). ניין, ניט דאָס מיינען מיר.

חיים־ליב: ניט דאָס האָבן מיר געמיינט.

רב שלום שדכן: (צו זיך). אַט האָסטו דיר! הייב זיך אָן מיט די אויפגעקומענע נגידים! דאָס טעלערל פונעם הימל איז זיי קאַרג! (צו זיי ביידן). וואָס דען האָט איר געוואָלט וואָס?

חנה־לאה: מיר האָבן געוואָלט, ס'זאָל זײַן עפּעס... עפּעס... אַזעלכעס וואָס... אַן אַנטיק!

חיים־ליב: עפּעס אַן אַנטיקל זאָל זײַן!

רב שלום שדכן: פאַר צען טויזנט ווילט איר האַנדלען מציאות ווילט איר?

חנה־לאה: צען טויזנט? צוואַנציק טויזנט!

חיים־ליב: צוואַנציק טויזנט? צען טויזנט!

רב שלום שדכן: (צו זיך). היינט דערגיי אַ מאַלפּ! צען טויזנט, צוואַנציק טויזנט! צוואַנציק טויזנט, צען טויזנט!
חנה־לאה: (הויך). אַז מע זאָגט אײַך צוואַנציק טויזנט, איז צוואַנציק טויזנט!
רב שלום שדכן: צוואַנציק טויזנט!
חיים־לייב: (הויך). אַז מע זאָגט אײַך צען טויזנט איז צען טויזנט!
רב שלום שדכן: צען טויזנט!
חנה־לאה: (נאָך העכער). צוואַנציק טויזנט!
רב שלום שדכן: צוואַנציק טויזנט!
חיים־לייב: (נאָך העכער). צען טויזנט!
רב שלום שדכן: צען טויזנט! (צו זיך). רזל און משוגע קאָן מען פון זיי ווערן! (עס קומט אַן אַבראַמטשיק מיט אַ פּאַק ביכער אונטער די הענט, גייט צו דער שאַפע).

## דריטע סצענע

חיים־לייב: פון וואַנען קומט דאָס אַן אַזאַ ייִד, ווי דו?
אַבראַמטשיק: (קוקט ניט אַף קיינעם). אַזאַ ייִד, ווי איך, קומט אַן פון דער ביבליאָטעקע... פו! אַ היץ! (דערזעט רב שלום שדכן). אַ? רב שדכן? וואָס טוט איר דאָ? ווידער אַ שידוך? ווידער שידוכים? גוואַלד, ביז וואַנען וועט איר האַנדלען מיט לעבעדיקע מענטשן? ביז ווי לאַנג וועט איר פאַרקויפן כלות מיט חתנים? איך זײַט דאָך ערגער פון אַזיאַטן, ווילדע מענטשן, דעספּאָטן!
חיים־לייב: (לייגט צו אַן אויער, קוקט אַפן שדכן מיט גרויס גדלות). הא, וואָס האָסטו געזאָגט?
רב שלום שדכן: וואָס האָסטו געזאָגט וואָס?
אַבראַמטשיק: אַז איך וועל אײַך זאָגן, וועט איר שוין ווייסן?
חנה־לאה: פאַרוואָס ניט? רב שלום זײַנען דען אַזאַ בהמה?
אַבראַמטשיק: ווער זאָגט דען, אַז ער איז אַ „בהמה"? איך זאָג נאָר, אַז ער ווייס ניט, ווײַל ס'איז אַן „אינאַסטראַנע" וואָרט.
רב שלום שדכן: אַ וואָסער אַ וואָרט זאָגסטו?
אַבראַמטשיק: (בייגט זיך צו צו רב שלום שדכן). אינאַ־סטראַנע — ווייסט איר שוין? אינאַסטראַנאַיע סלאָווואָ!
רב שלום שדכן: (פּינטלט מיט די אויגן). אהא! (פּאַטער און מוטער קוועלן).
אַבראַמטשיק: אהא? וואָס אהא? אַ ייִד זאָגט דיר באַלד „אהא"!
רב שלום שדכן: איך מיין דאָס וואָרט מיין איך. הייסט

עס, אפנים, אזא ווארט, וואס דער פשט איז דערפון... (ער מאכט מיט די פינגער). ע־ע־ע...

אברא מטשיק: (כאפט זיך מיטביידע הענט באם בויך). כא־כא־כא! אוי, פאנאטיקער! אוי, פאנאטיזם! אוי, חסידיזם! אינאס־טראנע ווערטער ווערן אנגערופן פרעמדע ווערטער, ווערטער פון פרעמ־דע שפראכן, למשל, „דעספאט", „דעספאטן". פון וואנען נעמט זיך דאס, ווייסט איר?

רב שלום שדכן: אדרבה, פון וואנען, אדרבה? איך בין א ייִד א פראסטער בין איך, אין די שקאלעס האב איך ניט געלערנט און אין די אוניווערסטוטן בין איך ניט געגאנגען... גיב מיר נאר א פאפירָאס גיב מיר. (נעמט בא אים א פאפיראס).

אברא מטשיק: (מיט גדלות). דאס ווארט „דעספאט" נעמט זיך פון דעספאטיזם... הײַנט ווייסט איר שוין?

רב שלום שדכן: (שאקלט מיטן קאפ). אזוי? פס!!... וואס־זשע הייסט דאס „דעספאטיזמא"?

אברא מטשיק: דעספאטיזם איז דאס זעלבע, וואס דעספאט.

רב שלום שדכן: אהא, אויב אזוי ווייס איך שוין! אפשר האסטו א שוועבעלע? (נעמט בא אים א שוועבעלע). וואס־זשע הייסט דאס דעספאט? (פיפקעט דעם פאפיראס). אדרבה, מאך מיך קלאר, אדרבה!

אברא מטשיק: א דעספאט הייסט אזא מענטש, וואס פירט זיך דעספאטיש, און שוין!

רב שלום שדכן: איך פארשטיי, איך פארשטיי! (דרייבערט דעם פאפיראס און בלאזט מיט די ליפן). איז וואס־זשע הייסט דאס דעס־פאטיש?

אברא מטשיק: דעספאטיש הייסט, אז ער פירט זיך ווי א דעספאט, און א דעספאט הייסט א טיראן, דעספאט און טיראן איז כמעט אַלץ איינס, און לאזט מיך צורו! (קוקט אין די ביכלעך אַרײַן און מישט בלעטלעך).

רב שלום שדכן: איך פארשטיי שוין, איך פארשטיי שוין! עס הייסט, דער שורש דערפון איז אזוי, נאר דער פשט איז אן אנדערער. על פי דקדוק, הייסט עס... (מאכט מיט די פינגער). זאג־זשע מיר, אבראמטשיק, זאלסט מיר געזונט זײַן זאלסטו מיר, פון וואסער א שפראך נעמט זיך דאס דאזיקע ווארט פון וואסערער? פון דײַטשעס, צי פון פראנטשעייזשעס?

אברא מטשיק: (קוקט אין ביכל אַרײַן). הא? דעספאטיזם? פון לאטיין.

רב שלום שדכן: אזוי? טצא־טצא־טצא! אזש פון לעטיין! (צו רב חיים־לייבן מיט זײַן ווײַב). א? זעט איר? אט דאס הייסט גע־קענט שפראך אט דאס! אט דאס הייסט הײַנטיקע וועלט אט דאס! איז

אונדזערע יאָרן, רב חיים־לייב, האָבן מיר עפּעס אַ סך געוווּסט פון אַ שפּראַך מיט אַ לעטיין? האָ? (דער פאָטער מיט דער מוטער קוועלן).

אַ ב ר אַ מ ט ש י ק : (קוקט פון אויבן אַראָפּ). וואָס איז דער חתן אײַערער, וואָס איר רעדט מײַן שוועסטער: אַ דאָקטער מעדיצין, צי אַ יוריסט? צי אפשר גאָר אַן אינזשענער טעכנאָלאָג?

רב שלום שדכן: (בלאָזט דעם פּאַפּיראָס). ניט דאָס און; ניט יענץ און ניט גאָרנישט.

אַ ב ר אַ מ ט ש י ק : ניט דאָס און ניט יענץ און ניט גאָרנישט? טאַ וואָס דען איז ער? אַ קופּטשיק? אַ טונעיאַדעץ?

רב שלום שדכן: חס וחלילה! ער איז אַ גביריש קינד, וואָס איך שייך — אַ קענער, אַ מוראַדיקער קענער! לשונות מיט שפּראַך, מיט יידיש, מיט רוסיש, מיט דײַטש, מיט פראַנצויז, מיט סכנות־נפשות!

אַ ב ר אַ מ ט ש י ק : זײַט איר דאָס דער מבין? גוטע יאָרן! אומ־זיסט אײַער טרחה! מײַן שוועסטער וועט ניט נעמען קיינעם, אַ חוץ אַ דאָקטער, און דווקא אַ דאָקטער מעדיצין.

ח יי ם ־ ל יי ב : ווער פרעגט דיך? וואָס ביסטו פאַר אַ מחותן אַהער אַף זאָגן דעות?

אַ ב ר אַ מ ט ש י ק : וואָרעם אַזוי! איך ווייס, אַז וויעראַטשקע וועט ניט נעמען קיין אַנדער חתן, אַ חוץ אַ דאָקטער מעדיצין.

ח יי ם ־ ל יי ב : יאָ. אָבער וואָס ביסטו פאַר אַ שילאָטן־שמש? דײַן געשעפט איז ביכער און ביכלעך. גייט געזונטערהייט!

ח נ ה ־ ל אַ ה : (שטעלט זיך אײַן). וואָס אַרט דיך, אַז דאָס קינד רעדט?

ח יי ם ־ ל יי ב : איך האָב פײַנט אַן עזות־פּנים! ס'איז ניט זײַן באָבעם דאגה!

אַ ב ר אַ מ ט ש י ק : (לאָזט זיך גיין, בלײַבט שטיין אַף אַ ווײַלע אין אַ טראַגישער פּאָזע, שאָקלט מיטן קאָפּ און רעדט צו זיך אַליין). אָ, דעספּאָטיזם, פאַנאַטיזם, חסידיזם, אָבסקוראַנטיזם!... (גייט אַוועק. דער פאָטער און די מוטער קוועלן).

## פערטע סצענע

רב שלום שדכן: אָט דאָס הייסט אַ מושלם! אָט דאָס הייסט געקענט אָט דאָס! הקיצור, איז וויִאַזוי בלײַבט דאָס וויִאַזוי? איר האָט מיר פאָרשלאָגן די פּאַמערקעס האָט איר מיר... יאָ! קלאַפּ איך, הייסט עס, אַוועק אַ דעפּעשע, אָדער איך שרײַב אַרײַן אַן אָטקריטקע צו מײַן שותף וועגן דעם דאָזיקן שידוך, אַז...

ח נ ה ־ ל אַ ה : (שלאָגט אים איבער). זײַט זיך ניט מטריח, קלאַפּט ניט קיין דעפּעשן און שרײַבט ניט קיין אָטקריטקעס — דער שי־דוך איז ניט פאַר אונדז.

ח יי ם ־ ל יי ב : ס'איז ניט פאַר אונדז דער שידוך.

ר ב   ש ל ו ם   ש ד כ ן : פאַרוואָס איז?
ח נ ה ־ ל א ה : דערפֿאַר, וואָס מיר ווילן אַ דאָקטער. הײַנט ווייסט איר שוין? איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל — אַ דאָקטער.
ר ב   ש ל ו ם   ש ד כ ן : אַ דאָקטער? מילא, אויך די אייגענע מעשה; איר זאָגט אַ דאָקטער? לאָז זײַן אַ דאָקטער לאָז זײַן.
ח יי ם ־ ל יי ב : (צו חנה־לאהן). אַ דאָקטער? אַנדערש לוינט דיר ניט?
ח נ ה ־ ל א ה : אַנדערש לוינט מיר ניט.
ח יי ם ־ ל יי ב : נו, וויל איך דווקא אַ סוחר. איך האָב דיר וויפֿל מאָל געזאָגט, אַז איך וויל נעמען אַ סוחר, ניט קיין דאָקטער! אַ טײַערע מציאה אַ „יאַקטער"! ער האָט געשטודירט און געשטודירט, קוים אויסגעשטודירט — און פֿונדעסטוועגן ווער קומט צו וועמען, אַז עס טוט אים וויי דער בויך? ווער נעמט בײַ וועמען אַ קערבל? איך בײַ אים, צי ער בײַ מיר? גיין, אדרבה, זאָגט שוין איר אַליין, רב שלום! הקיצור, איך נעם ניט פֿאַר מײַן טאָכטער קיין דאָקטער! איך נעם איר אַ סוחר! פֿאַרשרײַבט אײַך, רב שלום: אַ סוחר!
ר ב   ש ל ו ם   ש ד כ ן : אַ סוחר? מילא, אויך די אייגענע מעשה! איר זאָגט אַ סוחר? לאָז זײַן אַ סוחר לאָז זײַן.
ח נ ה ־ ל א ה : אין דווקא ווײַל דו ווילסט אַ סוחר, וויל איך אַ דאָקטער!
ר ב   ש ל ו ם   ש ד כ ן : אַ דאָקטער.
ח יי ם ־ ל יי ב : (הגיך). איר הערט, רב שלום? אַ סוחר!
ר ב   ש ל ו ם   ש ד כ ן : אַ סוחר.
ח נ ה ־ ל א ה : (הויך). אַ דאָקטער!
ר ב   ש ל ו ם   ש ד כ ן : אַ דאָקטער.
ח יי ם ־ ל יי ב : (נאָך העכער). אַ סוחר!
ר ב   ש ל ו ם   ש ד כ ן : אַ סוחר.
ח נ ה ־ ל א ה : (נאָך העכער). אַ דאָקטער!
ר ב   ש ל ו ם   ש ד כ ן : (צו זיך). משוגע צו ווערן פֿון זיי! (צו זיי ביידן). ווייסט איר גאָר וואָס? איך וועל אײַך געבן אַ סוחר וועל איך אײַך געבן אַזעלכן, וואָס הײלט, אָדער אַ דאָקטער, וואָס האַנדלט, און לאָז דאָס האָבן אַז עס לאָז דאָס, און הייסט עפּעס דערלאַנגען צום טיש, דורכשווענקען דעם גאַרגל, טרוקן געוואָרן אין האַלדז ריידנדיק מיט אײַך, און טאַקע... (חנה־לאה טוט אַ קלונג. עס טראָגט אַרײַן לעקעך מיט בראָנפֿן. עס קומט אַן פֿון דער גאַס ווי ע ר אַ ט ש ק ע מיטן היטעלע, מיטן זאַנטיקל און מיט די הענטשקעלעך).

פֿינפֿטע סצענע

ווי ע ר אַ ט ש ק ע : (צום שדכן). באָנזשור, מאָנסיע!
ר ב   ש ל ו ם   ש ד כ ן : מע רופֿט מיך רב שלום, ניט מאָסיי.

ו י ע ר א ט ש ק ע : כאַ־כאַ־כאַ! אָט אַ ניעוועזשדאַ! „באַנזשור מאַנסיע" הייסט — גוט מאָרגן איַיך, מיַין הער.

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : אַ שיינער גוט מאָרגן אויף איַיך; שוין באַלד נאַכט... אַ גוטער אָוונט זאָל דיר זיַין! לחיים, רב חיים־לייב! לחיים, חנה־לאה! נו, לאָז גאָט געבן באַ איר צו דער חופּה.

ו י ע ר א ט ש ק ע : כאַ־כאַ־כאַ! אָט אַ קאָמיק! וואָס טוט איר דאָ? אַלץ מכוח חתנים? אומזיסט איַיער מי, אומזיסט ברעכט איר פּיס.

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : די פּיס זיַינען מיַינע, ניט קיינעמס.

ו י ע ר א ט ש ק ע : (גייט אויס פאַר געלעכטער). כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!

ח נ ה ־ ל א ה : וואָס לאַכסטו אַזוי, מאַכמער?

ח י י ם ־ ל י י ב : וואָס איז דער געלעכטער?

ו י ע ר א ט ש ק ע : (צו דער מוטער). אַ קאָמיטשעסקע פיגור! כאַ־כאַ־כאַ! פון וואַנען נעמען זיך אַזעלכע ניעוועזשדעס? וואָס טוט דאָ באַ איַיך דער שדכן?

ח נ ה ־ ל א ה : וואָס טוט אַ שדכן? ער רעדט שידוכים.

ו י ע ר א ט ש ק ע : וועמען רעדט ער דאָס שידוכים?

ח י י ם ־ ל י י ב : וועמען? מיר!

ח נ ה ־ ל א ה : זיי ריידן דיר אַ חתן, וויעראַטשקע.

ו י ע ר א ט ש ק ע : וואָס הייסט, ער רעדט מיר אַ חתן? אַ חתן דאַרף זיך ריידן אַליין. (טוט אויס די הענטשקעלעך). וועמען, אַ שטייגער, רעדט ער מיר?

ח נ ה ־ ל א ה : זיי ריידן דיר אַ דאָקטער.

ח י י ם ־ ל י י ב : אַ סוחר רעדט ער דיר.

ח נ ה ־ ל א ה : (הויך). אַ דאָקטער, ניט קיין סוחר! (רב שלום שדכן רעדט נאָך: „אַ דאָקטער").

ח י י ם ־ ל י י ב : (הויך). אַ סוחר, ניט קיין דאָקטער! (רב שלום שדכן זאָגט נאָך: „אַ סוחר").

ח נ ה ־ ל א ה : (נאָך העכער). אַ דאָקטער! (רב שלום שדכן: „אַ דאָקטער").

ח י י ם ־ ל י י ב : (נאָך העכער). אַ סוחר! (רב שלום שדכן: „אַ סוחר").

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : (צו זיך). יאָ! עס הייבט זיך שוין אָן אַ טעאַטער! (צו פאָטער און מוטער). שאַט! ווייסט איר גאָר וואָס? לאָמיר פרעגן באַ איר אַליין לאָמיר. (צו וויעראַן). וואָס ווילסטו בעסער, מיידל, אַ סוחר, צי אַ דאָקטער?

ו י ע ר א ט ש ק א : איר זיַיט אַ נאַכאַל!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : אַ וואָס?

ו י ע ר א ט ש ק ע : אַ נאַכאַל!

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : ניין, דו האָסט אַ טעות, מיידל, איך

בין א שדכן בין איך, ניט קיין נעבאך; איז אויב דו ווילסט, קאן איך דיר געבן אף אויסצוקלייבן קאן איך דיר; רב שלום שדכן האט ברוך השם נענוג. איך קאן דיר געבן א סוחרישן דאקטער, אדער א דאקטערשן סוחר. די ברירה איז בא דיר די ברירה.

וויערא טשקע: (קייכט פאר געלעכטער). כא־כא־כא! א סוחרישער דאקטער, אדער א דאקטערשער סוחר! כא־כא־כא!...

רב שלום שדכן: (צו זיך). דאס מיידל איז מיר עפעס פריילעך דאס מיידל... (צו פאטער און מוטער). לחיים, רב חיים־לייב! לחיים, חנה־לאה! נו, לאז גאט געבן אין גיכן צו דער חופה!...

חנה־לאה: וואס שוויגסטו, טאכטער? זאג אים, דעם טאטן דיינעם, דעם טיראן, דעם דעספאט, אז דו וועסט נעמען א דאקטער, ניט קיין סוחר! (רב שלום שדכן זאגט נאך: „א דאקטער, ניט קיין סוחר").

חיים־לייב: א סוחר וועט זי נעמען, ניט קיין דאקטער! (רב שלום שדכן זאגט נאך: „א סוחר, ניט קיין דאקטער").

חנה־לאה: (הויך). א דאקטער! (רב שלום שדכן זאגט נאך: „א דאקטער").

חיים־לייב: (הויך). א סוחר! (רב שלום שדכן זאגט נאך: „א סוחר").

חנה־לאה: (א טופ מיטן פוס). א דאקטער! א דאקטער! א דאקטער!

רב שלום שדכן: (זאגט נאך). א דאקטער! א דאקטער! א דאקטער! לחיים, רב חיים־לייב! לחיים, חנה־לאהניו!

וויעראטשקע: (קאטשעט זיך פאר געלעכטער). כא־כא־כא! א דאקטער! א דאקטער! א דאקטער! (פון יענער זייט וואנט הערט זיך א קול פון אבראמטשיקן: „א דאקטער! א דאקטער! א דאקטער!" — עס עפנט זיך די קיכטיר און עס לויפט אריין אן איבערגעשראקענע זלאטקע דאס דינסטמיידל מיט א האנטעך און מיט א פלעדערוויש, און נאך איר ברייני די יידענע מיט א האנטשערקע און מיט א ראהאטש).

## זעקסטע סצענע

זלאטקע דאס מיידל: א דאקטער? ווער איז א דאקטער? וועלכן דאקטער? אט לויף איך ברענגען דעם דאקטער!

ברייני די יידענע: א מכה איז מיר א גרויסע! א דונער האט מיך דערשלאגן! וואס איז דא? מע חלשט? פאר וועמען דארף מען דאס דעם דאקטער? (וויעראטשקע הערט ניט אויף צו קאטשען זיך פאר געלעכטער).

חנה־לאה: (לאזט זיך צו די דינסטן מיט ביידע קולאקעס). א בייזער! א ווייסטער! א פינצטערער חלום צו אייער קאפ און צו אייערע הענט און פיס! וואו, שלים־מזלען! ארויס פון דאנען, דראנקעס! חצר־

פּוּת! (ביידע דינסטן לאָזן זיך צו דער טיר, באַגעגענען זיך מיט רב שלום שדכן, צעבוצקען זיך מיט די נעז).

ר ב ש ל ו ם ש ד כ ן : ביז עפּעס וואָס, קאָן מען דאָ כאַפּן צווישן יאָ און ניין אַ פּאָר פּעטש קאָן מען... אַ שטוב פון גאַלע משוגעים, כ'לעבן... זיי דאַרפן אַלע אַ דאָקטער דאַרפן זיי... ווי אין לעבן אַריין אַ דאָקטער!

פ אָ ר ה אַ נ ג.

געשריבן אין יאָר 1887.

# מ ע נ ט ש ן

א טעאטער־שטיק אין איין אקט

## די פארשוינען:

**ד נ י א ל,** אַן אַלטער הויזדינער, אַן עקאַנאָם און אַן אויפזעער אַף די „מענטשן“ אין הויף. אַ בחור שוין אין די יאָרן, וואָס וויל אויסזען יונג. טראָגט אַ רויטע וועסט מיט מעשענע קנעפּלעך, קעסטלדיקע הויזן, אַ גרינעם שניפּס. האַלט זיך גרוים און רעדט שטרענג מיט קלענערע פון זיך; מיט גרעסערע ווערט ער קליין, רעדט ווייך.

**ה ע ר ץ,** אַן עלעגאַנטער משרת. טראָגט אַ פראַק, אַ ווײַסע וועסט, שיינע וואָנסן.

**ר י ק ל,** אַ קעכן. טראָגט אַ ווײַסן פאַרטעך, אַ ווײַסן שלייער. אַ פרייליכע נשמה.

**פ י ש ל,** איר מאַן דינט אין צווייטן הויף. אַ פאַרזאָרגטער נפש.

**ל י ז אַ,** אַ שטוב־מיידל, וואָס מע האָט נאָרוואָס אָפּגעשאַפט.

**ר ע וו ע ט ש ק ע,** אַ שטוב־מיידל, וואָס מע האָט נאָרוואָס צוגענומען.

**פ אַ נ י ט ש ק ע,** אַ שטוב־מיידל, וואָס מע האָט שוין לאַנג אָפּגעזאָגט.

**ר ב ס ע נ ד ע ר,** אַ מלמד. אַ באַוואַקסענער ווי אַ חיה. רעוועטשקעס פאָטער.

**י ו כ ב ד,** זײַן ווײַב. רעוועטשקעס מוטער.

**מ אַ ד אַ ם ג אָ ל ד,** אַן אויפגעקומענע נגידית. מ׳זאָגט — אַ מיליאָנערשע.

די האַנדלונג שפּילט זיך אָפּ בײַ די נגידים אין אונטערשטן שטאָק.
אין אונדזערע צײַטן.

א גרויסארטיקע קיך. א ווײַסע פּליטע מיט מעשענע רערן און גלאַנצנדיקע גאַלקעס. אַלע זאַכן און כּלים פֿון א רײַכער קיך: ריין, ווײַס און זויבער. דער אויוון רעכטס, מיטן פּנים צום פּובליקום. — לינקס, איז וואַנט, טרעפּ ארויף אפֿן צווייטן שטאָק. — צווישן די טרעפּ און צווישן דער ראַמפּע בילדעט זיך ווי א מין חדרל, אַפּגעזונדערט פֿונעם אויוון. דאָרטן שטייט א קליין טישל מיט א גרויסער ווײַסער וואַלטער־שטול (אַן אַלטמאָדישע קרעסלע). אַף דער שטול זיצט אַלע מאָל ד נ י א ל. אַקעגן דעם אַלקערל, בא א צווייטער וואַנט, רעכטס, שטייט א גרויסער גרינער קאַסטן. לעבן דעם קאַסטן, נענטער צו דער ראַמפּע, א קליין רויט קעסטל. אין מיטן קיך שטייט א גרויסער לאַנגער טיש מיט עס־לעבע בענקלעך. באַם טיש, אַראָפּגעוואָרפֿן דעם פּראַק און פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, זיצט ה ע ר ץ און אַ שרײַבט א בריוו. ר י ק ל שטייט הינטער אים און דיקטירט אים.

ר י ק ל : „...און שרײַב מיר, ליבע שוועסטער, ווי גייט דיר אין דעם דינסט? און צי ס'איז עפּעס בא אײַך א סך „מענטשן" און וואָ־סּערע „מענטשן"? און וויאַזוי באַגייט מען זיך בא אײַך מיט די „מענטשן"?..."

ה ע ר ץ : (שרײַבט און דרייט מיט דער צונג אַהין, ווו די פּען גייט). „און שרײַב מיר, ליבע שוועסטער..." נו? ווײַטער?

ר י ק ל : (דיקטירט). „בא אונדז זײַנען מיר פֿיר „מענטשן", א חוץ וואָס באַם גרעט וואַשן א באַזונדער „מענטש", און בא די פֿערד א „מענטש", און באַם טויער א „מענטש", און אין גאָרטן א „מענטש"...

ה ע ר ץ : טרררדרד!... זע נאַר, ווי זי האָט זיך עס א ביסל צע־מענטשלט! איך האָלט נאָך גאָר פֿון פֿאַרנט, און זי מאָלט ווי א מיל!

ר י ק ל ! ווו־זשע האַלטסטו, שלים־מזל?

ה ע ר ץ : איך האַלט בא דער ליבע שוועסטער...

ר י ק ל : וואָס הייסט, אַט דאָ ערשט האַלטסטו? וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און הײַנטיקע נאַכט! ווען־זשע וועלן מיר קומען צו גאָט?

ה ע ר ץ : וואָס־זשע האָט איר געמיינט? אַזוי ווי איר באַראַבאַ־נעט, אַזוי זאָל זיך שרײַבן? א פּען איז ניט קיין צונג, וואָס זאָל מאָלן! איידער מע שטעלט אַוועק אַן אות, דאַרף מען גוט צוהאָרעווען! (קוקט אַף דער פּעדער צו דער ליכט). און דערצו איז נאָך די פּעדער פֿון אונ־דזער עקאָנאָם געראָטן אַן איר באַלעבאָס: האַרטלײַביק, שווערפּיסיק און פּוזאַטע. (באַווײַזט מיט די הענט אַפֿן בויך). עס קומט אַן ל י ז א פֿון די טרעפּ אַראָפּ, גייט צו צום רויטן קעסטל, זעצט זיך אַוועק, דאָס פּנים אין די הענט, וויינט).

ר י ק ל : (צו ליזאַן). גאָט איז מיט דיר, וואָס וויינסטו? אַף חורבן בית־המקדש?

הערץ: (צו ליזאַן). ביסט משוגע, צי חסר־דעה? אין מיטן ראַנערשטיק האָט זי זיך צעוויינט? זאָלסט בעסער וועלן זײַן מײַן כלה...

ריקל: האָסט, אַפּנים, געכאַפּט אַ פּעטשאַטעק פֿון דער מאַדאַם? אַ נאַווינע! אַז מע איז בײַ יענעם אַ „מענטש", דאַרף מען אַלצדינג איבערטראַגן!

הערץ: האָב זיי אין דער ערד, נאַרעלע, אַזוי ווי איך. (ציט זיך אויס). איך האָב קיין מורא ניט פֿאַר קײנעם! איבער מיר איז ניטאָ קיין עלטערס און קיין גרעסערס און קיין שטאַרקערס... וואָס מיר באַלעבאָס! ווער מיר מאַדאַם! זוג מיר עקאָנאָם! דו האָב בעסער חתונה פֿאַר מיר, נאַריש מיידל וואָס דו ביסט, וועט דיר זײַן גוט ווי די וועלט.

ריקל: אַליין דער חתן — אַליין דער שדכן!... (דניאל אַראָפּ פֿון די טרעפּ. הערץ כאַפּט זיך אויף, טוט אָן דעם פּראַק, שטעלט אַוועק די טינט און פֿען צוריק אַפֿן קליינעם טישל, ווערט אַן אַנדער מענטש. ריקל שטעלט זיך אַוועק צום אויוון).

דניאל: (צו הערצן). הער נאָר דו, פֿײַנער בחור מײַנער, קום נאָר אַהער! (פֿירט אים צו צום פֿענצטער, קוקט אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן, ווײַזט אים מיטן פֿינגער אָף ליזאַן). נו?

הערץ: וואָס „נו"?

דניאל: זיך שוין אויסגעפּײַנט.

הערץ: ווער?

דניאל: איך!

הערץ: איר?

דניאל: (טוט אים אַ שמיר איבער דער נאָז). קלאָון! פּאַיאַץ! גיי שוין גיי אַרויף, מע רופֿט דיך! פֿאַרברענט זאָל דאָס ווערן!

הערץ: די רגע! (ער גייט צו די טרעפּ אַרויף).

דניאל: (באַזעצט זיך פֿעסט אין דער קרעסלע, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, שליסט אָפּ דאָס טישקעסטל מיט אַ קלונג, נעמט אַרויס אַ ביכל. טוט אָן אַ פּאָר קײַלעכיקע ברילן. רופֿט צו ליזאַן צום טיש, קוקט אין ביכל אַרײַן). דיר קומט פֿאַר פֿיר חדשים מיט דרײַ וואָכן. פֿיר מאָל אַכט איז, אַפּנים, צוויי און דרײַסיק; און פֿאַר די דרײַ וואָכן צו צוויי רובל א וואָך — איז דרײַ מאָל צוויי האָבן מיר, אַפּנים, זעקס. צוויי און דרײַסיק און זעקס איז, אַפּנים, אַכט און דרײַסיק. צוועלף האָסטו צו אַ גלײַכן חשבון, איז, אַפּנים, פֿופֿציק. נאַ, אָט האָסטו געלט. (נעמט אַרויס געלט, שטעלט אַוועק אָף ליזאַן די קײַלעכיקע ברילן). דו וויינסט? דו ביסט נאָך געערגבט? האָ?... (שטרענג). מאַך ניט קיין אָנשטעלן און נעם געלט!

ליזאַ: (נעמט דאָס געלט, הערט ניט אויף צו וויינען). וואָס בין איך שולדיק? ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין אַ שיינע. ער האָט מיר געשוואָרן, אַז ער האָט מיך ליב...

דניאל: אַ גדולה! ער האָט זי ליב! אָט דער ליץ, דער פּאַיאַץ, דער משולחת? פֿאַרברענט זאָל דאָס ווערן!...

ליזא: (הייבט אויף דעם קאָפּ). וועמען מיינט איר דען?

דניאל: און דו וועמען מיינסטו?

ליזא: (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ). נאַטאַנעז מיין איך, נאַטאַן מאַיסעיעוויטש...

דניאל: (כאַפּט זיך אויף). האָ? וואָס האָסטו געזאָגט? נאַטאַן מאַיסעיעוויטש?

ליזא: (שטיל). ער...

דניאל: (שטיל). שוטה! וואָס־זשע האָסטו געשוויגן, נאַריש ציגל וואָס דו ביסט? (מיט כעס). פאַרוואָס האָסטו ניט געזאָגט מיר? נאַריש קעלבל! מ י ר האָסטו באַדאַרפט זאָגן, מ י ר ! פאַרברענט זאָל דאָס ווערן!...

ריקל: (לויפט צו פונעם אויוון). וואָס איז? ווי איז מיר! (ברעכט די הענט).

דניאל: ניט אייער באָבעס דאגה! צו אייער אַרבעט גייט!

ריקל: טפו! (גייט צוריק צום אויוון).

דניאל: ווי אַזוי איז דאָס געווען? דערצייל, פאַר מיר האָב קיין מורא ניט; מיר קאָנסטו דערציילן אַלץ. (שטיל). הייסט דאָס, האָט ער דיר איינגערעדט, אַז ער האָט דיך ליב? און דו האָסט אים געגלויבט אַף נאמנות? אומגליקלעכע וואָס דו ביסט!... און איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט זיך פאַרבונדן מיט אַט דעם פוסטן בחור, מיט דעם שלים־מזל! קום נאָר אַהער, זיץ... (ווייזט איר אַף אַ בענקל לעבן זיין שטול). זאָג מיר נאָר דעם ריינעם אמת, געדענק! דו רעדסט מיט מיר... ס'איז ער? נאַטאַן מאַיסעיעוויטש, זאָגסטו?

ליזא: (וויינט). לאָמיך שוין אַזוי לעבן און געזונט זיין מיט אייך אינאיינעם... אַט האָט ער מיר געשענקט אַ פינגערל... (זי ווייזט אים דעם פינגער).

דניאל: (נעמט איר האַנט, באַטראַכט דעם פינגער מיטן רינג). אומגליקלעכע וואָס איר זייט!... שאָף! ציגן! קעלבלעך!... לאָזט זיך איך בערריידן פון יעדן איינציקן!... (טוט איר אַ וואָרף אָפּ די הענט). געהאַלטן דאָס בסוד פון מיר?!... סודות? זיך צונויפגערעדט? געגלויבט? געמיינט, זי איז אָפּן זיבעטן הימל?! פאַרברענט זאָל דאָס ווערן!!...

(כאַפּט זיך אויף, שפּאַנט אַרום). אַט אַזוי נאַרט מען אייך אַריין, אומגליקלעכע נפשות וואָס איר זייט! (גייט צו צו איר, רעדט הויך). וואָס האָסטו געמיינט? וואָס האָסטו זיך געטראַכט? האָסט גערעכנט, אַז ער וועט דיך נעמען? אַ מאַדאַם גאָלד האָסטו זיך געריכט צו זיין, כאַ־כאַ־כאַ! וואָס שווייגסטו, וואָס? (זעצט זיך אַוועק אַקעגן איר, נעמט איר האַנט, רעדט ווייטער). דערצייל מיר, קינד, דערצייל מיר אַלץ.

ליזא: (זעצט זיך אַוועק לעבן אים אַף אַ בענקל, כליפּעט. ריקל גנבעט זיך אונטער, לייגט צו אַן אויער). די ערשטע צייט, אַז איך בין אַנגעקומען, איז ער מיר נאָר נאָכגעגאַנגען און געזאָגט, אַז איך בין אַ

שיינע, א פארשויין... אז איך בין א צירונג אין שטוב, אז ער וואלט אף מיר נאר געקוקט און נאר געקוקט... נאכדעם האט ער אנגעהויבן זיפצן און צו קרעכצן, זאגן, אז ער האט מיך ליב, אז ער גייט אויס נאך מיר, אז ער קאן אז מיר ניט לעבן... מיך געפרעגט, אויב איך וויל זיין זיינע... געבעטן, איך זאל אף אים האבן רחמנות... צוגעזאגט, אז ער וועט אי־בעררײדן מיט זיי... און אז זיי וועלן ניט וועלן, וועט ער זיך סמען, אדער שיסן... ער וועט זיך נעמען דאס לעבן... אפגעלייגט אזוי פון טאג אף טאג... ס׳איז אף אים געווען א גאטס רחמנות...

ד נ י א ל : זי האט אף אים געהאט רחמנות? כא־כא־כא! פאר־ברענט זאל דאס ווערן! נו, און ער אף דיר? פארוואס האט ער אף דיר קיין רחמנות ניט? הא?... וואס־זשע האט ער דיר געזאגט היינט, נעכטן, אייערנעכטן? האסט גערעדט מיט אים? זאג!

ל י ז א : גערעדט, וואס דען, איך האב ניט גערעדט? איך האב אים אלצדינגט געזאגט... איך האב געוויינט... (וויינט).

ד נ י א ל : זי האט געוויינט!... נו, און ער?

ל י ז א : ער האט געבעטן פריִער מיט גוטן, איך זאל שווייגן, מיר צוגעזאגט מתנות, געלט... און אז איך האב מיך אפגעזאגט פון די מתנות, האט ער אנגעהויבן מיט בייזן. ער האט מיר געזאגט, אז טאמער מאך איך א סקאנדאל, וועט ערגער זיין פאר מיר, פאר מיין שוועסטער...

ד נ י א ל : פון וואנען וויים ער פון דיין שוועסטער?

ל י ז א : איך האב אים דערציילט, אז איך האב א שוועסטער א קאסירערן. טאמער ווערט מען געוואר, פארלירט זי די שטעלע...

ד נ י א ל : (כאפט זיך אויף מיט כעס, טוט א זעץ אין טיש אריין, הויך). ווו זיינען געווען מיינע אויגן, פארברענט זאל דאס ווערן!... און פארוואס האסטו מיר פריִער ניט געזאגט, אומגליקלעכע וואס דו ביסט! (זעצט זיך אוועק, רייבט זיך דאס פנים, רעדט א ביסל ווייכער). זאג מיר נאר, קום אהער, דו נאריש מיידל וואס דו ביסט, וועמען האסטו דא א חוץ דער שוועסטער?

ל י ז א : (דורך טרערן). קיינעם ניט. איך האב דאך אייך געזאגט, אז איך האב דא נאר איין שוועסטער, דינט זי אין א קלייט. א קאסירערן איז זי, א יינגערע פון מיר; איז טאמער ווערט מען געוואר פון מיין אומ־גליק, פארלירט זי די שטעלע. (יאמערט).

ד נ י א ל : (שטילט זי איין). האב קיין מורא ניט, ס׳וועט דיין שוועסטער ניט שאטן... גוט, וואס דו האסט מיר געזאגט. איך וועל שוין פון דיינעטוועגן זען. איך וועל שוין זען... (טראכט א ווײַלע). ווייסטו וואס? איך וועל דיר געבן א קוויטל צו מיינע א באקאנטע... דארט וועסטו זיין, ביז איך וועל זען... איך וועל שוין זען... (נעמט ארויס א שטיקל פאפיר, שרייבט און סאפעט. ליזא זיצט און וויינט. פון די טרעפ הערט זיך א פרויען־קול: „דניאל! דניאל!").

ד נ י א ל : (לייגט אריין דאס שטיקל פאפיר צוריק אין טישקעסטל.

טוט אויס די ברילן, ווערט מיט א קאפ נידעריקער). באלד! (לאזט זיך ארויף אף די טרעפ).

ריקל: (גייט צו מיטן לעפל צו ליזאן, שאקלט מיטן קאפ). מייגסט, איך האב ניט געהערט? כ'האב געהערט אלצדינג... אט אזוי האט מען, אז מען איז א „מענטש" בא יענעם. קומען זאל אף זיי א כאליערע, אף אלע באלעבאטים, רבונו של עולם!

ליזא: (וויינט). אוי, ריקל־קרויז, נשמהניו, הארצעניו! איך בין אומגליקלעך! וואס וועל איך טאן? וואהין וועל איך גיין? וואס וועל איך זאגן?... (ברעכט די הענט).

ריקל: וויין ניט, נארעלע! איך האב פיינט מיך מישן אין פרעמדע געשעפטן, דו ווייסט דאך; נאר ווען ס'זאל קומען אף מיר... (בייגט זיך איין צו איר אפן אויער). ווען עס קומט אף מיר אזא זאך, וואלט איך בא זיי אפגעצאפט דריי אקעס בלוט! פאסן וואלט איך פון זיי געשניטן! (ווייזט מיטן לעפל). פאסן! קינדס־קינדער וואלטן זיי פארזאגט, זיי זאלן זיך ניט באגיין אזוי מיט „מענטשן"! א כאליערע זיין אין פנים!

ליזא: (ברעכט די הענט). ווי איז מיר, איך האב מורא פאר דער שוועסטער, פאר מיין שוועסטער, זי וועט פארלירן די שטעלע... וואס וועל איך טאן? וואס וועל איך טאן?...

ריקל: אוי, גאטס בהמהלע וואס דו ביסט! האסט א געלעגנהייט זיך באווארענען איצט מיט נדן! זיי האבן געגנוג, נישקשה, אויסקרענקען מעגן זיי! און נעמען א חתן, נארעלע, אף מיר אזא יאר, חתונה האבן און אויפהערן זיין א „מענטש" בא יענעם... ווערן א באלעבאסטע, נארעלע, און אליין האלטן „מענטשן"... באטראכט זיך!... אוי, מע גייט... (לויפט אפ צוריק צום אויוון. דניאל און הערץ גייען ביידע פון די טרעפ).

הערץ: דאס איז יא גאט די נשמה און דעם הונט דעם לונג און לעבער! (מאכט א מאדנע גרימאסע, נעמט זיך צו אן ארבעט). ביל־בולים נאר!!!

דניאל: (שטרענג). זאל זיין שטיל! (צו ליזאן). איינגעפאקעוועט בא דיר די זאכן? (עפנט אויף דאס טישקעסטל). נא, אט האסטו נאך א פופציקער... אף הוצאות וועסטו באקומען א חוץ... איך וועל שוין זען... אומגליקלעכע באשעפענישן וואס איר זייט! פארבלאנדזשעטע שעפעלעך, גאטס בהמהלעך, פארברענט זאל דאס ווערן! (ליזא וויינט, וויל גיין, ער האלט זי אפ). האב צייט. איך וועל דיר געבן א קוויטל, א בריוו וועל איך דיר געבן. (וויל שרייבן. קומט צו ריקל).

ריקל: (לויפט צו צו דניאלן מיטן לעפל אין האנט). איר ווייסט דאך, אז איך האב פיינט מיך מישן אין פרעמדע געשעפטן, נאר זי האט איצט א געלעגנהייט זיך באווארענען כאטש מיט נדן. א כשר בהמהלע, איר זעט דאך...

ד נ י א ל : (שמרענג, קוקט דורך די ברילן). ווער פֿרעגט בײַ אײַך עצות? אײַער אַרבעט איז בײַם אויוון! גרייט נאָר צום טיש נאָך אַף דרײַ פּאַרשוין. דאָ קומט באַלד אַראָפּ דער מאַדאַם קרובים. אַרעמע קרובים, דאַרף מען זיי געבן עסן און קיך מיט די „מענטשן".

ה ע ר ץ : אַ גליק כאַטש, וואָס ניט מיט די הינט... (רב ס ע נ ־ ד ע ר, י ו כ ב ד און ר ע וו ע ט ש ק ע לאָזן זיך אַראָפּ אַלע דרײַ. סוטן זיך אויס. רב סענדער וויקלט זיך אויף פֿון די שאַלן, און מע דער־ זעט אַ באַוואַקסן פּנים. ריקל און הערץ באַטראַכטן אים, ווי אַ ווילדע חיה).

ר י ק ל : וואָס איז דאָס? (ווײַזט מיט די אויגן אַף די געסט).

ה ע ר ץ : זאָל מיך אַזוי וויסן אַ בייזע וועטשערע! קיין עין־הרע, אַ גערעט אפֿן פּנים, גוט באַוואַקסן...

ד נ י א ל : (צו די געסט). זעצט זיך אַוועק אָט דאָ בײַם טיש, וועט מען אײַך געבן עסן... ריקל! גיט עסן! (רב סענדער וואַשט זיך, מאַכט המוציא הויך אַף אַ קול. הערץ ענטפֿערט „אמן יהא שמיה רבה"... ריקל לאַכט אין פֿויסט. — מאַדאַם ג א ל ד קומט אַרײַן באַלד נאָך זיי. בשעת די מאַדאַם גאָלד באַווײַזט זיך, ווערט אַן איבערקערעניש אין קיך: ריקל טוט זיך אַ וואָרף צום אויוון. הערץ כאַפּט זיך צו די טעלער, קלאַפּט מיט די גאָפּלען, וואָרפֿט מיט די לעפֿלען. ליזאַ האָט זיך אויפֿגע־ הויבן פֿונעם רויטן קעסטל, האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿון קיך אין דרויסן אַרויס. דניאל האָט אַראָפּגעוואָרפֿן די ברילן, אויפֿגעשטאַנען, געוואָרן מיט אַ קאָפּ קלענער. רב סענדער האָט אַוועקגעוואָרפֿן דאָס עסן).

מ א ד א ם ג א ל ד : (אַף די אונטערשטע טרעפּ, אַ ביסל העכער פֿונעם באָדן). ריקל! וועסט זיי געבן עסן און צו גלעזלעך טיי. (צו יוכבד). איך האָב גאָר פֿאַרגעסן פֿרעגן, וואָזוי הייסט זי, אײַער טאָכטער?

י ו כ ב ד : רעווע.

ר ב ס ע נ ד ע ר : רבקה הייסט דאָס.

מ א ד א ם ג א ל ד : רעווע? רבקה? ניט שיין!... רעוועקע, רע־ וועטשקע — זאָל זי הייסן רעוועטשקע.

י ו כ ב ד : איר ווילט רעוועטשקע, זאָל זײַן רעוועטשקע! ווער קאָן אײַך זאָגן אַ דעה? זי איז דאָך אײַערע...

ר ב ס ע נ ד ע ר : מײַנע ווערטער. אַבי ס'זאָל איר זײַן גוט און קיין זאַך ניט פֿעלן. לא המדרש עיקר, אלא המעשה.

מ א ד א ם ג א ל ד : דאָס ווענדט זיך אָן איר. וועט זי זײַן גוט, וועט איר זײַן גוט; וועט זי זײַן שלעכט, וועט איר זײַן שלעכט.

ד נ י א ל : (כאַפּט אונטער). וועט זי דינען גוט, וועט איר זײַן גוט; וועט זי דינען שלעכט, וועט איר זײַן שלעכט. (טוט אַ ווונק צו הערצן און צו ריקלען).

ה ע ר ץ און ר י ק ל : (בײדע אײנגאײנעם). וועט זי דינען גוט, וועט איר זײַן גוט; וועט זי דינען שלעכט, וועט איר זײַן שלעכט.

הערץ: (באזונדער, אף א זײַט). אזא יאר אף זיי!
מאדאם גאלד: מײַנע מענטשן האבן זיך נאך קיינמאל אף מיר ניט באקלאגט.
דניאל: אונדזערע מענטשן האבן זיך נאך קיינמאל ניט באַקלאגט! (ווינקט צו הערצן און צו ריקלען).
הערץ און ריקל: (ביידע אינאיינעם). קיינמאל ניט באַקלאגט זיך נאך.
הערץ: (באזונדער אף א זײַט). אזויפיל מכות זיי!
מאדאם גאלד: בא מיר, עס קומט אונטער א יום־טוב, אז אימענינעס, נעם איך אן אלע מענטשן מתנות.
דניאל: דא באקומען אלע מענטשן מתנות! (ווינקט צו הערצן און צו ריקלען).
הערץ און ריקל: מיר באקומען אלעמאל מתנות!
הערץ: (באזונדער, אף א זײַט). ניט מער זאלן זיי פארמאגן!
רעוועטשקע: צו וואס מתנות? מתנות איז ניט נייטיק...
יוכבד: (צו דער טאכטער, מיט א צי באַם ארבל). ריוועלע, וואס טוסטו? דו דארפסט שווייַגן!
רב סענדער: מײַנע ווערטער. יפה שתיקה...
הערץ: (אף א זײַט). דער ייִד רעדט, אפנים, תרגום־לשון...
מאדאם גאלד: און דאס, וואס זי קאן שרײַבן, איז זייער גוט. עס מאכט זיך אמאל, מע דארף פארשרײַבן דאס גרעט פון דעם בוידעם, ווארעם מע טראגט, מע שלעפט, מע גנבעט.
דניאל: מע גנבעט! (ווינקט צו הערצן און צו ריקלען).
הערץ און ריקל: נאך א מין גנבענען!
הערץ: (באזונדער אף א זײַט). אז אך און וויי איז צו די גנבים!
מאדאם גאלד: (צו רעוועטשקען). עס אפ און נעם זיך צו דער ארבעט. (צו דניאלן). דניאל! זאלסט אכטונג געבן צו די פערד, צי מען גיט זיי האבער, צי מע שרײַבט גלאט אזוי א גוט יאר. זיי האבן זייער ליב שרײַבן חשבונות... (מאדאם גאלד אפ. נאך דער מאדאמס אפגאנג ווערט אן אנדערע שטימונג: דניאל טוט אן די ברילן, ווערט מיט א קאפ העכער, זעצט זיך אוועק אין זײַן גרויסן שטול, שרײַבט. ריקל גיט אויף צום טיש. די געסט עסן. הערץ עסט מיט זיי. עס הערט זיך פון אויבן א קול: „דניאל"! „דניאל"!...)
דניאל: (ווארפט אראפ די ברילן, ווערט מיט א קאפ קלענער, פארשפילעט זיך, גייט אף די טרעפ). באלד! באלד! איך גיי! איך גיי! (דניאל אפ).
ריקל: (דערלאנגט צום טיש). עסט, מײַנע ליבע געסט!
יוכבד: ווער איז דער בייזער ייִד, אט דער, וואס מע רופט אים דניאל? אט איז ער גרויס און אט איז ער קליין...

ה ע ר ץ: דאָס איז אונדזער חצי באַלעבאָס.

ר ב ס ע נ ד ע ר: (לייגט אַוועק דעם לעפֿל). חצי וואָס?

ר י ק ל: דאָס איז אונדזער עקאָנאָם; ער האָט צו שאַפֿן אַף אַלע „מענטשן”. דורך זײַן האַנט נעמען מיר וואָס אונדז קומט... זײַט אײַר, הייסט דאָס, טאַקע נאָענטע קרובים מיט אונדזערע באַלעבאַטים?

י ו כ ב ד: ניט שטאַרק נאָענט. נאָר מיר גערעכט זיך אַן שטיקלעך פֿרײַנטלעך.

ר ב ס ע נ ד ע ר: שני שבשלישים. איר ווילט וויסן, ווי‌אַזוי? (לייגט אַוועק דעם לעפֿל). אָט וועל איך אײַך אויסרעכענען.

ה ע ר ץ: מהכתיתי, רעכנט אונדז אויס, ס'איז כדאי צו וויסן. (עסט). אַ מענטש דאַרף אַלצדינג וויסן וואָס אַף דער וועלט טוט זיך. (עסט.)

ר ב ס ע נ ד ע ר: מײַן פֿעטער, דאָס הייסט אונדזער ביידנס פֿעטער, — מחמת איך מיט מײַן ווײַב זײַנען אויך אייגענע געשוועסטערקינדלעך, — האָבן זיך אַנגעקערט מיט אײַער מאַדאַמס מומע שוועסטער און ברודער. הײַנט פֿאַרשטייט איר שוין? (נעמט זיך צום עסן).

י ו כ ב ד: פּונקט קאַפּוויר! (לייגט אַף דעם לעפֿל). אונדזער מומע מיט אײַער מאַדאַמס פֿעטער זײַנען געווען שוועסטער און ברודער.

ר ב ס ע נ ד ע ר: (לייגט אַף דעם לעפֿל). מײַנע ווערטער! ווי‌אַזוי האָב איך דען געזאָגט?

ה ע ר ץ: (צו יוכבדן). ווי‌אַזוי האָבן זיי דען געזאָגט? (עסט).

י ו כ ב ד: (לייגט אַף דעם לעפֿל). דו האָסט געזאָגט, אַז אונדזער פֿעטער מיט איר מומע...

ר ב ס ע נ ד ע ר: (לייגט אַף דעם לעפֿל, ווערט אין כעס). איך האָב געזאָגט? ווי האָב איך געקענט אַזעלכעס זאָגן?

ה ע ר ץ: (צו יוכבדן). ווי האָבן זיי געקאָנט אַזעלכעס זאָגן? (עסט).

י ו כ ב ד: (לייגט אַף דעם לעפֿל, רעדט צו דער טאָכטער): נו? האָט ער ניט געזאָגט אַזוי? זאָג שוין דו, ריוועלע, וואָס שווײַגסטו?

ר ע וו ע ט ש ק ע: וואָס איז דער אונטערשייד, אַזוי געזאָגט, אָדער אַזוי געזאָגט? עסט בעסער, איר האָט שוין אַ בעת־לעת ניט געגעסן...

ה ע ר ץ: (צו רב סענדערן). אײַער טאָכטער איז גערעכט, לאָם איך האָבן אַזאַ יאָר! פֿאַרן עסן, זאָגט מען, גייט קיין טאָנץ ניט... הכלל. זײַט איר, הייסט דאָס, אייגענע. וואָס־זשע? זיי האָבן אײַך טאַקע געשריבן, איר זאָלט קומען צו פֿאָרן?

ר ב ס ע נ ד ע ר: חס ושלום! מיר זײַנען אַליין געקומען צו פֿאָרן, געבראַכט אָהער די טאָכטער זוכן אַן אָרט. דערווײַל האָבן מיר זיך דערמאָנט, אַז מיר האָבן דאָ רײַכע קרובים, זײַנען מיר געקומען צו גיין. תחילת האָבן זיי אונדז אַפֿילו ניט דערקענט...

י ו כ ב ד: פֿון וואַנען זאָלן זיי אונדז קענען? יענע זײַנען, קיין

עין־הרע, אזוי ריַיך! מיליאָנטשוקעס! (עס הערט זיך אַ קלינגען פון אויבן).

העראַ: דאָס מיינט מען מיך! זיי לאָזן דען אָפּעסן? (עסט גייער־דיק), אַזוי ווי אַ הונט מוז מען כאַפּן און ווערן זיך, דערנוואַרגן זאָלן זיי ווערן! (אָפּ).

ריקל: (צו יוכבדן). קומט דאָך אויס, אַז איר זייַט טאַקע עפּעס נאַר...

יוכבד: וואָס דען דאָס איר געמיינט? אונדזער משפּחה זייַנען לויטער באַלעבאַטים. אונדזער משפּחה...

רעוועטשקע: וואָס דאַרפֿן זיי וויסן די משפּחה? דו טוסט מיט מיר אַ שידוך?

יוכבד: וואָס דען? זיי דאַרפֿן וויסן אַלצדינג. זאָלן זיי ניט מיינען, אַז דו ביסט גלאַט אַזוי אַ „מענטש", גלייַך מיט אַלע „מענטשן".

רעוועטשקע: מאַמע! ס'איז נאָר שווער ביז מע פֿועלט בייַ זיך צו זייַן בייַ יענעם; נאָר קוים האָב איך מיך געשטעלט, בין איך גלייַך מיט אַלע... (אָפּגעגעסן, נעמט זיך צו אַן אַרבעט, וואַשט און ווישט די טעלער).

רב סענדער: (בענטשט מיט אַ ניגון, מאַכט מיטן קאָפּ). אור־הום... אמת, אמת... „על הארץ ועל המזון... רחם נא..." (שאָקלט זיך).

ליזאַ: (קומט פֿון דרויסן, ברעכט די הענט, גייט צו צום רויטן קעסטל, זעצט זיך אַנידער, שפּאַרט זיך אָן דעם קאָפּ אויף דער האַנט)

רעוועטשקע: ווער איז דאָס מיידל?

ריקל: דאָס איז אונדזער געוועזענע פּאַקאַיאָווקע... הייַנט ערשט האָט מען זי אָפּגעזאָגט...

רעוועטשקע: פֿאַרוואָס?

יוכבד: אַ נאַווינע וואָס מען שאַפֿט אָפּ אַ „מענטשן"! זיי נעמען צו, זיי שאַפֿן אָפּ.

רב סענדער: (האַלט אין מיטן בענטשן). אור־הום... אור־הום... כתומר ביד היוצר... „הרחמן..."

ריקל: (צו יוכבדן). וואָס זאָגט איַיער מאַן?

יוכבד: (צו ריקלען). איר וועט ניט פֿאַרשטיין. ס'איז פֿון דער גמרא. (דניאל קומט אַן פֿון אויבן).

דניאל: (גייט אַרום הין און צוריק אַ מינוט אַן ווערטער. שטעלט זיך אָנווען אַקעגן ליזאַן. רעדט שטיל). אומגליקלעכע וואָס דו ביסט!... זאָלסט מיר געוועזן זאָגן פֿריִער כאָטש, פֿאַרברענט זאָל דאָס ווערן!... קום אַהער!... (ליזאַ גייט צו. ער זעצט זיך צוריק צום בריוו). אָט דאָ האָסטו איר אַדרעס... אַהין זאָלסטו צופֿאָרן... וועסט לאָזן גריסן פֿון מיר. וועסט זאָגן, איך וועל דאָרט זייַן אפֿשר הייַנט נאָך, אויב איך וועל קאָנען, אַניט — איז מאָרגן... אומגליקלעכע וואָס איר זייַט... (ליזאַ גייט צום רויטן קעסטל, עפֿנט אויף, זוכט עפּעס און פֿאַרשליסט צוריק).

ר ב ס ע נ ד ע ר : (האט אפגעבענטשט, שטייט אויף פון טיש; ווישט זיך אפ די הענט אן דער קאפאטע, גייט צו צו דניאלן). נאט אייך אפ שלום־עליכם. איך האב געהערט, איר זייט דא דער צווייטער באלע־באס...

ד נ י א ל : (טוט אן די ברילן, ווערט מיט א קאפ העכער). וואס וועט איר זאגן?

ר ב ס ע נ ד ע ר : גארניט. איך האב אייך נאר געוואלט בעטן, איר זאלט אכטונג געבן אף אונדזער קינד, השגחה געבן.

ד נ י א ל : אכטונג געבן? השגחה געבן? (קוקט אף איר און אף ליזאן). אכטונג געבן אף אייער קינד? (זיפצט). יא־א־א! אכטונג געבן, אכטונג געבן.

י ו כ ב ד : זי איז בא אונדז טייער... זי איז חלילה ניט קיין בת־יחידה, נאר זי איז די עלטערע בא אונדז און סאמע די געראטענע... איך בעט אייך, גיט אכטונג...

ר ע ו ו ע ט ש ק ע : אף מיר דארף מען ניט אכטונג געבן; איך קאן, ברוך השם, מיין שטעטל אליין באשטיין...

י ו כ ב ד : (צו דער טאכטער). נארעלע וואס דו ביסט! (צו דניאלן). איר פארשטייט... א שיין מיידל אין דער פרעמד...

ד נ י א ל : א שיין מיידל אין דער פרעמד... (קוקט אף איר און אף ליזאן). דאס איז דווקא פון די קליינע מעלות...

ר ע ו ו ע ט ש ק ע : מאמע! דאגה ניט פאר מיר. קיינער וועט מיך ניט אויסכאפן. איך בין ניט אלט קיין צען יאר...

י ו כ ב ד : (צו ריקלען). וואס זאגט איר אף איר? קיין עין־הרע, א בר־דעת! (צום מאן). סענדער, טו דיך אן, מיר דארפן פארן. (צו דער טאכטער). זיי געזונט, ריוועלע, שאנעווע דיך, וועט דיר זיין, אם ירצה השם, גוט, בעסער ווי אינדערהיים.

ר ב ס ע נ ד ע ר : מיינע ווערטער: הכל תלוי במזל... (צו דניאלן) זייט געזונט, רב דניאל, און גיט השגחה אף מיין קינד. (זיפצט).

ד נ י א ל : געבן השגחה אף אייער קינד... יא־א־א! געבן אכטונג אף אייער קינד. (רעוועטשקע באגלייט איר פאטער און מוטער ביז אף יענער זייט טיר, קומט צוריק און נעמט זיך ווידער צו דער ארבעט. — רב סענדער און יוכבד אפ. — פון אויבן, פון די טרעפ, קומט אן הערץ).

ה ע ר ץ : די מאדאם האט געהייסן שפאנען א וואגן און ארויס־באגלייטן אונדזער ליזאן מיט כבוד. (נעמט זיך צום רויטן קעסטל. צו דניאלן). און אייך האט מען געלאזט בעטן מחילה ארויף. נאטאן מאי־סעיעוויטש וויל אייך זען וועגן די פערד.

ד נ י א ל : ווידער פערד! ער האט מיך שוין פארמוטשעט מיט די פערד! א פערד איז בא זיי טייערער פון א מענטשן! (לאזט זיך גיין). פארברענט זאל דאס ווערן! (דניאל אפ).

ה ע ר ץ : כא־כא־כא! דעם ערגסטן הונט קומט אן דער בעסטער

ביסן... (צו ליזאַן). מיך האָסטו ניט געוואָלט פאַר קיין חתן, נײַן? שטייט דיר ניט אָן דער יחוס! דערפאַר, ווײַל איך בין אַ „מענטש"? אוודאי איז אַ באַלעבאָס בעסער פון אַ „מענטש"ן". נאָר אַז די „מענטש"ן" וועלן אָנהייבן חתונה האָבן פאַר די באַלעבאַטים, און די באַלעבאַטים פאַר די „מענטשן", הײַנט וואָס פאַר אַ פּנים וועט דעמאָלט האָבן די וועלט?

ר י ק ל: (צו הערצן). טאָמער וואָלסטו שוין אײַנגענומען אַ ביסל שטומעניש, דו משומד איינער? אַ מענטש איז געבעד אַזוי אומגליקלעך, קומט ער צו גיין מיט אַ מענה לשון!

ל י ז אַ: (פאַלט צו מיט אַ געוויין צו ריקלען). מאַמע מײַנע טײַערע!

ר ע וו ע ט ש ק ע: (צו הערצן). וואָס וויינט זי?

ה ע ר ץ: זי האָט זיך דערמאָנט אַ ווײַנענדיקס.

ר ע וו ע ט ש ק ע: (צו ריקלען). וואָס וויינט זי?

ר י ק ל: ס'איז איר אָנגעזאָלעט אָפּן האַרצן, וויינט זי.

ר ע וו ע ט ש ק ע: (גייט צו צו ליזאַן). וואָס איז אײַך? (ברעכט די הענט). זאָגט מיר...

ל י ז אַ: (ברעכט די הענט). אוי, זאָל אײַך גאָט היטן... איר זאָלט ניט וויסן דאָס, וואָס איך!... (קוקט אַרויף אָף די טרעפּ אַ ווײַלע, מיט טרערן פולע אויגן, פאַלט צו ריקלען אָף די הענט, וויינט ווי אַ קינד). זײַט געזונט, מאַמע מײַנע געטרײַע!... איר זײַט מיר געווען אַ מאַמע!..

ר י ק ל: (גלעט ליזאַן איבערן קאָפּ). נו, גענוג, גענוג וויינען, קינד! ס'אַ גאָטס זאַך, אַ גאָטס זאַך... פאַר געזונט. זאָל דיר גאָט באַגליקן, ווי דו ווינטשסט זיך אַליין... אוודאי, ווען דו זאָלסט מיך פאָלגן!... פאַר געזונט!... (קאָן ניט ריידן מער. באַהאַלט דאָס פּנים אין פאַרטעך. עס הערט זיך אַ צוגעפּאַרטע פור. הערץ טוט אַ כאַפּ דאָס רויטע קעסטל אָף די פּלייצעס. אָף זײַנע אויגן שטייען טרערן. ער מאַכט זיך פריילעך).

ה ע ר ץ: דאָס קעסטל איז, קיין עין־הרע, גוט געפּאַקט. אַפּנים, קיינמאָל ניט געקרענקט... (טראָגט דאָס אַרויס פון דער טיר. ליזאַ גייט נאָך מיט אַ געוויין, ברעכט די הענט, קוקט צום לעצטן מאָל אַרויף, אָף די טרעפּ. ריקל וויינט אין פאַרטעך. רעוועטשקע באַטראַכט אַלעמען, הערט ניט אויף צו אַרבעטן).

ר י ק ל: (צו זיך אַליין). אָט־אַזוי־אַ באַגייט מען זיך מיט אַ „מענטש"ן". אַ „מענטש" און אַ הונט איז באַ זיי אַלץ איינס שוואַרץ יאָר... אַ מצווה אָף איר — אַליין שולדיק... אַ „מענטש" דאַרף געדענקען, אַז ער איז ניט מער ווי אַ „מענטש"!... (צו רעוועטשקען). הערסטו מײַדל? אַז דו וועסט זײַן דאָרטן (ווײַזט איר אַרויף, אָף די טרעפּ), זאָלסטו אין זינען האָבן, אַז דו ביסט אַ „מענטש", און אַז דײַן אָרט איז אָט־אָ־דאָ...

ה ע ר ץ: (קומט צוריק פון דרויסן מיט רויטע אויגן). ווינציקער באַ אונדז מיט אַ „מענטשן"... (צו ריקלען). מיך פאַרדריסט נאָר איין זאַך: גענוג זיי זינדיקן, לייגן זיי נאָך אַרויף די באָד אָף יענעם...

ר ע וו ע ט ש ק ע : אַט דאָס מיידל האָט עפּעס געזינדיקט? מע האָט זי געכאַפּט מיט אַ גנבה? (ריקל און הערץ שיסן אויס ביידע אין אַ געלעכטער).

ר י ק ל : (צו רעוועטשקען). ביסט נאָך גאָר אַ ציגעלע, ווי איך זע אַרויס!

ה ע ר ץ : אַ תמעוואַטע מיידל. אַ וווּיל מיידל, ווי איך בין אַ מענטש! איך האָב ליב אַזעלכע מיידלעך!... (וויל געבן רעוועטשקען אַ גלעט אין בעקל. ריקל גיט איס איבער די הענט).

ר י ק ל : אַז הענט! ביסט ניט נאָטאַן מאַיסעיעוויטש...

ה ע ר ץ : גערעכט! זיי (ווייזט אַרויף) מעגן אַלצדינג, מיר טאָרן ניט.

ר י ק ל : זיי זיינען באַלעבאַטים, מיר זיינען „מענטשן"...

ה ע ר ץ : הערט איר, ריקל סערדצע? איך האָב שוין אַ צייט ניט געהאַלטן די כּלי. די פינגער זיינען מיר שוין פאַרקליאַקנעט, צו אַלדי שוואַרצע יאָר! מע דאַרף אַרויסנעמען דעם אינסטרומענט. (נעמט אַרויס פון אונטערן בעט די גיטאַרע). ס'איז פּאַסקודנע אויף האַרצן, דאַרף מען צעטרייבן אַ ביסל די מחשבות... שפּילן אַ פריילעכס... וואָס זאָל איך אייך שפּילן? (שטעלט אָן די גיטאַרע). מיד אַז מע הערט שפּילן, ווערט מען די כּפּרה!... (קוקט אָף רעוועטשקען און ווינקט אָף איר מיט די אויגן). איך וואָלט אַ בעלן געווען, אַז אַלע שיינע מיידלעך מיט אַלע שיינע ווייבלעך זאָלן מיך הערן... ריקל-קרוין! וואָס זאָל איך אייך זינגען אַזעלכעס, ס'זאָל אייך נעמען?

ר י ק ל : נעמען זאָל דיך שוין — ווייסטו וועך? זינג אונדז אַ יידיש לידל — און אַ סוף.

ה ע ר ץ : אַ יידיש ווילט איר? וועל איך אייך זינגען יקום פּורקן! (שפּילט און זינגט אַ פריילעכס, קלאַפּט מיטן פוס און מאַכט מיטן קאָפּ).

יקום פּורקן —
חיים, שמעיה,
חנא וחסדא!
בערל איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
שמערל איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
אוי-ווי, בערל,
אוי-זשע, שמערל!
בערל, שמערל,
חיים, שמעיה,
חנא וחסדא, —
דאָ — דאָ — דאָ!
יאָקל איז דאָ?

טאַדרעס איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
אוי־ווײ, בערל!
אוי־זשע, שמערל!
אוי־זשע, יאָקל!
אוי־זשע, טאַדרעס!
בערל, שמערל,
חיים, שמעיה,
יאָקל, טאַדרעס,
חנא וחסדא!...
געצל איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
פּײַוול איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
אוי־ווײ, בערל!
אוי־זשע, שמערל!...

(וואָס ווײַטער ווערט דאָס שפּילן אַלץ שטאַרקער און פריילעכער. הערץ קאַכט זיך, ריקל און רעוועטשקע קאַטשען זיך פאַר געלעכטער, באַמערקן ניט, אַז פון דער דרויסן־טיר איז אַרײַנגעקומען ריקלס מאַן — פ י ש ל).

פ י ש ל : (קומט אַן מיט שטילע טריט, שטייט און הערט, ווי הערץ קאַכט זיך אײַנעם לידל און ווי ריקל מיט רעוועטשקען לאַכן, טוט אַ הוסט). קיין עין־הרע, באַ אײַך פריילעך! גוט יום־טוב אײַך!

ה ע ר ץ : גוט יאָר. ניטאָ וואָס צו טאָן, שפּילט מען אַ ביסל אויפן אינסטרומענט.

פ י ש ל : (אויפגעבראַכט). ניטאָ וואָס צו טאָן, שלאָגט מען זיך קאָפּ אָן וואַנט! (צום ווײַב). פרעגט נאָר ניט אויפן קינד, וואָס סע מאַכט? אַבי ס'איז דאַנקען גאָט, דאָ אַ גיטאַרע, און אָט דער פּוסטעקראַט ברעמ־זעט אויף איר!

ר י ק ל : זע נאָר, זעע דיך אַוועק פריִער, רו זיך אָפּ. (הערץ טראָגט אים אונטער אַ בענקל).

פ י ש ל : (קוקט אויף הערצן, ווי אַ גזלן, וויל זיך ניט זעצן אויף דעם בענקל, וואָס הערץ האָט אים אונטערגעטראָגן, טוט דאָס אַ וואָרף אָפּ. נעמט זיך אַן אַנדער בענקל, זעצט זיך אַוועק). זאָג מיר נאָר, דו פּיר־פּערנאַטער, דו שמינדער בגעץ, דו גרינער אַגרעס, דו פוילע קיסליצע! וואָס ביסטו מיר אַ רב שמעלקע מיט מײַן ווײַב, וואָס דו אונטערהאַלטסט זי מיט לידלעך און מיט אינסטרומענטן?

ה ע ר ץ : ערשטנס, אונטערהאַלט איך ניט נאָר אײַער ווײַב אַליין. צופיל כבוד פאַר איר. און צווייטנס, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז מע

איז באַ יענעם אַ „מענטש״, איז ניטאָ קיין מאַן, ניטאָ קיין ווײַב, ניטאָ קיין שוועסטער, ניטאָ קיין ברודער.

פּ י ש ל : אַזוי גאָר? הפקר ציבעלעס?

ה ע ר ץ : וואָס דען? הוליע קבצן! ס'איז היינט אַ פרײַע וועלט!

ר י ק ל : (צום מאַן). ווייס איך, וואָס ער וועט דיר דערציילן, אַט דער חושים!

פּ י ש ל : (אויסער זיך). וואָס פאַר אַ חושים איז ער? ער איז ניט קיין חושים; ער איז אַן אויסגעלאַסענער יונג, אַ הולטײַ, אַ שמדיל־ניק, אַ כל־בוניק מיט אויסגעדרייטע וואָנצעס, וואָס פאַרדרייט דעם קאָפּ פרעמדע ווײַבלעך מיט נאַרישע מיידלעך!

ה ע ר ץ : זעט נאַר! איך בין שולדיק, אַז אַלע מיידלעך מיט אַלע ווײַבלעך זײַנען נאָך מיר די כפּרה!

ר י ק ל : די כפּרה מעגסטו שוין זײַן פאַר אַלע יידן! שלים־מזל!

ה ע ר ץ : סע טוט זיך אַ ביסל! למאי דאַרטן? (ווײַזט מיט די אויגן אַרויף). וואָס איך זע מיך דאַרטן אַז — סאַטעניו! ניטאָ קיין מאַן, ניטאָ קיין ווײַב, מײַנס און דײַנס — שותפותדיקס... וואָס דאַרפט איר מער — איך האָב אַליין געזען, ווי אונדזער מחותן האָט אַרומגענומען די מאַדאַם אַט אַזוי אַ, אַט וועל איך אײַך ווײַזן... (ציט אויס די הענט צו ריקלען).

ר י ק ל : (טוט אים אַ שלײַדער אָפּ פון זיך). מיטן קאָפּ אין דער ערד! (דניאל קומט אַן פון אויבן).

ד נ י א ל : (כאַפּט אַן הערצן פאַרן קאַלנער פון הינטן). אַט וועל איך דיר געבן אַ נעם אַרום, וועט דיר ווערן פינצטער אין די אויגן! גיי אַרויף, מע רופט דיך, פאַרברענט זאָל דאָס ווערן!

ה ע ר ץ : אַטאַ גיי איך. (צו פּישלען). זײַט געזונט, האָט אַ גוטן יאַריד!

פּ י ש ל : (צו הערצן פון דער ווײַטן). מיטן קאָפּ אין דער ערד! ברעך דיר אויס אַ פוס, אָדער אַהינצו אָדער צוריקוועגס! (הערץ אָפּ).

ד נ י א ל : (לייגט אויס אָפּן טיש געלט אין טעלעכע קופּקעלעך. רעדט צו פּישלען). איר דאַרפט ניט זײַן אַזוי דאַסיק פון דעם משוגענעם ליט. זײַנע ווערטער האָבן אַ ממשות, פּונקט אַזוי ווי דער הונט בילט. (עפנט אויף דאָס טישקעסטל, נעמט אַרויס די ביכער).

פּ י ש ל : ניין. איר פאַרשטייט אַ מעשה? באַ זיי אַ „מענטש״ האָט דען אַ ווערט פון אַ מענטשן? מע איז פאַרקויפט צו זיי. מע ווייס ניט פון קיין שבת, פון קיין יום־טוב. מע קוקט ניט אַן קיין ווײַב, קיין קינד. און טאַמער מאַכט זיך, מע כאַפּט זיך אַרויס איין מאָל אין אַ יובל, מע קומט צו גיין — טרעפט מען אים, אַט דעם שאַרלאַטאַן, ברעמזען אָפּן צימבל, און זיי שטייען, די טעלעצעס, און קוקן אף זײַן בייז וווּנ־דער!...

דניאל: נאַרישקייטן! (ציילט געלט און וואַרפט אַף ביינדלעך). נאַרישקייטן!...

ריקל: (צו דניאלן). נו, זאָגט שוין איר אַליין!

פישל: (צו דניאלן). באַ אײַך איז דאָס נאַרישקייטן, און באַ מיר איז דאָס אַ ווייטיק מיט אַ פאַרדראָס! מע מעג טאַקע זײַן באַ יענעם אַ „מענטש", אָבער אַ מענטש איז מען דאָך, און אַ מענטש האָט אַ גאַל מיט אַן אַמביציע! (שלאָגט זיך אין האַרצן).

דניאל: וואָסער אַמביציע? (וואַרפט אַף ביינדלעך). אַמבי־ציע!... אַ מענטש מיט אַמביציעס! ווי קומט צו אַ „מענטשן" אַמביציעס?

ריקל: (צו דניאלן). זאָגט שוין איר אַליין טאַקע, אַמביציע גאָר!

פישל: אַוודאי אַמביציע! מע איז טאַקע ניט מער ווי אַ „מענטש" באַ יענעם, אַ „מענטש" האָט אָבער אויך אַ נשמה! אַ גאַנצע וואָך איז מען אײַנגעשפּאַנט, ווי אַן אייזל, און טאָמער מאַכט זיך איין מאָל איז אַ דאָנערשטיק אַ האַלבע שעה, אַז מע כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס זען זיך מיטן קינד, צי מיטן ווײַב, טרעפט מען זיך דער שוואַרץ יאָר ווייס מיט וועמען!... (וויקלט אויס פון אַ פּאַפּיר אַ שאַל, גיט ריקלען). נאַ, דאָס האָב איך דיר געקויפט אַ שאַל. קאָסט אַ דרײַערל. אַ מציאה פון אַ גנבֿ!...

ריקל: טאַקע? אוי, איך וועל דאָס אָוועקגעבן פייגעלען, זי גייט נעבעך נאַקעט... איך האָב זיך געזען מיט איר יענע וואָך איין מאַרק אַף אַ מינוט. ווײַזט אויס, אַז קיין האָניק לעקט זי דאָרט ניט... אַז אַך און ווי צו די יאָרן, אַז מע איז אַליין אַ „מענטש" באַ יענעם און מע דאַרף נאָך האַלטן אַ קינד הינטער די אויגן. מע איז פאַרקויפט. (נעמט זיך צוריק צו דער אַרבעט).

פישל: פאַרקויפט? פונדעסטוועגן וואָלסטו נאָך געקאָנט אויס־פירן, מאָלט אײַך, זיך זען מיט איר אַ ביסל אָפטער. האָסט קיין צײַט ניט גיין צו איר? דו שלאָפסט אין שלייער? קאָן זי קומען צו דיר. מע טאָר זיך ניט דערווײַטערן פון אַ קינד.

ריקל: אָט זאָגט ער מיר מוסר. דערווײַטערן זיך פון אַ קינד. די מאַדאַם וויל ניט וויסן פון קיין קינדער. די מאַדאַם האָט פײַנט אַ „מענטשן", וואָס האָט קינדער. דאָס ווייסטו, צי ניין?

פישל: זיי האָבן אַלע פײַנט! וואָלסט בעסער געזען אָפּגעבן זי אַהער, באַשטעלן פאַר אַ „מענטשן", זאָל זי זײַן מיט דיר...

ריקל: דאָ? פאַר אַ „מענטשן" מיט מיר? אַ, ניט דערלעבן זאָל איך דאָס גאָר, רבונו של עולם! מײַן קינד זאָל איך אָוועקגעבן צו אָט די וועלף, ס'זאָל פון איר ווערן חלילה אַזאַ תכלית, ווי ס'איז געוואָרן פון פאַניטשקען, אָדער פון ליזאַן... (צום מאַן. זאָגט אים עפּעס אַפן אויער. גיט אַוועקלייגנדיק די אַרבעט).

פישל: (טוט אַ שפּרינג אַפּ). אַ כאָליערע! אַ מיתה משונה! זי־בעצן כאָליערעס! אַכצן מיתה משונה'ס! (מיט די קולאַקעס אַרויף אַף

די טרעפּ). ס׳זאָל אײַך אָנכאַפּן און ס׳זאָל אײַך קײַקלען און אויסקײַקלען אײנציקווייז, און ס׳זאָל ניט בלײַבן פון אײַך קיין שריד ופּליט! ס׳זאָל אַ רוח אין אײַער... (עס הערט זיך פון די טרעפּ אַראָפּ אַ פּרויען־קול: „דניאלי!" „דניאלי!").

דניאל: (ווערט מיט אַ קאָפּ קלענער, שרײַט אַרויף). איך גיי! איך גיי! (אין אַ זײַט, גייענדיק אַרויף). אַראָפּ און אַרויף! אַראָפּ און אַרויף! פאַרברענט זאָל דאָס ווערן! (דניאל אָפּ).

פישל: אומעטום דאָס אײגענע!... (גלײַכט זיך אויס די ביינער, קלײַבט זיך גיין). דאָרט זוכט מען מיר שוין. מע שרײַט שוין: „פישל!" פון אַלע זײַטן: „פישל! פישל!" פישלען זאָל זיך זיי אין קאָפּ, רבונו של עולם! ס׳זאָל זיך זיי אַזוי גלוסטן צו לעבן אויף דער וועלט, ווי מיר גלוסט זיך אַוועקצוגיין פון דאַנען, כאָטש די גרויסע פאַרגעניגנס וואָס מע האָט. אַז מע קומט אַהער... (זיפצט). אַד־אַד־אַד! מילא, אַז מען איז „מענטשן" באַ יענעם, דאַרף מען טאַקע אַזוי זײַן פאַרקויפט? אָפּגעריסן מאַן פון ווײַב, מאַמע פון קינדער, שוועסטער פון ברידער... פע! אַ פאַסקודנע וועלט! (צו רעוועטשקען). הערסטו, מיידל! ביסט דאָך אַ נײַע פּאָקאָיאָווע מסתמא? דו וועסט דאָך אַמאָל חתונה האָבן? גאָט זאָל דיך היטן, זאָלסט זײַן נאָך דער חתונה אַ „מענטש" באַ יענעם! דעם דריטן טאָג אַ שטיקל ברויט — אַבי אַליין. (צו ריקלען). און דו? מעגסט זײַן, נישקשה, אַ בי־בעלע מער פונדערווײַטן מיט דעם מוזיקאַנט, וואָס האָט אַרויפגעדרייט די וואָנצעס אַרויף, ווי עפּעס רעכטס... אַ גוטן! (פישל אָפּ).

ריקל: (קוקט אים נאָך אַ ווײַלע, צעלאַכט זיך). אָט וועל איך מיך גיין אַוועקזעצן קלאָגן אויף חורבן בית־המקדש, כאַ־כאַ־כאַ!

רעוועטשקע: (איבערראַשט). וואָס לאַכט איר?

ריקל: וואָס זאָל איך וויינען?

רעוועטשקע: ער איז דען ניט גערעכט, אײַער מאַן?

ריקל: ווער זאָגט דען, אַז ער איז אומגערעכט?

רעוועטשקע: למאַי־זשע טוט איר אים אָן יסורים?

ריקל: איך אים? וואָס טו איך אים? וואָס בין איך שולדיק, אַז מיר זײַנען בײדע פאַרקויפטע מענטשן? פריער, מיידלווייז, בין איך געווען אַלע יאָרן אַ „מענטש" באַ יענעם. געקליבן, געקליבן נדן, חתונה געהאַט פאַר אים, געזען, ס׳איז קיין תכלית ניט, ער וועט זײַן באַ יענעם אַ „מענטש", און איך וועל זיצן ווי אַ פּריצה מיט צונויפגעלייגטע הענט, האָב איך מיך געשטעלט פאַר אַ „מענטשן", און אַז מײַן פייגעלע איז אונטערגעוואַקסן, האָב איך זי אויך באַשטעלט פאַר אַ „מענטשן"...

רעוועטשקע: פאַר אַ „מענטשן"?

ריקל: פאַר אַ „מענטשן". מיר זײַנען „מענטשן", און אונדזערע קינדער זײַנען „מענטשן", און אונדזערע קינדס־קינדער, אפשר, וועלן אויך זײַן „מענטשן". שוין אַזוי באַשערט פון גאָט, מיר זאָלן זײַן „מענטשן"...

ר ע וו ע ט ש ק ע: באַשערט פון גאָט, מיר זאָלן זײַן „מענטשן"?

ר י ק ל: נו, יאָ. נעם, למשל, אַט דו אַליין טאַקע. אַט ביסטו איצט אַ „מענטש" בײַ יענעם. וועסט אַנקלײַבן עטלעכע קערבלעך, וועסטו מסתמא חתונה האָבן אויך פאַר אַ „מענטשן"?

ר ע וו ע ט ש ק ע: פ אַ ר וו ע ם ע ן זאָגט איר?

ר י ק ל: פאַר אַ „מענטשן".

ר ע וו ע ט ש ק ע: פאַר וועמען דען האָט אַ מענטש חתונה? ניט פאַר קיין מענטשן?

ר י ק ל: (אַ פּלעסק מיט די הענט). אוי, ייִדן! איז דאָס מיידל נאַריש — מע קאָן בלײַבן אָן אַ בויך לאַכנדיק! (עס קומט אָן פון די טרעפּ הערץ מיט אַ פּאַק מלבושים).

ה ע ר ץ: דער אַראָפּ, דער אַרויף! דער אַרויף, דער אַראָפּ! איך האָב עס געכאַפּט פון איר אַ פּעטשאַטעק! דניאל האָט זיך אויך ניט געַנאַרט פון איר! פריִער פון אים, דערנאָך פון איר... דער אַראָפּ, דער אַרויף! דער אַרויף, דער אַראָפּ! (נעמט זיך צו די מלבושים, שפּײַט אָפּ) בערשטל און בערשטלט). אַרויף און אַראָפּ! אַראָפּ און אַרויף!

ר י ק ל: וואָס קאַיעט דאָס מיט זיי הײַנט ווי אַ קדחת!

ה ע ר ץ: (בערשטלט). וויים זיי דער רוח — אַרויף און אַראָפּ! אַראָפּ און אַרויף! מע ריכט זיך אַף געסט. די קראַקאָוועצקים דאַרפן באַלד זײַן. די מאַמע מיט דער טאָכטער. אַרויף און אַראָפּ! אַראָפּ און אַרויף! נאַטאַן מאַיסעיעוויטש האָט זיך אויסגעפּוצט ווי אַ מויד. ס'איז אַ סברה, אַז ס'וועט זײַן אַ שידוך. אַרויף און אַראָפּ! אַראָפּ און אַרויף! (צו רעוועטשקען). באַרישני, ביסט געבליבן אָן אַרבעט? עפּעס זיצסטו מיר, ווי אַ מחותנתטע אַף אַ פרעמדער חתונה? נשמה מײַנע, העלף מיר פּוצן די מלבושים, קעצעלע! (גיט איר דאָס בערשטל). אונדזער מאַדאַם האָט פײַנט, אַז מע זיצט, ווי אַ פּריצה. זיצן, זאָגט זי, איז פאַר אַ „מענטשן" אומגעזונט. (ער טוט זי אַ קניפּ אין בעקל). בעקלעד, ווי פּאַמפּעשקעס!

ר י ק ל: (גיט אים איבער די הענט). אַזאַ, דו משומד! מיינט, ס'איז אים ליזאַ.

ה ע ר ץ: מע דאַרף זיך אײַנגעווינען ביסלעכווײַז, איידער זי וועט קומען אַרויף און איידער אונדזער נאַטאַן מאַיסעיעוויטש וועט זיך מיט איר באַקענען... שאַט! אָט גייט פּאַניטשקע! אַ גאַסט!... ריקל, צעוואַרפט דעם אויוון! (עס קומט אָן פּ אַ נ י ט ש ק ע פון דרויסן, אָן אויסגעפּוצטע, אָן אונגעפּאַרבטע, פּאַלט ריקלען אַפן האַלדז).

פ אַ נ י ט ש ק ע: באַן זשור, מאַדאַם!

ר י ק ל: טו נאָר אַ קוק — אַגאַנצע פּריצה! פּאַניטשקע! פאַרוואָס זעט מען דיך ניט? די גאַנצע צײַט מורא געהאַט זיך באַווײַזן? ווו ביסטו אַצינד? וואָס מאַכסטו?

ה ע ר ץ: זע נאָר, אין איין קלאַפּ, ווי די עשרת בני המן! לאָזט

איר איבערכאַפּן דעם אָטעם. (גיט איר די האַנט, טראָגט איר אונטער אַ בענקל).

פּ אַ נ י ט ש ק ע : (צו הערצן). מערסי, מאַסיע! (פאַרנייגט זיך צו אים).

ה ע ר ץ : דו רעדסט שוין אַף פראַנצייזיש?

פּ אַ נ י ט ש ק ע : כאַ־כאַ־כאַ! קיין אַנדער שפּראַך רייד איך ניט אַצינד, אַ חוץ פראַנצייזיש. באָן זשור, זשע וו פּרי, קעסקעסע דאַניי מאַא, קעלקזשאָז ארעוואַר ל'ארזשאַן מאַסיע — האַ? פאַרשטאַנען וואָס איך האָב דאָ געזאָגט?... איר קוקט אַף מיר און וווּנדערט זיך? בלאַטע! ס'איז שוין ניט די פּאַניטשקע וואָס אַמאָל!... אַטאַנדרע! פּאַניטשקע איז שוין מער ניט קיין „מענטש" באַ יענעם! איך בין מיר אַליין פאַר זיך אַ „מענטש"!... וואַאַליאַ! (טוט אַ זעץ איבער דער קעשענע). כאַ־כאַ־כאַ! (צו רעוועטשקען). וואָס קוקסטו אַזוי אַף מיר מיט אָפענע אויגן? ווער ביסטו? אַ נייע פּאַקאָיאַווע? און ווו איז ליזאַ?... (טוט אַ פּייף און אַ מאַך מיט דער האַנט). דורכגעטריבן? כאַ־כאַ־כאַ! מיר איז בעסער פון אייך אַלעמען אַט־דאַ־אַ, טשאָרט פּאַבערי!... איך האָב מיר מיין שטוב, פיר צימער מיט אַ קיך, פּאַראַל דע אָנאַר, מיט אַ פולן קאַסטן מיט גרעט, מיט אַ פולע שאַפע מיט קליידער, און צירונג קעלקזשאָז דע מאַניפיק!... ערשט ניט לאַנג האָט מען באַ מיר אָוועקגעגנבעט אַ פּאָר בריליאַנטענע אוירינגלעך, טאַקע מיינער אַ חתן, אַ טשערקעס פון קאַווקאַז מיט ברע־נענדיקע אויגן, כאַ־כאַ־כאַ!... זע נאָר, ווי זי קוקט אַף מיר!... (ווייזט אַף רעוועטשקען).

ר י ק ל : (צו הערצן). זי איז מיר עפּעס צו פריילעך!

ה ע ר ץ : איך האָב מורא, אַז זי איז אונטערן גלעזל.

פּ אַ נ י ט ש ק ע : סע נעפּאַ ווראָ! איך טרינק ניט! איך טרינק ניט קיין בראַנפן, איך טרינק ווייַן! שאַמפּאַנסקאַיע, פּאַראָל דע אָנאַר!... (כאַפּט אַרויס אַ סיגאַרעטל, הערץ טראָגט אונטער פייַער).

ה ע ר ץ : אַזוי? האָסטו שוין אַ חתן, פּאַניטשקע?

פּ אַ נ י ט ש ק ע : פּאַשאָל! וואָסער פּאַניטשקע? אוים פּאַניטש־קע! פּאַניאַ יעפימאָוונאַ, טשאָרט פּאַבערי! אַלע אָפיצירן, פּאָלקאָווניקעס, גענעראַלן — ווייסן נאָר פּאַניאַ יעפימאָוונאַ, אי באַסטאַ!... פאַר פּאַניאַ יעפימאָוונאַ האָבן זיך צוויי כּסודענטן געשלאָגן, פּאַראָל דע אָנאַר! מיך האָט מען אויך געשלאָגן, איר זעט? (פאַרקאַטשעט די אַרבל, ווייַזט אַ בלויען צייכן). נאַט, קוקט, טשאָרט וואָס פּאַבערי, כאַ־כאַ־כאַ!... (לאַכט היסטעריש).

ר י ק ל : (נעמט זי פאַר אַ האַנט, זעצט זי אַוועק באַם אויוון לעבן זיך). דערצייל נאָר, קינד, ווו ביסטו געווען די גאַנצע צייַט? פאַרוואָס האָט מען דיך ניט?

פּ אַ נ י ט ש ק ע : וואָס זאָל איך דערציילן? איך האָב שוין דאָ אויסדערציילט אַלצדינג!... נאָר וואָס דאָ טוט זיך (ווייַזט אַפן הערצן)

— דאָס איז ניט קיינעמס עסק! כאַ־כאַ־כאַ!... און דאָרט אויבן וואָס הערט זיך? (באַווייזט אַרויף אױף די טרעפּ). ליזאַן אָפּגעשאַפט און די צו־געגומען?... (ווייזט אױף רעוועטשקען). זיי שאַפן אָפּ און נעמען צו... אַלע מאָל נייע „מענטשן"? אַלע מאָל נייע מענטשן? כאַ־כאַ־כאַ! „מענטשן", כאַ־כאַ־כאַ!... וואָס האָט איר אָראָפּגעלאָזט די נעז אַלע? וואָס קוקט איר מיך אָן? וואָס איך לאַך, כאַ־כאַ־כאַ? ס'איז מיר גוט, לאַך איך!... כאַ־כאַ־כאַ! ס'זאָל זיי זיין אַזוי גוט, ווי מיר! (ווייזט אַרויף אױף די טרעפּ).

הערץ: אָמן!

פּאַניטשקע: כאָטש האַלב ווי מיר!

הערץ: אָמן יהא שמיה רבה!

פּאַניטשקע: דאָס האָב איך זיי, זיי צו פאַרדאַנקען מיט דעם גוטסקייט, וואָס מיר איז אַצינד, כאַ־כאַ־כאַ! ניט קיין טאָג, ניט קיין נאַכט, תמיד אויסגעפּוצט, תמיד אַנגעפּאַרבט, תמיד פּרייליך! און מיין ברודער? מיין ברודער איז פאַר חרפּה אַוועק פון דאַנען. אַוועק, מע ווייס ניט וווהין. ס'איז אַ סברה, אַז ער זיצט... (רעדט שטיל). ער איז אַ פּאַ־ליטיטשעסקי. פריער איז ער געווען אַ שטילינקער, איצט איז ער געוואָרן אַ פּאָליטיטשעסקי... פאַר בזיון, פאַר צרות... (פּויזע). אוי, האָט ער מיך אַמאָל ליב געהאַט! ליב געהאַט! ליב געהאַט! (צעוויינט זיך היסטעריש).

רעוועטשקע: (גייט צו צו איר, וויל זי באַרויִקן). וויינט ניט... וואָס איז אייך? זאָגט, וואָס איז אייך?...

ריקל: (וויינט אין פאַרטעך). אַזאַ סוף אױף אַלע אונדזערע שונאים!

פּאַניטשקע: (צו רעוועטשקען). אַוועקט! אַוועקט פון מיר! ריר מיך ניט אָן! דו ביסט אַ הייליקע!... איר קאָנט זיך נאָך אַלע אָננע־מען פון מיר. כאַ־כאַ־כאַ! ווי מיין חתן זאָגט... איך האָב אַ חתן אַ פּאָעט, אַ דיכטער, שרייבט ער לידלעך, כאַ־כאַ־כאַ!

הערץ: וויפל חתנים זי האָט!

פּאַניטשקע: וויפל חתנים, זאָגסטו? און דו האָסט זיך ניט געשדכנט אַמאָל צו מיר, מאַן שער אַמי?... עי טי ראַזשאַ מיט די אויס־געדרייטע וואָנצעס, קום מיט מיר אַ וואַלס, סיל וו פּלע! (כאַפּט הערצן פאַנצן. אױף די טרעפּ באַווייזט זיך מאַדאַם גאָלד, נאָכדעם דניאל. מאַדאַם גאָלד שטייט אַ ווײַלע אױף די טרעפּ, קוקט זיך איין, דערקענט פּאַניטשקען).

מאַדאַם גאָלד: (שטאַרק אויפגערעגט). וואָס איז דאָס? באַ מיר אין קיך?? מיינע „מענטשן" זאָלן זיך דערלויבן??? מיט אַזאַ??? דניאל, היינטיקן טאָג זאָלן מיר אָפּגעשאַפט ווערן אַלע „מענטשן"! דו דערסט? אַלע „מענטשן"!!

דניאל: (איינגעבויגן אין דרייען). אַלע „מענטשן". אַלע „מענטשן"!...

פּאַניטשקע: (אַרויף צו דער מאַדאַם). דורכטרייבן אַלע

„מענטשן"? אײַך איז גרינג „מענטשן" צונעמען און „מענטשן" אָפּ־שאַפֿן! איר וואַרפֿט זיך מיט „מענטשן", מאַ שער מאַדאַם! אויב ס'איז איבער מיר, אַרעוואַר אַוועק פֿלעזיר! (מאַכט איר אַ קניקסן). גריסט אײַער ערלעכן תּכשיט נאַטאַן מאַיסעיעוויטש. מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען מיט אים!... און איר וואַרפֿט זיך נאָר ניט אַזוי מיט „מענטשן" מאַדאַם, וואָרעם „מענטשן" זײַנען אויך מענטשן, טשאָרט וואָס פּאַבערי!..

מ אַ ד אַ ם ג אָ ל ד : (טופּעט מיט די פֿיס). דניאל! וואָס שטייסטו ווי אַ לײמענער גולם? וואַרף זי אַרויס! וואַרף זיי אַלעמען אַרויס! אַלעמען! אַלע „מענטשן"! אין דער ערד אַרײַן! אין דער ערד אַרײַן די „מענטשן". איר מאַכט מיר אַ תּל פֿון מײַן שטוב! איר פֿאַרפּאַסקודיקט מיר מײַן שטוב!!!...

ד נ י א ל : (אַראָפּ צום טיש, כאַפּט אַרויס דאָס געלט פֿון טיש־קעסטל מיט די פּאַפּירן מיט די ביכלעך, טוט דאָס אַ וואָרף דער מאַדאַם צו די פֿיס אײַנאײַנעם מיטן בינטל שליסלען, פֿאַרשפּילעט זיך פֿון אויבן ביז אַראָפּ). גענוג! גענוג האָב איך געשוויגן, פֿאַרברענט זאָל דאָס ווערן! (צו די דינסטן הויך). איר מאַכט זיי אַ תּל פֿון זייער שטוב! איר פֿאַר־פּאַסקודיקט זיי די שטוב! מיר, „מענטשן", פֿאַרפּאַסקודיקן זיי זייער שטוב!... טוט זיך אָן! קומט! קומט אַוועק פֿון דאַנען! מיר טאָרן דאָ ניט זײַן! ווער זײַנען מיר? וואָס זײַנען מיר? מיר זײַנען ערגער פֿון ער־גער! מיר זײַנען גאָרניט! מיר זײַנען דער רוח ווייס וואָס! מיר זײַנען „מענטשן"! „מענטשן" זײַנען מיר! (אויסער זיך, די אויגן אָנגעגאָסן, שרײַט הויך). מענטשן! מענטשן!...

פ אָ ר ה אַ נ ג.

געשריבן אין יאָר 1907.

# דאָס גרויסע געווינס

א פאָלקס־שפּיל אין פיר אַקטן

די פּאַרשוינען:

שימעלע סאָראָקער, אַ שנײַדער בן שנײַדער, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ קול נגינה.
עטיע־מעניע, זײַן ווײַב, אַ טשיקאַווע ייִדענע.
בײַלקע, זייער טעכטערל, אַ מיידל אַ פאַרשויןן.
קאָפּל פּאָלבאָן | שנײַדער־יונגען. טשעפּקע בחורים.
מאָטל קאָסאָי |
אָסקאַר סאָלאָמאָנאָוויטש (רב אשר) פּײַן, אַ ייִד, אַ נגיד, אַן אַריסטאָקראַט, מיט אַ בײַכל און מיט אַ ליסינע.
געטרודאַ וולאַדימיראָוונאַ (גאָלדע) פּײַן, זײַן מאַדאַם, גרין ווי גראָז.
סאָלאָמאָן אָסקאַראָוויטש פּײַן, זייער זונדל, אַ שיינער יונג.
קאָלטון, אַ פּריקאַזטשיק באַ די פּײַנס. אַ בחור אַ פּאַרזעעניש.
סאָלאָווייטשיק, אַ מאָדנער שדכן מיט אַ קאַפּעלוש.
גאָלדענטאָלער, אַ דירעקטאָר פון אַ באַנק.
הימעלפּאַרב, אַ בוכהאַלטער. אַ מענטש מיט אַ צינגל.
ווינדאַרטשוק, אַ געוועזענער מוזיקאַנט. אַ מענטש מיט געדאַנקען.
רובינטשיק, אַ געוועזענער פאַבריקמאַכער. זײַנער אַ חבר.
פּערל די מיטניטשקע, אַ ייִדענע וואָס פאַרקויפט מעל און מאַלט ווי אַ מיל.
מענדל דער לאַקיי, אַ געוועזענער משרת, איצט אַ „לאַקיי".
יוכבד די מויד, אַ שטובמיידל, אַ האַנאָריסטע נקבה.

אַ קצב, אַ באַקאַלייטשיק, גבאים פון תלמוד־תורה, הערן און דאַמען, און גלאַט ייִדן און ווײַבער.

אָרט — אַ ייִדישע שטאָט אין דער אַלטער היים. צײַט — פאַר דער מלחמה.

# ערשטער אַקט

אַ גרויס חדר, אין בעל־מלאכהשן צושטאַנד מעבלירט. אַ לאַנגער טיש. אויפן טיש אַנגעוואָרפן שניט־סחורה, אַ גרויסע שער מיט אַ קרײַדל. בײַם טיש זיצן ביידע יונגען, מאָטל קאָסאָי און קאָפּל פּאָלבאָן, פאַרטיפט אין דער אַרבעט און זיפצן. בײַם פענצטער שטייט אַ ניי־מאַשין. צוויי טירן: איינע אין דרויסן אַרויס, די אַנדערע צו דער קיך.

מאָטל קאָסאָי: אַף גויִישע קעפּ! וואָס זיפצסטו, קאָפּל?

קאָפּל פּאָלבאָן: וואָס זיפצסטו, מאָטל? דו מעגסט?

מאָטל קאָסאָי: לאָמיר זיך וועטן, אַז איך ווייס, וואָס דו זיפצסט.

קאָפּל פּאָלבאָן: אַז דו ווייסט, הײַנט וואָס פרעגסטו? (פּויזע).

מאָטל קאָסאָי: קאָפּל! אַז דו וועסט מיר געבן דאָס וואָרט, אַז דו וועסט קיינעם ניט דערציילן, וועל איך דיר עפּעס זאָגן.

קאָפּל פּאָלבאָן: (גיט אים די האַנט). אַט האָסטו מײַן האַנט.

מאָטל קאָסאָי: (קוקט זיך אַרום). קאָפּל! ביז וואַנען וועלן מיר זיך שפּילן אין באַהעלטעניש? צו וואָס קאָמעדיעס? צײַט מיר זאָלן זיך דורכשמועסן... איינמאָל פאַר אַלעמאָל — וואָס וועלן מיר דערמיט פועלן? גאָרנישט מיט גאָרנישט. מיר ביידע האָבן ליב איין מיידל, אַז דער רוח נעמט אונדז אַוועק!

קאָפּל פּאָלבאָן: דו מיינסט ביילקען? (לאָזט אַראָפּ די אויגן).

מאָטל קאָסאָי: מיר פאַר דײַן שכל, ליכטיקער פּנים! וועמען דען מיין איך — דעם רבס טאָכטער? פאַרשטייט זיך, אַז איך מיין ניט קיין אַנדערע, נאָר אונדזער באַלעבאָס טעכטערל, ביילקען מיין איך... איז דאָך ממה־נפשך: אָדער איך, אָדער דו... ביידע קאָנען מיר דאָך פאַר איין מיידל ניט חתונה האָבן... ווי מיינסטו, קאָפּל?

קאָפּל פּאָלבאָן: איך מיין, אַז ניין.

מאָטל קאָסאָי: אַף מיר אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ שטיק חכם דו ביסט! וועמען, הייסט דאָס, זי האָט ליב, דעם וועט זי נעמען... איז דאָס קלאָר?

קאָפּל פּאָלבאָן: קלאָר, ווי דער טאָג.

מאָטל קאָסאָי: לעבן זאָלסטו מיר, ביסט קלוג, ווי די וועלט! וואָס־זשע טוט מען אָבער, קאָפּל סערדצע, טאָמער האָט זי אונדז ביידן גלײַך ליב?

קאַפּל פּאַלבאַן: נו יאָ, וואָס טוט מען דעמאָלט?

מאַטל קאַסאַי: אַט אַזוי האָב איך דיך ליב! דעמאָלט איז דאָ נאָר איין עצה.

קאַפּל פּאַלבאַן: דהיינו, וואָס פאַר אַן עצה, מאַטל?

מאַטל קאַסאַי: מירן וואַרפן גורל, ציִען קניפּלעך. און ווער ס'וועט אַרויסציִען דאָס קניפּל — דער וועט זײַן דער גליקלעכער... האָסטו עס צעקײַט? (קאַפּל שאָקלט מיטן קאָפּ). אויב אַזוי, דאַרפן מיר זיך ביידע געבן תקיעת־כּף, אַז וואָס מיר האָבן אָפּגעמאַכט איז הייליק, און אַז מיר דאַרפן גיין ביידע האַנט בײַ האַנט, זיך העלפן איינס דאָס אַנדערע אין אַ נויט און אַנווענדן אַלע מיטלען, אַז ביילקע זאָל זײַן אונ־דזערע... דאָס הייסט, זי זאָל זײַן מײַנע אָדער דײַנע! איז דאָס געמאַכט? גיב מיר נאָר דײַן יד! (קאַפּל ציט אים אויס די האַנט). גיב אַהער די מאָרדע, לאָם איך דיך כאַטש אַ קוש טאָן! (זיי צעקושן זיך מיט אַ פּעטן הויכן סמאַצקעדיקן קוש. עס עפנט זיך די דרויסן־טיר און עס קומט אַן ביילקע מיט אַ פּעקל סחורה, ווײַס גרעט. זי לייגט אַוועק דאָס פּעקל אויפן טיש, טוט אויס דאָס היטעלע, מאַכט צורעכט די האָר, גרייט זיך זעצן צו דער מאַשין).

ביילקע: מאַטל קאַסאַי! קאַפּל פּאַלבאַן! וואָס זיצט איר, ווי די חתנים? פאַרוואָס צעגעמט איר ניט דאָס פּעקל? (ביידע יונגען טוען זיך אַ וואָרף צום פּעקל. ביילקע צעלאַכט זיך).

מאַטל קאַסאַי: (צו ביילקען). ביילקע! מיר האָבן אײַך געוואָלט עפּעס פרעגן אַ זאַך.

קאַפּל פּאַלבאַן: (זיפּצט). יאָ, עפּעס אַ זאַך פרעגן.

ביילקע: ביידע איין זאַך? צי יעדער באַזונדער אַ זאַך?

מאַטל קאַסאַי: ס'איז איין זאַך, נאָר עס געהער זיך אַן מיט יעדן באַזונדער... פון אונדז ביידן...

קאַפּל פּאַלבאַן: טאָקע פון אונדז ביידן, הייסט עס...

ביילקע: (פאַרשטעלט זיך די אויערן). טראַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ! אַז איר רעדט ביידע מיטאַמאָל!...

מאַטל קאַסאַי: (צו קאַפּלען). לאָז מיך — איך וועל רעדן.

קאַפּל פּאַלבאַן: (צו מאַטלען). רעד דו, רעד!

מאַטל קאַסאַי: אוי, ביילקע! וואָס ווייסט איר?... מיר קלײַבן זיך שוין פון לאַנג!...

קאַפּל פּאַלבאַן: (זיפּצט). נאָך פון פאַראַיאָרן!...

מאַטל קאַסאַי: (צו קאַפּלען). שלאָג־זשע ניט איבער! ממה נפשך — אָדער איך, אָדער דו...

קאַפּל פּאַלבאַן: (צו מאַטלען). נו, רעד, רעד! ווער לאָזט דיך ניט?

מאַטל קאַסאַי: (צו ביילקען). האָבן מיר געוואָלט פרײַער אַ שמועס טאָן מיטן טאַטן...

ק אַ פּ ל  פּ אַ ל ב אַ ן : מיטן באַלעבאָס, הייסט עס...

מ אַ ט ל  ק אַ ס אַ י : (קוקט אַף קאַפּלען בייז). דערנאָך האָבן מיר זיך באַטראַכט — ניין, ס'טויג ניט: אַף צו פֿריִער דאַרפֿן מיר איבעררײדן מיט אײַך...

ק אַ פּ ל  פּ אַ ל ב אַ ן : וואָרעם מיר ווייסן דאָך ניט, ווער פֿון אונדז ביידן...

מ אַ ט ל  ק אַ ס אַ י : (צו קאַפּלען). וואָס־זשע כאַפּסטו בײַ מיר פֿונעם מויל?

ב יי ל ק ע : שאַ! ווייסט איר וואָס? לאָמיר גאָר וואַרפֿן גורל, ציִען קניפּלעך. (מאַכט אַ קניפּל אין נאָז־טיכל). ווער ס'וועט אַרויסציִען דאָס קניפּל, דער וועט ריידן.

מ אַ ט ל  ק אַ ס אַ י : אוי! לעבן זאָלט איר, ביילקע, נשמה טײַערע! מיר האָבן טאַקע נאַרוואָס אָפּגערעדט צווישן אונדז ביידע, אַז מיר זאָלן ציִען קניפּלעך...

ק אַ פּ ל  פּ אַ ל ב אַ ן : ניט אַף ריידן — אַף אַן אַנדער זאַך...

ב יי ל ק ע : אַף וואָסער זאַך?

ק אַ פּ ל  פּ אַ ל ב אַ ן : אַז מיר... אַז איר...

מ אַ ט ל  ק אַ ס אַ י : אַ ביסל אַ לשון! (קרימט אים איבער). אַז מיר... אַז איר!... אַט וועל איך...

ק אַ פּ ל  פּ אַ ל ב אַ ן : נו, זאָג דו, זאָג!

מ אַ ט ל  ק אַ ס אַ י : איז געבליבן בײַ אונדז אָפּגעמאַכט: אַזוי ווי מיר ווייסן ניט ווער, דאָס הייסט, וועמען, איך מײַן, ווער וועמען... זאָלן מיר אַף צו פֿריִער וואַרפֿן גורל, ווער ס'וועט אַרויסציִען דאָס קניפּל, דער לאָז אײַך... מײַן איך, דעם זאָלט איר... טפֿו — אַז ער לאָזט ניט ריידן!

ב יי ל ק ע : כאַ־כאַ־כאַ! (עס עפֿנט זיך די דרויסן־טיר און עס קאַטשעט זיך אַרײַן ע ט י ע ־ מ ע נ י ע מיט אַ גרויסן קאַשעק, אָנגעלאָדן מיט כּל המינים גרינס פֿונעם מאַרק. די יונגען טוען זיך אַ וואָרף צו דער אַרבעט. ביילקע — צו דער מאַשין).

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : דער טאַטע נאָך ניטאָ? (נעמט זיך צום קאַשעק, ליידיקט אים אויס). אַ יקרות געוואָרן אַף קנאָבל — זאָל גאָט היטן! אַ שטיקל גליק כאַטש, וואָס ציבעלעס איז וואָלוול. און רייד מיט אים, זאָגט ער — דווקא קנאָבל! אַט איז ער, דער ברויטנעבער, מע זאָל דערמאָנען משיחן! (עס קומט אַן ש י מ ע ל ע  ס אַ ר אַ ק ע ר מיט אַ מאָדנע גרויסן קאַשקעט אַפֿן קאָפּ און מיט אַן אַלטער געלער ריפּסענער קאַפּאָטע. ווי ער קומט אַרײַן וואַרפֿט ער אַראָפּ די קאַפּאָטע, בלײַבט מיט די ווײַסע אַרבל, און אַ ציצה פֿון טלית־קטן קוקט אַרויס פֿון אַ לײַבל, וואָס שפּילט אַ ראָלע פֿון אַ זשילעט, מיט גרויסע קעשעניעס און מיט נאָדלען אין דער רעכטער לאַץ. אין באָרד זעט זיך אַ ווײַסער פֿאָדעם. איבערן האַלדז הענגט בײַ אים אַ לאַנגע סאַנטימעטער־מאָס, אַף דער נאָז

טוט ער אָן אַ פּאָר ברילן, אַפן קאָפּ — אַ יאַרמלקע, וואָס מע זעט זי קוים אַרויס פון די געדיכטע האָר, און ער נעמט זיך גלייך צו דער שער, מאַלט פריער מיטן קריידל אָפּ דער שוואַרצער מאַטעריע, וואָס ליגט גרייט אויפן טיש).

שימעלע סאַראַקער: (שניידנדיק, זינגט ער אונטער דער נאָז). עמך — אונדזער פאָלק, שער און אייזן — עמך!... (צום ווייב). וואָס האָסטו געזאָגט — משיח?...

עטיע־מעניע: (געבראַכט פון קיך אַ פּאָר טעפּלעך, זעצט זיך אַוועק אין אַ זייט, שיילט קאַרטאָפלעס). איך זאָג, מע זאָל דערמאָנען משיחן. מע האָט גערעדט פון קנאָבל, ביסטו אָנגעקומען.

שימעלע סאַראַקער: (צייכנט מיטן קריידל). אַ סמיכות הפּרשה! דערימאָר גייען די קאַטשקעס באַרוועס און גענדז אין פּלודערן... (די טאָכטער און די יונגען לאַכן).

עטיע־מעניע: (באַליידיקט). ער דרשנט, און זיי קוועלן אַז. טאָמער ווייסטו, וואָס איז דער געלעכטער?

שימעלע סאַראַקער: וואָס־זשע? אַז מע רעדט פון קנאָבל, דערימאָר איז וואָס?

עטיע־מעניע: זאָג איך, אַז קנאָבל איז מיט גאָלד גלייך, און דו האָסט אַקוראַט ליב קנאָבל...

שימעלע סאַראַקער: דעריבער דאַרף קומען משיח? (קלאַפּט אין טיש). ווו איז מיין שער? (געפינט די שער). די שער איז דאָ! (ער נעמט זיך מיט דער שער שניידן איבער די צייכנס, כאַפּט אַראָפּ אַלע מינוט די פּאַפּירענע מאָס פון האַלדז, זינגט בעת מעשה אַ לידל. ביידע יונגען און די טאָכטער האַלטן אונטער).

עטיע־מעניע: (זיפצט). אַט באַלד וועט קומען אַ זאַקיציע — דער שיינער פּריקאַזטשיק פונעם שיינעם באַלעבעסל, אַ כאַליערע זאָל קומען אויף זיין קאָפּ און אויפן באַלעבאָס הענט און פיס, און אויפן באַלע־באָס זונדל אויך אַ ביסל!... (ביידע יונגען לאַכן).

שימעלע סאַראַקער: וואָס האָסטו צום באַלעבאָס? וואָס איז ער שולדיק, אַז ער האָט אַ דירה און מיר זיצן אין איר? (צו די יונגען, וועלכע לאַכן). טאָמער וואָלט איר זיך גענומען בעסער צו די אייזנס? עס קומט באַלד צוגיין דעם באַלעבאָס זונדל געבן אַ מעסט אין דעם גאַרניטער... (די יונגען טוען זיך אַ נעם צו די אייזנס). איך האָב אים צוגעזאָגט אויף היינט, באַדאַרף מען האַלטן וואָרט. שימעלע סאַראַ־קער איז ניט פון יענע בעל־מלאכות, וואָס קאַטאַרע שער און אייזן אונ־דזער פאָלק עמך... (עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין סאַל אָ־מאָן פּייזי, אַ גלאַטער, אַ ריינער, אַן אויסגעפּוצטער פון קאָפּ ביז פיס, ווי אַ ליאַלקע. שימעלע סאַראַקער באַגעגנט אים מיט אַ שמייכל). מע זאָל דערמאָנען משיחן... נאָר וואָס גערעדט פון אייך.

ס אָ ל אָ מ אָ ן : (הענכער האַלב גערעדט אַף רוסיש). ניעאוזשעלי? (קוקט אַף ביילקען). פּאָקראַיניי מיעריע, צו גוטן?

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : וואָס־זשע, צו בייזן וועט מען אײַך חלילה דערמאָנען? וואָס האָבן מיר צו אײַך?

ס אָ ל אָ מ אָ ן : (צו דער שנײַדערן). אַטשען ראַד! (צום שנײַדער). און וואָס הערט זיך, דאַראָגאַי סאָסיעד, וועגן מײַן ליעטני קאָסטיום?

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר : אײַער זומערדיקער קאָסטיום? הלוואַי וואָלט איך שוין אַזוי זײַן באַוואָרנט מיט דירה־געלט צאָלן אײַער פּאַפּאַשע, ווי איר זײַט באַוואָרנט מיט אַ זומערדיקן גאַרניטער.

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : (צום מאַן). טאָמער וואָלסטו אים טאַקע געדברט, אַז ער זאָל דברן זײַן אַבי, אַז דער אַבי זאָל דברן דעם שיינעם פּריקאַזטשיק, ער זאָל אַזוי גוט זײַן ניט דערקוטשען מיטן דירה־געלט?

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר : (נעמט אַראָפּ פונעם פּלעקל אַ זומערדיקן, גאָר ניט קיין פאַרענדיקטן אָנצוג. צום ווײַב). הערסט דאָך, אַז ער איז מבין כל דיבור!... (ער מעסט אָן אַף סאָלאָמאָנען דעם ווײַסן פּידזשאַק). אַף מיר אַזאַ יאָר, ווי עס ליגט אַף אײַך אויסגעגאָסן! איך, אַז איך נעם זיך צו אַ שטיקל אַרבעט, זע איך, ס'זאָל זײַן עמך — שער און אײַזן אונדזער פּאָלק! אַזאַ יאָר אַף מיר!

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : אָמן!

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר : (שפּיגלט זיך אין דעם פּידזשאַק). כ'וואָלט אַ בעלן געווען אין דעם קליידער־מאַגאַזין זאָל מען אײַך דערלאַנגען אַזאַ מין שטיקל אַרבעט. נאָר ווי לאַנג קרענקען זיי! שער און אײַזן אונדזער פאָלק — עמך!

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : אָמן!

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר : (צום ווײַב). ברוך הוא וברוך שמו אָמן! ביסט אין שול להבדיל, וואָס דו האָסט זיך צעאָמנט?

ס אָ ל אָ מ אָ ן : קאָגדאַ־זשע?

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר : ווען אירט עס האָבן פּאַרטיק? הלוואַי וואָלט איך שוין אַזוי גיך געווען פּאַרטיק מיט דירה־געלט, וואָס איך דאַרף צאָלן אײַער טאַטן, און אײַער אופּראַווליאַיושטשי דערקוטשעט, לאָזט ניט לעבן!... אפשר וואָלט געווען אַ סברה, איר זאָלט אַ רייד טאָן מיט אײַער פּאַפּאַשע, אַז...

ס אָ ל אָ מ אָ ן : (שלאָגט אים איבער). עטאָ ניע מאָיאָ דיעלאָ...

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר : (צום ווײַב). ער זאָגט, ער מישט זיך ניט אין זײַן טאַטנס געשעפטן.

ס אָ ל אָ מ אָ ן : (צום שנײַדער און צו דער שנײַדערן. לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פון ביילקען). דאַ סווידאַניאַ.

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר : (באַגלייט אים אַרויס, נייגט זיך). דאַ סווידאַניאַ, פּראַשטשאַיטיע, לאָזט גריסן אײַער פּאַפּאַשע. זאָגט אים,

אַז ער זאָל זײַן רויִק — כ'וועל אים מיט נאָטס הילף אײנגיכן מסתמא אָפּצאָלן...

ע ט י ע - מ ע נ י ע : (שרײַט אים נאָך). און נאָך מיט גרויס דאַנק!...

ס אַ ל אַ מ אַ ן : (אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, שוין בײַ דער טיר). עטאַ מעניאַ ניע קאַסאַיעטסיאַ. (אָפּ. — עס הערשט אַ קורצע אומאַנגענעמע שטילקייט. יעדער טוט זיך זײַן אַרבעט).

ע ט י ע - מ ע נ י ע : (שיילנדיק די קאַרטאָפלעס). דער רוח וואָלט אים גענומען, ער זאָל זאָגן דאָרטן דעם פּאַפּאַשע אַ גוט וואָרט פֿאַר אונדז!...

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : (פּרעסנדיק). דאָס עפּעלע פּאַלט ניט ווײַט פֿונעם ביימעלע...

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : (שפּײַט אָפּן פֿינגער און אָפּן פּרעסל). בורזשוק בלײַבט בורזשוק...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : (לייגט אַוועק די שער. צו די יונגען). בורזשוק? איך וואָלט אַ בעלן געווען זען, וואָס וואָלט איר געזאָגט, האָלעדראַנצעס, ווען איר האָט אַ טאַטן רב אשר פּײַן, צי וואָלט איר בעסער געווען? גלאָט אין דער וועלט אַרײַן — בורזשוק! עמדך! (צום ווײַב). און דו פֿאַרנעמסט זיך אויך מיט „קריטיקעס", פּעטי־מעטי? (טוט אַ קוק אַרײַן צו איר אין טאָפּ אַרײַן). טוסט, דאַכט מיר, אַן אײדעלע אַרבעט — שיילסט קאַרטאָפלעס — טאַ שייל! דו ווייסט דען אַן אַנדער מאכל אַ חוץ קאַרטאָפלעס? (זינגט). זונטיק בולבעס! מאָנטיק בולבעס! דינסטיק בולבעס!...

ע ט י ע - מ ע נ י ע : שטייט אים ניט אָן! אפֿשר געבראָטענע טײַבעלעך מיט מאַרצעפּאַנעס? (הערט אויף צו שיילן די קאַרטאָפלעס. נאָר זי בראַקט זיי אָף קליינע שטיקלעך, איבערלייגנדיק פֿון איין טאָפּ אינעם אַנדערן).

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : וואָס־זשע מיינסטו? אַז גאָט וויל נאָר, קאָנען מיר נאָך הײַנט האָבן געבראָטענע טײַבעלעך מיט מאַרצעפּאַנעס... הײַנט איז דאָך דער צווייטער מײַ... הײַנט קער מען שוין וויסן. (קוקט אָפּן וואָנט־זייגער). ניטאָ נאָך קיין צען אַזייגער. ווײַטער וואָלט איך געשיקט אין באַנק אַרײַן אַ פֿרעג טאָן, וויפֿל האָט אויסגענומען מײַן בילעט...

ע ט י ע - מ ע נ י ע : כאַ־כאַ! ו י פֿ ל ער האָט אויסגענומען? פֿריִער ווער געוווּר, אויב ער האָט עפּעס אויסגענומען, און דערנאָך ערשט — „וויפֿל"?

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : (שטעלט אָן די ברילן אָפּן ווײַב). אַזוי? חכמה מײַנע! אַז מײַן בילעט האָט אויסגענומען — דאָס פֿאַרשפּאַר איך שוין פֿרעגן...

עטיע־מעניע: פון וואנען ווייסטו דאס? עמעצער האט דיר געשריבן א בריוול?

שימעלע סאראקער: (קוקט שפּאָטיש דורך די ברילן, ווי א מענטש, וואס ווייס עפּעס א סוד). אז איר זאלט וויסן, וואס פאר א חלום מיר האט זיך היינטיקע נאכט געחלומט, וואלט איר זיך אויפגעהערט צו ווערטלען... נאר וואס איז מיט אייך צו ריידן? (צעשפּיליעט דאס לייבל, וואס זעט אויס ווי א זשילעט, בינדט אויף אן אינעווייניקסטע קעשעניע, נעמט ארויס פון דארטן א פּאטשיילע, ווו עס ליגט א געלפּאפּירל, צעהאקט און פארסמאלצעוועט). אט וועט איר הערן, וואס פאר א חלום עס חלומט זיך שימעלען. (אלע ווארפן די ארבעט, גרייט אויסהערן זיין חלום). איך האב פיינט פוסטע חלומות! שימעלען אז עס חלומט זיך א חלום, איז דא וואס צו הערן! שער און אייזן אונדזער פאלק עמך... (טוט אויס די ברילן). עס חלומט זיך מיר, הערט־זשע, אז איך שטיי מיר אזוי בא מיין טיש, ווי איר זעט מיך אטא, מיט מיין שער און אייזן, און שנייד מיר צו א שטיקל ארבעט. א געווענטענעם „פּרינץ אלבערט" פון פיר אכציק אן ארשין. דערווייל, אזוי ווי איך שטיי פארטראכט מיט דער שער אין האנט, הייב איך אויף די אויגן און טו א קוק, גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, — דערזע איך א בוים אין מיטן שטוב...

ביילקע: אין מיטן שטוב א בוים?

שימעלע סאראקער: און אפן בוים וואקסן רענדלעך...

ביילקע: אפן בוים רענדלעך?

שימעלע סאראקער: גאלדענע רענדלעך. רוף איך מיך אנעט צו דער מאמע: עטיע־מעניע, זאג איך, זעסט רענדלך? זאגט זי: איך זע. זאג איך: וואס־זשע שוויינגסטו? זאגט זי: וואס־זשע זאל איך טאן? זאג איך: קריך, זיי מוחל, ארויף אפן בוים און טרייסל, און איך וועל, זאג איך, קלייבן... זאגט זי: קריך דו, וואס עפּעס איך? זאג איך: וואס האסטו מורא? ס'וועט דיר חלילה אפּפאלן? זאגט זי: לאז פון מיינע שונאים פאלן גאנצע שטיקער...

עטיע־מעניע: ס'א ליגן. איך האב עס ניט געזאגט!

שימעלע סאראקער: (צום ווייב). בהמה וואס דו ביסט — ס'איז דאך א חלום! (צו דער טאכטער). אט דא האסטו די קוויטאנציע. אז דו וועסט ענדיקן דאס שטיקל ארבעט אף דער מאשין, וועסטו זיך מטריח זיין אין דער באנק — דו ווייסט דאך ווו?...

ביילקע: (ארבעטנדיק). אין דער טשאסנע קאמערטשעסקי?

שימעלע סאראקער: טשאסנע קאמערטשעסקי... און וועסט זיי א ווייז געבן די קוויטאנציע, ניט אוועקגעבן, נאר א ווייז געבן... און א פרעג טאן, וויפל האב איך אויסגענומען?

עטיע־מעניע: (טוענדיק איר ארבעט). ווידעראמאל „וויפל"? — א קאמעדיע מיט אים!

שימעלע סאראקער: (אויפגעבראכט). גוטע יארן, ווער

ס'אַ מבין אַף קאָמעדיעס! אַז מיר חלומט זיך אַ חלום, דערציילט זי מיר מעשיות — „אַ קאָמעדיע!״... זי מיינט, איך בין גלאַט אויפגעשטאַנען אינדערפרי פּלוצעם פון דער העלער הויט און האָב זיך איינגערעדט אַ לונג און לעבער... איך בין טאַקע אַ שניידער, נאָר שכל אַף אויסצונע־מען דעם גרויסן געווינס האָב איך גלייך מיטן גרעסטן נגיד! דאָס אַליין איז שוין אַ בריהשאַפט — האַלטן אַ בילעט עטלעכע און צוואַנציק יאָר, פּגרן פאַר אַ גראָשן און דעם בילעט אַ מכה פאַרקויפן — דאָס קאָן נאָר שימעלע סאַראַקער, אונדזער פּאָלק שער און אייזן עמד... (פּרעסט. זינגט בעת מעשה אונטער דער נאָז עפּעס אַ ניגון. חברה האַלטן אונטער. נאָך אַ פּויזע צו דער טאַכטער). האָסט שוין געענדיקט? אַצינד קאָנסטו גיין. (גיט איר איבער די קוויטאַנציע פּאַרזיכטיק). זע נאָר, זאָלסט חלילה ניט פאַרלירן די קוויטאַנציע — ס'איז געלט! און אַ סך געלט!... .ביילקע אַפּ).

עטיע־מעניע: שמעון! וויפל באַטרעפט דאָס?

שימעלע סאַראַקער: וואָס?

עטיע־מעניע: אַט דאָס גרויסע געווינס, וואָס דו זאָגסט?

שימעלע סאַראַקער: (שטעלט אַן אַף איר די ברילן). און אַז איך וועל דיר זאָגן, וועסטו וויסן? צוויי מאָל הונדערט טויזנט.

עטיע־מעניע: (דערשראָקן). צוויי מאָל טויזנט הונדערט?

שימעלע סאַראַקער: ניט צוויי מאָל טויזנט הונדערט, נאָר צוויי מאָל הונדערט טויזנט! אוי, אַט די ווייבער! נאָר אַ באַשריי־בונג פון זיי צו מאַכן, אַ קאָמעדיע מיט איר!

עטיע־מעניע: אַזוי? איז שוין גאָר מיט מיר אַ קאָמעדיע?

שימעלע סאַראַקער: וואָס דען? מיט מיר? (עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין קאַלטון דער פּריקאַזטשיק, אַ שוואַר־צער יונגערמאַנטשיק, אַ ביסל אַ סאַטולעוואַטער, אַנגעטאָן אין נייס פון קאָפּ ביז די פיס, נאָר אַלצדינג הענגט אַף אים, ווי אַ זאַק. אַז ער רעדט, שמייכלט ער און כאַפּט זיך אַלעמאָל באַ די לאַנגע אַרבל, קאַטשעט זיי אַרויף. רעדט אַ ביסל מיט דער סין און גיך, שלינגט די ווערטער, ניט געקייט. אַפן קאָפּ איז באַ אים אַ פּליך, נאָר צוגעדעקט מיט די עטלעכע איבערגעבליבענע גלאַנצנדיקע האָר. כסדר שוויצט ער. שימעלע סאַראַ־קער צום אַריינגעקומענעם). אַ? מע זאָל דערמאָנען משיחן! נאַרוואָס גע־רעדט פון אייך.

קאַלטון: כּאַטשבי צום גוטן, כע־כע? (קוקט זיך אַרום אַף אַלע זייטן).

עטיע־מעניע: וואָס־זשע? צו בייזן וועט מען פון אייך ריידן?

שימעלע סאַראַקער: (ווייזט אים אַף אַ שטול). זיצט, פּאַני קאַלטון.

קאַלטון: אַ דאַנק. איך בין ניט געקומען זיצן, כע־כע. איך

בין געקומען פֿאַ דיעלו. (קוקט זיך אַרום, זוכט עמעצן). איר ווייסט שוין, מן הסתם, וואָס איך בין געקומען?

עטיע־מעניע: (קוקט אים נאָך, ווי ער זוכט). הלוואי וואָלטן מיר אַזוי ניט געוווּסט! וועמען זוכט איר, וואָלט איך געוואָלט וויסן — דעם נעכטיקן טאָג?

קאַלטון: (מאַכט זיך ניט הערנדיק). היינט איז שוין דער צווייטער מײַ, בע־בע.

שימעלע סאַראַקער: (דורכגעצויגן אַ פֿאָדעם און אַ לעק דעם פֿינגער). איך האָב אַ גוטן סימן, אַז היינט איז דער צווייטער מײַ, וואָרעם נעכטן איז געווען די צײַנג. (קוקט אפֿן זייגער).

קאַלטון: וואָסער צײַנג? (פֿאַרדרייכערט אַ גראָבן ציגאַר).

שימעלע סאַראַקער: (פֿאַרהוסט זיך פֿון קאַלטונס ציגאַר). ווי טײַער צאָלט איר, פֿאַני קאַלטון, פֿאַר אײַערע האַלעוועשקעס?

קאַלטון: ערשטנס, רופֿט מיך ניט „פֿאַני קאַלטון", בע־בע. רופֿט מיך באַם אמתן נאָמען: יעפֿים פֿאַנטעלעמאָנאָוויטש — אַזוי רופֿן מיך אַלע.

שימעלע סאַראַקער: האָט קיין פֿאַראיבל ניט, יעפֿים פֿאַנטאַלאָנאָוויטש...

קאַלטון: ניט פֿאַנטאַלאָנאָוויטש, נאָר פֿאַנטעלעמאָנאָוויטש.

שימעלע סאַראַקער: לאָז זײַן פֿאַנטעלעמאָוויטש... אין הלומות גלייבט איר? צי ניין?

קאַלטון: פֿאַרוואָס ניט? אָט האָט זיך מיר אַנומלטן געחלומט, אַז מע ציט מיר אַ באַקצאָן, איז טאַקע געשטאָרבן באַ מיר אַ שוועסטער נאָך פֿרײַער איידער עס האָט זיך מיר געחלומט. אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו ריידן? (קוקט זיך אַרום). ווּ איז דאָס אײַער טאָכטער, וואָס מען זעט זי ניט? (די יונגען קוקן זיך איבער).

שימעלע סאַראַקער: מײַן ביילקע? זי וועט באַלד קומען. (זיפֿצט). אײַ, אַז גאָט זאָל נאָר וועלן, בין איך היינט אַ גביר און שיט אָן אָט אַזאַ היטל מיט געלט! (ווײַזט אים מיטביידע הענט). עמך!...

קאַלטון: זעט איר, דאָס וואָלט געווען אַ שכל און ס׳וואָלט מאַקע געווען, בע־בע, זייער־זייער גוט!

שימעלע סאַראַקער: (קוקט אים אָן). וואָס וואָלט געווען די גוטסקייט?

קאַלטון: וואָלט איר פֿאַרשפּאָרט, בע־בע, מיר אָפּליגן פֿון איין וואָך אָף דער אַנדערער און פֿון איין חודש אָפֿן אַנדערן. נאָר פֿון וואַנעט, למשל, וועט זיך עס באַ אײַך נעמען פּלוצעם אַזאַ גבירהשאַפֿט? אַ רײַכער פֿעטער איז באַ אײַך געשטאָרבן אין אַמעריקע? צי וואָס?

שימעלע סאַראַקער: (לייגט אָפּ די אַרבעט). ניין! מײַן פֿעטער אין אַמעריקע לעבט נאָך ביז הונדערט צוואַנציק יאָר! (קוקט אָפֿן

וואנט־זייגער). אט נאך א האלבע שעה וועלן מיר וויסן... איך האב, פאר־שטייט איר מיך, א וויגריזשנע בילעט האב איך.

קאלטון: (איבערראשט). איר האט וויגריזשנע בילעטן, האט איר, און אז סע קומט צו דירה־געלט...

עטיע־מעניע: בילעטן? משטיינס געזאגט — איינעם א בילעט! אי דאס — ליגט ער פארזעצט און פארמשכונט פון מתושלחס יארן... מײַנע שונאים מעגן דאס פארמאגן, וואס ער האט אין דעם בילעט!...

שימעלע סארא קער: פונדעסטוועגן קאן אזא בילעט אויסנעמען דאס גרויסע געווינס... קיינער וויים ניט וועמעס מארגן ס'איז...

קאלטון: (שטייט אויף). אויב איר מיינט דערמיט סילוקן מיר דירה־געלט, האט איר א טעות, מײַן ליבער שנײַדער. קיין וויגריזשנע בילעטן געווינען ניט. בלאטע! דאס האבן די קאנטארן און די בענק אויסגעטראכט. גיכער וועט אף אײַך אײַנפאלן אט די סטעליע, זעט איר?..

עטיע־מעניע: א קאץ וואשט זיך, א גוטער פרײַנט בענטשט. פאלן זאל אף מײַנע שונאים א דונער אין קאפ! — האסטו געהערט א ביסל?!...

קאלטון: ייִדענע! עס רעדט זיך אזוי בדרך משל... מײַנע באלעבאטים האבן א ביסל מער בילעטן, און עס האט נאך פון זיי קיין איינער ניט געווונען. פון די זאכן פארגעסט. איר זוכט בעסער אן עצה, ווו קריגט מען דירה־געלט, ווארעם איך דארף אײַך זאגן, כאטש ס'איז מיר זייער ניט אײַנגענעם, אז (קוקט אפן זייגער) אין א האלבע שעה ארום קום איך צו אײַך מיטן סודעבנע פריסטאוו און ווארף אײַך ארויס פון דער דירה... (די ווערטער זײַנען ווי א דונער. אלע טוען זיך א ווארף, בלײַבן ווי געליימט. קיינער קאן קיין ווארט ניט אויסריידן, אויסער איין עטיע־מעניע).

עטיע־מעניע: (שטייט אויף, גייט צו צו קאלטונען). ארויס־ווארפן? מיטן פריסטאוו? וואס הייסט עס ארויסווארפן? און נאך מיט פריסטאווס? הפקר פעטרישקע? שמעון! וואס שווײַגסטו אים? איך קאן אליין אויך טרעפן צו די פײַנערס! איכל זיי פרעגן, צי ס'איז טאקע א יושר ארויסווארפן שכנים, וואס זיצן שוין עטלעכע יאר? איכל זיי...

קאלטון: (די הענט אין די קעשענעס). האט קיין פאראיבל ניט, מײַן ליבע ייִדענע! מיט די פײַנערס, ווי איר זאגט, קער זיך עס ניט אן גארניט! ס'איז אינגאנצן איבערגעגעבן געווארן צו מיר; דאס האב איך אײַנגעגעבן אף אײַך דעם עסק, און דאס ברענג איך צו אײַך דעם סודעבנע פריסטאוו, און דאס ווארף איך אײַך ארויס פון דער דירה, אויב איר צאלט מיר ניט אפ כאטש פאר דרײַ חדשים...

שימעלע סארא קער: אזוי? דאס זײַט איר גאר? ווי באלד אזוי, טא גייט־זשע מיר אין דער ערד ארײַן! עמך — אונדזער פאלק שער און אײַזן עמך! (נעמט אים אן הינטן פארן קאלנער און טוט

איז א וואָרף אַרויס פון דער טיר. עס דערהערט זיך דאָרט א שטאַרקער קלאַפּ און א גערעדעריי פון טעלערכע קולות. אין א האַלבע מינוט אַרום קומען אַריין שמואל־יאַסע דער קצב, א ייִד א גבר. נאָך מיטן פאַרטעך פון דער יאַטקע. נאָך איש משה־וועלוול דער באַקאַליישטשיק, אויסגעשמירט אין הערינג. און פּערל די מיטניטשקע, א ייִדענע, אויסגעשמירט פון קאָפּ ביז די פיס אין מעל).

שמואל־יאַסע קצב: ווער האָט דאָס געגעבן אַזא וואָרף אַרויס דעם שמינדער בגעץ? ער האָט אונדז אַלעמען שיר געמזיקט! א גליק, וואָס איך האָב אים געגעבן א שטויס אַפּ צוריק, אַזוי אַז ער האָט באַ מיר געקליבן די ציין...

שימעלע סאַראַקער: דאָס האָב איך אים געוויזן ווי יענע זייַט טיר געפינט זיך... זיצט, רב שמואל־יאַסע! זיצט, רב משה־וועלוול! וואָס הערט מען עפּעס נייַס אַף דער וועלט?

שמואל־יאַסע קצב: א שיינעם דאַנק אייַך, וואָס איר בעט אונדז זיצן. מיר האָבן אָבער קיין צייַט ניט צו זיצן — מיר זייַנען געקומען נאָך געלט... איר דאַרפט וויסן, מייַן ליבער חיים, אַז איך האָב אייַך שטענדיק געגעבן פלייש, ניט קיין ביינער...

משה־וועלוול: און איך האָב אייַך געגעבן באַקאַליי...

עטיע־מעניע: (צו פּערלען). זיצט, פּערל, פאַרוואָס זיצט איר ניט?

פּערל: א דאַנק, שוין גענוג געזעסן. (זעצט זיך אַוועק און מאַכט ווי א מיל). איר מיינט, איך וואָלט געקומען? מייַנע שונאים און אייַערע שונאים און אונדזערע אַלעמענס שונאים זאָלן אַזוי צייַט האָבן א שטיקל ברויט אויפצועסן, ווי איך האָב צייַט אַוועקצולאָזן מייַן קלייטל מיט מייַן מעל און גיין מאַנען אַלטע חובות מיט נעכטיקע טעג, אַז סך הכל איז נישטאָ באַ מיר קיינער, אַף וועמען צו איבערלאָזן דאָס קלייטל אַפילו, טאָמער טראָגט אַן דער רוח א שוואַרץ יאָר טאָמער, וואָרעם דער זון איז באַ די ביכלעך, טאָג ווי נאַכט ביכלעך און ביכלעך, און די טאָכטער איז אין שטוב — א שטוב? וואָס שטוב? ווער שטוב? משטיינס געזאָגט, א חורבה ניט קיין שטוב! דערווייַל זע איך משה־וועלוול גייט, משה־וועלוול דער באַקאַליישטשיק. גוט מאָרגן — גוט יאָר. וואוהין איז? זאָגט ער: צום שנייַדער, צו שימעלע סאַראַקער נאָך געלט. פרעג איך אים: ער האָט שוין געלט האָט ער שוין? זאָגט ער: יאָ...

עטיע־מעניע: (צום באַקאַליישטשיק). וואָס הייסט דאָס?

משה־וועלוול: (וויל אָנהייבן דערציילן). דאָ איז אַזא מעשה: דער שרכן סאַלאָווייטשיק...

פּערל: (לאָזט אים ניט ריידן, מאַלט). ווייַבאַלד אַזוי, דאַרף מען גיין, טראַכט איך מיר, וואָרעם מיר קומט ניט פאַר רויכוואַרג און ניט פאַר בריליאַנטן. מיר קומט פאַר מעל קומט מיר, און מעל איז דאָס

ניטיקסטע פונעם ניטיקסטן. אט ליגט א ברויט. (דערזעט אף דער פאליצע א האלבן ברויט; זי שטייט אויף און נעמט דאס ברויט, האלט אין איין טאלן). דאס ברויט איז פון מיין מעל געבאקן, מיין גוטס, מיין בלוט, מיין חיות, וואס פארמאג איך דען א חוץ דאס ביסל מעל? אז יעדער איינציקער וועט קומען און וועט נעמען בא מיר מעל אף בארג, וואס וועט מיר בלייבן וואס? ווו וועל איך נעמען אף אפצוצאלן אין מיל אריין ווינ? ווער וועט מיר אויסהאלטן מיינע קינדער ווער?...

עטיע־מעניע: שאט! לאזט נאך עמעצן אויסריידן א ווארט. (צו משה־וועלוועלען). וואס האט איר עפעס געזאגט דער שדכן סאלאווייטשיק?

משה־וועלוול: דער שדכן סאלאווייטשיק האט מיר געזאגט, אז ער האט פאר אייך געלט...

שימעלע סאראקער: (צום ווייב). וואס איז דאס פאר א שווארץ יאר? עמד!

עטיע־מעניע: מיינע צרות אף זיין קאפ!

פערל: בין איך שוין ניט משוגע בין איך? (עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין סאלאווייטשיק דער שדכן, א ייד אין א קאפעלושל, אפילו אן אפגעבארטעטס, א קורץ ווייטיקל, כאטש ניט אזוי ניי, הויזן ברייטע זאר קורצע, שטיוול אויסגעדרייטע).

שימעלע סאראקער: ברוך הבא, א ייד א שדכן! מען זאל דערמאנען משיחן! נארוואס, אבער טאקע די רגע, האט מען דא גערעדט פון אייך.

סאלאווייטשיק: ניעאו־זשעלי?

עטיע־מעניע: זאגט נאר, פאני סאלאווייטשיק, וואס מיר נעאוזשעלי־שמעלי? וואס האט איר דאס ארויסגעלאזט פאר א קלאנג אין שטאט, אז איר האט פאר אונדז געלט?

סאלאווייטשיק: אט אזויפיל געלט! (ווייזט מיט ביידע הענט). איר קאנט זיך גאר ניט פארשטעלן — ס'איז טשטא ניבוד אסאבענע! (מאכט מיט די פינגער).

שימעלע סאראקער: אוודאי א שידוך פאר אונדזער טאכטער? איך קען שוין סאלאווייטשיק דעם שדכן אויסגעבונדן!... (די שניידער־יונגען קוקן זיך איבער, נעמען זיך צו די פרעס־אייזנס, זיפצן שטארק).

סאלאווייטשיק: טשטא זא וואפראס? נאר אלץ הייסט בא אייך א שידוך! דאס איז טשטא ניבוד זאמעטשאטעלנא — לאם איך אזוי לעבן מיט אייך און מיט אייער ווייב, ווי איך זאג אייך ניט קיין דבר שקר! איך וועל אייך דערציילן ווער דאס איז, און איר, אויב ס'איז אייך ניט שטארק היים, וועט איר זיך באטראכטן און וועט זיך אנכאפן מיט ביידע הענט! איין חסרון — צופיל עולם... (צו די פרעמדע). איזוויניטיע, גאספאדא! (דער קצב און דער באקאלייטשיק רוקן זיך אפ

אף א זײַט. נאָר פּערל בלײַבט זיצן. סאָלאָווײטשיק גײט צו צו איר).
איזווינײַטיע, מאַדאַם! (זי רירט זיך ניט).

פּ ע ר ל : וואָס מיר איזווינײַטיע? ווער מיר מאַדאַם? איר האָט געבראַכט, זאָגט איר, געלט דעם שנײַדער, ווּ איז אײַער געלט? מיר קומט פֿאַר מעל קומט מיר, ניט פֿאַר בריליאַנטן! אָט דאָס ברויט, וואָס איר זעט, איז פֿון מײַן מעל געבאַקן, מײַן גוטס, מײַן בלוט, מײַן חיות!...

ס אָ ל אָ ו ײ ט ש י ק : (שטופּט אַוועק פֿון זיך די מיטגיטשקע, וואָס הערט ניט אויף צו מאָלן). אַ מײַן אַנשיקעניש אָט די מיטגיטשקע — וואָזמוטיטעלנאַ! (צום באַלעבאָס). דער חתן, וואָס איך פֿרעדלאַגאַיע אײַער טאָכטער, איז אַ מענטש אַ סאַבאָסטאָיאַטעלנע... ער האָט אַ טײַערע דאָלזשנאָסט... ער איז אַ פּאָלנע אופּראַוולײַאיושטשע איבער אַ הויז. אַדנים סלאָוואָם, איר קענט אים גאַנץ גוט — דאָס איז דער אופּראַוולײַאיושטשע פֿון דעם דאָזיקן הויז, ק אָ ל ט ו ן. (באַ די שנײַדער-יונגען פֿאַלן אַרויס די פּרעס-אײַזנס פֿון די הענט. עס ווערט אַ סומאַטאָכע).

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : (שפּרינגט אַזש אויטער). אָט דער יעפּים פּאַנטאַלאָנאָוויטש? אָט דער פּאַסקודניאַק, וואָס כ'האָב אים נאָר וואָס אַרויסגעשמיסן פֿון יענער זײַט טיר, שער און אײַזן אונדזער פֿאָלק עמך???... (עס קומט אָן ביילקע).

ב ײ ל ק ע : (פֿאַרויטלט, קוים וואָס זי רעדט). טאַטע! אַ גוטע בשורה!...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : (טוט זיך אַ וואָרף צו דער טאָכטער). האַ? וואָס? וויפֿל?...

ב ײ ל ק ע : דאָס גרויסע געווינס! דאָס גרעסטע געווינס!

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : (נאָך צעטומלט). עטיע-מעניע! דו הערסט?

ע ט י ע - מ ע נ י ע : (אַ פּלעסק מיט די הענט). גאָט!...

פּ ע ר ל : וואָס איז שוין ווײַטער וואָס? אַ נײַער אומגליק? ווײ איז מיר!

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : (אויסער זיך). ייִדן! גיט מיר אַ מזל טוב — מײַן ביליעט האָט אויסגענומען! געוווּנען!! דאָס גרויסע געווינס!!! דעם גרעסטן פֿון אַלע געווינסן!!! (לאָזט זיך לויפֿן איבער דער שטוב).

ע ט י ע - מ ע נ י ע : וואָס נאָך האָסטו געוואָלט?

י ו כ ב ד ד י מ ו י ד : (פֿויזע). אַז איר וועט מיך דאָס אַנדערע מאָל באַדאַרפֿן רופֿן, זאָלט איר וויסן, אַז איך הייס יוכבד. (אָפּ.)

פּ ע ר ל : לאָזט! לאָזט! ווּ?

ס אָ ל אָ ו ײ ט ש י ק : (שטופּט אָפּ פּערלען). איזווינײַטיע, מאַדאַם! (וויל עפּעס זאָגן. אַלע איבעריקע קוקן זיך איבער און ווערטער.

שטוינען. מאַטל קאַסאַי און קאַפּל פּאַלבאַן האָבן זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקעלע, שטייען באַטריבט, אַן לשון).

ב יי ל ק ע : (נאָך אַלץ אין היטעלע, פריילעך אויפגערעגט). די גאַנצע שטאָט ווייסט שוין דערפון... דער דירעקטאָר, דער בוכהאַלטער, די פּיַנס... זיי קומען באַלד אַהער...

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : (אַ פּלעסק מיט די הענט). אַלע אַהער? ווי איז מיר!... (פון גרויס צעטומלטקייט זעצט זי זיך צו אָפּ אַ בענקל. ווישט זיך מיטן פאַרטעך דעם שווייס. עס עפנט זיך די טיר און עס קומען אַריַין ה י מ ע ל פ אַ ר ב דער בוכהאַלטער, נאָך אים — ג אַ ל ד ע נ ט אַ־ ל ע ר דער דירעקטאָר).

ה י מ ע ל פ אַ ר ב : ווו איז דאָ דער שנייַדער?

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : (טרעט אַרויס מיט גדלות). דער שנייַדער — דאָס בין איך.

ה י מ ע ל פ אַ ר ב : (באַטראַכט דעם שטוינענדן עולם. צום שנייַ־ דער). איר ווייסט שוין? אייַער ביליעט, וואָס אין אונדזער באַנק, האָט אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס. אונדזער באַנק, די טשאַסטנע קאָ־ מערטשעסקי, איז די גליקלעכסטע באַנק אין דער וועלט. שוין דאָס פערד־ טע מאָל, אַז אין אונדזער באַנק געווינט מען. יעדער, ווער עס קויפט באַ אונדז אַ ביליעט, האָט אַ שאַנס צו געווינען. אָט שטייט דער דירעקטאָר, דער הער גאָלדענטאַלער אַליין, טאָמער גלייבט איר ניט.

ג אַ ל ד ע נ ט אַ ל ע ר : (קוקט אָפּ אַלעמען. צום שנייַדער). איר זייַט דאָס דער... דער... סאַראַקער? איר ווייסט שוין? (דריקט אים די האַנט). מזל טוב אייַך, מזל טוב!

פ ע ר ל : (פריִער צום באַנקיר, דערנאָך צו די איבעריקע געסט). ייִדישע קינדער, איך בעט אייַך, וואָס איז דאָ געשען? וואָס פאַר אַ מזל טוב? ווער איז דאָ געלעגן געוואָרן? צי חתונה געהאַט? צי אַ קנס־מאָל? צי וואָס?

ס אַ ל אַ ווייטשיק : (שטופּט אָפּ פערלען). איזווינייטיע, מאַ־ דאַם! (דריקט דעם שנייַדער די האַנט). פּאָזדראַווליאַיו! (כאַפּט זיך אַרום מיט אים קושן).

ק אַ ל ט ו ז : (לויפט אַריַין ניט טויט, ניט לעבעדיק). האַ? וואָס? מאַקע אַן אמת? וואָס האָב איך געזאָגט? האָט איר זיך באַדאַרפט אָפּעסן דאָס האַרץ?! איר קאָנט דאָ זיצן און זיצן... אָט איז דער באַלעבאָס אַליין אויך דאָ... (עס קומט אַן ר ב אַ ש ר פּ יַ ן. קאַלטון טרעט אָפּ אָפּ אַ זייַט, פאַרלירט דעם לשון).

ר ב אַ ש ר פּ יַ ן : (גיט די האַנט דעם דירעקטאָר, ווייַטער קיינעם ניט. רעדט מיט אים צוויי ווערטער, ווענדעט זיך צום שנייַדער פון דער וויַיטן). מזל טוב אייַך, הער סאַראַקער! איך בין זייער צופרידן, זייער צופרידן, וואָס באַ מיר אין מייַן שטוב האָט אייַך באַגליקט... (עס קומט אַן סאַלאַמאַן. צום זון). דו הערסט, ס'איז דאָך טאַקע אַן אמת!...

סאלאמאן: סקאלקא? דוויעסטי מיסיאטש?... (די אויגן בלי־שטשען. צום שניידער פון דער וויַטן, זוכט מיט די אויגן דעם שניַידערס סאכטער). פאזדראווליאיו! פאזדראווליאיו! (צו ביילקען, שארט עלעגאנט מיטן פיסל). אסאבענע בין איך גליקלעך פאר איַיך. אטשען ראד, אטשען כאטשאסליוו, מאדמואזעל סאראקין...

ביילקע: (נאך אלץ פארויטלט, מיט א שמייכל). ערשטנס, ניט סאראקין, נאר סאראקער, און צווייטנס, וואס איז דא אזוי אף א יִיד פאר א גדולה?

סאלאמאן: ווייל, פאנימאיעטיע לי... (וויל עפּעס זאגן, קוקט זיך אום און דערזעט אף זיך אנגעשטעלט צוויי פאר אויגן פון די שניַי־דעריונגען. די יונגע טרעטן אפּ אן א זיַיט, ריידן שטיל צווישן זיך).

מאטל קאסאי: נו, קאפל, וואס זאגסטו אצינד?

קאפל פאלבאן: וואס זאל איך זאגן? באשערט א מענטשן מיטאמאל ווערן א... א... בורדשוק! א מיליאנטשיק!

מאטל קאסאי: איך פארגין דאס זיי מיטן גאנצן הארצן. וואס וועט אבער איצט זיַין מיט אונדז?

קאפל פאלבאן: וואס ווילסטו ס'זאל זיַין?

מאטל קאסאי: (קוקט אים אן א ווײַלע). ביסט דאך טאקע א בהמה בצורת פערד!...

רב אשר פיַין: (צום שניַידער). אפשר דארפט איר געלט? (נעמט זיך צו דער קעשעניע).

הימעל פארב: (שפּרינגט צו). געלט? ניין! פאזוואלטיע! געלט — בא אונדז אין באנק. (צום שניַידער). איר האט א סאנטא בא אונדז, קאנטאקורענט... (קוקט אפן דירעקטאר).

(די וויַטערדיקע ריידן אלע אינאיינעם).

שמואל־יאסע קצב: (צו דעם שניַידער). איז וויפל זאל איך איַיך שיקן פלייש?

משה־וועלוול באקאליישטשיק: דאס איז יא — „אז גאט גיט מיטן לעפל, גיבן ליַיטן מיטן שעפל”...

פערל: (דערהערט, אז מע רעדט פון געלט, שלאגט זי זיך צו צו רב אשר פיַין, דערנאך צום דירעקטאר). אזוי? מע צאלט געלט? אף געלט בין איך פארהאנט — איך בין אן אלמנה. מיר קומט פאר מעל, און מעל איז דאס ניַימיקסטע פונעם ניַימיקסטן! (ציילט אף די פינגער). איין מאל א רובל מיט צוואנציק פאר ראזעווע מעל, און פינף און זעכ־ציק קאפּיקעס פאר קארענע מעל, און נאכאמאל פינף און זעכציק, און ווידער פינף און זעכציק...

סאלאווייטשיק: (שלעפּט די אפּ). איזוויניטיע, מאדאם! (דערזעט סאלאמאנען לעבן ביילקען. צום שניַידער). פאסלושאיטע — האב איך פאר איַיך אן אידעע, גאר א שפּאגל־ניַיע אידעע, אבער טשטא ניבוד אסאבענע, איך זאל אזוי לעבן מיט איַיך און מיט איַיער וויַיב!...

ש י מ ע ל ע  ס אַ ר אַ ק ע ר : (ווי צעדולדט, לויפט אַרום פון איינעם צום אַנדערן. שרייַט איבער אַלעמען). וואַרט נאָר אויסעט אַ ווייַלע! איך וועל אייַך, איך וועל אייַך אַלעמען באַווייַזן, ווער איז שימעלע סאַראַקער און וואָס שימעלע סאַראַקער קאָן, און וואָס באַטייַט שער און אייַזן אונדזער פאַלק עמך! (צום ווייַב). נו, עטיע־מעניע, וואָס זאָגסטו, אַז מיר חלומט זיך אַ חלום?

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : וואָס דען? ביסט עפּעס אַ יינגעלע?

ש י מ ע ל ע  ס אַ ר אַ ק ע ר : (טוט אויס די ברילן. צו דער טאָכטער). קינדערלעך מייַנע!... (צעגעמט די הענט, קושט זיך מיט איר, צעוויינט זיך. — לאַנגזאַם פאַלט דער פאָרהאַנג).

סוף פון ערשטן אַקט.

# צווייטער אַקט

אַ גרויס חדר, אַ מין קאַבינעט. כאָפּט דעם אָנבליק פון אַ מעבל־מאַגאַזין. וואָס פאַראַ סאָרט מעבל ס'איז דאָ אויף דער וועלט — געפינט זיך דאָ. אַלצדינג איז ניי, אַלצדינג גלאַנצט. דער באַלעבאָס, שימעלע סאָראַקער, גייט אָנגעטאָן ניי און עלעגאַנט: אַ זיידענער כאַלאַט, נאָרוואָס פון דער נאָדל אַרויס, אַ פילפאַרביקער סאַמעטענער זשילעט מיט גאָלדענע קנעפּלעך. אַלץ איז ניי, פריש געפּרעסט. דאָס העמד שעמערירט. דאָס בערדל איז שטאַרק אָרומגעשוירן. גאָלדענע ברילן. און אַ היטל. קוים צו דערקענען דעם פריערדיקן שניידער. זיין ווייב, עטיע־מעניע — איינגעטונקען אין זייד און אין סאַמעט, אָרומגעניית מיט די בעסטע שפּיצן־אַרבעט. אויפן האַלדז פּערל, אין די אויערן גרויסע דימענטענע אוירינגלעך, אויף אַלע אַכט פינגער בלישטשען פינגערלעך. — ער האַלט אַ ביכל, שאָקלט זיך און לייענט, וויַזט אויס, מיט גרויס אינטערעס. זי זיצט גלאַט אַזוי און שפּיגלט זיך אין איר צירונג.

עטיע־מעניע: (צום מאַן מיט אַ ניגון). שמעון! שמעון? (ער הערט ניט. נאָכאַמאָל מיטן אייגענעם ניגון, נאָר אַ ביסל העכער). שמעון! שמעון?

שימעלע סאָראַקער: (אָפּגעריסן זיך פונעם בוך, מאַכט איר נאָך מיטן אייגענעם ניגון, וואָס זי). „שמעון! שמעון?״ סעמיאָן מאַקאַרעוויטש, ניט שמעון!

עטיע־מעניע: סעמיאָן מאַקאַרעוויטש, וויפל איז אויף דיין גילדענעם זייגער?

שימעלע סאָראַקער: (נעמט אַרויס אַ גאָלדענעם זייגער). דריי פערטל אויף עלף. וואָס איז דען?

עטיע־מעניע: גאָרניט, גלאַט אַזוי. פאַר דריי וואָכן אין דער צייט האָבן מיר נאָך ניט געוווּסט, אַז אונדזער בילעט וועט אויסנעמען דאָס גרויסע געווינס... (קוקט אויס די פינגער יעדן באַזונדער, שפּיגלט זיך אין די בריליאַנטן. — פּויזע). שמעון! שמעון?

שימעלע סאָראַקער: (דרייט אויס דעם קאָפּ צו איר). ווידעראַמאָל שמעון? קאַצענער מוח! וויפל מאָל אַ טאָג באַדאַרף מען דיר קלאַפּן אין קאָפּ אַריין „סעמיאָן מאַקאַרעוויטש״! „סעמיאָן מאַקאַרעוויטש״! „סעמיאָן מאַקאַרעוויטש״!?

עטיע־מעניע: האָב קיין פּאַריבל ניט, סעמיאָן מאַקאַרע־וויטש, וואָס טוסטו דאָרטן?

שימעלע סאַראַקער: זעסט דאָך, וואָס איך טו — איך לייען. (קאָן ניט אָפּרייסן זיך פֿונעם בוך).

עטיע־מעניע: איך זע, אַז דו לייענסט. איך פֿרעג: וואָס דו לייענסט?

שימעלע סאַראַקער: און אַז איך וועל דיר זאָגן, וועסטו וויסן? איך לייען אַ געשיכטע לייען איך.

עטיע־מעניע: וואָס פֿאַר אַ געשיכטע לייענסטו?

שימעלע סאַראַקער: ניט קיין געשיכטע, נאָר אַזוי אַ באַשרײַבונג, אַ... אַ... קריטיקע — און טשעפּע זיך אָפּ! (שאָקלט זיך און לייענט ווײַטער).

עטיע־מעניע: ביסט אָפּנים, אויפֿגעשטאַנען אויף דער לינ־קער זײַט. (פּויזע). ווערדליק דו ביסט אין כעס, האָב איך מורא, אַז דו לייענסט און ווייסט ניט, וואָס דו לייענסט.

שימעלע סאַראַקער: (האַלט נאָך אַלץ אין שאָקלען זיך). מאָל דיר, לאָז זיך דיר דאַכטן, אַז איך ווייס שוין דווקא יאָ, וואָס איך לייען. איך לייען אַ קריטיקע פֿון איינעם אַ לץ, וואָס מאַכט חוזק פֿון דער גאַנצער וועלט. און הייסן הייסט ער שלום־עליכם.

עטיע־מעניע: עליכם־שלום!... אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו טאָן, איז דאָס אויך אַן אַרבעט! וואָס האָט ער צו דער וועלט?

שימעלע סאַראַקער: צו דער וועלט האָט ער גאָרניט. נאָר ער באַשרײַבט דאָ איינעם אַ שנײַדער, וואָס איז געווען אַמאָל אַ קבצן אין זיבן פֿאָלעם און איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גביר...

עטיע־מעניע: זײַן טאַטנס עסק! נו, און ווײַטער וואָס?

שימעלע סאַראַקער: און ווײַטער גאָרניט. לצעוועט ער פֿון אים אָפּ און פֿון זײַן ווײַב... אַ רעכטער ממזר! אַן אמתער עמד!...

עטיע־מעניע: מײַנע צרות אויף זײַן קאָפּ! וואָס האָט ער צום ווײַב?

שימעלע סאַראַקער: ער מאַכט פֿון זיי ביידן אויסצו־דרייען. נאָר פֿון איר, פֿון דער שנײַדערן, מאַכט ער גאָר אַ לעמעשקע — אַ רוח אים אין זײַט אַרײַן!

עטיע־מעניע: מאַכן זאָל זיך אים אַ מכה — טפֿו! איך וואָלט אַזאַ פּאַסקודסטווע אין די הענט ניט גענומען... און גלאַט, וואָס איז דאָס פֿאַר אַן עובֿדה — אַ ייִד זעצט זיך אַוועקעט אינמיטן דרינען לייענען אַ ביכל, גלײַך ווי שבת נאָכן טיש, און שאָקלט זיך!...

שימעלע סאַראַקער: וואָס־זשע? אַז איך ווער שיר ניט משוגע. איך זאָל האָבן עפּעס אַ טועכץ. געוווּנט געוואָרן אַרבעטן — עמד!...

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : האָסט שוין גענוג געאַרבעט. לאָז שוין דײַנע שונאים אַרבעטן פֿאַר דיר! (פּויזע). שמעון! טפֿו, מײַן איך סע־מיאָן מאַקאַרעוויטש! וווּהין גייען מיר הײַנט אויף דער נאַכט?

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר : ווילסט אפֿשר אין טרעיאַטער?

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : פֿע, טרעיאַטער! (גענעצט). סקוטשנע! איך פֿאַרשטיי ניט אַ וואָרט! מע זאָל כאָטשבי וועלן שפּילן אויף ייִדיש! בעסער אין דער „לוזיאַנע".

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר : אין סינעמאַטאָגראַף מיינסטו? וואָרט אויס, אָט וועל איך מאַכן דאָס געשעפֿט מיט דער פֿילם־קאָמפּאַניע, וועלן מיר דעמאָלט שוין גיין און גיין אַלע נאַכט און אַן אַ גראַשן געלט.

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : (פֿאַרגנבעט). וועסט ניט זײַן ברוגז? וועל איך דיר עפּעס זאָגן.

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר : איך בלוגז? אַ סך מאָל בין איך ברוגז? אַבי אַ גלײַכע זאַך, קאָנסטו זאָגן.

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : מיר געפֿעלט ניט די קאָמפּאַניע מיט די צוויי זשוליקעס, וואָס דו האָסט זיך מיט זיי סקאָמפּאַניעט...

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר : דו קענסט זיי דען, וואָס דו רופֿסט זיי זשוליקעס?

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : דערפֿאַר וואָס איך קען זיי ניט, האָב איך מורא, זיי זאָלן דיך ניט אָפּנאַרן.

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר : מיך? אָפּנאַרן? בלאָטע! ניט מיך נאַרט מען! איך מאַך מיט זיי אַ גוטן קאָנטראַקט! זיי זײַנען בײַ מיר גוט פֿאַרצוויאַקעוועט! צוויי און צוואַנציק פּונקטן! שער און אײַזן אונדזער פֿאָלק עמך!...

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : צוויי און צוואַנציק פּונקטן? און אָפּן דרײַ און צוואַנציקסטן וועלן זיי בײַ דיר צונעמען דאָס געלט, ווי מיט די הענט.

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר : (שוין אין כּעס). בײַם דיר אויף די צונג! בהמה! הער זיך צו וואָס דו רעדסט! דו ווייסט דען, וואָס דו רעדסט?

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : אָט דאָס איז דאָך די מעשׂה מיט דיר, וואָס מע קאָן מיט דיר ניט ריידן — באַלד ווערסטו אין קאַסעס!

ש י מ ע ל ע ס אָ ר אָ ק ע ר : (אַ קלאַפּ מיט דער האַנט אין טיש). פּעטי־מעטי! ברענג מיך ניט אַרויס פֿון די כּלים!! (שטייט אויף, שפּאַנט אַרום עטלעכע מאָל הין און צוריק). דו פֿאַרגעסט זיך מיט וועמען דו רעדסט! דיר מאָלט זיך אויס, אַז דו רעדסט מיט שימעלע דעם שנײַדער... דו פֿאַרגעסט, אַז איך בין שוין הײַנט אויס עמך! אויס אונדזער פֿאָלק שער און אײַזן! איך בין שוין הײַנט ס ע מ י אָ ן מ אַ ק אַ ר אָ ו ו י ט ש ס אָ ר אָ ק ע ר, איינער פֿון די גרעסטע, אויב ניט דער גרעסטער גביר אין שטאָט!... (גייענדיק הין און צוריק גייט אים אויף דער כּעס). גיי, הער,

וואס מע זאגט אף מיר... און די מענטשן, וואס קומען אריין צו מיר... און די געשעפטן, וואס מע לייגט מיר פאר — עמך!

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : בא מיר ביסטו דער איינציגער, וואס דו ביסט געווען...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : אט דאס איז טאקע דער אומגליק! וואלסט געמעגט האבן כאטש א ביסעלע מער דרך־ארץ...

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : אט באלד נעם איך אראפ פאר דיר דאס היטל...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (א מאך מיט דער האנט). וואס איז מיט דיר צו ריידן? (פויזע). ווו איז ערגעץ ביילקע, מיין איך איזא־בעלעטשקע?

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : אף וואס דארפסטו ביילקען? מיין איך איזא־בעלעטשקען?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : איך וויל, זי זאל מיר לייענען די פאטשט וויל איך.

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : ווידער אמאל די פאטשט? האסט שוין ווי־דער באקומען פאטשט?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : נאך א מין פאטשט! (ווייזט איר אפן שרייבטיש א בארג מיט ניט קיין געעפנטע בריוו).

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : נייטיקע בריוולעך! אוודאי פון א יידן, וואס מע האט אים ארויסגעטריבן פון דארף מיט ווייב און קינדער און פון אן אלמנה, וואס איר מאן האט זיך געהאנגען איבער איר, אדער נאר פון א מויד, וואס ס'האט זיך איר פארוואלט חתונה האבן און זי האט ניט קיין נדן...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : נו, וואס־זשע מיינסטו? איז טאקע א רחמנות אף איר, אף דער דאזיקער מויד.

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : באדארפסטו, הייסט עס, באווארענען די גאנצע וועלט?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : אף וויפל איך קאן.

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : אט צוליב דעם טאקע האט דיר גאט געגעבן דאס גרויסע געווינס?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : צוליב וואס דען? צוליב דעם, מיר זאלן עסן קאשע מיט יויך?

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : אף וויפל־זשע וועט דאס דיר קלעקן?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (שוין גאר ווייך). נארעלע, דאס געשעפט מיט דער פילם־קאמפאניע וועט טראגן אף אלצדינג. די גאנצע שטאט איז מיר מקנא. ס'א סברה גאר, אז סע שמעקט מיט א האלבן מיליאן... נאר וואס פארשטייסטו אין די מיליאנען? עמך?...

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : גוט איז דיר, אז דו פארשטייסט, ווארעם דו ביסט דאך אויסגעוואקסן אין מיליאנען!

שימעלע סאראקער: פונדעסטוועגן, אט זעסטו דאך... (זעצט זיך אוועק צוריק אף זײַן ארט, צעשאקלט זיך, קוקט ארײַן אי־נעם זעלבן בוך. אין א ווײַלע ארום, שטיל). עטיע־מעניע! (אין א האַל־בע מינוט ארום נאכאמאל, שוין העכער). עטיע־מעניע!

עטיע־מעניע: וואס פאר אן עטיע־מעניע בין איך דיר? אים זאל מען רופן סעמיאן מאקאראוויטש, און מיך (מאכט איס נאך) — „עטיע־מעניע!" „עטיע־מעניע!"...

שימעלע סאראקער: (געפינט זיך געשלאגן). וואס אמת איז אמת. האב קיין פאראיבל ניט, איך האב גאר פארגעסן, אז דו הייסט שוין הײַנט ערנעסטינע יעפימעוונע.

עטיע־מעניע: זאגסט דאך אף מיר, אז איך בין א קאַ־צענער מוח.

שימעלע סאראקער: זייער גערעכט. איך בעט דיך מחילה... ווייסטו וואס איך וועל בא דיר בעטן, ערנעסטינע יעפימעוונע?

עטיע־מעניע: א שטייגער, וואס וועסטו בא מיר בעטן, סעמיאן מאקאראוויטש?

שימעלע סאראקער: (מיט א רחמנות־פּנים). א ביסל אײַנגעמאכטס.

עטיע־מעניע: פלוצעם אינמיטן דרינען אײַנגעמאכטס? (שרײַט הויך אף א קול). מויד! מוי־עד? (עס עפנט זיך א זײַטיקע טיר און עס קומט ארײַן יוכבד די מויד).

יוכבד די מויד: (שטעלט זיך אוועק גרויס). מיך רופט איר?

עטיע־מעניע: וועמען דען רוף איך? דעם רבֿ?

יוכבד די מויד: איך האב דען קיין אנדער נאמען ניט, א חוץ „מויד"?

עטיע־מעניע: און אז „מויד" — וואס שטייט דיר דא אזוי ניט אן? א חסרון, אז מע איז א מויד? (גיט איר די שליסעלעך). נא! גיי נאר נעם א שעלעכל און ברענג אײַנגעמאכטס פארן באלעבאס, פונעם אפענעם סלאי, וואס מיט א שאל צוגעדעקט און מיט א טיכל איבערגעבונדן.

יוכבד די מויד: (נעמט די שליסעלעך). וויפל זאל איך ברענגען?

עטיע־מעניע: האסט געדינט, זאגסטו דאך, אין נגידישע הײַזער, באדארפסטו אליין וויסן, וויפל א נגיד עסט אײַנגעמאכטס.

יוכבד די מויד: פאראן אלערליי נגידים, פאראן א נגיד, וואס עסט אפן שפּיץ מעסער, ווי א פייגעלע, און פאראן, איך בעט אי־בער אײַער כבוד, נגידים חזירים, וואס וויפל זיי עסן, איז זיי קארג.

עטיע־מעניע: עסן זאלן דיך שוין ווערעם. א ביסל א לשון פון א מויד!

יוכבד די מויד: (לאָזט זיך גיין מיט די שליסעלעך, שטעלט זיך אָפּ אַף אַ ווײַלע, צו דער באַלעבאָסטע). מע רופֿט מיך יוכבד.

עטיע־מעניע: יוכבד? גוט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. גיי אין דער ערד אַרײַן, יוכבד! (יוכבד די מויד גייט אָפּ. — עטיע־מעניע צום מאַן). אַן עזות פֿון אַ דינסטמויד! (שרײַט הויך). מענדל! מענדל! (עס קומט אַרײַן מענדל דער לאַקיי אין אַ פֿראַק מיט אַ ווײַסן שניפּס אַף אַ הויכן קאַלנער. די ליפּן זײַנען בײַ אים שוואַרץ און גראָב און פֿעט באַוואַקסן. דעם קאָפּ האַלט ער אַ ביסל אַף אַ זײַט. די הענט טעלעבענדען זיך בײַ אים, ווי איבעריקע).

מענדל דער לאַקיי: (באַלעקט זיך). מיך רופֿט איר דאָס?

עטיע־מעניע: וועמען דען רופֿ איך? די רביצין? גיי נאָר גיב אַכטונג, איך האָב געשיקט די מויד נאָך אײַנגעמאַכטס. זאָל זי זיך ניט צוכאַפּן דאָרט צו שטאַרק, ווי אַ הונגעריקע קאַץ צו דער סמעטענע...

מענדל דער לאַקיי: (לאָזט זיך גיין און קערט זיך אום צוריק. רעדט צום באַלעבאָס). באַלעבאָס! די קנאַקערס וואַרטן דאָרטן אין פּערעדני.

שימעלע סאַראַקער: וואָסערע קנאַקערס?

מענדל דער לאַקיי: אָט די צוויי, וואָס פֿונעם טרעיאַטער.

שימעלע סאַראַקער: (לייגט אַוועק דאָס בוך). אָ? וויבּדאַרטשוק און רובינטשיק? מײַנע שותפים פֿון דער פֿילם־קאָמפּאַניע? פֿאַרוואָס קומען זיי ניט אַרײַן?

מענדל דער לאַקיי: (אַף די גראָבע ליפּן באַווײַזט זיך בײַ אים אַ שמייכל). דערפֿאַר, וואָס איך לאָז זיי ניט.

שימעלע סאַראַקער: (פֿאַרוווּנדערט). וואָס הייסט, דו לאָזט זיי ניט?

מענדל דער לאַקיי: (גאַנץ ערנסט). אַזוי איז דער אײַנפֿיר בײַ די נגידים. אַז עמעצער קומט, איז אויב ער גייט אָרעם געקליידעט, גיט מען אים האַלדז און נאַקן און מע וואַרפֿט אים אַרויס, און אויב ער גייט שיין אָנגעטאָן, באַדאַרף מען פֿריִער דאַלאָזשען דעם באַלעבאָס, און דערנאָך ערשט, אַז דער באַלעבאָס הייסט, מע זאָל אים אַרײַנלאָזן, לאָזט מען אים אַרײַן.

שימעלע סאַראַקער: (שטוינט. צום ווײַב). ערנעסטינע יעפֿימעוונע! וואָס זאָגסטו דערויף? עמד!...

עטיע־מעניע: (צום מאַן). ווייס איך וואָס! דו האָסט זיך אַוועקגעשטעלט אויסטענהן מיט אַ משרת מיצקע דרינען, און די מויד וועט דאָרטן דערווײַלע אויפֿפֿרעסן דאָס גאַנצע אײַנגעמאַכטס. (צום משרת). גיי טו וואָס מע הייסט דיר!

מענדל דער לאַקיי: (לאָזט זיך גיין, בלײַבט שטיין. צום באַלעבאָס). איז וואָס זאָל איך זיי זאָגן?

שימעלע סאראקער: וועמען?

מענדל דער לאקיי: די קנאקערס.

שימעלע סאראקער: גארניט. שיק זיי ארײַן אהערצוצו! (מענדל דער לאקיי אַפּ, באגעגנט זיך אַף דער טיר מיט יוכבד די מויד, טונקט אײַן זײַן פינגער אינעם אײַנגעמאַכטס און טוט א לעק. יוכבד טוט אים א זעץ איבער דער האנט, טראגט צו דעם באלעבאס דאס אײַנגעמאַכטס און לאזט זיך גיין, בלײַבט שטיין א ווײַלע).

יוכבד די מויד: (צו דער באלעבאסטע). און ווײַטער גארנישט?

עטיע־מעניע: (צום מאן). וואס איז דאס פאר אן אנשי־קעניש? דאס איז עפּעס א גאַנצ שטראָף, ניט קיין מויד!... (עס עפנט זיך די טיר און מענדל דער לאקיי לאזט ארײַן איינעם נאכן אנדערן וויגדאַרטשוקן און רובינטשיקן, און אליין גייט ער אַפּ. ביידע גייען אנגעטאן גרויסארטיק, געגאלט ווי ארטיסטן, מיט ציי־לינדערס אין די הענט, טראגן הענטשקעלעך, גרויסארטיקע שניפּסן).

שימעלע סאראקער: (שטייט אויף, נעמט אויף די ארײַנגעקומענע זייער הענטלעך). ברוך הבא געסט! האט איר שוין גע־בראַכט מיט זיך דעם איבערגעשריבענעם קאנטראקט? (צום ווײַב). ער־געסטינע יעפּימעוונע! היים געבן נאך אײַנגעמאַכטס און א ביסל ווישניק אויך אין איינוועגס. (עטיע־מעניע הייבט זיך אויף אן חשק און גייט אליין נאכן ווישניק מיטן פארבײַסן. שימעלע צו די יונגעלײַט). דעם קאנטראקט גיט אהער, וועלן מיר אים דורכקוקן. (וויגדאַרטשוק נעמט ארויס א פארשריבענעם פּאַפּיר). דאס הייסט, דורכקוקן וועט אים מײַן מאַכטער. איך בין, ניט פאר אײַך געדאַכט, קורץ אין דער עברי, האב איך א טעכטערל, האט מיך גאט געבענטשט, א געראטענע, איר קענט זי — איז זי בא מיר מײַן גאנצער בוכהאלטער מיטן פריקאזטשיק מיטן שרײַבער מיט הכל בכל... לייענט און שרײַבט און חשבונט, ווי א וואַ־סער... (טראגט דיי אונטער א זילבערנע פּושקע מיט פּאַפּיראָסן). פּאַני דובינטשיק! פּאַני וויגדאַרטשוק! אנו, פארזוכט אקארשט פון די דאזיקע פּאַפּיראָסן! ס'איז שוין איינמאל פּאַפּיראָס, פון די אמתע עמדך!... (ביי־דע יונגעלײַט הייבן זיך אויף, נעמען מיט צוויי פינגער צו פּאַפּיראָסן). יא, איז ווּ, הייסט דאס, האלטן מיר אין דער הגדה? זאגט מיר, איך בעט אײַך, מײַן ליבער וויגדאַרטשוק און מײַן טײַערער רובינטשיק, וואס איכל אײַך פרעגן: ווי קומט איר, צוויי יונגעלײַט, — האט קיין פאראיבל ניט, וואס איך רייד מיט אײַך אזוי אַפּנטלעך און פּראַסט, — ווי קומט איר צו אזא גאלדענעם עסק, ווי דאס פילם־געשעפט?

וויגדאַרטשוק: אָ! אין דעם איז א גאנצע געשיכטע...

רובינטשיק: וואס מע קאן זי דערציילן אין דרײַ ווערטער. מיר זײַנען, ווי איר קוקט אונדז אן...

וויגדאַרטשוק: (לאזט אים ניט ריידן). לאז מיך, איך

וועל זיי איבערגעבן אין דרײַ ווערטער. איך און מײַן חבר רוביניטשיק זײַנען מענטשן מיט געדאַנקען.

ר ו ב י נ ט ש י ק : מיט קאָמבינאַציעס.

וו י ג ד א ר ט ש ו ק : און מיר האָבן פֿון שטענדיק אָן געהאַט א שייכות צו טעאַטער. איך, צום בײַשפּיל, בין געווען אַמאָל א מוזי־קאַנט, און א באַרימטער מוזיקאַנט, געשפּילט אין אַלע טעאַטערן. און מײַן חבר רובינטשיק איז אויך ניט קיין אַבי־ווער — ער האָט געהאַלטן א פֿאַריקמאַכערסקי זאַוועדיעניע און פֿלעגט גיין אין טעאַטער אַרײַן גרי־מירן די אַקטיאָרן. איך דאַרף אים זאָגן אין די אויגן, דעם ממזר, — ער, אַז ער פֿאַרגרעמירט עמעצן, איז עס נאַטור! דערווײַל האָט זיך גע־טראָפֿן א מעשה. די צײַט איז געווען שלעכט, ניט היינט געדאַכט, ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, האָב איך מיך באַשטעלט אין טעאַטער־קינעמאַטאָ־גראַף שפּילן. איך שפּיל א נאַכט, איך שפּיל צוויי, איך שפּיל דרײַ, איך הייב מיך אָן צוקוקן — וואָס איז דער שכל פֿונעם קינעמאַטאָגראַף? לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז אין דעם קיין שום שכל...

ר ו ב י נ ט ש י ק : ס'אַ געלעכטער!...

וו י ג ד א ר ט ש ו ק : (פֿאַרכאַפּט זיך). דאָס הייסט, דער שכל איז א גרויסער שכל. נאָר פֿאַר דעם, וואָס ווײַס דעם שכל, איז דער שכל אוים שכל.

ר ו ב י נ ט ש י ק : גאַלע גאַרניט!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : איך פֿאַרשטיי ניט — איך בין א פּראָסטער עמך! ממה נפשך — אָדער מילכיק, אָדער פֿליישיק! אָדער אַהין, אָדער אַהער! און בײַ אײַך קומט אויס — אָט אַז ס'איז א גרוי־סער שכל, און אָט איז דאָס א געלעכטער, גאָר קיין שכל ניט, — אַזוי אַז איך בין שוין צעדולדט!...

וו י ג ד א ר ט ש ו ק : (צו רובינטשיקן). שולדיק ביסטו, אַז דו שלאָגסט מיך איבער! איך וועל זיי געבן צו פֿאַרשטיין דעם שכל מיט א גאַנג...

ר ו ב י נ ט ש י ק : נו, גיב זיי צו פֿאַרשטיין, ווער לאָזט דיך ניט?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : ניין! איר דאַרפֿט וויסן, אַז מיר זײַנען גרויסע בעלנים דערויף... נאָר אַז איך בין געווען א... ניט היינט געדאַכט, א פּראָסטער עמך, זײַנען מיר אַלע וואָך געגאַנגען אין דער לוזיאָנע, אַבי ס'איז נאָר געווען פֿאַרוואָס. און היינט, זינט גאָט האָט מיך באַגליקט מיטן גרויסן געווינס, איז כמעט ניטאָ די נאַכט וואָס מיר זאָלן ניט גיין אַהינצוצו. וואָלט איך זייער וועלן וויסן, ובפֿרט איצט, אַז איך גיי אַרײַן אין דעם מיט געלט, דעם... דעם... תמצית (מאַכט מיט די פֿינגער). דעם שכל דערפֿון. דאָ מוז דאָך שטעקן עפּעס א קונץ, עפּעס... עפּעס... (א קוואַק מיט די פֿינגער). א מין עמך!

וו י ג ד א ר ט ש ו ק : געוויס איז דאָ פֿאַראַן קונץ!

ר ו ב י נ ט ש י ק : און נאָך וואָס פֿאַר א קונץ!

וו י ג ד א ר ט ש ו ק : (לאזט איס ניט). לאז זיך דינען! אט וועל איך זיי געבן צו פארשטיין די גאנצע זאך אקוראט, זיי זיינען א ייד מיט פארשטאנד. (רוקט זיך צו צום שניידער). די זאך איז א פראסטע זאך. האט איר זיך צוגעקוקט, אז אקעגן דער סצענע, איבער דער טיר, איז פאראן א לאמטערנע מיט א רעדל? איז אפן רעדל, וואס סע דרייט זיך דארט בא דער לאמטערנע, אנגעצויגן א לענטע פון צעלולאיד, א לאנגע לענטע. (מאכט מיט די הענט).

ר ו ב י נ ט ש י ק : (קוקט דעם חבר אין מויל אריין און שאקלט צו מיטן קאפ). א פילמע הייסט עס.

וו י ג ד א ר ט ש ו ק : איז אף דער פילמע אפגעפאטאגראפירט אלע בילדער, וואס איר זעט אפן ליוונט... האט איר עס צעקייט?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : האט קיין פאראיבל ניט, ווארט אפ א ווײַלעטשקע. איך וויל, פארשטייט איר, אז מײַן יידענע זאל אויך זײַן דערבײַ און זאל אויך וויסן דעם שכל... (דרייט זיך אויס צום ווײַב, וועלכע קומט אריין פון צווייטן חדר. נאך איר גייט נאך מענדל דער לאקיי מיט א טאץ. אף דער טאץ — א קאראפין רויטע משקה מיט גלעזלעך. נאך מענדלען גייט נאך יוכבד די מויד אויך מיט א טאץ. דאס אלץ ווערט אוועקגעשטעלט אפן טיש. מענדל און יוכבד אפ).

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : אט האט איר ווישניק, אט שטייט אײַנגעמאכטס. איר קאנט נעמען, אז איר ווילט...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : מע וועט נעמען, אם ירצה השם, געוויס וועט מען נעמען. (גיסט אן אין די גלעזלעך. ווענדט זיך צום ווײַב). ווילסט הערן דעם שכל פון „לוזיאנע”, פארוואס סע דרייט זיך און מיר זעען אלצדינג אפן ליוונט, וואס אף דער וועלט טוט זיך אפ? זעץ דיך אקארשט צו, וועסטו עפעס הערן. האסט דאך עס ליב. דו וואלסט ד'אך דארט געטאגט און גענעכטיקט!

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : און דו האסט דאך עס נעבעך פײַנט. (זעצט זיך אוועק בא דער זײַט אף א ווייכער קושעטקע, שפארט זיך אן אף א זײַדן קישעלע מיט אויסגענייטע קווייטן פון אלערליי פארבן, לייגט צונויף די הענט אזוי, מע זאל ארויסזען דאס גאנצע ביסל צירונג). נו, לאמיר הארכן.

וו י ג ד א ר ט ש ו ק : (פלײַסט זיך צו זעצן מיטן פנים קעגן דער מאדאם, נאר ריידן רעדט ער צום באלעבאס). איז ווו האלטן מיר?

ר ו ב י נ ט ש י ק : בא דער פילמע האלטן מיר, וויאזוי דאס רעדל דרייט זיך דארט בא דער לאמטערנע...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (צום ווײַב). בא דער טיר פון אויבן, אקוראט אקעגן דעם לײַלעך, האסטו געזען א לאמטערנע? איז דארטן דא א רעדל און סע דרייט זיך. (ווײַזט מיט די הענט, ווי סע דרייט זיך. טוט זיך א נעם צום קאראפין, גיסט אן דרײַ גלעזלעך. צו די געסט). זאל זיך עס דארטן דרייען. מירן דערווײַל נעמען צו די ליפן... לחיים!

לאָז גאָט געבן, ס'זאָל זײַן אײנמאָל פֿאַר אַלעמאָל עמד!... (טרינקט. די געסט רירן זיך צו מיט די ליפּן). אַצינד שיסט ווײַטער!

וויגדאַרטשוק: אַלזאָ, נאָכאַמאָל אין קורצן. (מאָלט מיט בײדע הענט). דאָ האָט איר אַ לײַוונט.

רובינטשיק: אַ געוויינלעכן לײַוונט.

וויגדאַרטשוק: אויף דעם לײַוונט איז ניטאָ גאָרנישט.

רובינטשיק: גאָלע גאָרנישט.

וויגדאַרטשוק: און אויף יענער זײַט לײַוונט איז אויך ניטאָ גאָרנישט.

רובינטשיק: אויך גאָרנישט! (שימעלע סאַראַקער קוקט אויפֿן ווײַב איבערראַשט).

עטיע־מעניע: (גלייבט ניט). דאָס וועט איר שוין דערציילן דער באָבע אײַערער! וואָס הייסט ניטאָ גאָרנישט? מיר גייען ניט אין דער „לוזיאַנע"? עס קאָסט אונדז קאָרג געלט? אַז אַנדערער וואָלט זיך עס געוואונטשן איך ווייס אַליין ניט וואָס, — זאָגן זיי, אַז אויף יענער זײַט לײַוונט איז ניטאָ גאָרנישט! מיר זײַנען דאָך עפּעס ניט קיין קליינע קינדער, וואָס מע וועט אונדז דערציילן בבא־מעשיות!...

וויגדאַרטשוק: (מטושטש, שמייכלט). האָט קיין פּאַראיבל ניט, מאַדאַם, מיר זײַנען ספּעציאַליסטן. מיר אַרבעטן אין דעם טאָג ווי נאַכט. מיר האָבן דאָס געזונט מיטן לעבן אוועקגעלייגט דערויף.

רובינטשיק: ס'איז אונדזער פּרנסה!

שימעלע סאַראַקער: (צו וויגדאַרטשוקן). בקיצור, נו, שיסט ווײַטער!

וויגדאַרטשוק: אַלזאָ — גאָרנישט. דער רעכטער עיקר איז דאָס רעדל, וואָס דאָרט אַקעגן, בײַ דער לאַמטערנע. (דרייט זיך אויס מיטן פּנים צוריק, ווײַזט מיט דער האַנט אויף דער טיר. אַלע דרייען זיך אויס צו דער טיר). דאָרט, וווּ עס דרייט זיך די לענטע...

רובינטשיק: (דרייט מיט דער האַנט). די פֿילמע הייסט עס... (עס עפֿנט זיך די טיר און אין דער מינוט קומט פֿאַר אַזאַ מין סצענע: עטלעכע ייִדן רײַסן זיך אַרײַנצוגיין, מענדל דער לאַקיי האַלט זיי אויף מיט בײדע הענט).

מענדל דער לאַקיי: האָט צײַט איין מינוט, ביז איך לאָז אײַך...

די ייִדן: (אַלע אײַנאייגעם). וואָס מיר דאַלאַזשען? ווער מיר דאַלאַזשען? מיר דאַרפֿן האָבן אַ נדבה אויף דער היגער תּלמוד־תּורה!

שימעלע סאַראַקער: (שרײַט צום לאַקיי). נאַרישער מענדיוק, אַ רוח אין דײַן פּאַרנט און מיטן אַרײַן! וואָס האָסטו צו די ייִדן? לאָז זיי אַרײַן! (מענדל טרעט אָפּ. נאָר ער באַווײַזט די ייִדן מיט דער האַנט אויפֿן קאָפּ, זיי זאָלן אויסטאָן די היטלען. די ייִדן קוועקלען

זיך, צי זאָלן זיי אויסטאָן די היטלען, צי ניט. אַ פּאָר האָבן אויסגעטאָן, די איבעריקע יאָד ניט. גייען לאַנגזאַם).

**עטיע־מעניע**: (צו די ייִדן). וואָסט איר זאָגן?

**שימעלע סאראקער**: זיצט. איר קאָנט גיין אין די היטלען. מיר זײַנען דאָך ניט קיין גוייִם. מיר זײַנען נאָך ייִדן דערווײַלע. (די ייִדן ווערן אַ ביסל שטאַרקער באַ זיך, זעצן זיך אַוועק. איינער פון זיי, דער גבאי ראשון, ווענדעט זיך צום שנײַדער).

**גבאי ראשון**. מיר זײַנען געקומען צו אײַך, רב שמעון, אַזוי ווי מיר האָבן געהערט פון אײַך, אַז זינט גאָט האָט אײַך געהאָלפן, הערט איר ניט אויף צו געבן, זײַנען מיר, די גבאים פון דער היגער תלמוד־תורה, און מיר דאַרפן אַ נדבה דאַרפן מיר...

**עטיע־מעניע**: (נעמט זיך צו דער קעשעניע. צו די ייִדן). צו וואָס אַזאַ לאַנגע הקדמה? זאָגט, אַז איר ווילט אַ נדבה, וועט מען אײַך געבן... אויסגאַב וועט זיך געפינען באַ אײַך?

**די ייִדן**: (פריילעך. אַלע אינאיינעם). פון וויפל?

**עטיע־מעניע**: (ציט אַרויס אַ זילבערנע מטבע). פון אַ פ ציקער. (די ייִדן איבערראַשט, קוקן איינער אָפן אַנדערן, בלײַבן אָן לשון).

**שימעלע סאראקער**: (כאַפּט זיך אויף, ווערט אַלערלײַ קאָלירן, וויל אויסגיסן זײַן צאָרן אָפן ווײַב, נאָר ער האַלט זיך אײַן, רעדט צו די ייִדן מיט אַ געלעכטער). מײַן ייִדענע האָט ניט אײַנגעהערט, כאַ־כאַ, אַז איר זײַט די גבאים פון דער היגער תלמוד־תורה. זי האָט אָפּנים, געמיינט גלאַט אַזוי אַ נדבה פאַר אַ ייִדן... קומט, איך וועל אײַך געבן. (נעמט אַרויס אַ קליין שליסעלע פון דער זשילעט־קעשעניע, גייט צו צו דער אײַזערנער שאַפע, פאַרעט זיך אַ ווײַלע, נעמט אַרויס אַ פּעקל, פיר פינף־און־צוואַנציקער, און טראָגט עס צו צו די ייִדן). נאָט, אָט האָט איר אַ נדבה און שרײַבט אַרײַן אין בוך אַרײַן מײַן נאָמען, מײַן אמתן ייִדישן נאָמען — שמעון בר׳ מאיר סאַראַקער שענקט פאַר דער היגער תלמוד־תורה אַ הונדערטער. (די ייִדן שטייען אויף אַלע איבערראַשט, דאַנקען אים זייער. איינער פון זיי געפינט זיך צו זאָגן קוים עטלעכע ווערטער).

**גבאי ראשון**: רב שמעון! מיר זאָגן שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה. זינט די היגע תלמוד־תורה איז אַ תלמוד־תורה, איז דאָס דער ערשטער הונדערטער. זאָל אײַך גאָט געבן הונדערט יאָר גליק און הצלחה און אַלדאָס גוטס — אָמן.

**די ייִדן**: (אַלע). ברכה און הצלחה — אָמן. (געזעגענען זיך אָפּ פרײַנטלעך און גייען אָפּ. די שטימונג איז אַ געשלאָגענע. עטיע־מעניע פּײַערט. שימעלע פילט זיך ניט גוט, שפּאַנט אַרום, בלײַבט שטיין).

**שימעלע סאראקער**: (צו זיך אַליין). יאַ־יאַ. אַ גוואַלד־דאַוונער שכל!... מענטשן טראַכטן צו לענטע... לײַוונט... פילם... און דאָס לעבן! דאָס רירט זיך! עמדו! (צו די יונגעלײַט). איז ווו האַלטן מיר,

הייסט דאָס? יאָ, מיר זאָלן ניט פאַרגעסן. ס׳איז פאַראַן נאָך אַ פּונקט, וואָס מײַן ווײַב וועט ניט דורכלאָזן בשום אופן! (צום ווײַב). ערנעסטינע יעפימעווונע! איך וויל, אַז אין קאָנטראַקט זאָל שטיין בפירוש, אַז דו און איך און אונדזערע פרײַנט, למשל, האָבן דאָס רעכט צו גיין אין וואָס פאַר אַ טרעיאַטער מיר ווילן, און ווען מיר ווילן, סײַ באַטאָג, סײַ באַנאַכט, בחינם, אָן אַ שום געצאָלטס, הייסט עס.

ע ט י ע - מ ע נ י ע : (פאַרברעכט די הענט). אַ שיינע מעשה! כּע שטייט נאָך גאָרניט אין קאָנטראַקט אַפילו?!

ו ו י ג ד אָ ר ט ש ו ק : מע האָט פאַרגעסן אַרײַנשטעלן.

ר ו ב י נ ט ש י ק : מאַדאַם! מע האָט גערעדט — איז גענוג.

ע ט י ע - מ ע נ י ע : (לאָזט אויס איר כעס צו אים). אַזוי זאָגט אִ י ר ? און אַז ס׳וועט קומען צו עפּעס, וועט איר נאָכדעם זאָגן, איר ווייסט ניט!... מיר קענען אײַערע לײַט! מיר זײַנען אויך מבינים אַף אַ טשאַד!

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אָ ק ע ר : זאָגסטו, מע זאָל עס אַרײַנשטעלן? איך זאָג אויך — אַרײַנשטעלן. (צו ווִיגדאָרטשוקן, ווײַזט אים אָן אַפן שרײַבטיש). פאַרקאַטשעט, זײַט מוחל, די אַרבל און שרײַבט אַרײַן.

ו ו י ג ד אַ ר ט ש ו ק : (טוט זיך אַ וואָרף צום שרײַבטיש. שרײַבט צו אַפן פּאַפּיר, דערנאָך לייענט ער). „מיר, די אונטערגעשריבענע, גיבן צו נאָך אַ פּונקט, אַז דער הער סאַראַקער, די מאַדאַם סאַראַקער, אָדער ווער פון זייער פאַמיליע, האָט דאָס רעכט, סײַ באַטאָג, סײַ באַנאַכט, אַרײַנצוקומען און זיצן אין יעדן פון אונדזערע טעאַטער־קינעמאַטאָגראַפן בחינם, אָן געלט". צופרידן? (שימעלע קוקט אַפן ווײַב).

ע ט י ע - מ ע נ י ע : איך וויל, אַז אין קאָנטראַקט זאָל שטיין מײַן שוועסטער פייגל אויך.

ו ו י ג ד אַ ר ט ש ו ק : מאַדאַם! סע שטייט דאָך „די פאַמיליע סאַראַקער"!

ע ט י ע - מ ע נ י ע : איר פאַמיליע איז ניט סאַראַקער, איר פאַמיליע איז ווישקראַבענקאַ.

ר ו ב י נ ט ש י ק : די מאַדאַם זײַנען גערעכט.

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אָ ק ע ר : וויבאַלד אַזוי, טאָ שטעלט אַרײַן אַלע פרײַנט און באַקאַנטע...

ע ט י ע - מ ע נ י ע : (כאַפּט זיך אויף). באַקאַנטע? אָט האָסטו דיר נאָך, טאָמער איז קאַרג! אַ מכּה זיי — זיי זײַנען ניט קראַנק צאָלן!

ר ו ב י נ ט ש י ק : די מאַדאַם זײַנען פאָלקאָם גערעכט. (צום חבר). שרײַב אַרײַן מאַדאַם ווישקראַבענקאַ מיט אירע קינדער.

ע ט י ע - מ ע נ י ע : ניין; זי יאָ, די קינדער ניט. זי האָט קינדער — מעג אַף זיי קומען אַן אויסכאַפּעניש! איין שאַרלאַטאַן גרעסער פונעם אַנדערן...

ר ו ב י נ ש ט י ק : די מאדאם זײַנען פאלשטענדיק געגעבן! שרײַב מאדאם װישקראבענקא — און אן עק.

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : װאסער מאדאם? א שײנע מאדאם! נעבעך אן ענױטע, אן אביונטע, אז אך און װײ איז איר! (עס קומט אן בײלקע, אנגעטאן פראסט װי אלע מאל).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : גוט, װאס דו ביסט דא. קום אהער, װעסטו מיר איבערלײענען דעם קאנטראקט, צי ס'איז אלצדינג דא, װאס מיר האבן נעכטן אפגערעדט? (בײדע יונגעלײַט שטײען אויף, גריסן בײלקען, דערלאנגען איר דעם קאנטראקט און זעצן זיך צוריק אװעק).

ב יי ל ק ע : (נעמט דעם קאנטראקט). מעג איך עס לײענען פאר זיך? (זעצט זיך אװעק אין א שטול, לײענט פאר זיך).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (צו די יונגעלײַט, שטיל). זי קאן שוין דװקא גוט!... ייִדיש און רוסיש און דײַטש, און װאס איר װילט!... (עס קומט ארײַן מענדל דער לאקײ מיט א בוקעט).

מ ע נ ד ל ד ע ר ל א ק יי : צו איזאבעלא סעמיאנאװנא מיט א קארטל.

ב יי ל ק ע : צו מיר? (נעמט די בלומען).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (צופרידן). בלומען? פון װעמען איז?

ב יי ל ק ע : (לײענט דאס קארטל). סאלאמאן אסקאראװיטש פײַן. כא־כא־כא!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : װאס־זשע איז דער געלעכטער? (צום לאקײ). קאנסט גײן. (מענדל אפ).

ב יי ל ק ע : װאס־זשע? ס'איז ניט קײן געלעכטער? װאס איז גאר פלוצעם פאר מתנות — בלומען? װו איז ער געװען פאר דרײַ װאכן אין דער צײַט, געדענקסט? אז מע האט בא אים געבעטן א טובה, ער זאל זאגן א גוט װארט צו זײַן פאטער װעגן דירה־געלט, האט ער פארקנײטשט מיט די פלײצעס (מאכט אים נאך) — „עטא דא מעניא ניע קאסאיעטז־ביא!"... (גיט איבער דעם פאטער די פאפירן). דער קאנטראקט איז געשריבן אזוי, װי מע האט גערעדט. (װײַזט אפן פאק בריװ, װאס אפן טיש). און דאס איז די הײַנטיקע פאטשט? (נעמט די בריװ צו זיך). איך נעם עס צו זיך, דארט װעל איך איבערלײענען די פאטשט און װעל דיר נאכדעם איבערגעבן. (פארנײגט זיך צו די יונגעלײַט, װעלכע כאפט זיך אויף מיט א טראסק. — בײלקע אפ).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (צו די יונגעלײַט). א מאדנע מײדל בא מיר!... אן אנדערע אף איר ארט אין אזא ראסקאש!... בא אזא עשירות!...

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : זאג באטש: קײן עין־הרע ניט!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : א קלײדל, א בורנוסל, א היטעלע א נײַס, אז מע װיל איר קויפן, קומט אן מיט גרינע װערעם — זי װיל

ניט! וואָסט איר טאָן? (ביידע יונגעלייט זיינען נתפעל). וואָס דאַרפט איר מער, מע רעדט איר שידוכים — די שענסטע, די גרעסטע — וויל זי ניט הערן, ניט זען... שטעלט אייך פאָר — רב אשר פיין האָט איר געהאַרכט פון הסתם? וויל ער מיט מיר אַ שידוך טאָן — ער שטאַרבט! דאָס הייסט, ניט אַזוי ער וויל דעם שידוך, ווי זיין זון, ווי איך ווייס, ווי איך וויאָלט אַ בעלן געווען זיך משדך זיין מיט אַזאַ ייִדן ווי פיין, וואָס איך בין אַמאָל געווען זיינער אַ שכן...

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : זאָג כאָטש: ניט היינט געדאַכט...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : איז דאָך גוט? איאָ? אַז ער וויל, און דער זון וויל, און איך וויל אויך, וואָלט מען דאָך געקאָנט ברעכן טעלער און אַ סוף? — זאָגט זי אָבער: לאָ! זי וועט זיך באַטראַכטן. (ביידע יונגעלייט זיינען נתפעל — עס באַווייזט זיך מענדל דער לאַקיי).

מ ע נ ד ל ד ע ר ל אַ ק יי : (קיִט). דער שלים־מזל איז שוין ווידער דאָ.

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : וואָסער שלים־מזל?
מ ע נ ד ל ד ע ר ל אַ ק יי : סאָלאָווייטשיק דער שדכן.
ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : סאָלאָווייטשיק? וווּ איז ער?
מ ע נ ד ל ד ע ר ל אַ ק יי : דאָרט איז ער, אין פּערעדניע.
ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : פאַרוואָס גייט ער ניט אַריין?
מ ע נ ד ל ד ע ר ל אַ ק יי : איך האָב דאָך אייך געזאָגט שוין, אַז איך בין ניט דאָס ערשטע יאָר אין נגידישע הייזער, און בײַ די נגידים איז דער איינפיר, אַז...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : אַז מע דאַרף פריער דאָלאָזשען? נו, האָסטו דאָך מיר שוין דאָלאָזשעט. אַצינדערט גיי רוף אים אַריין. (מענדל אָפּ). אוי, אָט די פּאַראַדקעס מיט די צערעמאָניעס, הערט איר, בײַ די סטעקראָטן, צווישן אונדז גערעדט, גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד!... (עס עפנט זיך די טיר ברייט, מענדל דער לאַקיי לאָזט אַריין סאָלאָווייטשיקן דעם שדכן, מאַכט צו די טיר, גייט אָפּ). ברוך הבא, אַ ייִד אַ שדכן! מע זאָל דערמאָנען משיחן. זיצט, פּאַני סאָלאָווייטשיק.

ס אָ ל אָ וו יי ט ש י ק : סאָראָ היִץ היינט — טשטאָ ניבוד אָסאָ־בענע! (באַטראַכט די יונגעלייט). און ווער זיינען אָט די ייִדן? עפּעס זייער קענטלעך! (דערמאָנט זיך). אָ? דאָס זיינען די דאַזיקע? פונעם טעאַטער? דאָס האָט איר מיט זיי געמאַכט דאָס געשעפט, וואָס די שטאָט קלינגט מיט דעם? (גיט זיי די האַנט). וואָס־זשע מאַכט איר? מע זאָגט, אַז איר זשעבערעוועט געלט? (ווייזט מיט ביידע הענט).

וו י נ ד אַ ר ט ש ו ק : ע! מע זשעבערעוועט געלט! גאַרנישט, מהכתיתי, מע האָט פּרנסה.

ר ו ב י נ ט ש י ק : און מע לייגט אָפּ אַ קערבל.

ס אָ ל אָ וו יי ט ש י ק : (צום שניידער). ווייס איך, וואָס הערט

איר זײַ! איר פֿרעגט מ י ר ! ס'איז אַ גאָלדן געשעפֿט! ס'איז אַ ברוי-נען, וואָס שעפּט זיך ניט אויס! מענטשן ווערן נתעשר — זאָגן זיי, מע לייגט אָפּ אַ קערבל! (ביידע יונגעלײַט ווערן ברייטער ווי לענגער).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (צום שדכן). זאָגט איר, אַז מע ווייס שוין אין שטאָט פֿונעם פֿילם-געשעפֿט, וואָס איך מאַך? אפֿשר וועט איר פֿאַרזוכן אונדזער ווישניק? (גיסט אים אָן אַ גלעזל).

ס א ל א וו ײ ט ש י ק : טשטאָ זאַ וואַפּראָס! אַלע ווייסן און אַלע ריידן און אַלע זײַנען אײַך מקנא. (טרינקט אויס און פֿאַרבײַסט).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : מקנא?

ס א ל א וו ײ ט ש י ק : איך זאָל אַזוי לעבן מיט אײַך און מיט אײַער ווײַב! וואָס-זשע? כ'וועל אויסטראַכטן? מע שמועסט גאָר, אַז איר ווערט אַ מיליאָנער... הלוואַי, זאָל אײַך גאָט העלפֿן! (צו די יונגעלײַט). סעמיאָן מאַקאַראָוויטש-איז אַ מענטש, וואָס האָבן ליב אַליין גראָב צו פֿאַרדינען, און עס אַרט זיי ניט, אַז יענער פֿאַרדינט אויך. ווי פֿאָניע זאָגט: ל ע ב ע ן א ו ן ל ע ב ע ן ל א ס ע ן . . . (צום שנײַדער). ס'איז אײַך איצטער אַוועק דאָס גליק, סעמיאָן מאַקאַראָוויטש, וועט דאָס שוין אײַך גיין און גיין, ווי אין פּסוק שטייט: החילות לנפֿול, נפֿול תּפֿול...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (צום ווײַב). דו הערסט ווערטער? (גיסט אים אָן נאָך אַ גלעזל).

ע ט י ע - מ ע נ י ע : (קוקט אָפּ פֿלעשל). איך הער, איך בין ניט טויב! (צום שדכן). וואָס הערט זיך בעסער פֿון י ע נ ע ם געשעפֿט, וואָס מ י ר ווייסן?...

ס א ל א וו ײ ט ש י ק : (צו דער שנײַדערן). וואָס זאָל זיך הערן, מאַדאַם? אַף אַלע ייִדישע קינדער געזאָגט געוואָרן! (צום שנײַדער און צו דער שנײַדערן). אַז סאָלאָווייטשיקן פֿאַלט אײַן אַן אידעע, מעג זיך שוין איבערקערן די וועלט, וועט ער זי דורכפֿירן... אָט דאָס גיי איך פֿון דאָרטן; טאַקע, פֿון די רעסטאָראַטאָרן... אַ פּריָאָם האָב איך געהאַט — „מאַיאַ פּאַטשטעניע", און „סאַדיטיעס", און „פּאַפּיראָסן", און „לעמאָנאַד"... מחמת די היץ איז טרוקן אין מויל — טשטאָ ניבוד אַסאַבענע!... (טרינקט אויס אַ צווייטן מאָל, פֿאַרבײַסט. שימעלע טראָגט אים אונטער די פּושקע פּאַפּיראָסן).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : הכלל, גייט איר דאָס פֿון די פֿײַנערס. איז ווו האַלט דאָס דאָרטן אין דער ספֿירה?

ס א ל א וו ײ ט ש י ק : עס האַלט שוין גוט! הלוואַי וואָלט איך שוין אַזוי געהאַלטן מיט אַלע מײַנע פּאַרטיעס, וואָס איך פֿיר... סאָלאָווייטשיקן, אַז עס פֿאַלט אים אײַן אַן אידעע! (פֿאַררייכערט דעם פּאַפּיראָס) אויב ס'איז אײַך ניט שטאַרק היים, וועל איך אײַך דערציילן מײַן הײַנטיקן וויזיט, וויאַזוי איך בין געקומען, און וואָס איך האָב געזאָגט, און וואָס זיי האָבן געזאָגט, און וואָס איך האָב זיי געענטפֿערט, און וואָס

זיי האָבן מיר געענטפֿערט — אונדזער גאַנצן ראַזגאָוואָר. (פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, איז גרייט צעלייגן אַף טעלערלעך).

שימעלע סאַראַקער: (האָט ניט קיין געדולד). וואָס טויג מיר, פּאַני סאַלאַווייטשיק, ראַזגאָוואָרן? איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ פּראָסטער עמך בין איך, און כ'האָב ליב אָגיל ואשמח — אויפֿגעגעסן און אויסגעפּרעסט. איר זאָגט מיר די לעצטע שורה. דעם רעכטן שפּיץ!

סאַלאָווייטשיק: דער רעכטער שפּיץ איז — זיי ווילן אײַך אײַנלאַדן צו זיך אַף אַ וויזיט. דאָרט וועט זײַן די גאַנצע ריסטאָקראַטיע... נאָר קודם ווילן זיי זײַן בײַ אײַך מיט אַ וויזיט, און אפֿשר נאָך הײַנט. דאָס קאָן סאַלאָווייטשיק!

שימעלע סאַראַקער: (צום ווײַב). דו הערסט? (שטיל). מע דאַרף צוגרייטן כּל המינים פֿאַרבײַסעכצן... (צום שדכן). זײַט איר זיכער, אַז זיי ווילן דאָ זײַן?

סאַלאָווייטשיק: (פֿאַרטרינקט דעם אײַנגעמאַכטס). אַזוי ווי איך בין זיכער, אַז מע רופֿט מיך סאַלאָווייטשיק.

שימעלע סאַראַקער: און דער „יאַט" אויך מיט זיי?

סאַלאָווייטשיק: (דאָס לעצטן ביסל אײַנגעמאַכטס). טשטאָ זאַ וואָפּראָס?

שימעלע סאַראַקער: ער טאַקע, דער אַלטער הייסט עס, האָט אײַך אַליין געזאָגט?

סאַלאָווייטשיק: טאַקע ער אַליין, דער אַלטער הייסט עס, האָט דאָס מיר געזאָגט: „מירן זײַן, זאָגט ער, בײַם הער סאַראַקער מיט אַ וויזיט, זאָגט ער, אפֿשר נאָך הײַנט, — פֿאַרט, זאָגט ער, געוועזן אַמאָל אונדזערער אַ שכן"...

שימעלע סאַראַקער: טאַקע מיט דעם לשון? (צום ווײַב). גיי, זע, ס'זאָל זײַן אַלצדינג... (עטיע־מעניע אָפּ).

סאַלאָווייטשיק: טאַקע מיט דעם לשון און מיט די ווערטער — איך זאָל אַזוי לעבן מיט אײַך און מיט אײַער ווײַב!... וואָס מיינט איר — סאַלאָווייטשיק איז עפּעס אַ יונגעלע?... ניש־מער, איך האָב מיט אײַך צו ריידן נאָך אַ פּאָר ווערטער אויג אַף אויג. (צו די יונגעלײַט). איזווינײַטיע!... (נעמט שימעלען אָפּ אַ זײַט). שלשה דברים — צוויי ווערטער. (ביידע שטייען נאָענט צו דער ראַמפּע).

שימעלע סאַראַקער: (צום שדכן). איך ווייס פֿרײַער, וואָס איר ווילט מיר זאָגן. איר ווילט ריידן מיט מיר מכּוח נדן, וויפֿל איך גיב?

סאַלאָווייטשיק: (רעדט שטיל). זאָלט איר מיר געזונט זײַן, וואָס פֿאַר אַ חכם איר זײַט! און איר מיינט אַוודאי, אַז דאָס ווילן ז יי ווי סן? אָדער דער חתן? באָזשע סאַכראַני! גלאַט אַזוי... וויבאַלד

עס האָט שוין אַזוי נאָענט, אַט־אָט, איז טאָמער, פּאָנימאַיעטיע, מע טוט מיך אַ פרעג, זאָל איך ניט בלײַבן שטיין, ווי אַ לײמענער גולם...

שימעלע סאָראַקער: איר ווייסט גאַנץ גוט, זי איז באַ מיר איינע, און איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר איז עס אײַנגאַנצן אירס...

סאָלאָוויטשיק: פונדעסטוועגן, באַלי־מעני?...

שימעלע סאָראַקער: פופציק טויזנט ליגט גרייט אין טשאַסנע קאָמערטשעסקי באַנק, דאָס הייסט, ליגן ליגט דאָרטן דרײַ מאָל פופציק טויזנט, נאָר פופציק טויזנט — דאָס איז פאַר דער טאָכטער באַזונדער, און אַזוי ווי זי איז באַ מיר איינע, איז איבער הונדערט צוואַנציק יאָר, אַז מע וועט אַ רוף טאָן אַהין, זײַט־זשע מוחל, עמך... (ביידע יונגעלײַט הערן זיך צו).

סאָלאָוויטשיק: (שלאָגט אים איבער). טשעפּוכאַ! ווער רעדט פון אַזעלכע זאַכן? איר וועט נאָך, אם ירצה השם, לעבן און לעבן! איר דאַרפט לעבן, וואָרעם איר טוט אַ סך גוטס. מע ווייס — גוטס לאָזט זיך הערן... סליעדאָוואַטעלנאָ, פופציק טויזנט — דאָס איז מזומן?

שימעלע סאָראַקער: קלאָפּ און צייל. באַ מיר איז ניטאָ קיין מאַניפּאַרגעס, פּוסטע דיבורים, צוזאָגעכצן. באַ מיר, אַז איך זאָג געבן, גיב איך. עס איז, פאַרשטייט איר מיך, עמך!...

סאָלאָוויטשיק: אָדנים סלאָוואָם — מיר האָבן שוין פון אַלצדינג אָפּגערעדט. סליעדאָוואַטעלנאָ, קאָן איך שוין גיין ווײַטער. איך דאַרף נאָך לויפן און לויפן, ריידן און ריידן. זײַט מיר געזונט און מאַכט גוטע געשעפטן! פּראַשטשאַיטיע! אם ירצה השם, איניגיכן אויף אַ קנס־מאָל... (צו די צוויי שותפים). אײַך ווינטש איך צו האָלבע מיליאָן אויף אַ חלק, און אײַער שותף — אַ גאַנצן מיליאָן! דאָסווידאַניאַ, פּראַשטשאַיטיע! (אָפּ).

שימעלע סאָראַקער: (צו די יונגעלײַט). האָט קיין פאַראיבל ניט — באַ מיר אַ שטוב, קיין עין הרע, אַלע מאָל נײַע מענטשן מיט נײַע געשעפטן... איצט דאַרף מען זיך אַ נעם טאָן צו אונדזער אייגענעם געשעפט. (טוט אָן די ברילן, פאַרקאַטשעט די אָרבל, גייט צום טיש). באַדאַרף מען, הייסט עס, טאָן אַ דעליקאַטע אַרבעט — לייגן דעם טאַטן. (שרײַבט זיך אונטער אויפן פּאַפּיר. נאָך אים שרײַבן זיך אונטער ביידע שותפים). און איצט באַדאַרף מען, הייסט עס, אײַך געבן די ממתקים... דאָס ביסל מינץ... (גייט צו דער אײַזערנער קאַסע). דאַרף איך אײַך זאָגן, מײַנע ליבע שותפים, אַז קיין מזומן געלט, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, האָב איך ניט... אין אײַזערנע קאַסע האָב איך טאַקע, נאָר אַזעלכע געלטער האַלט איך ניט באַ זיך אינדערהיים. דערויף איז דאָ, פאַרשטייט איר מיך, אַ באַנק... (עפנט אויף די קאַסע, נעמט אַרויס אַ טשעקביכל). די טשאַסנע קאָמערטשעסקי באַנק. דאָרטן האַלט איך מײַן גאַנצן קאַפּיטאַל, און ווען איך דאַרף, און וויפל איך באַדאַרף — שרײַב איך

אויסעט א טשעק, גיט מען מיר... (לייגט אוועק דאס טשעק־ביכל אפן טיש). נאר וואס דען? אז עס קומט צו שרייבן רוסיש, בין איך קורץ אין דער עברי. דערויף האב איך א טאכטער, איז זי בא מיר, ווי איר ווייסט שוין, מיין גאנצער בוכהאלטער. (עס קומט אן מטיע־מעניע). טו נאר א רוף אהער ביילקען אף א מינוטקעלע. זי דארף מיר עפעס אנשרייבן.

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : איזאבעלעטשקע? מיר דאכט, אז זי איז ניטא אינדערהיים. אט וועל איך גיין א קוק טאן. (גייט אפ).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : ניט גוט, הערט איר, אז מען איז א בלינדער מענטש... אז מע קען ניט שרייבן קיין רוסיש, איז נאך ערגער, ווי אז א בריל... (פויזע). אדער שא? ווייסט איר וואס? אפשר וואלט געווען א סברה, אז איר זאלט זיין אזוי גוט, אז האט איר אייך א טינט און פעדער, און זיך מטריח זיין טאקע אליין אויסשרייבן אט־א־דעם טשעק? ווער פון אייך קאן בעסער שרייבן? (וויגדארטשוק און רובינטשיק טוען זיך ביידע א חאפ צום שרייב־טיש. וויגדארטשוק נעמט זיך צום טינט און פעדער. שימעלע טוט אן די ברילן, טייט מיטן פינגער אין טשעק־ביכל, ווי א מענטש, וואס איז קלאר אין הלכות טשעקס). אט דא, אין דער רעכטער האנט, זעט איר? זייט־זשע מוחל, שטעלט אוועק מיט ציפער פופצן טויזנט... איין איינס, מיט א פינף, מיט דריי — יא, מיט דריי נולן. אט אזוי... און דארטן, אונטן, שטעלט אוועקט מיט ווערטער פעטנאצעט טיסיאטשי... רובליי דארף מען ניט — סע שטייט שוין. אט אזוי... האט איר געשטעלט? אצינד גיט, זייט מוחל, די פען אהערצו, וועלן מיר ווידעראמאל אוועקלייגן דעם טאטן. (פארקאטשעט ווידער די ארבל, חתמעט פאוואלינקע, שוויצט). אוף! פשוט איינגעמידט זיך היינט שרייבנדיק. (פאכעט מיטן טשעק אין דער לופטן). און ווער איז שולדיק? — טאקע מיין טאטע אליין. ער, עליו השלום, האט ניט געוואלט מיך לערנען שרייבן. מיך מע זאל געווען לערנען שרייבן, וואלט איך געווען איין שרייבער אין דער וועלט! א סימן האט איר — נעמט דאס גרעסטע געשעפט אין דער וועלט, וועל איך עס אייך ארומנעמען מיטן קוק...

ו י ג ד א ר ט ש ו ק : (געזעגנט זיך). ס'איז בא אייך זעלטענע פעיִקייטן!

ר ו ב י נ ט ש י ק : (געזעגנט זיך). א טאלאנט! א באזונדערער טאלאנט!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (שטארק צופרידן. קוועטשט זיי די האנט). טאקע? אז עבירה וואס מיין יידענע איז דא ניטא. זי וואלט באטש געהערט, וואס לייט זאגן... (גיט איבער דעם טשעק צו וויגדארטשוקן. רובינטשיק קוקט אין איט אריין. וויגדארטשוק דערלאנגט דעם חבר אין זייט אריין מיטן עלנבויגן, לייגט אריין דעם טשעק צו זיך אין טייסטער אריין, ווערט באמערקבאר נערוועז, פארשפילעט זיך און קלייבט זיך געזעגענען).

וויגדאַרטשוק: מיר האָבן צוגענומען בא איַיך אַזויפיל צײַט...

רובינטשיק: און אַנגעדולדט אַ קאָפּ...

שימעלע סאַראַקער: וואָס רעדט איר? מיר האָבן דאָך עפּעס געמאַכט אַ געשעפט מיט גאָטס הילף!

וויגדאַרטשוק: און אַ גוט געשעפט דערצו!

רובינטשיק: אַ גלענצנדעס!

שימעלע סאַראַקער: הײַנט וואָס־זשע רעדט איר? ווײַבאַלד אַזוי, מוז מען פאַרן אַוועקגיין אויסטרינקען כאָטש נאָך צו גלעזעלע פון אָט דעם דאַזיקן ווישניק (גיסט אָן דרײַ גלעזלעך שטייענדיק) און צווינטשן זיך, אַז דער האַלבער מיליאָן זאָל זיך ניט לאָזן לאַנג וואַרטן און די שטאָט זאָל יוישן, וואָס הייסט עמד!... (קלינגען מיט די גלעזער, טרינקען שטייענדיק). אַצינד קאָנט איר גיין געזונטערהייט און זײַט מצליח... (וויגדאַרטשוק און רובינטשיק געזעגענען זיך העפלעך, גייען אָפּ. שימעלע באַגלייט זיי צו דער טיר. — אין אַ האַלבע מינוט קומט אַרײַן עטיע־מעניע).

עטיע־מעניע: אָט באַלד קומט אַהער ביילקע. (קוקט זיך אַרום). און וווּ זײַנען די צוויי שלים־מזלען? שוין אַוועקגעגאַנגען? און וועד האָט דיר אָנגעשריבן דאָס, וואָס מע דאַרף? צי דו האָסט דאָס אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדערש מאָל?

שימעלע סאַראַקער: וואָס פאַר אָפּלייגעכטסן? איך האָב פײַנט אָפּלייגן! בא מיר איז אומר ואוכל — אויפגעגעסן און אויסגעפרעסט! עמד!...

עטיע־מעניע: ווער־זשע האָט דיר אָנגעשריבן?

שימעלע סאַראַקער: טאָקע זיי אַליין. איך האָב געזאָגט און זיי האָבן געשריבן.

עטיע־מעניע: (אַ פּלעסק מיט די הענט). זיי האָבן געשריבן? ווער ווייס, וואָס זיי האָבן דיר דאָרטן אָנגעשריבן. האָסט ניט געקאָנט וואַרטן אויף איזאַבעלעטשקען? (אויף די ווערטער קומט אַן ביילקע).

ביילקע: איך בעט איַיך, רופט מיך ניט איזאַבעלעטשקע, רופט מיך בא מײַן אמתן נאָמען ביילקע, אַזוי ווי איך הייס!

עטיע־מעניע: שוין! אָט האָסטו דיר די אַנדערע טעג יום־טוב! מיר זײַנען דען די, וואָס מיר זײַנען געווען?

ביילקע: אָט דאָס איז טאַקע די צרה, מאַמע, וואָס מיר זײַנען ניט די, וואָס געווען. דאָס הייסט, זײַן זײַנען מיר טאַקע די אייגענע וואָס געווען, נאָר מיינען מיינען מיר, אַז מיר זײַנען ניט מיר... דעריבער טוען מיר ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, גייען ניט אַהין, ווו מע דאַרף, און נעמען אויף ניט דעם, וואָס מע דאַרף, און דער וואָס איז אונדזער גלײַכן און אונדזער אמתער פרײַנט — יענעם לאָזן מיר אין שטוב ניט אַרײַן...

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : (צום מאַן). עפּעס רעדט זי פֿאַרשטעלט, אַזוי מאָדנע, אַז מע קאָן גאָרניט פֿאַרשטיין!...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (צום ווײַב). ווי קומסטו צו פֿאַרשטיין, אַז מיר ריידן? (צו דער טאָכטער). פֿונדעסטוועגן איינס צום אַנדערן גענהער זיך ניט אַן — אַז מ'עט אונדז אײַנלאַדן צו די פֿײַנערס מיט אַ וויזיט, און ווער שמועסט, אַז זיי וועלן אַליין זײַן בײַ אונדז מיט אַ וויזיט, וועסטו מסתמא זיך ניט אָפּזאָגן מיט אונדז מיטצוגיין — בפֿרט רב אשר פֿײַן!

ב יי ל ק ע : דאָס וועלן מיר זען... מירן זיך נאָך באַטראַכטן — אָדער איכל מיטגיין, אָדער איכל ניט מיטגיין...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (אויפֿגעבראַכט). וואָס הייסט, דו וועסט ניט מיטגיין? און ווער בין איך? בין איך אַ טאַטע, צי ניין?

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : (וויל מאַכן שלום). ווייס איך וואָס, זעט נאָר אַ ביסל! איידער מע האָט געכאַפּט דעם בער, קריגט מען זיך שוין פֿאַר דער פֿעל... די פֿײַנערס זײַנען זיך נאָך דערווײַל בײַ אונדז ניט געווען, און אונדז האָט מען נאָך ניט גערופֿן, און צו טעלער ברעכן איז נאָך ווײַט...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (נאָך מער אין כעס). מזל טוב! אַט איז זי אויך דאָ! (צום ווײַב). ווער בעט דיך פֿאַר אַ רודף־שלומניצע? (צו דער טאָכטער). מיר וועלן זיך מיט דיר ניט קריגן, ווי מיר האָבן זיך ניט געקריגט ביז אַהער קיינמאָל... מיר, עמך, ווייסן, אַז מיט גוטן מאַכט מען תמיד בעסער ווי מיט בייזן... דו זאָג מיר, טאָכטער, וואָס איז מיט דיר דער מער, וואָס זינט גאָט האָט באַגליקט מיטן גרויסן געווינס, זע איך ניט, דו זאָלסט זײַן צופֿרידן, אויפֿגעלייגט, גליקלעך, עפּעס גלײַך ווי גאָרנישט איך האָב אויסגענומען דעם הויפּט־טרעפֿער...

ב יי ל ק ע : וואָס האָסטו געוואָלט? איך זאָל טאַנצן אין די גאַסן?...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : ווער זאָגט דען טאַנצן אין די גאַסן?... איך מיין, דו וואָלסט באַדאַרפֿט עפּעס אַזוי... (ווײַזט מיט די הענט). עפּעס לעבן... עפּעס, עפּעס — עמך...

ב יי ל ק ע : איכל דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת, טאַטע. אַז דו צווינגסט מיך, איך זאָל דיר זאָגן, וועל איך דיר זאָגן... עס גייט מיר ניט אײַן... ס'איז מיר קיין זאַך ניט ליב... קיין זאַך ניט טײַער... אַלצ־דינג איבער נויט... יעדע זאַך מיט גוואַלד... דעם, וואָס איך וויל זען, קאָן איך ניט... דעם, וואָס איך זע, וויל איך ניט... איך קאָן מײַן האַרץ ניט עפֿענען, וואָרעם אירט מיך ניט פֿאַרשטיין... איר ווילט מיך ניט פֿאַרשטיין און קאָנט מיך ניט פֿאַרשטיין, וואָרעם דאָס גרויסע געווינס האָט אײַך אַזוי דעם קאָפּ פֿאַרדרייט, אַז איר זעט ניט די וועלט פֿאַר זיך... וואָס איז ווײַס זעט אײַך אויס שוואַרץ, און וואָס שוואַרץ זעט אײַך אויס ווײַס...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : קומט אוים, אז ס'איז גאר אן אומגליק, וואס איך האב אויסגעגומען דאס גרויסע געווינס?...

ב יי ל ק ע : פאר װעמען ס'א גליק, פאר װעמען אן אומגליק... אייער גליק איז מײן אומגליק... (במעט דורך טרערן).

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (כאזורט איבער אירע ווערטער). אונדזער גליק איז איר אומגליק... (צום ווײַב). וואס זאגסטו דערויף? פארשטייסט עפעס א ווארט?

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : (צום מאן). דו זאגסט דאך, אז נאר איך פארשטיי נים, און אז דו פארשטייסט אלצדינג... דאס זאגט זי דיר, זי גיט דיר אנצוהערעניש, אז זי וויל נים מיטגיין צו די גבירים — זי האט זיי פײַנט...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (חזרט איבער אירע ווערטער). דו? און א י ך זאג אנדערש! (העכערט מיט א טאן). איך, אז איך זאג גיין — גיים מען! (א זעץ אין טיש). עמדן!... שער און אײַזן!...

ב יי ל ק ע : (כאפט זיך באם קאפ). אומגליקלעכע וואס איך בין! (אנטלויפט).

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : נו? צו וואס האסטו עס באדארפט? צע־רייצט א קינד...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (כאפט זיך אויף ווי אן אפגע־בריטער). פעטי־מעטי! ברענג מיך נים אריין אין כעס!...

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : זאג מיר נאר, וואס סטראשעסטו מיך מיט דײַן כעס?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : דרך־ארץ! האלט ס'מויל! דאכט זיך, דו ווייסט, ווער איך בין? עמדן!...

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : זע נאר, ווער עס האלט זיך גרוים! נאדל־פאדעם האט דיר געלאזט גריכן!...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : (אויסער זיך). מיר זאגסטו אזעל־כע ווערטער?! מיר?! וואס א יעדער נעמט אראפ דאס היטל, אז איך גיי אין גאס?!

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : יעדער, נאר נים איך. בא זיך ביסטו אפשר א פריץ, בא מיר — א שנײַדער א פאלגוע!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : שווײַג, דו צרה, ווארעם איך וועל דיר ווײַזן, ווער איך בין!

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : ווער די כפרה — דו קאנסט דאס גים דערלעבן!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : טפו זאלסטו ווערן!

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : טפו זאלסטו ווערן! (עס עפנט זיך די טיר און עס באווײַזט זיך מענדל דער לאקיי).

מ ע נ ד ל ד ע ר ל א ק יי : (קיײט). איך זאל ווארטן אף אײַך געסט.

שימעלע סאראקער: (א כאַפּ אויף). געסט?
עטיע־מעניע: וואסערע געסט?
מענדל דער לאקיי: דער הער פּיַין, די מאדאם פּיַין...
שימעלע סאראקער: (מיט אמאל אויסגעניכטערט זיך). וואס־זשע שוויַיגסטו? (צום וויַיב). ערנעסטינע יעפּימעוונע! הייס שטעלן דעם סאמאוואר! הייס דערלאנגען ווישניק און וויַין און איַינגעמאכטס, אלערליי איַינגעמאכטס!... (וויל זיך לאזן גיין).
עטיע־מעניע: (שלעפּט דעם מאן צוריק). וואוהין פּליסטו? אין א כאלאט ווילסטו אויפנעמען אזעלכע געסט? (צום לאקיי). וואס שטייסטו, ווי א ליימענער גולם? זעסט דאך, דער באלעבאס גייט אין כאלאט. טראג אים אריַין אהער די קאפּאטע! (מענדל אפּ). און איך וועל דערוויַיל גיין אויפנעמען די געסט. (מאכט זיך צורעכט אקעגן שפּיגל. גייט אפּ. — מענדל דער לאקיי ברענגט א שווארצן סורדוט. סוס אן דעם באלעבאס. שימעלע פארשפּילעט זיך אף אלע קנעפּלעך, בייגט זיך און נייגט זיך, מאכט א רעפּעטיציע, וויאזוי ער וועט אריַינקומען און פאר־שטעלן זיך פאר די געהויבענע געסט. הינטער זיַינע פּלייצעס מאכט אים מענדל נאך מיט אלע פּישטשעווקעס. מיט ברייטע טריט לאזט זיך שי־מעלע סאראקער צו דער טיר. מיט די זעלבע טריט גייט נאך מענדל. — דער פארהאנג פאלט).

סוף פונעם צווייטן אקט.

# דריטער אַקט

## ע ר ש ט ב י ל ד

אַ פֿאָדער־צימער פֿאַרצוויגן מיט אַ צווייטן פֿאַרהאַנג, אַזוי אַז ווי נאָר דאָס ערשטע בילד איז צום סוף, הייבט זיך באַלד אויף דער צווייטער פֿאַרהאַנג, און דאָס צווייטע בילד פֿון דריטן אַקט קען אַנהייבן צו גיין זײַן וועג גלײַך, אָן אַנטראַקט. — דאָס פֿאָדער־צימער דאַרף זײַן לאַנג נענוג, אַנטהאַלט אַ טישל מיט אַ שפּיגל, אַ הענ־גער און אַ קאַרב אַף שטעקלעך מיט שירעמס. אַ וואַנטזייגער און אַ פּאָר שטולן פֿון שטרוי. אַפֿן פֿאַרהאַנג אַ צוגעמאַכטע טיר, געמאָלט. איינער אָדער צוויי אַרײַנגאַנגס פֿון די זײַטן. — בײַ דער אויסגעמאָלטער טיר שטייט מ ע נ ד ל ד ע ר מ ש ר ת. לעבן אים, אין אַ פּאָזע פֿון אונטערטעניקייט, שטייען ביידע שנײַדער־יונגען, מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י און ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן, ווישן זיך דעם שוויים, רינגען זיך מיט מענדל דעם לאַקיי, וואָס האַלט די הענט אין די קעשענעס, קײַט און זעט אויס, ווי אַ מענטש, וואָס האָט אַ סך צו זאָגן

מ ע נ ד ל : ווי איר זעט מיך אַ שווימענדיקן, בײַ אַן אַנדערן וואָלט איך ניט גענומען פֿאַר אַזאַ זאַך — איר זאָלט מיר אָנשיטן אַט די שטוב מיט גאָלד. און ערשט נאָכדעם וואָלט איך אים געגעבן דעם וועג. וואָרעם... וואָרעם איר ווייסט גאָרניט, וואָס פֿאַר אַ שטרענגער באַ־לעבאָס דאָס איז! (ביידע יונגען איבערראַשט).

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : שימעלע סאָראָקער אַ שטרענגער באַלע־באָס? איר טרײַבט קאַטאָוועס!

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : איר מאַכט פֿון אונדז חוזק!

מ ע נ ד ל ד ע ר ל אַ ק י י : חוזק? לאָז יענעם אויסוואַקסן אַ חוזק אַף דער נאָז! ער האָט מיר אָנגעזאָגט אפֿשר טויזנט מאָל, אַז אַ ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, וואָס גייט ניט רײַך אָנגעטאָן, זאָל ניט אַריבערטרעטן די שוועל... און טאָמער אַ בעל־מלאכה, למשל, אַ שנײַדער — זאָל איך אים טרײַבן האַלדז אין נאַקן! (ביידע יונגען שטוינען).

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : (צום חבר). וואָס זאָגסטו דערויף? וואָלסט זיך געגלויבט, אַ שטייגער?

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : אַ מענטש בײַט זיך, באַקומט מען געלט, ווערט מען אַ בורזשוק גלײַך מיט אַלע בורזשוקעס.

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : (נעמט אַרויס דאָס בײַטעלע, קראַצט אַרויס אַ מטבע. גיט איבער דעם לאַקיי). נאָט אײַך, לאָז שוין זײַן, ווי איר זאָגט...

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : אַבי גייט און רופֿט זי אַרויס אַהערצו.

מ ע נ ד ל ד ע ר ל א ק י י : (באטראכט די מסבה, באזונדערס אין קעשעניע). איז וועמען, זאגט איר, זאל איך ארויסרופן? נאר זי, די בארישני, הייסט עס, צי...?

מ א ט ל ק א ס א י : נאר זי. נאר זי.

ק א פ ל פ א ל ב א ן : קיין אנדערן דארף מען ניט!

מ ע נ ד ל ד ע ר ל א ק י י : און וואס זאל איך איר זאגן?

מ א ט ל ק א ס א י : זאגט איר, אז צוויי בחורים ווארטן אף איר, דארפן איר זאגן נאר צוויי ווערטער.

ק א פ ל פ א ל ב א ן : ניט גלאט בחורים, נאר בחורים, וואס האבן געארבעט מיט איר דריי יאר בא איין טיש.

מ ע נ ד ל ד ע ר ל א ק י י : (קוקט, באטראכט זיך). ניין, בחורים אליין טויג ניט. מאלע וואספארע בחורים ס'איז דא אף דער וועלט! מע דארף האבן נעמען! נעמען דארף מען!

מ א ט ל ק א ס א י : וויבאלד אזוי, טא זאגט איר: מאטל קאסאי און קאפל פאלבאן דארפן איך זען.

ק א פ ל פ א ל ב א ן : אף צוויי ווערטער, ניט מער.

מ ע נ ד ל ד ע ר ל א ק י י : (חזרט). מאטל פאלבאן און קאפל קאסאי, מאטל פאלבאן און קאפל קאסאי.

מ א ט ל ק א ס א י : (פאריכט אים). ניט מאטל פאלבאן און קאפל קאסאי, נאר פארקערט.

ק א פ ל פ א ל ב א ן : מאטל קאסאי און קאפל פאלבאן.

מ ע נ ד ל ד ע ר ל א ק י י : אהא! און דאס ווארט „בחורים" מוז געזאגט ווערן נעפרעמעננא? (ביידע בחורים הייבן אן צו ווערן נערוועז).

מ א ט ל ק א ס א י : דערווייל גייט דאך בא איך אוועק די צייט.

ק א פ ל פ א ל ב א ן : און עס קאן אנקומען ער אליין...

מ ע נ ד ל ד ע ר ל א ק י י : פאר אים האט קיין מורא ניט — ער איז גאר ניטא אינדערהיים. געגאנגען שפאצירן, געמאכט א געשעפט, א גוואלדאווגע געשעפט! אוועקגעקויפט אלע טרעיאטערס, וואס אין שטאט! אלע טרעיאטערס וועלן שוין איצט זיין אונדזערע... אז איר וועט וועלן גיין אין טרעיאטער, דארפט איר פריער אנקומען צו אונדז. (ביידע בחורים קוקן זיך איבער). און מיר, אז מירן וועלן, וועלן מיר אייך אריינלאזן, און אז מירן ניט וועלן, וועט איר א ברירה האבן שטיין אין דרויסן. איר שפילט זיך מיט אונדז? (זעט, אז די בחורים ווערן ניט נתפעל פון דעם, פרגוועט ער ווייטער). דאס ווייסט איר, אז מיר זיינען רייכער פון די פיינערס? זיי שלאגן אונדז אפ די טירן... פריער האבן זיי געשיקט צו אונדז דעם שדכן דריי מאל א טאג... דערנאך זיינען זיי אליין געקומען... אלע צוליבן שידוך... זיי גייען אויס... זיי זיינען נאר די כפרה נאך אונ־

דזשער באַרישני! און זייער בגאַק — ביז אַהער! (ווײַזט אָפּ די אויערן). נעמט אײַן אַ מיתה משונה! און זי אין אים — אויך פאַרכליאַפּעט.

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : פאַרליבט?

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : שוין לאַנג? פון ווען אָן?

מ ע נ ד ל ד ע ר ל אַ ק יי : פון ווען אָן — ווייס איך ניט. נאָר ס'איז טאָג ווי נאַכט בײַ זיי קוצעניו־מוצעניו, אָדער ער צו איר, אָדער זי צו אים, און נאָר געקאַצקעט זיך, און נאָר געסמאַצקעט זיך... איז ווי־אַזוי זאָל איך איר זאָגן? צוויי בחורים — קאַטל פּאַסאַי, מאַפּל פּאַלבאַן? טפו! איך האָב מיך פאַרפּלאָנטעט איבער אײַך! אַז איר דרייט מיר אַ מוח!...

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : זאָגט ניט קיין נעמען; זאָגט נאָר „צוויי בחורים" — און אַ סוף!

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : אַבי אָן עס זאָל עס האָבן!

מ ע נ ד ל ד ע ר ל אַ ק יי : בײַ מיר האָט איר געפּועלט. איך גיי. נאָר טאַמער מאַכט זיך, עס קומט אָן אַהער די כאַליערע...

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : וואָסער כאַליערע?

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : ער מיינט אוודאי עטיע־מעניען?

מ ע נ ד ל ד ע ר ל אַ ק יי : וואָסער עטיע־מעניע? עטיע־מעניע פאַרגעסט! זי הייסט שוין ניט עטיע־מעניע, נאָר ערנעסטינע יעפּימאָווגע. (גייט און קערט זיך אום צוריק). זיצט דערווײַל טאַ־אַ־דאַ־אַ, אָדער אַט־אַ־דאַ. (באַזעצט זיי, גייט און קײַט און חזרט). מאַקל פּאַסאַי, פּאַטל פּאַל־באַן, קאַטל פּאַסאַי, מאַפּל פּאַלבאַן... (אָפּ. ביידע שנײַדער־יונגען זעצן זיך אויפן פאָדזיכסטיק אויף די שטרויענע שטולן, ריידן צורישן זיך שטיל).

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : אַ מאָדנע לאַקיי!

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : עפּעס אַ חושים! (פּויזע).

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : ווער וועט אָנהייבן פריִער, איך צי דו?

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : הייב דו אָן פריִער, דערנאָך וועל איך.

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : ס'וועט קומען צו עפּעס, וועסטו אויס־כאַפּן פריִער.

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : איך וועל ניט כאַפּן. פון וואָס ווילסטו אָנהייבן?

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : איך וועל אָנהייבן אַזוי... (שטייט אויף, הוסט זיך אויס, רעפּעטירט מיט אַ ציטערדיקער שטימע). „דאָס, וואָס מיר זײַנען געקומען, ביילקע, דאָס, וואָס ס'האָט אונדז געבראַכט אַהער, נעהער זיך ניט אָן מיט קיינעם"...

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : „נאָר מיט אײַך אַליין".

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : (צום חבר). נו, דו ווילסט ריידן, רייד דו! (זעצט זיך אַוועק).

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : ניין, רייד דו, רייד!

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : וואָס־זשע שלאָגסטו מיך איבער? (שטייט

אויף, הוסט זיך אויס, לייגט אַוועק די האַנט אַפֿן האַרצן, רעפּעטירט ווײַטער). „דאַ האַנדלט זיך נאָר וועגן אײַך, ביילקע, וועגן אײַער גליק, וועגן אײַער גורל אַפֿן גאַנצן לעבן. ס'איז ניט אונדזער עסק זיך אַרײַנ־מישן אין פֿרעמדע געשעפֿטן — מיר ווייסן דאָס. נאָר מיר האָבן זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן מער, ווײַל מיר זײַנען געוווירע געוואָרן, אַז איר פֿאַרבינדט זיך, אָדער אַנדערע פֿאַרבינדן אײַך אַפֿן גאַנצן לעבן מיט אַ מענטשן, וואָס איז אײַך ניט ווערט... ניט ווערט צו זײַן מיט אײַך אונטער איין דאַך, צו עטעמען מיט אײַך איין לופֿט..."

קאַפּל פּאַלבאַן: גוט געזאָגט!... און אַז זי וועט דיך אַ פֿרעג טאָן: אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד?

מאָטל קאַסאַי: וועל איך איר זאָגן דעם גאַנצן אמת, אַזוי ווי מיר האָבן זי ביידע ליב שוין פֿון ווייס איך ווען אָן, מיר גייען אויס...

קאַפּל פּאַלבאַן: מיט לײַב און לעבן! (הערט זיך צו מיט איין אויער). שאַ! מיר דאַכט, זי גייט...

מאָטל קאַסאַי: (הערט זיך צו). ווער? ביילקע? (פֿאַר־שפּילעט זיך אַף אַלע קנעפּלעך, גרייט אַרויסצוטרעטן, הוסט זיך אויס. — עס קומט אַן ביילקע. די יונגען גייען אַקעגן).

ביילקע: (ציט זיי אויס ביידע הענט). גוט, וואָס איר זײַט געקומען! גאָט אַליין האָט אײַך געבראַכט!... ווו זײַט איר געווען ביז אַהער? כ'האָב שוין אַלע אויגן אַרויסגעקוקט אַף אײַך! איך האָב שוין פֿאַרלוירן די האָפֿענונג...

מאָטל: וואָס ווייסט איר, ביילקע, נשמהניו, די צרות וואָס מיר האָבן?

קאַפּל: מע לאָזט דען צו צו אײַך?

ביילקע: ווער?

מאָטל: אָט דער שומר ישראל אײַערער!

ביילקע: אַך! וואָס ווייסט איר, וואָס פֿאַר אַ שטוב ס'איז גע־וואָרן! און מײַנע צרות האָבן דען אַ שיעור?!

מאָטל: מיר שלאָגן זיך צו אײַך שוין פֿון ווייס איך ווען, שלאָגן מיר זיך...

קאַפּל: ווי דורך אײַזערנע טויערן...

מאָטל: (צו קאַפּלען). שלאָג־זשע מיר ניט איבער! (קאַפּל ווערט אַנטשוויגן). מיר האָבן אײַך געוואָלט זאָגן... איר ווייסט ניט, ווי־אַזוי איר זײַט אונדז טײַער, אונדז אײַנגעבאַקן אין האַרצן!...

קאַפּל: ווי אַ שוועסטער! ווי אַן אייגענע שוועסטער!

ביילקע: ניט דאָס... ניין... ניט איצט איז די צײַט דערויף... איצט דאַרף מען מיך ראַטעווען.

מאָטל: מיר זײַנען גרייט פֿאַר אײַך אַף אַלצדינגס!

קאַפּל: אין פֿײַער און אין וואַסער!...

ביילקע: אָט, אָט, אָט! אָט דאָס איז דער עיקר! איר דאַרפֿט

מיר העלפֿן זיך ראַטעווען פֿון דאַנען, אַרויסראַטעווען פֿון דער דאָזיקער שטוב! איר ווייסט ניט, וואָס פֿאַר אַ שטוב ס'איז געוואָרן! און וואָס פֿאַר אַ מענטש דער טאַטע איז געוואָרן! זינט ער האָט אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס, איז אים ניט צו דערקענען! איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען אַזוי אין כעס... איצט — אַ מינדסטע זאַך, ווערט ער אויפֿגערעגט מיט סכנות! לאָזט קיין וואָרט ניט רײדן! קיין קאָפּ ניט אויפֿהייבן! און דער עיקר — ער וויל מיך פֿאַרשלײַערן פֿאַר אַט־אָ־דעם־אָ... (פֿאַרשטעלט זיך).

מ אַ ט ל : מיר ווייסן! מיר האָבן שוין געהערט! מיר ווייסן אַלצדינג!...

ק אַ פּ ל : אַט דער בורזשוק! — ניט דערלעבן זאָל ער!...

ב יי ל ק ע : ער איז דאָ געווען ניט לאַנג... זיי זײַנען דאָ אַלע געווען... געבעטן אונדז צו זיך... צוגעזאָגט, אַז מירן זײַן... האָב איך אָבער געזאָגט דערנאָך, אַז איכל ניט זײַן — האָט דער טאַטע אונדז אָפּגעשפּילט אַ וויוואַט — ס'איז געווען אַלצדינג: געשרייען, און טרערן, און וואָס איר ווילט... נאָר איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט אײנמאָל פֿאַר אַלעמאָל — ניין, און ניין, און ניין! וואָס בין איך? עפּעס אַ קוקלע, וואָס איכל זיך לאָזן קויפֿן, צי פֿאַרקויפֿן?...

מ אַ ט ל א ו ן ק אַ פּ ל : (ביידע). גערעכט!... זייער גערעכט!

ב יי ל ק ע : איך וועל ניט גיין! — איך וועל ניט גיין אין ערגעץ!... איכל אַנטלויפֿן פֿון זיי! איכל לויפֿן אין דער וועלט אַרײַן — וווּהין די אויגן וועלן מיך טראָגן! דעם דריטן טאָג אַ שטיקל ברויט — אַבי ניט... (פֿאַרשטעלט זיך מיט ביידע הענט דאָס פּנים, וויינט שטיל).

מ אַ ט ל : ביילקע! נשמהניו! האַרצעניו! וויינט ניט! מירן אײַך העלפֿן!

ק אַ פּ ל : אין פֿײַער און אין וואַסער!

ב יי ל ק ע : (אויפֿגעלעבט). וועט איר מיר העלפֿן? איך האָב גע־ווּנסט, אַז איר וועט מיר קומען צו הילף!... איך וויל זיי אַנלערנען!... טאַטע מײַן טאַטן מיט מײַן מאַמען וויל איך אַנלערנען!... איך וויל זיי אָנשרעקן! מאַכן אַ סקאַנדאַל!... אַנטלויפֿן! אין מיטן נאַכט אַנטלויפֿן!... ניט ווײַט, אין דער צווייטער שטאָט, אין דער ערשטער סטאַנציע — נאָר אַנטלויפֿן!... אוי, וועלן זיי זיך איבערשרעקן! אוי, וועלן זיי מיך זוכן! דעמאָלט וועל איך אויספֿירן אַלץ, וואָס איכל וועלן!...

מ אַ ט ל : אוי, לעבן זאָלט איר, ביילקע, וואָס פֿאַר אַ חכמה איר זײַט!

ק אַ פּ ל : קלוג ווי די וועלט!

ב יי ל ק ע : וועט איר מיר העלפֿן לויפֿן?

מ אַ ט ל א ו ן ק אַ פּ ל : ווען?

ב יי ל ק ע : כאָטש אַפֿילו הײַנטיקע נאַכט!... זיי וועלן אַוועקגיין אַהין, איך וועל בלײַבן אַליין... וועט איר זײַן גרייט אַט דאָ אונטער מײַן

פֿענצטער (ווײַזט מיט דער האַנט). איר דאַרפֿט צוגרייטן אַ פֿור... און איר דאַרפֿט דאָך געלט. (נעמט זיך צו דער קעשענע).

מאָטל און קאַפּל: (ביידע). וואָס געלט? ווער געלט? מע דאַרף ניט — מיר האָבן געלט!...

ביילקע: געדענקט־זשע, ווי באַלד זיי גייען אַוועק, עפֿן איך דאָס פֿענצטער... אוי, די מאַמע גייט! (טוט זיך אַ וואָרף אין איין זײַט. פֿון דער אַנדערער זײַט קומט אַן עטיע־מעניע. ביידע בחורים בלײַבן ווי געליימט).

עטיע־מעניע: (באַטראַכט זיי). זע נאָר! קאַפּל? מאָטל? אוודאי צו מײַן מאַן? וואָס־זשע מאַכט איר? באַ וועמען אַרבעט איר? פֿאַרוואָס זיצט איר ניט? ממה נפֿשך, אַז איר זײַט שוין דאָ, מעגט איר זיך צוזעצן אַף אַ ווײַלע... איר ווילט זען מײַן מאַן? הײַנט קאָנט איר אים ניט זען... מאָרגן אויך ניט... איבערמאָרגן אויך ניט... מחמת ער איז תּמיד זייער באַשעפֿטיקט. ער האָט געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט אַ גאַנ־צער קאָמפּאַניע דאָרטן... אַ געשעפֿט. אַ גרויס געשעפֿט. זייער אַ גרויס געשעפֿט!...

מאָטל קאָמאַי: יאָ, מיר ווייסן.

קאַפּל פּאַלבאַן: מיר האָבן שוין געהערט.

עטיע־מעניע: וואָס האָט איר געהערט?

מאָטל קאָמאַי: אַז רב שמעון האָבן געמאַכט אַ גרויס געשעפֿט.

קאַפּל פּאַלבאַן: אַוועקגעקויפֿט די גאַנצע שטאָט.

מאָטל קאָמאַי: מיט אַלע טעאַטערס.

קאַפּל פּאַלבאַן: און מיט אַלע האָטעלן...

עטיע־מעניע: (איבעראַשט). ווער האָט דאָס אײַך געזאָגט?

מאָטל קאָמאַי: אַלע זאָגן!

קאַפּל פּאַלבאַן: די גאַנצע שטאָט!

מאָטל קאָמאַי: פֿון איין עק ביז אַנדערן.

קאַפּל פּאַלבאַן: עס קאָכט, ווי אַ קעסל!

עטיע־מעניע: קאָכן זאָל זיי אין האַרצן און אין בויך! פֿון וואַנען ווייסן זיי שוין אַזוי גיך? אַפּנים, דער שדכן האָט צעפּויקט — אַט אַ לאַנגע צונג!... איז קאָנט איר אים, מײַן מאַן, הייסט עס׳ איצ־טער ניט זען. נאָר אויב איר דאַרפֿט אים שטאַרק האָבן, קאָנט איר זאָגן מיר.

מאָטל קאָמאַי: מיר דאַרפֿן גאָרנישט ניט.

קאַפּל פּאַלבאַן: מיר זײַנען אַרײַנגעקומען גלאַט אַזוי.

עטיע־מעניע: צוגאַסט, הייסט עס? מהכתיתי. זייער שיין פֿון אײַך. אַנקוקן קאָן איך ניט אָט־אָ־יענע־אָ, די קבצנים, די שלעפּערס, גאָט זאָל ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד, וואָס וויפֿל מע גיט זיי־און וויפֿל מע טוט זיי, איז זיי קאַרג, ווי אין אַ לעכעריקן זאַק... האָט איר, הייסט

עס׳ אַלצדינג? עס טוט מיר הנאה! און ס׳איז זייער פֿײַן פֿון אײַך, וואָס איר פֿאַרגעסט ניט אײַערע אַלטע באַלעבאַטים. קומט אַרײַן אַמאָל. ווייסט איר ווען? אים ירצה שם, יום־טוב... (ביידע בחורים קוקן זיך איבער, שטייען אויף). דעמאָלט וועט מײַן מאַן זײַן פֿרײַ... נאָר איר זאָלט ניט ריידן מיט אים פֿון דעם, וואָס ס׳איז געווען אַמאָל. ס׳איז אים ניט אײַנ־גענעמען... איר פֿאַרשטייט דאָך, קיין פֿינגער אין מויל דאַרף מען אײַך ניט אַרײַנלייגן — אירט אים אָפּבײַסן... (די בחורים רוקן זיך מיטן היטעל צו דער טיר. ווישן זיך דעם שווייס). גייט געזונטערהייט און זײַט געזונט. גדענקט־זשע, למען השם, יום־טוב, אם ירצה שם, וועט איר זײַן אָנגעלייגטע געסט. איך וועל אײַך מכבד זײַן מיט ווישניק און מיט אײַנגעמאַכטס... גייט געזונט. זײַט געזונט! (טעיע־מעניע גייט אָפּ רעכטס. די שנײַדער־יונגען נעמען זיך ליגקס און אַקוראַט באַם אַרויסגאַנג באַגע־גענען זיי זיך מיט שימעלע סאַראַקער, וואָס קומט אַן פֿון גאַס מיטן אויבעראַק און מיטן שטעקל).

שימעלע סאַראַקער: אַ! ברוך הבא, געסט! וואָס טוט איר דאָ אין מיטן מיטוואָך שבת־צו־נאַכטס? און פֿאַרוואָס זעט מען אײַך ניט די גאַנצע צײַט? וואָס באַהאַלט איר זיך? עמך — אונדזער פֿאָלק׳ שער און אײַזן...

מאָטל קאָסאָי: צו אײַך צוטרעטן איצט איז ווי צו אַ קייסער! מיר זײַנען דאָ געווען וויפֿל מאָל, לאָזט ער אונדז ניט צו.

שימעלע סאַראַקער: ווער?

קאָפּל פֿאַלבאַן: אָט דער בײַנברעכער, דער משרת.

שימעלע סאַראַקער: וואָס הערכט איר אים? איר גייט גלײַך! איר זײַט דאָך פֿון מײַנע לײַט — עמך!...

מאָטל קאָסאָי: און ער זאָגט, אַז איר האָט אים אָנגע־זאָגט, אַז טאָמער קומט צו גיין אַ שנײַדער, זאָל מען אים געבן האַלדז אין נאַקן...

קאָפּל פֿאַלבאַן: בשם אלקי ישראל — צו אַלדע שוואַר־צע יאָר!

שימעלע סאַראַקער: (אויסער זיך). איך האָב אַזוי געזאָגט? איך? (כאַפּט דאָס גלעקל און קלינגט ווי אָף אַ שרפֿה. עס קומט צולויפֿן ניט טויט און ניט לעבעדיק טעיע־מעניע).

טעיע־מעניע: ווער קלינגט דאָס? (דערזעט די בחורים). איר זײַט נאָך דאָ? (די יונגען ווילן זיך אַרויסרוקן. שימעלע האַלט זיי צו).

שימעלע סאַראַקער: דאָס האָב איך געקלונגען... וווּ איז ערגעץ, דער שיינער לאַקיי, דער לץ, דער שמינדער בגץ?...

טעיע־מעניע: וואָס איז דען? וואָס דאַרפֿסטו אים?

שימעלע סאַראַקער: דאַרפֿן דאַרף איך אים אָף טיש־טשע כפּרות! איך האָב אים נאָר געוואָלט געבן אַ וויסטן, אַ פֿינצטערן סוף — ער זאָל מיר אויפֿהערן טרײַבן מענטשן פֿון שטוב! (צו די יונגען).

וואָס־זשע מאַכט איר עפּעס גוטס? שוין לאַנג פאַרבענקט זיך נאָך אײַך... פאַרט געאַרבעט באַ איין וואַרשטעק אַזאַ צײַט... קומט אַרײַן, וועלן מיר אַ ביסל זיצן, שמועסן' נעמען צו קאַפּלעך, עמד...

עטיע־מעניע: משוגע מײַנע שונאים! ווער וועט דיך לאָזן אַציגדערטאַ אַפילו אַ טראָפּן צו די ליפּן? האָסט פאַרגעסן, אַז אַט באַדאַרפן מיר גרייטן זיך צו אַזאַ וויזיט?... (אַ קוק אָפּן זייגער). און ס'איז טאַקע צײַט אַנהייבן אַנצוטאָן זיך... מאַטל און קאַפּל וועלן קיין פאַראיבל ניט האָבן — זיי זײַנען היימישע מענטשן — זיי וועלן בעסער אַרײַנקומען אַן אַנדערש מאָל...

מאַטל און קאַפּל: (צופרידן, ביידע אינאייינעם). בעסער אַן אַנדערש מאָל.

שימעלע סאַראַקער: (ציט זיי אויס די האַנט). פאַרגעסט־זשע ניט דעם זײַ־געזונט און קומט אַרײַן שבת... נאָר גייט גלײַך. פּרעגט ניט קיינעם. קוקט ניט אַף דעם גיהנום־שמש, וואָס באַ דער טיר. אַז ער וועט אײַך ניט צולאָזן, זאָלט איר אים ווײַזן, ווער איז עמד!...
(ביידע יונגען אָפּ אין איין זײַט. שימעלע אָפּ אין דער צווייטער זײַט. עטיע־מעניע קלינגט אין גלעקל. עס קומט אַרויס יוכבד די מויד).

עטיע־מעניע: אַט־דאָ־אָ, זעסטו, גיי, ברענג די באַרשט, קער אויס, רוים אויף און מאַך, ס'זאָל זײַן ריין.

יוכבד די מויד: (קוקט זיך אײַן). אַווו? דאָ איז, דאַכט זיך' געגנוג ריין! וואָס זאָל איך דאָ קערן? וואָס זאָל איך רוימען?

עטיע־מעניע: מויד! מע זאָגט דיר, זאָלסט רייניקן — דאַרפסטו רייניקן! האָסט דאָך געזען צוויי שלים־מזלען זײַנען דאָ נאָר־וואָס געזעסן, אַנגעפּאַסקודעט מיט זייערע שטיוואַלעס — שטעלט זי זיך אַוועקט פרעגן שאלות ווו און וואָס! (די מויד קנייטשט מיט די פּלייצעס, גייט אָפּ. עס קומט אַן ביילקע, דעם קאָפּ פאַרבונדן מיט אַ ווײַסע פּאַטשיילע).

ביילקע: (האַלט זיך באַם קאָפּ). וואָס איז דאָ פאַר אַ קלינקערײַ?

עטיע־מעניע: דאָס האָב איך גערופן די מויד אַהער... (אומרויִק). וואָס האַלטסטו זיך באַם קאָפּ, טאָכטער?

ביילקע: גאָרניט, ס'וועט איבערגיין!...

עטיע־מעניע: (נאָך מער אומרויִק). פילסטו ניט קיין פיבער, חס וחלילה? אַ קעלט אין לײַב?

ביילקע: קיין פיבער ניט, נאָר אַזוי אַ ביסל קאַלט...

עטיע־מעניע: פילסטו ניט, ס'זאָל דיר ברעכן דיביינער? אָדער ס'זאָל חלילה שטעכן אין אַ זײַט?

ביילקע: די ביינער זאָלן ברעכן — דאָס ניט. נאָר אין דער זײַט שטעכט אַ ביסל...

עטיע־מעניע: (פאַרברעכט די הענט). ווי איז מיר —

ס'איז די פלענציע! (עס קומט ארויס פון שטוב שימעלע מיט א ווייס העמד אריבער די הויזן, האלט זיך באם קאלנער).

שימעלע סאראקער: (דעם קאפ ארויף, זעט ניט די טאכטער). עטיע־מעניע — טפו! מיין איך ערנעסטינע יעפימעווונע! ווו ביסטו? וואס פאר א מין העמד האסטו מיר צוגעגרייט? מיט א קאלנער אף דערוואַרגן צו ווערן? עס שפּארן מיר ארויס די אויגן פון קאפ! כאטש טו זיך אן א מעשה! כאטש שריַי עמד!

עטיע־מעניע: גיי, טו אויס, וועל איך דיר געבן אן אנ־דער העמד. וואס דארף מען שריַיען?

שימעלע סאראקער: (האלט זיך באם האלדז). דיר איז גרינג צו זאגן אן אנדער העמד! ניט אהין' ניט אהער — א ריינער עמד!...(דערזעט די טאכטער). וואס איז דאס? דעם קאפ פארבונדן?

עטיע־מעניע: דאס קינד איז ניט געזונט. זי האט פלענ־ציע...

בײלקע: צו דער אינפלוענציע איז נאך וויַיט... א ביסל נים געזונט...

שימעלע סאראקער: (פארגעסט אין קאלנער). וואס־זשע שוויַיגט מען? פארוואס לייגסטו זיך ניט צו? לאז מען שיקן נאכן דאקטער! (קלינגט).

בײלקע: צו וואס? מע דארף ניט. ס'וועט איבערגיין אזוי... איך וועל זיך צולייגן — טאמער וועל איך זיך איבערשלאפן... מיך נים וועקן...

עטיע־מעניע: לייג דיך צו, שלאף געזונט, מ'עט דיך נים וועקן... (ביילקע אפּ).

שימעלע סאראקער: (באומרויקט צום וויַיב). אפשר וואלטן מיר פארט געשיקט נאכן דאקטער? (עס קומט אן מענדל). גיי, מענדל, טו א שפרונג אף איין פוס, ברענג אהער דעם דאקטער.

עטיע־מעניע: לאז שוין זיַין שפּעטער, אז מירן קומען פונעם וויזיט, איצטער לאז זי בעסער שלאפן... (צו מענדלען). מע דארף ניט רופן דעם דאקטער. (מענדל בלייַבט שטיין).

שימעלע סאראקער: טאמער וואלטן מיר אפגעלייגט דעם וויזיט אף אן אנדערס מאל?

עטיע־מעניע: בא מיר האסטו געפועלט. איך דארף דעם וויזיט אינגאנצן אף כפרות...

שימעלע סאראקער: וואס הייסט? נו, און דער שידוך? געהארעוועט, געשלאגן זיך קאפ אן וואנט, געאקערט מיט דער נאז די ערד, געקומען צום רעכטן שפּיץ, לאזט זיך אויס עמד!...

עטיע־מעניע: וויבאלד אזוי, גיי־זשע טו זיך אן! (עס קומט אן יוכבד די חויד מיט א בארשט' מיט א פלעדערוויש און מיט

אַ נאַסע שמאַטע). זע נאַר, אַ מויד! מע האָט איר געזאָגט אַ ביסל צוקערן, איז זי געקומען מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייַג!

שימעלע סאַראַקער: איז וואָס־זשע זאָגסטו? זאָל מען ניט שיקן נאָכן דאָקטער? (צום משרת). וואַרט אויס אַ ווייַלע! (צום ווייַב). טאָמער איז דאָס טאַקע אינפֿלוענציע?

עטיע־מעניע: האָסט דאָך געהערט, אַז דאָס קינד וויל שלאָפֿן... זי האָט געבעטן, מע זאָל זי ניט וועקן.

שימעלע סאַראַקער: נע מאַלע באַבאַ כלאָפּעטי — זיך געקויפֿט ליכאַ נאַ מפּטיר... צו וואָס האָט מיר געטויגט דער גאַנצער טאַרעראַם מיטן גאַנצן עסק? (אָפּ אין שטוב אַרייַן. נאָך אים עטיע־מעניע. — מענדל דער לאַקיי און יוכבד די מויד קוקן זיך איבער און ווערטער, כאַפּן זיך מיט די הענט בײַ די זייַטן און פֿאַרגייען זיך אין אַ לאַנגן געלעכטער, וואָס גייט אַלע מאָל העכער, קרעשטשענדאָ. — עס ווערט אַף אַ ווייַלע אויסגעלאָשן דאָס ליכט. אין דעם אויגנבליק ווערט פֿאַרשווונדן די דעקאָראַציע און עס אַנטשטייט דאָס צווייטע בילד פֿונעם דריטן אַקט אומאונטערגעבראָכן).

# דריטער אַקט

## צווייט בילד

אַ נגידיש הויז. — אַ שיין־באַלײַכטער זאַל, — דער באַלעבאָס, רב אשר פּײַן, אַ פּאַרפּונדעוועטער גביר, אַ ייִד מיט אַ בײַכל און מיט אַ ליסינע, אַ גרויסער שווײַגער, לאָזט ניט אַרויס דעם ציגאַר פֿון מויל זיצט אַרום אַ גרין טישל מיט דרײַ געסט און מע מאַכט אַ פּרעפערענסל. די איבעריקע אַריסטאָקראַטישע געסט זיצן אַרום די שפּילער, קוקן אַרײַן אין די קאָרטן מיט גרויס אינטערעס. פֿון די שפּילער הערן זיך נאָר איינציקע ווערטער מיט פּויזן: „זיבן פּיק"... „פּאַס"... „זעקס טרעף"... „פּאַס"... „פּאַס, פּאַס"... — בײַ אַ צווייטן טיש, אויף וועלכן עס ליגן אַלערליי אַלבומען, גרויסע און קליינע, זיצט די מאַדאַם פּײַן, פּונקט דער היפּך פֿון איר מאַן: אַ גרינגע, אַ דאַרע, נאָר אײַנגעטונקען אין בריליאַנטן מיט אירע געסט, די ווײַבער פֿון די אַריסטאָקראַטן, — אַלע אויסגעפּוצט און באַהאַנגען מיט צירונג. די דאַמען זיצן סטאַטעטשנע ווי אמתע אַריסטאָקראַטקעס, בלעטערן די אַלבומען. נאָר אַ פּאָר פֿון זיי זיצן פֿון ביידע זײַטן בײַ דער מאַדאַם פּײַן און פֿירן מיט איר אַ געשפּרעך אין אַ האַלבער שטימע. די איבעריקע דאַמען, וואָס זײַנען פֿאַרטיפֿט כּלומרשט אין די אַלבומען, הערן זיך צו צום געשפּרעך מיט איין אויער און קוקן זיך איבער צווישן זיך פֿילדײַטיק, מאַכן דערבײַ מאָדנע גרימאַסן. — קאַלטון, יעפּים פּאַנטעלעמאָנאָוויטש, האָט זיך צוליב דער שׂמחה, וואָס בײַ די פּײַנס, אָנגעטאָן גרויסאַרטיק, אין אַ פֿראַק מיט אַ ווײַסן שניפּס און מיט ווײַסע הענטשקעס, און גענומען אויף זיך די ראָלע פֿון אַן אָבער־אויפֿזעער, וואָס באַדינט די געסט ניט אַלס דינער, חלילה, נאָר אַלס גוטער פֿרײַנט פֿונעם הויז. ער האַלט זיך פֿון דער ווײַטן, נאָר גדולדיק, מעשׂה אופּראַווליאַיושטשי וואָס האָט צו שאַפֿן איבער אַלעמען און איבער אַלץ. — סאַלאַווײטשיק דער שדכן איז אויך דאָ; אָנגעטאָן יום־טובדיק, שײַנט, זיצט ניט אײַן אויף איין אָרט.

מאַדאַם פּײַן: מע דאַרף ניט זײַן שיין, מע דאַרף ניט זײַן קלוג; מע דאַרף נאָר האָבן גליק.

ערשטע דאַמע: אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד, גערטרודאַ גריגאָריעוונאַ?

מאַדאַם פּײַן: (לאָזט דורך פֿאַרבײַ). איר פֿאַרשטייט? מײַן מאַן האָט אַן אַ שיִער וויגרישנע בילעטן פֿון ווייס איך ווען אָן. האָט ער ניט געוווּנען. און דער, מיט רעספּעקט צו מעלדן, האָט מער ניט ווי איין בילעט, דאַרף זײַן בילעט אַקוראַט אויסנעמען, און דווקא דאָס גרויסע געווינס! (די זײַטיקע דאַמען קוקן זיך איבער און שמייכלען פֿילדײַטיק). איר וועט מיר גלייבן' צי ניין? נאָר איך פֿאַרזיכער אײַך, אַז דעם טאָג, וואָס מע האָט מיר אָנגעזאָגט די בשׂורה, אַז דאָס גרויסע געווינס האָט אויסגענומען אָט דער... סאָראָקער, בין איך געווען אַ טויטע. פֿריִער האָב איך ניט געגלויבט. דערנאָכדעם, אַז מײַן מאַן איז געקומען, און מײַן סאָלאָמאָן נאָך אים, און האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן אַליין געזען מיט זייערע אויגן דעם דירעקטאָר גאָלדענטאַלער, און אַז ער האָט

זיי אליין געזאגט, אז די מעשה איז אמת, איז מיר געווארן, מיט רעספעקט צו מעלדן, אזוי שלעכט, אז ס'איז מיר אפגעגאנגען א מינוט צו חלשן! א גאנצע נאכט דערנאכדעם האט מען מיר געלייגט קאלטע האנטיכער. איך האב באקומען א מין ספאזמע' צי וואס... און נאך איצט, אז איך דערמאן זיך, גייט מיר איבער א פראסט איבערן לייב... (די צווייטיקע דאמען שאקלען מיט די קעפ: „איי־איי־איי!").

ערשטע דאמע: ער איז דאך אט־אט, זאגט מען, אייער מחותן, גערטרודא גריגאריעוונא!

מאדאם פין: (לאזט דורך פארביי). דאס אייגענע איז מיט שידוכים... איך האב תמיד געבעטן גאט, אז פאר מיין סאלאמאן זאל ער מיר צושיקן א שידוך פון דער פרעמד, פון א גרויסער שטאט, מיט א גרויסע משפחה... אזא זון, ווי מיין סאלאמאן... איך באדארף אים ניט לויבן — מע קען אים... צום סוף מישט זיך אריין אין מיטן דער שטן, ליובאוו, מיט רעספעקט צו מעלדן!... (די צווייטיקע דאמען מאכן א גרימאסע; איינע פון זיי שטילערהייט: „א ליובאוו פון פופציק טויזנט!"...).

צווייטע דאמע: גערטרודא גריגאריעוונא! ס'איז אמת, וואס מע זאגט, אז ער גיט דער טאכטער פופציק טויזנט?

מאדאם פין: לאז זיך אייך דאכטן, אז ער גיט פינף און זיבעציק טויזנט... און אז ער זאל שוין געבן אלע הונדערט טויזנט? ער קאן ניט? איינגאנצן איין קינד!... איך דארפט אבער ניט פארגעסן, ווער ער איז, מיט רעספעקט צו מעלדן, און ווער זיינען מיר?

ערשטע דאמע: דערפאר איז אבער דאס מיידל, זאגט מען, זייער א שיינע.

צווייטע דאמע: און א געראטענע, זאגט מען...

מאדאם פין: (לאזט דורך פארביי). ווען עס קומט א שדכן, א שטייגער, און לייגט מיר פאר דעם שידוך, וואלט ער זיכער געפענט בא מיין מאן מיטן קאפ די טיר. נאר ווייבאלד ס'האט זיך אריינגעמישט אין מיטן, מיט רעספעקט צו מעלדן, ליובאוו... (עס עפנט זיך די טיר און עס באווייזט זיך קאלטון און רופט אויס גדולדיק און מיט הכנעה צו גלייכער צייט די נעמען פון די נארוואס אנגעקומענע געסט).

קאלטון: סעמיאן מאקאראוויטש סאראקער! ערנעסטינא יעפימאוונא סאראקער! (בייגט זיך אויס פאר זיי שטארק הכנעהדיק, לאזט דורך מיט א פריינטלעך־פאני־בראטסקי שמייכעלע דעם שניידער מיט א נייעם צילינדערהוט אפן קאפ, די שניידערן, מאדנע אנגעטאן מיט אלע פארבן פון א רעגנבויגן. — אלע געסט ווענדן אן זייערע אויגן צו די אריינגעקומענע).

שימעלע סאראקער: (ציט אויס קאלטונען די האנט). וואס מאכט א ייד יעפים פאנטא... פאנטא...

קאלמן: (פארלייגט די הענט אהינטער און זאגט איס אונ־טער שטיל). פאנטעלעמאנאוויטש.

עטיע־מעניע: (א צי דעס מאן פארן ארבל). קום! מיט וועמען האסטו זיך אוועקגעשטעלט ריידן? א פנים פון חלשות!

שימעלע סאראקער: (צום ווייב). ס'איז דאך קאלמן, אונדזער געוועזענער אופראווליאיושטשע, עמך! האסט אים ניט דער־קענט? (דער באלעבאס, רב אשר פיין, טוט א ווארף די קארטן, שטייט אויף און טוט זיך א לאז מקבל פנים זיין די ליבע געסט. — די מאדאם פיין איז אויך אויפגעשטאנען. — פון א זייטיקער טיר קומט ארויס סאלאמאן, לאזט זיך אקעגן די אריינגעקומענע געסט).

רב אשר פיין: (גייענדיק אקעגן די געסט). ברוך הבא, געסט! מע קוקט שוין לאנג ארוים אף אייך. וואס אזוי שפעט? ווו איז אייער טאכטער?

שימעלע סאראקער: (בלייבט שטיין אינעם צילינדער אפן קאפ). שולדיק איז זי! (ווייזט אפן ווייב). אז מע האט גענומען זיך אנצוטאן, איז וואס מע זאל ניט אנטאן — איז שלעכט. און אז מיר זיינען שוין גאר אינגאנצן געווען פארטיק ארום און ארום (באטראכט זיך אין זיין נייעם אנצוג), זאגט זי מיר, אז זי וועט ניט גיין מיט מיר, ביז איך וועל ניט אנטאן קיין צעלענדער. זאג איך: צו וואס טויג מיר דער צעלענדער? דער קוימען אפן קאפ? זאגט זי מיר: אלע סטעקראטן אזוי. זאג איך: און אז די סטעקראטן וועלן זיך אפשניידן די נעזער, בין איך אויך מחויב? (טוט אויס דעם צילינדער. קאלמן לויפט אונטער, וויל אים נעמען אוועקלייגן. דער שניידער גיט ניט).

איינער פון די געסט: כא־כא! אפשניידן די נעזער — גוט געזאגט! (אלע לאכן. עס וואקסט אויס סאלאוויטשיק דער שדכן).

סאלאווייטשיק: כא־כא! זאמעטשאטעלנע! אז סעמיאן מאקאראוויטש זאגט א ווארט' איז דאס טשטא ניבוד אסאבענע!

רב אשר פיין: (נעמט דעם שניידער פאר א האנט). קומט, וועל איך אייך פארשטעלן פאר מיינע געסט! (פירט אים צו צו יעדן באַ־זונדער, הויך): מאקאר סעמיאנאוויטש סאראקער... זייט באקאנט... מאַ־קאר סעמיאנאוויטש סאראקער...

שימעלע סאראקער: (רייסט אים איבער). האט קיין פאראיבל ניט, איר האט איבערגעדרייט די יוצרות אף דער לינקער זייט... (אין דער זעלבער צייט האט די מאדאם פיין געכאפט די מאדאם סארא־קער, פריער זיך גוט צעקושט מיט איר אין די פיסקלעך, דערנאך האט זי גענומען זי פארשטעלן פאר די איבעריקע דאמען).

מאדאם פיין: ווו־זשע איז אייער טאכטער?

עטיע־מעניע: עפעס ניט מיט אלעמען... כ'האב מורא, אויב ניט די פלעניציע...

מ אַ ד אַ ם  פ יַ י ן : זאָל גאָט היטן! פון וואַנען נעמט איר עס? עס מאַכט זיך, אַ מענטש ווערט ניט געזונט. אָט בין איך אַליין אויך געווען, מיט רעספּעקט צו מעלדן, אַ גאַנצע וואָך ניט מיט אַלעמען... (באַזעצט די שנײַדערן אויבנאָן).

ע ר ש ט ע  ד אַ מ ע : (שטיל). חוץ איר שאַדן אַף אונדזן גע־זאָגט געוואָרן...

צ וו ײ ט ע  ד אַ מ ע : און אַף אַלע קראַנקע, רבונו של עולם...

ר ב  אַ ש ר  פ יַ י ן : (צום שנײַדער). ווּ איז אײַער טאָכטער? פאַרוואָס זעט מען זי ניט?

ש י מ ע ל ע  ס אַ ר אַ ק ע ר : פּלוצעם פאַרשלאָפט געוואָרן. געכאַפּט אַ פאַרקילעכץ. און אפשר גאָר אָטשאַדעט געוואָרן. געבעד גע־בליבן אין דער היים.

ר ב  אַ ש ר  פ יַ י ן : (באַזעצט דעם גאַסט אויבנאָן. שימעלע צעלייגט זיך גאַנץ ברייט. אַלע זעצן זיך אַף זייערע ערטער. דער באַלע־באָס טראָגט אים אונטער אַ קעסטל ציגאַרן). וואָס רייכערט איר? איך מיין, וואָס האָט איר בעסער ליב, — פּאַפּיראָסן, אָדער ציגאַרן? אַ שאָד־אָר־וואַ, וואָס אײַער טאָכטער איז ניט געקומען!

ש י מ ע ל ע  ס אַ ר אַ ק ע ר : דעם אמת זאָגנדיק, רייכער איך ניט קיין ציגאַרן און ניט קיין פּאַפּיראָסן. נאָר גאַרניט, ווי זאָגט דער גוי: „אָט פּריביטקאַ האַלאָווא ניע באָליט". (נעמט אַ ציגאַר).

א י י נ ע ר  פ ו ן  ד י  ג ע ס ט : אָט בריביטקאַ גאַלאָווא ניע באָליט — כאַ־כאַ! גוט געזאָגט! (אַלע איבעריקע לאַכן).

ס אַ ל אַ וו ײ ט ש י ק : כאַ־כאַ! זאַמעטשאַטעלנאַ!

ש י מ ע ל ע  ס אַ ר אַ ק ע ר : (טראָגט צו דעם ציגאַר צום מויל). ווער פון אײַך איז אַ הייסער ייִד, וואָס קאָן געבן פײַער? (עטלעכע געסט טועז זיך אַ כאַפּ צו די קעשענעס, און עס ווערן אים אונטערגע־טראָגן עטלעכע שוועבעלעך מיטאַמאָל). אַ שיינעם דאַנק אײַך! (טראָגט צו דעם ציגאַר צום פײַער, פּיפּקעט און פּיפּקעט — עס רייכערט זיך ניט).

ס אַ ל אַ וו ײ ט ש י ק : (געשטאַנען פון דער זײַטן, לויפט צו). איזוויניטיע! איר האָט פאַרגעסן אָפּבײַסן דעם פּיטום.

ש י מ ע ל ע  ס אַ ר אַ ק ע ר : (צום שדכן). וואָס בין איך — אַ מעוברתע ייִדענע, וואָס איך זאָל בײַסן דעם פּיטום?

א י י נ ע ר  פ ו ן  ד י  ג ע ס ט : אַ מעוברתע ייִדענע — כאַ־כאַ! גוט געזאָגט! (די איבעריקע לאַכן).

ס אַ ל אַ וו ײ ט ש י ק : זאַמעטשאַטעלנאַ, כאַ־כאַ! (אין דער זעל־בער צײַט פאַרנעמען זיך די דאַמען מיט דער שנײַדערן; ווער עס טראָגט איר אונטער אַ שטול אַף צו זיצן, ווער עס רוקט איר אונטער אַ בענ־קעלע אונטער די פיס' ווער עס באַווײַזט איר אַן אַלבום. די מאַדאַם פײַין שײַנט און שמייכלט, גיט אַכטונג, מע זאָל אַלעמען געבן טיי. דעם טיי סערווירט קאַלטון קונציק ווי אַ פּאַקוסניק).

ש י מ ע ל ע  ס א ר א ק ע ר : (כאפט קאלטונען פארן פראק). יעפים פאנטאלאנאוויטש! וואס דרייט איר זיך ארום, ווי א חזן אפן ונעריצד? שטייט א ווײַלע! איך האב אײַך געוואלט עפעס פרעגן. געדענקט איר כאטש איינערע ווערטער פאר דרײַ וואכן, אז א וויגריזשנע בילעט האט נאך קיין מענטש ניט געווונען זינט די וועלט שטייט, אז כ'א שווינדל, האט איר געזאגט? עמד! (די מאדאם פײַן איז אויסער זיך פון דעם סקאנדאל, וואס דער מחותן רעדט מיט איר פריקאזטשיק. זי ווינקט צום מאן, ער זאל ראטעווען די לאגע, פארגלעטן דעם סקאנדאל).

ר ב א ש ר  פ ײַ ן : אײַך קומט מזל טוב, סעמיאן מאקאראוויטש. איר האט געמאכט, זאגט מען, א גרוים געשעפט.

א י י נ ע ר  פ ו ן  ד י  ג ע ס ט : א מיליאנען־געשעפט!

ש י מ ע ל ע  ס א ר א ק ע ר : צו מיליאנען איז נאך ווײַט. נאר אז גאט וועט וועלן, וועט זײַן מיליאנען אויך...

א י י נ ע ר  פ ו ן  ד י  ג ע ס ט : מע זאגט' אז איר האט געמאכט א סינדיקאט אף אלע קינעמאטאגראפן פון שטאט?

נ א ך  א י י נ ע ר  פ ו ן  ד י  ג ע ס ט : אין אמעריקע רופט מען דאס „טראסט".

ש י מ ע ל ע  ס א ר א ק ע ר : וויאזוי מע רופט דאס אין אמעריקע ווייס איך ניט. איך ווייס נאר, אז פון אלע געשעפטן, וואס מע האט מיר פארגעלייגט, איז דאס דאס בעסטע, דאס שענסטע און דאס בכבודיקסטע — און מיליאנען איז בא גאט... (בלאזט דעם רויך). איר קאנט זיך גארניט פארשטעלן, וויפל געשעפטן מע האט מיר פארגעשלאגן! איר האט ניט אזויפיל האר אין קאפ! און אלע, די גאנצע וועלט, זײַנען מיטאמאל געווארן מײַנע בעסטע גוטע פרײַנט, ממש די כפרה! (עס דערהערט זיך א קלונג. קאלטון טוט זיך א גליטש צו דער טיר).

ק א ל ט ו ן : (רופט אויס). העגריך פעליקסאוויטש הימעלפארב!

ר ב א ש ר  פ ײַ ן : (נעמט הימעלפארבן פאר דער האנט, פירט אים צו, שטעלט אים פאר פאר די געסט). העגריך פעליקסאוויטש הימעלפארב, בוכהאלטער פון דער קאמערטשעסקי באנק.

ש י מ ע ל ע  ס א ר א ק ע ר : אן אלטער באקאנטער! (גיט אים די האנט). וואס הערט זיך עפעס נײַעס? עמד!...

ה י מ ע ל פ א ר ב : יא, אלטע־אלטע באקאנטע. (צום באלעבאס). איך בין געווען דער ערשטער, וואס האט אנגעזאגט זיי די גוטע בשורה׳ אז זיי האבן געוווּנען דאס גרויסע געווינס. (צום שנײַדער). וואס? בין איך ניט געווען דער ערשטער?

ש י מ ע ל ע  ס א ר א ק ע ר : דער ערשטער, ניט דער ערשטער, נאר פון די ערשטע.

א י י נ ע ר  פ ו ן  ד י  ג ע ס ט : דער ערשטער, ניט דער ערשטער, נאר פון די ערשטע — כא־כא! גוט געזאגט! (אלע לאכן).

ס אַ ל אָ וו יי ט ש י ק : אַז סעמיאָן מאַקאַרעוויטש זאָגן, איז טשטאָ ניבוד אַסאַבענע!

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : (צום שדכן). וואָס האָב איך דען דאָ געזאָגט אַזעלכעס?

ה י מ ע ל פ אַ ר ב : (צום שניידער). יעדנפאַלס, אַף אונדזער באַנק האָט איר זיך ניט צו באַקלאָגן.

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : לאָם איך עס אויסקרענקען, וואָס איך האָב צו אייך דערלייגט! אַף אַלע אָרעמע בעלי־מלאכות געזאָגט גע־וואָרן — עמד!

ה י מ ע ל פ אַ ר ב : (צום שניידער). ספּראַשיוואַיעטסיאַ, וויבאַלד אַזוי, וואָס־זשע איז די מעשה, וואָס איר האָט אונדז עפּעס פּלוצעם איינ־מיטן דרינען אַוועקגעוואָרפן? דאָס ווערט אָנגערופן טשאָרנע ניעבלאַגאַ־דאַרנאָסט, אָדער געצאָלט מיט שטיינער... דאָס הייסט, איר האָט אונדז חלילה ניט אומגליקלעך געמאַכט׳ נאָר סע פּאַרדריסט. אַמביציע! באַ אונדז איז דאָך עפּעס ניט קיין בענקל, ווי אַנדערע בענק. אונדזער באַנק וואָלט געמעגט שטיין אין יעהופּעץ, וואָלט זי אויך ניט פאַרשעמט גע־וואָרן! באַ אונדז שפּילט אַ ראָלע רויסגעבן ק״ן אַלפים, אַזוי ווי — פּוּ! (אַ מאַך מיט דער האַנט).

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : (פאַרשטייט ניט; טרינקט זיין טיי, קוקט זיך אַרום). וואָס וויל דער יאַט — ווייסט איר ניט?

ה י מ ע ל פ אַ ר ב : (האַלט אין איין ריידן). מיר שטייען ניט חלילה אין אייער געלט. פּאַזשאַלאַי, עס ווילט זיך האָבן אַזאַ קליענט, ווי איר. פאַרוואָס ניט? נאָר צוריק, וואָס האָבן מיר געטאָן איידער איר האָט געוווּנען די צוויי הונדערט טויזנט? ניט מער, עס פּאַרדריסט אונדז, וואָס איר האָט פּלוצעם, אינמיטן דרינען, אַרויסגענומען דאָס גאַנצע געלט!

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר : (לאַכט ברייטלעך). וואָסערע לאַקשן? וואָסערע פלוימען? וואָס דרייט ער אַ יאַרמלקע, אַט דער שמויגער?...

ה י מ ע ל פ אַ ר ב : (הערט ניט אויף). די ערשטע מינוט, אַז מיר האָבן דערזען אייער טשעק אויף אַזאַ סומע׳ איז אונדז געוואָרן אַ ביסל קאַלעמוטנע, און מיר האָבן געוואָלט שיקן צו אייך אָנפרעגן, אויב ס׳איז ניט קיין טעות. נאָר אַזוי ווי מיר האָבן געהערט, אַז איר מאַכט אַ קאַלאָסאַלן געשעפט, אַ סינדיקאַט, און אַז איר בויט פּיתום מיט רעמסס, האָבן מיר אָנגעפרעגט באַ אונדזער דירעקטאָר, הער גאָל־דענטאַלער. האָט אונדזער דירעקטאָר געהייסן ניט מאַכן קיין וואָפּראָסן און אַרויסגעבן... נאָך זיין הייסן אַרויסגעבן האָט מען געזען, אַז ער איז ברוגז — און איז גערעכט. וואָרעם ווי דאָס געשעפט זאָל ניט זיין גרויס, קאָנט איר ניט באַדאַרפן אין איין טאָג אַלע הונדערט און פופציק טויזנט. סליעדאָוואַטעלנאָ, דאָ באַדאַרף זיין נאָך אַן אַנדער פּריטשינע, וואָס איר

ווילט זיך אריבערטראגן מיט אײַער קאנטא־קורענט אין אן אנדער באנק. איך פרעג אײַך ניט, אין וואסער א באנק, ווארעם פאר קאנקורענציע האבן מיר קיין מורא ניט. איך פרעג נאר' וואס פאר א פריטשינע? אדרבא, זאגט, אט שטייען מענטשן... (דער עולם הייבט אן ווערן נײַגע־ריק. מע רינגלט ארום דעם שנײַדער מיטן בוכהאלטער. די דאמען הערן זיך צו פון דער ווײַטן. וואס דא טוט זיך — פארשטייט נאך קיינער ניט. און ווינציקער פון אלעמען — דער שנײַדער).

שימעלע סאראקער: (צום באלעבאס פײַן). וויפל, זאגט ער, האב איך ארויסגענומען, אט דער יאקל בן פלעקל? אט דער עמד?

רב אשר פײַן: ער זאגט: הונדערט און פופציק טויזנט...

שימעלע סאראקער: כא־כא־כא! א רעכטער לעץ! (צום בוכהאלטער). יונגערמאן! גייט לייגט זיך שלאפן!

הימעלפארב: שלאפן גייט שוין איר בעסער — אײַך איז צײַט. איך בין נאך א יונגערמאן און וויל נאך געבן א לעב אונטער. מע זאגט, ס'וועלן זײַן טענץ אויך. איר טאנצט דאך ניט, סעמיאן מאקא־ראוויטש, און איך טאנץ.

שימעלע סאראקער: טאנץ, טאנץ געזונטערהייט. אבער וואס איז דאס פאר הונדערט פופציק טויזנט, וואס דו זאגסט?

הימעלפארב: (שוין אין כעס). וואפערוויך, וועל איך אײַך בעטן, איר זאלט מיך ניט דוצן...

שימעלע סאראקער: ניט וואסן? (צוגעמאכט איין אויג).

הימעלפארב: ניט דוצן! ניט זײַן מיט מיר אף „דו"... איך בין טאקע יינגער פון אײַך, א סך יינגער. נאר קיין „מאלטשיק" בין איך אײַך ניט.

רב אשר פײַן: (וויל מאכן שלום). ווייס איך וואס? וועמ?

סאלאווײטשיק: (אויך אינמיטן). טשעפוכא!

הימעלפארב: און וואוטאריך' וואס מאכט איר זיך גע־פנדרט: „וואסערע הונדערט פופציק טויזנט?" איר וועט אפשר זאגן, אז ס'איז ניט אײַער טשעק, וואס האט געבראכט עפעס איינער א קרעמענ־טשוק, אדער א ראמאנטשוק?

שימעלע סאראקער: ניט קרימענטשוק און ניט ראָ־מאנטשוק, נאר וויגדארטשוק. דאס איז איינער פון מײַנע שותפים, וואס האבן געמאכט מיט מיר דעם... פילם־געשעפט... איך האב אים דאס אויסגעשריבן א טשעק אף פופצן טויזנט...

הימעלפארב: איר קערט וועלן זאגן: אף הונדערט פופ־ציק טויזנט?...

שימעלע סאראקער: דאס קערט איר וועלן זאגן! איך זאג נאר אזויפיל, וויפל דארט שטייט געשריבן.

הימעלפֿאַרב: אויב איר זאָגט אַזויפֿיל, וויפֿל דאָרט שטייט געשריבן, מוזט איר זאָגן הונדערט און פֿופֿציק טויזנט.

שימעלע סאַראַקער: וואָס איז עפּעס?

הימעלפֿאַרב: אַט דערפֿאַר, ווײַל אַזויפֿיל האָט איר גע־הייסן געבן.

שימעלע סאַראַקער: מאַכט איר מיך, הייסט עס, פֿאַר אַ משוגענעם?

הימעלפֿאַרב: ניין. דאָס ווילט איר מיך מאַכן פֿאַר אַ ליגנער, אָדער פֿאַר אַ שווינדלער, אָדער איר טרײַבט קאַטאָוועס — באַך וואָס זנאַיעט! (דער עולם ווערט נאָך מער נײַגעריק און מע רינגלט זיי אַרום נאָך ענגער).

שימעלע סאַראַקער: (אַ ביסל שוין אומרויִק). וואָס זאָגט איר? איך בעט אײַך, אַף דער קאָמעדיע? איך גיב אַ ייִדן אַ טשעק אַף פֿופֿצן טויזנט קאַרבן, דערציילט ער מיר הונדערט פֿופֿציק טויזנט! — עפּעס אַ מאָדנער מין עמד!

רב אַשר פּײַן: פֿון פֿופֿצן טויזנט ביז הונדערט פֿופֿציק טויזנט איז אַזאַ חילוק, ווי פֿון יככה ביז יבבה.

סאַלאַוויטשיק: זאַמעטשאַטעלנע!

שימעלע סאַראַקער: וואָס דערציילט איר מעשיות? איך אַליין האָב געשריבן דעם טשעק... דאָס הייסט, ניט איך, געשריבן האָט ער, דער ווינדאַרטשוק, נאָר איך האָב גוט געקוקט בשעת איך האָב געחתמעט דעם טשעק (מאַלט אין דער לופֿטן ציפֿערן): אַן איינס, און אַ פֿינף, און דרײַ נולן...

הימעלפֿאַרב: (מאַלט אין דער לופֿטן). אַן איינס, און אַ פֿינף, און פֿיר נולן!

שימעלע סאַראַקער: (מאַלט אין דער לופֿטן). דרײַ נולן!

הימעלפֿאַרב: (מאַלט אין דער לופֿטן). פֿיר נולן!...

שימעלע סאַראַקער: זעט נאָר, ווי ער דרייט מיט דער האַנט, אַט דער פֿיפֿערנאַטער: פֿיר נולן! פֿינף נולן! זעקס הונדערט נולן! און מיט ווערטער איז ניט געשטאַנען בפֿירוש: פּעטנאַצעט טי־סיאַטשי? וואָס וועט איר איצטער זאָגן, עמד?

הימעלפֿאַרב: (הויך). סטאָ פּיאַטדעסיאַט טיסיאַטש — קערט איר וועלן זאָגן! סטאָ פּיאַטדעסיאַט טיסיאַטש רובליי!

רב אַשר פּײַן: פֿע! דאָ איז עפּעס אַ מיאוסע מעשה! (די דאַמען האָבן זיך שוין אויך צונויפֿגעקליבן אַלע. מע פֿילט, אַז דאָ קומט עפּעס פֿאָר. עטיע־מעניע גייט צו די לעצטע).

עטיע־מעניע: וואָס טוט זיך דאָ, שמעון... מיין איך סע־מיאָן מאַקאַרעוויטש? (אין דער גאַנצער צײַט, וואָס דאָס קומט פֿאָר, שטייט קאַלטון בײַ דער זײַט, שמייכלט מעפֿיסטאָפֿעליש, קוקט פֿון איי־

נעם אפּן אַנדערן און קוועלט. עס דערהערט זיך אַ קלונג. קאַלטון גיט זיך אַ גליטש צו דער טיר און רופט אויס).

ק אַ ל ט ו ן: מאַקסים וואַסילעוויטש גאַלדענטאַלער! (אַף אַ ווײַלע דרייען אַלע אויס די אויגן צו דער טיר).

ר ב אַ ש ר פ ײַ ן: (באַגעגנט דעם דירעקטאָר, וויל אים פאַרשטעלן, שפּרינגט אַרויס הימעלפאַרב מיט היץ).

ה י מ ע ל פ אַ ר ב: שאַט! אַט איז דער דירעקטאָר אַליין! (צו גאַלדענטאַלערן). מאַקסים וואַסילעוויטש! אַף וויפל איז געווען דער טשעק פון הער סאַראַקער, וואָס מיר האָבן אַרויסגעצאָלט איינעם אַ מאַיראַזוויטש, אָדער ווינדראַוויטש, אָדער ווינגדאַרטשוק — יאָ, ווינגדאַרטשוק?

ג אַ ל ד ע נ ט אַ ל ע ר: (מיט קאַלטע לונג און לעבער). הונדערט פופציק טויזנט רובל — וואָס איז דען?

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר: (די אויגן בלאַנדזשען). עטיע־מעניו!... ווּ זײַנען מיר? (דערזעט די, שרײַט ניט מיט זײַן קול), גוואַלד, ייִדן' ראַטעוועט! לויפט! יאָגט! כאַפּט! מע האָט מיך באַגנבעט! באַגזלט! בדיל־הדל געשטעלט! צוגענומען אינגאַנצן! געמאַכט פאַר אַ קבצן! העלפט מיר! העלפט מיר כאַפּן די גזלנים! (כאַפּט דעם צילינדער, וויל זיך לאָזן לויפן. עס עפנט זיך די טיר און עס רײַסט זיך אַרײַן מ ע נ ד ל דער לאַקיי מיט אַן איבערגעשראָקן פּנים).

מ ע נ ד ל ד ע ר ל אַ ק י י: (זוכט מיט די אויגן). ניט געווען דאָ איזאַבעלאַ סעמיאָנאָוונאַ? אויב אַזוי — זײַט איר אַף גרויסע צרות... באַלעבאָס! אײַער טאָכטער איז אַרויס דורכן פענצטער און — פיו־איט!...

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע: (ברעכט די הענט). ווײ איז מיר! ווינד איז מיר! אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן! אַ בראָך אַף מײַן קאָפּ! איך ווייס שוין וואָס דאָס איז! איך האָב געוווּסט, אַז ס'וועט אַזוי זײַן!... זי האָט מיר אָבער געזאָגט: „מאַמע! איכל לויפן אין דער וועלט אַרײַן!"...

ש י מ ע ל ע ס אַ ר אַ ק ע ר: (צום ווײַב). אַזוי? וואָס־זשע האָסטו געשוויגן? בהמה! פאַרוואָס האָסטו ניט געזאָגט מ י ר ? ! . . . (כאַפּט זיך באַם קאָפּ). מײַן טאָכטער! מײַן קינד!... אַ כּפּרה דאָס געלט! אַ כּפּרה אַלצדינג פאַר מײַן קינד!... (כאַפּט אַרויס דעם טײַסטער פון זײַטקעשענע, רײַסט אַראָפּ פון זיך דעם גאָלדענעם זייגער מיטן קייטל, שרײַט צום ווײַב). עטיע־מעניע! נעם אַראָפּ! גיב אַהער די פערל! די אוירינגלעך! די פינגערלעך! דאָס גאַנצע ביסל צירונג!... (עטיע־מעניע פאָלגט אים. טוט אויס און גיט אים איבער. ער נעמט דאָס אַלצדינג צונויף אין צילינדער אַרײַן און טראָגט דאָס צו צו די געסט). ייִדן! נאָט אײַך אָפּ אַט דאָס אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג! טוט מיט דעם, וואָס איר ווילט, — אַבי העלפט מיר אָפּזוכן מײַן טאָכטער! העלפט מיר, העלפט מיר אומקערן מײַן קינד!... (ברעכט אויס אין אַ געוויין. עטיע־מעניע וויינט מיט אים. דער עולם שטוינט. דער פאָרהאַנג פאַלט).

סוף פונעם דריטן אַקט.

# פערטער אַקט

קומט פאָר אַף אַ סטאַנציע איז אַן אײַנפאָר־הויז. — צוויי חדרים. — אײן חדר, אַ גרויס, אַ ליכטיקס, שטייען צוויי בעטלעך באַ די ווענט פאַרבעט און צוגעקליבן. — אַ טישל, עטלעכע שטולן, אַ קאַנאַפּע, אַ שפּיגל, ביליקע בילדער אין פּראָסטע ראַמלעך אַף די ווענט. — אַ פּאָר טעפּ מיט בלומען. — צוויי טירן: אײן טיר צום פראָנט, אין דער גאַס אַרויס, די צווייטע טיר אין צווייטן חדר אַרײַן, וועלכער איז געשלאָסן. — באַ דער צווייטער טיר שטייט מ אָ ט ל ק אַ ס אָ י, צוגעלייגט איין אויער. — אינמיטן חדר שטייט ק אָ פּ ל פּ אַ ל ב אָ ן. — זיי ריידן שטילערהייט.

ק אָ פּ ל פּ אַ ל ב אָ ן : (צו מאָטלען). נו?

מ אָ ט ל ק אַ ס אָ י : (טרעט אָפּ פון דער טיר אַף די שפּיץ פינגער). זי שלאָפט נאָך...

ק אָ פּ ל פּ אַ ל ב אָ ן : אַ וועלטעלע — אַזאַ נאַכט ניט געשלאָפן!...

מ אָ ט ל ק אַ ס אָ י : הײַנט דער שרעק! די פּחדים! עס האָט זיך איר אַלע ווײַלע אויסגעוויזן, אַז מע יאָגט אונדז נאָך פון הינטן...

ק אָ פּ ל פּ אַ ל ב אָ ן : פון וואַנען ווייסטו דאָס?

מ אָ ט ל ק אַ ס אָ י : זי האָט עס מיר געזאָגט.

ק אָ פּ ל פּ אַ ל ב אָ ן : ווען?

מ אָ ט ל ק אַ ס אָ י : הײַנט... אין דער צײַט, ווען דו ביסט געגאַנגען זאָרגן וועגן עסן און וועגן שטעלן דעם סאַמאָוואַר, האָבן מיר דאַ דערווײַל געשמועסט...

ק אָ פּ ל פּ אַ ל ב אָ ן : וועגן וואָס?

מ אָ ט ל ק אַ ס אָ י : וועגן אַלץ...

ק אָ פּ ל פּ אַ ל ב אָ ן : און וועגן דעם, וואָס וועט זײַן ווײַטער?

מ אָ ט ל ק אַ ס אָ י : אויך גערעדט...

ק אָ פּ ל פּ אַ ל ב אָ ן : אַז וואָס?

מ אָ ט ל ק אַ ס אָ י : (אויפגערעגט). אַז וואָס! דו ווייסט דאָך וואָס, הײַנט וואָס פרעגסטו? זי האָט מורא, טאָמער יאָגט אונדז אָן דער פאָטער, וועלן מיר אַלע האָבן אַ ווייסטן סוף.

ק אָ פּ ל פּ אַ ל ב אָ ן : לכן דעריבער, וואָס־זשע איז די עצה?

מ אָ ט ל ק אַ ס אָ י : איז די עצה, אַז מע זאָל וואָס פריִער שטעלן אַ חופּה, — דעמאָלט מעג ער שוין קומען מיטן רב און מיט דער

רביצן, איז פארפאלן... איצט בלײַבט איבער נאָר איין זאַך: ווער פון אונדז ביידן זאָל זײַן דער גליקלעכער?

קאָפּל פּאָלבאָן: (דערשראָקן). נו יאָ. דאָס איז דאָך די גאַנצע זאַך...

מאָטל קאָמאָי: איז דאָך שוין וועגן דעם בא אונדז לאַנג אָפּגערעדט געוואָרן: אָדער מיר ן עס איבערלאָזן פאר איר אַליין, פאר ביילקען הייסט עס, לאָז זי זאָגן, ווער איז איר אויסדערוויילטער... אָדער אַז ניט, וועלן מיר וואַרפן גורל...

קאָפּל פּאָלבאָן: (אומרויִק). אָבער דערווײַל האָט זי דיר נאָך גאָרניט געזאָגט, ווער... דאָס הייסט, וועמען?...

מאָטל קאָמאָי: שוטה! זי זאָל מיר זאָגן, וואָלט איך דאָך דיר געזאָגט...

קאָפּל פּאָלבאָן: הייסט עס, אַז די גאַנצע זאַך הענגט נאָך אין דער לופטן?

מאָטל קאָמאָי: (קוקט אין דער לופטן). פאַרשטייט זיך, אין דער לופטן... נאָר דערווײַלע שאַט ניט, מע זאָל באַצײַטנס צוגרייטן אַלץ וואָס מע באַדאַרף צו דער חופּה...

קאָפּל פּאָלבאָן: למשל, אַ שטייגער?

מאָטל קאָמאָי: אַ שטייגער, למשל, אַ מנין ייִדן...

קאָפּל פּאָלבאָן: דאָס איז ניט שווער. מע וועט זיי באַצאָלן צו האַלבע רובל, וועלן זיי קומען צו לויפן.

מאָטל קאָמאָי: (לעבעדיק). לאָס איך האָבן אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ פלאַן דאָס איז!

קאָפּל פּאָלבאָן: און טאָמער האָבן זיי ניט קיין רב, קאָן איך באַשטיין, אַז אַ פּראָסטער ייִד, אַבי אַן ערלעכער, וועט מסדר קידושין זײַן.

מאָטל קאָמאָי: כ׳לעבן, קאָפּל, ביסט אַ חכם! אַ קאָפּ־מענטש!

קאָפּל פּאָלבאָן: אײַ, טאָמער האָבן זיי ניט קיין חופּה? קאָן מען זיך באַגיין מיט פיר שטאַנגען, פון אויבן איבערגעבונדן מיט אַ גרויסער פאַטשיילע, — וואָס איז דאָ דער אומגליק?

מאָטל קאָמאָי: (כאַפּט אים אַרום). ביסט ווערט, מע זאָל דיך קושן, קאָפּל!... נעם טו אַלצדינג, וואָס דו זאָגסט, זאָל זײַן גרייט!... דו וועסט גיין, און איך וועל בלײַבן דאָ — מע קאָן זי דאָך ניט לאָזן אַליין...

קאָפּל פּאָלבאָן: זאָל גאָט היטן! (וואַקלט). די זאַך איז נאָר אָט וואָס: אפשר זאָלן מיר פריִער וויסן, ווער וועמען... דערנאָך ערשט גיין?...

מאָטל קאָמאָי: צו וואָס, נאַרעלע, פאַרלירן צײַט? דער־ווײַל וועט ווערן שפּעט, און טאָמער טראָגט אים אַן דער גוטער יאָר...

דו גרייט צו אַט די אַלע שאַלעמויזן. דערנאָד, אַז דו וועסט קומען שוין מיטן גאַנצן קלאַפּערגעציַיג, וועלן מיר באַשליסן מיט איר, אַהין צי אַהער... ממה נפשך, וועמעס גליק עס וועט זיַין... איך פֿאַרזיכער דיך, אַז טאַמער ביסטו דער גליקלעכער, וועל איך דיר פֿאַרגינען מיטן גאַנצן האַרצן... וואָס האָב איך צו דיר?... אונדזער ביידנס ווּנטש איז דאָך נאָר זען ביילקען גליקלעך...

ק אָ פּ ל פ אַ ל ב אַ ן : דאָס איינענע איך — טאָמער ביסטו, איז דיַין גליק... וואָרעם דער עיקר איז ביילקע... אַלזאָ, איך גיי. (טוט זיך אָן). און דו זע, גיב אַכטונג... (לאָזט זיך צו דער טיר, קערט זיך אום, שטייט אַ ווײַלע און גייט אָפּ).

מ אָ ט ל ק אַ ס אַ י : (צו זיך אַליין). אַט אַ לעמעשקע! ער האָט נאָך אַ האָפֿענונג... מיר דאַכט, אַז אַ בלינדער קאָן שוין זען, אין וועמען ביילקע איז פֿאַרליבט... (הערט זיך איַין). מיר דאַכט, זי רירט זיך שוין... (עס עפֿנט זיך די טיר פֿון צווייטן חדר און עס באַוויַיזט זיך אָף דער שוועל ב יי ל ק ע, אַ שיַינענדיקע, אַ שמייכלענדיקע).

ב יי ל ק ע : (מאַכט צורעכט די צעקודלטע האָר, קוקט זיך אַרום). ניטאָ קיינער? וווּ איז קאָפּל?

מ אָ ט ל ק אַ ס אַ י : אַוועקגעגאַנגען ברענגען ייִדן, אַ חופּה און דעם גאַנצן איבעריקן קלאַפּערגעציַיג, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט...

ב יי ל ק ע : מוז עס טאָקע היַינט געשען, מאָטל?...

מ אָ ט ל ק אַ ס אַ י : ניין, וואָס דען? אָפּלייגן אָף מאָרגן? און טאָמער טראָגט עס אָן דעם טאַטן אַהערצוצו?...

ב יי ל ק ע : אוי, רייד גאָר ניט, מאָטל! איך קאָן גאָר וועגן דעם ניט טראַכטן! (גייט צו נענטער). עס ווילט זיך מיר נאָר נעמען נקמה, באַוויַיזן, אַז איך בין אַ מענטש פֿאַר זיך, אַז איך בין פֿריַי... נאָכדעם מעגן זיי שוין קומען, זאָגן וואָס זיי ווילן... אַך, מאָטל, מאָטל! אַ ייִדישע טאָכטער קאָן זיך באַפֿריַיען פֿון איר טאַטע־מאַמע נאָר דעמאָלט, ווען זי ניט אָפּ איר פֿריַיהייט צו אַן אַנדערן...

מ אָ ט ל ק אַ ס אַ י : ווער רעדט פֿון פֿריַיהייט? ווער וויל דאָס וועמעס פֿריַיהייט? ביילקע, נשמה טיַיערע! האָבן מיר דען ניט געשוווירן איינס דאָס אַנדערע טריַיע און אייביקע ליבע? זיַינען מיר ניט געבונדן איינס מיט דאָס אַנדערע שוין פֿון לאַנג, נאָך איידער דיַין טאַטע האָט גע־טראָפֿן דאָס גרויסע גליק, אָדער דאָס גרויסע אומגליק, אויסצוגעמען דעם הויפּט־טרעפֿער? נישמער, מיר האָבן דאָס מיט ווערטער ניט אַרויסגע־זאָגט, ביז ס׳איז געקומען די רעכטע ציַיט... איצט קומט אויס עפּעס גליַיך, ווי עמעצער פֿון אונדז וואָלט צוריקגעצויגן...

ב יי ל ק ע : (מיט פֿיַיער): איך צי קיינמאָל ניט צוריק! איך באַ־קלאָג מיך נאָר אָף מיַין מזל, פֿאַרוואָס זאָל איך, אַ געליבטע בת־יחידה, אַ ציטעריקע באַ טאַטע־מאַמע, באַדאַרפֿן איר בעסטע שמחה, דעם בעסטן יום־טוב פֿון איר האַרצן, פֿראַווען כאַפּנדיק, בגנבה, גליַיך ווי איך טו

עפּעס אַ פאַרברעכן... פאַרגעס ניט, מאָטל, אַז דער טאַטע איז מיר פאָרט אַ טאַטע, און די מאַמע — אַ מאַמע!...

מאָטל קאַסאַי: אויב עס איז אַ רחמנות אַף טאַטע־מאַמע, איז דאָ צוויי וועגן: אָדער צו וואַרטן ביז זיי וועלן קומען אַהער, אָדער פאַרקערעווען די האָלאָבלעס און פאָרן צוריק אַהיים...

ביילקע: זאָל גאָט היטן! דעמאָלט בין איך אַ פאַרלוירענע! דו קענסט ניט דעם טאַטן! דו מיינסט, אַז דאָס איז דער ייִד וואָס געוועזן? גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן, — זינט ער האָט אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס, איז ער צעווילדעוועט געוואָרן! ניין! איך דאַרף אים אָפּטאָן אַזאַ זאַך, וואָס מע קאָן שוין צוריק ניט כאַפּן!

מאָטל קאַסאַי: הייסט דאָס, נאָר צוליב דעם אַליין?...

ביילקע: (קוקט אַף מאָטלען מיט אַ שמייכל). אַך, מאָטל! טשיקאַווער מאָטל וואָס דו ביסט! דו ווילסט אַן איבעריק מאָל אַרויס־רײַסן בײַ מיר דאָס וואָרט פון מויל, אַז איך האָב דיך ליב, ווי דאָס לעבן... ווייסט שוין קאַפּל אַלץ? האָסטו שוין גערעדט מיט אים?

מאָטל קאַסאַי: ניין, ביילקע, איך קאָן ניט. איך האָב קיין האַרץ ניט!... דער בחור איז בלינד. ער האָט נאָך אַלץ אַ האָפענונג, טאָמער איז ער, ניט איך, דער אויסדערוויילטער...

ביילקע: (פאַרטראַכט טרויעריק). אַ רחמנות... דער יונג איז פאַרליבט אין מיר...

מאָטל קאַסאַי: מיט סכנות!

ביילקע: וואָס־זשע טוט מען? זאָל איך מיט אים ריידן?

מאָטל קאַסאַי: אויב דו קאָנסט... איך האָב אים געזאָגט, אַז דו דאַרפסט הײַנט בײַ דער לעצטער מינוט באַשטימען, ווער פון אונדז צוויי איז דײַן באַשערטער... און אַז דו וועסט ניט באַשטימען, האָב איך אים אײַנגערעדט, אַז מירן וואַרפן גורל, ציִען קניפּלעך. ווער ס'וועט אַרויסציִען דאָס קניפּל — דער...

ביילקע: (צעלאַכט זיך הילכיק). כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!

מאָטל קאַסאַי: (איבערראַשט). וואָס איז דער געלעכטער?

ביילקע: מיר איז אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק! אײַ, אַ געדאַנק! (כאַפּט אַ ווײַס טיכל, מאַכט אַ קניפּל און נאָך אַ קניפּל). איך האָב דאָ צוויי קניפּלעך. און אַזוי ווי דו ביסט עלטער, וועל איך דיר געבן ציִען צום ערשטן, וועסטו האָבן אַרויסגעצויגן דאָס קניפּל — כאַ־כאַ־כאַ!...

(עס הערט זיך טריט פון דרויסן. ביילקע טרעט אָפּ צום פענצטער. עס קומט אַן קאַפּל פּאַלבאַן אַ פאַרשוויצטער, אָנגעלאָדן מיט גאַנצע פּעק־לעך און שקאַרמוצן).

קאַפּל פּאַלבאַן: אַ! שוין אויפגעשטאַנען ביילקע? (צו ביילקען). אַ גוטער אויפשטאַנד אַף דיר!... אוף! איך האָב זיך עס אַ ביסל אָנגעלאָפן! (לייגט אַוועק די פּעקלעך מיט די שקאַרמוצן, ווישט זיך דעם שווייס).

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : איז כאָטש ניט געווען אומזיסט דאָס לויפן? (באַטראַכט וואָס אין די פעקלעך טוט זיך).

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : חלילה! וואָס הייסט אומזיסט? אַט באַלד קומען צוגיין אַ בינטל יידן מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט... (ווייזט אָף די שקאַרמוצן). און דאָס איז גוטע זאַכן אָף צו פאַרבייסן: לעקעך, הערינג און אַ ביסל משקה...

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : בראַוואָ, קאַפּל, ביסט ווערט אַ מעדאַל!... אַצינד בלייבט נאָך איבער איין זאַך: אַ מנין ווערן מיר האָבן. אַ מסדר קידושין אויך. מיט לעקעך און בראַנפן און מיט פאַרבייסן זיינען מיר שוין אויך באַוואָרנט. און אַ כלה האָבן מיר אויך. די פראַגע איז נאָר, ווער פון אונדז צוויי איז דער חתן? דאָס דאַרפסטו... (פאַרכאַפּט זיך). מיין איך, דאָס דאַרפט איר, ביילקע, באַשטימען — עס געווענדעט אָן דיר... מיין איך, אָן אייך...

ב יי ל ק ע : אַך! מיר איז שווער, מיר איז אומאייַנגענעמען... איר ווייסט, אַז איך בין אייך ביידן דאַנקבאַר... איר האָט פאַר מיר ביידע אַזויפיל געטאָן...

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : און מיר זיינען ערשט גרייט צו טאָן...

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : אין פייער און אין וואַסער!

ב יי ל ק ע : (טראַכט כלומרשט אַ ווײַלע). שאַט! ווייסט איר וואָס מיר איז נאָרוואָס אײַנגעפאַלן? לאָמיר וואַרפן גורל!...

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : דאָס אייגענע האָבן מיר שוין מיט קאַפּלען לאַנג געטראַכט...

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : נאָך איידער דאָס אומגליק האָט געטראָפן מיטן גרויסן געווינס...

ב יי ל ק ע : זעט איר? — אָף אַ גלײַכע זאַך פאַלן אַלע גלײַך... (נעמט דאָס טיכל מיט די צוויי פאַרטיקע קניפלעך, דרייט כלומרשט אַ נײַ קניפּל, ציט עס אויס צו זיי ביידע). ווער פון אײַך איז עלטער?

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : (איז שוין גרייט געווען אויסצוציִען די האַנט). דו ביסט עלטער, מאַטל, אויב איך האָב קיין טעות...

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : מיט אַ יאָר און מיט אַ וואָך.

ב יי ל ק ע : (צו מאַטלען). ווי באַלד אַזוי, באַדאַרפסטו... מיין איך, באַדאַרפט איר, מאַטל, ציִען דער ערשטער... (טראָגט אים אונטער די צוויי עקן פונעם טיכל. מאַטל קאַסאַי קלערט כלומרשט אַ ווײַלע, וואַקלט זיך פאַמעלעך מיט צוויי פינגער באַם שפּיץ פון עק טיכל און שלעפּט אַרויס אַ קניפּל. ביילקע באַהאַלט דאָס טיכל).

מ אַ ט ל ק אַ ס אַ י : (טרייסלט אָפּ די הענט, קוקט אָף קאַפּלען מיט אַנטשולדיקונג). נו?

ק אַ פּ ל פּ אַ ל ב אַ ן : (בלאַס, זיפצט אָפּ. צו מאַטלען). דײַן גליק... לאָז גאָט געבן... (קאָן ניט ריידן ווײַטער פון אויפרעגונג. שלינגט די טרערן).

ב יי ל ק ע : איי־פע, קאפל, איך האב זיך ניט געריכט אף אייך... געהאלטן פאר א גוטן פריינט...

מ א ט ל ק א ס א י : (צו ביילקען). קאפל זאגט דען עפעס? אדרבא!...

ק א פ ל פ א ל ב א ן : אדרבא! לאז מיר אנגיין, וואס איך ווינטש אים און אייך ביידן... ס'איז דאך א גורל, א לאטעריע...

מ א ט ל ק א ס א י : ער זאל געוועזן ארויסציִען, וואלט ער...

ק א פ ל פ א ל ב א ן : איך זאל געוועזן ארויסציִען, וואלט איך... איך ווינטש אייך, איר זאלט אייך עלטערן אין... אין... אלדאס גוטס.

מ א ט ל ק א ס א י : אמן! קום אהער, לאמיר זיך צעקושן. (נעמען זיך ארום, מאטל מיט קאפלען, און צעקושן זיך.)

ק א פ ל פ א ל ב א ן : דעם אמת אויב איר ווילט וויסן, האט מיר דאס הארץ געזאגט שוין לאנג, אז דער גליקלעכער וועט זיין מאטל, ניט איך... ווי קום איך? איך בין פון תמיד אן א שלים־מזל... שלים־שלים־מזל... און איך האב צו קיינעם ניט קיין טענות... גאט איז מיין עדות, ווי איך האב אייך ליב געהאט, ביילקע, און האב אייך ליב נאך אצינד.. און וואס פאר א גוטער פריינט איך בין צו מיין חבר מאטל... איך זאג אייך נאכאמאל, אז וואס איך ווינטש אייך ביידן, מעג עס מיר אנגיין כאטש האלב... איי, איך האב געהאט א שטיקל האפענונג — בין איך ניט שולדיק. איך בין דאך ניט מער ווי א מענטש... איך האב אבער אין זינען געהאט אויך די אנדערע זייט, אז טאמער חלילה לאזט זיך אויס מיט א בוידעם — אזוי פאר איך גלייך אוועק קיין אמעריקע. א סימן האט איר...(צעשפיליעט זיך, ציט ארויס פון בוזעם־קעשענע א ביכל). אט האב איך מיר צוגעגרייט א פאס... (מאטל קאסאי און ביילקע קוקן זיך איבער. ביידע זיינען געריִרט).

ב יי ל ק ע : צו וואס אזוי ווייט, אזש קיין אמעריקע? בלייבט דא, און לאמיר זיין גוטע פריינט.

מ א ט ל ק א ס א י : פארגעס ניט קאפל, ווער עס בעט דיך...

ק א פ ל פ א ל ב א ן : מירן נאך האבן א ישוב... דערווייל בין איך נאך א היגער און באדארף פריִער פראוועזן אייער חתונה. איך בין דאך עפעס א מחותן... פון חתנס צד.

ב יי ל ק ע : ניין, פון כלהס צד.

מ א ט ל ק א ס א י : פון ביידע צדדים.

ק א פ ל פ א ל ב א ן : פון ביידע צדדים. (הערט זיך צו). מע גייט, מע גייט... (עס קומט איינס נאך דאס אנדערע א מנין יידן פון אלערליי מינים — מיט היטלען און מיט קאפעלושלעך, מיט לאנגע קאפאטעס און מיט קורצע ווייטיקלעך. — איינער מיט גראבע פאות און מיט א ירמלקע אונטערן ווייכן קאפעלוש, אונטערגעבונדן מיט א רויטע פאטשיילע, — שפילט די ראל פון א רב. — נאך איינער האלט א פלעשל מיט א גלעזל — ער וועט דאס זיין דער שמש. פיר אנדערע יידן האלטן

די פיר שטאַנגען, פון אויבן אַ גרינע שאַל מיט אַ באַכראָמאַ, — דאָס וועט זײַן די חופּה. אַ פּאָר ווײַבער האָבן זיך אויך אַרײַנגערוקט, שטייען פונדערווײַטן מיט פרומע פּנימער גרייט צו ענטפערן „ברוך הוא וברוך שמו אמן". אויך ייִנגלעך קונדייסים זײַנען געקומען אָנקוקן אַ שטילע חופּה און אפשר כאַפּן אַ שטיקל לעקעך).

קאַפּל פּאַלבאַן: (טוט אַ ווונק צום ייִדן, וואָס שפּילט די ראָליע פון אַ רב). נו?

דער ייִד: (צו קאַפּלען). נו־נו! (טוט אַ ווונק צו איינער פון די ווײַבער, זי זאָל נעמען די כּלה. — יענע גייט צו צו ביילקען, נעמט אַרויס אַ געלע פּאַטשיילע).

די ייִדענע: ווער איז דער חתן? (רופט צו קאַפּלען).

קאַפּל פּאַלבאַן: (ווײַזט אָף מאָטלען). דער חתן איז — ער.

מאָטל קאַסאַי: (גייט צו). דאָס בין איך.

די ייִדענע: (גיט אים די געלע פּאַטשיילע). אָט מיט דער פּאַטשיילע, זײַט מוחל, דעקט איבער דער כּלה דאָס פּנים, דאָס וועט זײַן דאָס באַדעקנס. (מאָטל נעמט די געלע פּאַטשיילע, גייט צו פּאַמעלעך צו ביילקען און דעקט איר איבער דאָס פּנים. די ייִדענע נעמט ביילקען פאַר אַ האַנט, טוט אַ ווונק צו קאַפּלען, ער זאָל נעמען דעם חתן פאַר אַ האַנט. ער פירט זיי אַרונטער דער חופּה).

דער ייִד: (צום חתן). אי־אַ? טבעת?... (דער חתן פאַרשטייט ניט).

די ייִדענע: אַ רינגל, אַ פינגערל, אָף מקדש זײַן...

קאַפּל פּאַלבאַן: (טוט זיך אַ כאַפּ צו די קעשענעס). אַ פינגערל? ס'איז דאַ, ס'איז דאַ... אַלצדינג האָב איך באַדאַרפט אין זינען האָבן... יעדע זאַך באַזאָרגן... אפילו אַ קידושין פינגערל... (ציט אַרויס אַ פּאַפּירל פון קעשענע, וויקלט אַרויס פון דאָרט אַ גאָלדן רינגל, גיט דאָס איבער צו מאָטלען)

דער ייִד: (צו מאָטלען). טו אָן דאָס פינגערל דער כּלה און זאָג מיר נאָך איטלעכס וואָרט! (זאָגט. מאָטל זאָגט אים נאָך). „הרי את... מקודשת לי... בטבעת זו... כּדת משה וישראל"... מזל טוב!

דער עולם: מזל טוב! מזל טוב! (קאַפּל פּאַלבאַן און מאָטל קאַסאַי כאַפּן זיך אַרום און קושן זיך — אין דעם סאַמע רעכטן טומל עפנט זיך די טיר און עס רײַסן זיך אַרײַן: שימעלע סאַראַקער, עטיע־מעניע און סאַלאָווייטשיק דער שדכן מיט זיי. עס ווערט אַ סומאַטאָכע).

ביילקע: (פאַלט צו צו מאָטלען אָף די הענט). דער טאַטע!... די מאַמע!...

שימעלע סאַראַקער: (קוקט זיך אַרום, דערקענט ניט די טאָכטער אונטער דער געלער פּאַטשיילע). וווּ איז זי ערגעץ? וווּ איז מײַן קינד? וואָס שווײַגט איר, ייִדן? עמד!...

עטיע־מעניע: דו הערסט דען ניט איר קול?

סאַלאָווייטשיק: (שטופּט זיך דורך). פּאַזוואָלטיע!... איזוויניטיע, גאָספּאַדאַ! אָט דאָס איז זי דאָך! (רייסט אַרונטער די גאָלע פּאָטשיילע פון ביילקעס פּנים). זאַמעטשאַטעלנאַ! דאָס איז אַ מעשה, וואָס טשטאָ ניבוד אסאָבענע!...

שימעלע סאַראַקער: (דערזעט ביילקען. לאָזט זיך צו איר מיט אָפענע אָרעמס). טעכטערלעך מײַנע טײַערע! אַבי דו לעבסט און מײַנע אויגן זעען דיך! (ביילקע פאַלט אים אין די הענט אַרײַן. ביידע וויינען).

עטיע־מעניע: (פאַרברעכט די הענט, פאַלט אַף אַ שטול, שאָקלט זיך און וויינט, לייענענדיק מיט אַ ניגון פון תחינות). ווי איז מיר און ווינד איז מיר! אַ דונער איז מיר און אַ בראָך איז מיר! צו וואָס מיר האָבן זיך דערלעבט און וואָס מיר זעען מיט די אויגן! מיט וואָס האָבן מיר זיך פאַרזינדיקט בײַ גאָט, אַז אונדזער קינד זאָל אונדז אַזוי פאַרשוואַרצן דאָס פּנים? וואָס טוט זיך דאָ און מיט וועמען וויל זי דאָס גיין צו דער חופּה, פאַרוויסט און פאַרפינצטערט בין איך געוואָרן?!...

סאַלאָווייטשיק: (האָט שטילערהייט געכאַפּט אַ פּאָר ווערטער מיט די ייִדן און געוואָרן גענוויירע אין איין מינוט אַלצדינג. — צו עטיע־מעניען). איזווינימיע, מאַדאַם! איר ווייסט גאָרניט וואָס איר רעדט. אײַער טאָכטער האָט שוין חתונה געהאַט נאָרוואָס... מיט אָט דעם יאַט... (ווײַזט אַף מאָטלען). אײַך קומט מזל טוב!...

עטיע־מעניע: (פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אַף צו חלשן). אוי, אַ דונער איז מיר! אוי, אַ שלאַק איז מיר! אַ קויל האָט מיך געטראָפן! אַ שפּיז אין האַרצן אַרײַן!...

שימעלע סאַראַקער: שאַ! שטיל! גענוג דיר צו לייגן קנייטלעך! נאַרישע קלאָגמוטער! בהמה וואָס דו ביסט! דײַן קינד זאָל געווען חלילה שטאַרבן, אָדער אוועקשמדן זיך, וואָלט געווען בעסער? הערט נאָר אַן אומגליק — איר טאָכטער האָט חתונה געהאַט פאַר איר גלײַכן, גענומען אַ שנײַדער, אַז אמתן עמד — איז איר ביטער! (צו דער טאָכטער). ווער איז דײַן באַשערטער? (ווײַזט אַף מאָטלען און אַף קאָפּלען). דער? צי יענער? איך בין נאָך ניט קלאָר אַקוראַט...

קאָפּל פּאַלבאַן: (ווײַזט אַף מאָטלען). ער איז דאָס דער גליקלעכער... מיר האָבן געוואָרפן גורל...

שימעלע סאַראַקער: (איבערראַשט). וואָסער גורל?

קאָפּל פּאַלבאַן: אַזוי ווי מיר ביידע זײַנען געווען פאַרליבט, האָבן מיר געצויגן קניפּלעך, האָט ער אַרויסגעצויגן, הייסט עס, איז ער זוכה בגורל.

סאַלאָווייטשיק: זאַמעטשאַטעלנאַ! האָב איך אײַך ניט געזאָגט, אַז איינער פון די צוויי וועט נעמען אײַער טאָכטער? איך זאָל שוין טאַקע אַזוי לעבן מיט אײַך און מיט אײַער ווײַב!...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : וואָס־זשע האָט מען נאָך באַדאַרפט אַנטלויפן? האָט איר דאָך געקענט זאָגן מיר, וואָלט דאָך עס געווען שיין און פיַין און שאַ און עמד...

מ א ט ל ק א ס א י : ווער האָט געקאָנט מיט אַיַיך ריידן?

ב יי ל ק ע : נאָך דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן, זינט דו האָסט אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס...

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : וואָסערע לאָקשן? וואָסערע פּלוימען? אויס אומגליק! אויס גרויסער געווינס! מע האָט צוגענומען, אויסגעצאַפּט, אויסגעמאַנטאַטשעט און אויסגעכמאַליעט אינגאַנצן ביז דער לעצטער פּרוטה. ניט געלאָזט, איר זאָלט זאָגן, אַפילו אַ סימן. געבליבן דער אייגענער עמך, וואָס געווען...

ב יי ל ק ע : (איבערראַשט). ווער איז דאָס געווען? ווו? ווען?

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : אַט יענע צוויי שלים־מזלען, וואָס פון מרעיאַטער...

ב יי ל ק ע : ווינדאַרטשוק און רובינטשיק? וויאַזוי איז דאָס געשען?

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : וויאַזוי ס'איז געשען, איז פאַרפאַלן... צוגענומען ווי מיט די הענט און אַוועק ווו דער וויַיסער פעפער וואַקסט... קיין האָן האָט אַפילו ניט געקרייט... און אפשר מיינסטו, אַז ס'האָט זיך מיר ניט געחלומט פריַער מיט אַ נאַכט אַ בייזער חלום? ס'זאָל נאָר אויסגיין אַף זייער קאָפּ, רבונו של עולם!

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : אָמן!

ד י ווי ַי ב ע ר : (מאַכן אַ פּרוש פּנים). אָמן, ברוך הוא וברוך שמו!

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : נאָר גענוג. כאַפּט זיי דער וואַטנמאַכער! אַבי מיַין קינד האָט זיך מיר אָפּגעזוכט, בין איך צופרידן, הייב איך אויף די הענט צו גאָט און זאָג: גם זו לטובה!...

ע ט י ע ־ מ ע נ י ע : אָמן!

ד י ווי ַי ב ע ר : (פּרוש). אָמן, ברוך הוא וברוך שמו!..

ש י מ ע ל ע ס א ר א ק ע ר : איַי, וואָס איך בין געבליבן אַז פאַדעם? — ס'האָט מיך גאָט געשטראָפט דערפאַר, וואָס עס האָט זיך מיר פאַרוואָלט ווערן אַ מיליאָנטשיק... און יחוס האָט זיך מיר פאַרגלוסט... דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט, איך בין געווען שיכור... עפּעס ווי אַטשאַדעט... איצט איז אַרויס דער טשאַד, האָב איך זיך אויסגעניכטערט, זע איך, אַז איך בין געווען אַ נאַר און אַז איך בין ווערט שמיץ... (צום עולם). ייִדן! איר האָט געהערט מן הסתם, אַז אַן אָרעמער שניַידער האָט אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס, די צוויי הונדערט טויזנט? דאָס בין איך. שימעלע סאַראַקער איז מיַין נאָמען... די צוויי

הונדערט טויזנט זײַנען אויסגערונען, אוועק מיטן ווינט און מיטן רויך, און שימעלע איז צוריק דער אייגענער עמד, וואָס געווען... איצט איז באַ מיר אַ שמחה, אַ יום־טוב, — מײַן טאָכטער האָט חתונה געהאַט למזל — ווו איז דער לעקעך און בראָנפֿן? לאָמיר נעמען צו קאַפּעלעך משקה און טרינקען לחיים פֿאַר אונדזער פֿאָלק, שער און אײַזן עמד!...

קאַפּעלבאַן: (טוט זיך אַ וואָרף צו די פֿעקלעך מיט די שקאַרמוצן. בינט אויף און לייגט אויס אַפֿן טיש). אַט דאָ איז פֿאַראַן אַלצדינג, אי צו טרינקען, אי צו פֿאַרבײַסן... (ער און דער ייִד, וואָס דינט אַלס שמש, שטעלן אויס אַפֿן טיש די פֿלעשלעך מיט די גלעזלעך).

סאַלאָוויטשיק: (נעמט אָפּ זיך די ראָל פֿון אַ סאַרווער און פֿון אַ טאַסטמײַסטער און באַזעצט צום טיש גאַנץ אויבנאָן חתן־כלה, דערנאָך די מחותנים שימעלען מיט עטיע־מעניען). איזוויניטיע, אײַך קומט דער אויבנאָן. (צו די ייִדן). עולם! צום טיש! (צו קאַפּלען). התנם צד! גיס אָן די גלעזלעך! (צו די ווײַבער). ווײַבער! נעמט לעקעך, מאַכט מזונות! (טיילט זיי אויס לעקעך, לייגט אַליין אויך אין מויל אַרײַן. ווײַזט אָף די קינדער). און גיט די ממזרים אויך צו שטיקלעך לעקעך — ס'אַ מצווה! און ס'איז טאַקע גוטער לעקעך אויך — טשטאַ ניבוד זאַ־מעטשאַטעלנאַ! (קײַט). לחיים, חתן־כלה! לחיים, מחותנים!, לחיים, מחור־תנתמע! לחיים חתנם צד און כלהם צד! און לחיים, ייִדן אַלע! לאָמיר זײַן געזונט און טאַנצן אָף פֿרעמדע און אָף אייגענע חתונות! (טרינקט. אַלע באַגעגענען זיך מיט די גלעזלעך און טרינקען און פֿאַרבײַסן).

שימעלע סאַראַקער: ישקני — הערט־זשע מיך אויס, ייִדן, די מעשה דערפֿון איז אַזוי: באַ מיר איז הײַנט אַ צוווייענדיקער יום־טוב. ערשטנס, וואָס סע האָט זיך אָפּגעזוכט מײַן קינד, מײַן בת־יחידה, מײַן אויג אין קאָפּ. זײַן זאָל זי מיר געזונט און שטאַרק און זאָל מיך איבערלעבן!

עטיע־מעניע: אָמן!

די ווײַבער: (מיט אַ פֿרומע מינע). אָמן, ברוך הוא וברוך שמו!

שימעלע סאַראַקער: דאָס אַנדערע, וואָס זי האָט זיך באַהעפֿט מיט איר גלײַכן און האָט זיך אויסדערוויילט אַ מאַן פֿון אונ־דזער פֿאָלק, שער און אײַזן עמד, ניט געוואָלט הערן אַפֿילו פֿון יענעם פֿיפֿערנאָטער דעם ריסטעקראַט, וואָס האָט זיך צוגעשמיכלט צו די פֿופֿ־ציק טויזנט, וואָס איך האָב געהאַט בדעה איר צו געבן נדן און וואָס די צוויי ממזרים, זשוליקעס און אַפּעריסטן האָבן באַ מיר אויסגעמאַנטאַ־טשעט מיט נאָך הונדערט טויזנט — די כפּרה זאָלן זיי זײַן מיטן געלט פֿאַר מיר און פֿאַר אײַך און פֿאַר כל ישראל.

עטיע־מעניע: אָמן!

די וויַבער: (פרום). אָמן, ברוך הוא וברוך שמו!

שימעלע סאַראַקער: וויבאַלד אַזוי, באַדאַרף מען נאָך מען נאָכאַמאָל צו קאַפּלעך לחיים לכבוד דעם פאָרפּאָלק און לכבוד זייערע פריַינט און גוטע פריַינט און לכבוד אַלע אונדזערע עמך... (באַגנוגט זיך ניט די גלעזלעך, טרינקט. אַלע טרינקען מיט). און נאָר אַ באַזונדער לחיים וויל איך טרינקען צו דעם, וועלכן מיַין טאַכטער האָט אויסדער־ווילט. (צו מאָטלען). לחיים, מאָטל! לאָז גאָט געבן, אַז דיַין „זכה בגורל" זאָל זיַין מיט מער גליק און מיט מער אַריכת־ימים, ווי מיַין „זכה בגורל" איז געווען!

עטיע־מעניע: אָמן!

די וויַבער: (פרום). אָמן, ברוך הוא וברוך שמו! (שימעלע און מאָטל צעקושן זיך).

שימעלע סאַראַקער: (שוין גאָר פריילעך). ישקני — הערט מיך אויס, ייִדן! אַז גאָט האָט אַזוי געפירט, מיר זאָלן זיך באַגע־גענען מיט איַיך אָט אַ דאָ אָף אַזאַ שמחה, איז אַ יושר, מיר זאָלן זיך מאַקע פרייען, כאַפּן אַ טענצל, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. מירן זיך נעמען פאַר די הענט, איר וועט מיר העלפן זינגען, און מיר וועלן כאַפּן אַ טענצל, דאָס הייסט, גיין דעם אמתן עמך . . . (דער עולם שטעלט זיך אַוועק אַרום דעם מחותן, פלעסקען צו מיט די הענט, כאַפּן אונטער אַ פריילעכן ניגון, און עס וואַקסט אויס דער ייִד, וואָס האָט מסדר קידושין געווען, און צו דעם נאָך אַ ייִד, און ביידע לאָזן זיך טאַנצן).

סאַלאַווייטשיק: (שטעלט אָפּ דעם ערשטן ייִדן). פּעטער! ווער זיַיט איר?

דער ייִד: (טאַנצנדיק). איך בין דער ייִד, וואָס כ'האָב מסדר קידושין געווען.

סאַלאַווייטשיק: און ווער איז דער אַנדערער? (וויַיזט אָן אָפן צווייטן, וואָס טאַנצט).

דער ייִד: (טאַנצנדיק). נלאַט אַ ייִד.

שימעלע סאַראַקער: זייער נערעכט. דאָס איז אַ בראַ־ווער ייִד! פון די אמתע עמך!... (פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און גייט אַ פריילעכס).

סאַלאַווייטשיק: און וווּ בין איך? (ער האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל און לאָזט זיך אָקעגן אים. ביידע שטיַיגן איבער איינס דאָס אַנ־דערע אין טאַנצן, וואָס גייט אַלע מאָל שטאַרקער און לעבעדיקער. ביז עס רייַסט זיך אַריַין אין דעדל אויך די ייִדענע, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון צו אונטערפירערן, און גייט אַ „קאַזאַטשקע", מאַכנדיק מיט דער גלעזער פּאַטשיילע איבערן קאָפּ אַלערליי מאַניפּולאַציעס. — קאָפּ פּאַלבאָן קאָן זיך ניט באַהערשן און טאַנצט אויך אין קאָן, מאַכט פּרי־

סיאַדקעס. — אַלע זינגען, אַלע פּלעסקען. העכער פון אַלע הערט זיך שימעלעס קול).

שימעלע סאַראַקער: שטאַרקער, ייִדן! לעבעדיקער! לעבעדיקער! עמד, שער און אײַזן אונדזער פאָלק — עמד!!!...

פאַרהאַנג לאַנגזאַם.

געשריבן אין יאָר 1915.

# קאָמעדיעס

## אינהאַלט

די אַסיפה — — — — — — — — — — — — — — 175
יקנה"ז — — — — — — — — — — — — — — — 189
מזל טוב! — — — — — — — — — — — — — — 261
פאַרביטן די יוצרות — — — — — — — — — — 283
אַגענטן — — — — — — — — — — — — — — 301
קעניג פּיק — — — — — — — — — — — — — 315
שראַגע — — — — — — — — — — — — — — 327
עולם־הבא — — — — — — — — — — — — — 343
מיסטער בוים אין קלאָזעט — — — — — — — — 355
אינצווייען אַ זעקס־און־זעכציק — — — — — — — 361

# די אסיפה

א „ריינע קאמעדיע"

## די נעמען פון די פארשוינען:

ר א ב י נ ע ר, נאר נאר א יונגערמאן, געענדיקט 4 קלאסן, טראגט בלויעברילן.
ר א ב י נ ע ר ש ע, זײַן ווײַב. א יונג ווײַבל.
**ב ר ו ך - ה ע ר ש, א בעל־הלוואה. ניט נאר קיין יונגערמאן, אבער אויך ניט קיין**
אלטער ייִד. רײַבט זיך צווישן יונגע לײַט.
ש מ ח ה, א נגידישער יונגערמאן. האלט די טאקסע.
א ב ר ה מ ל, א יונגערמאן א „משכיל". גיט וואכער.
א ה ר צ ע, נארוואס פון קעסט. שטופט זיך צו די גרויסע.
ב נ צ ע, זיצט נאך אף קעסט. קוקט אהרצען אין די ציין ארײַן.

מ א ט ל
י ע נ ק ל
י ו ס ל
ה ע ר ש ל — בחורים, וואס לייענען גאזעטן.
ב ע ר ל
א נ ש ל
א י צ ל

ל יי ב ק ע, א שמש.

די סצענע קומט פאר אינעם סוף פונעם נײַנצנטן יארהונדערט, אין א קליין שטעטל, פונקט צווישן מ א ק א ר ע װ ק ע און צווישן ס ט ר י ש ט ש, אין דער סביבה פון מ א ז ע פ ע װ ק ע, באם ראבינער אין שטוב, שבת־צו־נאכטס נאך הבדלה.

[דער עולם גייט אַרום איבער דער שטוב. מע רייכערט, מע רעדט. עס איז אַ געפּילדער ביזן הימל. דער ראַבינער זעצט זיך אַוועק באַם טיש.]

ר אַ ב י נ ע ר : ששששאַ! שאַ! איך בעט מײַנע ליבע געסט זיך זעצן אַרום טיש און אויסהערן קודם כל דעם „דאַקלאַד", וואָס איך וועל איַיך דאַ פּאַרלייענען, בכדי מיר זאָלן זיך קאָנען גוט פאַרשטיין, צו וואָס האָבן מיר זיך דאָ צונויפגעקליבן. זעצט זיך, זעצט זיך. (נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר פון דער זײַט־קעשענע און לייענט). „היות..."

ש מ ח ה : ראשית חכמה, איך זעט דאָך עפּעס, ווי זאָגט ער, אַ ראַבינער באַ אונדז; הייסט דעם שמש, לאָזט ער אָקאָרשט ברענגען דעם ביטערן טראָפּן און טאַקע פאַרבײַסן אויך.

ר אַ ב י נ ע ר : (צום שמש). רב לייב! ווייסט איר וואָס? טוט אַ שפּרונג אַף איין פוס... שאַ! (צום ווײַב). קום נאָר אַהער, מײַן האַרץ! הערינג האָסטו דאָך מסתמא? היים, נשמה מײַנע, דערווײַל צוגרייטן פאַר־בײַסן און...

ב ר ו ד ־ ה ע ר ש : איך האָב געמיינט — אי־פע, אַ חרפה, אַ בושה, כ'לעבן! נאַ דיר גאָר הערינג אין מיטן שבת־צו־נאַכטס! באַ לײַטן האָב איך געזען אַף אַן אסיפה...

אַ ב ר ה מ ל : ע! שלאָגט־זשע ניט איבער אינמיטן! מע לייענט דאָך עפּעס, דאַכט זיך, האַ?

ש מ ח ה : מאָלט אײַך, קיין עוולה וואָלט ניט געווען, אַז די רביצן זאָל געווען צוגרייטן אַ באָרשטשל, אָבער אַזוי, אַ וואַלכעש טאַקע, ווי זאָגט ער...

ר אַ ב י נ ע ר ש ע : אָט האָסטו דיר די אַנדערע טעג יום־טוב, מאַמער איז קאַרג! ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז פּלוצעם, אינמיטן מיטוואָך שבת־צו־נאַכטס...

ר אַ ב י נ ע ר : שאַ! שלאָג־זשע ניט איבער, מאַמעטשקע! זעסט דאָך, אַז מע טוט עפּעס! (לייענט ווײַטער). „היות..."

ל יי ב ק ע : נו, ווער גיט געלט? מע באַדאַרף דאָך עפּעס געלט אַף משקה, צי ניין?

ב ר ו ד ־ ה ע ר ש : נו, יונגעלײַט, וואָס שווײַגט איר?

אַ ה ר צ ע : חברה בחורים, רוקט זיך אָקאָרשט אַרויס מיט די מזומנים!

ב נ צ ע : מיט די מזומנים אָקאָרשט!

ב ח ו ר י ם : (אַלע אײַנאײנעם). לאָמיר שוין הערן עפּעס! מיר זײַנען ניט געקומען אַהער בראַנפן טרינקען. מע טוט דאָך עפּעס אין אַ

עניין! לאָז מען אָפּלייענען, וועט מען נאָכדעם האַרצן וואָס, ווער, וועמען! (מע רוקט אַריין דעם שמש עטלעכע זילבערנע מטבעות).

ר א ב י נ ע ר : (הוסט און לייענט). „היות...״

ר א ב י נ ע ר ש ע : ניטאָ קיין הערינג, אויסגעגאַנגען! וואָס טוט מען?

ר א ב י נ ע ר : נו, קויפט מען, אַז ס'איז ניטאָ! אָבער לאָז צורו! שוין וויפל מאָל אָנגעהויבן — אַ מעשה אַז אַן עק! (לייענט). „היות... כפי אַזוי ווי היינטיקע צייטן אַט דאָ זעען מיר ייִדן נעבעך מוטשען זיך פּשוט, ווערן אויסגעריסן...״

ב ר ו ד ־ ה ע ר ש : וואָס לייענט ער דאָס?

ש מ ח ה : ווייס איך! אַ „רעטש״, אַפּנים.

א ה ר צ ע : שאַ! לאָז זיין שטילער אַ ביסל! מע לייענט דאָך עפּעס!

ב נ צ ע : איר זעט דאָך, אַז מע לייענט, זעט איר דאָך!

ב ח ו ר י ם : (אַלע). שאַ! ששאַ! ששששאַאַ!

ר א ב י נ ע ר : (הוסט און לייענט). „היות...״ ניין, ווו האַלט איך? יאָ... „אויסגעריסן, קיין פּרנסה איז ניטאָ, מע שלאָגט, מע יאָגט, מע רייסט, מע בייסט, מע סיפּעט, מע ציפּעט — ס'איז שלעכט! מענטשן פאַלן אין די גאַסן, מע גייט אויס פאַר הונגער נעבעך. אומעטום, אין אַלע ערטער, האָבן זיך געפונען, ווי ס'איז אייך באַקאַנט, מענטשן אָרנט־לעכע, געבילדעטע מענטשן, געלערנטע מענטשן, מענטשן, קאָן מען זאָגן, מיט אַ פאַרשטאַנד, מענטשן גוטע, הומאַנע מענטשן, מענטשן וואָס זאָרגן לטובת הכלל, מענטשן וואָס טוען זייער פיל פאַר זייערע אָרעמע ברידער, יעדער העלפט ווי וויַיט מעגלעך, מיט וואָס ער קאָן. מע מאַכט אַסיפות, מע קלייַבט געלט, מע טיילט צדקות — הכלל, מע טוט, מע אַרבעט, מע שלאָפט ניט. אומעטום הערט מען: ק אָ מ י ט ע ט, ע מ י ג ר אַ־צ י ע . . .״

ב ר ו ד ־ ה ע ר ש : יאָ, איך בעט אייך, הער ראַבינער, מאַכט מיך קלאָר, וואָס איז דער עניין פון דער ע׳מ י ג ר אַ צ י ע? איך הער, מע רעדט אַלץ: „עמיגראַציע, עמיגראַציע!״

א ה ר צ ע : אַד, שלאָגט ניט איבער! לאָזט קאָנטשען, וועט איר נאָכדעם פרעגן!

ב נ צ ע : פרעגן וועט איר נאָכדעם פרעגן.

ש מ ח ה : ס'איז דיר נאַר אַן אַקציע מיט אַ ייִדן! יענער פרעגט, ער וויל וויסן — פרעגט ער!

א ב ר ה מ ל : יאָ פרעגן — מע דאַרף דאָך אָבער אויסהערן פריִער! לייענט, לייענט!

ר א ב י נ ע ר : (לייענט וויַיטער). „עמיגראַציע, אַמעריקע, פּאַ־לעסטינע. אומעטום טוט מען לטובת הכלל. אַף די גאַזעטן לייענען מיר: דאָ איז דאָס, דאָרט איז יענץ, חברות זייַנען פאַראַן שוין כמעט אַף דער

גאנצער וועלט — אין מאסקרעווקע, אין קאשפעראוו, אין יאמפעלע. אפילו אין סטרישטש איז אויך דא א חברה. א בושה — אזא שטאט, ווי אונדזער שטעטל איז, ייִדן, אן עין־הרע, אזויפיל, זאלן זיך נאר מערן...״

ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : זאלן זיך מערן? גאר קיין נאר ניט אונדזער־ דאבינער, כ׳לעבן!

א ב ר ה מ ל : בקיצור, ווערטלעך אן א זײַט — מע לייענט דאך עפעס!

ב ח ו ר י ם : (אלע). אבער לאז האבן אן עק! לייענט! לייענט!

ר א ב י נ ע ר : „אזויפיל ייִדן, אן עין־הרע״... המ... המ... איך מיין טאקע באמת... צײַט עפעס אנהייבן צו טאן אונדז אויך, עפעס אין זינען האבן טובת הכלל...״

ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : בכן, נו, איז וואס?

א ב ר ה מ ל : בראש האט איר מער קיין צײַט ניט פון דער גאנ־ צער וועלט!

ב ח ו ר י ם : (אלע). לייענט! לייענט!

ר א ב י נ ע ר : „על כן איז געבליבן בהסכם... בהסכם פון אונ־ דזערע יונגעלײַט און בחורים, משכילים, געבילדעטע, ייִנגלעך וואס האבן ליב השכלה, וואס לייענען א בלאט און וואס ווייסן וואס אף דער גארער וועלט טוט זיך, וואס נעמען זיך אן, וואס פארשטייען, וואס פילן, וואס...״

ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : נו, בקיצור, לאמיר שוין הערן וואס?

א ב ר ה מ ל : האסטו געזען?! א ייִד איז דיר קיין קאטאוועס ניט! האט קיין צײַט ניט א ביסל!

ב ח ו ר י ם : (אלע). נו, לייענט, לייענט!

ר א ב י נ ע ר : „וואס פארשטייען, וואס פילן, וואס גיבן אכטונג, וואס זעען, וואס הערן, וואס ווייסן, ווי ווײַט שלעכט ס׳איז אונדז היינ־ טיקע צײַטן, — לכן איז געבליבן, אז מיר זאלן זיך היינט צונויפקלײַבן; דא בא מיר און אלע אינאיינעם דא עפעס אנהייבן צו קלערן און טאקע טאן אויך עפעס לטובת הכלל, ווי בא לײַטן, בכדי מיר זאלן זיך ניט דארפן שעמען פאר די איבעריקע שטעט ארום און ארום, און מע זאל זען, ראַ־ שית חכמה...״

ש מ ח ה : נו, אדרבה, ס׳איז טאקע א יושר.

ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : איך פארשטיי ניט וואס? ס׳איז בא אונדז דען ניטא קיין חברות? קארג צדקה ווערט צעטיילט בא אונדז א יאר? וויפל פאלט ארײַן בא אונדז מעות חטים? היינט די טאקסע?!...

ש מ ח ה : אך, לאזט צורו! ניט דאס מיינט מען!

ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : וואס דען מיינט מען? לאס איך וויסן.

א ה ר צ ע : איר האט דאך געהערט! אט דאס, וואס דער ראבי־ נער האט געלייענט.

ב נ צ ע : איר האט דאך געהערט וואס מע לייענט וואס!

ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : וואס טויג מיר וואס ער לייענט! הערט צו, וואס איך וועל אייך זאגן!

א ב ר ה מ ל : וואס טויג מיר דאס זאגן אייערס, וואס איר וועט זאגן! איך ווייס פריער, וואס איר וועט זאגן! אייך און שמחהן ליגט אין קאפ די טאקסע. וואס חלומט זיך א הון? — פראסע!

ש מ ח ה : א משל! דאס איז יא, ווי מע זאגט: אז ציבעלע איז ציבולי, און קנאבל קנאבולי... ווער פרעגט דיך ווער?

ב ח ו ר י ם : (אלע). אבער שלאגט ניט איבער! לאזט א יידן ריידן!

א ה ר צ ע : וואס ווערט פון דעם ריידן? מע דארף עפעס טאן!

ב נ צ ע : טאן באדארף מען!

ר א ב י נ ע ר : „און מע זאל זען, ראשית חכמה..."

ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : נו? געלט מסתמא? וואס איז דא פאראן וואס צו טענהן א סך?

ש מ ח ה : הערסטו? געלט? אט דאס מיינט דער פסוק? ס'א קטניות!!!...

א ב ר ה מ ל : נו, און אז געלט, איז וואס? וואס־זשע האט איר זיך דא אזוי דערשראקן?

א ה ר צ ע : מע באדארף אבער באקלערן, וויאזוי געלט? ווי ארום געלט? ס'איז קיין קונץ ניט גלאט אזוי — „זשיד, דאוואי הראשע!" דערויף האבן מיר דאך געמאכט אן אסיפה, אז מע זאל באקלערן דעם ענין אקוראט!

ב נ צ ע : פארשטייט זיך, מע באדארף באקלערן דעם ענין אקו־ראט!

א ב ר ה מ ל : אז מע לאזט אבער ניט ריידן. איינער דעם אנדערן שלאגט איבער, טויג דאך אף כפרות! לייענט, לייענט וויטער!

ב ח ו ר י ם : לייענט, לייענט!

ר א ב י נ ע ר : „באדארף מען זען, ראשית חכמה, אז..."

ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : אז וואס?

א ב ר ה מ ל : הערט שוין אויס א ווײַלע!

ר א ב י נ ע ר : „ראשית חכמה, אז אונדזערע נגידים..."

ש מ ח ה : אונדזערע נגידים?! באלד עפעס — טוט מען זיך א ווארף צו די נגידים!

א ה ר צ ע : איי, לאזט צורו! פארוואס זאלט איר איבערשלאגן אלע מאל?

ב נ צ ע : למאי זאל מען איבערשלאגן למאי?

ר א ב י נ ע ר : „אז אונדזערע גבירים מיט די נגידים מיט די באלעבאטים, מע זאל זיך צונויפליינען, מאכן א..."

ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : נו, דאס האב איך געוווּסט פריער! אויפ־געטאן א נס! פונקט דאס זעלביקע, וואס פאראיארן אין דער צײַט!

אברהמל: א היסטאָריע דיר מיט דעם ייִדן! לאָזט ניט ריידן יענעם א וואָרט!

ברוך־הערש: ווייסט איר וואָס, רב ראַבינער? וואָס טויג די אַלע משא־ומתנם — זאָגט בקיצור, וואָס באַדאַרף מען טאָן?

שמחה: בקיצור? מע באַדאַרף קודם כל אויסקלייַבן דאָ אַף דער אסיפה גבאים, א נאָמן, טשלענעס הייסט דאָס.

אברהמל: טשלענעס? מי ומי ההולכים?

אהרצע: וואָס הייסט ווער? מיר טאַקע אַליין.

בנצע: טאַקע מיר אַליין טאַקע!

שמחה: שאַ! לאָזט זיך דינען! קודם כל דאַרף מען...

מאָטל: ניין! מע באַדאַרף פריִער גוט אָפּקלערן...

יענקל: וואָס אָפּקלערן?

יוסל: דאָס הייסט, אויפשרייַבן דאָס אַלץ אַף פּאַפּיר און...

הערשל: אין סטרישטש איז אַנדערש. דאָרט האָבן זיי פריִער אָנגעשריבן א בריוו קיין פּיטערבאָרג...

בערל: ער דערציילט מיר סטרישטש! איך קום ערשט צו פאָרן פון סטרישטש פאַר יום־טוב, זאָגט ער גאָר דאָס!

אנשל: מילא וואָס איז די נפקא־מינה — צי אַזוי, צי אַזוי?

איצל: ס'א גרויסער חילוק, נאַר! איך וועל דיר ווייַזן דעם לעצטן נומער „המגיד"! (שלעפּט פון קעשענע דעם נומער „המגיד", און צווישן די בחורים ווערט א גערעדערייַ).

ברוך־הערש: לאָז זייַן שטיל, יונגעלייַט! אַז עלטערע ריידן, באַדאַרפן יונגעלייַט שווייַגן.

יענקל: ס'איז א סברה, אַז אין די ענינים האָבן די יונגעלייַט פונקט אַזאַ דעה, ווי די אַלטע ייִדן.

שמחה: אין באָד וועט איר זאָגן א דעה, ניט דאָ. דרך־ארץ!

יוסל: (צו די איבעריקע בחורים). נו, האָב איך דען ניט געזאָגט, ס'וועט אַזוי זייַן?

שמחה: שאַ! ווייסט איר וואָס? אָט הערט אויס. איך וועל אייַך זאָגן נאָר צוויי ווערטער! (קריכט אַפן טיש).

אברהמל: שלשה דברים — צוויי ווערטער אַף פיר זייגער־שעה.

אהרצע: (אַפן טיש). אַז איר ווילט מיך פאָלגן, וועל איך אייַך זאָגן גאָר אַן אַנדער פּלאַן.

בנצע: גאָר אַן אַנדער מין פּלאַן גאָר!

בחורים: (אַלע). נו, אדרבה, זאָגט, זאָגט!

ברוך־הערש: (האַלט צו שמחהן דאָס מויל מיט דער האַנט). לאָז א ייִדן ריידן!

שמחה: (רייַסט אַראָפּ די האַנט און שרייַט). לאָז מען קלייַבן גבאים על־פי גורל!...

אהרצע: ווייס איך וואס — גורל! רעדסט ווי א דולער!
בנצע: ווי א דולער רעדט ער!
אברהמל: ניין, לאז אויסריידן!! האסטו געהערט, ווי מע לאזט ניט ריידן קיין וואָרט? ס'איז דיר נאר א קאמעדיע מיט א ייִדן!
שמחה: סע טויג ניט! דאס בעסטע איז, ווען איר זאלט מיך פאלגן!
ברוד-הערש: פאק איך מיין... איך מיין גאר אן אנדער מין מיין.
ראבינער: לאס איך שוין ארויסזאגן מיין מיין, וועט איר נאכדעם ארויסזאגן אייער מיין!
בחורים: (אלע). דער ראבינער! דער ראבינער לאז זאגן!
ברוד-הערש: וואס וועט ער זאגן? מע ווייס פריִער וואס ער וועט דארפן זאגן: ער וועט זאגן „געלט" — מע ווייס דאס!
אברהמל: וואס טויג מיר מעשיות, רב ברוד-הערש? איר זייט א גוטער נודניק. לאזט אויסריידן א וואָרט, וועט איר אייך נאכדעם זאגן!
ברוד-הערש: מילא, נו, געפועלט, געפועלט! (מאכט צו דאס מויל מיט דער האנט און שווייגט).
ראבינער: „...מע זאל אנהייבן זארגן לטובת הכלל..."
ברוד-הערש: וואס פאר א טובת הכלל? א גאנצע נאכט „טובת הכלל"!
אברהמל: ע! מע האט דאך גערעדט, ס'זאל זיין שטיל!
ברוד-הערש: נו, נו! בקיצור! געפועלט, געפועלט.
ראבינער: „און מע זאל טאקע אנהייבן עפעס טאן אויך לטובת הכלל..."
ברוד-הערש: שא! האסטו געהערט, א ייִד קאן זיך ניט איינהאלטן א מינוט? ס'איז דיר נאר א קאמעדיע און געגוג!
ראבינער: „בכדי מע זאל קאנען עפעס טאן לטובת הכלל, איז ניט דער עיקר די טשלענעס. טשלענעס וועלן זיין געגוג..."
ברוד-הערש: וואס פאר טשלענעס? אן אופראווע בא אייך, צי וואס?
אהרצע און בנצע: נו, לאז זיין גבאים.
בחורים: (אלע). ניין, טאקע טשלענעס! פארוואס ניט קיין טשלענעס טאקע?
אברהמל: בקיצור, טשלענעס, גבאים — ס'א נפקא-מינה א ביסל!
שמחה: וויִאזוי-זשע וועלן מיר דאס קלייבן די גבאים?
אהרצע און בנצע: וואס הייסט, וויִאזוי? מיר וועלן נעמען און וועלן אויסקלייבן טאקע צווישן זיך, אט דא א.

מאטל: ווייסט איר וואס? איך וואלט געזאגט אזוי: איך האב געלייענט יענע וואך אין בלאט, שרייבט דארט איינער...

יענקל: (שטופט אפ מאטלען). שא! ניין, דאס טויג ניט! איך וועל אייך זאגן, וויאזוי!

יוסל: אט האט זיך געפונען א בעל-יועץ — ער וועט זאגן!

הערש: נו, זאג דו, לאמיר הערן, אדרבה!

בערל: פאראן עלטערע דא, לאזן זיי זאגן.

אנשל: (שפרינגט ארויס). עלטערע, יינגערע — זאגן מעג זיך איטלעכער זאגן. דארויף איז דאס אן אסיפה!

איצל: (שלעפט דעם „המגיד"). דער „המגיד" זאגט... אין „המגיד" שרייבט איינער א קארעספאנדענציע...

ברוך-הערש: שבעה דברים בגולם! יונגעלייט האבן דיר קיינמאל קיין צייט ניט!

שמחה: נו, זאגט-זשע איר, וויאזוי?

אברהמל: (אפן טיש). איך וואלט געזאגט גאר אנדערש. מע באדארף גאר בא די עלטערע באלעבאטים ניט פרעגן; זיי מאכן תמיד קאליע. לאמיר אויסקלייבן דא צווישן זיך טאקע גבאים. מיר זיינען דאך אלע דא, לאמיר נעמען אוןווארפן גורל, ווער ס'זאל זיין גבאי, ווער נאמן, ווער א רואה-חשבון...

ברוך-הערש: אלע? נא דיר גאר אלע! גאנץ קעקעלע-קהל? א שיינדעלע!

בחורים: (אלע). פארוואס ניט אלע?

ברוך-הערש: אפשר יונגע צוציקלעך אויך? „יעמוד עם כל הנערים" הייסט דאס?

בחורים: (אלע). פארוואס דען ניט? היינט פירן די וועלט נאר די יונגעלייט. לייענט אפן בלאט, וועט איר זען.

ראבינער: צו וואס טויג דאס שפארן, וואס איר שפארט זיך דא, אז איר ווייסט נאך גארניט וואס און ווען? וואס וועט ארויס-קומען פון גבאים, אז מיר האבן קיין געלט ניט?...

אהרצע: ניין, סע טויג ניט אזוי!

בנצע: אזוי טויג עס ניט!

אברהמל: פארוואס? פארוואס טויג ניט? האסט נאך גאר ניט געהערט, און זאגסט שוין, אז סע טויג ניט? ס'איז א ריינע קא-מעדיע!

שמחה: (אפן טיש). פאלגט-זשע איר מיך, וואס איך וועל אייך זאגן!

ברוך-הערש: (שלעפט אים). לאזט-זשע זיך דינען! הערט וואס איך וועל אייך זאגן!

שמחה: (רייסט זיך אויס). ניין, שמעני, הערט מיך צו!

ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : (כאַפּט שמחהן פאַר אַ האַנט). וואָס איז פאַר אַ הפקרות — ניט לאָזן יענעם אויסריידן אַ וואָרט, האַ?

ש מ ח ה : ווער לאָזט אײַך ניט ריידן? רעדט אײַך געזונטערהייט!

ב ר ו ך ־ ה ער ש : לאָז מען קודם כל אויסקלײַבן גבאים פון די עלטערע יונגעלײַט, וואָס זײַנען דאָ.

א ה ר צ ע : וואָס עפּעס פון די עלטערע גראַד?

ב נ צ ע : באַלד עפּעס די עלטערע?

ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : איטלעכער בעל־דרשן דרשהט פון זײַנעטוועגן.

א ב ר ה מ ל : ס'איז דיר אָבער טאַקע נאָר אַ ריינע קאָמעדיע! לאָזט מיך אויסריידן, נאָכדעם וועט איר אײַך זאָגן וואָס איר ווילט!

ר א ב י נ ע ר : (שטייט אויף, טוט אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבערן טיש). שאַט! עטלעכע ווערטער, ניט מער! וואָס האָבן מיר זיך דאָ צונויפגעקליבן? זיך קריגן? שרײַען? פּילדערן? צי טאַקע עפּעס אײַנזינען האָבן אַן ענין, האַ? איך האָב געמיינט, אַז מיט יונגעלײַט קאָן מען עפּעס מאַכן, צום סוף — ווער? וואָס? נאָך ערגער ווי מיט עלטערע מענטשן! וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאָס? — פרעג איך אײַך! אַ פרעמדער מענטש זאָל שטיין דאָ בײַ דער זײַט, וואָלט ער דאָך פון אונדז חוזק געמאַכט, באַשריבן אַף די גאַזעטן!

ב ח ו ר י ם : (אַלע). גערעכט, גערעכט!

ש מ ח ה : באַשרײַבן אַף די גאַזעטן? (קוקט אַף איצלען). אַנו, לאָז זיך נאָר עמעצער פרוּוון פון אונדזערע בחורימלעך באַשרײַבן דאָס אַפן בלאַט!

א י צ ל : (שפּרינגט אַרויס). וואָס־זשע האָט איר אַזוי אָנגעשראָקן? אַז מע וועט וועלן, וועט מען אײַך טאַקע באַשרײַבן פון קאָפּ ביז די פּיס, אַז איר וועט זיך מיט קיין צען וואַסערן ניט אָפּוואַשן!

ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : (צו איצלען). אַה, דו שנעק איינער! די נאָז וויש אָפּ! וואָס זאָגסטו אַף זײַן טאַטן דעם אָנזעצער?! ער וועט אונדז באַשרײַבן אַף די גאַזעטן! אַ שרײַבער געוואָרן גאָר! אין חדר אַרײַן, דו שקאָץ איינער!

מ א ט ל : (צו איצלען). מיט אַ פּראַצענטניק שטעלסטו זיך אַוועק אויסטענהן! דו קענסט זיי ניט — די פּאַנאַטיקער, די פּיאַווקעס?!

ש מ ח ה : די פּיאַווקעס? אַה, דו שייגאָץ איינער, עזות־מחוצף־פּנים! אַ ייִדן מיט אַ באָרד שטעלסטו זיך זידלען? דו מיינסט, סע איז די טאַקסע, וואָס איר האָט זי באַשריבן אַפן בלאַט?! (עס ווערט צווישן עולם אַ סומאַטאָכע. דער ראַבינער האַלט זיי אײַן).

ר א ב י נ ע ר : אין גאָטעס ווילן! עס וועט דאָך זײַן אַ חרפּה, אַ בושה פאַר לײַטן, אַז מיר וועלן זיך אַזוי צעגיין! מע וועט זאָגן: יונגעלײַט האָבן קיין שכל ניט פון דאַנען אַהין. האָבן מיר זיך שוין צונויפגעקליבן, באַדאַרפן מיר עפּעס מתקן זײַן.

אברהמל: נו, אדרבה, נו? לאָז מען עפּעס טאָן!

אהרצע: (צו ברוך־הערשן מיט שמחהן). איר זײַט דאָך עפּעס עלטערע! נו, זאָגט איר, לאָמיר הארבן.

בנצע: נו, אדרבה, נו, לאָמיר הארכן לאָמיר.

ברוך־הערש: האָב איך דאָך אײַך געזאָגט! נו, מישן זיך אַרײַן די יונגלעך אינמיטן. איך זאָג: עס וועט גאָרנישט זײַן דערפון, מחמת...

שמחה: ס'איז אַ טעות, רב ברוך־הערש, כ'לעבן, אַ טעות! אַט הערט מיך אויס, וואָס איך וועל אײַך זאָגן.

אהרצע: נו, זאָגט־זשע איר, אַז איר לאָזט יענעם ניט זאָגן.

בנצע: נו, אדרבה, אדרבה?

שמחה: לאָז מען קודם כל קלײַבן גבאים; נאָכדעם וועט מען שוין וויסן וואָס צו טאָן.

ראַבינער: וואָס־זשע, גלאַט גבאים? מע באַדאַרף דאָך פריִער אָפּקלערן אַרום וואָס צו טאָן!

אברהמל: ניין, שמחה איז גערעכט: פריִער באַדאַרף מען קלײַבן גבאים, טשלענעס.

בחורים: טשלענעס, טשלענעס!

אהרצע: מי ומי הטשלענעס?

בנצע: ווער זײַנען די טשלענעס ווער?

ראַבינער: טשלענעס וועלן זיך געפינען. ניט דאָס איז דער עיקר. איך האָב געוואָלט פריִער איבערלייענען אײַך דעם דאָקלאַד...

ברוך־הערש: ווידער „דאָקלאַד"? ער האָט דאָס צו טאָן מיטן דאָקלאַד!

אברהמל: אַבער שלאָגט ניט איבער! ס'איז דיר נאָר אַ קאָמעדיע און געגוג!

בחורים: (אַלע). לאָזט ריידן דעם ראַבינער אַ וואָרט. וואָס טוט זיך דאָ?

ראַבינער: איך וואָלט געזאָגט אַזוי. קודם כל, אַזוי ווי מיר זײַנען אַלע דאָ, וואָלט געווען אַ יושר, אַז...

ברוך־הערש: דברים בטלים!

ראַבינער: (קוקט אָף דער ראַבינערשע, בשעת יענע גרייט צום טיש, שטעלט בראָנפן מיט פאַרבײַסן). אַ ריינער אומגליק! מע לאָזט ניט אויסריידן קיין וואָרט! אָף ריידן איז איטלעבער אַ בעלן, נאָר הערן וויל קיינער ניט... איז דאָס ניט קיין קאָמעדיע? זאָג שוין דו אַליין, נשמה מײַנע!

ראַבינערשע: (קנייטשט מיט די פלייצעס). אַ ריינע קאָמעדיע!

שמחה: (קריכט אָפן טיש). מיר האָבן דאָ אַ גבאי, אַ נאָמן, אַ קאַזנאַטשיי מיט טשלענעס. וואָס באַדאַרף מען נאָך?

אַ ה ר צ ע : מי ומי?
ב נ צ ע : ווער איז, ווער?
אַ ב ר ה מ ל : (אויך אויף טיש). שמחה, ברוך־הערש און דער ראבינער זיינען די גבאים, און...
אַ ה ר צ ע : נו, און ווייטער?
ב נ צ ע : און ווייטער וואָס?
אַ ב ר ה מ ל : היינט אַ נאמן... צוויי נאמנים...
ש מ ח ה : טאָקע אהרצע מיט בנצען? נו, און אברהמל?
ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : (שלעפּט אַפּ שמחהן מיט דער האַנט). אַז ס'איז יאָ אַזוי, איז איינער אַ נאמן, דער אַנדערער אַ רואה־חשבון.
ש מ ח ה : (רייסט זיך אויס פון ברוך־הערשס הענט). ניין, צוויי נאמנים און איין רואה־חשבון, אָדער איין נאמן און צוויי רואה־חשבונס: אברהמל דער נאמן און אהרצע מיט בנצען די רואה־חשבונס.
ב ח ו ר י ם : (שטייען אויף). נו? נו?
ר אַ ב י נ ע ר : און די בחורים?
ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : יונגע צאַפּעקלעך.
אַ ה ר צ ע : די בחורים וועלן זיין די טשלענעס.
ב נ צ ע : טשלענעס! טשלענעס!
ש מ ח ה : האָבן מיר, הייסט דאָס, דריי גבאים, צוויי נאמנים, איך מיין איין נאמן מיט צוויי רואה־חשבונס...
ר אַ ב י נ ע ר : ששאַ! וואָס־זשע וועט דערפון? וואָס וועט פון די גבאים מיט די נאמנים מיט די רואה־חשבונס?...
אַ ב ר ה מ ל : (אַפּ טיש אַרויף). און זעקס טשלענעס.
אַ ה ר צ ע : ניין, זיבן טשלענעס; זיבן בחורים — זיבן טשלענעס.
ב נ צ ע : זיבן! זיבן!
ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : (נעמט זיך צום פלעשל מיטן גלעזל). הייסט דאָס, אין אַ גוטער שעה? מעג מען שוין טרינקען לחיים, האַ?
ש מ ח ה : ניין, האָט צייט, כאַפּט זיך ניט! מע באַדאַרף דאָס אַלץ פאַרשרייבן אַף פּאַפּיר, אין אַ בוך אַריינשרייבן.
ר אַ ב י נ ע ר : וואָס פאַרשרייבן? מע באַדאַרף דאָך פריער עפּעס אָפּקלערן וואָס צו טאָן! ניט גלאַט הולאַם־אַף־דער־קאַראַבקע — גבאים, טשלענעס...
ש מ ח ה : אַט דאָס זאָג איך דאָך, אַז מע באַדאַרף דאָס אַלצדינג אַריינשרייבן אין אַ בוך אַריין. מיט וואָס איז אונדזער חברה ערגער פון אַלע חברות?
אַ ב ר ה מ ל : נו, מאַכט מען אַ פּנקס. אַ טייערע מציאה אַ פּנקס מאַכן?
אַ ה ר צ ע : מי ומי המאַכערס?
ב נ צ ע : ווער מאַכט דעם פּנקס ווער?
ש מ ח ה : דערויף זיינען דאָך די בחורים באַשאַפן.

א ה ר צ ע : חברה בחורים, וואָס שווייַגט איר?
ב נ צ ע : וואָס שווייַגט איר וואָס?
מ א ט ל : (צו יענקלען). נו?
י ע נ ק ל : (צו יוסלען). נו?
י ו ס ל : (צו הערשלען). נו?
ה ע ר ש ל : (צו בערלען). נו?
ב ע ר ל : (צו אַנשלען). נו?
א נ ש ל : (צו איצלען). נו?
א י צ ל : (האַלט דעם „המגיד" און איז שטאַרק פאַרטיפט אין די מחשבות). המ... המ... אַאַאַ... (ציילט אָף די פינגער).

ב ח ו ר י ם : (אַלע צו איצלען). וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַר־טראַכט, איצל? אַ שווערע זאַדאַטשע פאַר דיר? וואָס קלעקט דיר אַ פּנקס מאַכן? עס איז בא דיר דאָס ערשטע מאָל, וואָס?

א י צ ל : (אַלץ פאַרטיפט). ניין, ווייס איך... איך קלער אַלץ דעם פּרט... וואָס פאַר אַ פּסוק מע זאָל צוטראַכטן, סע זאָל זייַן ווי געוווּנטשן.

א ב ר ה מ ל : נו, מילא בקיצור, דאָס איז שוין אַ שפּעטערדיקע דאגה! איר מאַכט נאָר אַ פּנקס, סע זאָל זייַן ווי עס געהער צו זייַן, און־דזער חברה זאָל ניט פאַרשעמט ווערן קעגן אַנדערע חברות.

א ה ר צ ע : וווּאַזוי־זשע וועט הייסן אונדזער חברה? מע באַ־דאַרף דאָך איר געבן אַ נאָמען? צי ניין?

ב נ צ ע : אַ חברה באַדאַרף דאָך האָבן אַ נאָמען אַ חברה.

ר א ב י נ ע ר : וואָס ווערט דערפון — יאָ אַ נאָמען, ניט אַ נאָ־מען? דער עיקר איז דאָך, אַז...

א ב ר ה מ ל : ע, זאָגט דאָס ניט, ראַבינער! יעדע זאַך מוז האָבן אַ באַזונדערן נאָמען.

ב ר ו ד ־ ה ע ר ש : שטותערייַ.

ש מ ח ה : בא אייַך איז אַלץ שטותערייַ.

ב ר ו ד ־ ה ע ר ש : (האַלט זיך באַם פּלעשל). אַ נאָמען זוכט איר? חברות האָבן מיר שוין גענוג, דאַכט זיך. (ציילט אָף די פינגער). חברה משניות, חברה תהלים, חברה מלביש־ערומים, סומך־נופלים, רופא־חולים, מתיר־אסורים... טאָמער וואָלט דאָס געהייסן „חברה נאַראָנים"? האַ?

א ב ר ה מ ל : בא אייַך איז אַלץ ווערטלעך.

ר א ב י נ ע ר : (שטעלט זיך אויף). הערט־זשע אויס, וואָס איך וועל אייַך זאָגן.

ש מ ח ה : (קריכט אָפּן טיש). ניין, הערט בעסער, וואָס א י ך וועל אייַך זאָגן!

ב ר ו ד ־ ה ע ר ש : (שלעפּט אים פאַר דער האַנט). וואָס טויג מיר דאָס זאָגן, וואָס דו וועסט זאָגן?

א ב ר ה מ ל : (קריכט אפן טיש). לאזט אויסריידן א ווארט יע־נעם אויך אמאל! ס'איז דיר נאר א קאמעדיע מיט א יידן!

ר א ב י נ ע ר : איך פארשטיי גארניט, וואס שפארט מען זיך דא? דאס קינד איז נאך גאר ניט געבוירן געווארן, און איר טראכט שוין מכות א נאמען!

ב ר ו ך ־ ה ע ר ש : איר פאלגט מיך! מע דארף דעם נאמען אף סים סאט כפרות! אבי א חברה — וואס טויג דער נאמען? לאמיר בע־סער נעמען צו קאפלעך. זיך אנגעשריגן, ס'איז אזש טרוקן אין האלדז געווארן. לחיים, יידן! יונגעלייט, לחיים! לחיים! (טרינקט).

א ל ע : לחיים, לחיים טובים ולשלום! (מע טרינקט, מע פאר־בייסט. אלע שרייען, פילדערן, אריינפארנדיק איינער צום אנדערן אין די רייד אריין. דער ראבינער וויל עפעס אויסריידן זייער א נייטיקע זאך, נאר מע לאזט אים ניט. ברוך־הערש פארבייסט. די יונגעלייט האלטן זיך איינס דאס אנדערע צו די מיילער. די בחורים אמפערן זיך צווישן זיך. איצל לייענט דעם „המגיד", און ברוך־הערש קוקט אף אים פון דער־ווייטנס און לאכט, ווי איינער רעדט: „קוק אים אן, דעם שיינעם פנים, מיט דעם בלאט!"... מע רעדט, מע לאכט, מע שפארט זיך, אלץ שרייענ־דיק און פילדערנדיק, צוקלערנדיק א נאמען דער חברה, ביז מע צעגייט זיך. — דער ראבינער מיט דער ראבינערשע בלייבן אליין).

ר א ב י נ ע ר ש ע : נו? מיט וואס איז מען זיך צעגאנגען?

ר א ב י נ ע ר : מיט וואס? מיט גארניט.

ר א ב י נ ע ר ש ע : וואס הייסט, מיט גארניט? נאך אלע גע־שרייען?

ר א ב י נ ע ר : לעת־עתה האט מען אויסגעקליבן גבאים, נאמנים און טשלענעס.

ר א ב י נ ע ר ש ע : נו, און ווייטער וואס?

ר א ב י נ ע ר : און ווייטער גא...(טוט אויס די ברילן און רייבט זיך די אויגן). און ווייטער... לעת־עתה גארניט.

ר א ב י נ ע ר ש ע : לעת־עתה גארניט? (כאפט זיך מיטביידע הענט בא די זייטן און ווערט שיר ניט צעגאנגען פאר געלעכטער). כא־כא־כא! ס'איז נאר א באשרייבונג מיט אייערע אסיפות און נענוג! כא־כא־כא! א קאמעדיע, א ריינע קאמעדיע!!!

פ א ר ה א נ ג.

געשריבן אין יאר 1889.

# יקנה"ז

## אָדער דאָס גרויסע בערזנשפּיל

א קאמעדיע אין 4 אקטן

א גוטן פריינט און א גוטן מענטשן,

י. א. כ ו ר ג י ן,

ברענגט דאס ווערק א מתנה

ד ע ר מ ח ב ר.

י ק נ ה ״ ז  באַשטייט פון פינף אותיות, ראשי־תיבות פון פינף ווערטער: יין, קידוש, נר, הבדלה, זמן — די פינף סימנים פונעם ייִדישן יום־טוב. דאָס וואָרט אַליין פאַר זיך האָט קיין שום באַדייַטונג ניט. עפּעס איז דאָס, נאָר פּאָרט גאָרנישט; ניטאָ באַ וואָס אָנצונעמען. דער וואָס איז באַקאַנט אַף דער בערזע מיטן מסחר פון אַקציעס, פּאַפּירן, קורסן וכדומה — דער וועט באַלד פאַרשטיין דעם טעם פון יקנה״ז; און דער, וואָס איז פון דעם ענין ווייַט, וועט דאָס רעכט צעקייַען ערשט נאָכדעם, ווען ער וועט האָבן דאָס גאַנצע ווערק דורכגעלייענט ביזן סוף.

## די פּאַרשוינען פון דער קאָמעדיע:

**שמואל פּאַסטערנאַק**, אַן אויפגעקומענער עושר. אַ ייִד פון דער אַלטער וועלט.

**מאַדאַם פּאַסטערנאַק**, זײַן ווײַב. אַ דאַמע מיט נערוון. לייענט שײַקעוויטשעס ראָמאַנען און דאָקטערט זיך כסדר.

**איזאַבעלע**, זייער טעכטערל. אַ כלה מיט פּערציק טויזנט.

**ווילהעלם פּײַפּער**, אַ יונגער באַנקיר. אַ שיינער יונג מיט וואָנסעס. שדכנט זיך צו איזאַבעלען.

**מאַרקוס**, אַן אָרעמער סטודענט. שטודירט אַף דאָקטער. שדכנט זיך צו איזאַבעלען.

**פּײַנקוגל**, אַ קלוגער ספּעקולאַנט. שפּילט אַ פרומע ראָלע. האָט ניט פײַנט קיין קערטל.

**כינקיס**, אַ פײַעריקער ספּעקולאַנט. פאַרברענט אין די קאָרטן.

**בייגעלמאַן**, אַ שטילער ספּעקולאַנט. אַ פּראָסטער נפש. רײַבט זיך צווישן אַריסטאָקראַטן.

**קנאַקניסל**, אַ געהיטער ספּעקולאַנט. אַן אײַנגעגעסן ייִדל.

**מאַדאַם פּײַנקוגל**, אַן אַריסטאָקראַטקע. פאָרט אַלע יאָר קיין אויסלאַנד אין די „מאַלקען".

**מאַדאַם כינקיס**, אַ דאַמע פון „קאַמענעץ". אַ מסוכנע רכילותניצע.

**מאַדאַם בייגעלמאַן**, שטאַמט פון גרויסן יחוס. שפּיגלט זיך אין דער „משפּחה".

**מאַדאַם קנאַקניסל**, ניט אַזאַ מיוחסת, נאָר גלאַט אַ גראָבע ייִדענע.

**גרייגער**, אַ הייסער ספּעקולאַנט. אַ נידעריקער, אַ גראָבער מיט אַ דויטער באָרד.

**מנחם-מענדל**, אַ קליינשטעטלדיקער ספּעקולאַנט. געהאַנדלט אַמאָל אין אַדעס מיט „לאָנדאָן".

**פּײַוול פּאַנפּאַטש** / **זאַוול זאַיקע** — צוויי „שפּעגעלאַנטן". האַנדלען בשותפות „יקנה"ז".

**שמעלקע קבצן**, אַ מעקלער מיט אַ רחמנות-פּנים. אַנגעשטאָפּט מיט געלט.

די קאפאטע, אַ מעקלער מיט אַ לאַנגער קאַפּאַטע און מיט אַ רויטער פאַטשיילע.

דער קאַפּעלוש, אַ מעקלער מיט אַ צוגעטראָגענעם קאַפּעלוש.

פלוידערזאַק, אַן אַדוואָקאַט מיט באַקנבערד. רעדט העכער האַלב רוסיש.

ציפערבלאַט, בוכהאַלטער בײַ פּײַפּערן אין קאַנטאָר. גייט אונטערגע־בונדן די אויערן.

פלעדערוויש, קאָרעספּאָנדענט בײַ פּײַפּערן אין קאַנטאָר. אַ יונגערמאַן אַ שטשאָגאָל.

זילבערמינץ, קאַסיר בײַ פּײַפּערן אין קאַנטאָר. אַ בייזער ייִד.

די ייִדענע, אַן אַלמנה „פון דער סלאָבאָדקע“.

קלאַראַ, אַ מאָדיסטקע.

סאָסל, אַ פּאָקאָיאָווע בײַ די פּאָסטערנאַקס. אַ שוואַרצהנעווידיק מיידל.

ווײַטער גייען יונגע ספּעקולאַנטלעך, אַלערהאַנט מעקלערס, אַ גאַנצע כאַליאַסטרע.

די געשיכטע קומט פאָר אין דער גרויסער שטאָט יעהופּעץ, אין אונדזערע צײַטן.

# ערשטער אַקט

[באַ די פּאַסטערנאַקעס איז אַ זשורפיקס. — אַ גרויסע זאַל, אַן אויסגעפּוצטע, רונד מעבל, גרויסע שפּיגלען, אַ פּאַרטעפּיאַנע מיט נאָטן, גרינע טישלעך, לײַכטערלעך מיט ליכט, קרײַדלעך, בערשטלעך, פרישע טעשלעך קאָרטן. — פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק און מ אַ ד אַ ם פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק זיצן גרייט אויפצונעמען געסט: ער, אַ שווער ייִדל מיט אַ גאַנץ שיינער ליסינע, ליגט אין אַ פּאַטעל, צים זיך און גענעצט; זי, אויסגעפּוצט, באַהאַנגען מיט גאָלד, פּערל, בריליאַנטן, זיצט באַם טיש ווי אַ גאַסט און בלעטערט אַן אַלבום.]

## ע ר ש ט ע ס צ ע נ ע

פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : (גענעצט). אַ־אַ־אַ־אַ! אַ־אַ־אַ־אַ!

מ אַ ד אַ ם פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : טפו, טפו, טפו! זע נאַר, ווי ער גענעצט, דאָס מויל ווערט אים שיִער ניט צעריסן. אַ גליק, וואָס ס'איז נאָך קיינער ניטאָ. אין אַ געזעלנשאַפט ווען דו טוסט דאָס, קאָן מען חלש בלײַבן.

פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : (גענעצט). וואָס זאָל איך טאָן, אַז באַנאַכט טאָר מען ניט שלאָפן? טאָ היִן, טאָ הער. מען איז שטענדיק פאַרנומען מיט וועטשערינקעס, זשורעבלינעס.

מ אַ ד אַ ם פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : זשורפיקסן! טויזנט מאָל האָב איך דיר געלערנט, זאָלסט זאָגן זשורפיקסן, ניט קיין זשורעבלינעס. ווען דו זאָגסט דאָס חלילה אין אַ געזעלנשאַפט, קאָן מען חלשן.

פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : מילא בקיצור, על־כל־פּנים, לאָז זײַן זשורפיקסן. פאַראַן באַ אונדז אַ גמרא: „יאַק ריידעלע טאָ ריידעלע, אַבי דאָברע מיינעלע”. איך שמועס עס אַקעגן דרינגען, וואָס מע שלאָפט ניט קיין נעכט, מע גייט איינער צום אַנדערן כלומרשט מיט וויזיטן, און מיינע מיינט מען יענע מעשׂה. (ער ווײַזט מיט די אויגן אָף די גרינע טישלעך). מע פלעגט אַמאָל אויך מאַכן וועטשערינקעס. וואָס־זשע האָט מען געטאָן? האָט מען געקאָכט וועטשערע, פרישע וואַרעניקעס מיט קעז, צי געבראָטענע פּופּקעס מיט רעטשענע לאַטקעס, און ס'איז טאַקע געווען, פאַרשטייסטו מיך, ווי אין דער הייליקער תורה שטייט געשריבן: ויאכלו, דאָס הייסט, מע האָט געשטופּט אין פּנים אַרײַן. און הײַנט, זינט ס'איז געוואָרן אַ מאָדע זשורעבלי... מײַן איך זשורפיקסן, עסט מען מכות. מען איז גאָר מכבד מיט אַ גלאָז וואַסער און מיט אַ מאַראַנץ, וואָס אַז מע זאָל אים וועלן פאַרזוכן, קאָן מען דערזען קראָקע מיט לעמבעריג. און

אז מע וויל שוין גאר יוצא זײַן, פארבלענדט מען די אויגן מיט א טײַטל און מע ווײַזט א פײַג...

מאדאם פאסטערנאק: פע, סאמואיל, דו רעדסט עפּעס אזעלכע ווערטער, וואס אין א געזעלשאפט וואלט איך געפאלן חלשות.

פאסטערנאק: איך שמועס עס אקעגן דרינען, וואס מען איז הײַנט געווארן סטעקראטן, אײדל געפּאצקעט. א גאנץ יאר עסט מען קדחת; דאס מעג מען, דאס טאר מען ניט; דאס שאט, דאס הייסט ניט דער דאקטער. און אז עס קומט דער זומער, פארט מען מאכן די קור — אדער קיין באדענקראנץ, אדער קיין פראנצענזאלץ.

מאדאם פאסטערנאק: גראם־שטראם, מאך מיר א הארמידער. מע רעדט מיט אים כריין, ענטפערט ער פעטרישקע! וואס ביסטו פלוצעם ארויף אף דער קור מיט די בעדער?

פאסטערנאק: גלאט אזוי. איך שמועס עס אקעגן דרינען...

מאדאם פאסטערנאק: דו שמועסט תמיד אקעגן דרי־נען. דאס איז יא — מע זאגט דער טאכטער און מע מיינט די שנור. די מאדאם פײַנקוגל איז א ביסל געזינטער פון מיר, מעג זי יא פארן אלע יאר אין די „מאלקען". צי די מאדאם קנאקניסל, וואס וועט אין דער טיר ניט ארײַן, מעג פארן אלע זומער קיין אדעס אפן „לעמאן", און דער מאן וועט איר אפילו די צונג ניט איבערקערן. צי די מאדאם ביינקים מעג ארומפארן פון „ניטץ" קיין „נאטאליע" און פון „נאטאליע" קיין „ניטץ" — און דער מאן וועט איר אפילו ניט זאגן „קרום גייסטו". אנו, פרעג דעם דאקטער קעבעבע, צי קאן איך מיך באגיין אפילו א מינוט אן פארן קיין אויסלאנד אין די בעדער ארײַן?

פאסטערנאק: דער דאקטער קעבעבע? הערסטו, אט דאס איז דאך מײַן טענה, וואס איך טענה שוין לאנג, אז דער דאקטער קע־בעבע פירט אײַך, אלע יעהופּעצער סטעקראטקעס, אין באד ארײַן... נאר גארניט: אל תפל דבר — כאטא פאקרישקע. איך שמועס עס אקעגן דרינען, מע זאל זיך נאר וועלן צולאזן צו די דאקטוירים, וואלטן זיי א געזונטן קראנק געמאכט, א לעבעדיקן — טויט, און א קלארן — משוגע.

מאדאם פאסטערנאק: זע נאר, ווי ער איז דאס א ביסל אויפגעטראגן קעגן די דאקטוירים, גלײַך ווי זיי וואלטן אים גע־קוילעט די קאפּאטע. מיר דאכט, אז דו האסט נאך קיין דאקטער ניט באנוצט זינט דו ביסט א יעהופּעצער?

פאסטערנאק: הלוואי וואלסטו אזוי באנוצט א דאקטער, ווי איך, וואלט גאר אנדערש געווען... איך שמועס עס אקעגן דרינען, ווי זאגט ער: אל תפר דבר — כאטא פאקרישקע... ווייסטו, וואס איך קלער?

מאדאם פאסטערנאק: איך זאל אים גיין זאגן, וואס ער קלערט! איך וויים, וואס דײַן קאפּ קאן אויסקלערן?

פ א ס ט ע ר נ א ק : איך קלער: אזוי ווי ס'איז במילא בא אונדז היינט זשורעכלי... מיין איך זשורפיקסן, עס ווען זיין געסט, פייפער וועט אויך זיין, מע וועט זיצן שפעט, — אפשר וואלט געווען א סברה, אז מיר זאלן שוין אין איין וועג אפקלאפן דאס קנס־מאל, ווי אין פסוק שטייט: ז ב י ז ן ו ת ת ה ר ט — א ווארט און צוויי און א מאהא־רימש?...

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : (א פלעסק מיט די הענט). וואס סע האט זיך מיר געחלומט יענע נאכט און היינטיקע נאכט און אלע נעכט פון א גאנץ יאר זאל אויסגיין צו מיינע שונאימס קעפ!

פ א ס ט ע ר נ א ק : שא, שא, שא! איז לא פרלתי — האב איך ניט געטאנצט מיטן בער!

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : פארשטייסט א משל? מע מאכט א זשורפיקס, זאל מען שוין אינאיינעם אפקלאפן א קנס־מאל! פלוצעם, אינמיטן מיטוואך שבת־צו־נאכטס! אומגעריכט, קיינעם ניט גע־רופן, מיט קיינעם ניט גערעדט — א שטילע וועטשערע! וואס איז אזוי? די קינדער האבן דיך באפאלן? און וואס וועלן לייט זאגן? וואס וועט זאגן די מאדאם בינקים, די בארייסערן, די ספלעטניצע, טאמער האט זי מיך נאך ווינציק בארעדט אין שטאט?...

פ א ס ט ע ר נ א ק : מילא בקיצור, על־כל־פנים, לאז זיך דיר דאכטן, עלעהיי איך האב גארניט געזאגט!

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : וואס הייסט, דו האסט גארניט געזאגט, אז דו האסט יא געזאגט?

פ א ס ט ע ר נ א ק : געזאגט איז פארפאלן, ווי אין פסוק שטייט: א ל ת פ ל ד ב ר — כאטש פאקרישקע.

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : וואס טויג מיר דיין פסוק? איך האב קיין פסוק ניט געלערנט. אז מע שמועסט פון א קנס־מאל, בא־דארף מען דאך פריער עפעס ריידן, פרעגן די טאכטער, צי וויל זי גאר פייפערן פאר א חתן. טאמער וויל זי אים גאר ניט?

פ א ס ט ע ר נ א ק : און וווּ בין איך? עפעס האב איך דאך אויך א שטיקל דעה בא א שידוך טאן מיט מיין טאכטער, צי ניין? עפעס גיב איך דאך נדן אויך, פערציק טויזנט קארבן, צי ניין?

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : א גליק האט מיך געטראפן! בינקים גיט א ביסל מער נדן די קינדער, און מאכט גארניט אזא טארע־ראם!

פ א ס ט ע ר נ א ק : בא בינקיסן איז גרינגע טויזנטער. ער האט זיי געמאכט פון קארטן.

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : ווילסטו, הייסט דאס, אנהעב־גען איזאבעלען א חתן מיט גוואלד?

פ א ס ט ע ר נ א ק : ווער זאגט דען מיט גוואלד? גלאט איך שמועס עס אקעגן דרינען...

מאדאם פאסטערנאק: (הערט ניט). גארניט. עס ווילט זיך אים פארשלייערן די טאכטער, פונקט אזוי ווי יענער מערדערישער פאטער, וואס איך לייען גראדע אצינד בא שפּיִעלהאַגען אין א ראמאן; ער האט געוואלט, אז די שיינע, די קלוגע, די ענגלענדערין אַנטואנעטע מיט די שיינע בלויע הימל־אויגן, וואס האט געראמאנסירט מיט דעם ערלעכן, גוטן, ליכטיקן העלד סאלאמאן, זאל חתונה האבן פארן ווילדן שקאנטיסט מיט די בלויע ברילן, וואס קוילעט ווייבער און באהאלט זיי אין א קעלער...

פאסטערנאק: (פארשטעלט די אויערן. מיט א ניגון). טע־טע־טע! האסט שוין אנגעהויבן מיט דײַנע „ראמאנסן", מיט א הימלשן פאלאמאן און מיט א ווילדן שקאנטיסט, וואס קוילעט ווײַבער — א געשריבענע מעשה, ארויסגענומען פונעם ספר פראלניק?

מאדאם פאסטערנאק: (ארויס פון די כלים). דעספאט! מערדער! טיראן! (זי טוט א ווארף דעם אלבום אפן טיש מיט כעס און אנטלויפט אין אן אנדער חדר).

פאסטערנאק: (צו זיך אליין). א ריינער אומגליק! אמאל, איידער איך האב געהאט געלט, איז מײַן ווײַב געווען א מענטש, גלײַך מיט אלע מענטשן. הײַנט, זינט דער דאקטער קעבעבע האט איר אײַנגערעדט, אז זי האט נערוון, קאן מען מיט איר קיין צוויי ווערטער ניט ריידן. באלד עפּעס — ווערט זי אנגעצונדן... (מע קלינגט. פאסטערנאק שרײַט: „סאסל! סאסל!" — און גייט אוועק אין אן אנדער חדר צום ווײַב. — עס קומט ארײַן סאסל, א שווארצהעלדיק מיידל, מיט א פלעדערוויש און מיט א בארשט).

## צווייטע סצענע

סאסל: (קוקט זיך ארום אף אלע זײַטן). איך וואלט געמעגט שווערן, אז עמעצער האט מיך דא גערופן, געשריִען „סאסל". א שטוב — טפו זאלן זיי ווערן, איינער וויים ניט פונעם אנדערן! קומט דער טאג, הייבט זיך אן: סאסל גיב, סאסל דאס, סאסל יענץ, סאסל אהין, סאסל אהער — משוגע צו ווערן און גענוג! די מאדאם מיט אירע נערוון, עסט פאר דרײַ און דאקטערט זיך בסדר... אלע טאג דעם דאקטער קעבעבע — ווייס שוין ניט וואס אויסצוטראכטן פאר גרויס ראסקאש... א שיינע נגידית: האלט דאס ברויט אונטערן שלאס, ציילט וויפל שטיקלעך צוקער עס גייט אין פונט, וועגט איבער די גרויפּן פונעם מארק... א פערטל עוף לאז בלײַבן פונעם טיש, וועט מען דאס באהאלטן אונטער זיבן שלעסער, עס זאל פארפוילט ווערן — און יענעם ניט אוועקגעבן! צי א ביסל אײַנגעמאכטס פון די געסט — וועט מען עס צונעמען, עס זאל חלילה ניט אנקומען דער דינסט... און אז עס קומט אמאל צו גיין, הייסט מען טרײַבן מיט שטעקנס... אנומלטן האט זיך מיט גוואלד דורכגעשטופּט

איינער, עפּעס אַ ייִד וואָס מאַכט ביכלעך, איז מען דאָס אָף מיר אָנגעפאַלן: „די שלעפּערס! וואָס לאָזט מען אַרײַן די שלעפּערס?!״ יענעם איז נעבעך פינצטער געוואָרן אין די אויגן פון אַזאַ ברוך־הבא. „גלייבט מיר, זאָגט ער, איך בין חלילה ניט פון די שלעפּערס. איך האָב אײַך געבראַכט אַ מתנה, טאַקע מײַנס אַ ביכל. קויפט, איר וועט, אם ירצה שם, האָבן הנאה, לעקן די פינגער״... ער האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט, ביז מע האָט אים געמוזט אַרויסשיקן אַ נדבה און בעטן, ער זאָל גיין געזונטערהייט. נאָך אַ גליק, וואָס מע האָט ניט געהייסן אים אַראָפּוואַרפן פון די טרעפּ... דאָס טעבעטערל — אויך אַ טײַערע נשמה! ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז דאָס עפּלעל פאַלט ניט ווײַט פונעם ביימעלע. זאָלסט זאָגן — אַמאָל אַ קליידל אַן אַלטס אָוועקשענקען, צי אַ פּאָר שיך אַן אָפּצאָסן, צי זאָקנבענדלעך, וואָס מע דאַרף זיי שוין אַרויסוואַרפן אָפן מיסט. ווער? וואָס? ווען?... און דער באַלעבאָס אַליין? פאַרקאַפּט זאָל ער ווערן! אַ באַלעבאָס זאָל זיך נאָר קנײַפּן, רײַסן שטיקער פלייש, ניט לאָזן די שטוב איבערגיין! מיר דאַכט, איך וועל אים אַמאָל צושטעלן אַ בענקעלע צו דער מאַדאַם, אַז דער רוח וועט אים צונעמען!... (עס הערט זיך אַ קול: „סאַסל, ווּ ביסטו? מע קלינגט!״). איך הער, איך הער, אַז מע קלינגט, עס האָט מיך נאָך ניט פאַרלייגט! דאָס קלינגען שוין מסתמא די געסט. שיינע געסט! ניט מער זאָלן די שונאים פאַרמאָגן, וואָס מע האָט זיך אַן פון די געסט! אַז פון די קאָרטן, וואָס עס מאַכט, נעמט צו די מאַדאַם אַליין, און אונדז קומט אַן אָפּן שפּיץ מעסער... (עס הערט זיך ווידער אַ קול: „סאַסל, סאַסל!״). איך גיי, איך גיי! בראַש איז דאָ אַלצדינג מיט דער מינוט. אַ וויסטער פּראַסט אָף זיי! (זי לאָזט די באַרשט אינמיטן זאָל און לויפט עפענען די טיר. עס קומט אַרײַן פּ ײַ פּ ע ר — אַ לעבעדיקער, אַ פרישער, אַן אויסגעפּוצטער, און באַלד נאָך אים — סאַסל).

## דריטע סצענע

ס אַ ס ל : (כאַפּט זיך צו דער באַרשט). אוי, אַ מכה איז מיר! שלאָף אין שלייער... אינמיטן שטוב אין אַ ווינקעלע... טיץ טובי דורין...

פּ ײַ פּ ע ר : (גייט צו צו איר נאָענט, טוט איר אַ קניפּ אין בעקל). וואָס איז, טײַבעלע מײַנס? צו וועמען רעדסטו דאָס?

ס אַ ס ל : אײַ! גייט אײַך צו אַלדי גוטע יאָר!

פּ ײַ פּ ע ר : (וויל זי כאַפּן). פייגעלע מײַנס! איין קוש אין בעקל.

ס אַ ס ל : (לאָזט זיך ניט). קושן וועט איר — זאָל איך אײַך זאָגן וועמען!

פּ ײַ פּ ע ר : (כאַפּט זי פאַר אַ האַנט). נײַן, קעצעלע מײַנס, דיך, נאָר דיך!

ס אַ ס ל : (גיט אים מיטן פלעדערוויש איבערן פּנים): אַלע בייזע,

וויסטע, פינצטערע חלומות, שלים־מזל! אַז גייט די כלה איַיערע! (זי רייסט זיך אויס פון זיַינע הענט און אַנטלויפט. עס קומט אַריַין פונעם אַנדערן חדר איזאַבעלע).

## פערטע סצענע

פ יַי פ ע ר: (צעלאָזט זיך, מאַכט אַ בּואַי־בּשלום, בּייגט איַין דעם קאָפּ און ווישט זיך זייער עלעגאַנט). גוט, וואָס איר זייט אַנגעקומען. כ'לעבּן, איך שטיי אָט דאָ די גאַנצע ציַיט אין איינע יסורים. איך קלער צו זיך אַליין: אַך, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען איר קומט אַרויס אַהער אַליין און מע קאָן זיך מיט איַיך אויסשמועסן, ווי עס רעדט זיך, אונטער פיר אויגן, און אַרויסזאָגן איַיך אַלצדינג, וואָס איך קליַיב מיך שוין לאַנג צו זאָגן איַיך... מיט איינעם וואָרט, איר ווייסט שוין, וואָס איך וויל איַיך זאָגן?

איזאַבעלע: פון וואַנען זאָל איך וויסן, וואָס איר ווילט זאָגן?

פ יַי פ ע ר: איר שטויסט זיך. איך האָב איַיך שוין וויפל מאָל געגעבּן אָנצוהערעניש.

איזאַבעלע: איך ווייס ניט קיין אָנצוהערענישן. איך פאַרשטיי ניט אָפּן וווּנק.

פ יַי פ ע ר: (מיט אַ טרויעריקער מינע). אַ מינדסט קינד, דאַכט מיר, קאָן איַיך פאַרשטיין. מע באַדאַרף נאָר אַ קוק טאָן מיר אין פּנים אַריַין, איז שוין גענוג.

איזאַבעלע: (קוקט אים אין פּנים אַריַין). אָפּן שטערן איז בּאַ איַיך ניט אָנגעשריבּן גאָרניט, כאַ־כאַ־כאַ!

פ יַי פ ע ר: (טראַגיש). אָפּן שטערן? אמת. אָבער דאָ? בּאַ מיר אין האַרצן?... אַ, איזאַבעלע! בּיז ווי לאַנג נאָך וועט איר זיך שפּילן מיט מיַין האַרץ? איינמאָל פאַר אַלעמאָל, זאָגט מיר: יאָ, אָדער ניין — לאָם איך וויסן, לאָם איך מיך אויפהערן צו פּלאָגן אומזיסט, אַרומגיין מיט חלומות. איינס פון די ביידע: אָדער איך בּין איינער דער גליקלעכסטער אַף דער וועלט, אָדער מיַין לעבּן איז ניט קיין לעבּן!... (ער פאַלט איר צו די פיס. עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריַין מאַרקוס. איזאַבעלע אַנטלויפט).

## פינפטע סצענע

פ יַי פ ע ר: (צו מאַרקוסן, גאָר פאַריַינטלעך). אַ? הער מאַרקוס? וואָס מאַכט מען? ווי גייטס? פאַרוואָס זעט מען איַיך עפּעס ניט?

מאַרקוס: ווו זאָלט איר מיך זען, אַז איר זייט אַ פּאַרנומענער מענטש? איר האַלט שטענדיק אין איין שפּילן: אָדער איר שפּילט אַף דער בּערזע, אָדער אין קאָרטן, אָדער גאָר אין ליבּע...

פ יַ פ ע ר : (מאַכט זיך תמעוואַטע). כאַ־כאַ, איר זײַט גערעכט, איך בין אַ פאַרנומענער מענטש, זייער אַ פאַרנומענער מענטש... איך האָב קיינמאָל קיין צײַט ניט, אַפילו אין אַ ביכל אַרײַנקוקן. אַמאָל פלעג איך לעזן ביכער אַ סך. ס'איז נאָך באַ מיר הײַנט אויך פאַראַן אַ גוזמא ביכער, אַ גאַנצע ביבליאָטעקע. איר האָט געזען מײַן ביבליאָטעקע?

מ אַ ר ק ו ס : ניט געזען, און אַפילו ניט געהערט.

פ יַ פ ע ר : (דרייט די וואָנצעס). אַ שאָד, אַ שאָד. עס וואָלט כדאַי געווען, איר זאָלט אַנקוקן מײַן ביבליאָטעקע, כ'לעבן. איר קאָנט געפינען באַ מיר ביכער אַזעלכע, וואָס איר האָט זיי קיינמאָל ניט געזען. ביכער איז באַ מיר דאָס לעבן. מער פון אַלצדינג אַף דער וועלט האָב איך ליב די ליטעראַטור. ליטעראַטור און מוזיק — דאָס זײַנען די צוויי זאַכן, וואָס זײַנען באַ מיר טײַערער פון אַלץ אַף דער וועלט. איר האָט מיך געהערט אַמאָל שפּילן פּיאַנע?

מ אַ ר ק ו ס : אין „ווינט" — ווייס איך, אַז איר שפּילט גוט; נאָר פּיאַנע האָב איך אײַך דערווײַלע נאָך ניט געהערט שפּילן.

פ יַ פ ע ר : אַ שאָד, אַ שאָד. ווען איך זאָל נאָר געווען וועלן, וואָלט איך איצט געקאָנט אָפּגעבן קאָנצערט. גרויסע מבינים האָבן דאָס מיר געזאָגט, אַרטיסטן. איך בין באַקאַנט מיט אַלע גרעסטע אַרטיסטן אין יעהופּעץ. איך האָב ליב אַרטיסטן. אַרטיסטן און סטודענטן זײַנען באַ מיר דאָס חיות; וואָס מיך קאָסט אָפּ אַ יאָר אַרטיסטן און סטודענטן — איז אַ גוואַלד! וויפל מיינט איר?

מ אַ ר ק ו ס : אַ ר ט י ס ט ק ע ס — ווייס איך, אַז זיי קאָסטן אײַך אָפּ גענוג. נאָר אַרטיסטן און סטודענטן — דאָס הער איך דעם ערשטן מאָל פון אײַך.

פ יַ פ ע ר : אַרטיסטקעס? כאַ־כאַ! וואָס־זשע מיינט איר — עס פּאַסט טאַקע ניט וואָלוול. וואָס זאָל מען טאָן? דאַרויף איז מען אַ יונגער מענטש. עס ווילט זיך אַמאָל רוען. אַז טאָג ווי נאַכט איז מען אין דער אַרבעט. מע האָט אין זינען געשעפטן! און נאָך וואָסערע געשעפטן! אַף הונדערטער טויזנטער — וואָס זאָג איך? אַף מיליאָנען!

[עס קומען אַן פּאַסטערנאַק, מאַדאַם פּאַסטערנאַק מיט איזאַבעלען; נאָך זיי — געסט: פּײַנקוגל, בינקיס, בייגעלמאַן, קנאַקניסל מיט זייערע ווײַבער. די פּאַסטערנאַקעס נעמען אויף די געסט זייער פרײַנטלעך. מע זעצט זיך אויס אַרום טיש. איזאַבעלע זעצט זיך צו דער פּיאַנע. מאַרקוס — לעבן איר.]

## ז ע ק ס ט ע ס צ ע נ ע

פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : (טאַנצט אַרום די געסט). זיצט, זיצט, מײַנע ליבע געסט. איר האָט הײַנט אַ ביסל עובר קריאת־שמע געווען, נאָר נישקשה. עס מאַכט ניט אויס. איך האָב מיך מיט גאָטס הילף אויסגעשלאָפן באַטאָג, בכדי איך זאָל מיך זעצן צום סדר מיט אַ קלאָרן קאָפּ.

עם זאָל זײַן, ווי אין פּסוק שטייט: אמור אל הכהנים — לאָזן זאָגן די כהנים צו די קלײנע כהנימלעך, אַז די קינדער זאָלן ניט דרעמלען בײַ דער הגדה. (צו פּײַפּערן). עפּעס האָב איך געכאַפּט אַ וואָרט פֿון אײַך — „מיליאָנען". אפֿנים, איר האַלט שוין בײַ די מיליאָנען? נאָר וואָס איז דער חידוש, אַז מע שאַרט בײַ אײַך אויף דער בערזע געלד מיט לאָפּעטעס, ניט אַזוי ווי נאָך בראָט בעל־הלוואה, וואָס דאַרף אַרויס־קוקן אויף פּראָצענט. איך שמועס עם אָקעגן דרינען... (צו די געסט). וואָס הערט זיך עפּעס בײַ אײַך נײַעס? ווי טײַער שטייט יקנה"ז?

פּײַנקוגל: פֿרעגט שוין גאָרניט. דאָס יקנה"ז ליגט מיר שוין אין האַרצן! ס'איז נאָר אַ קדחת און געגנוג.

פּאָסטערנאַק: צו וואָס־זשע טויג עס אײַך, אַז עס לוינט אײַך ניט? מע גייט אײַך פֿון קהל?

פּײַנקוגל: וואָס דען טוט מען? אַזוי ווי די ייִדענע מיט די בייגל: „עס פּאַרדינט זיך עפּעס?" — „מײַנע שונאים זאָלן אַזוי לעבן!" — „צו וואָס־זשע טויג אײַך אַרומטראָגן בייגל?" — „פֿון וואַנען דען וועל איך לעבן?"...

פּײַפּער: (דרייט די וואָנצעס). איך ווייס ניט, ווי אַזוי בײַ אַנ־דערע איז; איך האָב אויף יקנה"ז געמאַכט אַ פֿאַרמעגן. איך טענה איינס: די בערזע דאַרף מען פֿאַרשטיין.

כינקים: איך פֿאַרשטיי ניט, וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו פֿאַר־שטיין? אָט בין איך אויך מיט גאָטס הילף אַ ספּעקולאַנט, דאַכט זיך, ניט פֿון נעכטן און ניט פֿון אייערנעכטן. נאָך מײַן שׂכל קומט אויס, אַז די בערזע איז אַ קאָרט. כּל־זמן די קאָרט גייט, איז גוט; הערט זי אויף צו גיין — איז כאַטש נעם און טו זיך אָן אַ מעשׂה!

פּאָסטערנאַק: ווי אין פּסוק שטייט: למנצח על הגתית; גייט דאָס — גייט דאָס, ווען ניט — שטייט דאָס.

בייגעלמאַן: ווערקמירדיק מיט כינקים! פֿון וואָס איר זאָלט ניט ריידן, קומט ער אַרויף אויף די קאָרטן.

פּאָסטערנאַק: וואָס חלומט זיך דער הון? — פּראָסע.

קנאַקניסל: כינקים איז אָבער גערעכט. די בערזע איז נאָר אַ קאָרטנשפּיל. זי איז מיר אַזוי נמאס, אַז ווען איך געפֿין מיר עפּעס אַן אַנדער געשעפֿט, טו איך אַ שפּײַ אויף דער בערזע — און רופֿט מיך קנאַקניסל!

פּאָסטערנאַק: (צו קנאַקניסלען). ווי דער שפּאָלער זיידע עליו השלום מיטן שופֿר: לאָז איוואַן בלאָזן! איך הער דאָס שוין פֿון אײַך אַ יאָר דרײַ. איר שרעקט די גענדז, און גייט פֿאָרט אויף דער בערזע. אַ חידוש איז דאָס אפֿילו: ווערליק מיר קענען אײַך, זײַט איר ניט קיין ייִד פֿון געבן געלט. הײַנט ווי קומט דאָס, אַז איר זאָלט זיך אײַנשטעלן גיין אויף דער בערזע און גאָר קיין מורא ניט האָבן פֿאַר דערלייגן?

פּײַנקוגל: וואָס איז דאָ מורא צו האָבן? אַ ייִד אַז ער גייט

ארויס אף דער בערזע, האנדלט ער מיט א ממה נפשר, ווי דער מלמד קויפט א ציג: „ממה־נפשר, זאגט ער, וועט די ציג געבן מילך, איז זי דאך טאקע ווערט זיבן קערבלעך. איי וואס? טאמער גיט זי ניט קיין מילך? פארוואס זאל זי ניט געבן קיין מילך?" (דער עולם לאכט: „אף אלצדינג האט אייך פיינקוגל א משל׳!").

פ י י פ ע ר : (דרייט די וואנצעס). זאגט אייך וואס איר ווילט — די בערזע דארף מען פארשטיין. איך האב ארויסגעזען נאך פריער מיט דריי חדשים, אז אף יקנה"ז מוז קומען א האס.

פ א ס ט ע ר נ א ק : וויאזוי זאגט איר? א האץ? בא אונדז הייסט דאס א העצקע. מע העצקעט יענעם אן א־ווי־רופט־מען־דאס...

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : (פון דער ווייטן צום מאן). סאמואיל! דו רעדסט עפעס, מיט רעשפעקט צו מעלדן, אזעלכע ווער־טער... (צו די דאמען). געניסט עפעס, פארוואס זאלט איר עפעס ניט גע־ניסן? אט שטייען ניס, מאראנצן, איינגעמאכטס.

פ א ס ט ע ר נ א ק : איך שמועס עם אקעגן דרינען, וואס זיי זאגן: יקנה"ז האט זיך געהויבן... וואס איז מיט דעם, איך בעט אייך, אזוי דער יתום? ס'איז טאקע אזא סחורה, וואס מע קריגט זי ניט, צי גלאט אזוי, די שפעגולאנטן זיינען משוגע געווארן? מחמת פאראיארן, געדענקט איר, האט מען געמאכט פונקט דאס אייגענע שפיל מיט די אק־ציעס פונעם „יעהופעצער דעליזשאן". שפעגולאנטן האבן זיך צעהעצ־קעט. קאניווער און שפאלער יידלעך האבן דערהערט, אז דער „יעהופע־צער דעליזשאן" ברענט, האבן זיי צעלאזט די פאלעס און זיינען געפלויגן נאך די אקציעס, ווי נאך מצה־וואסער, — אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז מע האט געבראכן האלדז־און־נאקן. איך האב אויך געכאפט דעמאלט א שמיץ. אלע האבן זיך דעמאלט אפגעבריט. עס איז געווען, ווי אין פסוק שטייט: ב י ו ם ה ה ו א א ב ד ו ע ש ת ו נ ו ת י ו — מען איז דעמאלט געבליבן אן הויזן...

פ י י נ ק ו ג ל : דאס געשעפט פון דער בערזע גייט אזוי: מע מוז אמאל דערלייגן אויך. איך וועל אייך דערציילן א משל...

כ י נ ק י ס : דעם משל לייגט אפ אף שפעטער. שוין צייט זיך נעמען צום תהלימל... (דער עולם זעצט זיך שפילן אין קארטן: פאסטער־נאק, פיינקוגל, בייגעלמאן — בא איין טישל; פייפער, כינקיס, און קנאק־ניסל — באם אנדערן טישל).

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : (צו די דאמען). אך, איך בין די לעצטע צייט, מיט רעשפעקט צו מעלדן, אזוי נערוועז, אז איך קאן מיר גאר קיין ארט ניט געפינען. דער דאקטער קעבעבע האט מיר פאר־שריבן נייע פילן צום אפעטיט. געניסט עפעס. פארוואס זאלט איר עפעס ניט געניסן? אט שטייען ניס, מאראנצן, איינגעמאכטס...

מ א ד א ם כ י נ ק י ס : (צו די איבעריקע דאמען). דער דאק־טער קעבעבע טרעט, אפנים, ניט ארויס פון איר שטוב! (צו דער מאדאם

פּאַסטערנאַק). עס קער זיך די אייגענע פּילן, וואָס דער דאָקטער קעבעבע האָט מיר פאַרשריבן פאַראַיאָרן.

מאַדאַם פּאַסטערנאַק: דער דאָקטער קעבעבע האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ווײַבאַלד איך שטיי אויף, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, פון בעט, זאָל איך באַלד אײַנשלינגען אַ פּיל, פאַרטרינקען מיט אַ האַלבע גלאָז וואַסער, אָפּוואַרטן אַ האַלבע שעה און ערשט נאָכדעם עסן פרישטיק. געניסט עפּעס. פאַרוואָס זאָלט איר ניט געניסן? אַט שטייען ניס, מאַראַנצן, אײַנגעמאַכטס...

מאַדאַם כּינקיס: (צו די איבעריקע דאַמען). מיר דאַכט, ס'איז די אייגענע ניס מיט די מאַראַנצן, וואָס פאַראַכטאָגן אין דער צײַט. קוקט זיך צו... (צו דער מאַדאַם פּאַסטערנאַק). אַז מע שלינגט פּילן, מוז מען אָבער האַלטן דיעט. עד האָב אַמאָל אויך, ניט הײַנט געדאַכט, געהאַט צו טאָן מיט די נערוון, האָט מען מעך געהאַלטן אויף אַזאַ דיעט, אַז עך בין שיִער ניט אויסגעגאַנגען פאַר הונגער.

מאַדאַם פּאַסטערנאַק: איך ווייס, וואָס הייסט דיעט. דער דאָקטער קעבעבע האַלט מיך אויך, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, אויף דער דיעט. איך בין שוין אָבער אויס מענטש. עס טרעפט אָפּטמאָל באַנאַכט זאָל זיך מיר פּלוצעם פאַרגלוסטן, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן — און דערצו איז נאָך בײַ מיר אַ כאַראַקטער, אַז פאַרן שלאָף מוז איך עפּעס איבערכאַפּן. געניסט עפּעס. פאַרוואָס זאָלט איר עפּעס ניט געניסן? אַט שטייען ניס, מאַראַנצן, אײַנגעמאַכטס...

מאַדאַם בייגעלמאַן: (צו דער מאַדאַם קוּאַקניסל). מע זעט נאָך די באַקן, ווי די צײַנער קנאַקן... (צו דער מאַדאַם פּאַסטערנאַק). מיר פאַרשפּאַרן גאָר האַלטן דיעט. אונדזער משפּחה זײַנען אַלע זייער ווינציקע עסערס. אונדזער משפּחה עסט כּמעט גאָרניט.

מאַדאַם כּינקיס: (צו די איבעריקע דאַמען). שוין. זי איז שוין דאָ מיט איר משפּחה! איר האָט עפּעס ליב, אַז זי צערעדט זיך פון איר משפּחה?...

מאַדאַם פּאַסטערנאַק: (צו דער מאַדאַם כּינקיס). אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: האַלטן דיעט. איר מעגט מיר גלייבן, אַז אַזאַ ווינציקע עסערן, ווי איך בין, האָט איר דען די צווייטע אויף דער גאַנצער וועלט? דאָס פליייש האָט זיך מיר, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, אַזוי צוגעגעסן, אַז איך קאָן שוין אויף דעם ניט קוקן. עס גלוסט זיך איבערבײַטן אַמאָל, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, אויף אַ קרעפּל, אַ טייגעכץ, אַ מלינצע, צי ווייס איך וואָס. איך פרעג דעם דאָקטער קעבעבע: וואָס קאָן שאַטן צו דער דיעט, אַז מען עסט אויף אַ צוויי־דרײַ קרעפּלעך מיט קעז, מלינצעס אַ פּאָר, צי צרות־קניידלעך עטלעכע, צי אַ מילכיקן באָרשט? מילא, אין אויסלאַנד, בשעת מע טרינקט די וואַסערן, איז עפּעס אַנדערש; אָבער דאָ, בײַ זיך אינדערהיים! געניסט עפּעס. פאַרוואָס זאָלט איר עפּעס ניט געניסן? אַט שטייען ניס, מאַראַנצן, אײַנגעמאַכטס...

מאדאם כינקיס: (צו די איבעריקע דאמען). ווי געפעלט אײַך איר דיעט מיט קרעפלעך? (צו דער מאדאם פאסטערנאק). איר דארפט זיך היטן פון פארקילן. דאס וועטער איז איצט אזוי שלעכט, און איר גייט אנגעטאן זומערדיק... (צו די איבעריקע דאמען). עס פאסט איר דאס ליכטיקע זײַדענע קאפטל מיט די אויסגעשניטענע ארבל, ווי מײַנע צרות! עפעס קומט זי גאר אויס הארבאטע!... אט קוקט זעך צו... (צו דער מאדאם פאסטערנאק). ווער האט אײַך אויפגענייט דאס קאפטל? עס קליידט אײַך אזוי צום פנים, אז ס'איז מחיה צו קוקן, כ'לעבן. בא אונדז אין קאמענעץ גייט מען נאר דעקאלטירט.

מאדאם פאסטערנאק: איר ווייסט ניט, ווער מיר נייט? מיר נייט שטענדיק קלארא. קיינער קאן מיר ניט אזוי צוטרעפן צו מײַן כאראקטער, ווי קלארא. זי איז שוין אזוי געניט, מיט רעשפעקט צו מעלדן, אין מײַן פיגור, אז זי פארשפארט מיר נעמען א מאס. זי טרעפט אין דער פינצטער. נאר וואס דען איז איר חסרון? זי איז, מיט רעשפעקט צו מעלדן, א גרויסע גנבטע. פון צוועלף ארשין מאטעריע קאן זי ארא־פכאפן דרײַצן. אונטער די הענט ווערט בא איר פארברענט... געניסט עפעס. פארוואס זאלט איר עפעס ניט געניסן? אט שטייען נים, מאראנצן, אײַנ־געמאכטס...

מאדאם כינקיס: (צו די איבעריקע דאמען). וואס מע קאן זעך שוין בא איר אנגנבהנען!... (צו דער מאדאם פאסטערנאק). פארוואס זאלט איר זעך בעסער ניט נייען בא דער מאדאם אונטערשלאק? אלע יעהופעצער דאמען נייען זיך בא דער אונטערשלאק. זי איז טאקע אונדזערע א קאמענעצערן.

מאדאם פײַנקוגל: איך ניי מיר נאר אין אויסלאנד. מיר זאל מען אויפנייען א מלבוש הי, ניט אין אויסלאנד, וואלט איך דאס ניט געקאנט אנטאן אפילו.

מאדאם בייגעלמאן: אונדזער משפחה נייען זיך אלע בא דער קאראלינע. זי נעמט טאקע טײַער, נאר אז זי נייט אויף א מלבוש, זינגט דאס! אונדזער משפחה ווייס ניט קיין אנדער מאדיסטקע אין יעהופעץ, חוץ דער קאראלינע.

מאדאם קנאקניסל: (צו דער מאדאם כינקיס). איר משפחה איז טאקע אנדערש ניט געוווינט געווארן... וואס זאגט איר אט אזא גלות?

מאדאם כינקיס: (צו דער מאדאם קנאקניסל). פאר־שטייט זעך, ווי קאן מען אנדערש, אז מע שטאמט פון בייגלטרעגער?... (צו די איבעריקע דאמען). וואס טויג אײַך ריידן פון מאדיסטקעס? הערט זעך צו, עך וועל אײַך בעסער דערציילן א נײַס פון דער מאדאם מייער־צימעס מיט איר טעכטערל. מיר דאכט, אז מיר וועלן אינגיכן האבן א מזל־טוב...

אלע דאמען: א קנס־מאל?

מאַדאַם כינקיס: נאָך ערגער פון אַ קנס־מאָל...
אַלע דאַמען: אַ חתונה?
מאַדאַם כינקיס: נאָך ערגער פון אַ חתונה...
אַלע דאַמען: (קוקן זיך איבער פאַרוווּנדערט). אוי! וואָס הייסט? טאַקע אַן אמת? (אַ פּלעסק מיט די הענט). וואָס־זשע האָט איר געשוויגן ביז אַהער? דערציילט־זשע אונדז, נשמהניו, האַרצעניו, ליובעניו! (מע כאַפּט זי אַרום. מע קוועטשט איר די הענט. מע בעט זי דערציילן).

מאַדאַם כינקיס: דערציילן וועל עך אײַך, בתנאי, אַז צווישן אונדז זאָל דאָס בלײַבן. קיין פויגל טאָר ניט וויסן! איר געדענקט זומער, בשעת מיר זײַנען געקומען פון דעם אויסלאַנד, האָב עך אײַך געפרעגט, ווּ איז דאָס אַהינגעקומען די מאַדאַם מייערצימעס מיט דער טאָכטער? קיינער האָט ניט געוווּסט: דער האָט געזאָגט — אין ווין; דער — אין בערלין; אַנדערע האָבן געדרונגען — אין פּאַריז. עך האָב מעך אַלץ געבראָכן דעם קאָפּ, ווי־אַזוי ווערט מען דאָס געוואָר אַקוראַט? עך האָב מעך אפילו אַ פּאָר מאָל באַגעגנט מיט איר אין די קליטען, נאָר צוגיין צו איר און אָפּגעבן איר פריִער דעם גוט־מאָרגן — צופיל כבוד פאַר איר. יענע האָט אַזוי פאַריסן די נאָז, אַז זי מיינט, קיינער איז צו איר ניט גלײַך. עך געדענק נאָך, אַז זי איז געווען אַן אָם בא אונדז אין קאָמענעץ... עך זאָל אַזוי לעבן!

מאַדאַם פּײַנקוגל: וואָס דאַרפט איר מער? אַז איך באַגעגן זיך מיט איר אַף דער גאַס אַ נאָז קעגן אַ נאָז, פאַרדרייט זי דעם קאָפּ אַן אַ זײַט און מאַכט זיך ווי זי זעט ניט. וואָס זאָגט איר אַף איר מאַטן?

מאַדאַם בייגעלמאַן: מיר שטייט גאָר ניט אָן צו גריסן זיך מיט איר. אין אונדזער משפחה געפינען זיך אַ ביסל שענערע דאַמען פון איר. אונדזער משפחה האָבן פײַנט, אַז מע בלאָזט פון זיך...

מאַדאַם קנאַקניסל: (צו דער מאַדאַם כינקיס). זי איז שוין ווידער דאָ מיט איר משפחה!

מאַדאַם כינקיס: נו־נו, ווי מיינט איר? עך וועל דאָס עפּעס דורכלאָזן גלאַט אַזוי? עך האָב מעך מיישב געווען און רייד אײַבער מיט מײַן עלטערער טאָכטער און זאָג איר: „ווייסטו וואָס, טאָכטער מײַנע? אַזוי ווי דו האָסט אַ מאַן אַ דאָקטער, און דער מאַן דײַנער איז באַקענט מיטן דאָקטער קעבעבע, און דער דאָקטער קעבעבע איז דאָרט אַ היימישער, — אַ דאָקטער מיט אַ דאָקטער, לאָז ער זעך מיט אים פאַראַנדעררײדן, דאָס, יענץ, אויסטאַפּן ווערטער — איר פאַרשטייט?

אַלע דאַמען: נו, נו? וואָס־זשע האָט ער געזאָגט?

מאַדאַם כינקיס: (לייגט אַ פינגער אַף דער נאָז). כאַפּט־זשע ניט! ער האָט געזען, אַז ס'איז בלאָטע, ער וועל דורך מײַן אײדעם גאָרניט מאַכן, — האָב עך מעך מיישב געווען, לאָם עך מעך קאָרשט

דורכגיין אליין צו איר. אז אויסרייד האב עד געהאט א טייערן: עד מאד עטלעכע קערבלעד אף א געפאלענער משפחה; ווי וועט מיר די מאדאם מייערצימעס — פארט א נגידית און א מיוחסת — ניט געבן קיין שיינע נדבה, און אין איינוועגס טאקע מעד אויפנעמען פאר א גאסט אויך, און זיצן מיט מיר כאטש א האלבע שעה? עד דארף מער ניט ווי זיצן א האלבע שעה און קוקן... וואס טוט גאט? שיקט זי מיר ניט ארוים זאגן, אז זי איז ניטא אין דער היים? אזא נידעריקע זאך! אזא גדלנטע! אזא וצדקתך! בא אונדז אין קאמענעץ וואלט עד אפילו ניט געוואלט קוקן אף איר, עד זאל אזוי לעבן! בא אונדז אין קאמענעץ...

אלע דאמען: איר האט אונדז צוגעזאגט דערציילן א מעשה פון דער מאדאם מייערצימעס מיט איר טאכטער — צום סוף זייט איר פארפארן קיין קאמענעץ...

מאדאם כינקים: באפט־זשע ניט! עד קום צו גיין אהיים א צעקאכטע, מיט א קאפווייטיק, א מיגרען, — מע זאל באהיט און באווארנט ווערן! דערווייל הער עד — מע קלינגט. ווער איז? די אונטערשלאק! גוט מארגן, גוט יאר. „וואס איז אייך? דער מיגרען האט זעך אייך שוין ווידער אנגערופן?“ קערץ און גוט, עד האב איר אויסדערציילט מיין גאנץ ביטער הארץ. „איר גיט מיר, זאגט זי, אייער הייליק ווארט, אז קיין פויגל זאל ניט ויסן, וואס עד וועל אייך דערציילן?“ זי האט מעד באשווארן, מיט מיין מאן און מיט מיינע קינדער, און האט מיר דערציילט א גאנצע מענשה.

אלע דאמען: (שפרינגען אונטער אף די ערטער). נו? נו? לאמיר שוין הערן די מעשה?

מאדאם פאסטערנאק: געניסט עפעס דערווייל. איך דאט נאך גארניט גענאסן. אט שטייען ניס, מאראנצן, איינגעמאכטס...

מאדאם כינקים: הערט־זשע אוים! די מענשה איז אזוי. א חדשים צוויי פאר אונדזער אוועקפארן קיין אויסלאנד אין די בעדער אריין, האט די אונטערשלאק אויפגענייט דער מאדאם מייערצימעס א ראטאנדע, און דער טאכטער א ראטאנדע. איז איר ניט געפעלן געווארן די ראטאנדעס, גייט זי און פארקויפטביידע ראטאנדעס פאר האלב געלט און הייסט זעד מאכן קארצע זשאקעטלעד, אזוי ווי מע טראגט בא אונדז אין קאמענעץ: דא ארומגעכאפט (זי ווייזט מיט די הענט און דרייט זיך), פון אונטן געהאקט, פון פארנט קיילעכיק, די ארבל אנגעבופט, א קאלנער א הויכער מיט שטערנדלעד, לאצן גרויסע, אפגעלייגטע, קאקאסענע קנעפ...

אלע דאמען: (זיצן קוים איין אף די ערטער). נו? נו? בקיצור...

מאדאם כינקים: באפט־זשע ניט! קערץ און גוט — די אונטערשלאק האט אויפגענייט די זשאקעטלעד, אפגעבראכט די זשאקעטלעד, זי נעמט אנמעסטן די זשאקעטלעד, פריער דער מאדאם מייער־

צימעס — גוט! זי נעמט אַנמעסטן דער טאָכטער — אַ צרה, אַ שלאַק, אַן אומגליק! איר פאַרשטייט?... (זי בייגט זיך צו צו דער מאַדאַם פאַסטערנאַק און רוימט איר איַין אַ סוד אין אויער).

מאַדאַם פאַסטערנאַק: (אַ פלעסק מיט די הענט). אוי, איך האַלט דאָס ניט אויס! מע באַדאַרף, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, חלשן! (זי בייגט זיך צו צו דער מאַדאַם פיַינקוגל און רוימט איר איַין אַ סוד אין אויער).

מאַדאַם פיַינקוגל: (שפּרינגט אונטער אויפן בענקל, ברעכט די הענט). אוי, איך וועל זיך אַ מעשה אָנטאָן! עס איז דאָך אַזוי רעכט! אַזוי רעכט! ווען איך זאָל מיך גאָר ניט שעמען, גיי איך טאַנצן!... (זי כאַפּט אַרום די מאַדאַם בייגעלמאַן און רוימט איר איַין אַ סוד אין אויער).

מאַדאַם בייגעלמאַן: (פּאַטשט די מאַדאַם קנאַקניסל אין די פּלייצעס). פאַרוואָס הערט איר ניט? וואָס שוויַיגט איר? וואָס שוויַיגט איר? אין אונדזער משפּחה וועט זיך אַזעלכעס ניט טרעפן, כאַ־כאַ־כאַ!...

מאַדאַם קנאַקניסל: (צו דער מאַדאַם כינקיס). אומעטום איז זי דאָ מיט איר משפּחה!... זאָגט־זשע אָבער, איר ווייסט דאָס פּאַר געוויס? טאָמער איז דאָס אַ פּזמון? די אונטערשלאַק, פאַרשטייט איר מיך, האָט ליב אַמאָל אויסטראַכטן אַ זאַך, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

מאַדאַם כינקיס: (לייגט ביידע הענט אויפן האַרצן און פאַרגלאַנצט די אויגן אַרויף). גאָט זאָל מיר אַזוי העלפן, עך זאָל אַזוי האָבן נחת פון מיַינע קינדער, מיר זאָלן אַזוי אַלע אויסגעלייזט ווערן פון צרות, עך זאָל אַזוי ניט וויסן פון קיין שלעכטס וויַיל עך וועל לעבן, עך זאָל אַזוי הערן אַלדאָס גוטס מיט איַיך אינאיינעם, מיר זאָלן אַזוי גיך אַלע אויפגערעכט ווערן, עך זאָל אַזוי ריידן מיט וועמען מיר איז ליב, עס זאָל מיר אַזוי זיַין אַ רפואה צו מיַין קאַפּוויטיק, עך זאָל אַזוי גיך פאַרגעסן פון מיַין מיגרען, ווי גיך מיר וועלן האָבן אַ מזל־טוב באַ מייערצימעסן אין שטוב...

אַלע דאַמען: (קוועלן, קניַיפּן איינס דאָס אַנדערע). וואָס זאָגט איר? וואָס זאָגט איר דערויף? עס איז דאָך ווערט גאָלד! גאָלד איז דאָס ווערט! אַזאַ מפּלה! אַזאַ נקמה!...

פיַיפער: (פון דער וויַיטן). מע דאַרף בעטן די דאַמען, זיי זאָלן מוחל זיַין ריידן אַ ביסל שטילער. מע הערט ניט אַ וואָרט.

פיַינקוגל: איבער זייער געשריי הערט מען ניט אונדזער געפילדער.

פאַסטערנאַק: לאָז זיַין שטילער! נשים דעתן קלות — וויַיבער זיַינען גענדז...

מאדאם פאסטערנאק: א שיינע מעשה, נאר א קור־צע! א גליק, וואס איזאבעלע איז דא ניטא... (זי קוקט זיך ארום אף אלע זייטן). די מאמע איז געפארן קיין אויסלאנד מאכן די קור, און די טאכ־טער האט געהאט די רפואה... פארוואס גענידסט איר עפעס ניט? אט שטייען ניס, מאראנצן, איינגעמאכטס... איר האט מיך עפעס היינטיקע נאכט גאר מבייש געשטעלט. צי אפשר ווילט זיך אייך, מיט רעשפעקט צו מעלדן, א סטוקלקע?

אלע דאמען: (הייבן זיך אויף ווי איין מענטש). א סטוקל־קע? אד, פארוואס ניט? (מע מאכט ניט קיין שהיות, מע פארקאפט ער־מער. מע נעמט ארויס די בייטעלעך און מע גיט קארטן. לכתחילה איז שטיל. עס הערן זיך נאר פארשיידענע איינציקע קולות פון די מאנצבילן: „פאס!" „א קליינער שלעם!" „א גרויסער שלעם!" „און צוויי!" „און דריי!"... און פון די דאמען: „וואס איז יום־טוב?" „וועמענס שלייף?" „איך האב א לעווי!" „איך בין רעמיז מיט דער צווייטער מלכה!" „וועמענס פארהאנט?" „טויז מלך קאזירו!" „עס קומט מיר פון אייך א גילדן! פארגעסט נאר ניט, א גילדן!"... נאר וואס ווייטער ווערן די קולות אלץ העכער. די פנימער פלאמען, די אויגן ברענען. מע הייבט זיך אן אונ־טערקריגן. די מאנצבילן ווארפן זיך אויס איינער דעם אנדערן, אז זיי פארשטייען דאס שפיל מער פון א טויטן. פייפער היצט זיך. בא די דא־מען איז אויך ניט אומעטיק. מע זאגט זיך איינע דער אנדערער שטעכ־ווערטלעך, אז בא קארטן טאר מען ניט זיין נערוועז. איזאבעלע זיצט בא דער פארטעפיאנע און שפילט שטילערהייט. מארקוס זיצט הינטער איר און שעפטשעט איר אפן אויער. איזאבעלע לאכט).

מארקוס: (דרייט אויס דעם קאפ צום עולם). באטראכט נאר אקארשט, ווי מען איז דאס פארטיפט אין דער ארבעט. עס איז זיי שוין ניט אפצורייסן אצינד פון די קארטן. זיי זעען ניט און הערן ניט וואס עס טוט זיך ארום זיי. כאטש נעם און טראג זיי ארויס. און די דאמען? זעט נאר, ווי זיי ברענען! זיי זיינען גרייט, זיי זאלן זיך ניט שעמען, איינס דאס אנדערע אויסרייסן די אויגן, אפבייסן די נעזער, איינשלינגען לע־בעדיקערהייט... (ער שטייט אויף, לייגט צונויף די הענט אפן הארצן). גליקלעכע מענטשן! אין דער מינוט איז פאר זיי ניטא קיין שום טייערע אדער הייליקערע זאך אף דער וועלט. א כפרה דאס וויב פאר א „גרויסן שלעם", א כפרה דער מאן פאר א „טויז קאזיר", א כפרה קינדער, א כפרה אלצדינג פאר א קערטל... אומגליקלעכע נפשות! וואס פאר א לעבן קאן בא זיי זיין? וואס פאר א וועלט? ווען רעדט דער מאן מיטן וויב, דער פאטער מיט די קינדער, אז א גאנצן טאג איז מען אף דער בערזע, און באנאכט בא די קארטן? ווען זעען זיך די קינדער מיט זייער פאטער? וואס הערן זיי, וואס ווייסן זיי און וואס טראכטן זיי פון אים?... ווו איז ער, דער גלאנץ פון אונדזער אומה, אונדזער גרעסטע, אונדזער שענסטע

און אפשר איינציקע מעלה, מיט וועלכע מיר שטאָלצירן קעגן אַנדערע פֿעלקער — דאָס ייִדישע פֿאַמיליענלעבן?...

אייזאַבעלע: (הערט זיך איַין ווי מאַרקוס רעדט). אַך, מאַרקוס! ווי שיין ער איז בשעת ער רעדט! פּערל שיטן זיך פֿון זייַן מויל. און די אויגן — פֿלאַמען פֿיַיער. ליבער מאַרקוס! זיסער מאַרקוס! די נשמה וואָלט איך אים אוועקגעגעבן בשעת ער צערעדט זיך! (זי שיקט אים אַ קוש איין דער לופֿט). דאָס האַרץ רייַסט מיר אָבער, אַז איך דערמאָן זיך, וויאַזוי ער וועט נעבעך לייַדן און וואָס פֿאַר אַ צרות ער וועט איבערטראָגן, אַז ער וועט דערהערן, אַז איך בין אַ כּלה געוואָרן פֿאַר אַן אַנדערן... אַך, וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך בין, צו מייַן פֿינצטער מזל, געבוירן בײַ רייַכע עלטערן? וואָס קאָן איך העלפֿן, אַז איך שטיי איין בײַ אַ דעספּאָט, וואָס וויל ניט פֿאַרשטיין, אַז ליבע שטייט העכער פֿון געלט?... אַנטלויפֿן? חתונה האָבן קעגן דעם טאַטנס ווילן? וואָס וועט זייַן דערמאָלט פֿון אונדז ביידן דער תּכלית, אַז ער איז אַזוי אָרעם און עלנט?... אָרעמער מאַרקוס! ווי גליקלעך וואָלטן מיר ביידע געווען, ווען ער איז אין פֿיַיפֿערס שטאַנד, כאָטש האַלב פֿון אים! איך וואָלט געוואַרט ביז ער וועט ענדיקן דאָקטער מעדיצין... נאָכדעם חתונה געהאַט... געפֿאָרן אינאיינעם קיין בערלין, אָדער קיין ווין, אַזוי ווי בינקיסעס טאָכטער מיט איר מאַן... געקומען, אויסגעמעבלט אַ שיינע דירה אין יעהופּעץ, אַזוי ווי בינקיסעס טאָכטער... אים אַ גרויסאַרטיקן קאַבינעט, מיר אַ פּראַכטפֿולן בודואַר... מיר האָבן זיך אונדזער אייגענעם עקיפּאַזש מיט גומעלאַסטיקענע רעדלעך... אַלע וואָך זשורקיסן... אַלע נאַכט אָדער צוגאַסט, אָדער אינאיינעם אין טעאַטער... „ווער זיצט דאָס אין יענער לאָזשע־בענואַר, אַזאַ גליקלעך פּאָרפּאָלק?” — „דאָס איז דאָקטער מאַרקוס מיט זייַן פֿרוי אייזאַבעלע”... (פֿלוצעם כאַפּט זיך אויף בינקיס, טוט אַ וואָרף די קאָרטן אָפּן טיש).

בינקיס: לאָז דאָס ברענען אָפּן פֿיַיער! איידער אַזוי שפּילן אין קאָרטן, איז שוין גלייַכער זיצן אינדערהיים און שרייַבן ספֿרים!

קנאַקניסל: וואָס גייט אייַך אָן, וויאַזוי איך שפּיל? איך וויל מיר אָרוים מיט קאָזיר — און רוף מיך קנאַקניסל!

פֿאָסטערנאַק: (פֿון דעם אַנדערן טיש). ער איז גערעכט, ווי אין פּסוק שטייט: בגפּו יבוא בגפּו יצא — איטלעכער שפּילט זיך, ווי ער פֿאַרשטייט.

פֿיַיפֿער: ניין, שולדיק איז גאָר בינקיס: ער האָט געמאַכט אַזאַ גאַנג, אַז מע מעג אים אָפּהאַקן הענט און פֿיס. נאָר בינקיס איז דיר אַן אַנטיק: ער האָט אַ טבע, אַז טאָמער מאַכט ער אַ פֿעלער, פֿאַלט ער אָן אָף יענעם.

בינקיס: (צו פֿיַיפֿערן). איר זייַט אַן אידיאָט! איר פֿאַרשטייט אַזוי בײַ קאָרטן, פּונקט ווי איר פֿאַרשטייט די בערזע!

פ ײַ פ ע ר : ע, איר זידלט זיך שוין? וועל איך דאָך אײַך דערציילן, ווער איר זײַט, קאַרטיאָזשניק! זשוליק! (ער כאַפּט אַ טעשל קאָרטן און וואַרפט כינקיסן אין פּנים אַרײַן. כינקיס נעמט אים אָן בײַ די וואַנצעס. קנאַקניסל פּאָרט אַרײַן כינקיסן אין דער באָרד. פּאַסטערנאַק שרײַט: „אַ ל ת פ ל ד ב ר — כאָטש פּאַקרישקע! לאָז זײַן שטיל! סיאיז אַ בזיון פאַר די דאַמען!"... מאַדאַם פּאַסטערנאַק פאַלט חלשות. די דאַמען שרײַען: „וואַסער! וואַסער!").

# צווייטער אַקט

[אין אַ פּאָר חדשים אַרום. — בײַ פּײַפּערן אין קאַנטאָר. שיינע טישלעך. געטאַקטע גראַטעס. אײַזערנע שאַפעס. — ציפּערבלאַט, דער בוכהאַלטער, אונטערגעבונדן די אויערן מיט אַ ווײַס טיכל, און פּלעדערוויש, דער קאָרעספּאָנדענט, אַ פּראַנט מיט בלויע ברילן, זיצן אַף הויכע שטולן, סקריפּען מיט די פּעדערן און וואַרפן אַף ביינדלעך. זילבערמינץ, דער קאַסיר, זיצט אין די גראַטעס בײַ דער קאַסע, ציילט געלט געשווינט, קנאַקט מיט די פינגער. פּײַפּער אַליין זיצט אויבנאָן באַם טיש און דרייט די וואָנצעס. בײַ די זײַטן זיצן ספּעקולאַנטן: פּײַנקוגל, בינקים, בייגעלמאַן, קנאַקניסל. אַ ביסל ווײַטער שטייען עטלעכע יונגע ספּעקולאַנטלעך און מעקלערס. אַלע ריידן, מאַכן מיט די הענט, היצן זיך. עס לאָזן זיך הערן פאַרשיידענע קולות: „יקנה"ז!" „פּעסטן" „יקנה"ז!"... עס קומט אַן גרײַגער מיט אַ כאַליאַסטרע מעקלערס.]

## ערשטע סצענע

גרײַגער: (האַלט זיך מיט ביידע הענט בײַ די זײַטן). יקנה"ז!? אומעטום, וווּ מע קומט, הערט מען נאָר יקנה"ז און יקנה"ז! יעהופּעץ — אויך מיר אַ בערזע, אַז אַך און ווי איז די יאָר! כאַפּט מען זיך אָן אַן עפּעס אַן אַרטיקל, איז זיי ניט אַפּצוריײַסן. פרעגט זיי בחרם: וואָס יקנה"ז? ווער יקנה"ז? ווייסן ניט פון זייער געזונט. איינער קוקט אַפן אַנדערן, גייען ווי שאָף אין דער טשערעדע. נאָר איך איינער האַלט מיך אָפּ פון יקנה"ז. אַדרבה, איך פאַרקויף גאָר יקנה"ז. אָט האָב איך ערשט נעכטן אָפּגעלייזט פאַר אַ דריטהאַלבן הונדערט שטיק יקנה"ז זיבן הונדערט צוואַנציק אַף קאָנטראַקטן, איך זאָל אַזוי לעבן מיט אײַך אינאיינעם. לאָז זאָגן עמעצער, אָט שטייען ייִדן. (ער ווײַזט אַף דער כאַליאַסטרע מעקלערס).

די כאַליאַסטרע: (שיסן אויס אַלע מיטאַמאָל). אמת, אמת, ווי מערידן זײַנען!...

פּײַנקוגל: (קוקט זיך איבער מיט דער קאָמפּאַניע ספּעקולאַנטן. צו גרייגערן). אַז די נאָסע ביימער ברענען, הײַנט וואָס זאָלן שוין זאָגן די טרוקענע? אַז איר האָט מורא צו האַלטן זיך מיט יקנה"ז, הײַנט וואָס זאָלן מיר שוין זאָגן?... פונדעסטוועגן וואָלט איך זייער געוואָלט וויסן, צי פאַרקויפט איר נאָך עפּעס יקנה"ז צו די זעלבע פּרײַזן?

גרײַגער: (אויפגעבראַכט). איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב

פײַנט אײַערע יעהופעצער אפּשניצלער, אויבערקעפּלער און המשאהלער. בא מיר איז אַן אָפענער זעקס־און־זעכציק — וואָס אַף דער לונג, דאָס אַף דער צונג. אַז מע רעדט, זאָל מען רײדן עסק. פּאָעזיע האָב איך פּײַנט. (צו פּײַפּערן). זעט איר, מיט אײַך מאַכן מיר אַ געשעפט. מיט אײַך האָב איך ליב צו האַנדלען, ווײַל איר זײַט דער אײנציקער לײַטישער סוחר אין יעהופּעץ אַף דער בערזע. מיט אײנעם וואָרט, איר זײַט אַ דזשענטל־מען — איך זאָג דאָס אַף אײַך אַלע מאָל, ווי גאָט איז הײליק. פרעגט, אַט שטײען ייִדן.

די כאַליאַסטרע: אמת, אמת, ווי מערידן זײַנען!

פּײַפּער: (דרײט די וואָנצעס). וואָס־זשע ווילט איר מאַכן, פּאַני גרײגער? לאָמיר הערן.

גרײגער: איך וויל... איך וויל מיט אײַך מאַכן אַזאַ געשעפט: איר שטעלט מיר אַ פּרײַז אַף הונדערט שטיק יקנה"ז, ווי טײַער איר קויפט און ווי טײַער איר פאַרקויפט, געדרוקט אין צען קערבלעך, און איך מוז אויסקלײַבן אײנס פון די צווײ: אָדער איך וועל בא אײַך צונעמען הונדערט שטיק יקנה"ז, אָדער איך וועל אײַך אָוועקגעבן הונדערט שטיק יקנה"ז. נו, וואָס טראַכט איר אַזוי לאַנג? האַקט אַ צדיק!

פּינקוגל: (צום איבעריקן עולם). גרײגער וויל אים מאַכן דאָס שפּיל...

פּײַפּער: (טראַכט). נײן. מיר לוינט בעסער, הער גרײגער, אַז איר זאָלט מיר שטעלן אַ פּרײַז אַהין אָדער אַהער, און די ברירה זאָל זײַן בא מיר.

פּינקוגל: (צום איבעריקן עולם). דער קלײנער לאָזט זיך ניט פירן אין חדר אַרײַן.

גרײגער: (מיט היץ). אַט דאָס איז די מעשה מיט אַ יעהופּע־צער ספּעקולאַנט: גיב אים פיר אַ געשעפט, ענטפערט ער דיר בויבעריק! נו, בקיצור, לאָז זײַן אַזוי ווי איר ווילט. בא מיר פּועלט איר אַלצדינג אין דער וועלט. דאַרויף בין איך גרײגער. איך האָב שוין אַף אַזעלכע ספּעקולאַציעס מײַנע צײַן אויפגעגעסן. איך האָב שוין געפּרוווט אַמאָל אין אײן האַלבע שעה דערלײגן זיבן און זיבעציק טויזנט קערבלעך — און אַפילו זיך ניט פאַרקרימט, ווי מיר שטײען אונטער אַ הימל. (ער ווײַזט אַף דער סטעליע). פרעגט וועמען איר ווילט, אַט שטײען ייִדן.

די כאַליאַסטרע: אמת, אמת, ווי מערידן זײַנען!

גרײגער: (מיט גדלות). געלט איז בלאָטע. דער עיקר איז — אַן ערלעכער מאַן, דאָס וואָרט זאָל זײַן אַ וואָרט, און געוויינלעך — מוז מען דערצו האַלטן קאָפּ אויך. (ער טוט זיך אַ פּאַטש אין שטערן). גרײ־גער האָט אַ קעפּעלע, דער רוח האָט אים ניט גענומען!... אַלזאָ, הער פּײַפּער, הערט זיך צו מיט קאָפּ. (ער צײלט די ווערטער). הונדערט שטיק יקנה"ז אַף קאָנטראַקטן, אַף זיבן הונדערט פערציק, מיט פערציק קערב־לעך האַנטגעלט — קויף איך בא אײַך, און אַף זיבן הונדערט פופ־

ציק, מיט א פופּציקער האַנטגעלט — פּ אַ ר ק ו י ף איך אײַך. הײַנט קלײַבט אײַך אויס.

פ יַ פ ע ר: (טראַכט א ווײַלע). האָב איך אײַך אָפּגעגעבן הונ־דערט שטיק יקנה"ז. (צום בוכהאַלטער). הער ציפּערבלאַט! פאַרשרײַבט הונדערט שטיק יקנה"ז אַף זיבן הונדערט פּערציק, מיט פּערציק.

צ י פ ע ר ב ל א ט: (דרייסט זיך אָפּ פון די ביכער). האַ? וואָס? יקנה"ז? וויפל? ווי מײַער? געקויפט, צי פאַרקויפט?

פ יַ פ ע ר: שלום־עליכם, פון וואַנעט איז א ייִד? (צום קאָרעס־פּאָנדענט). הער פלעדערוויש! דערציילט אים וואָס ס'איז דאָ געמאַכט געוואָרן. (צום קאַסיר). הער זילבערמינץ! נעמט צו פון הערן גרייגער פיר טויזנט רובל.

פ יַ נ ק ו ג ל: פאַני גרייגער, אַף אײַך איז מקוים געוואָרן דאָס ווערטל: „אז מע זוכט א גלעזער, געפינט מען א סטאָלער". איר האָט אזוי געוואָלט קויפן יקנה"ז, אזוי ווי איך וויל טאַנצן.

כ י נ ק י ס: איר האָט זיך אליין געשטעלט אין א רעמיז.

ב יי ג ע ל מ א ן: פאַרנוצט געזונט!

ק נ א ק נ י ס ל: ווערטלעך אַף א זײַט. מילא, אז גרייגער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט א וואָרט, וואָס קומט אים דערפאַר? ווען עס טרעפט אַף מיר, דריי איך מיר אַרויס, און רוף מיך קנאַקניסל!

ג ר יי ג ע ר: בלאָטע! איך טו דאָס ניט, אָבער גאָר לאָ מיט א לאַנגער נאָז! איך הייס גרייגער! איך שווער אײַך בנאמנות, ווי ס'איז א שהכל פון גאָט (ער ווײַזט אָפּן טיש), — מײַן גאַנצער אַרויסקוק איז נאָר געווען צו קויפן יקנה"ז. אַף יקנה"ז פרעגט מיך, וועל איך אײַך דערציילן וואָס דאָס איז. ס'איז א סברה, אז מע קויפט אויס דאָס גאַנצע יקנה"ז פונעם מאַרק. ס'איז טויזנט קאַרבן א שטיק, ווי איר זעט מיך לעבן! וואָס מיינט איר, גרייגער איז עפּעס א ייִנגעלע? שוין באַלד א חודש, אז איך האַלט אין איין קויפן יקנה"ז. איך האָב שוין אײַנגע־קויפט ביז הײַנטיקן טאָג אפשר זיבן הונדערט שטיק. פרעגט, אַט שטייען ייִדן. (צו דער כאַליאַסטרע). וואָס שווײַגט איר?

ד י כ א ל י א ס ט ר ע: אמת, אמת, ווי מערידן זײַנען!

א ק ו ל פ ו ן ד ע ר ז יַ ט: סטײַטש, פאַני גרייגער, איר האָט דאָך נאַרוואָס געזאָגט און געשוואָרן זיך, אז ערשט נעכטן האָט איר פאַרקויפט דריטהאַלבן הונדערט שטיק יקנה"ז!

ג ר יי ג ע ר: (מיט כעס). נאַכאַל! ווער פרעגט אײַך? א ייִד איז דיר קיין קאַטאָוועס ניט! מענטשן ריידן עסק, מישט ער זיך אַרײַן. ווער האָט דען געזאָגט „פאַרקויפט"? איך? מסתמא האָט מיר אזוי געפּאַסט. איך זאָג תמיד וואָס מיר פּאַסט. למאי זאָל איך לייקענען? איך האָב פײַנט די יעהופּעצער חכמות. בא מיר איז אז אָפענער זעקס־און־זעכציק — וואָס אַף דער לונג, דאָס אַף דער צונג. פאַזשיע האָב איך פײַנט. (צו פײַפערן). א סימן האָט איר, אז איך בין א פעסטער קונה אַף יקנה"ז —

אט פרגווט זיך, שטעלט איַין, גיט מיר אוועק אף זיבן הונדערט פופציק, מיט א צענערל האנטגעלט, נעם איך בא איַיך צו נאך א מאה שטיקלעך יקנה"ז.

פ יַ פ ע ר : (ניט לאנג געטראכט). האב איך איַיך אוועקגעגעבן נאך הונדערט שטיק יקנה"ז. (צום קארעספאנדענט). הער פלעדערוויש! מאכט א בריוו אף נאך הונדערט שטיק יקנה"ז.

פ יַ נ ק ו ג ל : (נעמט זיך בא דער בארד). אם כן, אז דער צער פון טראגן איז יא אזוי גרויס, בין איך דאך אויך א קונה אף א מאה שטיקלעך יקנה"ז צום זעלבן פריַיז, אויב מיט א צענערל האנטגעלט!

פ יַ פ ע ר : (צום קארעספאנדענט). הער פלעדערוויש! מאכט נאך א בריוו אף הונדערט שטיק יקנה"ז.

כ י נ ק י ס : נו, און ווו בין איך? מיַין געלט איז קיין געלט ניט? עלעהיי איך האב געשפילט אין „בעזיק". די בערזע איז דאך ניט מער ווי א קארטנשפיל. הייסט מיר אויך מאכן א בריוול אף א מאה שטיקלעך יקנה"ז.

ב יי ג ע ל מ א ן : ווערקמירדיק! בא כינקיסן איז דיר אלצדינג געגליכן צו א קארט! (צו פיַיפערן). זיַיט אזוי גוט און הייסט, זיַיט מוחל, מיר אויך מאכן א בריוועלע אף א האלבע מאה יקנה"ז.

ק נ א ק נ י ס ל : איך האב אפילו געגעבן דאס ווארט מיַין וויַיב, אז איך וועל מער קיין געשעפטן אף דער בערזע ניט מאכן; נאר אז איך זע אלע קויפן, לאזט דאס מיך ניט איַינזיצן, ווי זאגט ער: „אחרי רבים להטות". (צו פיַיפערן). הייסט שוין, זיַיט מוחל, מיר אויך מאכן א בריוול אף יקנה"ז, און דווקא אף א גאנצע מאה — און רוף מיך קנאקניסל!

פ יַ נ ק ו ג ל : (צו קנאקניסלען). אף איַיך איז מקוים געווארן דאס ווערטל: „יאק יצר־הרע נאפאדני, טא תקיעת־כף נע פאמאזשע"...

פ יַ פ ע ר : (צום בוכהאלטער). הער ציפערבלאט! פארשריַיבט נאך צוויי הונדערט פופציק שטיק יקנה"ז. (צום קארעספאנדענט). הער פלעדערוויש! מאכט נאך דריַי פרישע בריוולעך. (צום קאסיר). פארשריַיבט איַין דעבעט נאך דריַי טויזנט פינף הונדערט רובל. (ציפערבלאט ווארפט אף די ביינדלעך. פלעדערוויש שריַיבט בריוולעך. זילבערמינץ ציילט געלט, קנאקט מיט די פינגער. צווישן עולם ווערט א מוראדיקער גערודער. אלע שריַיען: „יקנה"ז! פעסט! פעסט!" מעקלערס לויפן הין און צוריק פון איינעם צום אנדערן, רוימען איַין אלעמאל פיַיפערן א סוד אפן אויער, נעמען אן ארדער און ברענגען געלט).

ג ר יי ג ע ר : (גרויס). נו? ווער האט אנגעמאכט א האס אף יקנה"ז? גרייגער! ווער קויפט אין איין קלאפ דריַי הונדערט שטיק יקנה"ז? גרייגער! אלץ גרייגער! אף מיר קוקנדיק האבן זיך שוין אלע צעלאזט קויפן יקנה"ז. ווו זיַיט איר געווען ביז אהער, בריות, יעהופעצער ספעקולאנטן? ספעקולאנטן זיַיט איר? אידיאטן, ניט קיין ספעקולאנטן! איר ווייסט ניט, ווער עס האט איַיך געשלייערט! איר זעט, יענער קריכט —

קריכט איר אויך. וואָס קריכט איר? וואָס האָט איר געקויפֿט? יקנה"ז? איר ווייסט, וואָס יקנה"ז איז? מע טאָר עס דען נעמען אין די הענט אַריַין אַפֿילו?

א קול פֿון דער זײַט: סטײַטש, איר האָט דאָך גאָר־וואָס געזאָגט?!...

גרייגער: איך האָב געזאָגט? נו, איז וואָס? האָב איך געזאָגט, מסתמא האָב איך באַדאַרפֿט אַזוי זאָגן. איך לייקן מיך גאָר ניט. איך האָב ליב זאָגן דעם אמת. בײַ מיר איז אַן אָפֿענער זעקס־און־זעכציק — וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג. פֿאָעזיע האָב איך פֿײַנט. איך בין אַרײַנגעקומען אַהער, טאָמער וועט גאָט רחמנות האָבן, איך וועל קאָנען פּטור ווערן פֿון אַ שמאַטע. איך טראָג מיך שוין אַרום מיט יקנה"ז פֿון אַ וואָך זיבן. פֿרעגט וועמען איר ווילט, אָט שטייען ייִדן. (צו דער כאַליאַסטרע). וואָס שווײַגט איר?

די כאַליאַסטרע: אמת, אמת, ווי מערידן זײַנען!

פֿײַנקוגל: (זיך אין באָרד אַרײַן). גאָט שיקט צו דעם טרינ־קער זײַן ווײַן און דעם שפּינער זײַן פֿלאַקס. אַזעלכע יאַר־עדות, ווי בײַ גרייגערן, זײַנען ווערט דאָס גאַנצע געלט.

גרייגער: אַ סימן האָט איר, גיט מיר אַ בעם אויף צוויי הונ־דערט שטיק יקנה"ז אויף קאָנטראַקטן, אַז איר זײַט מחויב זיי בײַ מיר נעמען אויף זיבן הונדערט קערבלעך, גיב איך אײַך צו צען קערבלעך אויף יעדן שטיק.

פֿײַפֿער: האָב איך אײַך פֿאַרקויפֿט אַ בעם אויף צוויי הונדערט שטיק יקנה"ז. (צום קאָרעספּאָנדענט). הער פֿלעדערוויש! מאַכט אַ בריוו אויף צוויי הונדערט שטיק יקנה"ז, אַז איך דאַרף נעמען אויף זיבן הונדערט רובל איבעראַיאַר קאָנטראַקט. (צום קאַסיר). פֿאַרשרײַבט אין דעבעט פֿון הערן גרייגער נאָך צוויי טויזנט רובל.

גרייגער: (נעמט דאָס בריוול, ציילט אָפּ געלט, שטייט אַ ווײַ־לע, שפּײַט אויס). טפֿו זאָל דאָס ווערן! וואָס האָב איך דאָ אָנגעמאַכט? אויף זיבן הונדערט פּופֿציק געקויפֿט... אויף זיבן הונדערט פֿאַרקויפֿט... נאָ־איך מיינט דאָך, אַז גרייגער איז עפּעס אַ ייִנגעלע און וועט גלאַט אַרויס־וואַרפֿן געלט אויף דער גאַס? בלאָטע! אָבער גאָר לאָז מיט אַ שטרײַמל! עס וועט אײַך קאָסטן געלט! איך וועל אײַך אויסטאָן ביזן לעצטן העמד, ווי איר זעט מיך לעבן! איך וועל אײַך אַלעמען מאַכן פֿאַר קבצנים, ווי ס'איז הײַנט יום רביעי — דינסטיק אויף דער גאַנצער וועלט! (ער גייט אַוועק. טוט אַ זעץ מיט דער טיר. די כאַליאַסטרע — נאָך אים).

## צווייטע סצענע

פֿײַנקוגל: (צום איבעריקן עולם). וואָס זאָגט איר אויף אים? דער כוח פֿון געלט! אַזאַ־ך־עזות! איך האָב אים אָבער געוואָלט דערציילן

א משל פון שלמה המלך מיטן האן. איר האט געהערט דעם משל פון שלמה המלך מיטן האן?

כ י נ ק י ס : אצינד, אז גרייגער איז שוין אוועקגעגאנגען, האט איר זיך דערמאנט אינעם משל פון שלמה המלך מיטן האן! פונקט אזוי ווי נעכטן בא די קארטן...

ב יי ג ע ל מ א ן : ווערקמירדיק! פון וואס איר זאלט ניטריידן מיט כינקיסן — אף די קארטן מוז ער ארויפקומען!

ק נ א ק נ י ס ל : כינקיס איז גערעכט. צו וואס זאלן מיר זיך נארן? יידישע תקיפות איז שטעלן א פייג אונטער דער פאלע — און רוף מיך קנאקניסל!

פ יי פ ע ר : (טוט זיך אן). ווייסט איר, וואס עס וואלט גוט גע־ווען צו טאן אצינד? (אלע שוויַיגן. כינקיס כאפט זיך ארויס).

כ י נ ק י ס : מאכן א „פרעפעראנס"...

א ל ע ד ר יי : בראווא, כינקיס! בראווא! כינקיס האט נאך קיינמאל אזוי גלייך ניט געזאגט. בראווא! בראווא! (פייפער, פיינקוגל, כינקיס, בייגעלמאן און קנאקניסל גייען אוועק. צווישן די יונגע ספעקו־לאנטן און מעקלערס איז א טומל, א געפילדער. אלע ריידן: „וואס הערט זיך מיט יקנה"ז?"... „פלאו!"... „געפאלן. וואס טוט מען? קויפן, צי פארקויפן?"... „קויפט אייך יקנה"ז און מאכט אייך א בעס"... „איך האב א האס אף יקנה"ז! ווער קויפט א האס?"... „האלט זיך מיט אייער האס, רייבט אים אויס מיט זאמד"... „אז מאכן, זאל מען מאכן א סטעלאזש"... „גיט־זשע מיר א בריוועלע, עס זאל זיין מיט פיס, עס זאל קאנען גיין"... „פייפערס א בריוועלע איז פרימא"... „פרימא, פרימא! ער נעמט, זאגט מען, הונדערט טויזנט רובל נדן"... „פאסטערנאקס טאכטער"... „פאס־טערנאק איז רייך"... „א מיליאנער, זאגט מען, א דבר־אחר, נאר א מי־ליאנער!"... עס עפנט זיך די טיר און עס שטעקט זיך אריין א קאפ פון א יידל, און נאכדעם — דאס יידל אליין).

## ד ר י ט ע ס צ ע נ ע

ד א ס יי ד ל : דא פארקויפט זיך דאס... (א שמארע מיט דער נאז). וויאזוי הייסט דאס... יקנה"ז.

ע ט ל ע כ ע ק ו ל ו ת : אט האסטו דיר די אנדערע טעג יום־טוב! א נייער סוחר אף יקנה"ז!

ד א ס יי ד ל : ווי טייער איז בא אייך דאס... (א שמארע מיט דער נאז). וויאזוי הייסט דאס... יקנה"ז?

ע ט ל ע כ ע ק ו ל ו ת : ווער זייט איר? וואס דארפט איר?

ד א ס יי ד ל : (דערשראקן). אליין בין איך אזוי גרויס ווי א כתרילעווקער אליין. פארן פאר איך, הייסט דאס, פון אדעס, און הייסן הייס איך מנחם־מענדל.

עטלעכע קולות: זײַט איר אפשר יענער מנחם־מענדל, וואָס האָט געהאַנדלט אין אַדעס אױף דער בערזע מיט „לאָנדאָן"?

מנחם־מענדל: (גײַציק). יאָ, דאָס בין איך טאַקע אַלײן, טאַקע יענער מנחם־מענדל, וואָס פֿאַראַיאָרן אין אַדעס, ניט הײַנט גע־דאַכט, באַ פֿאַנקאָני ימח שמו, אַ האָס, אַ בעס, און אַ דאָס... (אַ שמאָ־רע מיט דער נאָז). אַ סטעלאַזש.

עטלעכע קולות: קומט דאָך אײַך שלום. שלום־עליכם אײַך, רב מנחם־מענדל, וואָס מאַכט אַ ייִד?

מנחם־מענדל: וואָס זאָלן מיר מאַכן וואָס? אַדעס איז טויט אַדעס. אויס „לאָנדאָן", אויס פֿאַנקאָני, אויס מאַראַזשענע... אַלע אַדעסער קומען אַהער קײַן יעהופּעץ קומען זײ, און דאָ הער איך, ייִדן, אַן עין־הרע, מאַכן גאָר ניט שלעכט מאַכן זײ. האָב איך מיך מיישב גע־ווען, וואָס בין איך ערגער פֿון אַלע וואָס? אגב, האָב איך, פֿאַרנדיק פֿון אַדעס אַהערצוצו, דורכגעשלאָגן אין זשמערינקע אַ דאָס... אַ שידוך דורכ־געשלאָגן, פֿאַרדינט מיט גאָטס הילף עטלעכע קערבלעך, גלוסט זיך עפּעס מאַכן, שפּעגעלירן גלוסט זיך, ווי זאָגט ער: פֿאַרזוכט פֿונעם עץ־הדעת פֿאַרזוכט... אײַ זי, די פּלוניתטע הייסט דאָס, וועט שרײַען גוואַלד וועט זי? עט, ווער איז זי מחויב צו האָרכן אַ נקבה ווער?... שאַט, וואָס־זשע האָב איך אײַך אָנגעהויבן צו זאָגן וואָס? יאָ, כ'האָב מיך דערמאָנט: איך האָב בדעה צו מאַכן עפּעס מיט דאָס... (אַ שמאָרע מיט דער נאָז). ווי־אַזוי הייסט דאָס?... יקנה"ז... (דער עולם לאַכט. דער קאַפּעלוש און די קאַפּאָטע און אויך שמעלקע לאָזן זיך צו אים).

שמעלקע: (רעדט טיף ליטוויש). יקנה"ז? אדרבה, גיט עפּעס צו פֿאַרדינען.

דער קאַפּעלוש: (שטופּט אָפּ שמעלקען). וואָס ווילט איר מאַכן? זאָגט, אָט לויף איך אײַך מאַכן.

די קאַפּאָטע: (שטופּט אָפּ דעם קאַפּעלוש). אַנו, לאָזט מיך!... (שנײַצט אויס די נאָז, נעמט אַרויס פֿון הינטן אַ רויטע פּאַטשײ־לע). נאָט אײַך אָפּעט שלום, רב מנחם־מענדל. הייסט דאָס, כּפֿי איך זע אַרויסעט אָט־אַ־דאָ־אַ פֿון אײַער שמועס, פֿאַרשטײ איך, אַז איר האָט חשק, איך בעט איבער אײַער כּבֿוד, צו שווינדלען מיט יקנה"ז. זאָגט־זשע מיר, זאָלט איר מיר געזונט זײַן, איר קלערט, וואָס איז שײַך, קויפֿן, צי, איך בעט איבער אײַער כּבֿוד, פֿאַרקויפֿן?

מנחם־מענדל: פֿאַרקויפֿן אוודאי ניט. זעט איר, קויפֿן — דאָס וואָלט אפשר געווען אַ שטיקל פּלאַן אפשר. נאָר וואָס־זשע דען איז דאָ דער גאַנצער דאָס? (אַ שמאָרע מיט דער נאָז). איך ווייס ניט, מיט וואָס עסט מען דאָס, ווייס איך ניט.

שמעלקע: (שטופּט זיך דורך). יקנה"ז ווייסט איר ניט?

דער קאַפּעלוש: (שטופּט אָפּ שמעלקען). איר ווייסט ניט, וואָס הייסט יקנה"ז? די גאַנצע וועלט קויפֿט יקנה"ז.

ד י  ק אַ פּ אָ ט ע : (שטופּט אָפּ דעם קאַפּעלוש). לאָזט מיך, איך וועל אײַך קלאָר מאַכן, וואָס איז שײַך, אַקוראַט דעם ענין פֿון יקנה״ז. מכּוח וויסן וואָס דאָס איז, מוז איך אײַך זאָגן דעם רעכטן אמת, אַז מיר אַליינעט אָט־אַ־דאָ־אָ ווייסן אויך ניט, איך בעט איבער אײַער כּבֿוד, מיט וואָס מע עסט דאָס, וואָרעם דאָס איז אַ זאַך, וואָס אַלע האָבן דאָס און קיינער זעט דאָס ניט, אַ בלינדער אתרוג, איר פֿאַרשטייט?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : כּ׳פֿאַרשטיי, פֿאַרוואָס זאָל איך ניט פֿאַר־שטיין פֿאַרוואָס? דאָס איז, אַפּנים, אַן אײדעלע מאַטעריע איז דאָס? (ער ווײַזט אַף די פֿינגער). ניטאָ באַ וואָס אָנצוטאַפּן ניטאָ? ס׳איז אַזאַ מין, וואָס ס׳איז גאָר לחלוטין ניטאָ אַף דער וועלט, אַזוי ווי דאָס „לאָנדאָן״ אין אָדעס?

ד י  ק אַ פּ אָ ט ע : חלילה! וואָס איז שײַך, ס׳איז ניטאָ באַ וואָס אָנצוטאַפּן? ווי געשיקט זיך עס, מע זאָל קויפֿן און פֿאַרקויפֿן אַ מין, וואָס איז גאָר אַף דער וועלט ניטאָ? נאָר אַז מע וויל שמועסן נאָכאַמאָל טאַקע דאָס אייגענע ווידער צוריק, איז דאָס פּאָרט ניטאָ אין ערגעץ ניט, ווײַל פֿאַרקויפֿן פֿאַרקויפֿט זיך דאָס, איך בעט איבער אײַער כּבֿוד, בלאַנ־קאָ, דאָס הייסט, מע פֿאַרקויפֿט דאָס אײַך אַף איבעראַיאָרעט קאָנטראַקטן מיט אַ ברירה: פֿאַלט דאָס — האָט איר פֿאַרשפּילט נאָר דעם אַדערויף; אלא טאָמער הייבט זיך דאָס — נעמט איר אָפּ באַ יענעם צער און רפֿוי און שבת און בושת, עס געהערט צו אײַך מיט הכּל־בכּל־מכּל־פּלעקל, או: אַפֿילו די קאַפּאָנעס זײַנען אויך אײַערע. פֿאַרשטייט איר שוין?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : כּ׳פֿאַרשטיי, פֿאַרוואָס זאָל איך ניט פֿאַר־שטיין פֿאַרוואָס? איך קום צו יענעם און זאָג אים: „פּעטערל! אָדער געלט, אָדער די נשמה״... נאָר וואָס־זשע דען, האָט מיר קיין פֿאַראיבל ניט, איין זאַך איז מיר דאָ אַ ביסל פֿריקרע: איך פֿאַרשטיי ניט דעם דאָס... (אַ שמאָרע מיט דער נאָז). דעם פּשט פֿון לשון קאַפּאָנעס פֿאַרשטיי איך ניט.

ש מ ע ל ק ע : קאַפּאָנעס ווייסט איר ניט? (ער ווײַזט אַף די פֿינ־גער). קאַפּאָנעס, וואָס מע שנײַדט קאַפּאָנעס.

ד ע ר  ק אַ פּ ע ל ו ש : (ווײַזט אַף די פֿינגער). קופּאָנעס איז... איז... איז... קופּאָנעס אַף נעמען דיווידענד.

ד י  ק אַ פּ אָ ט ע : (שטופּט אָפּ דעם קאַפּעלוש). לאָזט זיך די־נען! (ער ווײַזט אַף די פֿינגער). קאַפּאָנעס — דאָס ווערט אָנגערופֿן, למשל, די קאַפּאָנעס, די עסקאָ, דאָס פּרעצענט, וואָס עס וואַקסט אַז... הײַנט פֿאַרשטייט איר שוין?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : כּ׳פֿאַרשטיי, פֿאַרוואָס זאָל איך ניט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס? איך זיץ מיר אין דער היים זיץ איך מיר, און דאָרט וואַקסט דערווײַל אַף מיר פּרעצענט. וויבאַלד אַזוי, איז דאָך עס טאַקע, אַפּנים, נישקשה פֿון אַ דאָס... פֿון אַ געשעפֿטל איז דאָס... מאַכט־זשע מיך קלאָר, איך בעט אײַך, ווי איז, למשל, דער דין, אַז איך וויל מאַכן

דערויף א האָס, צי א בעס, צי אפשר טאָקע מחילה א גאַנצן דאָס... (א שמאָרע מיט דער נאָז). א סטעלאַזש מיין איך?

ד ע ר ק א פ ע ל ו ש : אַ, מיטן גרעסטן כבוד! גיט מיר אַן אָרדער, טו איך א שפּרונג און ברענג אײַך א סטעלאַזש א פּרימאַ: פּיר־פּערס א בריוועלע.

ש מ ע ל ק ע : (שטופּט זיך דורך). צו וואָס נוצן אײַך קונצן, סטעלאַזשן? א מער, קויפט אײַך בעסער מזומנעם יקנה"ז א ביסל. אָט האָב איך אַן אָרדער פון ל א ז ע ר ן און פון מ א ש ע י ע ן...

ד י ק א פּ א ט ע : (שטופּט אָפּ שמעלקען). לאָזט זיך דינען! וואָס דולט איר זיי א יאַרמלקע מיט מזומנעם יקנה"ז, אַז זיי ווייסן נאָך גאָרניט וואָס פאַר א פּנים דאָס האָט?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : עט־נו, מילא איר מיינט, אַז טאָמער טאָקע חלילה ניט אַזוי דאָס?... (א שמאָרע מיט דער נאָז). בע! א סימן האָט איר, אָט האָב איך אָפּגעהאַנדלט א זומער אין אדעס, ניט היינט געדאַכט, מיט „לאָנדאָן", געמאַכט אַלע מאָל א „האָס", א „בעס", א „סטעלאַזש", מיט א „נאָד", מיט א „בלינדע רעכט", מיט אַלע שאַלעמויזן, און פרעגט מיך בחרם פרעגט מיך, צי האָב איך דאָס ווען אַנגעקוקט אין מײַנע אויגן אפילו? פונדעסטוועגן, עס זאָל נאָר געווען זײַן א ביסל מער דאָס... (א שמאָרע מיט דער נאָז) הצלחה, וואָלט איך דען אַצינד ניט געקאָנט זײַן א שטיקל עושר אַצינד? אָט נאָט אײַך ה ע ר ש ע ל ע. הערשעלע איז ניט געווען א שמש אין בית־המדרש, איז ניט אַרוים מיטן שטעקל אין ג ר ע צ ק און האָט ניט געמאַכט אין איין שמע־ישראל דרײַסיק טויזנט? שאָט! און י ו ס ע ל ע ? איר קענט י ו ס ע ל ע ן ? יוסעלע האָט ניט געמאַכט קיין פאַרמעגן פון לאָנדאָן? אמת, זיי האָבן דאָס נאָכדעם אָפּגעגעבן צוריק מיט רווחים האָבן זיי; פונדעסטוועגן...

ד י ק א פּ א ט ע : ע, רב מנחם־מענדל, איר זאָלט אַזעלכעס זאָגן? ווי קומט דאָס צו־נ־אײַך? איר גלײַכט „לאָנדאָן" צו „יקנה"ז"? וואָס איז שײַך, לאָנדאָן" איז, איך בעט איבער אײַער כבוד, „לאָנדאָן" און „יקנה"ז" איז, פאַרשטייט איר מיך, טאָקע „יקנה"ז".

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : דהיינו וואָס? דאָס געשעפט גופא איז טאָקע אַזוי ראַיעל איז דאָס?

ד י ק א פּ א ט ע : וואָס איך שײַך ראַיעל? ס'איז עפרות זהב! ס'איז נאָר א סברה, אַז די גרויסע אונדזערע קויפן דאָס אויס פון דער בערזע, און עס קאָן זייער שיין געמאָלט זײַן, אַז אַף איבעראַיאָר קאָנט־ראַקטן זאָל דאָס זײַן מיט גאָלד גלײַך, אָדער עס זאָל, איך בעט איבער אײַער כבוד, ליגן נײַן איילן אין דער ערד. דערפאַר איז גוט, אַז מע באַוואָרנט זיך מיט א סטעלאַזש. ווײַבאַלד איר האָט א סטעלאַזש, זײַט איר א גליקלעכער מענטש.

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : אַ, א סטעלאַזש איז אוודאי זייער א געש־מאַקער ביסן א סטעלאַזש! איך געדענק עס נאָך פון אָדעס געדענק איך.

נאר וואס־זשע דען איז דא דער גאנצער דאס? דער קוועטש איז דא: מה יקר? וואס קאן עס מיד קאסטן וואס?

ד י  ק א פ א ט ע : וואס איז שייך קאסטן? עס ווענדט זיך, וואס פאר א סטעלאזש איר ווילט מאכן. פאר א געוויינלעכן סטעלאזש וועט איר דארפן באצאלן בראצקעס פארמעגן; נאר אויב איר ווילט, עס זאל אייך קאסטן אין גלייכן געלט, וואלט איך אייך געהייסן מאכן, איך בעט איבער אייער כבוד, א „גערוקטן סטעלאזש", דהיינו: דער בעס זאל זיין געשריבן אף זעקס הונדערט און דער האס אף אכט הונדערט; איז דאך ממה־נפשך (מיט א ניגון) — וועט דער פרייז האלטן העכער פון אכט הונדערט קערבלעך, וועט איר נעמען יקנה"ז; אלא וואס דען, טאמער פאלט דאס? — וועט איר, איך בעט איבער אייער כבוד, געבן יקנה"ז. סיי אהין, סיי אהער — איז אלץ די ברירה בא אייך. האט איר דאס צעקייט?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : פארוואס זאל איך דאס ניט צעקייען פאר־וואס? אין אדעס איז אויך אזוי אין אדעס: אדער איך נעם, אדער איך גיב; דאס הייסט, איך טאנץ אףביידע חתונות טאנץ איך. וואס פאר א זייט עס זאל ניט אוועקגיין — בין איך אלץ אין דרויסן בין איך. בא גרויסע ווארראציאנען איז מען אין אדעס, זאגט מען, גליקלעך געווארן מיט אזעלכע סטעלאזשן. מע דערציילט, אז עס פלעגט אוועקגיין אן עפא־כע, פלעגט מען אנשיטן זעק מיט גאלד פלעגט מען. ביסמארק זאל זיך ניט געווען צוקילן ביסמארק, און עס זאל זיך ניט געווען איבערקערן דאס גאנצע שפיל מיט דער פוטער אראפ, וואלט ה ע ר ש ע ל ע געווען דער אייגענער הערשעלע וואס פריער, און י ו ס ע ל ע וואלט טאקע געבליבן יוסעלע, און איך וואלט איצטערטא געווען גאר בגילופין וואלט איך. נאר מסתמא איז דאך ניט באשערט מסתמא... הקיצור, וואס פארט וועט מיך קאסטן א גערוקטער דאס... א סטעלאזש מיין איך?

ד י  ק א פ א ט ע : וואס איז שייך? מע דארף דאך זען, עס זאל אייך קאמפענירן. צוליב אייך, און וויל מיר מאכן דאס ערשטע געשעפט, וועט דאס אייך קאסטן א צענערל א זייט. ארנטלעך?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : נו, אוודאי קאן מען ניט זאגן, אז ס'איך מייער אוודאי. נאר אויב ס'איז מעגלעך עפעס אפדאסן... אפרייסן מיין איך, אויסדינגען, איז מהכתיתי; ווי זאגט ער: וואס ווינציקער, איז נע־זינטער... נאר טא, אויך די אייגענע מעשה — אז גאט זאל געבן א שטי־קעלע הצלחה זאל ער, איז גארניט, ווי זאגט ער: א רענדל אראפ, א רענדל ארויף, מיר וועלן זיך ניט קריגן וועלן מיר.

ד י  ק א פ א ט ע : האב איך, וואס איז שייך, פון אייך א פעסטן ארדער און קאן, הייסט דאס, מיט מזל־ברכה שליסן דאס געשעפט?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : בפירוש אן ארדער! בא אונדז אין אדעס איז א ווארט אן ארדער און אן ארדער אן אדערויף. מיר פלעגן דארטן האנדלען כמעט גאר אפן דאס... אפן ווארט פלעגן מיר...

די קאַפּאַטע: וואָס איז שייך אַפּן וואָרט? באַ אונדז אין יעהופּעץ איז אויך דאָס נעמלעכע; דאָס וואָרט איז טאַקע אַ וואָרט, נאָר פונדעסטוועגן זיינען מיר זיך דאָ נוהג צו נעמען אַן אַדערויף באַם גרעסטן שפּענגעלאַנט. מחמת עס טרעפט דאָ אָפּטמאָל, אַז פון אַן אָרדער זאָל זיך, איך בעט איבער אייער כבוד, אויסלאָזן אַ בוידעם. איר פאַרשטייט?

מנחם־מענדל: כ׳פאַרשטיי, פאַרוואָס זאָל איך ניט פאַר־שטיין פאַרוואָס? עס קומט אויס, ווי מע זאָגט: „נותן בצימבל הולך במענצל״... נאָט אייך דערוויילע אַזאַ פּופּציקער נאָט אייך, און לאָז זיין אין אַ גוטער שעה אין אַ מזלדיקער. נאָר וואָס דען ווער איך אייך בעטן וואָס? טאָמער איז באַשערט, עס זאָל זיין וואָראַציאַנען, און עס וועט זיין אַף מיין זייט אַ גרויסער דיפערענץ, זאָל זיך חלילה ניט אויסלאָזן אַזוי ווי אין אַדעם חלילה, דאָס הייסט, מע זאָל ניט קאָמפּעזירן מיט פּעטש... הקיצור, איר דאַרפט זען דאַרפט איר, אַז דאָס בריוועלע זאָל זיין אַ דאָסיקס... אַ פּרימאַ זאָל דאָס זיין.

די קאַפּאַטע: וואָס איז שייך פּרימאַ? פּרימאַ אַליין אין קאַרג. (אַ קוועטש מיטן גראָבן פינגער). פּרימאַ דפּרימאַ! טאַקע פּייפּערס אַליין. פּייפּערס בריוועלע — דאָס איז אַ מזומנע מטבע. קיין בעסערס דערפון קריגט איר שוין ניט, איך בעט איבער אייער כבוד, אין גאַנץ יעהופּעץ!... (די קאַפּאַטע לאָזט זיך גיין. דער קאַפּעלוש יאָגט איר נאָך און טענהט, אַז על־פּי יושר און על־פּי מענטשלעכקייט קומט דאָס קור־טאַזש פונעם געשעפט אַף דער העלפט. די קאַפּאַטע וויל ניט הערן, ניט זען. דער קאַפּעלוש בלייבט שטיין באַ דער טיר טרויעריק).

דער קאַפּעלוש: (צו זיך אַליין). לייט האָבן גליק. ער וועט דאָ כאַפּן גוטע זיבן מיט אַ האַלב קערבל! און אפשר טאַקע אַלע צען? אוי־וואַ! פון די הענט אַרויסגעלאָזט אַ געשעפט. וויפל קוקט מען אַרויס דערויף, איידער גאָט שיקט צו אַ פרישן „קונד״? אַז בסך־הכל זיינען די קליינע שפּענגעלאַנטן גאָר אַליין מעקלערס, און פון די גרויסע קאָן מען אויך גאָרניט כאַפּן. צום ביישפּיל, פּיינקוגל: טאַקע אַ שיינער ייִד מיט אַ פּיינער באָרד; נאָר ער וועט בעסער מאַכן אַליין אַ געשעפט און וועט איבערצאָלן, אַבי ניט געבן צו פאַרדינען דעם מעקלער... צי, למשל, בינקים: באַ בינקיסן קאָן מען מאַכן אַ געשעפט סיידן באַ די קאָרטן. פאַר די געהויבענע מעקלערס איז בינקים אַ טייערער „קונד״: זיי כאַפּן מיט אים בשעת מעשה די גרעסטע געשעפטן, נאָר וויפל זיי פאַר־דינען — ליגן זיי דאָרט אַוועק באַ די קאָרטן... באַ בייגעלמאַנען מאַכט מען יאָ אַמאָל אַ געשעפט; נאָר ווען טרעפט זיך דאָס? איין מאָל אין אַ שמיטה, אי דאָס — דאַרף מען זיך פריער גוט אָנגיין, צערייסן דריי פּאָר שטיוול, שטיין באַ דער טיר, חנפהנען די מאַדאַם בייגעלמאַן, אויס־הערן זי, אַז זי קומט אַרויס פון אַ גרויסער משפּחה, כאָטש אַלע ווייסן, אַז זי האָט ניט לאַנג אַרומגעטראָגן אַ קאָשעק מיט בייגל... און אַז גאָט גיט, מע שלאָגט שוין יאָ אַמאָל דורך באַ אים מיט צרות, מיט יסורים

א שטיקל געשעפט און עס קומט צום קורטאזש, דארף מען זיך אוועקדינגען מיט אים א שעה זעקס... דערפאר איז שוין קנאקניסל מער סוחר פון אלעמען: .בא אים אז מ'מאכט א געשעפט, זאל ער לכתחילה, אז פון מעקלערס האלט ער ניט, קיין קורטאזש צאלט ער ניט — און רוף אים קנאקניסל!... בלייבט איבער איין גרייגער. ער איז דער בעסטער פון אלע שפעגעלאנטן אין יעהופעץ און האט דווקא ליב געבן א יידן צו פארדינען א קערבל; נאר וואס דען איז דער חסרון? מע קאן אים נאכגיין א יאר כסדר מיט חלומות, און ערשט נאכדעם כאפן פון אים א פסק, אז עס זאל ווערן פינצטער אין די אויגן... הײַנט גיי צאל דירה־געלט, זיץ ווי א מענטש, גיי ווי א מענטש, האלט אויס א שטוב אין יעהופעץ, לערן קינדער — א שווערע, ביטערע פרנסה! אוי, רבונו־של־עולם, הארצעדיקער פאטער! ווער האט דאס אויסגעטראכט אט דאס מעקלערײַ, אט דאס יעהופעץ, אט די בערזע—די וויסטע, פינצטערע, פארשאלטענע בערזע?!...

(ער זיפצט געשמאק און גייט אוועק. שמעלקע בלײַבט שטיין אינמיטן קאנטאר, אנגעשפארט אף א שטעקן, דער קאפ א ביסל אף א זײַט, די אייגעלעך האלב צוגעמאכט, ווי א ייִדענע בשעת זי טראכט).

ש מ ע ל ק ע : (רעדט צו זיך אליין). אן אומגליק מיט די מעקלערס! קומט א קונה, באפאלט מען אים, ווי די הינט! אמאל איז געווען יארן: איך בין געווען איינער אפן יריד, זיך געארבעט פאוואלינקע, שטילערהייט געמאכט די גרעסטע געשעפטן אין יעהופעץ, פארדינט געלד — א ביסל פון מעקלערײַ, א ביסל פון דער זײַט, פון שפעגעלאציע... הײַנט — פינף און צוואנציק מעקלערס פאר איינעם. מע דארף זיך הײַנט גוט אונטערגארטלען, מע זאל זיי אריבעריאגן! מע לויפט זיך אן דעם גאנצן טאג, ווי א הונט; מע עסט ניט, מע טרינקט ניט, מע גייט ווי א בעטלער. (ער באטראכט אף זיך די הלבשה). וואס זאל מען טאן? די הוצאה איז גרויס, „גילדזשע" מוז מען צאלן... א גליק, וואס יקנה"ז האט א ביסל די אויגן געעפנט. די גאנצענע שטאט האט זיך א נעם געטאן צו יקנה"ז. וואס האט מען אין דעם אזעלכעם דערזען? דער שווארץ־יאר ווייס זיי! איך האב אלע מײַנע „קונדן" באטיילט מיט יקנה"ז. נעבעך בדלות געשטעלט לאזארן מיט מאשעיען, כע־כע! (מיט א שײַנענדיק פנים). אוועקגעקויפט בא זיי כמעט דעם גאנצענעם מזומנעם יקנה"ז אף זיבן הונדערט רובל... נישקשה, איך האב, ניט צו פארזינדיקן, אויך געכאפט דערבײַ א שיין קערבל, חס ושלום ניט בגנבה, נאר גלאט אזוי, פון אויבן א פארדינסטל, ווי אלע יעהופעצער מעקלערס... זיי מעגן אלץ: גנבהנען, גזלנען, קוילענען, און שמעלקע דארף הארעווען פון עולם־הבא וועגן... זיי זײַנען גרויס געווארן בא זיך — פיסס! קאנטאריסטן! באנקירן! און שמעלקע איז אלץ דער אייגענער שמעלקע — עד־עד־עד! פונדעסטוועגן, דאנקען גאט דערפאר. איך דארף צו קיינעם ניט אנקומען: פראן א ביסל געלט, און סחורה א ביסל איז פראן... (ער רעכנט אף די פינגער). פראן „שפאנעווער" מזומנע... (ער טוט זיך א טאפ אין איין קעשענע). פראן

„כּאַרסעווער"... (טוט זיך אַ טאַפּ אין דער אַנדערער קעשענע). און „ווי־גרישנע בילעטן", און אַף „טעקושצעם שצאַט" אַ ביסל, און אַ ביסל אַקציעס פונעם „יעהופּעצער דעליזשאַן" איז פראַן. גאָט זאָל נאָר געבן, דאָס געשעפט פונעם „יעהופּעצער דעליזשאַן" זאָל זיך אַ ביסל פאַרבע־סערן, וועט שוין זײַן וואָס צו טאָן, אם ירצה השם, בײַ לאַזאַרן און בײַ מאַשעיען... (מיט אַ שײַנענדיק פּנים). אײַ, קונים!... אַזעטיקע קונים זאָלט איך וועלן האָבן אַ סך! בארליאַנטענע קונים!... (ער קוקט אַף דער וואַנט). אַהאַ, שוין צוועלף דער זייגער! פונקט די צײַט, ווען לאַזאַר פאַרט פרישטיקן. מע דאַרף לויפן כאַפּן אים בײַ דער טיר — טאָמער וועט גאָט החמנות האָבן און וועט אים אַרײַנשיקן אַ געדאַנק עפּעס מאַכן אַ געשעפטל... (ער גייט אַוועק).

# דריטער אַקט

[אין עטלעכע חדשים אַרום, בײַ פּײַפּערן אין קאַנטאָר. — צ י פּ ע ר־ב ל אַ ט זיצט אויבנאָן, אַף פּײַפּערס אָרט, די אויערן אונטערגעבונדן מיט אַ ווײַס טיכל, און שאַבט זיך די נעגל מיט אַ קליין מעסערל. בײַ דער זײַט שטייט פ ל ע ד ע ר וו י ש, פֿײַן אויסגעפּוצט, האַלט אַ קליין שפּיגעלע אין דער האַנט און קעמט זיך דאָס בערדל. ז י ל ב ע ר מ י נ ץ זיצט פאַרשטעלט אין די גראַטעס, האַלט אונטער דעם קאָפּ מיט ביידע הענט, פאַרצאָרנט, אָנגעברוגזט אַף דער גאַנצער וועלט.]

## ע ר ש ט ע ס צ ע נ ע

צ י פּ ע ר ב ל אַ ט : וואָס קאָן דאָס זײַן מיט אונדזער שעף, וואָס ער איז הײַנט אַזוי שפּעט נאָך ניטאָ אין קאַנטאָר?

פ ל ע ד ע ר וו י ש : קער נאָך שלאָפן. מסתּמא אויף געווען הײַנטיקע נאַכט אין קלוב.

צ י פּ ע ר ב ל אַ ט : האַ? וואָס? מיט וויזיטן? געפונען אַ צײַט צו מאַכן וויזיטן. וואָס רעדט איר? איר ווייסט, וואָס איר רעדט? בײַ אונדז איז דאָך עפּעס הײַנט קאָנטראַקטן, רעאַליזאַציע. איר הערט? רע־אַ־לי־זאַ־ציע!

פ ל ע ד ע ר וו י ש : וואָס־זשע שרײַט איר אַזוי? איך ווייס גלײַך מיט אײַך, אַז ס'איז בײַ אונדז הײַנט רעאַליזאַציע.

צ י פּ ע ר ב ל אַ ט : האַ? וואָס? פאַרשטייט זיך, רעאַליזאַציע. מיר דאַרפן הײַנטיקן טאָג נעמען און געבן אפשר פינף טויזנט אַקציעס. אַ ווערטעלע אויסצוריידן? יקנה"ז אַליין באַדאַרפן מיר רעאַליזירן — וויפל מיינט איר?

פ ל ע ד ע ר וו י ש : איך מיין... איך מיין, אַז דעם חשבון פון יקנה"ז דאַרפט איר וויסן בעסער פון אונדז אַלעמען. דערויף זײַט איר בוכהאַלטער.

צ י פּ ע ר ב ל אַ ט : האַ? וואָס? אַ פּאָר טויזנט, זאָגט איר? פּע, איר האָט אַ גרויסן טעות. העכער דרײַ טויזנט שטיק. איר הערט? דרײַ טויזנט שטיק, אַ חוץ סטעלאַזשן, אַזעלכע, וואָס מען קאָן ניט וויסן, צי מע וועט אונדז געבן, צי מע וועט בײַ אונדז נעמען יקנה"ז. איר הערט, וואָס מע זאָגט אײַך?

פ ל ע ד ע ר וו י ש : (פאַר זיך). בראָש מיינט ער, אַז אַלע הינקען אונטער אַפן לינקן אויער, אַזוי ווי ער... (הויך). איך ווייס גאָרניט, וואָס

מיר וועלן טאָן; אַט זעץ איך מיך און וויין, טאָמער וועט פּײַפער, חס וחלילה, צוליגן געלט.

ז י ל ב ע ר מ י נ ץ : (פון די גראָטעס אַרויס). וועדליק ער איז יוצא קעגן אונדז, וואָלט ער געמעגט ווערן די כפּרה הײַנטיקן טאָג אפילו.

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : בא לײַטישע באַנקירן פּאַרדינט מען אַ קערבל פון דער זײַט גאָר; מע שאַרט זיי צו אַ געשעפטל, אַן אַקציע.

צ י פ ע ר ב ל א ט : האַ? וואָס? ווּ וועלן מיר נעמען אַקציעס, פרעגט איר? מיר וועלן מוזן צאָלן דיפערענצן.

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : (פאַר זיך). גוט מאָרגן, געלן רעטעך טראָג איך.

צ י פ ע ר ב ל א ט : האַ? וואָס? אַ ברירה וועלן מיר האָבן? אַנו, טוט נאָר אַ פרעג דעם קאַסיר, איך רייד ניט מיט אים, אַ סך האָבן מיר עפּעס געלט אין דער קאַסע?

ז י ל ב ע ר מ י נ ץ : (צו פלעדערווישן). קדחת!

צ י פ ע ר ב ל א ט : (צו פלעדערווישן). האַ? וואָס? עטלעכע טויזנט?

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : קדחת, זאָגט ער!

צ י פ ע ר ב ל א ט : (צו פלעדערווישן). קדחת? וואָס הייסט קדחת? ווּ איז דאָס געלט? ווּ איז עפּעס פּאַפּירן, סעריעס, קופּאָנעס? אַנו, פרעגט אים אַקאָרשט, איך רייד מיט אים ניט.

ז י ל ב ע ר מ י נ ץ : (צו פלעדערווישן). פּאַפּירן? זאָגט אים, אַז די מײַז האָבן אויפגעגעסן.

צ י פ ע ר ב ל א ט : (צו פלעדערווישן). האַ? וואָס? וויפל, זאָגט ער?

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : די מײַז, זאָגט ער, האָבן אויפגעגעסן!

צ י פ ע ר ב ל א ט : (אויסער זיך). צי ער איז משוגע, צי ער איז חסר־דעה, צי ער איז גלאַט אַזוי פונעם זינען?

ז י ל ב ע ר מ י נ ץ : (צו פלעדערווישן). זאָגט אים, אַז ער איז אַליין אי משוגע, אי חסר־דעה, אי פונעם זינען. ער ווייס ניט, וואָס מיט אים טוט זיך, דער שיינער „בויכהאַלטער".

צ י פ ע ר ב ל א ט : (צו פלעדערווישן). האַ? וואָס זאָגט ער?

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : ער זאָגט אַף אײַך, אַז איר זײַט אַ בהמה; איר ווייסט ניט, וועד עס האָט אײַך געשלייערט... (ציפערבלאַט שפּרינגט אונטער אַפן בענקל; ער ווייס ניט וואָס צו טאָן פאַר כעס. עס עפנט זיך אויף די טיר און עס קומען אַן מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל און זײַנע צוויי מעקלערס: ד ע ר ק א פ ע ל ו ש און ד י ק א פ א ט ע).

## צווייטע סצענע

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : (צו דער קאפּאטע). נו, וואָס זײַט איר געבליבן שטיין וואָס? גייט צו צו אים, ווײַזט אים די דאָס... די סטעלאַזשן אַף יקנה"ז ווײַזט אים. לאָז ער זיך מיט אײַך צערעכענען לאָז ער זיך.

ד י ק א פּ א ט ע : (צום קאַפּעלוש). זיי זײַנען גערעכט. גייט, זײַט מוחל, צו צום קאַסיר, זאָגט אים אַזוי און אַזוי, לאָז ער אײַך, איך בעט איבער אײַער כבוד, אַרויסצאָלן וואָס עס קומט אַף די צוויי סטע־לאַזשן מיטן האָס.

ד ע ר ק א פּ ע ל ו ש : וואָס איז עפּעס געפאַלן דער גורל אַף מיר? דאָס געשעפט האָט איר דאָך געמאַכט, ניט איך.

ד י ק א פּ א ט ע : אָט דאָס הייבט זיך אָן מיט אַ ייִדן! באַם געמען „קורטאַזש" האָט ער געטענהט „יחדיו", און אַז עס קומט צו עפּעס, האָט ער חשק צו בלײַבן פון הינטן. (ער שטופּט אים אונטער). פאָלגט מיך, גייט, אײַך פּאַסט בעסער.

ד ע ר ק א פּ ע ל ו ש : פאַרוואָס פּאַסט מיר בעסער?

ד י ק א פּ א ט ע : וואָרעם אַזוי: איר גייט, איך בעט איבער אײַער כבוד, אין אַ קאַפּעלוש און רעדט רוסיש.

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : איך האָב מורא, אַז פון דעם דינגען זיך וועט גאָרניט אַרויסקומען האָב איך מורא. מע דאַרף זיך פּרוּוון אַלייִן דאַרף מען, ווי זאָגט ער: „מע שיקט דעם שמש און מע גייט אַליין". (ער טוט אויס דאָס היטל, גייט צו צום קאַסיר און רעדט צו אים דורכן פענצטערל אַף רוסיש). יאַ סאַם מנחם־מענדל איז כתרילעווקאַ... אַגוו נאַם יעסט דוואַ ספּאַלאָווינע סטעלאַזש נאַ יקנה"ז פּרימאַ דפּרימאַ...

ז י ל ב ע ר מ י נ ץ : (מיט כעס). זאָגט אַף ייִדיש, וואָס דאַרפט איר?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : מעלתו באַדאַרף אַף מיר קיין פּאַראיבל ניט האָבן, וואָס איך האָב לכתחילה אָנגעהויבן אַף רוסיש, ווײַל, ראשית, איז דאָ אַזוי דער דאָס... דער אײַנפּיר, און והשנית, פּאַסט טאַקע ניט פאַר אַזאַ נפש, ווי איך, זיך אַרומדרייען אין יעהופּעץ אַף דער בערזע און נאָך ריידן ייִדיש; מע קאָן מיך, חס ושלום, דערקענען, אַז איך בין אַ דאָס... אַ ייִד מײַן איך, און מיך מחילה אַרויסדאָסן פון דאַנען מיט כבוד אַהיים מחילה.

ז י ל ב ע ר מ י נ ץ : (בייז). הקיצור, וואָס ווילט איר?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : הקיצור, די מעשה דערפון איז אַזוי. איך בין מנחם־מענדל פון כתרילעווקע בין איך. איך האָב אַ שטיקל דאָס... אַ שם אַף דער וועלט האָב איך, דורך אָדעס, דורך „לאָנדאָן", כ'האָב אַמאָל געהאַנדלט מיט „לאָנדאָן" אַמאָל, הײַנט האַנדל איך מיט דאָס... ווי־אַזוי הייסט דאָס... מיט יקנה"ז.

ז י ל ב ע ר מ י נ ץ : (מיט כעס). יקנה"ז? אַזוי־זשע רעדט! גייט

אהין. (ער ווײַזט אפֿן בוכהאַלטער מיטן קאָרעספּאָנדענט). דאָרט וועט מען אײַך געבן יקנה"ז.

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : (מיט אַ שמייכעלע צו מנחם־מענדלען). וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : (מיט הענט). וואָס פֿאַר אַ גוטס זאָל איך אײַך זאָגן זאָל איך? כ'האָב געדרייט האָב איך, געשווינדלט, געפּלוטעט מיט דאָס... ווי:אַזוי הייסט דאָס... מיט יקנה"ז. אַהער, אַהין, אַ האָס, אַ בעס, אַ לאָקש, בוידעם, ציבעלע — בלאָטע! אַז ס'איז ניט באַשערט צו פֿאַרדינען אַ קערבל, העלפֿן ניט קיין בריהשאַפֿטן. הלוואַי איך זאָל אויסקומען גלײַך זאָל איך, ווי זאָגט ער: „דער אָרעמאַן איז גערן, אַז ער בלײַבט באַם קרן".

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : (פֿרײַנטלעך). איך פֿאַרשטיי נאָך אײַערע רייד, אַז איר האָט מיט אונדז חשבונות אַף יקנה"ז. זײַט־זשע זיך מטריח, אָן זיצט אונדזער בוכהאַלטער, ער וועט זיך מיט אײַך צערעכענען. (ער פֿירט צו מנחם־מענדלען צום בוכהאַלטער און שרײַט אַף אַ קול). הער ציפּערבלאַט! דער ייִד האָט דאָ אַ חשבון מיט יקנה"ז!

צ י פ ע ר ב ל א ט : האָ? וואָס? וואָס שרײַט איר אַזוי? איך בין ניט טויב! (צו מנחם־מענדלען). זיצט.

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : (זעצט זיך צו אַף אַן עק בענקל). בקיצור, די מעשה דערפֿון איז אַזוי. כ'האָב דאָ אַ ביסל געשווינדלט מיט דאָס... ווי:אַזוי הייסט דאָס... מיט יקנה"ז האָב איך, געמיינט, איך וועל עפּעס מאַכן, אַרײַנגעבראַכט די עטלעכע קערבלעך אַרײַנגעבראַכט, און געבליבן זיצן אַף די דריטהאַלבן סטעלאַזשן געבליבן, ווי אַ הון אַף די אייער, ביז קאָנטראַקטן. אַז אָרט פֿון מסחר, פֿון סטעלאַזשן, פֿון וואַראַציאָנען איז טאַקע נאָר אַדעס. הערט איר? יעהופּעץ מעג טאַקע זײַן די כפּרה פֿאַר אַדעס מעג עס זײַן.

צ י פ ע ר ב ל א ט : האָ? וואָס? אַן אָנווײַזונג פֿון אַדעס? אַנו, ווײַזט אַהער?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : דאָס אָנווײַזונג איז טאַקע אַף אײַך איז דאָס, נאָר ניט פֿון אַדעס, נאָר פֿון אײַך אַליין טאַקע, אַף דאָס... ווי:אַזוי הייסט דאָס... אַף יקנה"ז. (ער נעמט אַרויס פֿון בוזעם־קעשענע אַ פּאַפּיר און גיט דאָס איבער דעם בוכהאַלטער).

צ י פ ע ר ב ל א ט : נעמט דאָס פּאַפּיר, זאַטלט אָן די נאָז מיט אַ פּאָר ברילן און לייענט הויך):

Милостивый Государь· По уплате Вами мне 15-го февраля будущего . . . . . года суммы . . . . рублей серебром, имею сдать Вам или приказу Вашему десять акций товарищества «Якне уз» с текущими купонами. После-же 15-го февраля сіе письмо теряет свою силу

без всяких друг к другу претензий. С совершенным почтением В. Файфер.» *

(צו מנחם־מענדלען). אהא? יקנה״ז? ווילט איר, הייסט דאס, רעאליזירן, נעמען אקציעס?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : אקציעס לאו דווקא. ווי זאגט ער: „מע מיינט ניט די הגדה, מע מיינט די פאלירטשיקעס״. וואס טויג מיר דאס דאס... וויאזוי הייסט דאס... יקנה״ז? איך וויל מיט אייך קאמפעזירן וויל איך. עס וועט מיר ארויסקומען פון אייך, נאך מיין חשבון, א קערבלעך דריטהאלבן הונדערט וועט מיר. נאר אויב עס וועט גיין בא אונדז אין א פופציקער, בין איך ניט אזא ייִד, וועלכער קאטארי...

ד ע ר ק א פ ע ל ו ש : (מישט זיך אריין). מע מיינט דעם דיפערענץ, וויפל עס באטרעפט, זאלט איר ארויסצאלן.

ד י ק א פ א ט ע : (שטופט אפ דעם קאפעלוש). לאזט זיך דינען! דער ייִד איז, וואס איז שייך, א פרעמדער, און האלט באם אוועקפארן אהיים קיין כתרילעווקע. ער האט, איך בעט איבער אייער כבוד, א ווייב, א גוטע בחורטע, לאזט זי אים ניט אטעמען, על כן האט ער אייך געוואלט בעטן, איר זאלט זיך מיט אים צערעכענען, און טאקע, איך בעט איבער אייער כבוד, ארויסצאלן די עטלעכע קערבלעך על־פי השבון. היינט פארשטייט איר שוין, צי ניין?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : טאקע באלד טאקע, מחמת מעלתו באדארף וויסן זיין, אז איך זיץ דא אף א דאס... אף א פרעמדן וואגן זיץ איך דא. ראשית, טאר איך דא ניט זיין, און והשנית, לאזט מיך מיין פלוניתטע ניט לעבן. זי זעצט מיט בריוו זעצט זי. אט זעט, וואס זי שרייבט מיר זעט. (ער באקומט ארויס פון בוזעם־קעשענע א בריוו).

צ י פ ע ר ב ל א ט : נעמט דעם בריוו, טוט אן די ברילן און לייענט אף א קול). „לכבוד בעלי הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם־מענדל נ״י. ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע, געלויבט איז השם יתברך, אין בעסטן געזונט. גיב גאט דאס נעמלעכע פון דיר צו הערן אף ווייטער ניט ערגער, אמן. — צווייטנס, פרעג איך דיך, א מיתה משונה זאל אף דיר קומען, הארצעדיקער געטרייער...״ (פלעדערויש, דער קאפעלוש און די קאפאטע שטעלן אויף מויל און אויערן. זילבערמינץ שטעקט ארויס דעם קאפ פון די גראטעס, רייכערט א פאפיראס, מאכט צו די אויגן, הערט זיך צו מיט איין אויער. ציפערבלאט ווישט אויס די ברילן, הוסט זיך אויס און לייענט געשמאק, מיט

* [געערטער הער! נאכדעם ווי איר וועט מיר איינצאלן דעם 15טן פעברואר פונעם קומענדיקן... יאר די סומע פון... רובל, בין איך מיך מתחייב ארויסצוגעבן אייך אדער צו אייער ארדער צען אקציעס פון דער געזעלשאפט יקנה"ז מיט די לויפנדיקע קופאנעס. נאכן 15טן פעברואר אבער פארלירט אט דער בריוו זיין קראפט און קיין שום תביעות פון איינעם צום אנדערן. מיט פולער אכטונג וו. פ יי פ ע ר.
איבערזעצט פון די ארויסגעבער.]

כוונה). „צוויטנס, פרעג איך דיך, א מיתה משונה זאָל אַף דיר קומען, האַרצעדיקער געטרײַער! איך ליג אַפּעט אַזאַ ווינטער און קאָן נאָך עד היום צו מײַנע כוחות ניט קומען, א חוץ וואָס דאָס עלטערע קינד האָט געפּאַקט און געמאָזלט און דאָס קלײניטשקע האָט די „דאר", איך האָב דאָס שוין געבאָדן אין זאַלץ און אין קלײַען, געזעצט אין זאָמד, געשפּראָכן, געשטאָכן, געטאָן וואָס מע טוט קיין ייִדן ניט, גאָט ווייס אויב עס וועט דערלעבן גרינגע אונגערקעס, און ער, גאַרניט, זיצט זיך דאָרטן אין נעהאַקטע ווענדן, ווי א גראַף, א גדולה אַף אים, א יום־טוב! פאַרשטערט זאָל אים ווערן, רבונו־של־עולם! אַז ניט אַדעס, איז יעהופּעץ. דיך א סוחר! פריִער „לאָנדאָן", הײַנט „יקנה"ז", לאָמיך אַזוי ווײסן פון דיר און פון כל הצרות, צי איך הייב אַפילו אָן צו ווייסן, וואָס דאָס איז אַף מיר פאַר א נײַער אומגליק אָט דאָס שמאַקנעהאָז! דײַנע גליקן ווייס איך שוין, אַז אַך און ווי איז מיר! פון אַדעס, ניט הײַנט געדאַכט, — געדענקסטו? — האָסט מיר אויך געשריבן גילדענע פייגעלעך, האָב איך דיר דען ניט געשריבן דעמאָלט נאָך: אַנטלויף, מענדל, ווי גאָט איז דיר ליב!? אָרעמער דאָך, וואָס קנאַקסטו? איך שיק אים נאָך אַרויס אַף הוצאות, ער זאָל קומען אַהיים, לסוף וואָס טוט ער? טראָגט דאָס אים אַוועק צו אַלדי שוואַרצע יאָר קיין יעהופּעץ!"... (עס עפנט זיך די טיר און עס שטעקט זיך אַרײַן א קאָפּ פון א ספּעקולאַנט: „ניטאָ פּײַפּערן אין קאָנטאָר?" דער קאַסיר טוט א מאַך מיט דער האַנט, די טיר מאַכט זיך צו. ציפּעקבלאַט לייענט ווײַטער). „דערויף האָט זיך טאַקע טאַטע־מאַמע אויסגעבראַכט, אַז איך זאָל זיצן דאָ א יונגט אין כתרילעווקע מיט פּיצלעך קינדער פּיסקליאַטעס, און ער, דער שײנער ברויטגעבער מײַנער, וועט זיך אַרומשלײַען דאָרטן מיט אַלע שאַרלאַטאַנעס, וואָס א ווײַב, משטיינס געזאָגט, האָט בא זיי א שיינע ווערדע, און מיט מיר זאָל האָבן צו טאָן א וועלט! קיין גוטן מיטוואָך נאָך ניט געהאַט פון דער התונה אָן, אָז, משטיינס געזאָגט, נאָר געטראָגן אים און געהאַט, און ווידעראַמאָל אים געטראָגן און געהאַט, און אָבעראַמאָל פאַרגאַנגען אים אַף טראָגן. אוי, די מאַמע מײַנע איז טאַקע א חכמה! „הערסטו, טאָכטער מײַנע געטרײַע, פלעגט זי מיר זאָגן באַלד נאָך דער חתונה, עפּעס געפעלט מיר ניט דאָס מאַנכען דײַנס, דאָס באַשטענדיקע קוצעניר־מוצעניו זײַנס מיט דיר, ווי זאָגט מען: זײַ מיר ניט צו זיס, איך זאָל דיך ניט אײַנשלינגען; זײַ מיר ניט צו ביטער, איך זאָל דיך ניט אויסשפּײַען"... אָט זע, בא לײַטן א ווײַב, א שטיגער, בליומע־זלאַטע, פאַרשטערט זאָל דאָס איר ווערן, ווי זי לעבט דאָס אַף די וועלט בא איר מאַן! ווען דו האָסט בליומע־זלאַטען, ניט דערהאַרן זאָלסטו, פאַר א ווײַב, וואָלסטו שוין געוווּסט, וואָס פאַר א נאַט מיר האָבן. איך וועל מיך ניט שטעלן, ווי בליומע־זלאַטע, א מכה דיר א גרויסע, שילטן דיך און קאָרעניִען, ווי דו ביסט ווערט, — מוז איך מיט גוטן, א ברירה האָב איך? זאָג איך דיר טאַקע מיט גוטן, מענדל סערדצע, אַז טאָמער קומסטו ניט צו פאָרן, אם ירצה שם, אַף פּסח אַהיים,

זאָלסטו זיך רעכטן אַף אַ פּאַהיבעל. איך קאָן טרעפן צו דיר קיין יעהופּעץ אויך און דאָרטן מאַכן דיר אַ וויסטן אַ פינצטערן סוף...״ (עס עפּנט זיך די טיר און עס שטעקט זיך אַרײַן ווידער אַ קאָפּ פון אַ ספּעקולאַנט: „נאָך ניטאָ פײַפּערן אין קאָנטאָר?״ דער קאַסיר טוט אַ מאַך מיט דער האַנט. די טיר מאַכט זיך צו. ציפּערבלאַט לייענט ווײַטער). „...אַ וויסטן אַ פינצטערן סוף... איך זע פון דײַנע בריוולעך, אַז דאָס יעהופּעץ האָט דיך, אַפּנים, רעכט פאַליובעט, אַ סיבה דיר אין פּנים! ס׳איז דיר געפעלן, זאָגסטו, וואָס וואַסער צאַפּט זיך דאָרטן פון דער העלער הויט, אײַזנבאַנען לויפן אַרום משוגענערווײַז הין און צוריק אינמיטן שטאָט, וכדומה אַזעלכע חידושים מיט בבא־מעשיות פון טויזנט־איין־נאַכט — מיינסט, וועסט מיך דערמיט נעמען? אוודאי באַדאַרף איך געניטיק האָבן דײַנע יעהופּעצער געפּלאַסטערטע גאַסן און „טאַרעטאַרן״! וואַסער, קאָן איך באַשטיין, זאָל בײַ מיר זײַן אין דער דייזשע, און לאַנטערנעס באַדאַרף איך אַף כּפּרות, איך גיי במילא ניט בײַ דער נאַכט אין ערגעץ ניט, און אַז עס מאַכט זיך אַמאָל, מע דאַרף יאָ גיין ערגעץ אין אַן אָרט אַרײַן, קאָן מען גיין פּאַרפּרי... פאָלג־זשע מיך, מענדל...״ (עס עפּנט זיך די טיר און עס שטעקן זיך אַרײַן צוויי קעפּ מיטאַמאָל: „ניטאָ פײַפּערן אין קאָנטאָר?״ דער קאַסיר טוט אַ מאַך מיט דער האַנט. די טיר מאַכט זיך צו. ציפּערבלאַט לייענט ווײַטער). „פאָלג־זשע מיך, מענדל, אַ ווײַב דאַרף מען פאָלגן, הער אויף צו האַנדלען מיטן פּאַראַיאַריקן שניי. לאָז זיך דיר ניט גלוסטן צו ווערן אַ גביר אין איין שמע־ישראל, ווי זאָגט מען: פלי ניט הויך, וועסטו ניט פאַלן נידעריק. שנײַד אָפּ פון דײַן יקנה״ז, ווי ווײַט דו קאָנסט, און קום צופאָרן אַהיים, וועסטו זײַן אַ גאַסט בײַ דײַנע קינדער. נאָר, למען השם, פלעכט ניט קיין קערבלעך דאָרטן אַף דער רוח ווייס וואָס, האָב אין זינען בעסער ברענגען עפּעס אין באַלעבאַטישקייט אַרײַן. האָב אים אַכציק שוואַרצע יאָר! בײַ לײַטן אַ מאַן האַלט אַפן קאָפּ, אַז ער האָט אינדערהיים אַ ווײַב ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. האַנדלסט מיט יקנה״ז — נעם, פאַרבלענד די אויגן, רײַס אָפּ און שיק אַרײַן אַ צוואַנציק אַרשין יקנה״ז דעם ווײַב אַף אַ קליידל; עס גייט אַזאַ יום־טוב..״ (עס עפּנט זיך די טיר און עס שטעקן זיך אַרײַן עטלעכע קעפּ מיטאַמאָל: „טאַקע אַלץ ניטאָ פײַפּערן אין קאָנטאָר?״ דער קאַסיר טוט אַ מאַך מיט דער האַנט. די טיר מאַכט זיך צו. ציפּערבלאַט לייענט ווײַטער). „...עס גייט אַזאַ יום־טוב! באַדאַרף איך אים דערמאַנען, אַ ווייטיק אים אַ גרויסער, אַליין ווייס דאָס נעבעך ניט! נעם־זשע שוין אין איין וועג אַן אַ טוץ האַנטעכער מיט אַ סערוועט אַ גרויסן, און עטלעכע אַרשין גראָבע לײַוונט אַף דער פּסחדיקער דייזשע, און נאָזטיכלעך מיר אַ האַלב טוץ — קיין בראַנזעליעטן מיט מענדעליאַנען, ווי בליומע־זלאַטע, פאָדער איך ניט בײַ דיר! און מאַראַזאָווס זאָגנע מיר אַ שטיקל, טעלער פּלאַטשיקע מיט גלעזלעך אַ ביסל, און אַ כריינניק אַ נײַעם (יענער איז כּפּרה געוואָרן פאַראַיאָרן בשעת טראָגן אַפן בוידעם), גוטע זייף ברענג מיר צו פירן, מיט

א פּלעשל וואַדקאַלאַן. נאָר, למען השעם, פאַרגעם ניט מיר קלאַפּן פּרוּער א דעפּעש, ווי עס ווינטשט דיר פונעם גאַנצן האַרצן דײַן זוגתי הצנועה מרת שיינה־שיינדל. — יאָ, גוט, כ׳האָב זיך דערמאָנט. איך פאַרשטיי ניט וואָס דו שרײַבסט מיר, אַז קיין באַשטענדיקע סטאַנציע האָסטו ניט, דאַרט וווּ דו טאָגסט נעכטיקסטו ניט, דו מוזט, זאָגסטו, אויסבאַהאַלטן זיך, מע זאָל דיך, חס ושלום, ניט איבערנעמען... ווייס דיך דער שוואַר־צער יאָר. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס דו האַנדלסט מיט טרפהער סחו־רה, מיט דעם וויסטן יקנה״ז. עס גייט מיר טאַקע מער ניט אָפּ צו מײַנע זײַדענע קליידער, מע זאָל דיך ברענגען צו פירן אַהער געקאָוועט אין קייטן! דיך דאַרף עס טרעפן! א שיינע שטאָט, א לײַטישע, דאָס יעהופּעץ! מע זאָגט גאָר, אַז באַנאַכט טאָר מען זיך דאַרט ניט אַרומדרייען איינער אַליין אויף דער גאַס: גזלנים, זאָגט מען, טוען זיך איבער פאַר נקבות און מע שנײַדט קעשענעס... איך זאָל וויסן — דעם דריטן טאָג א שטיקל ברויט, וואָלט איך ניט געוואָלט קענען דאָס יעהופּעץ, ברענען זאָל דאָס!... יאָ, וואָס זאָגסטו דערויף? סטיסע־לאַה איז שוין ווידער אויף דער צײַט...״

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : (רײַסט אויס בײַ ציפּערבלאַטן דעם בריוו). ווײַטער גייען שוין אַלץ דאָסיקע... היימישע זאַכן גייען שוין. אָבער וואָס זאָגט איר אויף מײַן ווײַב וואָס? זי קאָן שרײַבן זי?

צ י פּ ע ר ב ל אַ ט : אַ, אַ קאָזאַק!

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : זי מוז גיין בײַ אײַך אין ספּאָדעק, רב מנחם־מענדל?

ז י ל ב ע ר מ י נ ץ : אַ שאָד, וואָס זי איז ניט אין יעהופּעץ אויף דער בערזע — זי פּעלט צום רומל...

ד י ק אַ פּ אַ ט ע : עט, וואָס איז שייך אַ ייִדענע? פאַרט, איך בעט איבער אײַער כבוד, אַ נקבה... (עס עפנט זיך די טיר און עס קומען אַרײַן צוויי פרישע פּאַרשוינען: פ ײַ ו ל פּ אַ נ פּ אַ ט ש און ז אַ וו ל ז אַ ־ ק ע ; זיי שטופּן אונטער איינס דאָס אַנדערע).

## ד ר י ט ע ס צ ע נ ע

פּ אַ נ פּ אַ ט ש : (פּאָנפּעט). נו, האָוול, טאָמער וואָלט העווען אַ סברה, זאָלסט צוהיין און אים זאָהן, ער זאָל אונדז העבן יאַהנעהאָז?

ז אַ ־ ק ע : (פּאַראיקעט זיך). פּאַ־פּאַר־וואָס עפּעס איך? פּאַ־פּאַר־וואָס זאָלסטו ניט גע־גיין זאָגן י־ק־ק־ק־ק... (ער ווערגט זיך).

ז י ל ב ע ר מ י נ ץ : (מיט כעס). וואָס דאַרפט איר? גייט אײַך געזונטערהייט! בײַ אונדז גיט מען נאָר איין מאָל אין חודש.

פּ אַ נ פּ אַ ט ש : האָוול, דו הערסט? ער מוז מיינען, מיר זײַנען דעהומען נאָך אַ נדבה, אַז אַך און ווײ איז אונדז, אויף וואָס מיר זײַנען איבערהעהומען!

זאַקע: זײַט רויק, מיר זײַנען גע־געקומען צו אײַך מיט א גע־געשעפט. מיר האָבן י־ק־ק־ק־ק...

פלעדערוויש: (גייט צו צו זיי). וואָס דאַרפט איר? ווער זײַט איר?

פאַנפאַטש: מיר זײַנען שפּעהעלאַנטן. מיר האָבן העהויפט יאַהנעהאָז אַף האַנטראַהטן, זײַנען מיר העהומען אַפּנעמען אונדזערע עט־לעבע הערבלעד. מיר דאַרפן העלט.

פלעדערוויש: (צו זאַקען). איך פאַרשטיי ניט וואָס ער רעדט. זאָגט איר.

זאַקע: פאַ־פאַרשטייט איר מיך, מיר זײַנען צוויי שפּעגע־לאַנטן שו־שותּפים, דאָס הייסט, מיר האָבן גע־געהאַנדלט בשותּפות י־ק־ק־ק־ק...

פלעדערוויש: (פירט זיי צו צום בוכהאַלטער, שרײַט איס גלײַך אין אויער אַרײַן). הער ציפּערבלאַט! צוויי סוחרים! עפּעס דאַרפן זיי, איך ווייס ניט וואָס!

ציפּערבלאַט: (צום קאָרעספּאָנדענט). האָ? וואָס? וואָס שרײַט איר אַזוי? איך בין נאָך ניט טויב! (צו די שותּפים). וואָס דאַרפט איר?

פאַנפאַטש: וואָס באַדאַרף א ייִד? א ייִד באַדאַרף העלט. אַף העלט שטייט די וועלט. עס האָט זיך אונדז פאַרהלוסט האַנדלען אַף דער היהער בערזע, האָבן מיר אַרײַנהעבראַהט היפּשע עטלעבע הערבלעד אין יאַהנעהאָז אַרײַן, העמאַכט אינצווייען א האַנצע שפּעהעלאַציע.

ציפּערבלאַט: האָ? וואָס? איך פאַרשטיי ניט איין וואָרט.

זאַקע: (שטופּט אָפּ דעם שותּף). וואָס פאַ־פאַ־פאַנפּעט איר? לאָזט מיך אויסריידן א וואָרט. (צום בוכהאַלטער). פאַ־פאַרשטייט איר? מיר זײַנען פאַ־פאַ־פראָסטע מאַרק־יידן, קיי־קיינמאָל ניט גע־געחלומט אַפילו צו האַנדלען אַף דער בע־בערזע, נאָר אַז מיר האָבן דע־דערהערט, אַז די גאַ־גאַנצע וועלט האַנדלט מיט יק־ק־ק־קנה"ז און מע ווערט גאַ־גאָר גליקלעך, האָבן מיר זיך מיישב געווען און גע־געמאַכט שותּפות אַף יק־ק־ק־ק...

פלעדערוויש: יקנה"ז? נו, זאָגט שוין, וואָס קוועטשט איר זיך אַזוי?

ציפּערבלאַט: האָ? וואָס? יקנה"ז דאַרפט איר?

פאַנפאַטש: יאַהנעהאָז באַדאַרפן מיר אַף הפּרות. מיר האָנען באַשטיין זיך זעצן צום סדר אָן יאַהנעהאָז. מיר דאַרפן העלט. מיר ווילן גאָרניט וויסן פון קיין גליהן. שוין צײַט זיך זען מיט א הערבל. האָ? ווי זאָהט איר?

זאַקע: (שטופּט אָפּ דעם שותּף). פאַ־פאַרוואָס זאָלט איר האָבן א ט־טבע ניט לאַ־לאָזן אויסריידן יענעם א וואָרט? (צום בוכהאַל־טער). ווער איז דאָ פון אײַך פּײַ־פּײַ־פּײַפּער? מיר האָבן דאָ אײַערס א

בריוועלע אַף יק־ק־ק־ק... (ער שלעפּט אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ בריוו).
אַ פּאַ־פּאַר מעקלערס האָבן דאָס אונדז אַריינגערוקט גאַ־גאַר בחצי חנם:
פּו־פּופּצן שטיקלעך יק־ק־ק־ק־ק... (די קוף בלייבט אים שטעקן אין האַלדז.
ניט אַהין, ניט אַהער. עס עפנט זיך די טיר און עס קומען אַריין עטלעכע
יונגע ספּעקולאַנטן און שמעלקע בתוכם. זיי שטופּן אים אונטער
שמעלקע ראַנגלט זיך מיט זיי. אַלע שרייען).

## פּערמע סצענע

די יונגע ספּעקולאַנטן: (צו שמעלקען). אַיאַ, זעט איר, צום קודטאַזש נעמען זייט איר געפלויגן, ווי אַ מזיק, געזעצט די נשמה, און איצט, אַז ס'איז געקומען צו דער רעליזאַציע, באַדאַרף מען אייך אונטערשטופּן.

שמעלקע: מאַ וואָס אײַלט איר זיך אַזוי? מע וועט אייך געבן יקנה"ז, מע וועט אייך געבן!

די יונגע ספּעקולאַנטן: ווו געבן? וואָס געבן? איר זעט דאָך, אַז פּיפּער איז נימאַ, איז דאָך, פּשיטא, אמת, וואָס מע זאָגט. אַז מע קלינגט, איז אַ יום־טוב.

שמעלקע: וואָס הערט איר זיי, וואָס זיי וועלן אייך זאָגן, די הולטאַיעס? מע וועט אייך געבן יקנה"ז! פּיפּערס בריוועלע איז פּרי־מאַ, וואָלט איך האָבן אַזאַ יאַר. אַט האָב איך אַליין אויך אַ ביסל איי־גענעם יקנה"ז, אויך פּיפּערס בריוועלעך. וואָלט איך האָבן אַזאַ דאגה מיט פּרנסה!

זילבערמינץ: (שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון די גראַטעס אַרויס). שאַ! וואָס איז דאָרטן? וואָס שרייט מען?

די יונגע ספּעקולאַנטן: (צו שמעלקען). שאַט! רעדט אַ ביסל שטילער. וואָס שרייט איר אַזוי?

שמעלקע: (שרייט). ווער שרייט דען?

די יונגע ספּעקולאַנטן: (שרייען). ער שרייט אַז׳ פרעגט נאָך, ווער סע שרייט?

שמעלקע: (שרייט). ווער שרייט דען?

פלעדערוויש: (לויפט צו). ששששאַ! וואָס איז דאָ פאַר אַ געשריי?

די יונגע ספּעקולאַנטן: מיר האָבן דאָ אַ שטיקל סכסוך מיט שמעלקען...

שמעלקע: מיט מיר? וואָס בין איך פאַר אַ מחותן? הול־טאַיעס האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אין שטאָט, בין איך שולדיק?

פלעדערוויש: אַ קלאַנג? וואָס פאַר אַ קלאַנג?

שמעלקע: דער שוואַרץ־יאָר ווייס זיי! איר קענט ניט די יעהופּעצער הולטאַיעס? רק מע רעדט, רק מע טומלט.

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : וואס־זשע רעדט מען? וואס טומלט מען?

ש מ ע ל ק ע : וואס פרעגט איר אף הולטאיעס? זיי קאנען אומ־גליקלעך מאכן יענעם מיט די מײַלער... סוילענען, אין א לעפל וואסער דערטרינקען.

צ י פ ע ר ב ל א ט : (פון דער ווײַטן). הא? וואס? ווער איז דער־טרונקען געווארן?

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : (שרײַט צו אים אף א קול). אונדזערע אק־רענטן אפן ים זײַנען דערטרונקען געווארן! (צו שמעלקען). פארט וואס זאגט מען אין שטאט?

ש מ ע ל ק ע : גלייבט מיר, ס'איז ניט כדאי אפילו איבערצורײדן. איך שרײַ אבער דעם גאנצענעם פרימארגן: שקר וכזב! שפײַט זיי אין פנים! ס'איז ליגן! פון אויבן ביז אראפ ליגן! ס'איז א באנדע גנבים, רוצחים, בארײדער, הולטאיעס!... (עס עפנט זיך די טיר און עס פאלט ארײַן א ייִדענע, א פארוויקלטע אין עטלעכע שאלן און פאטשיילעס. נאך דער ייִדענע שלעפט זיך נאך א מיידל).

## פ י נ פ ט ע ס צ ע נ ע

ד י י ִ ד ע נ ע : (וויקלט זיך ארויס פון די שאלן מיט די פא־טשיילעס. לויפט צו גלײַך צום קאסיר, רעדט אין איין אטעם). אט דאכט זיך איר טאקע דער פײַפער אליין? איך זאג אבער צו מײַן טאכטער: קום, זאג איך, טאכטער, לאמיר גיין, זאג איך, גלײַך אהערצוצו, ווי זאגט מען: „בעסער זיך בוקן צום קאפ, איידער צו די פיס". איך בין, ווי איר זעט מיך, א ייִדענע אן אלמנה שוין פאוואלינקע דרײַ און צוואנציק יאר. ויעט איר דאך מיך פרעגן: ווי קומט צו מיר א מיידל פון אכצן? זאלט איר גאר קיין יסורים ניט האבן. איך האב נאך קלענערע פון איר, אז אך און וויי איז מיר, אז איך האב מיך באדארפט פארשלייערן נאכאמאל און זיך גטן, און אבעראמאל פארשלייערן זיך און ווידעראמאל גטן זיך, ימח שמו וזכרו! (זי שפײַט אויס דרײַ מאל). זיך פארשווארן, ווײַל איך וועל לעבן שוין מער ניט פארדרייען זיך, ווי זאגט מען: „בעסער א זי־סער טויט, איידער א ביטער לעבן". מײַנע שונאים זאלן אזוי לעבן, ווי איך האב גאר באדארפט חתונה האבן נאך מײַן ערשטן מאן עליו השלום, ער, זכר צדיק לברכה, האט געדינט נאך בא גיטעלע ווײַנשטיין עליה השלום, געוועזן בא איר כל־ולך איבערן הויף, איבער די עופות, פסחיקער שמאלץ, איבער אלע ספעזשארנעס... (זי ווישט א טרער. פלעדערוויש גייט צו צו איר, ווארפט מיט די אויגן אפן מיידל. דאס מיידל שלעפט די ייִדענע פארן קליידל).

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : וועמענס איז מיידל? ס'איז טאקע אײַער מיידל?

ד י י ִ ד ע נ ע : א משל! וועמענס דען מיידל זאל דאס זײַן?

אַט דאָס איז דאָך דער גאַנצער אומגליק מײַנער, ווי זאָגט מען: „אַ קליין קינד אַ שפּילכל, אַ גרויס קינד אַ מילכל". אַ ווערטעלע אויסצורײדן — הײַנטיקע יאָרן חתונה מאַכן אַ טאָכטער? אַ שיין מיידל, זאָגט מען אַפילו, איז אַ האַלבער נדן, און דערצו איז זי, ווי איר קוקט זי אָן, גאָרניט קיין שלעכטע שלימעזאַלניצע. קיין עין־הרע, געבענטשטע הענט. איר שטיקעכטס מיט איר מערעזשען האָט אַ שם, און אירע פיש מעג עסן דער מלכות!

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : (וואַרפט מיט אויגן אויפן מיידל. דאָס מיידל שלעפּט די ייִדענע פאַרן קליידל). זאָגט־זשע מיר, מײַן ליבע ייִדענע, וואָס דאַרפט איר?

ד י י י ד ע נ ע : וואָס איך דאַרף — וועט מיר קיין מענטש ניט געבן, ווי זאָגט מען: „בעסער דאָס ביטערע בלאָט פון גאָט, איידער דאָס זיסע פונעם מענטשן". מיר זאָגן דאָס אַלע טאָג אינעם בענטשן. ס'איז אײַך אפשר אַ חידוש, וואָס איך קאָן? מײַן ערשטער מאַן עליו השלום איז געווען בײַ גיטעלע ווײַנשטיין עליה השלום...

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : (וואַרפט מיט אויגן אויפן מיידל. דאָס מיידל שלעפּט די ייִדענע פאַרן קליידל). דאָס האָבן מיר שוין געהערט. איר זאָגט, מיט וואָס קאָנען מיר אײַך דינען? עס איז בײַ אונדז הײַנט קאָנט־ראַקטן, רעאַליזאַציע, מיר האָבן קיין צײַט ניט.

ד י י י ד ע נ ע : בראָש האָבן זיי דאָ אַלע קיין צײַט ניט! דער דניעפּער ברענט! טאָמער האָב איך אויך קיין צײַט ניט? טאָמער האָב איך איבערגעלאָזט אַ שטוב אויף דער סלאָבאָדקע מיט קליינע קינדער פּיס־קליאַטעס, ווי זאָגט מען, אויף גאָטס באַראָט, זיך אַראָפּגעכאַפּט אַהער און נאָך געוואָלט פון דאַנען אַראָפּלויפן אין מאַרק נאָך פיש, נאָך פלייש, צי אַן אַבדיראַק אויף שבת? ווי זאָגט מען: „דאָס בעסטע מילכיקס איז טאַקע פאַרט אַ שטיקל פלייש".

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : (אין דער לופט). דאָס מיידל איז נאָך צו דערלײַדן, נאָר די ייִדענע איז עפּעס אַן אָנשיקעניש פון זײַן ליבן נאָמען! (הויך). איך פאַרשטיי ניט, עפּעס רעדט איר מיר פאַרשטעלט. ווײַבאַלד איר דאַרפט האָבן אַן אַבדיראַק אויף שבת, הײַנט וואָס זײַט איר געקומען אַהער?

ד י י י ד ע נ ע : גלייבט מיר, איך בין ניט משוגע. איך בין נאָך בײַ אַלע געדאַנקען. איטלעכער אָרעמאַן ווייס זיך פון זײַן חשבון. איך דאַרף חלילה ניט קיינעמס לאַסקע. אַ ביסל פונעם קלייטל, אַ ביסל פונעם שענקל, ווי זאָגט מען: „פון אַ ביסל און אַ ביסל ווערט אַ פולע שיסל". ניט צו פאַרזינדיקן, אַ ייִדענע אַן אַלמנה, צונויפגעשלאָגן די עטלעכע קערבלעך, דאָס נדן מײַן איך, אײַנגעלייגט דאָס אין גוטע הענט, געמאַכט מיט דעם אַ גאַנצע שמענדעלאַציע, און אַזוי ווי הײַנט איז דער זמן, בין איך דאָס געקומען אַרויסנעמען דאָס נדן.

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : דאָס נדן? ווו? דאָ, באַ אונדז? אוי, זעט נאַר, מײַן ליבע ייִדענע, צי האָט איר ניט קיין טעות?

ד י ייִ ד ע נ ע : גאַנץ גוט, קאַטשקע נאָך בעסער. הערט איר, זינט איך בין אַ ייִדענע אַ סוחרטע האָב איך נאָך קיין טעות ניט געהאַט. מײַנע שונאים און אײַערע שונאים מעגן דאָס פֿאַרמאָגן אױף זייער לײַב, וואָס איך וועל איבערגעבן אָדער ניט דערדערעכענען. אַז איך זאָג אײַך, באַ אײַך ליגט דאָס נדן, ווייס איך וואָס איך זאָג. קיין ביר און קיין בראַנפֿן טרינק איך ניט, און פֿון קיין חלומות האַלט איך ניט.

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : (אין דער לופֿט). נאָ דיר אַזאַ שלאָק! (הויך). קומט, זײַט מוחל אַהערצו. (ער פֿירט זי צו צום בוכהאַלטער). הער ציפּערבלאַט! אָט די ייִדענע, זעט איר, האָט אַ טענה: דאָס נדן אירס, זאָגט זי, איז אײַנגעליגט באַ אונדז.

צ י פּ ע ר ב ל אַ ט : האַ? וואָס? ווו האָט מען דאָס געלייגט?

פ ל ע ד ע ר ו ו י ש : (אין דער לופֿט). פֿאַרלייגן זאָל דאָס דיך! (הויך). דאָס נדן, זאָגט זי, דאָס נדן אירס ליגט באַ אונדז!

צ י פּ ע ר ב ל אַ ט : (צום קאָרעספּאָנדענט). וואָס שרײַט איר? איך בין ניט טויב!

ד י ייִ ד ע נ ע : בראָש קאָן מען דאָ משוגע מאַכן אַ מענטשן! אַמער, טשעפּעט זיך אָפּ, נאָט אײַך אָפּ אײַערס און גיט מיר אָפּ מײַנס, ווי זאָגט מען: „שוואַרץ אױף ווײַס אַטשי קאַליט"... (זי שלעפּט אַרויס פֿון די קליידלעך אַ קניפּל און פּלאָנטעט אַרויס פֿון דאָרטן אַ שטיקל פּאַפּיר).

צ י פּ ע ר ב ל אַ ט : (לייענט). «По уплате Вами мне 15-го февраля...» אָט דאָס איז אײַער נדן? עס איז דאָך גאָר יקנה"ז!

ד י ייִ ד ע נ ע : לאָז זײַן יקנה"ז, לאָז זײַן חרוסת, לאָז זײַן אַפֿיקומן — וואָס עס וויל זיך, אָבער די חתימה איז אײַערע?

צ י פּ ע ר ב ל אַ ט : האַ? וואָס? ווי קומט צו אײַך יקנה"ז?

ד י ייִ ד ע נ ע : גלייבט מיר, ליבער פּרײַנט, איך האָב דאָס ניט געגנבעט און אױף דער גאַס ניט געפֿונען. הײַנטיקע יאָרן וואַלגערן זיך ניט אױף דער גאַס אַזעלכע זאַכן. עס קאָסט מיך מײַן בלוט, ר"ן קאַרבן. צוגעזאָגט האָט מען מיר ת"ק. צוויי מעקלערס לײַטישע, געקומען צו מיר אױף דער סלאָבאָדקע, זיך צוגעזעצט צו מיר: „קויפֿט, אַלע קויפֿן, פֿאַרדינען, פֿאַרדינט אויך". וואָס ווייס אַ ייִדענע אַז אַלמנה? אוודאי, ווען איך האָב מײַן ערשטן מאַן עליו השלום, וואָס איז געוועזן כּל־וולד באַ גיטעלע ווײַנשטיין עליה השלום... (עס עפֿנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן אַ נײַער פֿאַרשוין מיט באַקנבערד און מיט אַ גרויסן פּאָרטפֿעל אונטער דער האַנט. די ייִדענע שרעקט זיך איבער פֿאַרן פֿאַרשוין מיטן פּאָרטפֿעל און טרעט אָפּ אַף אַ זײַט).

## זעקסטע סצענע

ד ע ר פּ אַ ר ש ו י ן מ י ט ן פּ אָ ר ט פּ ע ל : (רעקאָמענ־דירט זיך פּאַרן קאַסיר). איך בין פלוידערזאַק, פּאָווערענע פּאַ דיעלאָם. (דער קאַסיר שיקט אים אָפּ מיט אַ בייזער צום קאָרעספּאָנדענט. יענער, מיט אַ שמייכעלע, — צום בוכהאַלטער).

צ י פּ ע ר ב ל אַ ט : (אַ ביסל דערשראָקן). האָ? וואָס אַ דיעלאָ? וואָס פאַר אַ דיעלאָ? זיצט.

פ ל ו י ד ע ר ז אַ ק : (וויל ניט זיצן. רעדט מיט אַ געמישטער שפּראַך). איך בין אייַך זייער בלאַגאָדאַרנע. איך קאָן באַשטיין. געיאָ־וועט האָב איך זיך צו אייַך פּאַ דיעלו. איינער פון מייַנע קליענטן האָט פּריִאָברעטאַיעט אייַער אָביאַזאַטעלסטוואָ דורך אַ פּאָסרעדניק אָף אַן אָפּרעדיעליאָנעם טערמין און איזוועסטנעם פּרעדמעט, קאָניעטשנאָ, מיט אַ זאַדאַטאָק, און אַזוי ווי הייַנט איסטעקאַיעט דער סראָק, האָב איך זיך אָסמיעלעוועט אייַך פּרעדופּרעזשדאַיען, איר זאָלט מיר פּריגאָטאָווען די שטשאָטעם אין פּאָלנעם פּאַריאַדאָק, אָן אַ שום זאַמעדליעניע פון אייַער סטאָראָנע, בכדי עס זאָל ניט אַרויס קיין ניעדאָראַזומעניעם, וועלכע קאָ־טאָריע וואָליעקאַיען נאָך זיך אָטוועטסטוועננאָסט נאָ אָסנאָוואַניע סטאַטיי דיעסיאַטאַהאָ טאָמאָ טשאַסטי פּערוואָי סוואָדאַ זאַקאָנאָוו גראַזשדאַנס־קיך...

צ י פּ ע ר ב ל אַ ט : (צום קאָרעספּאָנדענט). אַ שפּראַך! איך פאַרשטיי ניט איין וואָרט!

פ ל ע ד ע ר וו י ש : (צום בוכהאַלטער). וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט? זיי מיינען מסתמא יקנה"ז.

צ י פּ ע ר ב ל אַ ט : (צו פלוידערזאַקן). האָ? וואָס? יקנה"ז? וואָס־זשע שווייַגט איר? ווייַזט אַהער דאָס בריוועלע. אָט באַלד וועט קומען אונדזער שעף, וועט ער זיך מיט אייַך אויסגלייַכן.

פ ל ו י ד ע ר ז אַ ק : איזוויניטיע! איר זייַט ניט סוועדושטשי אינעם דוך פון אונדזער זאַקאָנאָדאַטעלסטוואָ. מע האָט מיך ניט אָר־פּאָלנאָמאָטשעט אָף צו גלייַכן זיך. איך טרעבעווע אָקציעס בוקוואַלנאָ! כ'איז פאַראַן אַ רעשעניע קאַססאַציאָנאַהאָ דעפּאַרטאַמענטאַ פּראַווי־טעלסטווויושטשאַהאָ סענאַטאַ, וועלכעס קאַטאַראַיע ווירזשאַיעט זיך אַזוי: „יעזשעלי..." (פּלוצעם עפנט זיך די טיר און עס פליט אַרייַן, ווי אַ דונער, ג ר יי ג ע ר מיט אַ גוואַלד. נאָך אים — די כאַליאַסטרע מעקלערס. פון גרייגערס קולות בלייַבט פלוידערזאַק אָן לשון).

## זיבעטע סצענע

ג ר יי ג ע ר : (מיט אַ הענגקאַלנער אָף די אַקסלען, קוקט זיך אַרום אָף אַלע זייַטן). ניטאָ אים טאַקע, דעם שיינעם מענטשן? איז דאָך

עס, אפנים, טאקע אַז אמת? (צו דער כאַליאַסטרע). נו, ווער איז גע־רעכט? וואָס האָב איך געזאָגט?

די כאַליאַסטרע: אמת, אמת, ווי מערידן זייַנען!

גרייגער: אַ בערזע — ברענען זאָל זי! באַנקירן — אַ באַ־ליערע אַף זיי! מעקלערס — פאַרכאַפּט זאָלן זיי ווערן! (ער דערזעט שמעלקען). אַ??? מע זאָל דערמאָנען משיחן... (ער גייט צו צו שמעלקען).

שמעלקע: (רוקט זיך אָפּ). געזונט זאָלט איר זייַן, כע־כע! עס ליגט אייַך אין זינען קאַטאָוועס טרייַבן.

גרייגער: (גייט צו צו שמעלקען). קאַטאָוועס טרייַבן? עס רינט פון מיר בלוט, זאָגט ער — קאַטאָוועס טרייַבן! איר ווייסט, וויפֿל איר קאָסט מיך מיט אייַער יקנה"ז, פאַרכאַפּט זאָל דאָס ווערן? (צו דער כאַליאַסטרע). זאָגט, איך האָב אייַך באַוויזן אַ חשבון אַף זיבן און צוו־בעציק טויזנט? וואָס שווייַגט איר?

די כאַליאַסטרע: אמת, אמת, ווי מערידן זייַנען!

שמעלקע: (רוקט זיך אָפּ). פּטור! וואָס זייַנען מיר שולדיק? מיר זייַנען דאָך ניט מער ווי מעקלערס.

גרייגער: (רוקט זיך צו צו שמעלקען). מעקלערס זייַט איר? זשוליקעס, אַפעריסטן! אַ גאַנץ יאָר זייַט איר אַרומגעלאָפן אין אַלע נאָסן: „קויפט, קויפט יקנה"ז! נעמט בריוועלעך, פרימאַ נעמט!" נעמען זאָל אייַך באַם בויך! איר זאָלט זיך כאַטש ניט ווייַזן פאַר מייַנע אויגן, וואָ־רעם אַז איך דערזע אייַך, טראָגט דאָס מיך אונטער — עס גלוסט זיך מיר פּאַטשן... (ער דערלאַנגט שמעלקען דרייַ געשמאַקע, פלאַם־פייַערדיי־קע פּעטש. שמעלקע בלייַבט שטיין פריטשמעליעט. דער גאַנצער עולם רינגלט אַרום שמעלקען. אייניקע נעמען זיך אָן שמעלקעס קריוודע. איי־ניקע גיבן אָפּ גרייגערן דעם געהערעכט. עס ווערט אַ שטיקל רעש אין קאַנ־טאָר).

מנחם־מענדל: אַקוראַט אַזוי ווי אין אדעס אַקוראַט, ווי זאָגט ער: „די גאַנצע וועלט איז איין שטאָט". עס ווערט אָנגערופן „קאָמ־פּאַזירן"... אין אדעס, אַז ס'איז געקומען צום קאָמפּאַזירן דאָס „לאָנדאָן", האָט מען אויך געקאָמפּאַזירט מיט דאָס... (אַ שמאָרע מיט דער נאָז). מיט פּעטש.

פאַנפאַטש: (צום שותף). האָוול, הום אָוועה! הענוג וואָס כע האָסט אונדז העלט, דאַרפן מיר נאָך כאַפּן פּעטש. אַ מצווה! אַז מע האָט ברויט, זאָל מען ניט וועלן קיין זעמל... יאָהנעהאָז האָט זיך אים פאַרהלוסט!

זאַנקע: באַ הייַנטיקע פּ־פּ־פרנסות איז דאָס אויך אַ גע־גע־שעפט. האָב קיין מורא ניט: פּע־פּע־פּעטש קאָן איך אויך געבן. הלוואַי וואָלט מען אונדז אַזוי גיך געגעבן יק־ק־ק־ס...

דער קאַפּעלוש: דער הונט איז ווערט דעם שטעקן.

שמעלקע האט בא גרייגערן געגנוג פארדינט היינטיקס יאר. נישקשה, ער מעג שוין פון אים כאפן אמאל א פאטש אויך.

גרייגער: פארדינט, זאגט איר? גאלד האט ער בא מיר אנגע־זשעברעט! א פארמעגן געמאכט! פרעגט, אט שטייען יידן.

די כאליאסטרע: אמת, אמת, ווי מערידן זיינעןו!

די יידענע: (צום מיידל. ברעכט די הענט). וויי איז מיר, ווינד איז מיר, א ווייטיק איז דער מאמע דיינער, ווהין זיינען מיר פאר־גאנגען? עפעס א מקום פורעניות! צווישן פעלד־גזלנים, וואוקעלאקעס! גאט ברוך הוא זאל שומר ומציל זיין! ער, עליו השלום, זאל זיך מיען פאר אונדז דארטן, זיין זכות זאל אונדז ביישטיין, מיר זאלן כאטש ארויס פון דאנען מיטן לעבן...

פלוידערזאק: (שארט זיך צו שמעלקען). הערט אויס, מילאסטיוועי גאסודאר, איך וואלט אייך סאוועטעווען, איר זאלט זיך זשאלעווען אף אים אוגאלאוונים פאריאדקאם פאר אסקארבליעניע דיים־טוויעם אין א פובליטשנעם ארט. פאר אייך וואלט באדארפט וויסטו־פאיען א זאשטשיטניק.

שמעלקע: (האלט זיך בא דער באק, ווי א מענטש וואס האט געכאפט א פאטש). צו וואס דארף איך זאשציטעמס? איך האב אליין אויך א צונג! אט גיי איך גלייך און גיב איין אן איסק פאר ליצנעם אס־קארבלעניע צעסט קופצו פיערווי גילדזשע אין יעהופעץ... איך האב עדות!

ציפערבלאט: (צו גרייגערן). פארוואס קומט אים פעטש? הא? וואס?

גרייגער: פארוואס? ער האט זיי, זייט זיכער, כשר פאר־דינט! איך האב נאך אף מיין לעבן אומזיסט ניט געפאטשט קיינעם. פרעגט, אט שטייען יידן.

די כאליאסטרע: אמת, אמת, ווי מערידן זיינעןו!

גרייגער: איך שווער אייך בנאמנות, ווי איר זעט מיך לעבן, דאס טרעפט מיר דאס ערשטע מאל, איך זאל אויפהייבן מיין האנט אף א מענטשן. פרעגט וועמען איר ווילט, אט שטייען יידן. (צו דער כא־ליאסטרע). וואס שוויינט איר?

די כאליאסטרע: אמת, אמת, ווי מערידן זיינעןו!

גרייגער: היינט פארשטייט איר שוין, וואס באדייטן די פעטש? די גאל קאן צעזעצט ווערן פון אזעלכע גנבים, זשוליקעס, אפע־ריסטן!

ציפערבלאט: הא? וואס שרייט איר אזוי? איר זייט ניט אף דער גאס, איר זייט אין קאנטאר.

גרייגער: אין קאנטאר? א שיינע קאנטאר! אפגענארט א גאנצע שטאט מיט מענטשן, אפגעדרוקט אפשר טויזנט בריוולעך, צונע־נומען בא דער וועלט דאס גאנצע געלט — און רעדט נאך! איר ווייסט, מיט וועמען איר רעדט? (גלייך ציפערבלאטן אין פנים אריין). זאגט

נאַר, איר ווייסט, ווער איך בין? (שלאָגט זיך מיט דער האַנט אין האַרצן). איך בין — גריינגער!!!

צ י פ ע ר ב ל א ט : האַ? וואָס? וואָס שרייַט איר אַזוי? איך בין ניט טויב!

ג ר יי נ ג ע ר : נאַכאַל! איר ווייסט אפילו ניט, ווי אַזוי צו ריידן מיט אַ לײַטישן מענטשן. איר וואָלט באַדאַרפט שטומען ווי אַ פיש נאָך אַזאַ מעשה, זיך באַגראָבן נײַן אײלן אין דער ערד, ניט שטעלן זיך נאָך אויסטענהן מיט מיר! איר ווייסט, וויפל געלט איר קאָסט מיך מיט אײַער חתונה?

צ י פ ע ר ב ל א ט : האַ? וואָס? וואָסער חתונה? וועמענס חתונה?

ג ר יי נ ג ע ר : (בלײַבט שטיין אַ ווײַלע אַן לשון, האַלט זיך אונ־טער מיט ביידע הענט, באַ די זײַטן. נאָכדעם גייט ער צו צו ציפּער־בלאַטן און שרײַט אים אויס אַף אַ קול גלײַך אין פּנים אַרײַן). איד־דיאָט!! מע רעדט און מע רעדט — טפו זאָלט איר ווערן! איר מעגט שוין צומאַכן די שיינע קאָנטאָר אײַערע אין אַ גוטער שעה און גיין אַהיים שלאָפן. איר ווייסט נאָך ניט, אַפּנים, אַז אײַער פּײַפּער האָט זיך באַפּײַפּט, אונדז אַלעמען אָנגעפּײַפּט... (ער ציט אויס אַ לאַנגן פּײַף). אײַער פּײַפּער איז באַנ־קראָט!!! (אַלע פאַרשווײַגן פאַלן אַראָפּ פון די בענקלעך פאַר שרעק).

א ל ע : באַנקראָט? אָנגעזעצט? פּײַפּער האָט אָנגעזעצט? ווען? ווו? וויפל? ווי קאָן דאָס זײַן? ס'איז אַ ליגן!

ש מ ע ל ק ע : (האַלט זיך באַ דער באַק). כזב ושקר! דאָס האָבן שונאים אויסגעטראַכט, יעהופּעצער הולטאַיעס...

ד י ק א פ א ט ע : וואָס איז שײַך אויסגעטראַכט? אַז מע זאָגט געשטאָרבן — זאָל מען גלייבן. אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך, איך בעט אײַ־בער אײַער כבוד, אומעטום.

מ נ ח ם - מ ע נ ד ל : נאָך אַ מין טרעפן זיך! נאָט אײַך אַדעס. אין אַדעס, אַז ס'איז געקומען צום דאָס...

פ א נ פ א ט ש : (צום שותף). האַוול, דו הערסט? מע האָט אונדז אָנגעהעצט אין יאַהנעהאַז אַרײַן! פאַרפאַלן די עטלעכע הילדן!

ז א נ ק ע : (היצט זיך). וואָס הייסט פאַ־פאַ־פאַרפאַלן? עפּעס הפקר ציבעלעס? גע־גע־געלט־שמעלט?

ד י יי ד ע נ ע : (וויינט און שרײַט אַף אַ קול). ווײ איז מיר, ווינד איז מיר, אַ ווייטיק איז מיר אַ גרויסער! בעסער וואָלט איך אויס־געגרונעט באַ דער מאַמע אין בויך, אָדער זיך אַ פּוס אויסגעבראָכן אַפן גלײַכן וועג, אָדער אַזוי אײַנגענומען אַ מיתה משונה, איידער איך האָב דערלעבט צו אַזאַ צרה, אַז אומגליק, ווי מיך האָט געטראָפן! נאַ דיר אַ פּײַפּער, פּײַפן זאָל אים אין אַן אויער, עס זאָל אים ניט אויפהערן צו פּײַפן פון הײַנט אָן ביז איבעראיאָר שושן־פּורים! אוי, ווען מײַן ערש־

טער מאַן, עליו השלום, זאָל מיר זײַן אַצינד. ער, עליו השלום, איז געוועזן באַ גיטעלע ווײַנשטיין, עליה השלום...

פלוידערזאַק: (טרײַבט אָפּ די ייִדענע). וואָן! אַ זשענטשטשינע בלײַבט אַ זשענשטשינע... לאָמיר בעסער אַבסוזשדאַיען, וואָס מיר האָבן צו טאָן? באַ אַזאַ סלוטשאַי דאַרף מען וויסן, ווי־אַזוי זיך צו וואָספּאָלזעווען, מע זאָל אונדז ניט נאַדוואַיען. פאַ זאַקאָנו דאַרפן מיר אוטשרעזשדאַיען אַ קאָנקורס...

גרייִנער: וואָסער קאָנקורס? איר ווייסט ניט פון אײַער געזונט און פון אײַער לעבן! ס'איז פאַרפאַלן לעולם ועד, קיין האָן וועט אַפילו ניט קרייען... (ער טוט זיך אַ פּאַטש אין שטערן). אוי, גריינער, ביסט אַ פערד!!! ווו איז געוועזן דײַן שׂכל? ווו זײַנען געוועזן דײַנע אויגן? וועמען האָסטו געגלייבט אַזויפיל געלט?... (צום גאַנצן עולם). ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? קומט מיט מיר! קומט, לאָמיר גיין גלײַך צו פּײַפערן אַהיים! די שטוב וועלן מיר אים צעטראָגן! די ציין אַרויסנעמען! קישקעס מאַטערן! אַדערן טרענען! מיר צאָלט מען! מיר האָט נאָך קיינער ניט אָנגעזעצט! (ער שלאָגט זיך מיט די הענט אין האַרצן). איך הייס גרייגער! לאָז זאָגן עמעצער!

די באַליאַסטרע: אמת, אמת, ווי מערידן זײַנען!...
(גרייגער לאָזט זיך גיין. דער גאַנצער עולם — נאָך אים. מנחם־מענדל שטעלט זיך אָפּ באַ דער טיר).

מנחם־מענדל: (מיטן פּנים צו דער סצענע). אָבער פּונקט אַזוי ווי אין אַדעס, עס זאָל פעלן אַ האָר זאָל עס! פריִער האָט מען פאַרדינט און פאַרדינט, מאַסף ממון געווען, און נאָכדעם, אַז ס'איז געקומען צום דאָס... (אַ שמאָרע מיטן דער נאָז). צום צאָלן אַז ס'איז געקומען, האָט מען אויך געזאָגט „ישקני"!... אָט אַזוי איז די בערזע: מען איז נאָך דאַסיק אַף דאָס... אַף פּאַפּיר איז מען; און אַז עס קומט צום דאָס... צום איבערציילן אַז עס קומט, טוט זיך אַ קער איבער דער גאַנצער דאָס — און עס ווערט אויס דאָס!...

# פערטער אַקט

[דעם זעלבן פרימאָרגן באַ די פּאַסטערנאַקעס. — די מאַדאַם פּ אַ ס־ט ע ר נ אַ ק זיצט מיט אַ ביכל אין דער האַנט. א י ז אַ ב ע ל ע דרייט זיך קעגן שפּיגל. לעבן איזאַבעלען שטייט ק ל אַ ר אַ אַף די קני און מעסט איר התונה־קליידער.]

## ע ר ש ט ע ס צ ע נ ע

ק ל אַ ר אַ : (ציט אַרויס די סטריגאַוואַניע, שטייט אויף פון דער ערד). אַזאַ יאָר, אַזאַ מזל! מאַדאַם! איר מעגט זיך פאַרגינען אָנקוקן, וויַאַזוי דאָס „בע־בע״ ליגט, קיין עין־הרע, קיין עין־הרע, אויסגעגאָסן אַף איַיער טאָכ־טער, אַזאַ יאָר אַף מיר! (צו איזאַבעלען). טראָגט געזונט, פאַרגוצט גע־זונט, צערייַסט געזונט, און פרייט זיך געזונטערהייט. (צו דער מאַדאַם). לאָז גאָט געבן, איר זאָלט דערלעבן נייען התונה־קליידער באַ אירע איי־ניקלעך.

מ אַ ד אַ ם פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : (לייגט אַוועק דאָס ביכל אַף אַ זייַט און קוקט זיך צו צו איזאַבעלעס קלייד). עס ליגט, זאָגט איר, גוט? מיר שייַנט, אַז פון פאָרנט האָט מען איר, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, אַ ביסל פאַרשמאָלט, פון הינטן וואָלט געמעגט זייַן אַ ביסל העכער, און די אַרבל זייַנען ווינציק אָנגעבופט. נאָך מייַן רעכענונג, האָט באַ איַיך באַדאַרפט בלייַבן גוטע דרייַ פערטל אַרשין מאַטעריע.

ק ל אַ ר אַ : מאַדאַם! לאָם איך דאָס אויסקרענקען און מייַנע שונאים לאָזן דאָס פאַרמאָגן, וואָס איך האָב באַ איַיך געקאָנט אָראָפּ־כאַפּן! מאָלט איַיך, איך האָב באַדאַרפט אַף אַ שליאַרקעלע, האָב איך מיר געשניטן די פינגער, קוים אויסגעקומען, ווי מיט קרעפּל־פלייש... מאַדאַם! וואָס זאָגט איר אַפּן „פּאַלאַנעז״? עס נעמט דאָך אַפּ אַן אויג! איַיער טאָכטער, דעם אמת זאָגנדיק, אַז זי גאָרסעוועט זיך אויס, האָט זי, קיין עין־הרע, אַ פיגור, אַז זינט איך בין אַן אַרבעטאָרן אין יעהופּעץ, האָב איך נאָך אַזאַ טאַליע ניט באַגעגנט! אַ שאָד, וואָס דער חתן איז דאָ ניטאָ: ער וואָלט געוואָרן גרעבער ווי לענגער, קיין בייז אויג זאָל איר ניט שאַטן.

מ אַ ד אַ ם פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : איר האָט מיר דערמאָנט איר חתן... וואָס איז די מעשה, איזאַבעלע, וואָס ווילהעלם איז דאָ נאָך הייַנט ניט געווען? (צו קלאַראַן). אונדזער חתן איז זיך נוהג אַלע פרימאָרגן,

מיט רעשפּעקט צו מעלדן, ווי אַן ערלעכער ייִד לאָזט ניט דורך דאָס דאַווע־נען, מוז ער פריִער, איידער ער גייט אַרוים אין קאָנטאָר אַריַין, מאַכן דער כלה אַ באַזוך.

קלאַראַ: איך קאָן מיר שוין מעלדן, אַז מע האָט, קיין עין־הרע, אַזאַ כלה! עס איז מיר נאָר אַ וווּנדער, וואָס ניט דריַי מאָל אין טאָג, וואָרעם דאָרט, ווו ליבע פלאַקערט...

איזאַבעלע: כאַ־כאַ־כאַ! „די ליבע פלאַקערט"!... פון וואַ־נען ווייסט איר, וואָס הייסט „ליבע"?

קלאַראַ: לעבן זאָלט איר מיר! איר קערט, אַפּנים, רעכענען, אַז אין אונדזער גראַד ווייס מען שוין גאָרנישט ניט? איר מעגט מיר זיכער גלייבן, ס'איז ניטאָ איין ביכל פון די ביכלעך, וואָס איך זאָל עס דורכלאָזן. אָט לייען איך איצטער אַ ביכל, דווקא אַ ייִדיש, אין זשאַר־גאָן, זאָג איך אייַך בנאמנות, אַז אַפילו אַ שטיין קאָן אויך צעגאָסן ווערן פון דער ליבע, וואָס דאָרט ווערט באַשריבן, שווער איך אייַך, קאָן מען אויסגיין ווי אַ ליכט.

מאַדאַם פּאַסטערנאַק: איז דאָס ניט שיַיקעוויטשעס אַ ראָמאַן?

קלאַראַ: איך זאָל אַזוי זיַין געזונט, ווי איר האָט געטראָפן!

מאַדאַם פּאַסטערנאַק: ווי־אַזוי־זשע הייסט ער, דער ראָמאַן?

קלאַראַ: (רייַבט זיך דעם שטערן). ווי־אַזוי ער הייסט, דער ראָמאַנס? אוי, אַ קאָפּ, קיין עין־הרע, ווי אַ באַקדייזשע! איך האָב שוין פאַרגעסן! וואָס זאָגט איר דערויף?

מאַדאַם פּאַסטערנאַק: אפשר „דער בלוטיקער פריי־מאַרגן, אָדער די פאַרשאָלטענע ליבע"?

קלאַראַ: האָ? ניין.

מאַדאַם פּאַסטערנאַק: צי אפשר „דער געקויפטער קוש, אָדער די פאַרכישופטע כלה"?

קלאַראַ: ניין, אויך ניט. עס ליגט מיר אָפן צונג, נאָר איך קאָן ניט אויסריידן!

מאַדאַם פּאַסטערנאַק: צי אפשר „דער קאַלטער חתן, אָדער אַ נאַכט צווישן מתים"? „דער פאַרליבטער מערדער, אָדער דער טאַטע פון יענער וועלט"? צי אפשר גאָר „פון דער חופּה צו דער תליה"?

קלאַראַ: (אַ פּלעסק מיט די הענט). אוי, לאַנג לעבן זאָלט איר, מאַדאַם! איך זאָל אַזוי ריידן אין נחת, ווי איר האָט געטראָפן. אוי, איז דאָס אַ ביכל! איך האָב דאָס שוין איבערגעלייענט דריַי מאָל, און קאָן מיך גאָר זאַט ניט אָנלייענען.

מאַדאַם פּאַסטערנאַק: ווי־אַזוי הייסט דאָרט דער העלד? דאַכט זיך, ער הייסט אפרים, אָדער באַראָן בלוטסטראָפּן? און די געליבטע זיַינע הייסט דאָרטן עליזאַבעטע?

קלארא: (אַ פּלעסק מיט די הענט). אוי, איך וועל זיך אַ מעשה אָנטאָן! ווי אַזוי געדענקט איר זיך אָן, מאַדאַם, קיין עין־הרע ניט, אַלע ביכלעך מיט זייערע נעמען?

מאַדאַם פּאַסטערנאַק: געדענקט איר, ווי אַזוי די שיי־נע עליזאַבעטע ליגט איינע אַליין, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, באַ זיך אין ווייַנגאָרטן און טרוימט פון איר געליבטן אפרים, און נאָכדעם, ווי עס קומען צו גיין פּלוצעם צוויי פאַרשטעלטע באַנדיטן, וואָס דער מערדער שפּין האָט זיי אונטערגעשיקט, זיי זאָלן אומברענגען די שיינע עליזאַ־בעטע, ווי אַזוי זי בעט זיך באַ זיי יאָמערלעך און זינגט בשעת מעשה, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, אַ טרויעריק ליד, און פון אירע שיינע הימל־בלויע אויגן טריפן טייַכן טרערן. איר געדענקט, ווי דאָס ליד הייבט זיך אָן:

עס בליִען די רויזן, עס שמעקן די בלומען,
די לופט איז פול אַראָמאַט,
און דו, מייַן ענגל, ווילסט צו מיר ניט קומען —
איך זאָל זיך קאָנען אָנקוקן אין דיר זאַט!

זאָלסטו וויסן, אַז איך גיי אויס, איך שטאַרב אַוועק,
דו וועסט מיך שוין, דאַכט זיך, ניט זען מער,
אַ סוף צו אונדזער ליבע, אַן עק, אַן עק —
זאָלסט כאָטש וועלן שענקען אַף מייַן קבר אַ טרער?!...

קלארא: (שנייַצט די נאָז און ווישט זיך די אויגן). אוי, איז דאָס אַ ליד! איר מעגט מיר זיכער גלייבן, אַז בשעת די מאַמע מייַנע איז געלעגן אַף דער ערד, האָב איך אַזויפיל ניט געוויינט.

מאַדאַם פּאַסטערנאַק: און נאָכדעם, ווי אַזוי עס קומט אָן פּלוצעם דער ליבער אפרים, אָנגעטאָן ווי אַן ענגלישער פּראָקו־ראָר, און מע נעמט די באַנדיטן, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, און מע שמידט זיי אין קייטן.

קלארא: (ברעכט די הענט). אַלע מייַנע שונאים, און אייַערע שונאים, און די שונאים פון אַלע אונדזערע ליבע, און וווּ איך האָב ער־געץ אַ ווייַטן שונא, זאָל ער האָבן אַזאַ סוף, רבונו־של־עולם!... הימל און ערד האָבן געשוואָרן, אַז קיין פאַרפאַלענע זאַך זאָל ניט זייַן אַף דער וועלט.

מאַדאַם פּאַסטערנאַק: און וואָס לאָזט זיך אויס? איז גאָר אפרים, אַדער דער באַראָן בלוטסטראָפּן, דעם אָרעמען צמחס אַ זון, און עליזאַבעטע איז זייַנע אַ לייַבלעכע שוועסטער, און דער מערדער שפּין — דאָס איז זייער פאַרפאַלענער פאָטער, און די אָרעמע רחל...

איזאַבעלע: מאַמאַ! לאָז שוין זייַן גענוג. איך האָב שוין אָט אַזאַ קאָפּ פון דייַנע פּוסטע נאַרישע ראָמאַנען!

מאדאם פאסטערנאק: (איבערראשט). פון מײַנע פּוס־טע נארישע ראמאנען? שיין שמועסטו זיך אויס, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, קענן א מאמע! (צו קלארען). וואס זאגט איר אף היינטיקע קינדער? איא, ס׳איז כדאי אויסצובערענגען זיך אף זיי, הארעווען פון זייערטוועגן, אוועקלייגן דאס לעבן, מאכן אפשר פאר צען טויזנט קערבלעך א הוב, צוגעבראקט מיט פערציק טויזנט קערבלעך נדן אויך, א חוץ מתנות?... קוים דערלעבט א נחת, א בת־יחידקעלע, איין אויג אין קאפּ... (זי פארשטעלט זיך דאס פּנים מיט א ווײַס טיכעלע און וויינט. קלארא מאכט א קרום פּנים, שאקלט מיטן קאפּ).

איזאבעלע: קארג, וואס דער פּאפּאשא עסט מיר אויס די גאל, האסטו זיך נאך גענומען אף מיר! אלע טאג ווארפט איר מיר אויס מײַן „הוב" מיט מײַן „נדן", גלײַך ווי מע ווערט פון אײַך גליקלעך. בינקיסעס טאכטער האט מען געגעבן מער נדן, און די וועלט האט גאר־ניט אזוי צו טאן, ווי מע האט צו טאן מיט מיר. אזא אומגליקלעכע, ווי איך בין, איז, דאכט זיך, שוין גאר ניטא אף דער גאנצער וועלט! (זי באהאלט דאס פּנים אין א ווײַס טיכעלע און וויינט. קלארא מאכט א קרום פּנים, שאקלט מיטן קאפּ).

מאדאם פאסטערנאק: (ווישט אפּ די טרערן). וואס גלײַכסטו זיך צו בינקיסעס טאכטער? זי איז דאך צוויי מאל אזוי אלט ווי דו, אנגעשטאפּט מיט יארן, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, ווי א קול שטרוי. היינט דעם שיינעם נאמען, וואס זי האט. אזא יאר אף איר מאמע די רכילותניצע. די גאנצע וועלט איז בא איר אין מויל, פון אלעמען רעדט זי, אף איטלעכן געפינט זי א חסרון.

קלארא: (שאקלט מיטן קאפּ). מע זאל גאר באהיט ווערן!

איזאבעלע: (ווישט אפּ די טרערן). די מאדאם בינקים איז נאך גאלד קעגן דער טאכטער. אזא באריידערן, ווי בינקיסעס טאכטער, האט נאך די וועלט ניט געהאט. און דערצו איז זי א ניט־פארגינערן, וואלט זיך געהאנגען, אז זי דערזעט אף יענעם א נײַ קלייד, אדער א שיין היטעלע. און גענוג, וואס זי איז זויער אזוי ווי עסיק, איז זי נאך א קאקעטע אויך. מיט איר צו זײַן אינאיינעם אין א געזעלשאפט — קאן מען דעם שלאק באקומען.

קלארא: (שאקלט מיטן קאפּ). מע זאל באהיט און באווארנט ווערן! (עס קומט ארײַן סאסל מיט א בריוו אין דער האנט).

## צווייטע סצענע

סאסל: א שליח האט געבראכט א בריוול און הייסט זיך באצאלן צוואנציק קאפּיקעס.

מאדאם פאסטערנאק: (נעמט דאס בריוול). דורך א שליח א בריוול? פון וועמען איז א בריוול?

ס א ס ל : לייענט, וועט איר וויסן. גיט אהער צוואַנציק קאָפּי־קעס, מאַדאַם.

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : פאַרוואָס קומט אים צוואַנ־ציק קאָפּיקעס?

ס א ס ל : פאַרוואָס? פאַר דער טרחה.

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : און צען איז אים קאַרג? פאַרוואָס קומט אים אַזויפיל?

ס א ס ל : גייט פרעגט אים.

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : וואָס זאָגט איר אַף איר ענט־פערן, וואָס זי ענטפערט דער מאַדאַם? אַ שיינע פּאָקאָיאָווע? מיט רעשפּעקט צו מעלדן, אַ שטיק פלייש מיט אויגן! פרעסט און זויפט, טוט ניט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער — און עפּנט נאָך אַ מויל!

ס א ס ל : מיינע שונאים זאָלן דאָס האָבן אַפן לייב, וואָס מע עסט זיך אָן און וואָס מע טרינקט זיך אָן בא אייַך, אַז אַפילו דאָס שטיקל ברויט...

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : (אַ טופּ מיטן פוס). דו וועסט ניט אַנטשטומט ווערן, דו פּיסקאַטע? וואָס פון מיין שטוב, הולטאַיקע, דיין פּאַרע זאָל זיך דאָ ניט געפינען! דו הערסט, צי ניין?

ס א ס ל : (אַ דריי מיט דער נאָז). איך האָב מיך שטאַרק איבער־געשראָקן, מיין העמד איז לייוונט געוואָרן! פאַראַן נאָך ערטער און „מאַ־דאַמען”, אַזעלכע ווי איר, גענוג אין יעהופּעץ... (זי טוט אַ קלאַפּ מיט דער טיר און גייט אַוועק).

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : נו? וואָס זאָגט איר אַף אַזאַ גלות? מע זאָל אַזוי באַליידיקט ווערן, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, פון אַ דינסט?!

ק ל א ר א : איך זאָג אייַך דעם אמת, מאַדאַם, איך קוק אַף אייַך און וווּנדער מיך: איר זייט דאָך, קיין עין־הרע, שטאַרקער פון אייַזן, אַז איר האַלט דאָס אויס.

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : וואָס ווייסט איר, וואָס מע האָט פון די דינסטן? דאָס איז נאָך גאָלד! מיט רעשפּעקט צו מעלדן, זייער עסן מיט זייער טרינקען — מע קאָן זיי דען נאַסטאַרטשען ברויט? און אַז זיי גייען אַוועק, באַריידן זיי נאָך, טראַכטן אויס, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, אַזעלכע זאַכן, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

ק ל א ר א : (שאָקלט מיטן קאָפּ). מע זאָל גאָר באַהיט און באַ־וואָרנט ווערן!

א י ז א ב ע ל ע : אַ מצווה! איך זאָג שוין לאַנג, מע זאָל איר געבן דעם וועג; איך קאָן זי ניט אָנקוקן, די שיינע פּאָקאָיאָווע דיינע! — ניין, הערט מען מיך ניט. מע זעצט זיך נאָך אַנידער מיט איר און מע פרעגט בא איר אויס אַלצדינג, וואָס בא יענעם קאָכט זיך...

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : וואָס איז די מעשה, טאָכטער

מיינע, וואס דו האסט זיך היינטיקן טאג גענומען, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, מיך לערנען עדוקאציע, וואס איך זאל ריידן און וואס איך זאל טאן? נא, נעם בעסער לייען איבער, צו וועמען איז דאס געשריבן דאס בריוול? זע נאר, עפּעס איז דאס פארחתמעט מיט א שווארצער חתימה.

א י ז א ב ע ל ע : (נעמט דאס בריוול). א שווארצע חתימה?... (זי לייענט). Милостивой Государыне Изибелле Самойловне Постер нак. דאס בריוול איז צו מיר... דאכט זיך, ווילהעלמס האנטשריפט? (זי עפנט אויף דאס בריוול מיט ציטערנדיקע הענט און לייענט). „מיין טייערער ענגל איזאבעלע! אז דו וועסט לייענען די דאזיקע שורות, וועל איך שוין ניט זיין אף דער וועלט...” (זי פאלט קלאר און אף די הענט). אך, ווילהעלם!...

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : (לויפט צו צו איזאבעלען). נאט איז מיט דיר! וואס איז? זאג מיר, וואס איז דאס פאר א בריוול? וואס שרייבט דיר ווילהעלם? וואס האט זיך געטראפן?

א י ז א ב ע ל ע : (וויינט). ניטא ווילהעלם! לעסמט... געהאנגען... געשאסן...

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : (א פלעסק מיט די הענט). מיט וואס האט מען אים געסמט? ווו האט מען אים געהאנגען? ווער האט אים געשאסן?

א י ז א ב ע ל ע : אליין, אליין זיך געסמט... געהאנגען... געשאסן...

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : (כאפט זיך אן באם קאפ). א שלאק האט מיך דערשלאגן! איך וועל דאס גאר ניט אויסהאלטן פאר בזיון! וואס וועלן, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, לייט זאגן? די מאדאם בינקים וועט שוין האבן וואס צו ריידן!... אזא אומגליק איז נאך גאר ניט געהערט געווארן! איך ווייס ניט, וויאזוי וועל איך דאס איבערטראגן. גאט חלש איך! (די פאלט אף א פאטעל, פארווארפט דעם קאפ אף צו חלשן).

ק ל א ר א : (ווארפט זיך צו דער מאדאם). מע זאל גאר באהיט און באווארנט ווערן, רבונו־של־עולם! (עס קומט אן פאסטערנאק).

## דריטע סצענע

פ א ס ט ע ר נ א ק : (דערשראקן). מע וויינט? מע חלשט? וואס איז שוין דא? וואס איז דא געשען?

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : (הייבט אויף דעם קאפ). ער פרעגט נאך, דער טיראן, דער דעספאט, דער מערדער. קוק, זע, ווי דו האסט געקוילעט א קינד, דו אוממענטש איינער!

פ א ס ט ע ר נ א ק : וואס געקוילעט? ווער געקוילעט? ווו געקוילעט? מירקע, גיב לשון!

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : (נעמט בא איזאבעלען דאס

בריוול און טוט א שמיץ דעם מאן אין פנים אריין). נא דיר, קוויק זיך. דער שיינער חתן דיינער האט זיך געסמט, געהאנגען, געשאסן!

פאסטערנאק: שא, שא, שא! ווער, וואס, ווען? וואסערע לאקשן? עס הייבט זיך גאר ניט אן! פייפער איז געזונט און שטארק אף אלע אברים, חוץ זיין שאדן אף מיר געזאגט געווארן. אט האב איך נארוואס באקומען פון אים א קלארע ידיעה. פייפער האט געזאגט דעם פסוק...

מאדאם פאסטערנאק: וואסער פסוק? עס חלומט זיך דיר נאר פסוקים!

פאסטערנאק: ניט דאס מיין איך; איך מיין קוממיות — פייפער האט געמאכט קוממיות...

מאדאם פאסטערנאק: איך האב דיך געבעטן טויזנט מאל, אז קיין לשון־קודש זאלסטו מיט מיר ניט ריידן. איך בין ניט אזא ווילגעלערנטע, ווי די מאדאם מייערצימעס.

פאסטערנאק: מילא בקיצור, וויאזוי דען זאל איך דיר ארויסגעבן? נו, ער האט אונדז אפגעווישט די נאז, ארויסגעשטעלט א פייג, געזאגט „ישקני", געמאכט א ויברח, איינמאל פאר אלעמאל — פייפער איז באנקראט.

מאדאם פאסטערנאק: טפו זאלסטו ווערן מיט דיין שפראך! באדארפסטו אזויפיל ווערטער! א מער זאגט מען, אז פייפער האט אנגעזעצט — און אן עק!

פאסטערנאק: אלץ הייסט אנגעזעצט? אנגעזעצט צו אנגעזעצט איז ניט גלייך. מע זאגט, איינער שטעלט זיך — ער וויל זיך מאכן א קאפיטאל, צי איינער איז דערונטער — עקט ער אפ: חצי שלי, חצי שלך... אט האט קנאקניסל אנגעזעצט, האט ער דאס אפגעארבעט גלאט ארום און ארום און איז נאך געבליבן א פיינער מענטש; ער האט פשוט צוגענומען געלט — „און רוף מיך קנאקניסל". און דער האט אנגעארבעט א חתונה, זאל גאט שומר ומציל זיין! א קאשע מיט בארשט און מיט לאקשן: געקויפט יקנה"ז, פארקויפט „יקנה"ז, גענומען יקנה"ז, געגעבן יקנה"ז, א סטעלאזש אהין, א סטעלאזש אהער — אפשר טויזנט לעבער, ווי אין דער הגדה שטייט געשריבן: „כי לאד אף א לאד, כי לו נאה כי לו יאה"...

מאדאם פאסטערנאק: עס ליגט אים נאך אין זינען פסוקים פון דער הגדה. סטייטש, נו, און דאס נדן, וואס דו האסט אים געגעבן? די פערציק טויזנט?

פאסטערנאק: (לויפט ארום איבערן שטוב הין און צוריק). הערסטו! וואס דען איז דא דער גאנצער געשריי? מיינסט, איך זארג מיך פאר דער יעהופעצער בערזע? לאזן זיך די שפעגעלאנטן רייסן צווישן זיך, ווי די קעץ, כאפט זיי דער וואטנמאכער! איך שריי אף מיינע עטלעכע קערבלעך, וואס זיינען הלך לעולמו — פישי פראפאלא!

מ אַ ד אַ ם פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : (אַ פּלעסק מיט די הענט). פּאַרפאַלן?

פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : (שטעלט זיך אָפּ). פּאַר־פאַלן, ווי אין פּסחיקן אינדיק!...

מ אַ ד אַ ם פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : (שטייט אויף). אַ מצווה אויף דיר! כפּרה געוואָרן פּערציק טויזנט? זייער רעכט! איך בין זיך מחיה! אַ באַנקיר האָט זיך אים פאַרגלוסט, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, אַ שאַר־לאַטאַן, אַן אויסווידפלינג פון דער נאַטור, אַבי ניט קיין דאָקטער! גוט געמאַכט: „אי פוילע הערינג, אי פאַרשטונקענע פיש"... זאָלסט אָבער געוועזן מ י ד פאָלגן, וואָלט אַלצדינג געהאַט גאָר אַן אַנדער פּנים. איזאַבעלע וואָלט שוין איצט געווען אַ דאָקטערן, מיר וואָלטן געהאַט אַן איידעם אַ דאָקטער, גאָט און לײַט וואָלטן אונדז מקנא געווען, די מאַדאַם בייגעלמאַן מיט איר „משפּחה" וואָלט צעזעצט און צעשפּרונגען געוואָרן אויף אונדז קוקנדיק, און די מאַדאַם כינקים וואָלט ניט געהאַט קיין שטאָף אויף צו באַריידן אונדז. אַצינד אָבער וועט דאָך די גאַנצע וועלט האָבן צו טאָן מיט אונדז, צו שאַנד און צו שפּאָט ווען מיר זײַן, ניט נאָר אין יעהופּעץ, נאָר טויזנט ווערסט אַרום און אַרום יעהופּעץ! אַ, דו ווילדער טיראַן, דו דעספּאָט אײנער! דו ביסט מער אוממענטש ווי יענער מערדער, וואָס איך לייען איצט באַ שײַקעוויטשן אין אַ ראָמאַן. יענער האָט פאַרקויפט זײַנע קינדער פאַר געלט, און דו האָסט פאַרקויפט דײַן קינד און האָסט נאָך יענעם צוגעצאָלט. שיין אויסגעפּײַנט זיך, שיין באַוואָרנט אַ טאָכטער אַ בת־יחידה! גענומען אַליין און געקוילעט אַ קינד, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, אָפּגעקוילעט אויף אייביק! (צו איזאַבעלען). דו וויינסט? וויין, קינד מײַנס, וויין אויף דײַן שיקזאַל, אַזוי ווי באַ שײַקעוויטשן שטייט געשריבן, וויין און קלאָג אויף דײַנע יונגע יאָרן, וואָס ביסט געבאָרן געוואָרן באַ אַ פאָטער אַ דעספּאָט! גאָט אין הימל ווייס דעם אמת, און איך בין דײַן עדות, אַז דײַן האַרץ איז געווען ווײַט, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, פון אָט דעם שאַלטיק, וואָס ער, דער מערדער, האָט מיט גוואַלד דיר געוואָלט אָנהענגען... (זי נעמט איזאַבעלען פאַר אַ האַנט). שטיי אויף, איזאַבעלע! ווישׁ אָפּ דײַנע טרערן, פאַרגעס אַז דײַן בראָד! ער וועט אַליין קומען צו דיר, דײַן העלד, דײַן באַשערטער, ער דערוואַרטעט דיך מיט אומגעדולד!... (זי נעמט איזאַבעלען פאַר אַ האַנט און לאָזט זיך גיין).

פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : דו לייענסט פון אַ ביכל, צי דו זאָגסט אויף אויסווייניק?

מ אַ ד אַ ם פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : (צום מאַן, שטיל, נאָר מיט האַרץ). טירדראַן!... דעס־פּאָט!! מעעעערדער!!!... (זי גייט אַוועק מיט איזאַבעלען, קלאַרע — נאָך זיי. פּאַסטערנאַק בלײַבט אַליין).

פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : (האַלט זיך באַם קאָפּ. גייט אַרום הין און צוריק). נו־נו, אַ וועלט! נאַ דיר אַ פײַפער, אַ בערזע, אַ יקנה"ז! וועלכער

רוח האָט מיך געטראָגן, איך זאָל אים אָפּגעבן דאָס נדן פֿאַר דער חתונה? וואָס האָב איך קיין צײַט ניט געהאַט? הײַנט גיי גיב נאָכאַמאָל נדן... נאָכאַמאָל פּערציק טויזנט? אָבער גאָר לאָ מיט אַ ספּאָדעק! ווילסט אַ דאָקטער? זייער שיין! ווילסט מאַרקוסן? געזונטערהייט! וויבאַלד מע שמועסט פֿון לשון „ליבע”, וואָס־זשע דאַרף מען געלט־שמעלט? וואָס קומט אַרויס — די פּערציק טויזנט איז אַן עבֿירה! פּערציק טויזנט! אַ ווערטעלע אויסצורײדן?! ווו האָט ער געקאָנט אַהינטאָן אַזויפֿיל געלט?... די יעהופּעצער בערזע... זיי האָבן אים פֿאַרדרייט... גוטע ברידער... טאָג ווי נאַכט געשפּילט מיט אים אין קאָרטן... מע האָט אָפּגעלעקט בײַ אים אַ ביינדל! און ווער שמועסט כינקים... (מע קלינגט; עס קומען אַרײַן: פּײַנקוגל, כינקיס, בייגעלמאַן, קנאַקניסל און עטלעכע יונגע ספּעקולאַנטלעך).

## פּערטע סצענע

פּאָסטערנאַק: ברוכים הבאים! געסט, געסט! וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס? מסתמא אַז איר האָט געקאָנט קומען פּלוצעם אינמיטן העלן טאָג, איז דאָס געוויס ניט גלאַטיק, ווי אין פּסוק שטייט: גד גדוד יגודנו — אַז מע שערט די שאָף, ציטערן די לעמעלעך... איך שמועס עם אָקעגן דרינען...

פּײַנקוגל: (צו די איבעריקע). פֿע, עס געפֿעלט מיר ניט דער ברוך־הבא זײַנער. גאָט ווייס, צי מיר וועלן דאָ עפּעס מאַכן... (צו פּאָסטערנאַקן). הערט־זשע צו, רב שמואל, וואָס טויג אונדז פּאָליטיקע? דער גרעסטער שווינדל, זאָגט מען, איז דער אמת. איך וועל אײַך דערציילן אַ מעשה: צוויי ייִדן מעקלערס פֿאָרן אָפּן באַן קיין שפּאָלע, ביידע צו איין פּריץ און ביידע וועגן איין געשעפֿט. געווײנלעך, ווייל מען זיך אויסבאַהאַלטן איינער פֿון דעם אַנדערן. מעשה שטן, באַגעגנט מען זיך אָבער אין איין וואַגאָן. מילא, באַגעגנט — איז פֿאַרפֿאַלן. „גוט מאָרגן”. „גוט יאָר”. „ווּהין פֿאָרט דאָס אַ ייִד?” „ווּהין איך פֿאָר? קיין שפּאָלע”. „אַ ייִד איז דיר קיין קאַטאָוועס ניט! איר זאָגט דאָך מיר בכיוון, אַז איר פֿאָרט קיין שפּאָלע, בכדי איך זאָל מיינען, אַז איר פֿאָרט קיין בויבעריק. איך ווייס דאָך אָבער, אַז איר פֿאָרט טאַקע קיין שפּאָלע, הײַנט וואָס דרייט איר אַ מוח?”...

פּאָסטערנאַק: אַף אַלצדינג האָט אײַך פּײַנקוגל אַ מעשה.

פּײַנקוגל: איך מיין טאַקע באמת, לאָמיר ריידן אָפֿנטלעך. (גלעט זיך די באָרד). די מעשה דערפֿון איז אַזוי. דאָס, וואָס מיט אײַער חתן האָט זיך געטראָפֿן, קאָן זיך טרעפֿן מיט איטלעכן פֿון אונדז, ובפֿרט נאָך אין יעהופּעץ אַף דער בערזע. מען איז דאָך ניט מער ווי אַ בשר־ודם: כּל־זמן מע טרעפֿט, טרעפֿט מען; און חלילה וחס, טאָמער טוט זיך

דאָס רעדל אַ דריי צוריק (אַ מאַך מיט דער האַנט). — מאַכט קמץ בית באָ.

כינקים: ס'איז אין עצה, ואין חכמה, ואיר תבונה נגד אַ שלעכטער קאָרט.

בייגעלמאַן: ווערקמירדיק! פון וואָס מע זאָל ניט ריידן, כינקים מוז אַרויף אַף דער קאָרט!

קנאַקניסל: וואָכ אמת איז אמת. כינקים איז גערעכט: די בערזע איז נאָר אַ קאָרטנשפּיל. וואָס איז פּײַפּער שולדיק, למשל, אַז עס האָט זיך אַזוי געמאַכט? אַ סימן האָט איר: ווען פּײַפּער זאָל וועלן גלאַט אַנזעצן, וואָלט ער דאָס געקאָנט אויספירן פּאַראַיאָרן אין דער צײַט — און רוף מיך קנאַקניסל!

פּאַסטערנאַק: מילא בקיצור, על־כל־פּנים, וואָס ווילט איר דאָ אויסברײַען, אַז פּײַפּער איז אַ פּײַנער מענטש? איך ווייס דאָס אַליין גאַנץ גוט. איך זע דאָך, מיט וועמען ער האָט געהאַנדלט און מיט וואָס ער האָט געהאַנדלט... נאָר גאָרניט, אל תפל דבר — כאַטאַ פּאָקרישקע.

פּײַנקוגל: (צו די איבעריקע). אַן עזות פון אַ גראָבן יונג! איך וואָלט אים דערציילט אַ משל, האָב איך מורא, עס זאָל ניט שאַטן צו אונדזער ענין... (צו פּאַסטערנאַקן). פאַרשטייט איר מיך, ניט דאָס בין איך אויסן. איך שמועס דאָס גלאַט אַזוי, וואָס ער איז נאָך ניט געניט אין דער זאַך, כ'לעבן, אַ יונגערמאַן. ער וואָלט, איינגנטלעך, באַדאַרפט זיך האַלטן אַן עצה מיט אונדז פון דער לכתחילה נאָך, וואָלטן מיר אים אַרויפגעפירט אַף אַ שטיקל דרך; מיר וואָלטן דאָס געמאַכט גלאַט אַרום און אַרום, אויסגעדרייט זיך, ווי אַף אַ טעלער, עס וואָלט אויסגעקומען, ווי איר זאָגט: אגיל ואשמח — צוגעשניטן און אויפגענייט. וואָרעם באַ אַזאַ געשעפט באַדאַרף מען וויסן, וואָס מע האָט צו טאָן. ס'איז, פאַרשטייט איר מיך, אַן איידעלע מאַטעריע; איין קוק אַף אַ זײַט, ווערט קאַליע דאָס גאַנצע שפּיל...

כינקים: פונקט אַזוי ווי באַ די קאָרטן, להבדיל. איר מעגט זײַן דער גרעסטער שפּילער, נאָר קוים האָט איר געמאַכט איין גאַנג אַ שלעכטן, זײַט איר פאַרפאַלן מיט די פּאַטרעכעס.

בייגעלמאַן: ווערקמירדיק! ס'איז דיר אַן אַנטיק מיט דעם כינקיסן! וואָס איר זאָלט ניט שמועסן, ער איז דאָ מיט די קאָרטן!

קנאַקניסל: איך האָב ליב דעם אמת. כינקים איז גערעכט. ווען פּײַפּער רעדט אַפּ פריִער מיט אונדז, וואָלט גאָר אַנדערש געווען: פּאָרט געניטע סוחרים, אַלטע בערזיאַנער. מיר וואָלטן דאָס אָפּגעאַרבעט אַזוי, אַז מיר וואָלטן געווים אָפּגענומען אונדזער געלט, און ער וואָלט אויך געבליבן באַ געלט. איי, טאָמער וואָלט דאָס עמעצן אָנגערירט — לאָז זיך יענער קראַצן. קורץ: פּײַפּער וואָלט געבליבן דער אייגענער פּײַפּער וואָס פריִער — און רוף מיך קנאַקניסל!

פ א ס ט ע ר נ א ק : מילא בקיצור, על־כל־פנים, וואס טויג מיר מליצה: „וואלט איך", „זאלט איך"? איר ווייסט דאך, אז אף צו פאר־ריידן יענעם די ציין בין איך פארהאנט. איר זאגט מיר בעסער כ ו ל ם ב ר ו ר י ם — ריינע דיבורים: וואס ווילט איר?

פ יי נ ק ו ג ל : (צו די איבעריקע). ס'איז אים היינט ניט איינ־צוביסן. אפנים, פייפער האט אים אויך גוט אנגעזאלצן... (צו פאס־טערנאקן). זייט־זשע מוחל, רב שמואל, איר זייט דאך א ייד א קלוגער, כ'לעבן, א סוחר, א מענטש מיט יושר. לאמיר בעסער ריידן גלייך צו דער זאך אליין. (ער נעמט זיך בא דער בארד). די מעשה דערפון איז אזוי: מיר, יעהופעצער ספעקולאנטן, האבן זיך מיישב געווען און אפ־גערעדט צווישן זיך (מיט הענט און מיט א ניגון פון דער גמרא): הנה כפי עס האט זיך געטראפן אן אומגליק, פייפער האט זיך לעת־עתה גע־שטעלט; און כפי עס איז אייך ידוע, אז ער האט זיך מתחייב געווען צו געבן אונדז יקנה"ז גאר א גוזמא שטיק; און כפי ס'איז דאך א דבר שאי־אפשר, ער זאל אונדז אלעמען קאנען געבן יקנה"ז ממש, ווייל ס'איז גאר ניטא אזויפיל יקנה"ז אין גאנץ יעהופעץ ארום און ארום; און כפי פייפער אליין קאן מיט אונדז ניט מיטיב זיין, ווייל ער איז נאך ניט בקי אינעם ענין השטעלן זיך; און כפי איך זע ארויס, וועלן מיר דא מוזן זיך גלייכן אף פראצענטן...

פ א ס ט ע ר נ א ק : פראצענטן? קדוש וטהור — אפילו ניט א לעק!

י ו נ ג ע ס פ ע ק ו ל א נ ט ן : וואס הייסט, ניט א לעק? וו־איז יושר? ווו איז מענטשלעכקייט? גלאט הפקר א וועלט?

פ א ס ט ע ר נ א ק : (ווייזט אף דער סטעליע). ו י ד ב ר ע ל ה ע צ י ם ו ע ל ה א ב נ י ם — מאכט רש"י: רעדט צו דעם לאמפ...

פ יי נ ק ו ג ל : (אלץ מיט א ניגון). היתכן? וואס רעדט איר? אמת, מיר ווייסן טאקע, אז פייפער האט געהאט אן אומגליק: דאס יקנה"ז האט אים דערגאנגענ די יארן. שווין א צייט, אז ער בלאנקירט אף יקנה"ז, דעקט זיך אפ מיט היזק און בלאנקירט ווייטער. מיר דאכט זיך, אז גאנץ יעהופעץ האט געשפעקולירט אף זיין קאפ, און נאר צוליב אים איז דאס יקנה"ז געשטיגן. דאך האט בא אים, לויט מיין חשבון, באדארפט בלייבן עפעס געלט. געשיקט זיך עס?

כ י נ ק י ס : מיר דאכט, ער זאל שפילן א קיילעכיק יאר כסדר אין קארטן און עס זאל אים גיין שלים־שלים־מזל, וואלט ער אויך באַ־דארפט בלייבן בא געלט.

ב יי ג ע ל מ א ן : ווערקמירדיק! ס'איז דיר אן אקציע מיט כינ־קיסן. אומעטום איז ער דא מיט די קארטן!...

ק נ א ק נ י ס ל : איך האב ליב דעם אמת: כינקיס איז גערעכט. ווי לאזט זיך ניט איבער א מענטש בא אזא מעשה קיין גראבע עטלעכע קערבלעך — און רוף מיך קנאקניסל?

אלע: נישקשה, ער האָט, ער האָט געלט! פײַפער האָט זיך גע־לאָזט געלט!

פּאָסטערנאַק: אַ לאַד פון אַ בייגל, אַ שאָס פון אַ ביקס, אַ פּיטום פון אַן אתרוג, אַ גוט אויג פון אַ גלידשוועסטערקינד...

פײַנקוגל: (צו די איבעריקע). ווי געפעלט אײַך אַ שפּראַך?... (צו פּאָסטערנאַקן). מילא, נעמען מיר אַן אַזוי ווי איר זאָגט; בלײַבט דאָך אַלץ די אייגענע קשיא: צו וועמען דען איז דאָס שײַך, אַז ניט צו אײַך? ער איז דאָך פּאָרט אײַער חתן!

פּאָסטערנאַק: מײַן חתן? לא היה ולא נברא — דאָס איז געווען אַמאָל, ניט הײַנט. הײַנט איז שוין פײַפער אײַער חתן, ניט מײַ־נער. ער איז אײַער חתן, און איר זײַט זײַנע מחותנים, ווי אין פּסוק שטייט: „אני לדודי ודודי לי״ ... נאָט, זעט, וואָס אַ יונגאַטש פאַרגינט זיך מיר שרײַבן, וועט איר פאַרשטיין, מיט וועמען איר האָט געהאַנדלט. נאָר שטיל, אל תפל דבר — כאַטאָ פּאַ־קרישקע! (ער גיט איבער פײַנקוגלען אַ בריוו).

פײַנקוגל: אנו, מהכתיתי, לאָמיר האָרכן, וואָס זאָגט ער דאָ? ס׳איז טאַקע כדאַי צו וויסן. (ער נעמט דעם בריוו און לייענט בקול רם). „לכבוד מחותני הגביר המפורסם החכם המופלג המשכיל...״ (זיך אין באָרד אַרײַן). מילא, אַ חכם — איז קיין קשיא ניט; אַז מען איז אַ גביר, איז מען שוין במילא אַ חכם. אָבער אַ „מופלג״ מיט אַ „משכיל״ אונטערגעשלאָגן—דאָס איז שוין אַ ביסל צופיל... (ער לייענט). „...החכם המופלג המשכיל מוהר״ר שמואל פּאָסטערנאַק נ״י. בשעת איר וועט לייע־נען מײַן בריוו, וועל איך שוין זײַן העט־וויַט פון יעהופּעץ. איך האָב מיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, ביז איך האָב מיך ענדלעך אַנטשלאָסן, איך זאָל אַוועק פון דאַנען אַהין, וווּ די אויגן וועלן מיך טראָגן, אַבי ניט אָנקוקן יעהופּעץ, ניט אָנקוקן אונדזער בערזע, ניט אָנקוקן אונדזע־רע ספּעקולאַנטן...״ (רײַסט איבער). וואָס איז ער אַזוי אויפגעטראָגן אויף די ספּעקולאַנטן?... (ער לייענט). „פון אָנהייב בין איך אַפילו גרייט גע־ווען צו מאַכן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַן עק פון מײַן לעבן: עטלעכע טראָפּן סם־המות, פאַר צען קאָפּיקעס אַ שטריקל, אָדער אַ פּיסטויל אין האַרצן — און אַ סוף צו אַלע צרות. אויס פײַפער, געשטאָרבן! איך האָב מיך אָבער באַרעכנט נאָכדעם, אַז ס׳איז פאַר מיר כּלל ניט קיין פּלאַן...״ (רײַסט איבער). איך האָב געוווּסט פריער, אַז פײַפער וועט אַזאַ נאַריש־קייט ניט טאָן... (לייענט ווײַטער). „...פאַר מיר כּלל ניט קיין פּלאַן צו גיין יונג פון דער וועלט. איך וועל ליגן אין דער ערד און באַקן בייגל, און אַלע וועלן לעבן אַ גוטן טאָג, גיין איינס צום אַנדערן אויף זשורפיקסן, שפּילן אין „ווינט״, מיך אין זינען האָבן אין דער לינקער פּיאַטע, קיין צײַט ניט האָבן אַפילו מיך צו דערמאָנען, און אַז מע וועט מיך שוין יאָ אַמאָל דערמאָנען, וועט זײַן אַז אַך און וויי צו מיר. פײַנקוגל וועט זאָגן אויף מיר אַ משל, אַלע וועלן לאַכן...״ (רײַסט איבער). גערעכט, ווי

איך בין אַ ייִד! (לייענט ווײַטער). „פֿײַנקוגל וועט זאָגן אַ משל, אַלע וועלן לאַכן. איטלעכער וועט אויסטראַכטן אָף מיר אַן אַנדער המצאהלע. אַלע וועלן זײַן פֿײַנע מענטשן, נאָר איך איינער וועל בלײַבן אַ פֿערד. צום בײַשפּיל: אָף פֿײַנקוגלען וועט קיינער ניט זאָגן, אַז ער איז אַ... אַ... אַ..."
(ער קערט איבער דאָס בריוול אָף דער אַנדערער זײַט).

פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : וואָס אַקעט איר? ממה נפשך, לייענט איך — דאַרפֿט איר לייענען כּסדר, ווי אין פּסוק שטייט: „ה ח י ל ו ת ל נ פּ ו ל, נ פ ו ל ת פּ ו ל" . . .

פֿ ײַ נ ק ו ג ל : (דרייט דאָס בריוול אָף אַלע זײַטן). פֿאַרשטייט איר... איך האָב געלאָזט אינדערהיים מײַנע ברילן...

כּ י נ ק י ס : (נעמט דאָס בריוול). אַנו, ווײַזט נאָר אַהער. איך האָב אַ גוטע שמיעה: איך שמעק אַן די טויז פּאָר אַ ווערסט, און דווקא אָן ברילן! (ער לייענט). „אָף פֿײַנקוגלען וועט קיינער ניט זאָגן, אַז ער איז אַ שבתי־צביניק, אַ גאַנץ גנב, וואָרעם ער איז אַ שיינער ייִד, פֿון די ייִדן, וואָס טרינקען ווימאַראַזיג, האָט פֿײַנט כּבוד, ווי אַ קאַץ שמאַלץ, כּלומרשט פֿרום, און גייט אויס, פּגרט נאָך אַ קערטל, ניט ערגער פֿון כּי... כּי..." (ער וויל איבערהיפּן עטלעכע שורות).

פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : (צו כּינקיסן). וואָס כּיכּיקעט איר? ה ח י־ ל ו ת ל נ פּ ו ל, נ פ ו ל ת פּ ו ל — האָט איר זיך אונטערגענומען לייענען, טאָ לייענט כּסדר.

ב יי ג ע ל מ אַ ן : (נעמט צו בײַ כּינקיסן דאָס בריוועלע). לאָזט מיך, איך האָב אַמאָל אויך געקאָנט לייענען זשאַרגאָן. (ער לייענט). „...פּגרט נאָך אַ קערטל ניט ערגער פֿון כּינקיסן, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ פֿאַרמעגן פֿון קאָרטן. וויפֿל איך האָב בײַ כּינקיסן פֿאַרנומען אָף יקנה"ז, האָט כּינקיס בײַ מיר צען מאָל אַזויפֿיל־געווונען אין קאָרטן, ער זאָל דאָס נאָר אויסקרענקען!"...

כּ י נ ק י ס : ווי געפֿעלט אײַך אַזאַ ים־קאַטער? איך בין שולדיק, אַז ער איז אַ קאַליקע און פֿאַרשטייט ניט דאָס שפּיל!

ב יי ג ע ל מ אַ ן : (לייענט ווײַטער). „...ער זאָל דאָס נאָר אויס־קרענקען! אין יעהופּעץ הייסט כּינקיס אויך אַן אַריסטאָקראַט. יעהופּעץ איז, ברוך השם, אַזאַ שטאָט, וואָס קלײַבט ניט איבער, אַבי געלט — איז מען אַן אַריסטאָקראַט. אַ שטייגער, ווען גייט דאָס אַז אין יעהופּעץ, פֿון וואַנען איז דאָס פּלוצעם אויסגעוואַקסן אַזאַ אַריסטאָקראַט, ווי ביי... ביי... ביי..." איך ווייס ניט, ווי אַזוי מאַכט דאָס וואָרט, ס'איז געמעקט...

ק נ אַ ק נ י ס ל : (רײַסט אויס דאָס בריוול פֿון בייגעלמאַנס הענט). עס הייבט ניט אָן צו זײַן געמעקט. געזונטע אותיות, אײַזערנע!... (ער לייענט). „...אַזאַ אַריסטאָקראַט, ווי בייגעלמאַן? ס'איז פֿאַראַן אַזעל־כע, וואָס געדענקען נאָך, אַז ער האָט אַרומגעטראָגן אין באַרדיטשעוו בייגל צו פֿאַרקויפֿן..."

ב יי ג ע ל מ אַ ן : שקר וכזב! עס שטייט ניט קיין בייגל! דאָס לייענט איר שוין פון אײַער קאָפּ!

ק נ אַ ק נ י ס ל : (לייענט ווײַטער). „...ארומגעטראָגן אין באַר־דישעוו בייגל צו פאַרקויפן, און הײַנט פאָרט ער אין אַ קאַרעטע. עס פּאַסט אים אַזוי צו זײַן אַ ספּעקולאַנט, פּונקט ווי עס פּאַסט קנאַק..." (ער טוט אַ שמיץ דאָס בריוול). טאָמער וואָלט טאַקע אױף אַן אמת געווען גענוג צו האָרכן די נאַרישקייטן, וואָס דער שאַלטיק שרײַבט?

ע ט ל ע כ ע ק ו ל ו ת : בײַסט ווײַטער, וועט איר געפינען קעז אויך!...

פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : החילות לנפול, נפול תפול!

ק נ אַ ק נ י ס ל : (קוקט אין בריוו אַרײַן). טפו זאָל ער ווערן! אַ יונגאַטש זאָל ריידן אױף דער גאַנצער וועלט, אױף קיינעם קיין גוט וואָרט ניט זאָגן! צו וואָס טויג מיר בריוולעך? ממה נפשך, האָסטו געמאַכט דאָס שפּיל, פאָר אַוועק צו אַלדי שוואַרצע יאָר — און רוף מיך קנאַק־ניסל! (ער צערײַסט דעם בריוו אױף שטיקלעך און צעוואַרפט איבער דער שטוב. דער עולם לאַכט).

פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : טאַטע, דו לאַכסט? אַז אַך און ווײ איז צו דײַן געלעכטער! פּײַפער איז קליגער פון אונדז. ער האָט אונדז אַלע־מען געפירט אין באָד אַרײַן, העט־ווײַט אױף דער אויבערשטער באַנק, און גוט אָפּגעבעזעמט, ווי אין פּסוק שטייט: בשכבנו ובפיצקנו — אָנידער־געליינט און אָפּגעשמיסן!...

פ יי נ ק ו ג ל : (צום איבעריקן עולם). וואָס זאָגט איר דערויף? ער מאַכט שוין אייגענע פּסוקים...

פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : מילא, אױף אײַך איז אַ מצווה. אל תבטחו בנדיבים — קריכט ניט אין פּײַער אַרײַן! איר האָט מיט אים געשווינדלט, געדרייט יקנה"ז אַהער, יקנה"ז אַהין, אַזוי לאַנג, ביז איר האָט זיך פאַר־דרייט. ס'איז אַ פּשוטע מעשה: איר האָט א י ם געוואָלט אָפּנאַרן, האָט ער א יַ ך אָפּגענאַרט, ווי די גמרא זאָגט: „הבא להרגך, שמרגהו נאַזאַד" — האָסט געכאַפּט אַ פּאַטש, שטעק אָפּ צוויי צוריק. ס'איז תמיד אַזוי דער סוף. שלמה המלך איז טאַקע אַ חכם; ער זאָגט אין „ברכי נפשי", דאַכט זיך: בור כרה ויחפרהו — כטאָ יאַמאָ קאָפּאַיע, טאָי סאַם אופּאַדאיע... אָבער א י ך ? וואָס האָב א י ך געהאַט צו טאַנצן אין קאָן? וואָס האָב איך באַדאַרפט אַרײַנצימבלען פערציק טויזנט קאַרבן? איך בין דאָך יאָ, ווי זאָגט ער, גאָט די נשמה שולדיק! עס קומט אויס, ווי די גמרא זאָגט: טוביה חטא זונטאַג מאַנטאַג...*

פ יי נ ק ו ג ל : (צום איבעריקן עולם). וואָס זאָגט איר אױף די פּסוקים, וואָס דאָס פּליִען, מיט די גמרא־ווערטער, וואָס ער האַקט? (עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן די מאַדאַם פּאַסטערנאַק. נאָך איר מ אַ ר ק ו ס מיט איזאַבעלען).

* טוביה חטא וזיגוד מינגד.

## פינפטע סצענע

פּאַסטערנאַק: אַ! זעט איר? אַ װײַב זאָל מען טאַקע פּאָלגן. זי האָט פֿון אָנהייב אָן ניט געװאָלט דעם שידוך. הלוואי װאָלט איך זי געפּאָלגט, װאָלט איך איצט ניט געהאַט אַזאַ מפּלה, װי די גמרא זאָגט: „קדירה דבי שותפא" — אַז מע הערט ניט דאָס װײַב, איז קוש־קוש װוּ די ייִדן האָבן גערוט...

מאַדאַם פּאַסטערנאַק: כ'לעבן, סאַמואיל, דו רעדסט עפּעס, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, אַזעלכע װערטער... דאַנקען און לויבן גאָט, מיר זײַנען אויך לײַטן גלײַך, מיר קאָנען אויך האָבן אַן איידעם אַ דאָקטער, װי בײַ לײַטן. (זי קוקט אָף כינקיסן). נישקשה, אונדזער טאָכטער שטייט אָן צו האָבן אַ חתן אַ דאָקטער, װי אַלע אַנדערע יע־הופּעצער מאַמזעלן... (זי פֿירט אים צו איזאַבעלען מיט מאַרקוסן). נעם בענטש דײַנע געליבטע קינדער מיט דעם הייליקן אייביקן בונד פֿון דער הימלישער ליבע. װינטשעװע זיי צו, זיי זאָלן אָפּפֿערן זייער לעבן איינס פֿאַר דאָס אַנדערע, אַזוי װי בענעדיקט און ראָזאַליע בײַ שפּיִעקעװיטשן אין זײַן ראָמאַן „הימל און ערד און ליבע". „געבע גאָט, — זאָגט דאָרט דער פּאַרפֿאַסער — זיי זאָלן געניסן די פֿריכטע פֿון זייער ליבע, זייער בונד זאָל זײַן אַן אייביקער בונד, אַן הייליקער בונד..."

פּאַסטערנאַק: (האָקט איבער אינמיטן). מילא בקיצור, על־כּל־פּנים, זיי זאָלן זײַן געקניפּט און געבונדן און פֿאַרבונדן... צו װאָס טויגן לאַנגע דיבורים? איך פֿאַרשטיי נאָר ניט, װאָס עפּעס אַזוי בחפזונ־דיק, פּלוצעם אינמיטן העלן טאָג שוין אַזוי גיך כאַפּ־לאַפּ, װי אין פּסוק שטייט: הא גברא והא טראַסק?

מאַדאַם פּאַסטערנאַק: (מיט כּעס). װאָס־זשע האָסטו געװאָלט, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, שדכנים זאָל מען דיר שיקן?

פּײַנקוגל: (מישט זיך אַרײַן). געבענטשט זײַנען די הענט, װאָס נעמען זיך אַליין. מסתּמא איז דאָס איר זיווג. אַ שידוך איז אַ גורל, איטלעכער נעמט זיך אַרויס װאָס אים איז אָנגעצייכנט פֿון אויבן.

כינקיס: פּונקט אַזוי װי, להבדיל, בײַ די קאָרטן: איינער שפּילט אַ גאַנצע נאַכט און עס גייט אים שלים־שלים־מזל; דער אַנדערער שלעפּט אַלעמאָל אַרויס — מלכּה, מלך, טויז...

בייגעלמאַן: זוערקמירדיק! מיט דעם כינקיסן איז דיר נאָר אַ קאָמעדיע! מע רעדט פֿון װייס איך װאָס — קומט ער מיט די קאָרטן!

קנאַקניסל: װאָס אמת איז אמת — כינקיס איז גערעכט: צו שידוכים דאַרף מען האָבן גליק. אָט האָב איך, זאָלן געזונט זײַן, עט־לעכע דערװאַקסענע טעכטער, איז װיפֿל מע רעדט זיי שידוכים, װילן זיי ניט הערן, ניט זען פֿון קיין שדכן! זיי װילן נאָר אַליין, און נאָר דורך ליבע — און רוף מיך קנאַקניסל!

פּאַסטערנאַק: אַוודאי איז ליבע אַ געהויבענע מטבע, װאָס

איז דאָ פֿאַראַן צו ריידן? דער חסרון איז נאָר, וואָס מיט ליבע אַליין קאָכט מען ניט קיין וועטשערע. מע דאַרף צו דעם האָבן נאָך עפּעס, די ממתקים מיין איך, ווי אין פּסוק שטייט: „אם אין קמח, אין לאָקשן”...

מ אַ ד אַ ם פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : (מיט היץ). איך האָב דיר געזאָגט וויפֿל מאָל, סאַמואיל, אַז קיין פּסוק האָב איך ניט געלערנט און, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, לשון־קוילעטש פֿאַרשטיי איך ניט... נאָר אויב דו מיינסט נדן, זאָלסטו וויסן זײַן, אַז מע האָט דאָס אין זינען, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, אין דער לינקער פּיאַטע. ס'איז אַ ראָמאַן, אַ לאַנג־אַנענדיקער העכסט־אינטערעסאַנטער ראָמאַן אין צוויי טיילן. דעם ערשטן טייל האָסטו געשפּילט, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, אַזאַ יאָר אַף מײַנע שונאים. דעם צווייטן טייל וועל איך שוין שפּילן. איך הייב אים אָן מיט אַ זשורפיקס און מיט אַ קנס־מאָל טאַקע היינט אַף דער נאַכט. (צו פּײַנ־קוגלען מיט דער קאָמפּאַניע). מיר לאָדן אײַך אײַן מיט אײַערע דאַמען און מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע.

פּ ײַ נ ק ו ג ל מ י ט ד ע ר ק אָ מ פּ אַ נ י ע : (אַלע אײַנ־איינעם). אַך, מיטן גרעסטן בזיון! אַבי אַ וועטשערע מיט אַ קערטל...

כּ י נ ק י ס : נאָך אַ מין קערטל! אַ קערטל צו אַ קערטל איז ניט גלײַך!

פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : ס'איז דאָך אַ בפּירושער פּסוק אין דער גמרא: „אין פּיסני בלא דיווקא ואין חלום בלא קאַרטן”... (דער עולם קוועלט).

מ אַ ר ק ו ס : (שטעלט זיך אַוועק קעגן עולם, לייגט צונויף די הענט אַפֿן האַרצן, שאָקלט מיטן קאָפּ). די קאַרטן! די קאַרטן! עס הייבט זיך אָן מיט קאַרטן, עס לאָזט זיך אויס מיט קאַרטן. בײַ קאַרטן ענדיקן זיך אַלע זאַכן. פֿאַר קאַרטן גיט אַוועק דער מאַן דאָס ווײַב, דער פֿאָטער — זײַנע קינדער. ניטאָ קיין טײַערערס פֿון קאַרטן. אוי, קאַרטן, קאַרטן!... (ער גיט איזאַבעלען די האַנט און לאָזט זיך גיין).

מ אַ ד אַ ם פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק : (צום מאַן). דו הערסט וועַ־טער? (גאַנץ שטיל, נאָר מיט פֿײַער). טירראַן! דעספּאָט! מעעעעדדער!... (זיי לאָזן זיך גיין אַלע דרײַ. בײַ דער טיר קומט זיי אַקעגן די י ײַ ד ע נ ע, פֿאַרוויקלט אין עטלעכע שאַלן און פֿאַטשיילעס. נאָך איר שלעפּט זיך נאָך דאָס מ י י ד ל. סאָסל ראַנגלט זיך מיט זיי, לאָזט זיי ניט אַרײַן. די יידענע מיטן מיידל רײַסן זיך אויס פֿון סאָסלס הענט און פֿאַלן אַרײַן אין שטוב אַרײַן מיט אַ געוויין און מיט געשריי).

### ז ע ק כ ט ע ס צ ע נ ע

ד י י ײַ ד ע נ ע : (ברעכט די הענט, וויינט און קלאָגט מיט אַ ניגון פֿון די תחינות). ווי איז מיר, ווינד איז מיר, פֿאַרוויסט און פֿאַרפֿינצ־טערט בין איך ניט געוואָרן, אַן אַלמנה, איינע אַליין, עלנט ווי אַ שטיין,

ניט קיין קרוב, ניט קיין ביין, געבראכט דער רוח א שווארץ יאר, א מעקלער, אריינגעשטופט א סוכה־שער, עפעס יקנה"ז־שמאקנעהאז, פייפערשמייפער, פייפן זאל אים אין אן אויער, ווי ער האט מיך געקוילעט מיט מיין קינד! (זי כאפט מארקוסן פאר א האנט). אפשר זייט איר אט דאס א טאקע ער אליין? עפעס א חתן, זאגט מען, זייט איר עמעצנס אט דא? פאלגט מיך מיט גוטן, וועט איר בעסער מאכן. גיט מיר אפ דאס נדן, איך וויל ניט וויסן פון קיין שמאקנעהאז. איר שפילט זיך מיט פייער! אט לויף איך צום פליצמייסטער, מיך קען מען, איך בין פון דער סלאבאדקע, מיין ערשטער מאן עליו השלום איז געוועזן בא גיטעלע וויינשטיין עליה השלום...

פ א ס ט ע ר נ א ק : וואס איז דאס פאר א שלאק־פורעניות? פארוואס ווארפט מען זי ניט ארויס? איר זעט ניט, אז ס'איז א משוגענע ידענע?

ד י י ד ע נ ע : א משוגענע בין איך שוין געווארן? אז איך מאן מיין געלט, בין איך משוגע? משוגע זאלט איר ווערן פאר זיך און פאר מיר און פאר מיינע קינדער און פאר מיין גאנצער משפחה און פאר מיין מאנס משפחה און פאר אלע מיינע ליבע פריינט און פאר אלע ידן און פאר כל ישראל — אמן סלה! (זי דערזעט אף א בענקל דאס חתונה־קלייד, וואס איזאבעלע האט געמאסטן). א? זייד און סאמעט? פריער גאטס און נאכדעם פרעמדס? מע שמירט זיך מיט מיין פוטער? מיינע ר"ן קארבן? דער מענטש זינדיקט און מיט דער הון שלאגט מען כפרות? לאם איך מיך כאטש רעכענען פאר מיין בלוט! (זי כאפט דאס „בעבע" און צערייסט דאס אף צווייען). אט אזוי! גם לי גם לך — ניט מיר, ניט דיר!...

מ א ד א ם פ א ס ט ע ר נ א ק : אוי, ס'איז מיר שלעכט, מיט רעשפעקט צו מעלדן, טאקע נאר אף צו חלשן! (זי פאלט חלשות).

א י ז א ב ע ל ע : אך, מארקוס! (זי פאלט מארקוסן אף די הענט).

ד ע ר ע ו ל ם : וואסער! וואסער! (סאסל באשפריצט די מאדאם מיט קאלט וואסער).

מ א ר ק ו ס : (צום גאנצן עולם). זעט, קוקט אייך אן אין שפיגל, וואס פאר א פנים איר האט מיט אייערע ספעקולאציעס, מיט אייער בערזע, מיט אייער יקנה"ז, מיט אייערע קארטן, מיט אייערע זשורפיקסן, מיט אייערע דאמען די אריסטאקראטקעס און מיט אלע אייערע גענג ארום און ארום! עס וועט זיך געפינען איינער, וואס וועט אייך באשרייבן אף די גאזעטן, וועט פון אייך מאכן א בוך, א קאמעדיע, א גאנצע קאמעדיע! צו שאנד און צו שפאט וועט איר דעמאלט זיין אומעטום, ווו מע הערט נאר א ידיש ווארט! אף טעאטער וועט מען אייך ארויסשטעלן! מע וועט קוקן אף אייך, מע וועט טייטן מיט די פינגער און מע וועט לאכן,

זיך אײַנרײַסן דאָס געזונט לאַכנדיק — מיט אײנעם וואָרט, די וועלט וועט זײַן פֿול מיט אײַך און מיט אײַער יקנה"ז!!! (ער גײט אַוועק מיט איזאַבעלען אונטער דער האַנט. די מאַדאַם פֿאַסטערנאַק — נאָך זײ. דער גאַנצער עולם בלײַבט שטײן פֿאַרגאַפֿט, די נעזער אַראָפּגעלאָזט, פֿאַרגלײ־וועדט — איטלעכער אין אַן אַנדער פּאָזע).

## דער פֿאַרהאַנג פֿאַלט.

# אַ פּאָר ווערטער פונעם מחבר

באַ לײַטן איז הײַנט געוואָרן אַ מאָדע: אַנשטאָט אַ הקדמה פון פאָרנט צו געבן די הקדמה פון הינטן. נאָר באַגײען זיך גאָר אײַנגאַנצן אָן אַ הקדמה — דאָס האָבן אַלע מסכים געווען, אַז ס'איז אוממעגלעך; וואָרעם באמת, ווי געשיקט זיך דאָס, אַז אַ מחבר זאָל זיך צעשיידן מיטן לעזער גלאַט אַזוי אַ זײַ־געזונט, אָן אַ שום געבן אים צו פאַרשטיין, וואָס ער האָט געמיינט, און אָן אַ שום אָנצוהערעניש, אַז ער, דער מחבר פונעם בוך, איז מיט גאָטס הילף אַ מענטש, וואָס ווייס אַלצדינג און פאַרשטייט אַלצדינג. דער גאַנצער איבעריקער עולם — דאָס זײַנען נעבעך קליינע קינדער, מחילה קעלבלעך, וואָס מע דאַרף זיי צעקײַען איטלעכס וואָרט און אַרײַנלייגן אין מויל אַרײַן? עס מאַלט זיך אים אויס פּאָזיטיוו, אַז אָן זײַן מסביר זײַן, אָן אַרײַנלייגן דעם לעזער אין מויל אַרײַן, וועט הס ושלום קיינער ניט פאַרשטיין וואָס ער מיינט... נאַרישקייטן! ס'איז הײַנט אַ קלוגע וועלט געוואָרן: ייִדן מיט בערד האָבן דאָס אַמאָל ניט פאַרשטאַנען, וואָס אַ קליין קינד פאַרשטייט אַצינד... ניט מער, וואָס וויל דאָ דער מחבר האָבן?

דער מחבר איז דאָ מוסר מודעה, אַז ווער עס וויל זוכן אין דער קאָמעדיע באַקאַנטע פאַרשוינען, דער האָט מחילה אַ גרויסן טעות. אַקעגן וואָס זאָגט דאָס דער מחבר? ער זאָגט דאָס איבער אַ מעשה שהיה: נאָך איידער דאָס ווערק איז פאַרטיק געוואָרן צום אָפּדרוקן, איז אַרויס אַ קלאַנג אין יעהופּעץ אויף דער בערזע (ניטאָ קיין סודות אין יעהופּעץ אויף דער בערזע!), אַז שלום־עליכם מאַכט אַ ביכל מיטן נאָמען „יקנה"ז", אין וועלכן ער שטעלט אַרויס אויף אַ לײַטיש געלעכטער די גאַנצע יעהופּעצער בערזע מיט אַלע ספּעקולאַנטן און מעקלערס, פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן. אייניקע האָבן דערפון שטאַרק הנאה געהאַט: „אַ מצווה, האָבן זיי געזאָגט, פּאַניע שלום־עליכם, איר זאָלט זיי כאָטש רעכט באַשרײַבן, די מחותנים, זיי זאָלן האָבן צו זינגען און צו זאָגן; לאָזן זיי וויסן דאָס אַנדערע מאָל, וויאַזוי צו טאַנצן אויף פרעמדע חתונות!"... אַנדערע האָבן זיך אַ ביסל אָנגעבלאָזן, בשעת זיי זײַנען געוואָר געוואָרן פון דער מעשה. „איך האָב געהאָרכט, — שרײַבט איינער צום מחבר אין אַ בריוול — אַז איר מאַכט אויף אונדז אַ ביכל מיטן נאָמען „יקנה"ז". איך בין ניט כּסופק, אַז עס וועט דאָרטן זײַן פון וואָס צו לאַכן. נאָר וואָס דען? איין זאַך וויל איך פון אײַך בעטן: מ י ך זאָלט איר אַרויסוואַרפן פון צעטל"... גאָר אַנדערע זײַנען געווען טאַקע רעכט אויפגעטראָגן אויפן מחבר; זיי האָבן אים געגעבן אָנצוהערעניש דורך פאַרשטעלטע בריוולעך אָן חתימות, זיך גוט געבייזערט אויף אים און אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז „באם ער וועט זיך דערוועגן אַרויסשטעלן זיי אין אַ קאָמעדיע, וועלן זיי אים דאָס און דאָס"... גאַנץ ייִדישלעך!

הערט צו, רבותי! די גמרא זאָגט: „איוב לא היה ולא נברא — ס'איז קיין איוב גאָר אויף דער וועלט ניט געווען; אלא וואָס דען? משל היה — ס'איז נאָר אַ משל.

אַ בײַשפּיל". רבותי! יקנה"ז לא היה ולא נברא — ס'איז קײן יקנה"ז גאָר אַף דער װעלט ניט געװען, אַזױ װי ס'איז ניטאָ אַף דער װעלט קײן שטאָט, װאָס זאָל הײסן יעהופּעץ. ס'איז נאָר אַ משל, אַ פֿאַנטאַזיע, אַן אױסגעקלערטע מעשה פֿון אַלף ביז תיו. לאָזן זיך ניט מִיִען די, װאָס האָבן ליב נאָכצוקלערן און אױסצוטאַפּן, װעמען מײנט מען דאָס? און װעמען מײנט יענץ? מע מײנט קײנעם ניט! אַי, טאָמער אַפּן צעגנטן פֿאַל װעט זיך געפֿינען אַזעלכער, װאָס חלילה וחס, עס װעט זיך אים אױסװײַזן, אַז דאָס מײנט מען אים? באַדאַרף מען בײַ אים בעטן הונדערט מאָל מחילה און דערצײלן אַ משל.

אַמאָל איז געקומען צו פֿאָרן אַ ייִד אַן אָרעמאַן אין אַ גרױסער שטאָט אַרײַן. צום בײַשפּיל — קײן יעהופּעץ, זוכן פּרנסה. װוּהין שלאָגט זיך אַן אָרעמאַן? געװײנלעך, צו די נגידים. ער גײט פֿון אײן נגיד צום אַנדערן, נאָר װוּהין ער קומט — לאָזט מען אים ניט אַרײַן. װאָס איז די מעשה? ערשט ער װערט געװאָרע, אַז זײַן גאַנצער אומגליק איז די צעריסענע קאַפּאָטע. װאָס טוט מען? איז זיך מיישב דער ייִד און כאַפּט זיך אַרײַן צו אַ טאַנדעטניק אין אַ קלײט, קלײַבט זיך אָפּ און מעסט אָן אַ שײנע קאַפּאָטע, דינגט זיך אױס און רופֿט זיך אָן צום קרעמער: „װײסט איר װאָס, מײַן ליבער ייִד? איר װילט דאָך מסתמא געלט? זאָלט איר זיך מטריח זײַן מיט מיר אַף מײַן סטאַנציע אין יענעם און יענעם הױז, אַף יענער און יענער גאַס". דער ייִד מיט דער קאַפּאָטע גײט פֿון אײן גאַס אין דער אַנדערער, דער טאַנדעטניק גײט אים נאָך.

— יונגערמאַן! ביז װאַנען װעט איר מיך פֿירן? — טענהט נעבעך דער קרעמער. — לאָזט מיך אָפּ, איך האָב קײן צײַט ניט!

— װער האַלט אײַך? גײט אײַך געזונטערהײט.

— סטײַטש? נו, און געלט?

— װאָסער געלט?

— סטײַטש? נו, און די קאַפּאָטע?

— די קאַפּאָטע איז אַ קאַפּאָטע.

דער טאַנדעטניק האָט דערזען, אַז ס'איז אַ מיאוסע מעשה, כאַפּט ער דעם ייִדן און װיל אַראָפּרײַסן פֿון אים די קאַפּאָטע.

— איר װעט ניט אַװעקגײן? — האָט זיך דער ייִד צעשריִען אַף אַ קול, — אַט רוף איך צו אַ זשאַנדאַר... זשאַנדאַאַאַר!!!

דער טאַנדעטניק האָט דערהערט דאָס װאָרט „זשאַנדאַר", איז אים פּרחה נשמתו געװאָרן; ער האָט אָפּגעלאָזט דעם ייִדן און האָט אָנגעהױבן מיט גוטן:

— װײסט איר װאָס, רב ייִד? איך בין אײַך מוחל די קאַפּאָטע, אַבי שרײַט ניט. װאָס האָט איר צו מיר? באַרעכנט נאָר אַקוראַט: איך בין אַ היגער טאַנדעטניק, און איר זײַט אַ װילד־פֿרעמדער; איר כאַפּט זיך אַרײַן צו מיר אין קלײט און מעסט אָן אַ קאַפּאָטע, װעלכע ליגט אַף אײַך, קײן עין־הרע, אױסגענאָסן, װי געװוּנטשן, לאָם איך האָבן אַזאַ יאָר — טראָגט געזונט, פֿאַרנוצט געזונט, און אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע!...

אַ גוטן טאָג, ליבער לעזער.

געשריבן אין יאָר 1894.

# מזל טוב!

א קאמעדיע אין איין אקט

### די פארשוינען:

**ביילע,** א קעכן. אן אלמנה פון א יאר עטלעכע און דרייסיק. א יאדערדיקע יידענע.

**פראדל,** א שטוב־מיידל. א שווארצהנעוודיקע.

**ר' באלטער,** אן ארעמער פאקנטרעגער, גיט ביבלעך אף פראקאט. א יידל פון א יאר פערציק. אן אלמן אדער א גרוש, און אפשר אן אלטער בחור. איין האלב פנים לאכט, דאס אנדערע וויינט. טראגט א קויטיקע מאנישקע מיט א צוגעלעגערט קאפעלושל. שדכנט זיך צו דער קעכן.

**חיים,** א משרת פונעם צווייטן הויז. א יונג א כוואט מיט א „סיגנעט”. שדכנט זיך צו פראדלען.

**מישא** | **מאשא.** דעם באלעבאס קינדער, א יינגל און א מיידל. ריידן האלב יידיש, האלב רוסיש.

**מאדאם,** די באלעבאסטע אליין. באווייזט זיך מיטן איבעריקן עולם נאר אין דער לעצטער סצענע אף א ווילע.

די געשיכטע קומט פאר אין קיך.

## ערשטע סצענע

ב יי ל ע: (שטייט מיט פארקאטשעטע ארבל באם אויוון, קאכט. זינגט א לידל).

אוי, ווו זײַט איר מײַנע יונגע יאָרן?
אוי, ווו זײַט איר אהינגעקומען?
צי מיט פײַער פארברענט געוואָרן?
צי מיטן וואסער אוועקגעשווומען?

אז אך און וויי איז צו מײַנע שונאים, אזביילע באדארף זײַן א דינסט בא די יאָרן, און האבן אף זיך אזא באלעבאסטע, אזא „מאדאם", וואס נאָר געזידלט און נאָר געפידלט! א שיינע נגידית! אז ארעמאן א שטיקל ברויט וועט זי דען געבן? די אייגענע קינדער אפילו זשאלעוועט זי עסן. איטלעכן איז זי חושד: רק מע נאשט, רק מע גנבהט! בא איר זײַנען אלע נאשערנס, אלע גנבטעס! (זי נעמט אראָפ אין א באזונדער טעפל פון אלע מאכלים צו ביסלעך). געוווג זיי זײַן צו קרענקען, ווי זאגט רב אלטער: „ווינציקער זײַן די ווערעם אין קבר"... (נעמט אראפ נאך א שטיקל פלייש). נישקשה, מע וועט זיך באדרייען... ע-ע-ע! ווי לאנג בין איך אליין געווען א באלעבאסטע בא מײַן טיש, מיט מײַן מאן פסח צום סדר!... (זי זינגט).

אזוי ווי ס'איז ביטער,
אז מע פעפערט ניט די פיש,
אזוי איז ביטער,
אז מע זיצט בא א פרעמדן טיש.

אזוי ווי ס'איז ביטער
יויך אן א פאן,
אזוי איז ביטער,
אז מע זיצט אן א מאן.

אזוי ווי ס'איז ביטער,
אז דאס עסן שמעקט מיט רויך,
אזוי איז ביטער,
אז מען ארבעט איבערן כוח.

אזוי ווי ס'איז ביטער,
אז דאס עסן האט קיין טעם,

## אזוי איז ביטער,
## אז מע דינט בא אזא „מאַדאַם”...

ווער קלאַפּט דאָס דאָרטן אין דער טיר? מסתמא רב אַלטער. א טײַערער ייִד, אַ כשרער, אַן ערלעכער, אַן חכמות. האָרעוועט נעבעך אַפּן שטיקל ברויט, ווייס ניט פון קיין וועלט צו זאָגן, גלײַך מיט מיר... (עפנט די טיר. עס קומט אַרײַן ר ב  אַ ל ט ע ר פון דרויסן מיט אַ פּעקל ספרים אונטער דער האַנט).

### צ ו ו יי ט ע  ס צ ע נ ע

ר ב  אַ ל ט ע ר : (לייגט אַפּ דאָס פּעקל אָף אַ זײַט, מאַכט צורעכט דאָס בערדל, ווישט זיך דעם שווייס מיט אַ רויטער פאַטשיילע). אַ גוטן אָוונט אײַך, ביילע לעבן! וואָס מאַכט איר גוטס? איך גיי פאַרבײַ, איך זע עס לײַכט זיך, טראַכט איך מיר, מע דאַרף אַרײַנגיין אַף אַ ווײַלעטשקע... אַ גאַנצן טאָג איז מען אַף די פיס, פון שטוב צו שטוב, מע מיינט טאָמער — דיזן, דאָזן, דאָס און יענץ... וואָס איז בא אײַך פאַר אַ יום־טוב, ביילע, וואָס איר קאָכט אַזוי שפּעט?

ב יי ל ע : ווייס זיי דער שוואַרצער יאָר! אַ שמחה פּלוצעם, פאַרשטערט זאָל איר ווערן!... געקומען אַ חתן אָנקוקן אונדזער מאַמזעליכן. עפּעס איינער אַ שוואַרץ־יאָר מיט קנעפּלעך, ווייס דער רוח דעם טאַטן... אָט וועט אַרײַנגיין פראַדל, זי ווייסט... זיצט, רב אַלטער, זעצט זיך. טאָמער וועט איר טרינקען אַ גלעזל טיי? צי אַ גלעזל מילך? צי אפשר ביידע זאַכן אינאיינעם? און אפשר גאָר צובײַסן, עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן? (זי רוקט אים אונטער אַלע גוטע זאַכן).

ר ב  אַ ל ט ע ר : אַ דאַנק, למאי זאָלט איר זיך מטריח זײַן, ביילעניו? איך בין גאָר ניט אַזוי שטאַרק הונגעריק. נאָר גאָרניט, אויך די אייגענע מעשה, ווי זאָגט ער: אַז אײַך איז ליב, איז מיר ניחא... (עסט). איז בא אײַך, הייסט דאָס, הײַנט אַ שטיקל יום־טוב. מהכתיתי, לאָז זיי גאָט העלפן, וואָס האָב איך צו זיי? אײַ, איך לייז בא זיי קיין געלט ניט? למאי ס'איז דאָ, קיין עין־הרע, אַ סך אַזעלכע סטיקראַטן, וואָס איך לייז בא זיי קיין געלט ניט? אָט, אַ שטייגער, כאַפּט אַן אײַער מאַדאַמשע... זי פלעגט מיר אַמאָל געבן צו לייזן פאַר ביכלעך גאָר אַ סך געלט. נאָר פון אַ צײַט אַז זי האָט אויפגעהערט צו פאַרשטיין זשאַרגאָן. פון זינט זי איז געקומען פון אויסלאַנד, האָט זי פאַרגעסן אונדזער לשון, גלײַך ווי זי האָט שוין פערציק יאָר ניט געהאָרכט קיין ייִדיש וואָרט... אָט דאָס אויסלאַנד, הערט איר, איז פאַר אונדזער פרנסה אַן אומגליק!

ב יי ל ע : ווו האָבן זיי צײַט צו לייענען ביכלעך, אַז טאָג ווי נאַכט ווייקט מען זיך אין די קאָרטן? קומט אַף דער נאַכט, קלײַבט מען זיך צונויף אַלע: פ יי נ ק ו ג ל און כ י נ ק י ס און ש ט ר ו ד ל

און ב יי ג ע ל מ א ן און ק נ א ק נ י ס ל, און מע קלאַפּט אין „סטוקלקע”, קלאַפּן און סטוקען זאָל זיי אין קאָפּ, רבונו־של־עולם! איך דאַרף שטיין באַם אויוון: קאָך זיי, בראָט זיי, בראָטן און ברענען זאָל זיי אָפּן האַרצן!... אפשר וועט איר נעמען, רב אַלטער, אַ גלעזעלע בראָנפן, כ'איז געבליבן פון נעכטן? (זי בייגט זיך אָן, נעמט אַרויס, גיסט אים אָן אַ גלעזל. ער פאַרזוכט).

ר ב א ל ט ע ר : אַ דאַנק, למאַי זאָלט איר זיך מטריח זײַן? (ער קערט איבער דאָס גלעזל). הערט איר, ביילע, ס'איז גאָרניט קיין שלעכט ביסל בראָנפן, ווי איר זעט מיך לעבן! (זי גיסט אים אָן נאָך אַ גלעזל). אַ דאַנק, למאַי זאָלט איר זיך מטריח זײַן?... ס'איז ביטערע צײַטן, זאָג איך אײַך, עד־עד־עד!... אַמאָל פלעגט מיר אָנקומען אַ גאַנצער טראַנ־ספּאָרט מיט ראַמאַנען פון דער ווילנע, פלעג איך זיי פאַרצוקערן. און היינט, ווייס דאָס דער גוטער יאָר, פון זינט די ציוניסטן האָבן אָנגע־הויבן אַרויסגעבן זייערע ביכלעך, איז מײַן פּרנסה שטאַרק געשלאָגן... נאַ דיר ציוניסטן!... ננננע!

ב יי ל ע : ציבעליסטן? וואָס איז דאָס, רב אַלטער, פאַר אַן אַנ־שיקעניש אַזעלכעס?

ר ב א ל ט ע ר : ציוניסטן — דאָס זײַנען די ציוניסטן, וואָס פאַרנעמען זיך מיטן ציוניזם... זיי ווילן, פאַרשטייט איר מיך, מיר זאָלן אַלע פאָרן קיין פּעליסטינע ווילן זיי...

ב יי ל ע : (שאָקלט מיטן קאָפּ). נאַ דיר נאָך, טאָמער איז קאַרג!... אַט האָסטו דיר אַ בלעסטערינע אָף זייערע קעפּ, פאַרכאַפּט זאָלן זיי ווערן!...

ר ב א ל ט ע ר : (שלאָגט איר איבער). שאַ, גאָט איז מיט אײַך, ביילע, פאַרוואָס שילט איר זיי? אדרבה, זיי מיינען אונדזער טובה טאַ־קע... פאַרקערט, סע קומט זיי נאָך אַ דאַנק, זיי ווילן העלפן די אָרעמע לײַט... דאָס פאָלק, פאַרשטייט איר מיך... דיזן, דאָזן, דאָס און יענץ...

ב יי ל ע : הערסט? וואָס־זשע שווײַגט איר? ווײַבאַלד אַזוי, לאָז זיי גאָט געבן געזונט און אַלדאָס גוטס! אָף קיין שלעכט אָרט זאָלן זיי ניט שטיין... לאָזן מײַנע באַלעבאָטים זײַן פאַר זיי די כפּרה!...

ר ב א ל ט ע ר : לאָז גאָט היטן! וואָס האָב איך צו זיי? אָט, למשל, האָב איך באַקומען אַ פרישע פּעקל סחורה, ראָמאַנען, אַזש פון אַמעריקע, פרישע, צאַפּלדיקע, נאַרוואָס פון דער נאָדל אַרויס. איך זאָג אײַך, פון די אַנטיקן! קאַפּריזן! זעמלמעל!

ב יי ל ע : (שלעפּט אַרויס אַ פּעקל פון אונטערן בעט און גיסט אים אָן אַ גלעזל ווײַן). אָנו, רב אַלטער, פאַרזוכט, זײַט מוחל, פונעם דאַזיקן ווײַן. געבליבן באַ זיי נעכטן פונעם טיש...

ר ב א ל ט ע ר : אַ דאַנק, למאַי זאָלט איר זיך מטריח זײַן? (פאַרזוכט און באַלעקט זיך). הערט איר, ביילעניו, איז דאָס אַ גלעזל משקה — פון משקה־לאַנד!... (טרינקט און באַלעקט זיך). זינט גאָט

האנדלט מיט משקאות, האט ער נאך אזא משקה ניט געהאט... (קוקט אין גלעזל אריין און שפיגלט זיך). ע, אפנים, די נגידים וויסן טאקע וואס גוט איז? הערט איר, די קאפאטע פארזעצן — און א נגיד זאל מען זיין!... אז ס'איז יא אזוי, טא לאמיר זיין געזונט! (קערט איבער דאס גלעזל). הערט איר? דאס איז וויין! דאס איז א מין משקה, וואס מע קאן עס אנרופן וויין. עס האט אין זיך אלע אפשניצלעך פון... פון... א גלעזל וויין. (באלעקט זיך). דיזן, דאזן, דאס און יענץ...

ב יי ל ע : (גיסט אים אן נאך א גלעזל). נישקשה, טרינקט נאך איין גלעזל. זשאלעוועט ניט, פאראן בא זיי אין קעלער גענוג... זיי מעגן דאס אויסקרענקען געזונטערהייט!

ר ב א ל ט ע ר : (מיט א פריילעך פנים). לאז גאט היטן! וואס האב איך צו זיי? לאזן זיי טרינקען. לאזן יידן טרינקען געזונטערהייט... א ייד איז ניט קיין גוי. א ייד, אז ער נעמט א ביסל משקה, איז גארניט, מהכתיתי... ער טרינקט זיך אוים א גלעזל, צוויי גלעזלעך, צי אפילו דריי גלעזלעך — און שא, שטיל, משעפעט ניט קיין פליג אף דער וואנט... שיכור? פע! שיכור קיינמאל ניט! קיינמאל ניט שיכור!...

ב יי ל ע : (דערגיסט אים דאס גלעזל). קיינמאל ניט!

ר ב א ל ט ע ר : אקעגן וואס, הייסט דאס, איז דאס געקומען צו רייד? יא, אקעגן דעם, וואס איר זאגט: מע הארעוועט... מע הארע־וועט איבערן כוח... אט, למשל, כאפט אן, צום בלייַשטיפט, א יונגע אל־מנה, ווי איר זייט... וואס? ווער? ווען? גארניט... דיזן, דאזן, דאס און יענץ... הערט איר? איך וואלט דאס אייך ניט געזאגט, נאר אונטער פיר אויגן זאג איך אייך... די מעשה פון דער געשיכטע איז אזוי. ביז וואנעט איז דער שיער, פרעג איך אייך, צו זיין בא יענעם?... ווידער־אמאל געקאכט וועטשערע, און אבעראמאל וועטשערע... צייט אמאל אליין אן א יי ג ע נ ע וועטשערע, אן אייגן שטיקל אויוון. דיזן, דאזן, דאס און יענץ... איר פארשטייט?

ב יי ל ע : יא, איר זייט אוודאי גערעכט, רב אלטער. אן אייגענע פאמוניצע איז אוודאי ליבער פון א פרעמדער שיסל. וואס קומט אבער ארויס? א וויסטע אלמנה. מה אנו, מה חיינו?

ר ב א ל ט ע ר : אם כן, איז וואס? אן אלמנה איז דען קיין מענטש ניט? פארקערט, אן אלמנה איז נאך, אדרבה, מער סחורה... מצד רחמנות... (מאכט מיט די הענט). מצד דיזן, דאזן, דאס און יענץ...

ב יי ל ע : ווייס איך וואס? ווער וועט זיך קוואפען אף מיר מיט סד־הכל צוויי הונדערט שמארדאווענצעס? ניט מער זאלן מיינע באלע־באטים פארמאגן, רבונו־של־עולם...

ר ב א ל ט ע ר : (בחורט זיך). ע, זאגט דאס ניט,ביילע לעבן!... וויאזוי מע וויל, לייענט מען דאס בריוול. צוויי הונדערט קארבן איז היינ־טיקע יאר; א קאפיטאל, און צו אזא קאפיטאל, ווען גאט שיקט אייך צו... כדומה למשל, א לייטישן יונגנמאן, א מענטשן אן ערלעכן, א מענטשן

מיט א געשעפטל אין דער האנט... א מענטשן, וואס פארשטייט איר מיך...
(מאכט מיט די הענט). דיזן, דאזן, דאס און יענץ...

ב יי ל ע : א שטייגער, כדומה למשל?...

ר ב א ל ט ע ר : (בהורט זיך). א שטייגער, כדומה למשל, איך זאל אייך אנכאפן, נאפשיקלאד, אזא מין מענטשל, וואס האט א געשעפטל. ניט קיין גרויס געשעפט, נאר אזוי, א פיגנס, א שטילס, א רויקס... וואס האנדלט מיט אזא מין סחורה, וואס מע גיט דאס אף פראקאט... אף איבערלייענען... נו, כדומה למשל, ביכער, ראמאנען... (מאכט מיט די הענט). דיזן, דאזן, דאס און יענץ...

ב יי ל ע : (פארטראכט, ווישט זיך די נאז מיטן ארבל פון אונטן ארויף). איר רעדט עפעס, רב אלטער, אזעלכע ווערטער... פארשטעלט... איך קען ניט פארשטיין... טרינקט, איך בעט אייך, קוקט ניט אף כבוד... מיר וועלן הארעווען, און זיי וועלן פרעסן און זויפן? עסן זאלן זיי ווערעם! (גיסט אים אן נאך א גלעזל).

ר ב א ל ט ע ר : לאז גאט היטן! וואס האב איך צו זיי? (נעמט דאס גלעזל). וואס איר זאגט, מע הארעוועט. דערויף זיינען מיר שוין געוווינט. וואס איז שייך? גאט האט אזוי באשאפן די וועלט, אז מיר דארפן הארעווען, פארשווארצט ווערן, און זיי דארפן לעבן א גוטן טאג, עסן און טרינקען, און דיזן, און דאזן, און דאס, און יענץ... פארדריסן פארדריסט נאר דאס, וואס ס'איז בא זיי ניט אנגעלייגט אונדזער הארעוואניע. למשל, אט נעמט א פערד, להבדיל, הארעוועט אויך איבערן כוח. זעט־זשע אבער, ווי מע קיכלט עס, מע גלעט עס, מע גיט דעם עסן, און טרינקען, און דיזן, און דאזן, און דאס, און יענץ...

ב יי ל ע : איר רעדט עפעס, רב אלטער, תמיד אזוי מאדנע... פארשטעלט...

ר ב א ל ט ע ר : ס'איז ניט מיינע ווערטער. דאס האב איך אויסגעלייענט פון א ביכל, פון די היינטיקע ביכלעך, וואס זיי גיבן ארויס, אט די ימח שמוניקעס, די צעצעליסטן...

ב יי ל ע : וואעס? וואס איז דאס פאר א מכה? א מכה זאל זיך זיי זעצן אפן שפיץ נאז!...

ר ב א ל ט ע ר : לאז גאט היטן! וואס האב איך צו זיי? פארשטייט איר מיך, די דאזיקע — דאס זיינען אזעלכע מענטשן, פארשטייט איר מיך, וואס קאטארי זיי נעמען זיך אן, אדרבה, די קריוודע פון די ארעמעלייט, פון די ארבעטער, פאר מיר, און פאר אייך, און פאר די אלע, וואס פלאגן זיך און מוטשען זיך אף דער וועלט...

ב יי ל ע : הערסטו! וואס־זשע שווייגט איר? לאזן מיינע באלע־באטים איינגעמען א מיתה משונה פאר זייער מינדסטן נאגל!

ר ב א ל ט ע ר : לאז גאט היטן! וואס האב איך צו זיי? (עס עפנט זיך די טיר, עס קומט אריין ח יי ם ד ע ר מ ש ר ת. ביילע טוט זיך א וואַרף צום אויוון. רב אלטער קוקט אריין אין א ביכל).

## דריטע סצענע

חיים: (דאַס קאַפּעלושל אַף אַ זײַט). אַ גוטער נאַוונט זאָל זיך אין אײַך אַרײַנכאַפּן, ביילעניו! וואָס מאַכט אַ ייִד, רב אַלטער? איר ווייסט? דאָס ביכל, וואָס איר האָט מיר געבראַכט, איז אַן אַנטיק פֿון אַ ביכל! איך האָב דאָס נאָר געגומען לייענען, בין איך אַנטשלאָפֿן געוואָרן זיצנדיק אַפֿן בענקל, ווי אַ געהרגעטער... (ער גיסט זיך אָן אַ גלעזל ווײַן). געניסט עפּעס, רב חיים, פֿאַרוואָס זאָלט איר ניט געניסן? אַזוי זאָגט מײַן מאַדאַם, בשעת זי איז מכבד אירע געסט מיט ווערעמיקע נימער... ווּ איז ערגעץ פֿראַדל? (ער וויל זיך אָנגיסן נאָך אַ גלעזל).

ביילע: (גיט אים איבער די הענט). אַוועק, דו משומד, ניט פֿון דײַנעטוועגן אַנגעגרייט!... דערצייל בעסער, וואָס ביסטו אַזוי אויסגעפּוצט? וואָס הערט זיך עפּעס באַ אײַך? וואָס מאַכן דײַנע באַלעבאַטים?

חיים: מיט די זײַטן זאָלן זיי אײַך מאַכן!... מע זיצט ביידע אינדערהיים, ווי די טײַבעלעך, און מע זידלט זיך און מע שילט זיך ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר... (ער שלעפּט פֿון קעשענקע ניסלעך, וואַרפֿט אין מויל אַרײַן און טוט אַ קנאַק אַלע מאָל מיט דער האַנט איבער דער מאָרדע פֿון אונטן אַרויף).

ביילע: וואָס איז די מעשׂה?

חיים: (קנאַקט ניסלעך). וואָס זאָל זײַן? גאָרניט. זי וויל קיין פּאַריז. זאָגט ער: קיין באַרלין. זאָגט זי: אין דער ערד. זאָגט ער: ביסט אַ בהמה. זאָגט זי: דו ביסט אַ בעל־עגלה. זאָגט ער: אַבי ניט קיין שנײַדער... אַפּנים, טראַכט איך מיר, זיי שטאַמען ביידע פֿון גרויסן יחוס, גלײַך מיט דעם יחוס פֿון זייער מחותן כינקים. איר ווייסט, רב אַלטער, כינקיסעס יחוס?

רב אַלטער: דהיינו, כדומה לשמל?

חיים: דהיינו, כדומה למשל, איין זיידן האָט ער געהאַט אַ פֿאָטאָגראַף — ער פֿלעגט אַראָפּנעמען גרעט פֿונעם בוידעם. און דער אַנדערער זיידע איז געווען גובערסקי רעוויזאָר איבער אַלע שענקן... אַ! מע זאָל דערמאָנען משיחן!...(עס קומט אַן פֿון שטוב פֿראַדל).

## פערטע סצענע

פֿראַדל: (זעט ניט חיימען. זינגט אַ לידל).
זיץ איך מיר אַף אַ שטיין,
עס נעמט מיך אָן אַ גרויס געוויין:
אַלע מיידלעך האָבן חתונה,
נאָר איך איינע זיץ אַליין!...

חיים: (ווישט זיך די אויגן כלומרשט). זייער טראַווערדיק!

פֿראַדל: (זעט אים ניט, זינגט און טאַנצט אונטער).

אוי־ווי, מאָרגנשטערן,
ווען וועל איך אַ כּלה ווערן?...

חיים: (פֿון דער ווײַטן).
שטיין שטיי איך, שטיי איך באַ דער טיר,
קוקן קוק איך מיט אייגעלעך אויף דיר.
האַרצעניו, ליובעניו, וואָס טוט זיך דאָ מיט דיר?
צײַט פֿון שבת אַז האָסט זיך נישט געזען מיט מיר!

פֿראַדל: (זעט אים ניט).
כּל־זמן איך בין אַ מיידל,
בין איך שיין און איידל,
און ווי באַלד איך ווער אַ ווײַבל,
ווער איך שוין אַן אָרעם טײַבל.
אוי־ווי, מאָרגנשטערן,
ווען וועל איך אַ כּלה ווערן?

חיים: (גייט איר אַקעגן מיט אויסגעשטרעקטע הענט). הנני! איך בין אָנגעברייט! איך בין גרייט אַפֿילו הײַנטיקן טאָג, נשמה מײַנע! דאָס בין איך טאַקע געקומען, איך זאָל מיט דיר אָפּריידן, מײַן טײַער פּאַנאַריקל, אָפּשטעלן דאָס קנס־מאָל... אַ גוטן נאָוונט דיר, פֿראַדל! וואָס מאַכסטו, האַרץ מײַנס, און ווי גייט דאָס דיר אין געזונט, מײַן ענגל און מײַן שאַץ, דער גײַסט פֿון מײַן נשמה, דאָס האַרץ פֿון מײַנע אויגן, ווי באַ רב אַלטערן אין די ביכלעך שטייט געשריבן...

פֿראַדל: וואָס איז? וואָס ביסטו אַזוי האָפּערדיק? קוקט אים אָן, ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסל אויסגעסטראָצלט, דער שיינער מחותּן! גוט יום־טוב ראש־חודש־קלעמעניש!... גייסט מן הסתּם פֿון צירק, אָדער געכאַפּט ערגעץ אַ קערטל?...

חיים: ווי דען איז אַנדערש, פֿייגעלע? אַ מענטש לעבט איין מאָל, ניט קיין צוויי מאָל, ווי מײַן רבי פֿלעגט זאָגן, אַז ער האָט ניט גע־האַט אויף שבת און די רביצן פֿלעגט אים באַגראָבן נײַן איילן אין דער ערד...

פֿראַדל: באַגראָבן זאָל מען דיך!

חיים: אָמן, אַלע ווײַבער! נאַרעלע, הײַנטיקס מאָל האָסטו דווקא ניט געטראָפֿן: אין צירק גיי איך ניט, און אין קאָרטן שפּיל איך ניט — ווייסטו פֿון ווען אָן?

פֿראַדל: פֿון ווען אָן?

חיים: פֿון אייערנעכטן אָן... איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט, איך זאָל ניט שפּילן מער! איבער צוויי זאַכן: ערשטנס, האָב איך ניט פֿאַר וואָס, און אַז מע האָט ניט קיין פֿינגער, זאָגט רב אַלטער, קאָן מען קיין פֿײַג ניט שטעלן. און והשנית, קלײַב איך איצט אַ גראָשן צו אַ גראָשן.

צוליב דער חתונה, נשמה מײַנע... מע זאָל זיך באַ מיר אויסציִען פֿאַר א גראָשן — גיב איך ניט! עס ווילט זיך ניט שטאַרבן אין פֿרעמדע תּכ־ריכים, ווי מײַן באָבע עליה השלום פֿלעגט זאָגן, בשעת מע האָט געבעטן באַ איר אַ נדבה...

פ ר אַ ד ל : וואָס־זשע טוסטו גאַנצע נעכט, אַז דו פּטרסט אָפּ אַלע אַרבעט אין שטוב?

ח יי ם : וואָס איך טו? איך פֿאַרנעם זיך מיט בילדונג, טײַערע! מיט בילדונג! אָט לייען איך איצט אַ ביכל, זיס ווי אײַנגעמאַכטס... רב אַלטער האָט דאָס מיר געבראַכט... אוי, אַ ביכל! (ער קושט די פֿינגער). כ'בין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפֿן, נאָר געלייענט, און געלייענט, און געלייענט — מחיה נפֿשות!

פ ר אַ ד ל : עס קער שוין זײַן דאָס גוטע ביכל, אַז ס'איז אַרײַן צו דיר אין די הענט אַרײַן... וואָס איז דאָס, אַ ראָמאַנס?

ח יי ם : נאָך אַ מין ראָמאַנס! אין זעקס טײלן, מיט אַ נעקראָלאָג.

ר ב אַ ל ט ע ר : עפּילאָג.

ח יי ם : מײן איך — עמפּילאָג.

פ ר אַ ד ל : וויאַזוי רופֿט זיך עס?

ח יי ם : (טוט זיך אַ פּאַטש אין שטערן). סע רופֿט זיך אַן מיט אַזאַ לאַנגן נאָמען, אַז ס'איז שווער צו געדענקען אויסווייניק... רב אַל־טער סערדצע! וויאַזוי הייסט עס באַ אײַך?

ר ב אַ ל ט ע ר : ווער?

ח יי ם : אָט אַ יענץ ביכל, וואָס איר האָט מיר געבראַכט אַנומלטן צו טראָגן?

ר ב אַ ל ט ע ר : אַ? דאָס ביכל, וואָס איך האָב דיר איבערגע־לאָזט? שוין איינמאָל אַ ביכל! אַנטיק שבאַנטיק! פּרימאַ! מע רײַסט דאָס באַ מיר פֿון די הענט! עס הייסט מיטן נאָמען: „דער ווילדער נעגער אין רויטן גאַרטל מיט צען אַנגעלאָדענע פּיסטאָלעטן און מיט זעקס פֿאַרשאָל־טענע דאַמען אין אויבנגעשטאַלט, אָדער דער רינג פֿון שלמה המלך, אַ העכסט־אינטערעסאַנטער ראָמאַן אין זעקס טײלן מיט אַן עפּילאָג און מיט אַ ליד צום געזאַנג, פֿאַרפֿאַסט פֿון יצחק שלמה עסיקטרײַבער אַף דעם אָרט פֿון שמ"ר".

ב יי ל ע | (אַ פֿליעסק מיט די הענט). אַ דונער האָט מיך ניט

פ ר אַ ד ל | דערשלאָגן! וואָס פֿאַר אַ לאַנגער נאָמען!

ח יי ם : שרעקט זיך ניט, ס'איז באַ זיי פֿאַראַן נאָך לענגערע, און אַלע עפּעס אַזעלכע מאָדנע כּפֿול־שמונהדיקע נעמען, צום בײַשפּיל: „דער געפֿאַנגענער קיניג באַם פֿאַרגליווערטן ים אין דער וויסטעניש, אָדער די צעשפּאָלטענע ליפּ"... „דער שוואַרצער ציגײַנער מיט די זילבערנע קנעפּ אין רײַטוואָגן, אָדער די גלעזערנע קאַטשעלקע אַף פּסח"... „די גע־שוואָלענע מויד פֿון איר אײַנציקן חתן, אָדער דער רויטער ממזר, פֿאַר־כאַפּט זאָל ער ווערן!"...

פ ר א ד ל ״ארבאַפּט מענטשו שוין ווערן פאַר אַלע ייִדן,
ב יי ל ע .בונו־של־עולם!

ח יי ם : אמן, אַלע ווײַבער! הקיצור, ס׳איז אַ ביכל, זאָג איך דיר, הערסטו. פּראַדל, די פינגער צו קושן!

פ ר א ד ל : וואָס־זשע באַשרײַבט זיך דאָרטן אין ביכל? ביסט מיט קראַנק צו דערציילן!

ח יי ם : דאָרטן באַשרײַבט זיך... ס׳איז שווער צו געדענקען אויף אויסווייניק... עפּעס ווי אַזוי אַ פײַנער בחור פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק...

ר ב א ל ט ע ר : אַכצן.

ח יי ם : ראָמאַנסירט מיט אַ מיידל פון אַ יאָר נײַנצן...

ר ב א ל ט ע ר : זיבעצן.

ח יי ם : אַ שיין מיידל, אַן עפּעלע, מיט חן־גריבעלעך אין די בעקלעך, אַ בלאָנדינקע מיט שוואַרצע האָר...

ר ב א ל ט ע ר : מיט בלאָנדע האָר.

ח יי ם : מיין איך, אַ בראָנעטקע מיט בלאָנדע האָר...

פ ר א ד ל : וויאַזוי הייסט זי?

ח יי ם : וויאַזוי הייסט זי? נאַרוואָס ארויסגעפלויגן פונעם קאָפּ... זי ליגט מיר אַפן צונג... וויאַזוי הייסט זי, רב אַלטער?

ר ב א ל ט ע ר : ווער?

ח יי ם : אָט יענע מיידל, וואָס בא מיר אין ביכל?

ר ב א ל ט ע ר : סעראַפימאַ.

ח יי ם : יאָ, יאָ, איך האָב טאַקע געוואָלט זאָגן אַזוי... עס באַשרײַבט זיך דאָרט, וויאַזוי דער בחור פאַרליבט זיך אינעם מיידל... דאָס מיידל פאַרליבט זיך אינעם בחור... דער בחור וויל חתונה האָבן פאַרן מיידל... דאָס מיידל וויל חתונה האָבן פאַרן בחור... ווילן זיי, הייסט עס, ביידע... טרעפט זיך איינמאָל אַ מעשה, דער בחור באַגעגנט זיך מיטן מיידל ערגעץ אין אַן אָרט — דאַכט זיך, אַז אין קיך?... אַ יאָ, רב אַלטער?

ר ב א ל ט ע ר : האָ? וואָס?

ח יי ם : ווו באַגעגנט ער זיך דאָרטן אין אײַער ביכל, יענער בחור מיט דער מויד? אַ יאָ, אין קיך?

ר ב א ל ט ע ר : אין פּאַריז אין די בעדער... באַם גראַף סאַליס אין פּאַלאַץ... אין אַ גאָרטן פון לימענעס מיט פּאָמעראַנצן...

ח יי ם : אַזוי גאָר? בקיצור, איז זיך מיישב ער, מײַן בחור הייסט דאָס, און איז נים פויל אויף דער פּען און כאַפּט זי אַרום אָט אַזוי! (וויל אַרומנעמען פּראַדלען).

פ ר א ד ל : אַוועק, דו שאַרלאַטאַן!...

ר ב א ל ט ע ר : נייז, חס ושלום, נים אַזוי... פריִער פאַלט ער איר צו די פיס...

ח יי ם : איך האָב דיר נאָר געוואָלט וויַיזן, וויַאזוי דער בחור נעמט אַרום דאָס מיידל דאָרט אין ביכל...

פ ר אַ ד ל : ווער די כפרה!... געקומען אָפּן גרייטן... גיי זע באַ לייַטן, ווי סע פירט זיך... אַט איז געקומען צו אונדזער באַרישני אַ חתן אַזש פון אַלדי שוואַרצע יאַר... פאַרשפּאַרט מיט איר אין איין חדר פון אינדערפרי אָן...

ח יי ם : פון אינדערפרי אָן? טאַטעניו! וואָס אַזוי לאַנג? וואָס טוען זיי דאָרטן, קעצעלע מייַנס?

פ ר אַ ד ל : איך זאָל אַזוי וויסן פון דיר! איין וואָרט האָב איך געכאַפּט, בשעת איך האָב זיי אַהין דערלאַנגט טיי...

ח יי ם : וואָס פאַר אַ וואָרט?

פ ר אַ ד ל : אַז איך וועל דיר זאָגן, וועסטו באַלד וויסן! „זשיוואָפּרי"...

ח יי ם : זשיוואָפּרי? אַהאַ, איך ווייס שוין! אויף אונדזער לשון איז דאָס אַלץ איינס, ווי מע זאָל זאָגן: „סע ברענט מיך אַ טרונק"... אַ יאָ, רב אַלטער, אַ טרונק?

ר ב אַ ל ט ע ר : (באַלעקט זיך). וואָס זאָגט איר, אַ טרונק? אַ ייִד איז ניט קיין טרינקער... מהכתיתי, אַ ייִד נעמט אַמאָל אַ ביסל בראָנפן...

ח יי ם : גוט מאָרגן, געליע, רעטעך טראָג איך! מע רעדט דאָ פון פּראָנצוזיש, קומט איר מיט אַ ביסל בראָנפן!... (עס הערט זיך אַ קול פון שטוב: „פּראַני, פּראַדל! וואָס קרעכצסטו דאָרט אין קיך, דו מויד?"...)

פ ר אַ ד ל : קרענקען זאָלט איר פאַר אַלע ייִדן!... איך גיי, איך גיי! זיי געפעלט אייַך, ווי זי קוויטשעט! איך וואַש דאָס געפעס! אַט גיי איך! גיין זאָל זי אויף קוליעס!...

ח יי ם : אָמן, אַלע ווייַבער! (פראַדל לויפט אַרויס פון קיך. עס לויפן אַריין מ י ש אַ און מ אַ ש אַ).

## פ י נ פ ט ע ס צ ע נ ע

מ י ש אַ און מ אַ ש אַ : (שלעפּן לעקעך פון די קעשענעס, קנאַקן ניסלעך, קוקן זיך אַרום אויף אַלע זייַטן). סמאַטרי, ביילע, זאָג ניט אויס, באַזשע סאָכראַני!...

ב יי ל ע : אַ מכה דער מאַמען! איר זייַט נעבעך הונגעריק, טייַ־בעלעך?... עסט געזונטערהייט, עסט, פייגעלעך!... וואָס הערט זיך עפּעס אין שטוב, קינדערלעך?

מ י ש אַ און מ אַ ש אַ : גאָרניט... דער פּאַפּאַ און די מאַמאַ שפּילן אין קאָרטן... דער דיאַדיאַ קושט די שוועסטער... יעי באָגו...

ח יי ם : טאַקע? אָנו, וויַיזט, וויַאזוי קושט ער זי, קעצעלעך?

מ י ש א און מ א ש א : וואָס קאָס! (זיי קושן זיך אין די פּיסקלעך און לאַכן).

ח יי ם : (פּאַטשט זיי אין די פּלייצעס). בראַוואָ! בראַוואָ! מאַ־לאַדצי רעביאַטאַ! אָט וואָס הייסט גוט דערצויגן קינדער! איר זאָלט זײַן ערלעכע קינדער, וואָלט איר אָוועקגעלקחנט פונעם טיש עפּעס גוטע זאַכן פון אונדזערטוועגן: טאָרט, ניסלעך, עפּל, באַרן, מאַראַנצן, אײַנגעמאַכטס... נישקשה, קיינער וועט ניט וויסן... צווישן דער משפּחה וועט דאָס בלײַבן... (מישאַ און מאַשאַ לאָזן זיך גיין. פראַדל קומט אַן מיט אַ גראַפין נאָד וואַסער).

### זעקסטע סצענע

פ ר א ד ל : ברענען זאָלן זיי אָפּן פײַער!...

ח יי ם : אָמן, אַלע ווײַבער!

פ ר א ד ל : דאָ האָט זי געשרײַען „מויד״, און דאָרט, פאַר פּרעמ־דע מענטשן, איז זי זיס, ווי צוקערקעלעך. „ברענג, זאָגט זי, דושעטשקע, אַ גלאָז וואַסער פאַר דער מאַדאַם לאַקשנקוגל״...

ב יי ל ע : וואָס מאַכן עפּעס חתן־כּלה?

פ ר א ד ל : קיין גוטס זאָלן זיי אײַך ניט האָבן.

ח יי ם : אָמן, אַלע ווײַבער!

פ ר א ד ל : די שיינע כּלה האָט מורא, טאָמער טוט אַ קוק אויף מיר דער חתן, האַלט זי אים פאַרשפּאַרט... נישקשה, ער וועט פון איר האָבן אַ וויסטן סוף. ס'איז אַ ווויל כּלהכן. זי וועט אים, אם ירצה השם, אויסדראַפּען די אויגן...

ח יי ם : אַ מצווה, לאָז זיך אים ניט גלוסטן, ווי מײַן עלטערע שוועסטער פלעגט זאָגן, בשעת איך האָב מיך געוואָרגן מיט אַ ביינדל... אפּנים, עס וועט זײַן טאַקע הײַנט אַ מזל־טוב?... אסים, רב אַלטער, באמת געגנאַסן! טוט אים אַ צי, ביילע, באַם לינקן אויער און זאָגט „לישועתך קויתי״...

ר ב א ל ט ע ר : (האָט ביז אַהער געכאַפּט אַ דרעמל, געפײַפט מיט דער נאָז. כאַפּט זיך אויף). אַ דאַנק! למאי זאָלט איר זיך מטריח זײַן? איך בין אַ ווינציקער טרינקער... אַ ייִד טרינקט ניט... אַ ייִד איז גאָר קיין טרינקער ניט... די צי־צי־ציוניסטן זײַנען זייער גערעכט... זיי זאָגן, אַז אַ ייִד... אַ ייִד ליגט אין דער ערד, נײַן איילן אין דער ערד... אַ ייִד איז נעבעך ת־תמיד פאַרשמאַכט, פאַריאָמערט... (ער זינגט מיט אַן אומעטיקן קול).

פאַריאָמערט, פאַרקלאָגט,
פון זײַנעם פאַריאָגט...

ח יי ם : אַהאַ! רב אַלטער איז דאָך טאַקע רעכט אונטערן גלעזל, כ'לעבן! בגילופין!... געמאַכט, אפּנים, אַ רעכטע כוסה?...

ב ײ ל ע: ניט מײַן זאָלסטו עסן, װיפֿל זײ האָבן געטרונקען!
ח ײ ם: אָמן, אַלע װײַבער!... װײסט איר װאָס, רב אַלטער? אַז איר זינגט שױן יאָ, טאָ זינגט אונדז עפּעס אַ לידל פֿון די לידלעך! איר זײַט דאָך אַ ייִד, װאָס קאַטאַרי, איר האַנדלט מיט ביכלעך און מיט לידלעך.
ר ב  אַ ל ט ע ר: װעסט מיר העלפֿן? איר װעט מיר העלפֿן? װעל איך אײַך זינגען אַ לידל, װאָס איז טאַקע אײַנגעמאַסטן אױף מיר אַלײן.
אַ ל ע  ד ר ײַ: אַך! מהכתיתי, מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן! (גרייטן זיך צו אים מיטהעלפֿן).

ר ב  אַ ל ט ע ר: (זינגט).

צען ברידער זײַנען מיר געװע־ע־זן,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט װײַן;
אײנער איז פֿון אונדז געשטאָרבן,
זײַנען מיר געבליבן נײַן.
אױ, שמערל מיטן פֿי־דל,
בערל מיטן באַס!
שפּילט־זשע מיר אַ לי־דל
אױפֿן מיטן גאַס!

אַ ל ע  א י נ א י נ ע ם:

אױ, שמערל מיטן פֿי־דל,
בערל מיטן באַס!
שפּילט־זשע מיר אַ לי־דל
אױפֿן מיטן גאַס!

ר ב  אַ ל ט ע ר:

נײַן ברידער זײַנען מיר געװע־ע־זן,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט פֿראַכט;
אײנער איז פֿון אונדז געשטאָרבן,
זײַנען מיר געבליבן אַכט.

אַ ל ע:

אױ, שמערל מיטן פֿי־דל,
בערל מיטן באַס!
שפּילט־זשע מיר אַ לי־דל
אױפֿן מיטן גאַס!

ר ב  אַ ל ט ע ר:

אַכט ברידער זײַנען מיר געװע־ע־זן,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט ריבן;
אײנער איז פֿון אונדז געשטאָרבן,
זײַנען מיר געבליבן זיבן.

אלע:

אוי, שמערל מיטן פידל,
בערל מיטן באַס!
שפּילט־זשע מיר אַ לידל
אויפן מיטן גאַס!

רבּ אַלטער:

זיבן ברידער זײַנען מיר געווע־ע־זן,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט געבעקס;
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
זײַנען מיר געבליבן זעקס.

אלע:

אוי, שמערל מיטן פידל,
בערל מיטן באַס!
שפּילט־זשע מיר אַ לידל
אויפן מיטן גאַס!

רבּ אַלטער:

זעקס ברידער זײַנען מיר געווע־ע־זן,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט שטרימפּ;
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
זײַנען מיר געבליבן פינף.

אלע:

אוי, שמערל מיטן פידל,
בערל מיטן באַס!
שפּילט־זשע מיר אַ לידל
אויפן מיטן גאַס!

רבּ אַלטער:

פינף ברידער זײַנען מיר געווע־ע־זן,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט ביר;
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
זײַנען מיר געבליבן פיר.

אלע:

אוי, שמערל מיטן פידל,
בערל מיטן באַס!
שפּילט־זשע מיר אַ לידל
אויפן מיטן גאַס!

רבּ אַלטער:

פיר ברידער זײַנען מיר געווע־ע־זן,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט בלײַ;

איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
זײַנען מיר געבליבן דרײַ.

אַלע:

אוי, שמערל מיטן פידל,
בערל מיטן באַס!
שפּילט־זשע מיר אַ לידל
אויפן מיטן גאַס!

רב אַלטער:

דרײַ ברידער זײַנען מיר געווע־ע־עזן,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט טיי;
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
זײַנען מיר געבליבן צוויי.

אַלע:

אוי, שמערל מיטן פידל,
בערל מיטן באַס!
שפּילט־זשע מיר אַ לידל
אויפן מיטן גאַס!

רב אַלטער:

צוויי ברידער זײַנען מיר געווע־ע־עזן,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט ביינער;
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
בין איך געבליבן איינער.

אַלע:

אוי, שמערל מיטן פידל,
בערל מיטן באַס!
שפּילט־זשע מיר אַ לידל
אויפן מיטן גאַס!

חיים: (אַליין).

איין ברודער זײַנען מיר געווע־ע־עזן,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט ספרים;
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
האָבן מיר געטרונקען אַ גלעזל משקה... (גיסט).
אוי, שמערל...

אַלע: אַ שיינער גראַם!

חיים: ווען מיר נעמען צו ביסלעך משקה איז אַ גראַם. לחיים, רב אַלטער! לאָמיר זײַן געזונט!

רב אַלטער: (טרינקט). לאָמיר טאַקע זײַן געזונט! (עס לויפן אַרײַן מישאַ און מאַשאַ און מיט פולע קעשענעס).

## זיבעטע סצענע

מישא און מאשא: גיי, פראַדל, די מאַמע רופט! (פראַדל כאַפּט דעם גראָפּין מיט וואַסער און לויפט אין שטוב אַריין).

חיים: אנו, ווייזט, וואָס האָט איר געבראַכט?

מישא און מאשא: (ליידיקן אויס די קעשענעס). איז־וואַלטיע וואָס עפּל, גרושי, אַפּעלסינעס. לאַווקאַ סטאַשטשילי, יעי באָגו...

חיים: (קושט די קינדער). בראַוואָ! בראַוואָ! מאַלאַדצי רעביאַ־טאַ! אַט וואָס הייסט גוטע קינדער, גערעטענע, צו גאָט און צו לייט! אַט וואָס הייסט פון קינדווייז אויף גוט געלערנט!... (ער גיסט אָן רב אַל־טערן אַ גלעזל וויין און זיך אויך). טרינקט, רב אַלטער, און פאַרבייסט. לאָז אייך ווויל באַקומען, ווי אין דער הייליקער הגדה שטייט געשריבן. טרינקט און עסט, רב אַלטער, מע וועט במילא שטאַרבן, ווי מיינער אַ באַקאַנטער בעל־עגלה פלעגט זאָגן, אַז מע האָט דערלאַנגט צום טיש אַ שיסל קאַרטאָפלעס און סע האָט געזעצט אַ פּאַרע, ווי אין באָד.

רב אלטער: האָ? און אפשר זייט איר גערעכט. לאָמיר טאַקע נעמען צו קאַפּלעך... לחיים, לחיים. גאָט זאָל געבן, ייִדן זאָלן זיין ייִדן. וואָרעם אַ ייִד איז גאָר אַן אַנדער מין באַשעפעניש... אַ ייִד טרינקט ניט קיין בראָנפן, פע!... אַ ייִד טרינקט וויין... אַלעמאָל וויין... סע קומט פּסח צום סדר, טרינקט ער וויין... און וויפל ער זאָל ניט טרינקען, איז ער תמיד ניכטער.. (פריילעך). קיינמאָל ניט שיכור!... אַ יאָ, חיימונקעלע? קיינמאָל ניט ש־שיכור!...

חיים: חס וחלילה! וואָס הייסט, אַ ייִד גאָר וועט זיין שיכור?... ד'ערפאַר דאַרף מען טאַקע נעמען נאָכאַמאָל צו קאַפּלעך. (ער גיסט אָן נאָכאַמאָל, קושט זיך מיט רב אַלטערן, נעמט די קינדער און גייט מיט זיי אַ טענצל).

רב אלטער: (פּליעסקעט צו און זינגט).

וואָס מיר זיינען זיינען מיר,
אָבער ייִדן זיינען מיר.
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער אתרוג בענטשן מיר!

וואָס מיר זיינען זיינען מיר,
אָבער ייִדן זיינען מיר.
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער גמרא לערנען מיר!

וואָס מיר זיינען זיינען מיר,
אָבער ייִדן זיינען מיר.

וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער דאַווענען דאַווענען מיר!

וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר,
אָבער ייִדן זײַנען מיר.
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער זמירות זינגען מיר!

וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר,
אָבער ייִדן זײַנען מיר.
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער כּפּרות שלאָגן מיר!

וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר,
אָבער ייִדן זײַנען מיר.
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער שבת מאַכן מיר!

(עס קומט אָן פראַדל און בלײַבט דערשטוינט).

## אַ כ ט ע ס צ ע נ ע

פ ר אַ ד ל : (פאַלט אָן אַף חײמען). צי דו ביסט משוגע? צי דו ביסט חסר־דעה?... פּלוצעם אינמיטן דרינען טאַנצן?... (צו די קינדער). גייט, די מאַמע רופט אײַך. איר וועט שוין דאָרטן האָבן פאַר די מאַ־ראַנצן!...(די קינדער גייען אַוועק). און איך אויך, רב אַלטער?... פע, שעמען מעגט איר זיך. אַזאַ ייִד, קיין עין־הרע!

ר ב אַ ל ט ע ר : (פּלאָנטעט מיט דער צונג). אַ ייִד?... אַ ייִד איז ניט קיין גוי... אַ ייִד זאָל טאַקע זײַן תמיד געזונט און מאריך ימים ונשים זײַן. וואָרעם אַ ייִד, וויפל ער זאָל ניט טרינקען, איז ער קיינמאָל ניט ש־שיכור... (גיסט אָן אַ כוסה).

פ ר אַ ד ל : וואָס סע האָט זיך מיר געחלומט הײַנטיקע נאַכט און יענע נאַכט און אַ גאַנץ יאָר!... דאָרט אין שטוב איז אַ מזל־טוב, דערי־בער באַדאַרפן זיי דאָ זשליאָקען ווײַן!... ביילע!

ב יי ל ע : זיי האָבן גאָר אַזויפיל ניט געטרונקען. זע נאָר! גענו־מען צו די ליפּן...

ח יי ם : גענומען צו די ליפּן און טאַקע באַלד אַראָפּגעשלונגען... הערט־זשע אויס, רב אַלטער. אַז מיר האָבן יאָ דערלעבט אַ מזל־טוב, טאָ לאָמיר טאַקע נעמען צו ביסלעך ווײַן און טרינקען לחיים פאַר אונדז אַליין און פאַר אונדזערע אייגענע כלות, און לאָמיר זיך צעווינטשן איינס דאָס

אנדערע, סע זאָל זײַן מיט מזל. מזל־טוב דיר, פֿראַדל, מײַן טײַערע כּלה, מײַן ליכטיקער שטערן, מײַן קרוין, מײַן שפּילפֿײגעלע! גיב מיר אַהער דײַן זיס הענטל און זאָג מיר צו, אַז דו וועסט מיר זײַן געטריי!... (וויל די אָרומנעמען).

פֿראַדל: (שטופּט אים אָפּ). אַלע בייזע ווייסטע חלומות! אַפּנים, דו ביסט שיכּור?...

חיים: חס וחלילה! ווי קומט אַ ייִד זײַן שיכּור? וואָס זאָגט איר, רב אַלטער? קאָן אַ ייִד זײַן שיכּור?

רב אַלטער: (שמייכלט און באַלעקט זיך). אַ ייִד איז קיין־קיינמאָל ניט ש־שיכּור! אַ ייִד איז אַ ייִד, און דיזן, דאַזן, דאָס און יענץ...

חיים: (וויל אַרומנעמען פֿראַדלען). אפֿשר געפֿעלט דיר ניט, קאַנאַריקל, דער יחוס, וואָס איך בין אַ משרת?... נאַרעלע, משרתים פֿירן הײַנט דאָס גאַנצע רעדל... קאָרג פֿאַראַן בײַ אונדז באַלעבאַטים, וואָס זײַנען געוועזן אַמאָל משרתים? און מײַן באַלעבאָס אַליין, זאָל דיר צו קיין חרפּה ניט זײַן, איז ניט געוועזן קיין משרת?... אַ ביסל גנבֿה, אַ ביסל הצלחה — חוץ זײַן שאַדן אַף מיר געזאָגט געוואָרן אין צען יאָר אַרום!... צי, אַ שטייגער, למשל, נעם דײַן מאַדאַם — ניט געוועזן פֿרײַער אַן אַם?... הײַנט דאָקטערט זי זיך שוין און פֿאָרט אין די בעדער אַרײַן... נאַרעלע, וועסט, אם ירצה השם, אויך זײַן אַ מאַדאַם אַמאָל, וועסטו זיך אויך, מיט גאָטס הילף, דאָקטערן. זײַ זיכער...

פֿראַדל: (שטויסט אים אָפּ). בײַס זיך אָפּ די צונג!...

חיים: אָמן, אַלע ווײַבער! פֿאָלג מיך, קעצעלע מײַנס, לאָמיר ברעכן טעלער. מזל־טוב!... ביילע! רב אַלטער! זאָגט אונדז מזל־טוב! (שלעפּט אַרויס פֿון קעשענע אַ גאָלדענע קייט און טוט אַן פֿראַדלען אָפּן האַלדז). אַזוי ווי דו ביסט איצטערט מײַן כּלה, שענק איך דיר אַ מתּנה כּ׳לינט בײַ מיר אָנגעגרייט שוין פֿון צוויי וואָכן. (ער נעמט אַרום פֿראַדלען און טוט זי אַ קוש. זי שטופּט אים כּלומרשט אָפּ).

ביילע: מזל־טוב דיר, פֿראַדל, פֿאַרנוץ געזונט! וואָס זאָגט איר דערויף, רב אַלטער? (זי ווײַזט אים אָף פֿראַדלס מתּנה).

רב אַלטער: וואָס זאָל איך זאָגן? איך זאָג, אַז אַ ייִד... אַ ייִד זאָל מאריך ימים ושנים זײַן... אַ ייִד עסט און טרינקט — און גאָר... גאָרניט... שאַ, שטיל... פֿיש־פֿיש־פֿישטשעט ווי אַ פֿייגעלע... דיזן, דאַזן, דאָס און יענץ... (ער שטייט אויף און פֿאַלט פֿון די פֿיס). אַ ייִד, אַפֿילו אַז ער טרינקט, איז ער ת־תמיד ניכטער... פֿלאָנטעט ניט מיט דער צונג... פֿאַלט ניט פֿון די פֿיס... גייט גלײַך, ווי אַ סטרונקעלע... טוט זיך ניט אַ בייג ניט אַהער... ניט אַהין... איז בײַ אַלע געדאַנקען... וואָרעם אַ ייִד... וויפֿל ער זאָל ניט טרינקען קיין ווײַן, איז ער קיי־קיינמאָל ניט, אָבער טאָ־קע קיינמאָל ניט ש־ש־ש... אוי, אַ ייִד האָט אַ פֿינצטער מזל... זיי זײַנען געוועכם, די צי־צי־ציוניסטן, אַז דאָס פֿאָלק... אַז אַ ייִד איז ת־תמיד אין

דער ערד... ת־תמיד פאַראומערט, פאַרחושכט, פאַרוואַגלט... (זינגט אונ־טער דער נאָז).

פאַריאַ־וואַ־מערט, פאַר־קלאַ־וואַ־אַגט,
פון זאַ־וואַי־נעם פאַר־יאַ־וואַ־אַגט,
פון גאַ־וואַט דאָס פאַר־שאַלטענע קינד... (אויסגעצויגן).
אוי־אוי־אוי־אוי!
אוי־אוי־אוי־אוי!

ח יי ם : (נעמט רב אַלטערן פאַר אַ האַנט). וואָס טויג אײַך, רב אַלטער, זײַן „פאַריאַ־וואָמערט און פאַרקלאַ־וואָגט"? לאָזן בעסער אונ־דזערע שונאים יאָמערן און קלאָגן אַף זייערע קעפּ! איר פאָלגט מיך, רב אַלטער, גיסט אײַך בעסער אָן אַ פרישע כוסה און טרינקט לחיים צו אײַער ביילען... לאָז זײַן אין אַ גוטער שעה אַ מזלדיקער, איר זאָלט זיך מיט איר עלטערן אין עושר און אין כבוד... איך ווייס דאָך, אַז איר פאַרקעוועט אַרום איר שוין פון אַ האַלב יאָר... אַ וועלט שלאָפט ניט... וואָס מאַכט איר אָנשטעלן, ביילע, וואָס ברעקלט איר זיך? לאָס איך האָבן אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ זיווג דאָס איז, ווי מײַן רביצן פלעגט זאָגן אַף איר שכן, בשעת ער פלעגט זיך צעפּאַטשן מיט זײַן פלוניתטע... אַ זיווג — זאָג איך אײַך!

ר ב  אַ ל ט ע ר : אַ זיווג מן השמים... לחיים, לחיים! (עס קומען אָן ווידער די קינדער מיט פולע קעשענעס, קנאַקן ניסלעך).

ח יי ם : גיט־זשע איר, רב אַלטער, די האַנט, און לאָז זײַן מיט גליק. פון דאַנען אין אַן אייגענער שטוב, ווי לייבושל־גנב האָט געזאָגט. בשעת מען האָט אים דאָס ערשטע מאָל געבראַכט צו פירן אין אָסטראָג... און לאָמיר זײַן געזונט! (ער גיסט אַרײַן מיט גוואַלד פראַדלען אַ ביסל ווײַן אין מויל אַרײַן. רב אַלטער גיט ביילען פון זײַן גלעזל). רב אַלטער! זינגט עפּעס אַ לידל פון אײַערע לידלעך, נאָר אַ רעכטס, ס'זאָל לאַפּטשען!

ר ב  אַ ל ט ע ר : (נעמט אָף דער אויבערשטער אַקטאַווע).

אָב איז אַ פאָטער,
קדר איז אַ טאָטער,
אַ טאָטער איז אַ קדר,
בגדים זײַנען קליידער,
קליידער זײַנען בגדים,
זייד איז ניט קיין פאָדעם...

ח יי ם : (שלאָגט אים איבער, זינגט אַליין).

פאָדעם איז ניט זייד,
שיכור זאָלט איר זײַן ווי לוט,
ווי לוט זאָלט איר זײַן שיכור,
אין מויל זאָל אײַך ווערן ביטער,
ביטער זאָל אײַך ווערן אין מויל,

שיסן זאָל איך אַ קויל,
אַ קויל זאָל איך אויסשיסן...

פ ר אַ ד ל : געשאָסן זאָלסטו ווערן פון גאָט!

ח יי ם : אָמן, אַלע ווײַבער!... ווייסט איר־זשע גאָר וואָס, רב אַל־טער? זינגט אונדז דאָס פּריִעריקע לידל: „וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר!” און לאָמיר זיך נעמען פאַר די הענט אַלע און לאָמיר גיין אַ האָפּקעלע. (אַלע נעמען זיך פאַר די הענט און מע גייט אַ טענצל).

ר ב אַ ל ט ע ר :

וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר,
אָבער ייִדן זײַנען מיר!

ח יי ם : (צוזאַמען מיט רב אַלטערן).
אָבער משרתים זײַנען מיר!

ר ב אַ ל ט ע ר :

וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער ציצית טראָגן מיר!

ח יי ם : (צוזאַמען מיט רב אַלטערן).
אָבער משקה טרינקען מיר!

ר ב אַ ל ט ע ר :

וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר,
אָבער ייִדן זײַנען מיר!

ח יי ם : (צוזאַמען מיט רב אַלטערן).
אָבער שיכורים זײַנען מיר!

ר ב אַ ל ט ע ר :

וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער תפילין לייגן מיר!

ח יי ם : (צוזאַמען מיט רב אַלטערן). אָבער טאַנצן טאַנצן מיר! (שרײַט). לעבעדיק, רב אַלטער! פּולקעס! שטאַרקער, שטאַרקער! קינדער! פּיסלעך, קינדער!... (ער צעברעכט אַ טעלער. אַלע שרײַען „מזל־טוב! מזל־טוב! מזל־טוב!” פּלוצעם עפנט זיך די שטוב־טיר און עס באַווײַזט זיך פריִער דער מאַדאַמס נאָז, נאָכדעם די מ אַ ד אַ ם אַליין).

## נ ײַ נ ט ע ס צ ע נ ע

מ אַ ד אַ ם : (אַ פּליעסק מיט די הענט). אַ ווײַסטער, אַ פּינצטע־רער, אַ ריינער, אַן אומגליקלעכער, אַ שוואַרצער, אַ שלים־מזלדיקער מזל־טוב אַף אײַערע קעפּ און אַף אײַערע הענט און פיס און לײַב און לעבן!...

אַזאַ הולטײַקע, אַזאַ פּאַרשיווע יידענע, אַזאַ סמאַרקאַטע מויד! וואָן פון מײַן שטוב! (צו רב אַלטערן). און אַט דער שלעפּער וואָס טוט דאָ?

ר ב אַ ל ט ע ר : (אָנגעדרודלט, פּלאָנטעט מיט דער צונג). ש־ש־שלעפּער, זאָגט איר? ווי קומט אַ ייִד צו זײַן אַ שלעפּער? אַ ייִד איז קיי־קיי־קיינמאָל ניט קיין שלעפּער! קיי־קיינמאָל ניט... און וואָס איר טרײַבט מענטשן פון ש־ש־שטוב — מהכתיתי, טרײַבט, טרײַבט. נאָר אַז עוולה איז דאָס פון אײַך... ווייסט איר, פאַרוואָ־וואָ־וואָס? ס'איז הײַנט אַנדערע יאָרן גאָר... ניט דאָס, וואָ־וואָס אַמאָל... איר זאָלט זען בײַ מיר אין די ביכלעך... די צעצעליסטן זאָגן... אַ קלאָג צו אײַער קאָפּ! דיזן, דאָזן, דאָס און יענץ...

מ אַ ד אַ ם : (צו חײמען). און דו, שאַרלאַטאַן, וואָס טוסטו דאָ? וואָן פון דאַנען!

ח יי ם : (גאַנץ עלעגאַנט). אַ דאַנק פאַר אַ קאָמפּלימענט! (די מאַדאַם לאָזט זיך צו אים מיט ביידע הענט, וויל צונעמען די קינדער. חײם נעמט זי פאַר אַ האַנט, טוט אַ ווונק צום איבעריקן עולם, און מע כאַפּט זי אַרײַן אין רעדל אַרײַן און מע גייט מיט איר אַ טענצל. די מאַדאַם רײַסט זיך מיט אַלע כוחות, נאָר ס'איז אומזיסט: מע לאָזט זי ניט אַרויס פון קאָן). רב אַלטער! וואָס שווײַגט איר? זאָגט עפּעס אַ גוט וואָרט!

ר ב אַ ל ט ע ר : (אויפגעלעבט, זינגט).

ס'איז הײַנט אַ נײַע וועלט,
מע קוקט ניט אויף קיין געלט,
קיין גרויס, קיין קליין,
קיין מיאוס, קיין שיין,
קיין אָרעם און קיין רײַך —
אַלע זײַנען גלײַך!...

אַ ל ע : (זינגען און טאַנצן).

קיין גרויס, קיין קליין,
קיין מיאוס, קיין שיין,
קיין אָרעם און קיין רײַך —
אַלע זײַנען גלײַך!
אַלע זײַנען גלײַך!...

[די מאַדאַם רײַסט זיך פון זייערע הענט און שילט, נאָר מע הערט ניט איר קול. עס עפנט זיך די טיר און עס קוקט אַרײַן דערשראָקן אין קיך אַרײַן דער גאַנצער עולם: הערן און דאַמען, און חתן־כלה אויך בתוכם. אייניקע מיט קאָרטן אין די הענט. מע בלײַבט שטיין אַ ווײַלע פאַרגליווערט, איטלעכער אין אַן אַנדער פּאָזע. — לאַנגזאַם פאַלט דער פאָרהאַנג.]

געשריבן אין יאָר 1899.

# פארביטן די יוצרות

א פרײלעכס אין אײן אקט

די פארשױנען:

צביה־קײלע, א קעכן אין א רײַך הױז. א יונגע אלמנה.
מאשע, א שטוב־מײדל.
איציק, א משרת מיט א פאטלע האר. טראגט א גאלדענעם סיגנעט.
קאפל, א דינער אין אן אפטײק.
קלמן דלות, א שוסטער, אן אלטער בחור.
מאשקע, א נגידס א בחורל.
קלארא
אנא
צװײ נגידישע פרײלנס.
דער נגיד, אן אױפגעקומענער אריסטאקראט.
די נגידית, א מאדאם אין א געלן פאריק.

[אַ גרויסע קיך אין אַ רײַך הויז. — אויסגעהאַנגען אַ סך געפעס. אַף די ווענט — אילוסטראַציעס פון צײַטונגען און זשורנאַלן, אַ שפּיגל מיט אַ געשטיקט האַנטעכל, אַ פּאָר יאַפּאַנישע פעכער, קליידלעך, קאַפּטלעך. בײַ דער זײַט אַ גרינגער קאַסטן, אַ בעטל מיט אַ סך קישנס. — צוויי טירן: איינע אַרויף אין שטוב אַרײַן, מיט עטלעכע טרעפּלעך; די אַנדערע, אַ הינטערטיר, אין דרויסן אַרויס. — צ ב י ה ־ ק יי ל ע שטייט בײַם אויוון מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, קאָכט וועטשערע.]

צ ב י ה ־ ק יי ל ע : (בראָקט אַ ציבעלע, זינגט אַ לידל).

אוי, וווּ זײַט איר, יונגע יאָוואָרן?
זאָגט, וווּ זײַט איר אַהינגעקיווועמען?
צי מיטן פײַער פאַרברענט געוואָוואָרן?
צי מיטן וואַסער אַוועקגעשוויוועמען?...

אַז אַך און אַז ווײ איז צו זייערע קעפּ, אַז צביה־קיילע נעבעך באַדאַרף זײַן בײַ זיי אַ דינסט, און בײַ די יונגע יאָרן, און נאָך אין אַזאַ שטוב מיט אַזעלכע קינדער, גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד!...(נעמט אַראָפּ אין אַ באַזונדער טעפּל פון אַלע מאכלים צו ביסלעך). אַ שטוב!... אַ קרעטשמע!... איטלעכער פרעסט אין אַן אַנדער צײַט... האַלט פאַר זיי אַ גאַנצן טאָג דעם אויוון, האַלטן זאָל זיי באַם בויך!... און ווער שמועסט, אַז דער באַלעבאָס איז ניטאָ אינדערהיים... (גיסט אָפּ אין טעפּל אַרײַן, טרייסלט אָפּ די הענט,ווישט זיך מיטן פאַרטעך). עי־עי־עי־עי! ווי לאַנג בין איך אַליין געווען בײַ זיך אַ באַלעבאָסטע, בײַ מײַן טיש מיט מײַן מאַן עליו־שלום... (זינגט).

יאָרן יונגע!
יאָרן גרינגע!
וואָס זײַט איר אַזוי גיך אַוועק?
עס זעט אײַך ניט קיין
איי־איי־אייגל,
עס יאָגט אײַך ניט קיין
פיי־איי־אייגל —
אַוועק, אַוועק, גאָר אַן אַן עק!...

(עס הערט זיך אַ קלאַפּן אין דער הינטערטיר). ווער קלאַפּט דאָס דאָרטן? מיט קאָפּ אַן וואַנט!... (פאַרכאַפּט זיך). אוי, ווײ איז מיר, אַוודאי רב קלמן?... (לאָזט זיך צו דער טיר). אַ טײַערער ייִד דאָס איז, אַט דער קלמן דלות! האָט נעבעך ניט קיין גליק, אַזוי ווי איך... און עלנט, אַזוי ווי איך... עפנט די טיר. עס קומט אַרײַן פון דרויסן ק ל מ ן ד ע ר

שוסטער, א ייד פון א יאר עטלעכע און דרייסיק מיט א שווארץ בערדל, טראגט א צוגעלעגערט קאפעלושל, מיט א קורטיקער מאנישקע, מיט צו קורצע הויזן).

קלמן דלות: א גוטן אוונט אייך, צביה־קיילע! וואס מאכט איר גוטס? געגאנגען פארביי, געזען עס לייכט זיך בא אייך, טראכט איך מיר: לאמיך ארייַנגיין אף א ווייַלעטשקע זיך אפרוען. מע זיצט באם ווארשטעק, ווערט מען פארזעסן, צו אלדי גוטע יאר... (כאפט א קוק אין אויוון). נאך זייַט איר באם אויוון? אזוי שפעט!

צביה־קיילע: (טראגט אים צו א בענקל). זיצט, רב קלמן!... שפעט, זאגט איר? דא, אין דער שטוב, מוז מען א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט שטיין באם אויוון, שטיין זאלן זיי אין געהאקטע ווגנדן! א שטוב איז דאס? א קרעטשמע!... און ווער שמועסט, אז דער באלע־באס איז ניטא אינדערהיים!...

קלמן דלות: אזוי? איז ער ניטא גאר אינדערהיים? ווו איז ער דען?

צביה־קיילע: ווייס זיי דער שווארצער יאר!... אפשר וועט איר טרינקען א גלעזל טיי? אדער גאר עפעס צובייַסן? (טראגט אים אונ־טער פונעם קלייִנעם טעפעלע).

קלמן דלות: (רוקט זיך צו צום טעפעלע). א דאנק, למאי זאלט איר זיך מטריח זייַן?

צביה־קיילע: פארט ער נאר ארויס פון דער היים, אזוי קערט מען איבער די שטוב מיטן קאפ אראפ... אלעמאל, ווען ער פארט אוועק, מוז זיך עפעס טרעפן אן אומגליק... אט איז געווען בא אונדז נעכטן אן „אביסקע”. פאליציע, זשאנדארן און סאלדאטן זייַנען אריבער־געפאלן, איבערגעקערט די שטוב און צוגענומען אונדזער וואלאדקען אין קאטשומענט ארייַן. מסתמא האט איר געהערט שוין?... אפשר וועט איר נעמען פריִער א ביסל קאניאק? נישקשה, זיי האבן גענוג... (גיסט אים אן א גלעזל).

קלמן דלות: א דאנק, צו וואס זאלט איר זיך מטריח זייַן? איר ווייסט דאך, אז איך בין ניט קיין טרינקער... לחיים! לאז גאט געבן... (טרינקט אויס). או! א הארב גלעזל משקה!... אזוי, אזוי? האט מען דעם בחור, הייסט עס, ארייַנגעפאקט? א ווויל בחורל וואלאדקע! ווייסט איר ניט, פאר וואסערע מעשים טובים?

צביה־קיילע: ווייס זיי דער שווארצער יאר! צעצעליסטן!... למאי אט איז דער עלטערער זייערע, פעטיע, גאר פארפאלן געווארן... (רוקט אים צו א טעפעלע מיט א לעפל).

קלמן דלות: (קוקט ארייַן אין טעפל). צו וואס זאלט איר זיך מטריח זייַן?... אזוי, אזוי? פארפאלן געווארן? (עסט גאנץ אפעטיט־לעך). ווערליק איך בין אן עסער...

צביה־קיילע: (גיסט אים אונטער זופ). ווי אין דער ערד

אריין! ס'איז אַפּילו באַ אים ניט דאָס ערשטע מאָל. איך זאָל האָבן די בּתכות, וויפל מאָל עס מאַכט זיך, ער קומט אַהיים שוין מיטן טאָג גלייך, האָט מורא פאַרן באַלעבאָס, קלאַפּט ער צו מיר, איך זאָל אים אַריינלאָזן דורך דער קיכטיר... זאָלט איר זען דעמאָלט אַ פּנים באַ אים, ווי אַף צו־להכעיס: די אויגן רויט, די האָר צעקאָשמעט, קוים וואָס ער האַלט זיך אַף די פיס.. אפשר וועט איר נעמען, רב קלמן, אַ גלעזל ווישניק? ניש־קשה, ס'איז באַ זיי דאָ גענוג!... (גיסט אים אָן).

קלמן דלות: אַ דאַנק, למאי זאָלט איר זיך מטריח זיין? (פּאַרזוכט). אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע! ווי־זשע, למשל, קאָן ער זיין, אַט דער פּעטיע איי־ערער?

צביה־קיילע: דער רוח וויים די ביינער זייערע!... אַ רחמנות, הערט איר, איז נאָר אַף איר, אַף דער באַלעבאָסטע גבעה. וואָס זי צעוויינט! וואָס זי צעיאָמערט!... אפשר וועט איר נעמען נאָך אַ גלעזל? (גיסט אים אָן). טרינקט, ס'איז גוטער ווישניק, בעסער פונעם בעסטן ווייַן...

קלמן דלות: אַ דאַנק, למאי זאָלט איר זיך מטריח זיין?... ווערליק איך בין אַ טרינקער... (טרינקט). ווייסט איר, וואָס איך וועל אייַך דערציילן, צביה־קיילע? אַז די וועלט זאָגט אַ ווערטל: די קאַפּאָטע פאַרזעצן און אַ נגיד זאָל מען זיין, איז ניט אומזיסט.

צביה־קיילע: אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד?

קלמן דלות: אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט ווישניק... איך בין דערגאַנגען מיט מיין שכל, אַז אַ נגיד איז טויזנט מאָל בעסער צו זיין ווי איידער אַ קבצן, כאָטש אַפילו קאַרל מאַרקס זאָגט, אַז קאַפּיטאַל איז סם־המוות...

צביה־קיילע: ווער איז דער מאַרקס? (גיסט אים אונטער). טרינקט, רב קלמן, נאָך אַ קאָפּ!

קלמן דלות: דאָס איז דער גרעסטער פון... פון... אַ דאַנק, למאי זאָלט איר זיך מטריח זיין? ווערליק איך בין אַ טרינקער...(טרינקט). קאַרל מאַרקס איז דער וואָס נעמט זיך אָן אונדזער קריוודע. ער איז פאַר אונדז בעלי־מלאכות, שטאָל און אייזן. אַ קליינינקייט פּראָ... פּראָל... פּראָ־לעטאַריאַט — קוים אויסגערעדט!...

צביה־קיילע: וואָס הייסט דאָס פּראָ... פּראָ... טפו! איך קאָן עס גאָרניט אַרויסריידן! (דערגיסט אים דאָס גלעזל).

קלמן דלות: אַ דאַנק, למאי זאָלט איר זיך מטריח זיין? ווערליק איך בין אַ טרינקער... (טרינקט און פּלאָנטעט מיט דער צונג). זאָגט מיר נאָך: פּראָ... פּראָ... טע... פּראָלע... פּראָט — טפו! לאָז דאָס גיין אין דער ערד! זאָגט מיר בעסער, צביה־קיילע סערדצע, וואָס איך וויל אייַך פרעגן: אַ שטייגער, כדומה למשל, ס'זאָל זיך אייַך מאַכן אַ פּראָל... פּראָלעטאַריאַט, מיין איך אַ גלייַכער שידוך... אַ שטייגער, כדומה, אַ בעל־מלאכה, אַ חברה־מאַן, פון די, וועלכע קאַטאָרע,

איר פאַרשטייט?... וואָס טרינקט ניט... סײַדן אַמאָל, אַז עס מאַכט זיך... איר פאַרשטייט? מען איז דאָך ניט מער ווי אַ לעבעדיקער מענטש... און דאָס איבעריק דאַרפט איר שוין אַליין פאַרשטיין...

צ ב י ה ־ ק יי ל ע : (ברעקלט זיך, דרייט דעם שפּיץ פאַרטעך). אַז איר רעדט אַזוי פאַרשטעלט... (רוקט אים אונטער אַ ביסל אײַנגע־מאַכטס). פאַרבײַסט, רב קלמן, פאַרוואָס פאַרבײַסט איר ניט?

ק ל מ ן ד ל ו ת : אַ דאַנק, למאי זאָלט איר זיך מטריח זײַן? ווערליק איך בין אַ טרינקער... (עסט). ווילט איר, איך זאָל אײַך זאָגן אַפּנטלעך? (עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר פון דרויסן).

צ ב י ה ־ ק יי ל ע : ווער מען טראָגט דאָס שוין דער רוח? (זי רוימט אויף געשווינט פונעם טיש, פאַרגעסט דאָס פלעשל ווישניק, גייט צו דער טיר. קלמן דלות שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ ביכל, פאַרטיפט זיך בלומרשט). ווער איז דאָרטן?

אַ ק ו ל פ ו ן י ע נ ע ר ז ײַ ט ט י ר : ס'איז איך!

צ ב י ה ־ ק יי ל ע : ווער איז געווען דער איך?

ד אָ ס ק ו ל פ ו ן י ע נ ע ר ז ײַ ט ט י ר : אַ מענטש, ניט קיין רוח!

צ ב י ה ־ ק יי ל ע : ס'איז דו, איציקל?

ד אָ ס ק ו ל פ ו ן י ע נ ע ר ז ײַ ט ט י ר : וואָס עפּעס איציקל? וואָס האָט איר מיך פאַרצויגן אַף אַ שטריקל? איציק איז ניט איציקל. גיכערט, עפנט אויף, אין דרויסן איז ניט געהייצט...

צ ב י ה ־ ק יי ל ע : ברענען זאָלסטו אַפן פײַער, משומד איינער! (עפנט אויף מיט כעס די טיר, און עס קומט אַרײַן א י צ י ק ד ע ר מ ש ו ר ת, אַ יונג מיט אַ סיגנעט און מיט אַ קייט, טראָגט אַף זיך אַ פרעמדן פּידזשאַק, וואָס הענגט אַף אים ברייטלעך־לעפּעשעוואַטע, אַ רויטן שניפּס, געלע שיך, ווײַסע האַנטשועו).

א י צ י ק : (טוט אויס די האַנטשועו, ברייט). אַ גוטנאָוונט אײַך, צביה-קיילע! אַ גוטנאָוונט אײַך, רב קלמן! אַ גוטער נאָוונט זאָל זיך אַרײַנכאַפּן אין אײַך ביידן! ס'איז באַ אײַך דאָ וואַרעם ווי אין אַ באָד, קיין עין-הרע, ריין און ציכטיק, ווי באַ מײַן מאַמען פלעגט צו זײַן ערב פסח, בשעת דער טאַטע האָט נאָך אַרומגעטיאָפּקעט מיטן פעדל איבער דער בלאָטע (גייט צו צום טישל, גיסט זיך אָן אַ גלעזל ווישניק). געניסט, רב יצחק! ווי מײַן באַלעבאָסטע-לעבן זאָגט צו אירע געסט, בשעת זי איז זיי מכבד מיט ווערעמיקע ניסלעך. (טרינקט). ווו איז ערגעץ מאַשענקע?

צ ב י ה ־ ק יי ל ע : (רײַסט אַרויס באַ אים דאָס גלעזל). אָוועק, משומד, ניט אַף דײַן מיסט געוואַקסן!... וואָס באַדאַרפסטו מאַשען? און וואָס ביסטו אַזוי אויסגעפּוצט? און וואָס הערט זיך עפּעס באַ אײַך? וואָס מאַכן דײַנע באַלעבאַטים?

א י צ י ק : מיט די זײַטן לאָזן זיי אײַך מאַכן! מיוחסים! האָבן

זיך אײַנגעשמועסט, אַז נאָר זײ זײַנען לײַט, און אַלע איבעריקע זײַנען גאַנרישט מיט גאַרנישט... (צום שוסטער). וואָס לייענט איר, רב קלמן?...

קלמן דלות: וואָס איך לייען? וועגן קאַרל מאַרק און וועגן קאַפּיטאַל...

איציק: וואָסער מאַרק? און וועמענס קאַפּיטאַל? וואָסערע לאָקשן? און וואָסערע פּלוימען?

קלמן דלות: וועגן מאַרקס מעטאָדע, וויאַזוי צו קאַפּיטאַ־ ליזירן דעם פּראָ... פּראָט... פּראָלעטאַריאַט; אָדער וויאַזוי צו פּראָ... פּראָ־ לעטאַריזירן די קאַפּיטאַליזאַציע...

איציק: און איר פאַרשטייט, וואָס איר לייענט? און איר האָט נאָך אַלע ציין אין מויל?

צביה־קײלע: האָבן זאָלסטו קדחת, רבונו־של־עולם! אַ שפּראַך פון אַ מענטשן! (עס קומט אָן פון אויבן מאַשע מיט אַ פּעקל וועש, דערזעט איציקן).

איציק: אַ גוטנאָוונט דיר, נשמה מײַנע! דו זאָלסט ניט זײַן אַזוי אָנגעלאָדן מיט העמדער און מיט אונטערהויזן, וואָלטן מײַנע בלאָ־ סע ליפּן זיך באַהעפט מיט דײַנע רויטע באַקן, ווי בײַ רב קלמנען אין ביכל שטייט געשריבן...

מאַשע: אין דער ערד מיטן קאָפּ! נאַ דיר אַזאַ שלים־מזל! וואָס האָסטו זיך אַזוי אויסגעפּוצט, ווי צו דער פּגירה?

צביה־קײלע: יאָ, נו, עפּעס איז ער מיר הײַנט צו יום־ טובדיק!

איציק: וואָס דען? אַ מענטש לעבט איין מאָל, ניט קיין צוויי מאָל, ווי מײַן טאַטע פלעגט זאָגן, אַז ער האָט ניט געהאַט אַף שבת און די מאַמע האָט אים באַגראָבן... זאָג נאָר, מאַשוטקע, וואָס מאַכט עפּעס מײַן יונגן באַלעבאָס כלהכן?

מאַשע: דײַן טאַטנס עסק?

איציק: מסתמא אַז איך פרעג, איז ניט אומזיסט, ווי מײַן שוועסטער האָט אַמאָל געזאָגט, בשעת איך האָב געכאַפּט אַ פּאַטש נאָך אומגעריכט... איך האָב צו איר אַ בריוול פון מײַן יונגן באַלעבאָס. ער איז דאָס אין איר פאַרליבט אַ ביסל, נאָך מער ווי איך אין דיר... (וויל אַ גלעט טאָן מאַשען).

מאַשע: (גיט אים איבער די הענט). פּאַוואָליע מיט די הענט, דו שאַרלאַטאַן!

איציק: (צו קלמנען). אָט אַזוי, ווי איר זעט, האָבן מיר קיין גליק נישט, ניט איך, ניט מײַן באַלעבאָס... מיר זײַנען מיט זיי אדרבה ואדרבה, און זיי זײַנען מיט אונדז קידער־ווידער... מײַן אָראַנטשיק וויל זי, גייט אויס חתונה האָבן, און זי זאָגט — זי האָט נאָך צײַט, ווי מײַ־ נער אַ באַקאַנטער זאָגט, אַז דער שנײַדער קומט צו אים מאָנען פאַר געניי און ער האָט אַ מכה ניט קיין געלט...

מ א ש ע : איך האָב מורא, אַז דײַן באַקאַנטער — דאָס ביסטו אַליין...

א י צ י ק : און איך האָב מורא, אַז איר דרייט דער וועלט אַ קאָפּ. איר דרייט אַזוי לאַנג, ביז איר פאַרדרייט אײַ זיך, אײַ יענעם...

מ א ש ע : אָבער דיר האָט נאָך לעת־עתה קיינער ניט פאַרדרייט קיין קאָפּ?

א י צ י ק : ביז אַהער — געלויבט דער אייבערשטער, אַ חוץ דיר...

מ א ש ע : לעבן זאָלסטו אַזוי!

א י צ י ק : אָמן, גם אתם!

צ ב י ה ־ ק יי ל ע : טאָמער וואָלט געווען גענוג צו שאַרפֿן די צינגלעך? זאָג בעסער, וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט טאָקע אויף דער רעכ־טער אמת?

א י צ י ק : אויף דער רעכטער אמת זאָג איך דאָך אײַך, אַז איך האָב געבראַכט אַ בריוול פֿון מײַן יונגן באַלעבאָס צו אײַער אַניוטקע, און געבעטן האָט ער מיך, איך זאָל אים ברענגען תשובה. (שלעפּט אַרויס דאָס בריוול פֿון דער אונטערשטער קעשענע). ער האָט מיר אָנגעזאָגט, למען־השם, איך זאָל דאָס בריוול ניט ווײַזן קיינעם, אָפּגעבן גלײַך צו איר אין די הענט אַרײַן... נאָר וואָס דען? מיר וועלן דאָס פֿרײַער פּאַוואָלינקע אויפֿעפֿענען, אַ קוק טאָן אומיסטן, וואָס שרײַבט ער דאָרטן? (צו צביה־קיילען). געפֿינט זיך ניט בײַ אײַך אַ ביסל הייס וואַסער און אַ שאָלעכל פֿון אַן איי, וועלן מיר דאָס מאַכן ווי עס געהער צו זײַן... ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל בײַ מיר, ווי מײַן פֿעטער האָט געזאָגט, בשעת מע האָט אים אײַנגעזעצט אין הד־גדיא... (צביה־קיילע גיט אים אַ טעלער מיט הייס וואַסער און אַ שאָלעכל פֿון אַן איי. ער באַנעצט דאָס בריוול פֿון דער אַנדערער זײַט). ס'איז בײַ מיר, פֿאַרשטייט איר, אַזאַ חולאַת — איך האָב ליב אַלצדינג וויסן, איך שטאַרב אַוועק!

מ א ש ע : דו שטאַרבסט אַוועק? איך וועל זאָגן נאָך דיר קדיש. (קוקט, ווי איציק עפֿנט דעם קאָנווערט).

צ ב י ה ־ ק יי ל ע : אַ בעלנות צו עפֿענען פֿרעמדע בריוו! אַנו, וואָס שטייט דאָרטן?

א י צ י ק : (ציט אַרויס דאָס בריוול). איך זע, איר זײַט אַלע זייער גײַציק צו הערן נײַס... דער חסרון, וואָס מײַן יונגער באַלעבאָס שרײַבט צו איר אויף רוסיש. און מיר האָט דער דאָקטער אָנגעזאָגט טויזנט מאָל, אַז „שעות" קאָן מיר שאַטן צו די אויגן... לאָז אַן אַנדערער שוין לייענען, ווי מײַן ברודער האָט געזאָגט, בשעת מע האָט אים אויפֿגערופֿן צו מפטיר צו זײַן בר־מצווה... רב קלמן, איר ווילט פֿאַרדינען עולם־הבא? נאָט לייענט זיי דאָס בריוול, נאָר פּאַוואָליע ניט געכאַפּט, וואָרט בײַ וואָרט, ס'איז ניט קיין הייסע לאָקשן, ווי מײַן מאַמע פֿלעגט מיר זאָגן בשעת בענטשן און טאָקע אין אײַנוועגס שענקען אַ פּאָר פּעטש אויך, גלאַט

אזוי זיך, פון היימלעכקייט ווענן... נו, רב קלמן, רירט זיך, טוט אָן די בריל און לאָמיר הערן די מגילה...

קלמן דלות: (טוט אָן די ברילן, לייענט). „ליבע טײַערע אַנאַ! איך בין ניט אימשטאַנד אַרויסצוזאָגן, ווי ווײַט איך בין געקרענקט פון דעם, וואָס איך קאָן צו אײַך אין שטוב ניט קומען און פּערזענלעך מיט אײַך זיך זען! פון זינט מע האָט צוגענומען אײַער וואָלאָדיען אין טורמע, לאָזט מען מיך ניט אַרויס פון שטוב, מע היט מיר די טריט, ממש איך בין פּריװאַלאַז, איך בין אַרעסטירט, איך בין אין תּפיסה... טײַערע, טײַערע אַנאַ! איך בעט אײַך, פאַרט ניט קיין זשענעווע! בלײַבט דאָ, לאָז איבערגיין אַ קליינע צײַט, מײַנע עלטערן וועלן זען, אַז איר פאָרט ניט, וועט זיי איבערגיין דער קאַפּריז, און זיי וועלן אײַנוויליקן צו אונדזער שידוך, און דעמאָלט — אַ! דעמאָלט, נאָך דער חתונה, וועלן מיר זײַן פרײַ צו טאָן וואָס מיר ווילן! מיר וועלן דעמאָלט ביידע קאָנען פאָרן קיין זשענעווע"...

צביה־קײלע: ווּהין קלײַבן זיי זיך עס פאָרן, אַ מכּה זיי?

מאַשע: איר הערט דאָך, אַז קיין זשענעווע.

צביה־קײלע: וווּ איז דאָס? ווײַט פון דאַנען?

מאַשע: דאָס דאַרף זײַן אין קאַרלסבאַד מסתּמא. אַלע זומער פאָרן זיי קיין קאַרלסבאַד.

איציק: (צו מאַשען). אַזוי זאָגסטו? קאַרלסבאַד! וווּ איז קאַרלסבאַד? וואָס איז קאַרלסבאַד? מיט וואָס עסט מען קאַרלסבאַד?

מאַשע: וואָס זאָגט איר אַף זײַן טאַטן? אַזויפיל, ווי דו ווייסט, וויים איך נאָך געוויס, און אפשר נאָך אַ ביסל מער!

איציק: אַ נײַע ווייסערן געוואָרן! דו ווייסט מער פון אַ טויטן! ווּ האָסטו זיך אָנגעהערט אַזעלכע זאַכן? בײַ דײַנע באַלעבאַטים אפשר? ווער זײַט איר? שוין לאַנג זײַט איר געשטאַנען מיט פיש אין מאַרק? געקומען אַהער קיין אָדעס, געוואָרן גאַנצע סטיקראַטן, און האָבן חשק זיך משדך זײַן מיט אונדז, מיט די פינקלשטיינס!

מאַשע: אײַ־אײַ־אײַ! אַ גליק! פינקלשטיינס! וואָס איז מיט אײַך דער יחוס אַזוי גרויס?

איציק: ע, ביסטו דאָך טאַקע אַ ציג, און אפשר טאַקע אַ גאַנצע בהמה, אַז דו פרעגסט גאָר אַזעלכעס!... מיר שטאַמען אַרויס — דו ווייסט פון וועמען? אַזש פון דעם גרויסן, גרויסן... תּרח! האָסט געהערט אַמאָל דעם נאָמען תּרח?

מאַשע: באַגראָב דיך מיט אים אין איין גריבל!

איציק: בתנאַי, אַז דו זאָלסט זײַן אַ דריטע...

צביה־קײלע: עס וועט זײַן אַמאָל אַ סוף, צי ניין? (צו קלמנען). לייענט, רב קלמן, וואָס הערט איר זיי?

קלמן דלות: (לייענט ווײַטער). „טײַערע אַנאַ! איך וויים, אַז ס'איז פאַר אײַך שווער דאָ צו זײַן. איך וויים, אַז איר האָט צרות

ניט אזוי פון די עלטערן, ווי פון דער שטוב, און איבערהויפּט פון די צוויי שיינע לײַט, דער שאַרלאַטאַן פּעטיע און די פּוסטע קלאַרא. אַנאַ! איך בין זיך מודה — איך בין צו שוואַך, איך האָב קיין העלדנמוט ניט, אָבער אַ האַרץ האָב איך, אַ נשמה — און די ביידע, דאָס האַרץ און די נשמה, געהערן צו אײַך, צו אײַך, טײַערע אַנאַ!... אַלזאָ, נאָכאַמאָל: איך בעט אײַך, פּאַרט ניט קיין זשענעווע! האָט אַ ביסעלע געדולד, וועלן מיר נאָך דער חתונה ביידע פּאָרן בעסער קיין מאָנטעקאַרלאָ, אָדער גאָר קיין פּאַריז!... האָט רחמנות אויף אײַער אומגליקלעכן אַראָנטשיק פינקלשטיין".

אַ י צ י ק : (ווישט זיך די אויגן). נו? קאָן דאָס ניט נעמען קיין שטיין? (צו מאָשען). איר זעט דאָך ווערט, אַלע מיידלעך, מע זאָל אײַך אויפהענגען איינציקווײַז אויף איין שנירעלע, דערפאַר וואָס באַ אײַך איז ניט קיין האַרץ, נאָר אַ קנויל ביינעלעך, ווי מײַן זיידע פלעגט זאָגן צו דער באָבע, בשעת זי האָט ניט געוואָלט, ער זאָל שמעקן טאַבעקע...

מ אָ ש ע : ווער שוין געהאַנגען בעסער אַליין!

אַ י צ י ק : אָמן גם אתם... (עס הערט זיך אַ קלאַפּן אין דער הינטערטיר).

צ ב י ה ־ ק יי ל ע : (הויך). ווער איז?

אַ ק ו ל פ ו ן י ע נ ע ר ז ײַ ט ט י ר : ס'איז איך!

צ ב י ה ־ ק יי ל ע : אַ נײַעם איך האָט געבראַכט דער רוח!...

(עפנט אויף די טיר. עס קומט אַרײַן ק אַ פּ ל פ ו ן ד ע ר אַ פּ ט יי ק, אַ טרוקענער נפש מיט אַ געשאָרן גרוי בערדל, דאָס אונטערשטע האַלבע פּנים העכער פונעם אייבערשטן אַרויסגעשטעלט. רעדט מאָנאָטאָנע, ווי ברוגז).

אַ י צ י ק : ברוך הבא, אַ ייִד רב קאַפּל פלעשלוואַסער, דעם גרויסן פלעשלוואַסערס אַן אייניקל! וואָס טוט אי ר דאָ?

ק אַ פּ ל : (קוקט ניט אויף איציקן, רעדט צו די דינסטן ברוגז). מײַן פּרינציפּאַל הער שלײַען האָט מיר געהייסן אַוועקוואַרפן אַלע געשעפטן מיט אַלע מלאכות און מיט אַלע פלעשלעך, און אָנגזאָגט, איך זאָל די רגע מיך דורכגיין צו קאַלאַראַדאַ מיראַנאַוונאַ...

אַ י צ י ק : ווער איז די חיה?

מ אַ ש ע : דאָס מיינט ער אונדזער קלאַרען. (צו קאַפּלען). אויף וואָס דאַרפט איר זי?

ק אַ פּ ל : אויף כפּרות... מײַן פּרינציפּאַל הער שלײַען האָט מיך געזאָגט, איך זאָל די רגע אָפּטראָגן צו איר אַ בריוול...

אַ י צ י ק : אַ בריוול? גיט אַהער! דאָ עפנט מען בריוולעך...

ק אַ פּ ל : זינט איך לעב, זינט איך שטיי אויף מײַנע פיס! וואָס הייסט, דאָ עפנט מען בריוולעך? ווער עפנט? צו וואָס עפנט מען זיי?

אַ י צ י ק : וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט, פאַרשטאָפּטער מוח? די בריוו, איידער מע גיט זיי איבער אַרויף אין שטוב אַרײַן, ווערן פריִער דורכגעלייענט אָט דאָ אין קיך... האָט איר שוין צעקײַעט, צי נאָך ניט?

(צו קלמן דלות). רב קלמן, זײַט־זשע מוחל, טוט אָן צוריק די ברילן. (צו קאַפּלען). פּרא־אָדם! וואָס זײַט איר געבליבן שטיין, גלײַך ווי אײַער פּרינציפּאַל וואָלט אײַך דערלאַנגען מיט אַ פּלעשל אין האַלדז־און־נאַקן? גיט שוין אַהער דאָס בריוול, וועלן מיר דאָס עפֿענען, איבערלייענען און צוריק פֿאַרחתמענען מיט אַ ווײַסכן פֿון אַן איי, שוין אײַנאײַנעם מיט מײַן פּרינציפּאַלס בריוול. איר קאָנט זיך אָפּ מיר פֿאַרלאָזן, איך בין אָפּ די זאַכן אַ רעכטער בעל־מלאכה, ווי מײַן רבי פֿלעגט זאָגן, בשעת ער האָט געהאַלטן בײַ אויפֿשנײַדן אַ קאַווען...

ק אַ פּ ל : (קנייטשט מיט די פּלייצעס). זײַנט איך לעב, זײַנט איך שטיי אָפּ מײַנע פֿיס... מײַן פּרינציפּאַל האָט שלײַען האָט מיר אָנגעזאָגט למען־השם, איך זאָל מיך ניט דערוועגן איבערגעבן דאָס בריוול דורך קיין אַנדערן, נאָר גלײַך צו קאַלאַראַדאַ מיראַנאַוונאַ אין די הענט אַרײַן, וואָרעם ס'איז, פֿאַרשטייט איר מיך, אַ סוד...

א י צ י ק : וואָס זאָגט איר צו זײַן קאָפּ? אַדרבה, ווײַל ס'איז אַ סוד, באַדאַרף מען זען איז וואָס באַשטייט ער, אַ ניט — וואָס דאַרפֿן מיר דאָס, וועלכע שוואַרצע יאָר?... נו, מאַכט נאָר ניט קיין שהיות, רב פֿלעשלוואַסער, גיט אַהער דאָס בריוול, די נאַכט שטייט ניט!...

ק אַ פּ ל : (קנייטשט מיט די פּלייצעס). נגנו! זײַנט איך לעב, זײַנט איך שטיי אָפּ מײַנע פֿיס, האָט זיך מיר אַזעלכעס ניט געחלומט אַפֿילו!... (טראָגט צו איציקן דאָס בריוול).

א י צ י ק : (עפֿנט אויף דעם קאָנווערט פֿון דער לינקער זײַט. ציט אַרויס דאָס בריוול. באַטראַכט דאָס פּריעוו פֿון אַלע זײַטן, גיט דאָס איבער צו קלמנען). נו, רב קלמן, שנײַדט ווײַטער, ווי מײַן טאַטע פֿלעגט זאָגן, בשעת ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט איין טעלער און געהייסן געבן זיך נאָכאַמאָל...

ק ל מ ן ד ל ו ת : (טוט אָן די ברילן, לייענט). „מײַן טײַער טײַבעלע, נשמה מײַנע, קלאַרא מיראַנאָוונאַ! איך בין אײַך מודיע, אַז בײַ מיר איז שוין אַלץ פֿאַרטיק צו דער רײַזע, איך האָב שוין אַלע פּאַפּירן גרייט, איך האָב שוין אַפֿילו אַ פֿור אויך באַשטעלט. דאָס שטעטל איז ניט ווײַט פֿון דאַנען. איך האָב דאָרטן אַ באַקאַנטן, אויך אַ פֿאַרמאַצעווט, שרײַבט ער מיר, אַז פֿאַר איין פֿינפֿאונצוואַנציקער וועט אונדז דער דאָרטיקער רב געבן חופּה וקידושין... פֿאַרגעסט נאָר ניט מיטנעמען מיט זיך אײַער גם מיט אײַערע מעטריקעס... אַך, ווי גליקלעך איך בין, אַז איך דערמאָן זיך, אַז ניט מער ווי אין פֿיר און צוואַנציק שעה אַרום באַפֿרײַ איך אײַך, מײַן טײַער טײַבעלע, פֿון געפֿענקעניש, און איר וועט ניט דאַרפֿן אָנקוקן מער די נמאסדיקע פּנימער פֿון אײַערע דעספּאָטישע עלטערן און פֿון אײַערע מטורפֿדיקע ברידערלעך, און איבערהויפּט — פֿון אײַער געשאָרענער שוועסטער אַניוטאַ, וועלכע איך האָב פֿײַנט גלײַך אַזוי ווי איר, מעגט איר מיר גלייבן אָפּ מײַנע הייליקע נאמנות!... זײַט גרייט צו דער באַשטימטער שעה, טײַערע נשמה, מײַן שיינע, גוטע, ער־

לעבע, געטרייַע קלאַראַ מיראַנאָוונאַ! פֿון מיר אײַער איבערגעגעבנסטער קנעכט, וואָס קושט אײַך הינטער די אויגן צען טויזנט מאָל, אַקים לוואָוויטש שליַיען".

א י צ י ק : בראַוואָ! יענער שרייַט גוואַלד: גיט פּאַרן, דער האַלט דווקא בּאַ פּאַרן — דול און משוגע קאָן מען פֿון זיי ווערן! אַצינד דאַרף מען זיך נעמען צוריק פֿאַרחתמענען די בריוולעך... (ער נעמט זיך צום וויַיסכן פֿונעם איי, טראַגט צו ביידע בריוולעך מיט די קאָנווערטן צו קלמנען). אַנו, רב קלמן, זייַט־זשע מוחל, וועלכער איז צו אַנען און וועלכער איז צו קלאַרען, אָדער צו קאַלאַראַדען? עס קאָן דאָ חלילה אַרויס אַ מיאוסער טעות... (קלמן באַווייַזט אים. ער לייגט אַרייַן די בריוולעך אין די קאָנווערטן, באַשמירט מיטן וויַיסכן פֿון איי, גיט איבער מאַשען). נאַ, מאַשוטעטשקע, נשמהניו, גיי טראָג זיי אָפּ די בריוולעך, לאָזן זיי זיך קוויקן...

מ א ש ע : וואָס פֿאַר אַ מאַשוטעטשקע בין איך דיר, ברענען זאָלסטו? (גייט אָפּ מיט די בריוולעך).

א י צ י ק : (צו מאַשען). אָמן גם אתם!... (צו צביה־קיילען). אַצינד גיט אַהער, מומעניו, נאָך אַ פּאָר גלעזלעך, וועלן מיר פֿאַרזוכן דעם ווישניק אײַערן, וואָס פֿאַר אַ טעם ער האָט, און טאַקע אין אייַנוועגס טרינקען לחיים, וואָרעם מע דאַרף סיי־ווי־סיי שטאַרבן, ווי מיַינער אַ באַקאַנטער שנייַדער האָט געזאָגט, בשעת ער האָט דערזען, אַז מע גיט צום טיש אַ פֿולע שיסל מיט הייסע לאַטקעס... טרינקט, רב קלמן!

ק ל מ ן ד ל ו ת : (אויפֿגעלעבט). אַ ייִד טרינקט דען? ווען טרינקט אַ ייִד? אַ ייִד טרינקט איין מאָל אין אַ שמיטה... לחיים, לאָז גאָט געבן, מע זאָל זיַין ייִדן, וואָרעם איך גיי מיר מיט מיַין גאַנג... איך זאָג, אַז אַ ייִד איז גאָר אַן אַנדער זאַך! אַ ייִד איז ניט קיין גוי... אַ גוי איז אַ גוי, און אַ ייִד איז אַ ייִד... דיזן, דאָזן — איר פֿאַרשטייט, צי ניין?...

א י צ י ק : זעט איר, דאָס איז שוין אַן אויפֿטו! דאָס איז אַ שכל! אַ גוי איז אַ גוי, און אַ ייִד איז אַ ייִד. מער מע לעבט, מער עסט מען... צוליב דעם אַליין מוז מען איבערסוויניאַטשען דעם פּסוק נאָכאַמאָל. (גיסט אָן. אַלע דריַי טרינקען). איך האָב מיך דערמאָנט אַ לידל. איר דאַרפֿט עס קענען, רב קלמן, עס זינגט זיך אַזוי. איך וועל זינגען, און איר וועט מיר אונטערהעלפֿן. (צו קאַפּלען). און איר, פּלעשלוואָסער, מעגט אויך אונטערהאַלטן. (זינגט).

גיים אַ גוי אין שענק אַריַין,
אין שענק אַריַין,
אין שענק אַריַין.
טרינקט זיך אויס זיַין פֿעסל ווייַן,
זיַין פֿעסל וויַין,
זיַין פֿעסל וויַין.

אלעדרײַ:

אוי, אוי אוי!
שיכור איז א גוי!
שיכור איז ער,
טרינקען מוז ער,
ווײַל ער איז א גוי!
שיכור איז א גוי!
שיכור איז ער,
טרינקען מוז ער,
ווײַל ער איז א גוי!

איציק:

נעמט א ייִד א גלעזעלע ווײַן,
א גלעזעלע ווײַן,
א גלעזעלע ווײַן.
שילט ער באַלד אין טאַטן אַרײַן,
אין טאַטן אַרײַן,
אין טאַטן אַרײַן.
אוי, אוי, אוי!
שיכור איז א גוי...

(עס קומט אַן פון אויבן סאַשקע מיט א הינטל אין דער האַנט, גייט אונטער שטיל צו צביה־קיילען, טראָגט איר אונטער דאָס הינטל צום האַלדז).

צביה־קיילע: (טוט א שפּרינג אָפּ). פאַרכאַפּט זאָלסטו ווערן, דו וועווריק אײנער, מיט דײַן הונט, די כּפּרה זאָלסטו זײַן מיט אים אינאיינעם! דו האָסט דאָך מיך איבערגעשראָקן כּמעט אַף טויט!

סאַשקע: (לאַכט). ער האָט דיך דען א ביס געטאָן? מאָפּס בײַסט זיך ניט. מאָפּס איז א גוטינקער, א ווילינקער!... (טראָגט צו דאָס הינטל זיך צום פּנים).

איציק: (באַטראַכט דעם הונט). ווי אַלט איז ער, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, דאַרף איך פרעגן?

סאַשקע: קיין האַלב יאָר נאָך ניט אפילו.

איציק: קיין עין־הרע ניט! שטייט שוין אַליין?

סאַשקע: (לאַכט). צי ער שטייט שוין אַליין? כאַ־כאַ־כאַ! איך זאָלט אים זען לויפן! פיל אויסן בויגן! גיכער פון אַן אײַזנבאַן... אין איין מינוט קאָן ער אײַך אַפּלויפן טויזנט מײַל!...

איציק: טאָקע באמת? מע קאָן ניט זאָגן, אַז ס'איז א גוזמא... וואָס קאָסט ער, דאַרף איך פרעגן?

סאַשקע: (די הענט אין די קעשענעס). אָ! ער קאָסט געגוג! די מאַמע מיינט, אַז ער קאָסט ניט מער ווי דאָס פינפערל, וואָס זי האָט

באצאלט... דאס ווייס זי ניט, אז א חוץ דעם פינפערל האב איך שטי־לערהייט אונטערגעשמירט מיט נאך עטלעכע פינפערלעך, זי זאל ניט וויסן...

א י צ י ק : ווג האסטו גענומען פינפערלעך, דארף איך פרעגן? געמאכט מיט די רויף?... (א מאך מיט דער האנט און א ווונק מיט די אויגן).

ס א ש ק ע : (לאכט). ווער פרעגט דיך?... למאי איך האב נאך געלט?...

א י צ י ק : עפעס א סך?

ס א ש ק ע : טויזנט!... בא דיר איז דאס א סך, בא מיר איז דאס גארניט. איך זאל וועלן, וואלט איך געקאנט האבן נאך! (נעמט ארויס א בײַטעלע, קלינגט מיט דעם אין דער לופטן). אט האט מיר קלארע געגעבן עטלעכע גאלדענע, ערשט נעכטן...

א י צ י ק : פארוואס?

ס א ש ק ע : פאר שווײַגן.

א י צ י ק : וואס הייסט, פאר שווײַגן?

ס א ש ק ע : איך זאל שווײַגן. איך זאל ניט זאגן קיינעם, אז זי האט זיך געקושט מיטן פראוויזאר אונטן אף די טרעפ, בשעת זי איז געגאנגען אים באגלייטן... (צביה־קיילע, קלמן און קאפל לאכן).

א י צ י ק : בראווא, סאשקע, בראווא! ביסט א ווילער בחור און א בעל־סוד, וואס מע קריגט דאס ניט! קום דערפאר אהערצו מיט דײַן קדיש, וועסטו פארזוכן אזא משקה, וואס דו האסט אזעלכעס בא דײַן טאטן קיינמאל ניט געטרונקען! (גיסט אים אן א גלעזל). אפשר האסטו מורא, ס׳איז צו שטארק?

ס א ש ק ע : איך האב קיין מורא ניט פאר צו שטארק. (פארזוכט). ס׳איז דאך אונדזער ווישניק!...

צ ב י ה ־ ק י י ל ע : (ווערט רויט, קוקט ניט אין די אויגן ארײַן, רעדט צו זיך). א מכה אים!...

ס א ש ק ע : (פארזוכט נאכאמאל). איך טרינק אים אלע טאג באם טיש, אמאל א גלעזל, אמאל צוויי... איך קאן אויסטרינקען דרײַ אויך, און פיר אויך, און צען, און צוואנציק און דרײַסיק און טויזנט גלעזלעך אויך! נאר מאמע טרינקט ניט... (טראגט צו דעם הונט צו קלמנען גלײַך אין פנים ארײַן. קלמן שפרינגט אפ). כא־כא־כא, ער האט מורא פאר א הונט! קוקט אן א מארדע, קוקט אן אויערן א פאר! (שטופט אים דעם הונט).

ק ל מ ן ד ל ו ת : (שטופט אים אפ). איך האב ניט מורא, נאר איך האלט ניט פון קיין הינט... א ייִד האט פײַנט א הונט... א ייִד איז ניט קיין גוי!... (זינגט).

גייט א גוי אין שענק ארײַן,
אין שענק ארײַן,

אין שענק אריַין.
טרינקט זיך אויס זײַן פעסל ווייַן,
זײַן פעסל וויַין,
זײַן פעסל וויַין.

אלע:

אוי, אוי אוי!
שיכור איז א גוי!
שיכור איז ער,
טרינקען מוז ער,
וויַיל ער איז א גוי!...

סאשקע: (שטופּט דעם הונט קאַפּלען). וואָס זאָגסטו אַף מיַין הונט?

קאַפּל: (שפּרינגט אַפּ). זינט איך לעב... זינט איך שטיי אַף מיַינע פיס...

צביה־קיילע: (צו סאַשקען). לאָז צורו! קום בעסער אַהער, וועל איך אים געבן עסן.

סאשקע: (פריילעך). לאַנג לעבן זאָלסטו, צביה־קיילע! דער־פאַר האָב איך דיך ליב! (גיט דעם הונט עסן. עס קומט אָן מאָשע).

איציק: נו, מאַשעניו, מיַין לעבן? האָסט אָפּגעגעבן די בריוו־לעך אַקוראַט?

מאשע: וואָס דען האָב איך געטאָן?

איציק: בראַוואָ! (טראָגט צו דאָס גלעזל צו די ליפּן און שיסט אויס אַ מוראַדיקן געלעכטער. אַלע בליַיבן זיצן, קוקן זיך איבער).

צביה־קיילע: וואָס איז דיר צוגעקומען, משומד איינער?

קלמן דלות: אַ ייִד איז פריילעך. ס'איז אים גוט אַפן האַרצן, לאַכט ער... אַ ייִד איז ניט קיין גוי... אַ ייִד... (זינגט).

נעמט אַ ייִד אַ גלעזעלע וויַין,
אַ גלעזעלע וויַין,
אַ גלעזעלע וויַין.
שילט ער באַלד אין טאַטן אַריַין,
אין טאַטן אַריַין,
אין טאַטן אַריַין.

אלע:

אוי, אוי אוי!
שיכור איז אַ גוי!
שיכור איז ער,
טרינקען מוז ער,
וויַיל ער איז אַ גוי!...

אייציק: (שיסט אויס נאכאמאל א געלעכטער). אוי, יידן, איר זאלט וויסן, וואס דארטן טוט זיך! (ווייזט ארויף אף די טרעפ).

צביה־קיילע: (צו מאשען). וואס קוועלט ער אזוי, דער משומד?

מאשע: ווייס אים דער רוח! ס'איז אים אנגעקומען דאס משוגעת...

קאפל: זינט איך לעב, זינט איך שטיי אף מיינע פיס...

אייציק: (האלט זיך באַ די זייטן, לאכט אלעמאל שטארקער). וואס ווייסט איר, וואס פאר א חתונה איך האב אנגעארבעט! איך האב דאך פארביטן די יוצרות... אריינגעלייגט מיין אראנטשיקס בריוול צו דער שיינער קאלאראדע, און דעם אפטייקרס בריוול צו מיין אראנטשיקס כלהכן — און לאזן זיי זיך דארטן רייסן ווי די קעץ! (ווערט שיער ניט צעפלאצט פאר געלעכטער).

צביה־קיילע: (א פליעסק מיט די הענט). א, דו משומד איינער, וואס האסטו געטאן?

מאשע: (ברעכט די פינגער). אוי, א דונער איז מיר! אט לויף איך זיי זאגן. (לאזט זיך לויפן. צביה־קיילע האלט זי אפ).

צביה־קיילע: וואס ווילסטו לויפן? איצט איז שוין פאר־פאלן... מאך שוין בעסער א שוויַיג. לאזן זיי זיך רייסן, לאזן זיי זיך בייסן. א שיינע ריינע כפרה!

אייציק: (קאטשעט זיך). אוי, איך וועל דאס ניט אויסהאלטן!...

קאפל: (קנייטשט מיט די פלייצעס). זינט איך לעב, זינט איך שטיי אף מיינע פיס!

קלמן דלות: ער לאכט, מהכתיתי. וואס ארט אייך, לאז ער לאכן, לאז א ייד אויך לאכן... א ייד איז ניט קיין גוי... א ייד... (זינגט).

שיכור איז א גוי!
שיכור איז ער,
טרינקען מוז ער,
ווייל ער איז א גוי!

אייציק: (צו קלמנען). אט ווענעמען איך האב ליב! לאם איך האבן אזא יאר, וואס פאר א ייד דאס איז! לחיים, רב קלמן! איר פאלגט מיך, נעמט טרינקט לחיים צו אייער צביה־קיילען, און לאז זיין אין א גוטער שעה! איר מיינט, מע ווייס ניט, אז איר שדכנט זיך צו איר? האט קיין יסורים ניט, מע ווייס, א וועלט שלאפט ניט!... לאם איך האבן אזא יאר, וואס פאר א גלייַכער סליוועק דאס איז! (גיסט זיי אןביידן א גלעזל ווישניק). טרינקט לחיים און לאז זיין מיט גליק, פון דאנען אין אן אייי־גענער, ווי מיין פעטער האט געזאגט, בשעת מע האט אים דאס דריטע מאל אריינגעזעצט אין געפענקעניש... און דו, מיין טייערע נשמה, מאך־

שענקע, לעבן זאָלסטו מיר, דו מיינסט, איך ווייס ניט, אז דו האָסט מיך ליב? לאָם איך, למשל, ניט קומען צו גיין א טאָג, פּליסטו דאָך צוואַנציק מאָל אַראָפּ אין קיך, זען, צי בין איך שוין געקומען, און לאָם איך קומען צו גיין — שילטסטו מיך כלומרשט מיט טויטע קללות... נאַר בלאָטע! איציקן נאַרט מען ניט! איציק ווייס!... נאַ, זע, וואָס כ'האָב דיר געקויפט! (נעמט אַרויס און טוט איר אָן אַ קייטל אָפּן האַלדז). ס'איז כסף טהור ריין גאָלד, נאַרעלע וואָס דו ביסט. פּאַרנוץ געזונט, ווי מיַין רבי האָט געזאָגט מיַינעם אַ חבר, בשעת ער איז געפאַלן און האָט זיך צעשפּאָלטן אַ ליפּ... (טראָגט איר אונטער אַ גלעזל ווישניק. זי קווענקלט זיך, באַטראַכט די קייט, באַוויַיזט צביה־קיילען).

צ ב י ה ־ ק יי ל ע : פּאַרנוץ געזונט! (אָף איציקן). אַ משומד דאָס איז!

ק אַ פּ ל : (גייט צו צו מאַשען, באַטראַכט די קייט, קנייטשט מיט די פּלייצעס, גייט צוריק). זינט איך לעב! זינט איך שטיי אָף מיַינע פיס!...

א י צ י ק : מכוח חתונה וועלן מיר שמועסן אַן אַנדערש מאָל. אַצינד דאַרף מען ברעכן טעלער. (נעמט פונעם פּריפּעטשיק צוויי טעלער, טוט זיי אַ וואָרף אין דער ערד אַריַין). מזל־טוב איַיך, רב קלמן! מזל־טוב איַיך, צביה־קיילע! מזל־טוב דיר, מאַשענקע! מזל־טוב איַיך, רב יצחק אליין! (צו קאַפּלען). רב פּלעשלשוועגקער, גיט אונדז אָפּ מזל־טוב! מזל־טוב! (נעמט אַלעמען פאַר די הענט. רב קלמן שאָקלט זיך. צביה־קיילע ריַיסט זיך. מאַשע קווענקלט זיך. קאַפּל קנייטשט מיט די פּלייצעס. מע גייט אַ ראָד. סאַשקע מיטן הונט — אויך אין קאָן. איציק זינגט, קלמן העלפט אים צו).

אָב איז אַ פּאַטער,
קדר איז אַ טאַטער,
מים רופט מען וואַסער,
וואַסער רופט מען מים,
דאַרף מען טרינקען לחיים —
לחיים! לחיים! לחיים!

טיירערעדערידעראָם! טיירערעדערידעראָם! טידערידעראָם! לאַדערידערידעראָם! וואַכטידעראָם! רב קלמן! שטאַרקער! העכער!... קאַפּל! סאַשקע! פּיסלעך!... טיירערעדערידעראָם! טיירערעדערידעראָם! טידערידעראָם! לאַדערידערידעראָם! קאַכטידעראָם!... (עס עפנט זיך די שטובטיר און עס באַוויַיזט זיך אָף דער שוועל ק ל אַ ר אַ, און באַלד נאָך איר אַ נ אַ).

ק ל אַ ר אַ : ווער האָט געבראַכט דעם בריוו? (דערזעט דעם עולם טאַנצן, טוט אַ שפּרונג אָפּ צוריק).

אַ נ אַ : ווער האָט געבראַכט דעם בריוו? (דערזעט קלאַראַן, טוט אַ שפּרונג אָפּ צוריק. — דער עולם הערט אויף צו טאַנצן. מע בליַיבט שטיין פאַרגליווערט, יעדער אין אַן אַנדער פּאָזע).

ק ל א ר א : נאָ זע, וואָס דײַן תכשיט שרײַבט צו דיר! (טוט איר א שמיץ דאָס בריוול אין פּנים אַרײַן).

אַ נ אַ : נאָ זע, וואָס דײַן נאַקעטער פּראָוויזאָר שרײַבט צו דיר! (אַ שמיץ דאָס בריוול אין פּנים אַרײַן).

א י צ י ק : (כאַפּט זיך באַ די זײַטן, קאַטשעט זיך פאַר געלעכ־טער). פאַרביטן די יוצרות! כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! אַ קאָמעדיע, ווי איך בין אַ מענטש! כאַ־כאַ־כאַ!

אַ ל ע : פאַרביטן די יוצרות! כאַ־כאַ־כאַ!... (עס וואַקסט אויס די נ ג י ד י ת, דערזעט די פלעשלעך מיט די גלעזלעך אַפן טיש און דעם עולם, ווי מע איז פריילעך און מע לאַכט, ווענדעט זיך צו די טעכטער).

ד י נ ג י ד י ת : וואָס איז דאָ? וואָס טוט זיך דאָ? (צו די דינסטן). אַ וויסטער, אַ פינצטערער, אַ שלים־מזלדיקער חלום צו מײַנע שונאים קעפּ און צו אײַערע הענט און פּיס! וואָס איז דאָס? צביה־קיי־לע, וואָס איז דאָס פאַר שיכורים באַ מיר אין קיך?!... וואַן פון דאַנען! וואַן, שיכורים!!!...

א י צ י ק : (צו קלמנען). איר הערט, רב קלמן, אין וואָס מען איז אונדז חושד?

ק ל מ ן ד ל ו ת : (קוים וואָס ער פּלאָנטעט מיט דער צונג). שיכורים? חס ושלום! ווי קומט דאָס צו אַ ייִדן? ובפרט נאָך דער מע־מאָרע פונעם שטאַנדפּונקט פון דער קאַפּיטאַליזאַציע אין די פאַרגעשרי־טענע עלעמענטן פונעם קאַפּיטאַל! ווייס איך וואָס! אַ ייִד איז ניט קיין גוי... (זינגט, די איבעריקע העלפן אים מיט).

אוי, אוי אוי!
ווײַל ער איז אַ גוי!
שיכור איז ער,
טרינקען מוז ער,
ווײַל ער איז אַ גוי!...

[די נגידית, אויסער זיך, לויפט אַראָפּ פון די טרעפּ, כאַפּט פון די ווענט די קלייד־לעך, ווײַל אַנהייבן וואַרפן אין דרויסן אַרויס. זי ווערט אונטערגעכאַפּט פאַר די הענט פון ביידע זײַטן: פון איין זײַט איציק, פון דער אַנדערער זײַט קאַפּל, ווערט אַרײַנ־געכאַפּט אין רעדל אַרײַן. אַלע זינגען און טאַנצן. זי רײַסט זיך מיט אַלע כוחות, נאָר זי מוז נאָכטאַנצן מיט אַלע אין קאַן. פּונקט אַף דערמיטן דרייט זיך סאַשקע מיטן הינטל, מאַכט פּיסלעך אַקעגן דער מוטער. איציק גיט אונטער אַלעמען היץ, זינגט. אַלע העלפן אים, אַלע דרייען זיך, ווי אַ וויכער. — פון אויבן, פון די טרעפּ אַראָפּ, קוקט מיט גרויסע אויגן דער נ ג י ד, אַ שיינער ייִד מיט אַ ציליִנדערהוט און מיט אַ שטעקל, ווײַזט אויס, נאָרוואָס געקומען פון גאַס, זעט דאָס בילד, פאַר־שטייט ניט וואָס דאָס זאָל באַדײַטן. ער טוט זיך אַ לאָז אַראָפּ, הייבט אויף דעם שטעקן מיט גרויס אויפרעגונג, שרײַט עפּעס, נאָר מע הערט ניט וואָס. אין איין

מינוט ווערט ער אַרײַנגעכאַפּט אין רעדל אַרײַן, און ער מוז טאַנצן מיט אַלע אינ־איינעם. פונעם געזאַנג אַרוים הערט זיך איציקס קול.]

א י צ י ק : (טאַנצנדיק). פריילעך! ייִדן! לעבעדיק! אוים באַלע־באַטים! אוים משרתים! אַלע גלײַך!... פאַרביטן די יוצרות!... רב קלמן! שטאַרקער! לעדערידערײַדאַם! וואַכטידעראַם!

לאַנגזאַם פאַלט דער פאָרהאַנג.

איבערגעמאַכט פונעם איינאַקטער „מזל־טוב" אין די יאָרן 1906—1915.

# אַגענטן

א שפּאַס אין איין אַקט

פּערזאָנען:

**מנחם־מענדל יקנהז**, אַ יונגערמאַן אַ קליינשטעטלדיקער, אַנ־געטאָן אין אַ נײַעם גאַרניטער, נאַרוואַס פון דער נאָדל, מיט אַ נײַעם קאַפּעלוש, וואָס זיצט ניט גוט אַפן קאָפּ, און מיט אַ קאָלנער, וואָס קוועטשט אים אַרוים די אויגן פון שטערן. אַפן שוים האַלט ער אַ גאַנץ גרויסן פּאָרטפעל, אויך אַ נײַעם.

**מאַרק מאַיסעיעוויטש לאַמטערנשיסער**, אַ יונגער־מאַן אַ שטשאַגאָל. אויך מיט אַ גרויסן פּאָרטפעל.

**אַקים איסאַקאָוויטש באַקפּיש**, אַ געפּאַקטער פּאַרשוין, וואָס האַלט פון דער אַכילה. אויך מיט אַ גרויסן פּאָרטפעל.

**לאַזאַר קאָנסטאַנטינאָוויטש טערקעלטויב**, אַ פּאַרשוין מיט אַ גרויסער באָרד און מיט אַ גרויסער משפּחה: אַ ווײַב מיט עטלעכע קינדער, איינס קלענער פונעם אַנדערן.

פאַרשיידענע פּאַרשוינען, סטאַנציסטן.

די געשיכטע קומט פאָר אונטערוועגנס, אין וואַגאָן דריטער קלאַס.

[אין וואַגאָן. — אייניקע פֿאַרשוויגענע זיצן, אייניקע ליגן אויסגעצויגן, אייניקע שלאָפֿן. — אַף די פּאָליצעס פּעקלעך, טשעמאָדאַנעס. — פּאַרנט, איינער אַליין אַף אַ באַנק, נאָענט צום פענצטער, זיצט מ נ ח ם־מ ע נ ד ל, באַטראַכט דעם נײַעם גאַרניטער, רעדט צו זיך אַליין.]

## ע ר ש ט ע   ס צ ע נ ע

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל: אָנגעטאָן מיך אַ ביסל — ווי אַ חתן. אויסגעפּוצט — ווי אַ מויד. אַ חסרון — די הויזן אַ ביסל צו שמאָלדלעך, און דער קאָלנער... אוי, דער קאָלנער! נאָר אַף צו דערוואָרגן ווערן!... איך פֿאָר. איך ווייס, וווּהין איך פֿאָר? „איר וועט זײַן, זאָגן זיי, אַ גוטער אַגענט. אײַער נאָמען אַליין, זאָגן זיי, איז שוין גענוג! אַ ווערטעלע אויסצורײדן — מנחם־מענדל יקנהז, וואָס מע קען אים, זאָגן זיי, ווי אַ בייזן שילינגער, אומעטום: אין יעהופּעץ, אין בוריבעריק, אין מאַזעפּעווקע, און ווו ניט? פֿאַרט, זאָגן זיי, צווישן אײַערע ייִדעלעך און זײַט מצליח! שטראַפֿירט, זאָגן זיי, מענטשן פֿונעם טויט"... שטראַפֿירן מענטשן פֿונעם טויט? ווי‏אַזוי נעמט מען דאָס און מע שטראַפֿירט אָפּ יענעם פֿונעם טויט? זאָל איך אַזוי וויסן אַ בייזע וועטשערע. כאָטש זיי האָבן מיך געלערנט צוויי טאָג כסדר הלכות־אַגענט, און „אוואַנס" האָט מען מיר אויך געגעבן, און דאָס איז דאָך דער עיקר, מחמת אַלע אַגענטן נעמען אוואַנסן. ס'זאָל ניט זײַן קיין אוואַנסן, וואָלטן ניט געווען, זאָגן זיי, קיין אַגענטן... חוץ לזה, האָבן זיי מיר אָנגעפּאַקט אַ פֿולן פּאָרטפֿעל מיט קאָנסטיטוציעס, מײַן איך אינסטרוקציעס, ווי‏אַזוי אַן אַגענט איז זיך נוהג בשעת שטראַפֿירן יענעם פֿונעם טויט. מע באַדאַרף זיך נעמען אַקאָרשט צו די קאָנסטיטוציעס, מיין איך אינסטרוקציעס... (עפֿנט אויף דעם פּאָרטפֿעל און באַקומט אַרויס אַ בריוול). אָ! מע זאָל דערמאָנען משיחן — שיינה־שיינדלס אַ בריוול! ווי זאָגט די שוויגער מײַנע: „אַז מע זוכט אַ שער, געפֿינט מען אַ בעזעם"... מע דאַרף פֿונדעסטוועגן לייענען נאָכאַמאָל, וואָס שרײַבט עפּעס מײַן פֿלוניתטע, זאָל מאריך ימים זײַן? במילא סקוטשנע אין וואַגאָן, ניטאָ וואָס צו טאָן. (לייענט דאָס בריוול). „לכבוד בעלי היקר הנגיד החכם..." בקיצור... „מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י. ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זײַנען אַלע גאָט צו דאַנק אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אַף ווײַטער ניט ערגער..." (רײַסט איבער). דאַנקען השם יתברך, וואָס כאָטש געזונט. (לייענט ווײַטער). „צווייטנס, שרײַב איך דיר, זאָלסט אַזוי כוח האָבן, משומד איינער..." (רײַסט איבער). שוין! זי הייבט שוין אָן מיט אירע ברכות!... (לייענט

ווײַטער). „...זאָלסט אַזוי כּוח האָבן, משומד איינער, צו כאַליען דאָרטן אין דער קרענק, אין דעם וויסטן פינצטערן יעהופּעץ, ברענען זאָל עס מיט דיר אינאיינעם אַף איין פײַער, ווי איך האָב אַפילו כּוח צו פּלאָנטען מיט די פיס, אַז בסדר־הכּל האָט מיר דער שיינער דאָקטער געהייסן ליגן; — ליגן זאָל ער אַפן בית־עולם מיט דיר אין שכנות, ווי די מאַמע זאָגט...״ (רײַסט איבער). אהאָ! די מאַמע זאָגט!... (לייענט ווײַטער). „...ווי די מאַמע זאָגט, ס'זאָל אײַך זײַן הײמלעכער אין די לאַנגע ווינטער־נעכט... נאַ דיר גאָר אַזאַ שלאַק — אַ נײַע פּרנסה האָט אים גאָט צוגעשיקט, דעם ברויטגעבער מײַנעם! ער וועט שטראַפירן מענטשן צום טויט! וואָס הייסט דאָס, מענדל, דו וועסט שטראַפירן מענטשן צום טויט? פאַרוואָס?... (רײַסט איבער). זי הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס מע שרײַבט איר! (לייענט ווײַטער). „ביסט דאָך קלאָר משוגע — משוגע מעגסטו ווערן פאַר אַלע ייִדן און פאַר אַלע גויִים, להבדיל, ווי די מאַמע זאָגט...״ (רײַסט איבער). זי איז שוין ווידער דאָ מיט דער מאַמע! (לייענט ווײַטער). „...ווי די מאַמע זאָגט: אַ פערדל, אַז מע לאָזט דעם אַפּ די לייצעס, פאַררײַסט דאָס הויך דעם ווײדל. קאַרג, הייסט עס, וואָס דו האָסט איבערגעדינט אַלע עבודה־זרות, געווען שוין וואָס אין דער קאָרט: אַ הענדלער — אַ טענדלער, אַ מעקלער — אַ שמעקלער, אַ גייער — אַ דרייער, אַ שדכן — אַ בדחן, וואָס די גאַנצע וועלט האָט מיט דיר צו טאָן, — באַדאַרפסטו נאָך אויספּרוּוון האַנדלען מיט טויטע לעבעדיקע מתים, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: וואָרט־וואָרט, ער וועט זיך דיר שוין באַלד פאַרשטעלן פאַר אַן אַם אויך ערגעץ אין פוילן!... וואָלט ניט גלײַכער געווען טויזנט מאָל, זאָלסט, למשל, זײַן אַצינד אַף דער מלחמה מיט יאַמפּאָניע...״ (רײַסט איבער). יאָ, ס'פאַרשטייט זיך! אָט פלי איך!... (לייענט ווײַטער). „...און קומען צו פאָרן אַהיים אין אַזאַ שטאַנד, חלילה, ווי אונדזער משה־וועלוול לווי־אַבֿרהמס איז געקומען, פינצטער איז מיר, אָן הענט און אָן פיס און אָן לײַב און אָן לעבן, ווי די מאַמע זאָגט: די קויל ווייס דען וועמען זי שיסט?... געדענק־זשע, מענדל, איצטיקס מאָל זאָג איך דיר מיט גוטן: ס'זאָל אַף דיר קומען אַ מהומה, אַ שׂרפֿה, אַ מגפֿה...״ (עס קומט אַרײַן אין וואַגאָן ל אַ מ ט ע ר נ ש י ס ע ר מיט אַ גרויסן טשעמאָדאַן, זוכט אַן אָרט אַף צו זעצן זיך).

## צ וו ײ ט ע ס צ ע נ ע

ל אַ מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : (רוסיש). מאָזשנאָ ק'וואַם? 1)

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : (באַהאַלט דאָס בריוול אין פאָרטפעל. אויך רוסיש). אָך! דליאַ טשעוואָ ניעט? 2) (צו זיך). אַ פײַנער פאַרשוין מיט אַ שיינעם טשעמאָדאַן... אפשר וועט ער זיך לאָזן שטראַפירן פונעם טויט?

---

1) מעג מען צו אײַך? — 2) פאַרוואָס ניט?

לאמטערנשיסער: (באַשטאַט דעם טשעמאָדאַן, זעצט זיך אַוועק לעבן מנחם־מענדלען. נעמט אַרויס אַ פּאַפּיראָס, רעדט רוסיש). ניעט לי או וואַס אַגניאַ? 1) (צו זיך). נאַדאַ זאַנדיראָוואַט פּאַטשווו — אַ טאָפּ אין וואַגן...

מנחם־מענדל: אַך! דליאַ טשעוואַ ניעט? (גיט אים אַ שווע־בעלע. רעדט צו זיך). גאַנץ גוט, וואָס ער הייבט אָן אַף צופריִער.

לאמטערנשיסער: (טראָגט אים אונטער אַ פּאַפּיראָס). ניע אוגאָדנאַ לי? 2) (צו זיך). אַ פּאָדכאָדיאַשטשי 3) סוביעקט... אַ פּראָ־ווינציאַל מיט אַ נײַעם גאַרניטער... אפשר וועט מען קאָנען מיט אים מאַכן אַ געשעפט? כאָטש אַ קליין סטראַכאָוווקעלע אַף אויסשלאָגן די הוצאות...

מנחם־מענדל: (נעמט). אָך! דליאַ טשעוואַ ניעט? (פאַר־רייכערט, רעדט צו זיך). זעט אויס, אַ גאַנץ לײַטישער מענטש. ער וועט זיך, אם ירצה השם, געווים פאַרשטראָפירן פונעם טויט.

לאמטערנשיסער: (צו זיך). מיט אַזאַ כניאָק קאָן מען ריידן אַף ייִדיש. (הייבט אָן ריידן ייִדיש). אַ חיות צו פאָרן אין באַן... ניט דאָס, וואָס אַמאָל! אַז מע איז געפאָרן מיט דער פור, פלעגט מען זיך, ווי פּאַנימאַיעטיע, 4) שלעפּן און שלעפּן.

מנחם־מענדל: (זאָגט אים נאָך), שלעפּן און שלעפּן.

לאמטערנשיסער: מען איז געווען אין גלות באַם בעל־עגלה, כחומר ביד היוצר.

מנחם־מענדל: כחומר ביד היוצר.

לאמטערנשיסער: ער פלעגט אָנפּאַקן אַ בויד מיט פאַר־שוינען פון כל מאמינים שהוא.

מנחם־מענדל: פון כל מאמינים שהוא.

לאמטערנשיסער: ייִדן, און ווײַבער, און אַ זעקל מעל, און אַ חזן, און אַ ציג, און אַ גלח...

מנחם־מענדל: און אַ ציג, און אַ גלח...

לאמטערנשיסער: און אַז מען איז געקומען באַרג־אַרויף, האָט ער געהייסן די פאַרשוינען, זיי זאָלן זיך מטריח זײַן אַראָפּגיין, מע בעט אײַך מחילה.

מנחם־מענדל: מע בעט אײַך מחילה.

לאמטערנשיסער: און הײַנט בין איך מיר אַ פריץ. זיץ מיר, ווי פּאַנימאַיעטיע, אין וואַגאָן און רייכער מיר אַ פּאַפּיראָס, אי ניקאָקיד!

מנחם־מענדל: אי ניקאָקיד!

לאמטערנשיסער: איין מעלה האָט נאָר געהאַט דאָס

---

1) האָט איר אפשר פײַער? — 2) צי ווילט איר ניט? — 3) אַ פּאַסנ־דער. — 4) איר פאַרשטייט?

אמאליקע פארן — מען איז געווען זיכער מיטן לעבן. מע האט ניט מורא געהאט, טאמער חלילה אן אומגליק, א קאטאסטראפע, דאס הייסט, טא־מער קערט מען זיך איבער, ווי פאנימאיעטיע, און מע פליט, ווי די האַ־לעשקעס, מיטן קאפ אראפ.

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : ווי די האלעשקעס, מיטן קאפ אראפ.

ל א מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : גוט, אז מען איז באווארנט באטש מיט עטלעכע טויזנט קערבלעך אף נאכן טויט, דאס ווייב מיט די קינ־דער זאלן חלילה ניט דארפן, ווי פאנימאיעטיע, גיין איבער די הייזער.

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : איבער די הייזער... (צו זיך). ער גייט גלייך, ווי א גוט פערד...

ל א מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : (צו זיך). ער גייט דאך מיר נאך, ווי א לאשעקל! (הויך). ווארעם כל זמן, פארשטייט איר מיך, דאס רעדל דרייט זיך, דרייט זיך עס.

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : דרייט זיך עס.

ל א מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : און אז עס הערט זיך אויף צו דרייען, איז — סטאפ מאשינא!

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : סטאפ מאשינא!

ל א מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : (צו זיך). ער לאזט זיך פירן. מע דארף גיין מיט אים גלייך צו דער שטאל. (הויך). דער חסרון, וואס ניט יעדער קאן זיך באווארענען מיט געלט. היינטיקע הוצאות, ווי פאנימא־יעטיע, מיט היינטיקע־ע־ע...

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : מיט היינטיקע־ע־ע...

ל א מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : איז באטש, פאקריינע מיערע, א סטראכאוועקלע.

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : פאקראנעמיר, א סטראכאוועקלע... (צו זיך). ס'איז דאך טאקע נאר מן השמים, כ'לעבן!

ל א מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : איך האב מיך גראד דערמאנט אצינד, וואס בא אונדז האט זיך געטראפן א מעשה. איינער א געמיינער באלע־באס, וואס האט אף זיין לעבן ניט פארמאגט קיין טויזנט קערבלעך, ווי פאנימאיעטיע, ניט אנגעקוקט קיין גאנצן הונדערטער אין די אויגן, האט ער אבער שכל געהאט באצייטנס זיך פארסטראכירן אין עטלעכע טויזנט קארבן. איצט איז ער געשטארבן, פארנדיק, ניט פאר אייך גערעדט, און באן, האט מען זיין ווייב אויסגעצאלט בא אונדז ניט לאנג פינף טויזנט קארבן מעות מזומנים, אחת ואחת!

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : מעות מזומנים, אחת ואחת! פונקט דאס אייגענע, וואס בא אונדז. בא אונדז האט זיך אויך געטראפן אזא מעשה — ניט מיט פינף, נאר מיט צען טויזנט קערבלעך. גאט זאל מיר אזוי העלפן בכל אשר אפנה!

ל א מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : (אויסער זיך). צען טויזנט קארבן?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : צען טויזנט קארבן.

לאַמטערנשיסער: וואָס האָבן זיי געטאָן מיט אַזאַ סומע געלט?
מנחם־מענדל: וואָס זאָלן זיי טאָן? זיי האָבן געעפֿנט אַ קראָם, אַ שאַרפֿע קראָם!
לאַמטערנשיסער: אַזוי? גוט? און זיי לייזן עפּעס געלט?
מנחם־מענדל: נאָר אַ מין לייזן! מאָסף ממון!
לאַמטערנשיסער: (צו זיך). איצט איז דער בעסטער מאָמענט. מע דאַרף אים נעמען אַפֿן צימבל. (הויך). ניט שייך צו זאָגן, מקנא זײַן אַ געשטאָרבענעם; נאָר אַז מע דערמאָנט זיך אָן די לעבעדיקע, ווי פּאַנימאַיעטיע... יעדער האָט אַ ווײַב און קינדער... (זיפֿצט). איטלעכער באַדאַרף עס טאָן...
מנחם־מענדל: (זיפֿצט). הערסטו, אָט דאָס שמועסט מען דאָך! (צו זיך). אָט איצט איז די בעסטע צײַט אים נעמען אין חדר אַרײַן.
לאַמטערנשיסער: (זיפֿצט). אַז ווײַל איז דעם, וואָס טוט עס אָפּ באַצײַטנס.
מנחם־מענדל: (זיפֿצט). ווער ס'האָט שׂכל, דער פֿאַרכאַפּט פֿריִער, דער... און עס קאָסט גאָרניט אַזוי טײַער. וואָס קאָסט עס דען?
לאַמטערנשיסער: (אויפֿגעלעבט). עס ווענדט זיך אין די יאָרן. איך מיין, אַז מע קאָן דאָס אָפּמאַכן דאָ טאַקע?
מנחם־מענדל: (אויפֿגעלעבט). פֿאַרוואָס ניט?
לאַמטערנשיסער: אַ דאָקטער קאָן מען קריגן נאָכדעם, צושטעלן אַ סווידיעטיעלסטווע, ווי פּאַנימאַיעטיע...
מנחם־מענדל: דאָס איז די לעצטע דאגה דאָס. דער עיקר איז די סומע.
לאַמטערנשיסער: (כאַפּט זיך צום פּאָרטפּעל). ניט די סומע איז דער עיקר, דער עיקר איז די יאָרן.
מנחם־מענדל: (כאַפּט זיך צום פּאָרטפּעל). געוויינלעך, די יאָרן. למשל, וויפֿל זײַט איר אַלט?
לאַמטערנשיסער: איך? וואָס געהער זיך אָן, וויפֿל איך בין אַלט?
מנחם־מענדל: וואָס הייסט, וואָס געהער זיך אָן? איר זאָגט דאָך, אַז דער עיקר איז די יאָרן, זאָגט איר דאָך!
לאַמטערנשיסער: וואָס הייסט? איר ווילט דען מיך פֿאַרסטראַכירן?
מנחם־מענדל: וואָס דען? איר ווילט מיך פֿאַרשטראַפֿירן?
לאַמטערנשיסער: איר זײַט דען אויך אַן אַגענט?
מנחם־מענדל: נאָך אַ מין אַגענט! אַ סוף־אַגענט!
לאַמטערנשיסער: (שטייט אויף, גיט אים די האַנט און

שטעלט זיך פאַר גאַנץ העפלעך, נאָר מיט גדלות). מאַרק מאַיסעיעוויטש לאַמטערנשיסער, אַקרוזשנאַי אַגענט־אַקוויזיטאָר פֿון „עקוויטעבל“.

מנחם־מענדל: (שטייט אויף און שטעלט זיך פאַר גאַנץ עלעגאַנט). מנחם־מענדל יקנהז, סוף־אַגענט פֿון „יאַקיר“. (עס קומט אַרײַן אין וואַגאָן באַקפּיש מיט צוויי טשעמאָדאַנעס און זוכט אַן אָרט אָפּ צו זעצן זיך).

## דריטע סצענע

באַקפּיש: מאָזשנאָ?

לאַמטערנשיסער: פּאָזשאַלויסטאַ.1)

מנחם־מענדל: פּיזשאַלעטי!

באַקפּיש: (זעצט זיך אַקעגן, צעלייגט זיך מיט די טשעמאָדאַנעס. איין טשעמאָדאַן בינדט ער אויף און נעמט אַרויס פֿון דאָרטן פֿלעשלעך מיט קעסטלעך מיט אַלערליי פּאַרבײַסנס, שטעלט אַוועק דעם צווייטן טשעמאָדאַן פֿאַפּעריק, ווי אַ טישל, און נעמט זיך צום אָנבײַסן). אונטערוועגנס, הערט איר, איז גוט, אַז מע פֿירט מיט זיך אַלצדינג, וואָרעם ניט אַף יעדער סטאַנציע קריגט מען וואָס מע דאַרף, און ניט אַלצדינג, וואָס מע גיט מיר, דאָס עס איך. איך האָב מורא פֿאַר מײַן מאָגן. דאָס הייסט, ס׳איז חלילה באַ מיר ניט קיין קראַנקער מאָגן, הלוואַי ווײַטער, נאָר איך האָב מורא, איך זאָל אים ניט קאַליע מאַכן. דער מאָגן, הערט איר, דאָס איז אַ קעסל. הערט אויף חלילה דער קעסל צו קאָכן, איז די גאַנצע מאַשינע אין דער ערד. (עפֿנט אויף אַ פֿלעשל און גיסט זיך אָן אַ כּוסה). לחיים, ייִדן, לאָמיר זײַן געזונט. (גיסט אָן נאָך אַ כּוסה און טראָגט אונטער מנחם־מענדלען). פֿאַרזוכט, זײַט מוחל, דאָס דאָזיקע ביסל. ס׳איז מײַנע אַן אייגענע נאַסטאַיקע אַף מאַראַנצנשאָלעכץ.

מנחם־מענדל: (צו זיך). עפּעס זייער אַ ליבהאַרציקער פּאַרשוין. אפשר וואָלט מען אים געקאָנט פֿאַרשטראַפֿירן פֿונעם טויט? (הויך). אַ דאַנק! גיט בעסער זיי! (ווײַזט אָן אַף לאַמטערנשיסערן).

לאַמטערנשיסער: (צו מנחם־מענדלען). טרינקט, טרינקט. (צו זיך). אַ פֿרײַנטלעכער סוביעקט. מע קאָן אים פֿאַרסטראַכירן, אויסשלאָגן הוצאות...

באַקפּיש: (טרינקט נאָך אַ גלעזל און טראָגט אונטער לאַמטערנשיסערן). פֿאַרזוכט, איך בעט אײַך, אַ ביסל משקה און פֿאַרבײַסט מיט די דאָזיקע סאַרדעלן. אויסגעצייכנטע סאַרדעלן. האָ? וואָס זאָגט איר? גוטע סאַרדעלן? פֿרישע? איך לאָז מיך ניט אין וועג אַרײַן אָן סאַרדעלן. אַ קשיא אַף אַ מעשה, וואָס עס טרעפֿט זיך אין וועג. אין וועג דאַרף מען זײַן געהיט מיטן עסן, וואָרעם דאָס געזונט, הערט איר, איז

---

1) ביטע.

טײַערער פֿון אַלצדינג. (בינדט אויף אַ פּעקל דאָרע קישקע, עסט אַלײן און גיט זײַ). האָט איר שוין פֿאַרזוכט מײַנע סאַרדעלן, מעגט איר שוין פֿאַרזוכן מײַן דאָרע קישקע אוודאי. האָט קיין מורא ניט, ס'איז אי פּריש, אי כשר. איך, אַז איך קויף קישקע, קויף איך ניט אַבי וואָסער קישקע. דאָס געזונט, הערט איר, איז טײַערער פֿון אַלצדינג. וואָרעם אַז מע דערמאָנט זיך אינעם טויט, איז מען ניט זיכער מיטן לעבן, ובפֿרט אַז מע האָט אינדערהיים אַ ווײַב מיט צוויי קינדערלעך, צוויי אויגן אין קאָפּ.

לאַמטערנשיסער: (עסט). ניט מער, ווי צוויי?

מנחם־מענדל: צוויי סך־הכּל?

באַקפּיש: (קײַט). קאַרג? און טאָמער חלילה מאַכט מען אַ שטאַרב?

לאַמטערנשיסער: (עסט). מיט אײַער קאָמפּלעקציע?

מנחם־מענדל: (עסט). קיין עין־הרע, מיט אײַער אויסזען.

באַקפּיש: (קײַט). קוקט ניט, וואָס איך בין אַזוי... איך זאָל מיך ניט אונטערהאַלטן מיטן עסן, וואָלט איך שוין — ע־הע־הע! (בינדט אויף נאָך אַ פּאַקעטל). אַנו, פֿאַרזוכט נאָר, זײַט מוחל, פֿון אָט דעם געריכערטן פֿלייש! ס'איז קאַלט, נאָר ס'איז פּריש. איך, אַז איך קויף פֿלייש, קויף איך ניט אַבי וואָסער אַ פֿלייש. פֿאַרוואָס נעמט איר ניט קיין זויערע אוגערקעס? ס'איז אתרוגים, ניט קיין אוגערקעס. מײַן ווײַב זאָל געזונט זײַן, אײדער איך פֿאָר אַרויס פֿונדערהיים, אַז זי הייבט מיר אָן צו פּאַקן, פּאַקט זי, און פּאַקט, און פּאַקט, און פּאַקט... נעמט, איך בעט אײַך, צו גלעזלעך ווישניק. ס'איז אייגענער ווישניק, מײַן ווײַבס מלאָכה.

לאַמטערנשיסער: (טרינקט). אַ געטרײַ ווײַב באַ אײַך.

מנחם־מענדל: (טרינקט). באַ אײַך אַ ווײַב אַ געטרײַע.

באַקפּיש: אַ זעלטנהייט. איינע אין גובערניע! וואָס ווייסט איר?

לאַמטערנשיסער: ניט קיין ווײַב איז דאָס, ווי פֿאַניר מאַיעטקע, נאָר עפּעס אַן אוצר!

מנחם־מענדל: אַן אוצר, ניט קיין ווײַב!

באַקפּיש: וואָס ווייסט איר? וואָס ווייסט איר?

לאַמטערנשיסער: (צו זיך). אַנגעטראָטן אָפֿן רעכטן אָרט... מיר דאַכט, עס וועט גיין אַ גאַנג. (הויך). אַזאַ ווײַב דאַרף מען שעצן.

מנחם־מענדל: (צו זיך). ער גייט מיט אים אָף אַ דרך... (הויך). אַזאַ ווײַב דאַרף מען האַלטן בכּבֿוד, אַזאַ ווײַב!

באַקפּיש: (שיילט אַ מאַראַנץ). וואָס ווייסט איר? וואָס ווייסט איר? נעמט, איך בעט אײַך, אַ מאַראַנץ. ס'איז גוטע מאַראַנצן. אַז איך גיי קויפֿן מאַראַנצן, קויף איך ניט קיין אַבי וואָסערע מאַראַנצן. דאָס האָט אויך זי אײַנגעפּאַקט מיר, מײַן ווײַב מײַן איך...

ל א מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : (שײלט א מאראנץ). אזא װײַב, װי אײַערע, טאר מען ניט לאָזן אזוי, אָן א שום באַװאָרעניש, חלילה, אפֿן ערגסטן פֿאַל, טאמער אָן אומגליק, חס ושלום. װי פּאַנימאַיעטיע? איך גײ מיט דעם גאַנג, אַז װאָבשטשע א װײַב באַדאַרף מען באַװאָרענען, און װער שמועסט נאָך מיט קינדער, און װער שמועסט נאָך אַזעלכע מענטשן װי מיר, פּאַנימאַיעטיע, װעג־מענטשן...

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : (צו זיך). ער מאַכט דאָס גאָר ניט שלעכט, כ'לעבן! (הויך). מיר זײַנען דאָך עפּעס װעג־מענטשן, זײַנען מיר!

ב א ק פ י ש : איך גײ אויך מיט דעם גאַנג, אַז א װײַב מוז מען באַװאָרענען, פֿאַרזיכערן כאָטש מיט א קאַפּיטאַל פֿון אַזעלכע צען טויזנט קערבלעך. דערױף איז פֿאַראַן נאָר אײן מיטל.

ל א מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : (אויפֿגעלעבט). אָפּסטראַכירן זיך?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : (אויפֿגעלעבט). שטראַפֿירן זיך פֿונעם טויט?

ב א ק פ י ש : פֿון װאַנען האָט איר געטראָפֿן, װאָס איך מײן? איר האָט בײַ מיר אַרױסגעריסן די װערטער פֿונעם מויל!

ל א מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : דער שׂכל איז מחייב. װאָרעם מיט װאָס דען קאָנען אַזעלכע מענטשן װי מיר, פּאַנימאַיעטיע, באַװאָרענען אונדזערע װײַבער?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : א פּראָסטער שׂכל!

ב א ק פ י ש : איר זײַט זײער גערעכט. אַז מע קאָן צאָלן בײַם־לעבן, און קײן סך קאָסט דאָס ניט... װער פֿון אײַך בײדן װאָלט װעלן מאַכן דאָס עסק?

ל א מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : (כאַפּט זיך צום פּאָרטפֿעל). איך, גע־װײנלעך. (קוקט אַף מנחם־מענדלען פֿון אויבן אַראָפּ).

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : (כאַפּט זיך צום פּאָרטפֿעל). געװײנלעך איך.

ב א ק פ י ש : װילט איר, הײסט דאָס, בײדע? מהכתיתי, נאָך גלײַכער. (בײגט זיך אָן נאָכן פּאָרטפֿעל). אינעם דאָקטער, מײן איך, װעט קײן מניעה ניט זײַן.

ל א מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : פֿונעם דאָקטער קאָן מען נאָכדעם צו־שטעלן א סװידיעטיעלסטװע. דער עיקר איז די יאָרן.

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : א פּאַפּיר פֿונעם דאָקטער קאָן מען נאָכ־דעם צושטעלן. װיפֿל זײַט איר אַלט — אָט דאָס איז דער עיקר.

ב א ק פ י ש : איך?

ל א מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : װער דען?

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : װער־זשע דען, איך?

ב א ק פ י ש : װאָס הײסט? איר האָט דאָך געװאָלט, אַז איך זאָל אײַך אַפּ...

ל א מ ט ע ר נ ש י ס ע ר : איר זאָלט אונדז? מיר האָבן גע־מײנט אײַך!

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל : דאָס האָבן מיר אײַך געמײנט!

באקפיש: איר? מיך? איר זײַט דען אג...?

לאמטערנשיסער: פארשטייט זיך, אגענטן! נו, און איר?

מנחם־מענדל: אגענטן, געוויינלעך! און איר ווער זײַט?

באקפיש: (שטייט אויף, טרייסלט זיך אף פונעם עסן, גיט זיי די האַנט). איך האָב די ערע מיך פאַרצושטעלן: אקים איסאַקאָוויטש באקפיש, אינספעקטאָר־אָרגאַניזאַטאָר פון „ניו־יאָרק".

לאמטערנשיסער: אזוי? אחינו אתה! מאַרק מאַיסעיע־וויטש לאַמטערנשיסער, אַגענט־אַקוויזיטאָר פון „עקוויטעבל". (קוקט אָף מנחם־מענדלען פון אויבן אַראָפּ).

מנחם־מענדל: זײַט איר, הייסט דאָס, פון אונדזערע מענטשן טאַקע?! (על־גאָט). מנחם־מענדל יקנהז, סוף־אגענט פון „יאָ־קיר". (עס קומט אַרײַן אין וואַגאָן טערקעלטויב מיט זײַן געזינטל, מיט אַ סך טשעמאָדאַנעס, פעקלעך, קוישלעך מיט פּאַטשיילעס. זוכט אַן אָרט פאַר זיך און פאַר דער משפּחה).

## פערטע סצענע

טערקעלטויב: מאַזשנאַ ק'וואָם?

באקפיש: איזוואָלטיע.1)

לאמטערנשיסער: ס'אוּדאָוואָלסטוויעם.2)

מנחם־מענדל: ספּרעדאָוואָלסטוויעם. (דער נײַער פּאַרשוין מיט דער משפּחה הייבט אָן זיך אויסזעצן מיט ווײַב און קינדער און אויסלייגן זיך מיט די פעקלעך. עס ווערט אַ טומל, אַ האַרמידער. דער שרײַט: „מיטאַג! מאַמע, מיטאַג!" דער וויל אַ טרונק. די מוטער קנאַקט ניסלעך, לייגט די יאָדערן דעם קליינעם קינד אין מויל אַרײַן, און גאָר אַ קליין קינד האַלט זי אָפּן שויס בײַ דער ברוסט. די עלטערע שפּאַרן זיך צום פענצטער, שטופּן אָפּ איינס דאָס אַנדערע מיט די עלנבויגן. דער פאָ־טער איז זיי מכבד — וועמען אַ פּאַטש, וועמען אַ שטורך און וועמען אַ פּאַטילעטשניק).

באקפיש: (צו זיך). אזא בעל־משפּחה וואָלט שוין געווים געמעגט זײַן געסטראַכירט. (הויך). ניט גוט מיט קינדער אין וועג?

לאמטערנשיסער: (צו זיך). אַ פּאָדכאָדיאַשטשי סוביעקט אָף צו סטראַכירן זיך מיט די קינדער!... (הויך). אונטערוועגנס מיט קינ־דער איז, אפּנים, שווער?

מנחם־מענדל: (צו זיך). אפשר וואָלט זיך דער דאָזיקער פּאַרשוין פּאַרשטראַפירן פונעם טויט אפשר?... (הויך). שווער, אַפּנים, מיט קינדער אונטערוועגנס?

טערקעלטויב: שווער ווי דער טויט!

---

1) ביטע. — 2) מיט פאַרגעניגן.

באַקפּיש: זיי זײַנען בײַ אײַך ציטעריק, ווײַזט אויס?
לאַמטערנשיסער: איר באַלעוועט זיי?
מנחם־מענדל: געבאַלעוועט בײַ אײַך?
טערקעלטויב: (דערלאַנגט אַ שטויס דעם עלטערן, ער זאָל אָפּטרעטן פֿונעם פּענצטער). ניט אַזוי ציטעריק, ווי טײַער.
באַקפּיש: פֿײַנע קינדער בײַ אײַך.
לאַמטערנשיסער: קיין עין־הרע, געראָטענע, פּאַני־מאַיעטיע.
מנחם־מענדל: געראָטענע, קיין עין־הרע.
טערקעלטויב: נישקשה. לערנען זייער גוט. גוט דערצויגן. דערציִונג — דאָס איז דער עיקר. (רופֿט צו דעם עלטערן). אַבראַשאַ, קום נאָר אַהער! גיב דעם דיאַדיע די האַנט. נו, אַבראַשאַ! (אַבראַשאַ וויל ניט גיין און באַקומט אַ פּאַטש פֿונעם פֿאָטער). זעט איר אָט־אָ־דעם פּעמפּיק? (ער ווײַזט אָפּן צווייטן). איז דאָס אַ קאָפּ! אַ גאון, זאָג איך אײַך! נאָר אַ שייגעץ. אוי, אַ שייגעץ! מיט אים אויסטענהן זיך, וועט ער אײַך מאַכן מיט דער בלאָטע... אָט אַ יענץ פֿאַרמורזשעט יִינגל זעט איר? — אַ חכם! הערט די מאַמע מיטן קאָטער. נאָר פֿאַר מיר האָט מען אַ ביסל דרך־ארץ. דאָס הייסט, מע וואָלט מיך אויך ניט געהערט, האָב איך אַ קאַנטשיק און שמײַס, אוי, שמײַס איך!... קינדער, הערט איר, באַדאַרף מען לערנען, דערציִען הייסט עס. דערציִונג — דאָס איז דער עיקר. זעט איר אָט־אָ־דאָס קליינע ווערוריקל, וואָס די מוטער האָדעוועט אים מיט ניסלעך? אַ פּיסק! נאָך ניט אַלט קיין פֿיר יאָר, און רעדט איטלעכס וואָרט, איטלעכס וואָרט, ווי אַן אַלטער. דאַווידקע! קום נאָר אַהער, דאַווידקע! (דאָס קליינע ווערוריקל, וואָס מע רופֿט דאָס דאַווידקע, וויל ניט אַראָפּ פֿון דער מוטערס הענט, דרייט אויס דעם קאָפּ צום פֿאָטער). זאָג מיר, דאַווידקע, ווי־אַזוי רופֿט מען דיך? (דאַווידקע ענטפֿערט: „טיע־טיע־טיע"). וויפֿל ביסטו אַלט, דאַווידקע? (דאַווידקע ענטפֿערט: „טיע־טיע־טיע"). דאַווידקע! זאָג דער מאַמע, זי זאָל דיר געבן פּאַווידלע. (דאַווידקע דרייט אויס דעם קאָפּ צו דער מוטער: „טיע־טיע־טיע!"...) וואָס זאָגט איר דערויף? איטלעכס וואָרט, איטלעכס וואָרט, ווי אַן אַלטער!
באַקפּיש: (קוועלט). צו אַזעלכע קינדער באַדאַרף מען אַ סך האָבן.
לאַמטערנשיסער: מע דאַרף זיך צו זיי, פּאַנימאַיעטיע, גוט אונטערגאַרטלען.
מנחם־מענדל: גוט אונטערגאַרטלען דאַרף מען זיך.
טערקעלטויב: אַ חידוש אַ ביסל! איר זעט גרויע האָר? (באַווײַזט אויף דער באָרד). ניטאָ נאָך קיין פֿופֿצן יאָר נאָך דער חתונה.
באַקפּיש: (שאָקלט מיטן קאָפּ). אײַ־אײַ־אײַ!
לאַמטערנשיסער: קיין עין־הרע, אַזאַ חברה!
מנחם־מענדל: אַזאַ חברה, קיין עין־הרע!

טעדקעלטויב: אויסהאלטן, קליידן, שוכן, לערנען, געבן דערציִונג! דערציִונג — דאס איז דער עיקר. דאס הייסט, איך קלאג מיך ניט חלילה. דאנקען גאט, איך האב זייער א פיינע שטעלע, ארבעט מיר אוים מיינע עטלעכע טויזנט קערבלעך מיט אט די צען פינגער. (באווייזט זיי די פינגער). נאר אז איך טו א קוק אף מיין געזינטל, קיין עין־הרע, און עס קומט מיר אף דער מחשבה, טאמער חלילה, לאז גאט היטן, די שעה זאל גאר ניט זיין... איר פארשטייט? כל זמן דער קאפ דינט, און די הענט ארבעטן... איר פארשטייט?

באקפיש: א! מיר פארשטייען דאס זייער גוט. מיר זיינען אויך סעמעינע מענטשן. מיר פילן דעם טעם, וואס הייסט צער גידול בנים.

לאמטערנשיסער: קינדער פארזארגן איז, פאנימאיעטיע איינע פון די גרעסטע זאכן!

מנחם־מענדל: א גרויסע זאך צו פארזארגן קינדער, פאר־זארגן!

טעדקעלטויב: איך טענה דאס כסדר מיט מיין ווייב, און מיט איטלעכן באזונדער, וו איך קום, טענה איך דאס אייגענע: וואס וואלטן געטאן אזעלכע מענטשן, ווי מיר, מיטלמעסיקע, ס'זאל ניט זיין קיין מיטל אף צו...

באקפיש: (כאפט אויס די ווערטער). סטראכירן זיך?

לאמטערנשיסער: פארסטראכירן זיך נאסלוטשאי סמערטי?

מנחם־מענדל: אפשטראפירן זיך פונעם טויט?

טעדקעלטויב: (אויפגעלעבט). איך זע אין אייך, אז איר פארשטייט דאס אלע זייער גוט, און אז איר זייט אלע גרייט אפמאכן דאס עסק? קאן איך אייך זאגן דערויף נאר א יישר־כוח — איר טוט א גוטע זאך.

באקפיש: (שטארק אויפגעלעבט). מיר טוען דאס, וואס אונ־דזער חוב הייסט אונדז טאן.

לאמטערנשיסער: דאס, וואס דער סאוועסט דיקטירט אונדז, פאנימאיעטיע.

מנחם־מענדל: מיר טוען דאס על־פי יושר, טוען מיר דאס.

טעדקעלטויב: זאל אייך גאט העלפן, ווי איר ווינטשט אייך, איר זאלט מאריך ימים ושנים זיין, גאט זאל אייך מחיה זיין, ווי איר האט מיך מחיה געווען מיט מיין ווייב און קינדער; זיי קוקן נעבעך ארויס דערויף, איך בין דאך זייער איינציקער שפייזער. (שלעפט ארויס א פארטפעל). וויפל רעכנט איר צו מאכן? למשל, אף וואס פאר א סומע, הייסט עס.

באקפיש: (נעמט זיך צום פארטפעל). ווי קאנען מיר וויסן, וואס פאר א סומע?

לאַמטערנשיסער: (נעמט זיך צום פּאָרטפעל). מיר קאָנען איַיך, פּאַנימאַיעטיע, זאָגן אַ דעה?

מנחם־מענדל: שייַך, מיר זאָלן איַיך זאָגן דעות, מיר?

טערקעלטויב: (דערשטוינט). וואָס הייסט, איר מיר? איך וויל דאָך איַיך...

באַקפּיש: (אויסער זיך). איר ווילט אונדז מאַכן דאָס שפּיל?

לאַמטערנשיסער: איר ווילט אונדז סטראַכירן נאַסלוטשאַי סמערטי?

מנחם־מענדל: אָפּשטראַפירן פונעם טויט ווילט איר? אונדז?

טערקעלטויב: וואָס דען? איר — מיך? איר זייַט דען אויך אַגענטן?

באַקפּיש: באַ־באַ־באַ! פאַרשטייט זיך, אַגענטן. נו, און איר?

לאַמטערנשיסער: אַגענטן, ווי פּאַנימאַיעטיע. און ווער זייַט איר?

מנחם־מענדל: נאָך אַ מין אַגענטן! נו, און איר?

טערקעלטויב: (עלעגאַנט). לאַזאַר קאָנסטאַנטינאָוויטש טערקעלטויב, גענעראַל־אינספּעקטאָר און אַגענט־אָרגאַניזאַטאָר פון „אור־בען".

באַקפּיש: (עלעגאַנט). אַקים איסאַקאָוויטש באַקפּיש, אינספּעקטאָר־אָרגאַניזאַטאָר פון „ניו־יאָרק".

לאַמטערנשיסער: (עלעגאַנט). מאַרק מאָיסעיעוויטש לאַמטערנשיסער, אַקרוזשנאַי אַגענט־אַקוויזיטאָר, ווי פּאַנימאַיעטיע, פון „עקוויטעבל". (קוקט אָף מנחם־מענדלען מיט גדלות).

מנחם־מענדל: (עלעגאַנט). און איך בין מנחם־מענדל יקנהז, בין איך, סוף־אַגענט פון „יאַקיר". (אַלע פיר גיבן זיך די הענט, בייַטן זיך מיט די קאַרטלעך. נאָר איין מנחם־מענדל טאַפּט זיך אין אַלע קעשענעס). אוי־וואַ! ניטאָ נאָך באַ מיר קיין קאַרטלעך, ניטאָ!...

טערקעלטויב: (זיפצט). אַ שווערע פּרנסה, האַ?

באַקפּיש: (זיפצט). אוי, בקריעת ים־סוף! מע פאָרט, מע שמעקט, מע מיינט — טאַמער?...

לאַמטערנשיסער: (קוקט מיט גדלות אָף מנחם־מענדלען). ווי פּאַנימאַיעטיע? עס וואָלט אפשר געווען נישקשה, עס זאָלן ניט זייַן אַזויפיל אַגענטן. פּאַנימאַיעטיע, קאָנקורענצי...

מנחם־מענדל: וואָס טויג מיר קאָנקורענצי־שמענצי? זאָגט פּראָסט אָף יִדיש: מע ליגט אין דער ערד און מע באַקט בייגל.

**פאָרהאַנג.**

געשריבן אין יאָר 1905.

# קעניג פּיק

א שאַרזש אין איין אַקט לכבוד חנוכה

פּערזאָנען:

**ישראל־איסר,** אַ נגיד. האַלב ייִד, האַלב אַריסטאָקראַט. אַ „שפּעגעלאַנט״ פון דער בערזע.

**חנה,** זיין ווייב. מער ייִדענע ווי אַריסטאָקראַטין.

**בערטע,** זייער טעכטערל. אַ בת־יחידקעלע. אַ כלה.

**גרישאַ,** איר חתן. וויל אַריין אין אוניווערזיטעט.

**געסט,** מעקלערס פון דער בערזע מיט זייערע ווייבער. אַלע אַריסטאָקראַטן.

אָרט: יעהופּעץ. צייט: הייַנטיקער חנוכה.

[אַ באַלעבאַטישע שטוב. פּינע מעבל. אַ פּאַרטעפּיאַנאָ. באַ דער זײַט אַ פּאָר טישלעך. אויבנאָן, באַ דער טיר, אַף אַ שטול באַ דער וואַנט, אַ זיל־בערן־פּאַרגאָלדעט חנוכּה־לעמפּל.]

ישראל־איסר: (אָנגעבויגן איבערן זילבערן־פּאַרגאָלדעט חנוכּה־לעמפּל, בענטשט חנוכּה־ליכטלעך, לאָזט אויס מיט אַ ניגון). שע־שו נ־ס־י־ם ל־א־ב־ת־י־נו ב־י־מ־י־ם ה־ה־ם ב־ז־מ־ן ה־ז־ה!... (זאָגט עפּעס שטיל אונטער דער נאָז מיט אַ ניגונדל. לעבן אים שטייען חנה און בערטע. חנה — מיט אַ פרום פּנים, בערטע — צוּויפגעלייגט די הענט, קוקט אין עקסטאַז אַפן לעמפּל). ישראל־איסר ענדיקט דאָס זאָגן. צו דער טאָכטער). נו? צופרידן? אַט האָב איך דיר שוין געבענטשט חנוכּה־ליכטלעך אויך.

בערטע: מיר האָסטו געבענטשט חנוכּה־ליכטלעך?

חנה: (ווײַזט מיט דער האַנט אַף זיך). ניין. מיר. מיר.

בערטע: (צו דער מוטער. מיט שטאָלץ און מיט באַגײַסטע־רונג). ניט מיר און ניט דיר, נאָר לכּבוד חנוכּה, לכּבוד אונדזער נאַציאָ־נאַל־פעסט, לכּבוד אונדזערע העלדן, די מאַקאַבייער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר אונדזער...

ישראל־איסר: יאָ, יאָ. גערעכט, גערעכט. לכּבוד חנוכּה, לכּבוד פעסט, לכּבוד מאַקאַבייער... (הערט זיך צו. צו חנהן). דאַכט זיך, געקלונגען? (וויל אויסטאָן דאָס היטל. חנה לאָזט זיך גיין).

בערטע: (האַלב געבעטן, האַלב געהייסן). פּאַפּאַ! היינט וועסטו גיין מיטן היטל.

ישראל־איסר: וואָס הייסט? עס איז דאָך שוין נאָך אַלע־מען, קינדעניו... און אויסער דעם, אַט קומען געסט...

בערטע: די געסט מעגן אויך איין מאָל, צוליב חנוכּה, זיצן אין די היטלען. כאָטש ביז די חנוכּה־ליכטלעך וועלן אויסגיין. נישקשה. עס וועט זיי חלילה גאָרניט שאַטן. (חנה קומט צוריק מיט די געסט. אַלע אָנגעטאָן יום־טובדיק. די דאַמען אין בריליאַנטן מיט רידיקולס אין די הענט. די מאַנצבילן, דערזעען די אָנגעצונדענע ליכטלעך און דעם באַלעבאָס אין היטל, בלײַבן שטיין. ווייסן ניט, צי זאָלן זיי אויסטאָן די היטלען, צי ניין).

ישראל־איסר: מילאָסטי פּראָסים! פּאַזשאַלויטיע! (קוקט אַף דער טאָכטער, פאַרכאַפּט זיך). ברוכים הבאים! ווילקאָמען! זיצט, זעצט אײַך. (ווײַזט אַפן חנוכּה־לעמפּל). ווידיטיע, חנוכּה. צוליב געטאָן

דער טאַכטער. איר געבענטשט חנוכה־ליכטלעך. אַ וועלט געוואָרן. (לאַכט).

בערטע: פּאַפּאַ! ניט מיר האָסטו געבענטשט חנוכה־ליכטלעך, נאָר צום אָנדענקען פֿון...

ישראל־איסר: (פֿאַרכאַפּט זיך). יאָ, יאָ. ניט דיר, ניט דיר, נאָר לכבוד חנוכה, לכבוד פֿעסט, לכבוד מאַקאַבייער... (צו די געסט). זיצט. וואָס־זשע מאַכט איר? וואָס הערט זיך עפּעס אין שטאָט? וואָס הערט זיך אויף דער בערזע? וואָס איז מיט די קורסן? עפּעס נײַע „שפּע־גולאַציעס"?

ערשטער גאַסט: וואָס זאָל זיך הערן? ניטשעוואָ אָסאָ־בעננאַוואָ. אויף דער בערזע ניט פֿאָרגעקומען קיין פֿערעמענע. די קורסן זײַנען פֿעסט. איר קאָנט זײַן ספּאָקאָינע... (צו בערטען). זדראַסטי, בער־טעטשקאָ!

בערטע: ערשטנס, ניט בערטעטשקאָ.

ערשטער גאַסט: טאָ יעסט, ווינאָוואַט. בערטאַ איזראַ־איליעוונאַ...

בערטע: און ניט בערטאַ איזראַיִליעוונאַ, נאָר בתיה. פּשוט בתיה בת־ישראל. ניטאָ זיך וואָס צו שעמען מיט אַן אייגענעם נאָמען.

ערשטער גאַסט: אַ וואָוטאָריך?

בערטע: און צווייטנס, וואָס פֿאַר אַ „וואָוטאָריך" אויף אײַך און וואָס פֿאַר אַ „זדראַסטי" הײַנט?... גוט יום־טוב איז דען ניט שענער?

צווייטער גאַסט: אַ גוט יום־טוב גאָר?

ישראל־איסר: פֿאַרגעסן? חנוכה. (ווײַזט אויפֿן חנוכה־לעמפּל).

דריטער גאַסט: (רעדט לאַנגזאַם, מיט אַ גראָב קול). כאַוורעשעננאַ וויערנאַ. צוליב דעם האָט מען דאָך אונדז טאַקע פֿריג־לאַשעט.

בערטע: אײַנגעלאַדן — ווילט איר זאָגן.

פֿערטער גאַסט: אײַנגעלאַדן נאָ בליני.

בערטע: אויף לאַטקעס — ווילט איר זאָגן.

פֿינפֿטער גאַסט: קאָניעטשנאַ, לאַטקעס. ס'איקאַ־ראַטשקאַי.

בערטע: מיט שמאַלץ — ווילט איר זאָגן.

חנה: (וויל פֿאַרגלעטן, יוצא זײַן לכל הדעות). ס'איז דאָ שמאַלץ, ס'איז דאָ איקרע, ס'איז דאָ גריוון. ס'וועט זײַן אַלצדינג, אם ירצה שם, אַלצדינג. (ווענדעט זיך צו די דאַמען, רעדט מיט זיי שטילערהייט. יענע שמייכלען, פֿינקלען מיט די בריליאַנטן, שפּילן זיך מיט די רידיקולס, מאַכן צורעכט די טואַלעטן. עס פֿילט זיך אַ סומנעקייט אין דער גאַזעל־שאַפֿט).

ישראל־איסר: (וויל מאַכן אַ ביסל פֿריילעכער דעם עולם, טוט אַ רוף דאָס ווײַב). חנה! (ווײַזט מיט די אויגן אויף די גרינע טישלעך).

בערטע: (מיט דער האַנט איבערן פּאַטערס מויל). פּאַפּאַ! נאָר ניט דאָס... (בלאָזט זיך אָן, ווי אַ קליין געבאַלעוועט קינד).

ישראל-איסר: (שמייכלענדיק). וואָס „דאָס"?

בערטע: (לאַכט). דו ווייסט שוין וואָס!... (קוקט אָף דער מוטער. די מוטער ווינקט צום פּאַטער. דער פּאַטער קוקט זיך איבער מיט די געסט. עס הערשט אַן אומאַנגענעמע שטילקייט).

ערשטער גאַסט: (וויל באַרירן די שטילקייט). לאַטקעס מיט שמאַלץ און מיט גריוון — אַך, קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואָ!

בערטע: „קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואָ"? (לאַכט). האָט מיר קיין פּאַראַיבל ניט, וואָס איך וועל אײַך פרעגן: למאי זאָלט איר זיך באַנוצן דווקא ניט מיט אײַער אייגן לשון? מיר דאַכט, אַז ס'איז פיל גלײַכער ריידן רעכט ייִדיש, איידער שלעכט רוסיש... (דער ערשטער גאַסט בלײַבט אָן לשון. דער צווייטער גאַסט שטעלט זיך אײַן פאַר אים).

צווייטער גאַסט: יאַק ריידעלע טאַ ריידעלע, אַבי דאָברע מיינעלע. (באַלעקט זיך). לאַטקעס מיט שמאַלץ און מיט גריוון — שוין לאַנג ניט געגעסן. איך האַלט דעריבער פון דעם יום-טוב, וואָס מע קאָן עסן לאַטקעס...

דריטער גאַסט: סאַוועַרשעננאַ וויערנאַ. און דערצו נאָך מאַכן אַ קערטל... (קוקט אַהין, וווּ די גרינע טישלעך שטייען).

בערטע: (שפּאָטיש). מער האָט דער יום-טוב פאַר אײַך קיין שום אַנדער ווערט? קיין שום אָנדענקען?

ישראל-איסר: (זיצט ווי אָף הייסע קוילן. דערהערט אַ קלונג, צום ווײַב). דאַכט זיך, מע קלינגט?

חנה: דאָס דאַרף זײַן גרישאַ.

בערטע: „הערש" לוינט דיר ניט?

חנה: מיין איך — „הערש". (לאָזט זיך צו דער טיר).

ישראל-איסר: (צו די געסט שמייכלענדיק). הײַנטיקע קינדער! האָבן זיך אַ נעם געטאָן צוריק...

בערטע: (שלאָגט אים איבער). וואָס עפּעס צוריק, פּאַפּאַ? פאָרווערטס, ניט צוריק.

ישראל-איסר: יאָ, נו, איך מיין טאַקע אַזוי... צוריק צו ייִדישקייט מיין איך. צום... צום ייִדישן גאָט...

ערשטער גאַסט: (לאַכט). כאַ-כאַ!

צווייטער גאַסט: געוואָרן אַ גרויסע רעאַקציע.

דריטער גאַסט: סאַוועַרשעננאַ וויערנאַ. אַ פאַלנע רעאַקציע.

בערטע: (אויסער זיך). כאַ-כאַ-כאַ! באַ אײַך הייסט עס רעאַקציע?!

ישראל-איסר: (כאַפּט זיך אויף, ווייס ניט, וואָס ער זאָל טאָן, איז זיך מחיה, וואָס חנה קומט אַן מיט גרישאַן).

ג ר י ש א : (אנגעטאָן כמעט ווי אַ סטודענט. אין אַ סוזשורקע מיט אַ האַלב־סטודענטיש היטל. וויל אויסטאָן דאָס היטל. דערזעט דאָס חנוכה־לעמפּל און אַלעמען אין די היטלען, פאַרכאַפּט ער זיך). זדראַוו... (באַגעגנט זיך מיט בערטעס אויגן). טאַ יעסט, אַ גוט יום־טוב! (צו בערטען אַף העברעיִש, מיטן ספרדישן אַקצענט). מעאַד עסמאַד ליראָט בע־בעט אוויכאַ האַניכבאַדאַ האַזאָט...

ב ע ר ט ע : (פאַריכט אים די גרייַזן). בעבעט אוויד האַניכבאַד האַזע.

ג ר י ש א : ווינאַוואַט... (פאַרכאַפּט זיך). טאַ יעסט, סליכאַ... מעאַד עסמאַד ליראָט בעבעט אוויד האַניכבאַד האַזע עט האַהיסטאַדרוט האַניכבאַד האַזע!

ב ע ר ט ע : (פאַריכט אים). האַהיסטאַדרוט האַניכבאַדאַ האַזאָט...

ג ר י ש א : ווינאַ... (פאַרכאַפּט זיך). טאַ יעסט, סליכאַ! האַהיס־טאַדרוט האַניכבאַדאַ האַזאָט, שעהיטאַסעף באַבאַיִט האַניכבאַד האַזאָט...

ב ע ר ט ע : (פאַריכט אים). האַזע.

ג ר י ש א : קען, האַזע... אים ריגשיי קאַוואַד אוטכיאַ וועהיטלאַ־האַווּט לעאומי גאַדאַל אַל יעסאַד האַכאַג האַלעאומי האַגאַדאַל וועאַל יעסאַד טאַרבוטיינו אוספּאַטיינו האַלעאומי האַגאַדאַל...

ב ע ר ט ע : (פאַריכט אים). אוספּאַטיינו האַלעאומיט האַגדאָלאַ...

ג ר י ש אַ : (שוויצט). ווינאַוואַט!... (אין דער צייַט, ווען חתן־כלה ריידן העברעיִש און ציִען זיך אַוועק אַלעמאָל אַף אַ זייַט, קוועלן די געסט, ריידן זיך איבער צווישן זיך).

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : קאַקאָיאַ בלאַזשענסטוואַ!

צ ו ו י י ט ע ר ג א ס ט : פרעלעסטני יאַזיק... פאַכאַזש נאַ אי־טאַליאַנסקי...

ד ר י ט ע ר ג א ס ט : סאָווערשעננאַ וויערנאַ. נאַ איספּאַנסקי...

פ ע ר ט ע ר ג א ס ט : נאַ איספּאַנסקי...

פ י נ פ ט ע ר ג א ס ט : איספּאַנסקי, איספּאַנסקי...

י ש ר א ל - א י ס ר : (ברייטער ווי לענגער). דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דער נייַער טאָוואַרישטשעסטווע, מיין איד—אַבשטשעסטווע.

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : קאַקיאַ אַבשטשעסטוואַ?

י ש ר א ל - א י ס ר : אַט די וואָס רופן זיך „סטאַדרום"...

צ ו ו י י ט ע ר ג א ס ט : קאַק? קאַק?

י ש ר א ל - א י ס ר : „סטאַדרום".

ד ר י ט ע ר ג א ס ט : סאָווערשעננאַ וויערנאַ, „סטאַדרום".

ב ע ר ט ע : (צום פאָטער פון דער וויַיטן). פאַפּאַ! ניט „סטאַד־רום", נאָר „הסתדרות".

י ש ר א ל - א י ס ר : נו יאָ, „איסטאַדרום".

ב ע ר ט ע : ניט איסטאַדרום, נאָר „הסתדרות", מיט אַ ה"א!

י ש ר א ל - א י ס ר : זאָג איך דאָך! וויִאַזוי דען זאָג איך?

(גרישאַ און בערטע זיצן איינס אַקעגן דאָס אַנדערע, גרישאַ מיטן פּנים צו די געסט, בערטע מיטן פּנים צו גרישאַן, ריידן שוין שטילערהייט. גרישאַ זשעסטיקולירט מיט די הענט. ישׂראל־איסר באַנוצט זיך דערמיט, וואָס די טאָכטער זיצט אַהין מיטן פּנים, טוט ער אַ ווונק צו חנהן. חנה פאַרשטייט איס. שטיל ווערן צוגערוקט די גרינע טישלעך. עס וואַקסן אויס צוויי נייע פעשלעך קאָרטן, קריידלעך, בערשטלעך. איינציקווייז, בלומרשט און אַ שגם כּגנה, זעצן זיך אויס די געסט, די מאַנצבילן מיט זייערע דאַמען, אַרום די גרינע טישלעך. אַלע אויגן זיינען געווענדעט צו די צוויי פעשלעך קאָרטן. דער באַלעבאָס נעמט איין פעשל. דער ערשטער גאַסט נעמט זיך צום צווייטן פעשל. די קאָרטן ווערן אויפגעריסן מיט אַ קנאַק פון זייערע העמדלעך. די דאַמען נעמען זיך מיט אַ זיפצן צו זייערע רידיקולס. די אויגן באַ זיי ברענען. חנה גייט אָפּ אין קיך).

ערשטער גאַסט: (צום באַלעבאָס). וואָס־זשע, הייסט עס, וויל זי, די דאַזיקע נייע אַבשטשעסטווע, וואָס איר זאָגט? (צו די איבעריקע געסט). גאָספּאָדאַ! אין וואָס פאַר אַ שפּיל שפּילן מיר היינט דליאַ ראַדי חנוכּה?

ישׂראל־איסר: די אַבשטשעסטווע וויל, ערשטנס, אַז אַלע „שפּעגעלאַנטן", אַלע יידן מיין איך, זאָלן ריידן פּאַ דרעווניע־יעווריעיסקי. (פאַרקוקט די געסט אין די אויגן אַריין). מאַכן מיר אַ פּרעפערענסל? צי אפשר גאָר אַ זעקס־און־זעכציק?

צווייטער גאַסט: אַלע, זאָגט איר, זאָלן ריידן פּאַ דרעווניע־יעווריעיסקי? אַהאַ!... פּאַ מאַיעמו, וואָלטן מיר בעסער שפּילן אַן אַבשטשע שפּיל. (קוקט אָף די דאַמען).

דאַמען: (אַלע אינאיינעם). אַן אַבשטשע שפּיל.

דריטער גאַסט: סאָווערשעננאָ וויערנאָ. אַן אַבשטשע שפּיל.

פערטער גאַסט: נאַפּרימיער, אַ סטוקלקע? אַ באַנטשאָק?

פינפטער גאַסט: פּאַרוואָס ניט אַ טערטל־מערטל? (קוקט אָף די דאַמען).

דאַמען: (אויפגעלעבט, אַלע אינאיינעם). אַ טערטל־מערטל! אַ טערטל־מערטל!

ערשטער גאַסט: (רייבט אַ האַנט אָן אַ האַנט). אַ טערטל־מערטל? קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואָ!

צווייטער גאַסט: שוין לאַנג ניט געשפּילט אין טערטל־מערטל.

דריטער גאַסט: (קוקט אָף די דאַמען). סאָווערשעננאָ וויערנאָ. ערשט נעכטן אַ גאַנצע נאַכט געשפּילט אין טערטל־מערטל.

דאַמען: כאַ־כאַ־כאַ! ביז טאָג געשפּילט אין טערטל־מערטל!

ישׂראל־איסר: אַלזאָ, גאָספּאָדאַ, בלייבט עס אַ טערטל־מערטל?... (נעמט זיך צו די קאָרטן). מיין טאָכטער זאָגט, אַז אין אויס־

לאַנד ריידן שוין איצט אַלע „שפּעגעלאַנטן“, מיין איך אַלע ייִדן, פּאַ דרעווניע־יעווריעסקי. מע האָט צוליב דעם צונויפגעקליבן געלט, אַ מאַסע געלט, אַ האַלבן מיליאָן, זאָגט זי. אונדזער ליעוו איזראַיִליעוויטש האָט אויך געשענקט צען טויזנט.

ע ר ש ט ע ר ג אַ ס ט : ליעוו איזראַיִליעוויטש צען טויזנט? קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואַ! גאָספּאָדאַ, ווער האַלט די באַנק?

צ וו ײ ט ע ר ג אַ ס ט : צען טויזנט אַף דרעווניע־יעווריעסקי, ווי פּאַנימאַיעטיע? לאָז מען וואַרפן קאָרטן. ווער ס'וועט האָבן די „טויז“, דער וועט האַלטן די באַנק. (צום באַלעבאָס). פּאָזשאַלגיסטאַ!

י ש ר א ל ־א י ס ר : (נעמט אויסוואַרפן קאָרטן). דאָס איז געווען אַף יענער סאָבראַניע, וואָס אַט דער ביאַליק האָט געהאַלטן אַ „שפּעגעלאַציע“, מיין איך אַ ריעטש פּאַ דרעווניע־יעווריעסקי. איז דאָס ליעוו איזראַיִליעוויטשן אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער איז אַרויס מיט צען טויזנט.

ע ר ש ט ע ר ג אַ ס ט : (קוקט אַריין אין די קאָרטן). קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואַ!... וואָסער ביאַליק? דער ליעסאָפּראָמישלענניק?

צ וו ײ ט ע ר ג אַ ס ט : (קוקט אין די קאָרטן). כאַ־כאַ־כאַ! קאַקאָי ליעסאָפּראָמישלענניק? דער ביאַליק איז ניט קיין ליעסאָפּראָמישלענניק, נאָר אַ פּאָעט.

ד ר י ט ע ר ג אַ ס ט : סאָווערשעננאָ ווערנאָ. אַ ליעספּראָמישלעניק... מיין איך אַ פּאָעט.

פ ע ר ט ע ר ג אַ ס ט : (קוקט אין די קאָרטן). אַ? אַ פּאָעט? זנאַטשיט, פּרוג...

פ י נ פ ט ע ר ג אַ ס ט : קאָניעטשנאָ, פּרוג... אָ! אונדזער באַלעבאָס האָט געכאַפּט דאָס טײַזל, איז ער דער באַנקיר. (צום באַלעבאָס). פּאָזדראַווליאַיו!

ד אַ מ ע ן : פּאָזדראַווליאַיעם! פּאָזדראַווליאַיעם! (צווישן עולם ווערט אַ באַוועגונג. די מאַנצבילן רוקן צו די שטולן. די דאַמען ציִען אַרויס מיט אַ זיפצן פון די רידיקולס דאָס ביסל קליינגעלט. די אויגן באַ זיי ברענען).

יש ר א ל ־ א י ס ר : (נעמט זיך כלומרשט אָן אַ באַזונדערן חשק צו דער באַנק). בין איך, הייסט עס, דער באַנקיר? מילאַ. וועלן מיר שפּעגעלירן. (טיילט אויס קאָרטן. נעמט צונויף געלט. צו יעדן). וויפל קאָרטן? ווי טײַער? (ווינקט צו גרישאַן פון דער ווײַטן).

ג ר י ש אַ : (זיצט די גאַנצע צײַט ווי אַף נאָדלען, קוקט מיט ושעדנע אויגן צו די גרינע טישלעך. באַווײַזט דעם מחותן פון דער ווײַטן צוויי פינגער, אַז ער פאַרלאַנגט, הייסט עס, אויך צוויי קאָרטן. רעדט אַרויס מיט דער הברה הספרדית). שנאַיִם... שטאַיִם... (באַטאָנט דעם „אים).

ב ע ר ט ע : (וואָס זיצט נאָך אַלץ מיט די פּלייצעס צו דער

קאמפאניע און מיטן פנים צום חתן, זעט ניט וואס הינטן טוט זיך. פאר־וווּנדערט צום חתן). וואס שנים? וואס שתים? (דרייט אויס דעם קאפ צוריק, דערזעט די גרינע טישלעך מיט די קארטן, טוט זי א פלעסק מיט די הענט). פאפא! (לויפט צו צום פאטער, וויל בא אים אוועקנעמען די קארטן).

ישראל־איסר: בערטעטשקא! בתיהניו! גאט איז מיט דיר! האסט פארגעסן, אז היינט איז חנוכה? א פעסט... א מאקאבייער... היינט איז א מצווה צו „שפּעגעלירן", מיין איך — צו שפּילן אין קארטן. די גאנצע וועלט, די פרומסטע ייִדן, שפּילן חנוכה אין קארטן. (צו די געסט). גאספּאדא, וואס? ניט אזוי?

די געסט: (אלע אין איין קול מיט די דאמען). סאווערשעננא ווערנא, סאווערשעננא ווערנא.

ישראל־איסר: פרעג אפילו דעם חתן דיינעם. (צו גרישאן). גרישא! מיין איך — הערש! וואס שווייַגסטו?

גרישא: (צו בערטען, אף העברעיש. מאכט מיט די הענט). אוואל לעסאכעק קארטיסים בעכאנוקא קוואר ניטקאבעל אייצעל קאל באיט לעאומיט טארבוטיט!

בערטע: (פאריכט אים די גרייַזן). באיט לעאומי טארבוטי...

גרישא: (שוויצט). ווינאוואט... טא יעסט, סליכא! באיט לע־אומי טארבוטי... זע האלא אגוודא היסטארי!...

בערטע: (פאריכט אים). אגוודא היסטאריט...

גרישא: סליכא!

ישראל־איסר: (לייגט אויס דערווייַל די קארטן א קלאס נאך א קלאס. צו די געסט). א וועלט געווארן! איר האט זיך עס געריכט אמאל? דער טאטע „שפּעגעלירט" אין קארטן, און די טאכטער רעדט פא דרעווניע־יעווריסקי...

ערשטער גאסט: (קוקנדיק אין די קארטן, וואס דער באַ־לעבאס לייגט אויס אפן טיש א קלאס נאך א קלאס). דרעווניע־יעווריסקי — קאקאיא בלאזשענסטווא! קיינער האט נאך ניט אויסגענומען צווייַ־טע קלאס?

צווייטער גאסט: (קוקט מיט פלאמענדיקע אויגן אין די קארטן). טשודני יאזיק! דריטע קלאס האט אויך קיינער ניט גענומען. פאכאזש נא איטאליאנסקי.

דריטער גאסט: סאווערשעננא ווערנא. נא איספּאנסקי...

פערטער גאסט: דריטע קלאס האט אויך קיינער ניט גע־שלאגן... אטשען פאכאזש נא איספּאנסקי...

פינפטער גאסט: איספּאנסקי.. איספּאנסקי... אפשר וועט די פערטע קלאס עפּעס נעמען?

ישראל־איסר: (פריילעך, וואס קיינער האט ניט גענומען). איצטיקס מאל איז מיר די „שפּעגעלאציע" מיט דער באנק אפּגעלאפּן,

דאנקען גאט, אודאטשנא. אצינד וועלן מיר נאך זען, וואס וועט זיין מיט דער פינפטער קלאס? דער „דעוויאטי וואל" זאל מיר אפלויפן, ווי די ערשטע פיר קלאסן, און קיינער זאל ניט שלאגן — עהע־הע! (ווארפט ארויס די לעצטע קארט. אלע אויגן קוקן זשעדנע צו זיך אין די קארטן די דאמען זיפצן). גאספאדא! קעניג פיק! ווער האט קעניג פיק! קיינער האט ניט קעניג פיק? קיינער האט מיך ניט געשלאגן? (וויל געבן א נעם־צוגריף די קארטן).

גרישא: (צום מחותן). פא־פאזוואלטיע! קעניג פיק — זאגט איר? (ווארפט אוועק די כלה, לויפט צו צום טיש, דעקט אויף זיינע צוויי קארטן). אט איז ער, דער קעניג פיק! איך האב אייך געשלאגן! פאזשא־לויטיע באנק! (נעמט איבער די באנק).

בערטע: (א פלעסק מיט די הענט). אך! (פאלט דעם פאטער אף די הענט, פארווארפט דעם קאפ). פאפא! ער איז ניט מיין חתן מער!

ישראל־איסר: גאט איז מיט דיר! קינדעניו, וואס רעדסטו? (צום חתן). גרישא! הערש! וואס שטייסטו?

גרישא: בערטוסיא! בתיהניו! (בערטע טרייבט אים אפ מיט ביידע הענט. ער פאלט איר צו די פיס).

חנה: (קומט פון קיך, דערזעט בערטען באם פאטער אף די הענט און דעם חתן אף די קני). וואס איז? וואס איז דא געשען?

ישראל־איסר: גארניט, גארניט. גאלע גארניט. ער, גרישא, מיין איך הערש, האט מיך געשלאגן...

חנה: (קוקט מיט שרעק אף אירע אייגענע און אף די געסט. פארברעכט די הענט). א דונער איז מיר! ווער? גרישא? הערש? הערש האט אים געשלאגן? געשלאגן?!...

ישראל־איסר: (אין כעס, צו חנהן). פארשטייסט ניט קיין שפעגעלאציע! ניט מיך, די באנק האט ער געשלאגן. פארשטאנען? און ניט ער, נאר דער קעניג פיק האט מיך געשלאגן. דער קעניג פיק! קעניג פיק! קעניג פיק!

פארהאנג.

## העברעיִשע און רוסישע פראזן, וואס טרעפן זיך אין „קעניג פיק"

### ה ע ב ר ע יִ ש :

אוואל לעסאבעק קארטיסים בעבאנוקא קוואר ניטקאבעל אייצעל קאל באאיט לעאומי טארבוטי (אבל לשחק (ב)כרטיסים בחנוכה כבר נתקבל אצל כל בית לאומי תרבותי) — אבער צו שפילן אין קארטן אום חנוכה איז שוין אנגענומען אין יעדן נאציאנאלן קולטורעלן הויז.

זע האלא אוודא היסטאריט (זה הלא עובדה היסטורית) — דאס איז דאך א היסטארישער פאקט.

מעאד עסמאך ליראט בעבעט אוויך האניכבאד האזע עט האהיסטאדרוט האניב־באדא האזאט, בעהיטאסעף באבאאיט האניכבאד האזע אים ריגשיי קאוואד אוטביא ווערהיטלאהוואוט לעאומי גדאל אל יעסאד האכאג הalעאומי האגאדאל וועאל יעסאד טארבוטיינו אוספאטיינו האלעאומיט האגדאלא (מאד אשמח לראות בבית אביך הנכבד חזת עם רגשי (ברגשי) כבוד ותחיה והתלהבות לאומי(ת) גדול(ה) על יסוד התג הלאומי הגדול ועל יסוד תרבותנו ושפתנו הלאומית הגדולה) — עס פרייט מיך זייער צו זען בא דיין געערטן פאטער אין הויז די דאזיקע געערטע ארגאניזאציע (געזעלשאפט), וואס האט זיך פארזאמלט אין דעם דאזיקן הויז מיט געפיל פון אב־טונג און אויפלעבונג און גרויסער נאציאנאלער באגייסטערונג, אפן גרונט פונעם גרויסן נאציאנאלן יום־טוב און אפן גרונט פון אונדזער קולטור און אונדזער גרוי־בער נאציאנאלער שפראך.

סליכא (סליחה) — אנטשולדיקט.

קען (כן) — יא.

### ר ו ס י ש :

אבשטשע — אלגעמיינע. אודאטשנא — געלונגען. אטשען — זייער. איספאנסקי — שפאניש.

דליא ראדי — צוליב. „דעוויאטי וואל" — ניינטע כוואליע (אין קארטנשפיל). דרעווניע־יעווריסקי — העברעיִש.

וואפערוויך — ערשטנס. וואוטאריך — צווייטנס. ווידיטיע — זעט איר. ווינאוואט — אנטשולדיקט. ווי פאנימאיעטיע — איר פארשטייט.

זדראסטי (זדראווסטוויטיע) — גוט מארגן, גוטן אוונט. זנאטשיט — הייסט עס.

טאווארישטשעסטווא (אבשטשעסטווא) — געזעלשאפט. טא יעסט — דאס הייסט. טשודני יאזיק — א וואונדערלעכע שפראך.

ליעסאָפּראָמישלעננִיק — אַ וואַלד־סוחר.

מילאָסטי פּראָסים — זייער אַנגעלייגטע געסט.

נאַפּרימער — למשל. ניטשעוואָ אָסאָבענגאַוואָ — קיין באַזונדערעס.

סאָבראַניע, זאַסעדאַניע — פֿאַרזאַמלונג. סאָווערשעננאָ וויערנאָ — גאַנץ ריכטיק. סטוקעלקע — אַ רוסיש קאָרטנשפּיל. ספּאָקאָינע — רויק.

פּאָ מאָיעמו — נאָך מײַן מיינונג. פּאָזדראַווליאַיו — מזל טוב. פּאָזוואָלטיע — זײַט־זשע מוחל. פּאָזשאַלויטיע — ביטע. פּערעמענע — פֿאַרענדערונג. פּרעלעסטני יאַזיק, פּאָכאָזש נאַ איטאַליאַנסקי — אַ פּראַכטפֿולע שפּראַך, ענלעך אַף איטאַליעניש.

קאָניעטשנאָ — געוויס. קאַק? — ווי? קאַקאָיאַ בלאַזשענסטוואָ (פֿאַרגרײַזט פֿון „קאַקאָיע בלאַזשענסטוואָ") — ס'אַ מחיה!

ריעטש — רעדע.

געשריבן אין יאָר 1910.

# שראַגע

אַ איינאַקטער לכבוד פורים

## פערזאַנען:

**ישראל־איסר**, אַ נגיד. האַלב ייִד, האַלב אַריסטאַקראַט. אַ „שפּעגו־לאַנט” פון דער בערזע.

**חנה**, זײַן ווײַב. מער ייִדענע ווי אַריסטאַקראַטן.

**בערטע**, זייער טעכטערל. אַ בת־יחידקעלע. אַ כלה. אַ יפת־תואר.

**גרישא**, איר חתן. וויל אַרײַן אין אוניווערזיטעט.

**שושנה**, אירע אַ חברטע.

**היידאד**, אַ לערער פון העברעיש.

**געסט**. מעקלערס פון דער בערזע מיט זייערע ווײַבער. אַלע אַריסטאַקראַטן.

**יונגוואַרג**, מייסטנס מיידלעך.

**אָרט**: יעהופּעץ. **צײַט**: פּורים נאָך דער מגילה.

[אַ באַלעבאַטישע שטוב. פֿײַן מעבל. אַ פּאַרטעפּיאַנאָ. אינמיטן צימער צוויי לאַמבערנע טישלעך, איבערגעדעקט מיט אַ ווײַס טישטעך. אַפֿן טיש אַן אָפֿענע מגילה. ה יי ד אַ ד לייענט די מגילה. אַלע שטייען אַרום אים און הערן צו. איטלעכער אין אַן אַנדער פּאָזע: י ש ר א ל - א י ס ר האַלט צו מיט איין האַנט די מגילה, אין דער אַנדערער האָט ער אַ ליכט. ער לײַכט דעם בעל־קורא און קוקט אַליין אויך אַרײַן. די איבעריקע מאַנצ־בילן זעען אויס, ווי זיי האָבן זיך געביטן מיט די היטלען. די דאַמען ווייסן ניט, וואָס פֿאַר אַ פּנים זיי זאָלן מאַכן, ס'זאָל אויסקומען ניט צו ערנסט און ניט צו לײַכטזיניק. ח נ ה שטייט מיט אַ פֿרום פּנים. ב ע ר ט ע, אין עקסטאַז, שעפּטשעט נאָך איטלעכס וואָרט. ג ר י ש אַ שטשיפּעט די וואָנצעלעך, קוקט מיט ליבשאַפֿט אויף בערטען. י ו נ ג־וו אַ ר ג שטייען פֿאַרלייגט די הענט אַרונטער, האַלב ערנסט, האַלב שמייכלענד. קוקן אַלע אויף בערטען.]

ה יי ד אַ ד : שאָקלט זיך איבער דער מגילה מעשה חזן. די הענט הענגען אים אַראָפּ פֿון הינטן, גלײַך ווי זיי געהערן זיך מיט דער מגילה גאָרניט אָן. קוקט גאָר ניט אַרײַן, זאָגט כמעט אויסווייניק, מיט אַ ניגון, פֿרײַער גיך און נאָכדעם אַלץ מער אײַנגעהאַלטן). „וכל מעשה תקפו וגבו־רתו ופרשת גדולת מרדכי אשר גדלו המלך הלא־הם כתובים על־ספר דברי הימים למלכי מדי ופרס... (לאַנגזאַם). כי מרדכי היהודי משנה למלך החשורוש... (מיט גדלות). וגדול ליהודים... (טריומפֿירנד). ורצו לרוב אחיו... (הויך און מיט אַ ניגון). דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל זרעו!”... (עס טוט אים באַנג, וואָס ער האָט אַזוי גיך געענדיקט).

י ש ר א ל - א י ס ר : (לעשט אויס דאָס ליכט, גיט דעם לערער, ער זאָל צונויפֿקאַטשען די מגילה. טרייסלט אויף די הענט). סלאַוואַ באָגו!

ב ע ר ט ע : (מיט אַ פֿאַרוואָרף צום פֿאָטער). פּאַפּאַ! וואָס פֿאַר אַ לשון? וואָס פֿאַר אַ שפּראַך? וואָס פֿאַר אַ „סלאַוואַ באָגו”?

י ש ר א ל - א י ס ר : איך מיין, דאַנקען גאָט מיין איך, געפּטרט...

ב ע ר ט ע : (אַ פּלעסק מיט די הענט). געפּטרט? אויף דער מגילה „געפּטרט”?

י ש ר א ל - א י ס ר : (וויל זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר דער טאָכטער). קינדעניו, ניט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן... איך האָב געוואָלט זאָגן...

ב ע ר ט ע : (קאַפּריזנע). וואָס דו האָסט געוואָלט זאָגן — ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז דו האָסט געזאָגט אויף דער מגילה „געפּטרט”!

י ש ר א ל - א י ס ר : קינדעניו, איך האָב נאָר געזאָגט, אַז די מגילה... אַז בײַ אונדז אין שטוב... אַז... (קוקט אויפֿן חתן, בעט זיך בײַ אים מיט די אויגן, ער זאָל צוגיין אים אַ ביסל אַרויסהעלפֿן, ער זאָל אים פֿאַרענטפֿערן).

ג ר י ש אַ : (טוט זיך אַ וואָרף צו בערטען). אַוואַל אַוויכאַ...

ב ע ר ט ע : (פאַריכט אים). אַוויך.

ג ר י ש אַ : ווינאַוואַט... טאַ יעסט, סליכאַ! אַוויך היביאַ סימכאַטאַ בידוואַר קריאַט האַמגילאַ האַזע...

ב ע ר ט ע : האַזאַט.

ג ר י ש אַ : ווינאַוואַט, טאַ יעסט, סליכאַ... האַמגילאַ האַזאַט באַבאַיִט האַזאַט...

ב ע ר ט ע : האַזע.

ג ר י ש אַ : סליכאַ! באַבאַיִט האַזע... (חתן־כלה ווערן אַרומגע־רינגלט פונעם יונגוואַרג. קערן אָפּ אַף אַ זײַט, שלאָגן זיך צונויף אַלע אײנאײנעם. ריידן שטילערהייט).

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (גליקלעך, וואָס דער חתן האָט אים אַרויס־געראַטעוועט פון דער טאָכטערס הענט, קוקט אַף די געסט צופרידן). גאָספּאָדאַ! סאַדיטיעס! זיצט... פאַרוואָס זיצט איר ניט? (די געסט שטייען נאָך אַלץ, ווי פרעמדע מחותנים, ווייסן ניט, וואָס צו טאָן מיט די הי־לען).

ה יי ד אַ ד : (געענדיקט די אַרבעט, שטעלט זיך אַוועק מיט דער בונויפגעקאַטשעטער מגילה אַקעגן די געסט, ווײַזט מיט דער האַנט אַף דער מגילה און רעדט אַף העברעיִש מיטן ספרדישן אַקצענט, וואָס ווײַ־טער אַלץ מער מיט היץ). בעכאַל דאָר וואַדאָר אובכאַל מעדינאַ אומעדינאַ כאַזערעט האַמגילאַ האַזאַט... (די געסט קוקן אַפּן לערער מיט ווילדע אויגן, פאַרשטייען ניט, וואָס ער וויל, רוקן זיך אָפּ פון אים. ער טרעט־אָן אַף זיי, מאַכט מיט דער מגילה אין דער לופטן און רעדט מיט נאָך מער פײַער). קאַמאַ פּעאָמים ניכטאַוו ווענעכטאַם אַל אַם האַיהודים לע־האַשמיד לאַהאַראָג אולאַבעד!... קאַמאַ פּעאַמים יאַצאַ האַמאַן בען האַמ־דאַטאַ האַאַגאַני ליכטאָוו סיטנאַ אַל אַם איסראַעל!...

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (זעט, ווי די געסט האָבן מורא פאַרן לע־רער, מישט ער זיך אַרײַן אין מיטן, ווענדעט זיך צום לערער). וידבר על העצים ועל האבנים — וואָס רעדט איר צו זיי אַזאַ לשון, וואָס זיי הייבן ניט אָן צו פאַרשטיין? אַמער, דברט בעסער אָט צו ווען. (ווײַזט אַפּן יונגוואַרג). זיי וועלן אײַך פאַרשטיין. זיי זײַנען מבין כל דיבור.

ה יי ד אַ ד : (האַלב אַף יידיש, האַלב אַף העברעיִש). וואָס גייטס מעד אָען, צי יענער פאַרשטייט מעד, צי ער פאַרשטייט מעד ניט? דאָס איז מאַן שפּראַך! למאי שעמט זיך ניט באַ אונדז דער פּוילן מיט זײַן פּוילעש, דער דאַטש מיט זאַן דאַטש, דער פראַנצויז מיט זאַן פראַנצוי־זיש, און אפילו דער ציגאַנער מיט זאַן ציגאַנעריש? אַני מעדאַבער איוו־ריט בעכאַל מאַקאָם וועאים קאַל האַאָלאַם. אפילו קעשעאַני יאָצע בע־מערקאַווא, אַני אַבער לעהאַקאַנדוקטאָר: טען לי קאַרטים! וואָס גייטס מעד אָען?...

ע ר ש ט ע ר ג אַ ס ט : קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואַ!

צווייטער גאַסט: זאַמעטשאַטעלני יאַזיק! פּאַכאַזש נאַ איטאַליאַנסקי.

דריטער גאַסט: (מיט אַ באַסאַווע שטים). סאַווערשעננאַ ווירנאַ. זוועטשיט קאַק איספּאַנסקי.

פערטער גאַסט: איספּאַנסקי, איספּאַנסקי.

בערטע: (וואָס שטייט מיט שושנהן באַ דער זײַט, רעדט שטיל, ווענדעט זיך צום פֿאָטער פֿון דער ווײַטן). וואָס איז דאָרט באַ אײַך פֿאַר אַ שמועס, פּאַפּאַ?

ישראל־איסר: (צופֿרידן, וואָס מע האָט אים אָפּגעריסן פֿון אַן אָנשיקעניש). מיר שמועסן דאָ מיטן לערער וועגן דרעווניע־יעווריעיסקי...

בערטע: (פֿון דער ווײַטן צום פֿאָטער). אַך, פּאַפּאַ! איך האָב דיך וויפֿל מאָל געבעטן, זאָלסט דאָס ניט רופֿן דרעווניע־יעווריעיסקי! וואָס פֿאַר אַ דרעווניע־יעווריעיסקי?

הײַדאַד: (צופֿרידן מיט בערטען). טאַוו וועיאַפּע ווענעכמאַד ווענאַאים!

בערטע: קאָנסט דאָס רופֿן ווי דו ווילסט. קאָנסט דאָס רופֿן העברעיִש, קאָנסט דאָס רופֿן אונדזער לשון, אונדזער נאַציאָנאַל־שפּראַך.

ישראל־איסר: (צו דער טאָכטער פֿון דער ווײַטן). נו, קאָניעטשנאַ, נאַציאָנאַל־שפּראַך. ווײַזוי זאָג איך דען? (בערטע רעדט מיט אירע חברטעס און חברים, און ישראל־איסר — צו די געסט). אָדנים סלאַוואַם, ס'איז וועלט געוואָרן — ניע דאַי באָג! איר מיינט, נאָר דאָ? אין דער גאַנצער וועלט. און נאָר מאַלאַדיאָזש! זעט איר אָט די דאָזיקע יפֿה־פּיה? (ווײַזט אויף שושנהן, וואָס רעדט מיט דער טאָכטער). דאָס האָט מען איר צו פֿאַרדאַנקען. דאָס האָט זי אײַנגעגעסן מיט מײַן טאָכטער אויפֿגעגעבן אַ פּראָיעקט אויף צו סאָיעדיניאַיען די מאַלאַדיאָזש פֿון דער גאַנצער וועלט. וואָפּערוויד... (וויל צײַלן אויף די פֿינגער).

בערטע: (צום פֿאָטער פֿון דער ווײַטן). וואָס ווײַזטו אויף אונדז מיט די פֿינגער, פּאַפּאַ?

ישראל־איסר: (צו דער טאָכטער און שושנהן). גאָרניט. איך שמועס עם אָקעגן אײַער הסתדרות, וואָס איר האָט אויסגעטראַכט...

שושנה: וואָס מיר האָבן אויסגעטראַכט?

הײַדאַד: (מישט זיך אַרײַן. שאָקלט מיט דער צוויפֿגעקאָטשעטער מגילה, רעדט צו ישראל־איסרן). סליכאַ! סליכאַ!

ישראל־איסר: וואָסער סליחה? ס'איז דען אַ סליחה? ס'איז דאָך אַ מגילה, ניט קיין סליחה.

הײַדאַד: קען! אוואַל... סליכאַ! (אַ מאַך מיט דער האַנט. גייט אויף צום יונגוואַרג. מע זעט פֿון דער ווײַטן, ווי שושנה רעדט, זשעסטיקולירט מיט די הענט, און דאָס גאַנצע יונגוואַרג הערט זיך אײַן).

ישראל־איסר: (פּטור געוואָרן פֿונעם לערער, נעמט אַראָפּ

דאָס ווײַסע טישטעך פֿונעם גרינעם טישל און גיט עס איבער מיטן ליכט צו חנהן. טוט אויס דאָס היטל). דושינקע, פֿאַרוואָס בעטסטו ניט די דאַ־מען שפּעגעלירן... מײַן איך, זיצן?

ח נ ה : (צו די דאַמען). זיצט, פֿאַרוואָס זיצט איר ניט? (די דאַ־מען זעצן זיך אויס מיט די רידיקולס אין די הענט, קוקן אָף די מאַנצ־בילן. די מאַנצבילן טוען אויס אײַנציקווײַז די היטלען. אײניקע פֿאַרדרײ־כערן, אײניקע שטײען און קוקן נאָך אָפּן יונגוואַרג, וואָס הערן שושוחס רעדע).

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (פֿאַרדרײכערט. צו די געסט, אַנווײַזנדיק אָפּן יונגוואַרג). ס'איז באַ זײ הײַנט אַ שפּעגעלאַציע... מײַן איך, אַ סאַ־בראַניע פֿון דער נײַער אַבשטשעסטווע, וואָס איך האָב אײַך אָנגעהויבן צו דערציילן, האָט מיך אָט דער חיים־יענקל איבערגעשלאָגן. (ווײַזט אָפּן לערער). און פֿון וועמען וואַקסט עס? אַלץ פֿון איר, אַלץ פֿון איר. (ווײַזט אָף שושנהן און מיינט די טאָכטער). אַ ברען, ניע דאַי באָג! קאַרג, וואָס זי האָט אָפּגעשמדט גאַנץ יעהופּעץ, געמאַכט אַלע שפּעגעלאַנטן, מײַן איך אַלע ייִדן, פֿאַר דרעווניע־יעווריעיצעס, האָט זי זיך גענומען איצטער פֿאַר די אַלע איבעריקע שטעט פֿון דער גאַנצער וועלט. איר זאָלט זען די בריוו, וואָס זײ צעשרײַבן אַ טאָג — ניע דאַי באָג!

ח נ ה : (וואָס רעדט שוין מיט די דאַמען, מישט זיך אַרײַן צו די מאַנצבילן). וואָס זײ קאָסט אָפּ אַ וואָך פּאָסט־מאַרקן, מיט אַטקריט־קעס, מיט פּאַפּיר, מיט טינט, מיט שלעק, צרות, וואָלט זיך עס אַ מעקלער ווינטשן פֿאַרדינען אָף דער בערזע... (דער עולם קוקט זיך איבער שמייכ־לענדיק).

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (וויל צעטרײַבן די אומאָנגענעמלעכקייט). דושינקע! פֿאַרוואָס הייסטו ניט עפּעס דערלאַנגען צום טיש? ס'איז דאָך עפּעס יום־טוב! פּורים אָף דער וועלט! המנס יאָרצײַט!

ח נ ה : שוין געהייסן. אָט באַלד וועט מען דערלאַנגען. (רעדט שטילערהייט מיט די דאַמען).

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (צו די געסט). אַ פֿאַרקערטע וועלט גע־וואָרן. שטעלט איך פֿאַר, דאַזשע לעוו איזראַילעוויטש...

ג ע ס ט : (אַלע אויפֿגעלעבט). לעוו איזראַילעוויטש? וואָס לעוו איזראַילעוויטש?

י ש ר א ל ־ א י ס ר : לעוו איזראַילעוויטש האָט זיך אָנומלטן אויסגעדריקט, אַז ער האַלט אויך פֿון די זאַכן. דאָס הייסט, פֿון ייִדיש האַלט ער דווקא ניט. ער האָט פֿײַנט זשאַרגאָן, ווי חזיר! זשאַרגאָן, זאָגט ער, איז ניט קיין שפּראַך. ער האַלט נאָר פֿון דרעווניע־יעווריעיסקי. ער זאָל זיך ניט סטיעסניאַיען, זאָגט ער, פֿאַר קריסטן, וואָלט ער אײַנגעפֿירט, אַז אַלע זײַנע סלוזשאַשטשעס זאָלן אין קאַנטאָר ריידן נאָר פּאַ דרעווניע־יעווריעיסקי...

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : ניעאַוזשעלי? קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואַ!

(צווישן יונגוואַרג ברעכט אויס אַ געלעכטער. די דאַמען דרייען זיך אויס צום יונגוואַרג, קוקן זיך איבער מיט די מאַנצבילן).

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (צו דער טאָכטער פון דער ווײַטן). וואָס איז דאָרט באַ אײַך אַזוי לעבעדיק?

ב ע ר ט ע : (פון דער ווײַטן). אַך, פּאַפּאַ! ווען וועט איר שוין אויפהערן אַמאָל דינען עבודה זרה?

ה יי ד א ד : טאָוו וועיאַפּע וועגעכמאַד וועגאַאים!

י ש ר א ל ־ א י ס ר : וואָסער עבודה זרה?

ש ו ש נ ה : (פון דער ווײַטן). אַ גליק, וואָס לעוו איזראַיליעוויטש לייענט ניט חנוכה די מגילה און בענטשט ניט פּורים קיין חנוכה־ליכט־לעך...

י ו נ ג ו ו א ר ג : כאַ־כאַ־כאַ!

ה יי ד א ד : טאָוו וועיאַפּע וועגעכמאַד וועגאַאים!

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (פילט זיך ניט גוט. וויל פאַררײדן די געסט). ניע דאַי באָג! זיי וואָלטן וועלן, אַז אַלע שפּעגעלאַנטן, אַלע ייִדן מײַן איך, זאָלן בענטשן די מגילה און לייענען חנוכה־ליכטלעך... מײַן איך פאַרקערט — לייענען חנוכה־ליכטלעך און בענטשן די מגילה... טפו! וואָס זאָג איך?

ח נ ה : (קומט דעם מאַן צו הילף). ביז מיר זײַנען ניט אַריבער־געפאָרן קיין יעהופּעץ, איז מײַן מאַן געווען אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן. און דאַ, זינט ער האָט אָנגעהויבן האַנדלען אַף דער בערזע, איז ער גע־וואָרן אַזאַ צעטראָגענער מלאך, אַז מע קאָן פון אים דעם שלאַק באַקו־מען! ער קאָן אײַך אַמאָל אויפשטיין אינדערפרי און מאַכן אַ גוואַלד: „וווּ זײַנען מײַנע שפּעגעלאַציעס?" — „וואָסערע שפּעגעלאַציעס?" — „מײַן איך די אַקציעס!" — „וואָסערע אַקציעס?" — „מײַן איך דיווי־דענטן!" — „וואָסערע דיווידענטן?" — לאָזט זיך אויס, אַז ער זוכט די שטעק־שיך... (צווישן עולם ווערט אַ געלעכטער. ישׂראל־איסר קוקט אַף חנהן אַריבער די ברילן, צענעמט די הענט, וואָלט וועלן, זי זאָל שוין אַמאָל אויפהערן ריידן. אַף זײַן גליק עפנט זיך די קיכטיר און עס באַ־ווײַזט זיך אַ גרויסער בעקן מיט שלח־מנותדיקע זאַכן: פלעדלעך, לע־קעכלעך, מאַנדלעך, טייגלעך און מאַראַנצן).

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (צו חנהן). דושינקע, אָט האָט מען גע־בראַכט דעם שלח־מנות.

ח נ ה : (כאַפּט אונטער דעם בעקן מיט ביידע הענט, טראָגט אים צו פריִער צו די דאַמען, דערנאָך צו די מאַנצבילן, דערנאָך צום יונגוואַרג, בעט יעדן באַזונדער). געניסט, איך בעט אײַך, געניסט עפּעס. פאַרוואָס זאָלט איר עפּעס ניט געניסן? נעמט כאָטש אַ מאַראַנץ!

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (קומט איר צו הילף). גאָספּאָדאַ, שלח־מנות!

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : שלח־מנות? קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואַ!

יונגווארג: (שיסן אויס א געלעכטער). כא־כא־כא! (אלע געסט קוקן זיך ארום).

די דאמען: (קוקן אפן יונגווארג). וואס איז דארט ווידער „כא־כא־כא"?

ישראל־איסר: (צו דער טאכטער). וואס איז דארט בא אייך אזא גדולה?

בערטע: (פון דער ווייטן). מיר קלייבן דא נחת פון אייך, וואס איר זייט אייך אזוי נוקם אן דער רוסישער שפראך...

שושנה: איר זייט מקיים דעם פסוק: „לעשות נקמה בגויים"... (יונגווארג גייען אפ אין צווייטן צימער).

הײדאַד: טאוו וועיאפע וועננעכמאד וועננאאים! (גייט, מאכנ־דיק מיט דער מגילה, נאכן יונגווארג). די דאמען קוקן זיך איבער. די געזעלשאפט פילט זיך אומאנגענעם).

חנה: (וויל פארגלעטן, טראגט צו נאכאמאל דעם בעקן מיט שלח־מנות צו די דאמען). געניסט, איך בעט אייך. פארוואס זאלט איר עפעס ניט געניסן? נעמט כאטש א מאראנץ... (די שטימונג ווערט נאך מער געשלאגן).

ישראל־איסר: (וויל איבעררייסן די שטימונג). א וועלט געווארן! כסדר בא זיי שפעגולאציעס... מיין איך סאבראניעס, זאסעדא־ניעס. און איבערהויפט אט די שושנה און מיין טאכטער; זיי טוען אויף אזעלכע זאכן — ניע דאי באג! שטעלט אייך פאר — זיי האבן אויס־געארבעט אן אוסטאוו בא זיי, מיט פונקטן, מיט פאראגראפן. (ציילט אף די פינגער). וואפערוויד, דרעווניע־יעווריסקי. וואווטאריד, יידישע חדרים...

ערשטער גאסט: ניעאוזשעלי?

צווייטער גאסט: בעדרא?

דריטער גאסט: סאווערשעננא וויערנא. סשקאלעס מסתמא.

ישראל־איסר: ניין, ניט קיין שקאלעס, נאר טאקע חדרים, פשוטע יידישע חדרים.

מאנצביל: (אלע אינאיינעם). חדרים?

דאמען: חדרים?!

ישראל־איסר: היינט איז דא בא זיי א פונקט, מע זאל אוניטשטאזשען קארטן.

מאנצביל: (איבעראשט). אוניטשטאזשען קארטן?!...

דאמען: (דערשראקן). קארטן?!...

ישראל־איסר: (צענעמט די הענט, ווי אף צו שווימען). אקאנטשאטעלנא! אוים קארטן!

ערשטער גאסט: (קוקט אף די איבעריקע). קאקאיא בלאזשענסטווא!... (צום באלעבאס). וואס־זשע, הייסט עס, וועלן מיר

טאָן, אַז מע וועט זיך צונויפקומען, נאָפּרימער, אַף אימעניניעס, אָדער אַ יום־טוב, אָדער אַזוי אַן אַבשטשעסטווע?

צ ווייטער ג אַ ס ט : וואָס פאַרשטייט איר ניט? וועלן מיר שמועסן אַ ביסל פּאַ דרעווניע־יעווריעסקי. אַ ביסל פון ליטעראַטור.

ד ריטער ג אַ ס ט : סאָווערשעננאָ וויערנאָ. אויב אינצווייען, וועט מען מאַכן אַ זעקס־און־זעכציק און אויב אינדרייַען, איז אַ פינף־הונדערט־איינס...

פ ערטער ג אַ ס ט : און אויב מערער — איז אַ סטוקלקע.

פ ינפטער ג אַ ס ט : און אפשר גאָר אַן אַבשטשע שפּיל? (קוקט אַף די דאַמען). האַ? וואָס זאָגט איר?

ד אַ מ ע ן : קאָניעטשנאָ, אַן אַבשטשע שפּיל! (נעמען זיך צו די רידיקולס).

י ש ר א ל ־ א י ס ר : האַ? וואָס זאָגט איר? אַן אַבשטשע שפּיל? (מע ווייס ניט פון וואַנען עס וואַקסט אויס באַ אים אין די הענט צוויי טאַליעס קאָרטן). טאַ! באַ מיר האָט איר געפּועלט. איך בין דאָך, ווי זאָגט איר, ניט מער ווי באַלעבאָס...

ח נ ה : (ווידעראַמאָל מיטן שלח־מנות, שוין צו די מאַנצבילן). געניסט נאָך עפּעס, פאַרוואָס זאָלט איר ניט געניסן? נעמט כאָטש אַ מאַראַנץ...

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (וויל פּטור ווערן פון איר אויך). דושינקע! טאָמער וואָלט געווען גענוג מאַראַנצן? מיר האָבן דאָך גערעדט וועגן המן־טאַשן. עפּעס יום־טוב, פּורים אַף דער וועלט, המנס יאָרצייַט...

ח נ ה : (טוט זיך אַ כאַפּ אויף און אַ פּאַטש אין שטערן). אָט אַ קאָפּ! אַ קאַצענער מוח! גוט, וואָס דו האָסט מיך דערמאָנט המן־טאַשן. איך גיי אין קיך אַרייַן. איך מוז אַליין זייַן באַ די המן־טאַשן. (צו די דאַמען). האָט קיין פאַראיבל ניט, איך מוז גיין. מייַן דינסט וועט מיר דאָרטן אָנמאַכן המן־טאַשן, וועט זייַן וואָס צו זען! די יעהופּעצער פּוס־טאָקראָטן — גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד... איך מיין די היגע דינסטן מיין איך. איך זאָג איר, מייַן קעכן הייסט עס: המן־טאַשן קאָנט איר מאַכן? קוקט זי מיך אָן, ווי אַ ליימענער גולם. ביז איך האָב איר איינגעטאָלקעוועט, אַז מע דאַרף פאַרקנעטן טייג, אויסקאַטשען און אויס־קלעפּן דרייַעקעכיקע המן־טאַשן, צערייַבן מאָן אַף מילך. באַ איר איז געווען רעכט אַרייַנטאָן דעם מאָן אין די המן־טאַשן, ווי ער שטייט און גייט. גאָט איז מיט אייַך, זאָג איך, איר זייַט נאָך ניט פאַרטיק מיט די המן־טאַשן! צו המן־טאַשן דאַרף מען נאָך האָניק אויך...

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (צום ווייַב). הכלל, ליובעניו, ווען וועלן מיר שוין דערלעבן זיך זען מיט די המן־טאַשן?

ח נ ה : אָט דאָס גיי איך דאָך! (גייט אָפּ אין קיך. די דאַמען שמייכלען צו איר כלומרשט פרייַנטלעך, צופרידן, וואָס חנה איז אָפּגע־גאַנגען, רוקן זיך צו מיט די רידיקולס צום טיש).

ישראל-איסר: (צו די געסט). אלזא, גאספאדא, איז אן אבשטשע שפיל? איך מיין אבער, אז פא זאקאנו קומט היינט אן אקע. אקע איז א יידישע שפעגעלאציע, מיין איך א יידישע שפיל. פארט יום־טוב, פורים אף דער וועלט, המנס יארצייט... (צו די געסט). הא? וואס זאגט איר?

געסט: (אלע אינאיינעם, אויפגעלעבט). סאווערשעננא וויער־נא. אן אקע! אן אקע!

ישראל-איסר: אלזא, אן אקע? בא מיר האט איר גע־פועלט. איך בין דאד, ווי זאגט איר, ניט מער ווי באלעבאס... (עפנט אויף די קארטן מיט א קנאק). וויאזוי־זשע שפעגעלירן מיר, מיין איך, וויאזוי שפילן מיר? מיטן קוועניץ?

ערשטער גאסט: אקע מיטן קוועניץ — קאקאיא בלא־זשענסטווא!

צווייטער גאסט: און איך וואלט געזאגט — דווקא אנעם קוועניץ.

דריטער גאסט: סאווערשעננא וויערנא. מיטן קוועניץ און מיטן קאנטשיק.

פערטער גאסט: פא נאסטאיאשטשעמו, באדארף זיין אן אקע מיט אלע פאדלאסטן. דאס הייסט, מע מעג אייך שמייסן ביזן טאג אריין. פון א דרייערל ביז א הונדערטער, און דאזשע מער פון א הונדערטער.

פינפטער גאסט: קאניעטשנא, מיט אלע פאדלאסטן! (צו די דאמען). וואס זאגט איר?

דאמען: (ניט צופרידן, וואס מע וועט שפילן אין אקע אן זיי. נעמען זיך פונדעסטוועגן צו די רידיקולס, רוקן זיך צו מיט די שטולן צו זיי, קוקן אריין אין די קארטן פון הינטן, זיפצן). לאז זיין אן אקע, לאז זיין מיט אלע פאדלאסטן, אבי לאז מען שוין שפילן.

ישראל-איסר: אדנים סלאוואס, ווער איז ערשטע האנט? (ווארפט אויס קארטן. רעדט אין איין אטעם). אל״ף אן אדלער. בי״ת א בארנבוים. גימ״ל א גנב. דל״ת א דריידל. ה״א א המן־טאש. וא״ו א ווייגארטן. זיי״ן א זאווערוכע. חי״ת חיים־יענקל... (צום ערשטן גאסט). איר זייט ערשטע האנט. (לייגט אויס יעדן צו צוויי קארטן צוגעמאכט און נאכדעם צו צוויי קארטן אויפגעדעקט. דער עולם הייבט אן ווערן נערוועז, נאר מע מאכט זיך גלייכגילטיק).

ערשטער גאסט: קאקאיא בלאזשענסטווא! (רוקט זיך צו צום טיש נאך נעענטער, נעמט ארויס געלט. פארקאטשעט די ארבל). שוין לאנג ניט געשפילט אין אקע.

צווייטער גאסט: (רוקט זיך צו, נעמט זיך צו דער קע־שענע). א שאק מיט יארן.

דריטער גאסט: (נעמט זיך צו דער קעשענע). סאווער־

שעננאַ וויערנאַ! ערשט נעכטן געהאַקט אין אַקע אַ גאַנצע נאַכט, ביזן ווייסן טאָג...

פערטער גאַסט: (נעמט זיך צו דער קעשענע. זינגט מיט אַ חסידישן ניגון). דער רבי האָט געהייסן פריילעך זײַן, ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן... (צו די דאַמען). האַ? וואָס?

דאַמען: (קוקן מיט ברענענדיקע אויגן צו די מאַנען אין די אויסגעלייגטע קאָרטן. זיפצן, לאַכן נערוועז). כאַ־כאַ־כאַ!

ישראל־איסר: (צום ערשטן גאַסט). אַדנים סלאַוואַם, איר זײַט ערשטע האַנט, דאַרפט איר ריידן ווערטער.

ערשטער גאַסט: (באַטראַכט אַלעמענס קאָרטן, וואַרפט אָפּ טיש). קאַקאיאַ בלאַזשענסטוואַ! איך וועל בעטן דעם עולם אַוועקלייגן צו דרײַערלעד סליעפּאַ. (לייגט אַוועק אַ דרײַערל און מאַכט צו די אויגן).

צווייטער גאַסט: בלא ראיה הייסט עס? (טראַכט אַ ווײַלע. רעדט צו זיך אַליין). נו, מאָיסיי מאַרקאָוויטש? פּאַזשאַלויטיע וקאַנטאַרו — אַרויס מיט דער מטבע! (לייגט געלט).

דריטער גאַסט: סאָווערשעננאַ וויערנאַ. (לייגט געלט. אומצופרידן). ווי אַ לאָך אין קאָפּ!

פערטער גאַסט: (זיפצט). אַז אָך און ווײ איז מיר, איך מוז מיך נאָכשלעפּן. (לייגט געלט). באַ אַ פּגירה בין איך אויך אַ בהמה.

פינפטער גאַסט: (קרעכצט, לייגט אַ דרײַערל). פאַרפינצטערט בין איך געוואָרן! איך מוז אויך. וואָס זאָל איך טאָן?

ישראל־איסר: נו, מוז איך דאָך אוודאי שפּעגעלירן. איך בין דאָך, ווי זאָגט איר, עפּעס באַלעבאָס, לכבוד פּורים... (לייגט געלט). המנס יאָרצײַט...

ערשטער גאַסט: מיר זאָגט דאָס האַרץ, אַז דאָ דאַרף ליגן גאָלד. (קלאַפּט מיט אַ פינגער איבער די צוגעמאַכטע קאָרטן). גאָספּאָדאַ! נאָך אַ דרײַערל בלינד. (לייגט אַוועק נאָך אַ דרײַערל).

צווייטער גאַסט: (צו זיך אַליין). נו, מאָיסיי מאַרקאָוויטש, ביסטו אַרײַנגעקראָכן, קריך ווײַטער. (לייגט נאָך אַ דרײַערל).

דריטער גאַסט: סאָווערשעננאַ וויערנאַ. (לייגט דאָס געלט מיט כעס). ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגן!

פערטער גאַסט: (זיפצט). אַז אָך און ווײ איז מיר! (קריכט אין קעשענע). איך מוז מיך נאָכשלעפּן. וואָס ס'וועט זײַן מיט כל ישראל, וועט זײַן מיט רב ישראל.

פינפטער גאַסט: (קרעכצט און לייגט געלט). פאַרפינצטערט בין איך געוואָרן! איך מוז אויך. אַ ברירה האָב איך?

ישראל־איסר: נו, מוז איך דאָך אוודאי שפּעגעלירן. איך בין דאָך, ווי זאָגט איר, עפּעס באַלעבאָס. המנס יאָרצײַט. (לייגט געלט. עס וואַקסן די דרײַערלעך אָפּן טיש. אַלע אויגן ברענען. די דאַמען זיפצן).

נו, גאָספּאָדאַ! וואָס וועט זײַן ווײַטער? (קוקט אַפן ערשטן גאַסט. פון צווייטן חדר גנבעט זיך אונטער מיט שטילע טריט גרישאַ. קוקט זיך אַרום צוריק, גייט צו פּאַוואָליע צום טיש. זעצט זיך אַוועק אומבאַמערקט אַף אַ שטול הינטער ישראל־איסרס פּלייצעס. קוקט צו, ווי מע שפּילט).

ע ר ש ט ע ר  ג אַ ס ט : וואָס זאָל זײַן ווײַטער? ווײַטער וועלן מיר זיך גיין אָנקוקן... די דריטע קאָרט וועט שוין זאָגן, וואָס איך האָב צו טאָן... (הייבט אויף איינע פון די צוויי צוגעדעקטע קאָרטן, לייגט זי אַוויף מיטן פּנים אַראָפּ אַף איינע פון די אָפענע קאָרטן. לענט זיך אָפּ אַ ביסל צוריק. טראָגט צו דאָס פּאָרל צו דער נאָז. וואַרפט אַ גיכן קוק אַף דער דריטער עטוואָס אויפגעדעקטער קאָרט, ווערט מאָדנע לעבעדיק). קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואַ! (לייגט גיך אַוועק צוריק די קאָרטן און נעמט זיך צו דער קעשענע). אַזוי ווי דאָס האַרץ אָבער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ דאַרף ליגן אַן אוצר. נו, גאָספּאָדאַ? ווער פאָרט מיט מיר קיין יאַר־מעלינעץ אַפן יאַריד? צוויי דרײַערלעך אַף דרײַ.

צ וו יי ט ע ר  ג אַ ס ט : (צו זיך אַליין). נו, מאָיסיי מאַרקאָ־וויטש? דו קריכסט נאָך, צי ניין? (טוט אַ הייב אויף די דריטע קאָרט). געענטפערט אַף מײַנע דרײַ.

ד ר י ט ע ר  ג אַ ס ט : סאָוועדשעננאַ וויערנאַ. (אַנגעקוקט אַלע פיר קאָרטן, מלא גזלן. טוט זיי אַ שמיץ מיט כעס). שראַגע, אַ רוח אין דײַן האַרצן אַרײַן! ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט אַזאַ שפּיל, וואָס הייסט אָקע?

פ ע ר ט ע ר  ג אַ ס ט : אַז אָך און וויי איז מיר. איך מוז זיך אויך גיין אָנקוקן. (קוקט זיך אָן). געשטאָרבן אַ ייִד. (לייגט אַוועק די קאָרטן). איך האָב געוווּסט פריִער, אַז וויבאַלד אָקע, אַזוי ווער איך באַגראָבן.

פ י פ ט ע ר  ג אַ ס ט : (קוקט זיך אָן). ברוך דיין אמת. נע־שטאָרבן נאָך אַ ייִד. (לייגט אַוועק די קאָרטן. רעדט צו די דאַמען). ביז איך ניט גערעכט געווען, אַז איך האָב געזאָגט אַז אָבשטשע שפּיל? אָקע האָט זיך זיי פאַרגלוסט! וואָס זאָגט איר?

ד אַ מ ע ן : קאָניעטשנאָ!

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (צום ערשטן און צווייטן גאַסט). זײַנעז מיר, הייסט עס, געבליבן אינדרײַען אַפן יאַריד? (צום ערשטן גאַסט). וואָס־זשע וועט איר עפּעס זאָגן ווײַטער, כדומה למשל נאַפּרימער? נו? אַרויס מיט לשון!

ע ר ש ט ע ר  ג אַ ס ט : וואָס האָט איר קיין צײַט ניט? נאָך נאָמי ניע קאַפּליעט. (קוקט אַפן טיש). מע דאַרף זיך גוט באַטראַכטן, וואָס פאַרמאָגט דער עולם? (קוקט רעכטס און לינקס). דער האָט שיק־כעס, און דער — שקצים. קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואַ! (צו צווייטן גאַסט). וואָס וועט איר זאָגן, ווען איך טו אַ פּאַס צו אײַערע שקצים?

צ וו יי ט ע ר  ג אַ ס ט : גאָט איז מײַן עדות, אַז איך קאָן ניט

פּאַסן. איך האָב דרײַ. (לייגט געלט). געענטפערט אַף מײַנע דרײַ און אַרי־בערגעצימלט מיט איין צענערל אַף דרײַ גליַיך ווי אַף אַלע.

ישראל־איסר: (רעדט צו זיך אַליין. מאַכט מיט די פינגער). הײַנט גיי טרעף. דער שמײַסט מיט דרײַערלעך אַף דרײַ, און דער צימבלט אַריבער מיט אַ צענערל אַף דרײַ ווי אַף אַלע. עס האָט אַנגעריסן באַ זיי — ניע דאַי באָגו! אַצינד איז אַ וואָפּראָס (מיט אַ ניגון פון דער גמרא און שטאַרק אויסגעצויגן) — טשטאָ מיניע דיעלאַט? צי זאָל איך מיך אַרײַנלאָזן אין דער שפּעגעלאַציע און שפּעגעלירן סליעפּאָ? צי זאָל איך מיך גיין אָנקוקן? (נעמט זיך כלומרשט צו דער קעשענע, ציילט געלט. אַלע אויגן קוקן אַף אים. לייגט אַוועק די קאָרטן און מישט אויס די אי־בעריקע). דאָסווידאַניאַ, (וויל אויפהייבן די פּערטע קאָרט).

גרישאַ: (כאַפּט אים אָן באַ דער האַנט). לאָוו! באָזשע סאָכ־ראַני! ניטאָ קיין אָנקוקן זיך! אַ צענערל מיט נאָך אַ צענערל!

ישראל־איסר: (קוקט אַף אים). משוגע?

גרישאַ: פאַלגט מיך! (בעט זיך). פאָלגט־זשע מיך! זייביידע האָבן גאָרנישט מיט גאָרנישט!

ישראל־איסר: (צו די געסט. ווײַזט אַף גרישאַן). אַז ער הייסט! מע דאַרף, ווי זאָגט איר, פאָלגן אַמאָל אַ חתן אויך? (לייגט געלט). קופּעץ קאַק סטרעליעץ.

גרישאַ: יאָ וואָס רוטשאַיוס, אַז זיי ביידע האָבן שראַגע! (נעמט זיך צו דער קעשענע). צי אפשר מיינט איר, אַז איך האָב מיך, וסאַמאָם דיעליע, איבערגעשראָקן פאַר אײַערע שיקסעס? איך ענטפער אײַך אַף אײַער צענערל און אַריבערגעטראַסקעט מיט צוויי צענערלעך אַף מײַנע דרײַ, וואָרעם איך ווייס, אַז מער ווי צוויי מיידן האָט איר ניט געהאַט און וועט ניט האָבן.

צווייטער גאַסט: שוין לאַנג שטיל געווען, מאָיסיי מאַר־קאָוויטש. מיט אַזעלכע צוויי גיבורים טאָרסטו דיך ניט אַרײַנלאָזן אין דער באַרישער וועלט. (טראַכט אַ ווײַלע). הערט־זשע אויס, אפשר וועלן מיר מאַכן אַ שטיקל געשעפט?

ערשטער גאַסט: נאַפּרימער?

ישראל־איסר: כדומה למשל?

צווייטער גאַסט: וואָס וועט איר מיר געבן אָפּטריט־געלט? דאָס הייסט, וואָס וועט איר מיר געבן, איך זאָל זיך אָוועקלייגן בלא ראיה?

ערשטער גאַסט: כאַ־כאַ־כאַ!

ישראל־איסר: אַ גוט אויג וועלן מיר אײַך געבן! אַז מע האָט שראַגע, טראָגט מען זיך אָפּ און מע מאַכט ניט קיין שפּעגעלאַציעס.

צווייטער גאַסט: אַזוי זאָגט איר? (קוקט אָן די פּערטע קאָרט. טראַכט אַ ווײַלע). האַ? אַז מע האָט, זאָגן זיי, שראַגע, טראָגט מען זיך אָפּ און מע מאַכט ניט קיין אָנשטעלן? (נעמט זיך כלומרשט

צו דער קעשענע. ציילט געלט. אַלע אויגן קוקן אַף אים. לייגט אַוועק די קאָרטן און מישט זיי אויס מיט די איבעריקע). דאָסווידאַניאַ, מאַיסיי מאַרקאָוויטש! אַ כאַליערע וואָלט געמעגט קומען אַפּן מחבר פון דער אַקע!

ישראל־איסר: (צום ערשטן גאַסט. טרייסלט מיט די הענט). האָבן מיר שוין, סלאַווא באָגו, געפּטרט אַלע אונדזערע שונאים?

ערשטער גאַסט: קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואַ!

גרישאַ: (צום ערשטן גאַסט. לייגט אַרויף די האַנט אַף ישראל־איסרס קאָרטן). געענטפערט און אַריבערגעפּידלט מיט אַ גאַנצן כף־האָער.

ישראל־איסר: (צו גרישאַן). משוגע? צי חסר דעה?

גרישאַ: פּאַלגט־זשע מיך. דרד־ארץ פאַר די באַרישנעס! טשעסטנאַיע סלאָוואָ, ער פאַרמאָגט ניט מער ווי שראַגע!

ישראל־איסר: (גייט צו דער קעשענע). אַז ער הייסט... (ווײַזט אַף גרישאַן). מע דאַרף, ווי זאָגט איר, אַמאָל פאָלגן אַ חתן אויך? (לייגט געלט). דערויף זײַנען מיר דאָך שפּעגעלאַנטן.

ערשטער גאַסט: קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואַ! (קוקט אָן די פּערטע קאָרט, גייט צו דער קעשענע. רעדט פּאַוואָליע, זיפּצנדיק). וויבאַלד אַזוי, איז אַ הונדערטער אַף מײַנע אַלע.

געסט: (אַלע). אַ הונדערטער?!

דאַמען: (אַלע). אַ הונדערטער?!

ישראל־איסר: ווטאַקאָם סלוטשאַיע, דאַרפן מיר לערנען דעם פּשט, אַז ער סטראַשעט מיך מיט אַ נאַראַש? (מיט אַ גמרא־ניגון). וויבאַלד אַזוי, באַדאַרף מען גיין אויפדעקן די פערטע מויד. (הייבט אויף פּאַוואָלינקע די פערטע קאָרט, קוקט אַף גרישאַן).

גרישאַ: (קוקט אַרײַן אין דער קאָרט פון אונטן אַרויף). פּאַשלאַ! אַ הונדערטער מיט נאָך צוויי הונדערטערס! (דער גאַנצער עולם ווערט העכסט אויפגערעגט. די דאַמען כאַפּן זיך צו די רידיקולס). אַזאַ קאָרט טרעפט איין מאָל אין הונדערט יאָר! טשעסטנאַיע סלאָוואָ!

ישראל־איסר: (קוקט אַף גרישאַן אַריבער די ברילן). וואָס מיינסטו? איך בין לעוו איזראַיִליעוויטש?

גרישאַ: (בעט זיך). פּאַלגט־זשע מיך! קליאַנוס באָגאָם, ער האָט מער ניט ווי שראַגע. (ווײַזט אַפן ערשטן גאַסט, וואָס זיצט זיך גאַנץ קאַלטבלוטיק).

ישראל־איסר: (צו גרישאַן). אַזוי זאָגסטו? (זיפּצט). ניין, ניט פאַר מיר קיין שפּעגעלאַציע. איך בין ניט לעוו איזראַיִליעוויטש. (מישט אויס זײַנע פיר קאָרטן מיט אַלע איבעריקע אַנגעוואָרפענע, מע זאָל ניט זען, וואָס ער האָט. מיט אַ טיפן זיפץ). פּאַס!

גרישאַ: (אין דער צײַט, ווען דער ערשטער גאַסט שטופּט דאָס געלט אין די קעשענעס, טוט ער אַ הייב אויף מיט איין האַנט יענעמס קאָרטן און מיט דער אַנדערער האַנט דערלאַנגט ער אַ זעץ איבערן טיש אַזוי, אַז די טאַליע קאָרטן שפּרינגט אונטער און אויך דער עולם

טוט אַ שפּרונג אונטער פון די ערטער. די דאַמען פאַלן אין חלשות). טשטאַ יאַ וואָס סקאַזאַל? משוגע צו ווערן פון אַזאַ שפּיל, טשעסטנאָיע סלאָוואָ!! (אָף זײַן געשריי קומט צו לויפן פון צווייטן צימער פריער בערטע, דערנאָך שושנה, דערנאָך דאָס גאַנצע יונגוואַרג און נאָך זיי היידאַד מיט דער מגילה). אַזאַ מעשה איז גאָרניט געהערט געוואָרן! מיט גאָרניט פאַרטרײַבן דרײַ מיידלעך?! שומו שמים! ס'איז הימל־שרײַענד!! נאַט, זעט כאָטש! כאַ־כאַ־כאַ! (באַווײַזט אַלעמען די קאָרטן). זעט, ייִדי־שע קינדער, מיט וואָס מע פאַרטרײַבט דרײַ מיידלעך? מיט גאָרניט. מיט שראַגנע! מיט שרראַגנע!!! נו, קאָן מען לעבן אָף דער וועלט?!

ג ע ס ט : (קוקן פון די ערטער אָן די אויפגעדעקטע פיר קאָרטן). שראַגנע!

ד אַ מ ע ן : (נאָך זיי, פאַרברעכן מיט די הענט). שראַגנע!

ב ע ר ט ע : (בלײַבט שטיין אָף דער טיר. דערזעט גרישאַן מיט די קאָרטן אין האַנט, טוט זי אַ פּלעסקט מיט די הענט). אַך! (ווײַזט מיט דער האַנט אַפן חתן. פאַלט צו שושנהן אָף די הענט).

ג ר י ש אַ : (טוט אַ שמיץ די קאָרטן אַפן טיש. טוט זיך אַ לאָז צו דער כלה). בערטוסיאַ! בתיהניו! ווינאָוואַט! טאָ יעסט, סליכאַ! איך האָב ניט געשפּילט! טשעסטנאָיע סלאָוואָ! טאָ יעסט, סליכאַ... קליאַנוס באָגאָם!... (פאַלט איר צו די פיס). יאָנאַטי! יאַפּאַטי! טאַמאַטי!... (אין דער מינוט קומט אָן פון דער קיך חנה מיט די המן־טאַשן).

ח נ ה : (דערזעט בערטען אַ פאַרחלשטע און גרישאַן שטיין אָף איין קני, פאַרלירט זי דעם טעלער מיט די המן־טאַשן און לאָזט זיך צו דער טאָכטער). גאָט איז מיט דיר, טאָכטער מײַנע! (צום מאַן). וואָס איז דאָ געשען? גיכער! וואָס האָט זיך דאָ געטראָפן? נו, זאָג שוין!

י ש ר אַ ל ־ א י ס ר : (צום ווײַב, וויל זי באַרויִקן). שאַ, שאַ! שרײַ ניט! גאָלע גאָרנישט... אָפּגעשמיסן... פאַרטריבן... דרײַ מיידלעך...

ח נ ה : ווער האָט געשמיסן? וועמען געשמיסן? אַ דונער איז מיר! (קוקט אַפן יונגוואַרג). וואָסערע מיידלעך?...

י ש ר אַ ל ־ א י ס ר : (שטייט אויף פון טיש). שטיא! פאַר־שטייסט ניט קיין שפּעגלאַציע! (מאַכט מיט די הענט). דרײַ מיידלעך. איך האָב געהאַט דרײַ מיידלעך, און ער (ווײַזט אַפן ערשטן גאַסט) האָט גאָלע גאָרנישט. שראַגנע האָט ער געהאַט. האָט ער מיך געשמיסן, פאַר־טריבן, הייסט עס, מיט שראַגנע, מיט גאָרנישט! (גלײַך צו איר אין פּנים אַרײַן. מאַכט מיט די הענט). מיט שראַגנע! מיט שראַגנע!...

פ אָ ר ה אַ נ ג.

## העברעיִשע און רוסישע פּראָזע, וואָס טרעפן זיך אין „שראַגע"

### ה ע ב ר ע יִ ש :

אַוואַל אַוויד היביאַ סימכאַטאָ בידוואַר קריאַט האַמגילאַ האַזאַט באַבאַאיט האַזע (אבל אביד הביע שמחתו בדבר קריאת המגילה הזאת בבית הזה) אָבער דייַן פֿאַטער האָט אויסגעדריקט זייַן פֿרייד וועגן דאָס לייענען פֿון דער דאָזיקער מגילה אין דעם דאָזיקן הויז.

אַני מעדאַבער איווריט בעכאָל מאָקאָם ווע׳אים קאָל האָאָלאָם. אַפילו קעשעאַני יאָבע בעמערקאָוואָ, אַני אָמער לעהאַקאַנדוקטאָר: טען לי קאַרטיס! (אני מדבר עברית בכל מקום ועם כה העולם. אפילו כשאני יוצא במרכבה, אני אומר להקונדוקטור: תן לי כרטיס!) — איך רייד העברעיִש אומעטום און מיט דער גאַנצער וועלט. אַפילו אַז איך פֿאָר אַפֿן טראַם, זאָג איך דעם קאָנדוקטאָר: גיב מיר אַ בילעט!

בעכאָל דאָר וואַדאָר אובכאָל מעדינאָ אומעדינאָ כאָזערעט האַמגילאַ האַזאַט (בכל דור ודור ובכל מדינה ומדינה חוזרת המגילה הזאת) — אין יעדן דור און אין יעדער מדינה חזרט זיך איבער די דאָזיקע מגילה.

טאָוו וועיאַפֿע ווענעכמאָד ווענאָאים (טוב ויפה ונחמד ונעים) — גוט און שיין און פֿייַן.

יאָנאַטי! יאָפֿאַטי! טאַמאַטי! (יונתי! יפתי! תמתי!) — מייַן טייַבעלע! מייַן שיינהייט! מייַן ערלעכע!

לאָוו (לאו) — ניין.

קאַמאַ פּעאָמים ניכטאַוו ווענעכטאַם אַל אַם האַיהודים לעהאַשמיד לאַהאַראָג אול־אַבעד! קאַמאַ פּעאָמים יאַצאָ האָמאָן בען האַמדאַטאַ האאגאגי ליכטאָוו סיטנאָ אַל אַם איסראַעל! (כמה פּעמים נכתב ונחתם על עם היהודים להשמיד להרוג ולאבד! כמה פּעמים יצא המן בן המדתא האגגי לכתוב שטנה על עם ישראל!) — וויפֿל מאָל איז שוין געצייכנט געוואָרן אַפֿן ייִדישן פֿאָלק צו אויסהרגענען און פֿאַרטיליקן עס! וויפֿל מאָל איז שוין אַרויס המן בן המדתא האגגי צו שרייַבן פּאַסקווילן אַפֿן פֿאָלק ישראל!

### ר ו ס י ש :

אָדנים סלאָוואָם — מיט איין וואָרט. אוניטשטאָזשען — פֿאַרניכטן. אוסטאַוו — תקנות. אימעניִנעס — געבורטסטאָג. אַקאַנטשאַטעלנאָ — איינגאַנצן.

באָזשע סאַכראַני — גאָט באַהיט. באַרישנעס — פֿרייַלנס.

גאַספּאַדאַ, סאַדיטעס — רבותם, זיצט.

דא סווידאַניאַ — אַף ווידערזען. דאַזשע — אַפילו. דושינקע (דושענקאַ) — נשמה מײַנע. דרעווניע־יעווריציעס — העברעער.

וואַפּראָס — פראַגע. וו׳טאַקאָם סלוטשאַיע — װיבאַלד אַזוי. וו׳סאַמאַם דיעליע — אין דער אמתן.

זאַמעטשאַטעלני יאַזיק — אַן אויסגעצייכנטע שפּראַך. זוואַטשיט קאַק איספּאַנסקי — קלינגט ווי שפּאַניש.

חעדערא — חדרים (שולן).

טשטאָ יאַ וואַס סקאַזאַל? — וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? טשטאָ מני דיעלאַט? — וואָס זאָל איך טאָן? טשעסטנאַיע סלאָוואָ — ערן־וואָרט.

יאַ וואַס רוטשאַיוס — איך בין אײַך ערב.

מאָלאָדיאָזש — יונגוואַרג.

נאַד נאַמי ניע קאַפּליעט (פּאַרגרײַזטע פראַזע) — איבער אונדז רעגנט ניט. ניע דאַי באָג — זאָל גאָט היטן. ניעאוזשעלי? — טאַקע באמת?

סאָיעדיניאַיעץ — פאַראייניקן. סטיעסניאַיעץ — זיך שעמען. סלאַוואַ באָגו — גאָטצו דאַנקען. סלוזשאַסטשעם — געשעפטס־אַנגעשטעלטע. סליעפּאַ — בלינדערהייט (גיט געזען די קאַרטן).

פּאַדלאָסטן — געמיינהייטן. פּאַזשאַלויטיע וו׳קאַנטאָרו — מע בעט אײַך מחילה אין קאַנטאָר אַרײַן (אין קעשענע נאָך געלט). פּאַ נאַסטאַיאַשטשעמו — אַפּן ריכטיקן אופן. פּאַשלאַ — עס גייט אַ גאַנג.

קופּעץ קאַק סטרעלעץ — אַ סוחר איז ווי אַ שיסער (דאָס הייסט, אַמאָל טרעפט ער, אַמאָל ניט). קליאַנוס באָגאָם — איך שווער בײַ גאָט.

געשריבן אין יאָר 1911.

# עולם־הבא

א שאַרזש אין איין אַקט

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

מ י ס ט ע ר  ט ש ע ר ק י ס, אַן אַלרייטניק.

מ י ס ע ס  ט ש ע ר ק י ס, אַן אַלרייטניטשקע.

מ י ס ט ע ר  ק ו אַ ט ש ק ע, אַ היברו־טיטשער.

אַ  י י ד.

צ ו ו י  ע ד ו ת.

אָ ר ט : די ווייטע פּראָווינץ אין אַמעריקע. צ ײַ ט : דאָ נים לאַנג.

[אין פאַרלאַר, אין אַ ראַקינג־טשער, זיצט מיט אַ ציגאַר אין מויל, די פיס אַרויף, מ י ס ט ע ר ט ש ע ר ק י ס, אַ גוט־געבויטער מאַן פון מיטעלע יאָרן, עלעגאַנט געקליידט. אַקעגן אים, אַפן צווייטן ראַקינג־טשער, זיצט די מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס, אַ שווערע שטיק מיט אַ דרײַגאָרנדיקן גוידער.ביידע קאַטשען זיך.]

מ י ס ט ע ר ט ש ע ר ק י ס : (אַ קוק אַפן זייגער). וואָס איז די מעדער מיטן טיטשער? צוגעזאָגט קומען מיטן רעווערענט פון עולם־הבא, און קומט ניט. אַלבעטשיע, אַז ער האָט חרטה.

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : נעווער מאַי! (געגעצט).

מ י ס ט ע ר ט ש ע ר ק י ס : וואָס הייסט נעווער מאַין? ביזנעס איז ביזנעס...

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : צו וואָס טויג דיר די ביזנעס, דזשאָ? ס'וועט נאָר קאָסטן געלט...

מ י ס ט ע ר ט ש ע ר ק י ס : באַ דיר איז דאָס געלט אָנלי. זאָלסט אַ טראַכט טאָן אַ ביסל ווײַטער — דאַט נאָט! ביקאָז דו לעבסט נאָר מיטן הײַנט. איך טראַכט מיך אַרײַן אין מײַן לײַף, ווי אַזוי מיר זײַנען מיט דרײַסיק יאָר צוריק געקומען אין דהיז קאָונטרי, און האָבן ביידע געפּעדלט, זײַנען מיר געווען יידן גלײַך מיט אָל די פּיפּל — באָט וואָס זײַנען מיר איצט? (שטייט אויף, שפּאַנט אום). וואָס פאַר יידן זײַנען מיר? ניט קיין שבת, ניט קיין יום־טוב, ניט קיין טלית, ניט קיין תּפילין — נאָטינג! טאָג ווי נאַכט אָדער אין פּאָוקער, אָדער אין פּינאָקעל, אָדער אין אַנדערע גיימס, און הייבן גאָרניט אָן צו טראַכטן וועגן יענע וואָרלד. איבער האָנדערט ענד טווענטי יערס, ווער וועט עפּעטער אונדז זאָגן קדיש?

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : וואָס הייסט? מיר האָבן ניט קיין זין?

מ י ס ט ע ר ט ש ע ר ק י ס : (האָט זיך אָפּגעשטעלט). אָט די לויפערס וועלן זאָגן קדיש?

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : דזשייק, קאָן זײַן, וועט קיין קדיש ניט זאָגן, אָבער מאַקסילע? — מיר פאַר זײַן קאָפּ!

מיסטער טשערקיס: מאקס וועט זאגן קדיש?
מיסעס טשערקיס: שור וועט ער זאגן קדיש!
מיסטער טשערקיס: אלבעטשיע, אז ניין! אפשר די ערשטע אכט טאג. באט שפעטער — נאסער!
מיסעס טשערקיס: יעס מעם!
מיסטער טשערקיס: נאסער!
מיסעס טשערקיס: יעס מעם!
מיסטער טשערקיס: (א קלאפ אין טיש). אז איך זאג נאסער, איז נאסער! (מיסעס טשערקיס שליסט צו איר מויל. — עס דער־הערט זיך א קלאפ אין טיר. ביידע רופן אויס): קאם אין! (עס קומט אריין דער טיטשער, מיסטער קוואטשקע, א זשוואווע ייִדל מיט אן אויסגעהונגערט אומרויִק פנים, זעט אויס האלב שניידער, האלב רעווערענד).
מיסטער טשערקיס: האו דו יו דו, מיסטער טיטשער, כידאן!
מיסטער קוואטשקע: (זעצט זיך אוועק, ווישט זיך דעם שווייס). נו, א היץ! קוים מיט צרות איינגעבעטן דעם ייִדן!... אייִ־דער איך האב אים אויסגעזוכט ווו ער וווינט — איך וואלט דערפאר ניט גענומען קיין צען דאלער, זאל מייִן נאמען ניט הייסן קוואטשקע!
מיסטער טשערקיס: טאקי דהי סיים דזשו, וואס מיר האבן גערעדט?
מיסטער קוואטשקע: טאקע דער זעלבער ייִד... נאר ער האט שוין חרטה געהאט אף דער גאנצער מעשה. ניט געוואלט פאר־קויפן פאר קיין געלט! וואס טויג אים, זאגט ער, געלט? געלט גייט אוועק, און עולם־הבא בלייבט אף אייביק... האב איך מיך צוגעזעצט צו זייִ וויִיב. א ייִדענע — אהין־אהער, כ'האב קוים געפועלט פאר צוויי הונ־דערט דאלער זאל ער אפטרעטן האלב פון זייַן חלק עולם־הבא... איך וועט אנקוקן א ייִד — איר האט זינט איר לעבט אזא ייִדן ניט געזען! אנגעטאן גייט ער ווי א טערק, און רעדט מער אף לשון־קודש... געווען צען יאר אין ארץ־ישראל, געקומען אהער צו גאסט צו זייַנע קינדער און פארט נאכאמאל קיין ארץ־ישראל... א כשרער ייִד, זיצט יומם ולילה און לערנט... אדער ער לערנט, אדער ער דאוונט... און פאסט תעניתים... אלע מאנטיק און דאנערשטיק... ווייס ניט קיין צורת מטבע...
מיסעס טשערקיס: פון וואנען־זשע ווייס ער צו נע־מען צוויי הונדערט דאלער?
מיסטער קוואטשקע: ער? חס וחלילה! ווי קומט ער צו געלט? איך זאג דאך אייך: ער איז צו אזעלכע זאכן ניט שייך. דאס האב איך מיט איר, מיט זייַן ייִדענע, אפגעמאכט פאר א האלבן חלק עולם־הבא... מיסטער טשערקיס, זייט איר גרייט און מע קאן צוטרעטן צו דער צערעמאניע פון מכירת עולם־הבא?

מיסטער טשערקיס: פּאָזעטיוולי! נאָר איך האָב צו אײַך אַ קלײנע ביטע. (קװענקלט זיך). איך װאָלט געגליכן, ס'זאָל זײַן דערבײַ, איף איטס פּאָסיבעל, אַ רעװערענט... אַ ריעל רעװערענט...

מיסטער קװאַטשקע: (דערשראָקן). צו װאָס אומזיסטע עקספּענסעס? איך בין בײַ אײַך אַ טיטשער, דאַכט זיך, ניט דאָס ערשטע יאָר. איך פֿאַרזיכער אײַך, אַז איך בין קלאָר אין הלכות עולם־הבא, װי דער גרעסטער רעװערענט. על־פּי דין דאַרף מען מער ניט האָבן װי אַ האַנט, תּקיעת־כּף פֿאַר צװײ עדות — און דאָס אַלץ.

מיסטער טשערקיס: איז דאָס די לאָא?

מיסטער קװאַטשקע: אַ בפֿירושער דין אין הלכות הדותה, פּרק בבלאי טפּשאי... מעג איך זײ גײן אַרײַנרופֿן? זײ װאַרטן דאָ אין האָל.

מיסטער טשערקיס: אָללרײַט. און װאָס דאַרף איך טאָן?

מיסטער קװאַטשקע: איר דאַרפֿט גאָרניט טאָן. איר װעט זיך נאָר מטריח זײַן איבערטאָן יום־טובדיק, מער ייִדיש, װי בעת איר גײט אין שול אַרײַן. אױפֿן קאָפּ װעט איר מוחל זײַן אָנטאָן אַ העט. און אױך די מיסעס װעל איך בעטן עפּעס נעמען אױפֿן קאָפּ, אַבי די האָר צודעקן. און אַז איר װעט זיך אָנטאָן, װעט איר פֿריִער װאַשן די הענט, אַט װי מע װאַשט זיך צום עסן.

מיסטער טשערקיס: (מאַכט אַ פֿרום פּנים). װעלל! און זאָגן דערבײַ װאָס?

מיסטער קװאַטשקע: זאָגן — גאָרניט, נאָר דענקען דאַרפֿט איר װעגן גאָט, װעגן טויט און װעגן יענער װעלט.

מיסטער טשערקיס: (מיט דער זעלבער פֿרומער מינע). אָללרײַט. (שטײט־אױף). באַדאַרף איך מיט זיך אַהער ברענגען סאַמטינג, אַ סידור, אָדער... האָו דו יו קאָלל איט?... אַ מחזור?... אַ סליחה?...

מיסטער קװאַטשקע: קײן זאַך! איר דאַרפֿט נאָר טראַכטן פֿונעם טויט און פֿון יענער װעלט. און טאָמער קומט עמעצער װעגן ביזנעס — טרײַבט אים אַרױס. טאָמער קלינגט מען אין טעלעפֿאָן — ענטפֿערט ניט. לאָזט אַראָפּ דעם װײַער. און איר אױך, מיסעס לעבן, רעדט ניט מיט דער דינסט, און מיטן מאַן אױך װאָס װײניקער, און טראַכט װאָס מער פֿונעם טויט.

מיסטער טשערקיס: אָללרײַט! טשענזשען דעם סוט דאַרף בײַ מיר נעמען אַ מינוט צען אָדער פֿופֿצן. (צו דער מיסעס). קאַם אָן. דער טאָג שטײט ניט. (גײען אױס בײדע. נאָך זײ גײט אױס דער טיטשער און קומט באַלד צוריק מיטן ייִדן. אַ הױכער, אַ שײנער, אַ געזונטער, װי עס גיט זיך אױס אַ גראָבטענער קצב, אָדער אַ בעל־עגלה. אָנגעטאָן גײט ער אין אַ מאָדנע כאַלאַט מיט אַ פּלאַכטע אױפֿן קאָפּ. שײנע באָרד און פּאות באַצירן זײַן פּנים, נאָר ס'איז ניט שװער צו דערקענען.

אַז דאָס זײַנען פּרעמדע באָרד און פּאות. — נאָכן יידן שלעפּן זיך נאָך די צוויי עדות, יידן פון דער גאַס).

מיסטער קוואַטשקע: (בעט די עדות זיצן, און דעם ייִדן פירט ער צו נאָענט צו דער ראַמפּע, רעדט צו אים אַזוי, אַז די צוויי עדות זאָלן ניט הערן). די באָרד וואָלט איר געמעגט פונדעסטוועגן אַ ביסל צורעכט מאַכן... זעט אויס, ווי אַ פרעמדע...

דער ייִד: (אַקעגן שפּיגל). דאָס איז דער באַרבער שולדיק, אַ רוח אין זײַן בוזעם אַרײַן! איך זאָג אים: מאַך מיר, ווי די אַקטעיוויערן אין טרעיאַטער מע זאָל ניט דערקענען. (מאַכט צורעכט די באָרד און פּאות). וואָס־זשע דאַרף איך טאָן? וואָס דאַרף איך זאָגן, הייסט עס?

מיסטער קוואַטשקע: נאָר ניט ריידן! וואָס ווינציקער גערעדט! איר שטעלט זיך, זײַט מוחל, אַוועק מיטן פּנים צו דער וואַנט, אַט אַזוי אַ (ווײַזט אים ווי־אַזוי), גלײַך ווי איר דאַווענט.

דער ייִד: וואָס איז פאַר אַ דאַווענען אינמיטן דערינען?

מיסטער קוואַטשקע: מנחה וועט איר דאַווענען.

דער ייִד: אינמיטן באַטאָג?

מיסטער קוואַטשקע: ערלעכע ייִדן הייבן אָן מנחה פון באַטאָג.

דער ייִד: אָללרײַט — איר זײַט אַ טיטשער, ווייסט איר בעסער מן הסתם. איך קאָן אָבער ניט אויסווייניק.

מיסטער קוואַטשקע: איר דאַרפט ניט קאָנען. איר דאַרפט נאָר שטיין מיטן פּנים צו דער וואַנט, שעפּטשען מיט די ליפּן און אַרויסלאָזן אַלעמאָל אַ זיפץ, ווי אַן ערלעכער ייִד... קאָנט איר זיפצן?

דער ייִד: איך קאָן, פאַרוואָס זאָל איך ניט קאָנען? איך קאָן אײַך זיפצן אַזוי, אַז פון יעדן זיפץ זאָלט איר באַ מיר פאַלן אין חלשות...

מיסטער קוואַטשקע: צו שטאַרק דאַרף מען ניט. (ווײַזט אים ווי־אַזוי). און ריידן וואָס ווינציקער. און דאָס, וואָס איר מוזט שוין זאָגן, זאָלט איר זאָגן אויף לשון־קודש.

דער ייִד: ווי קומט צו מיר לשון־קודש? איך האָב מיט מײַנע פערד קיין לשון־קודש ניט גערעדט.

מיסטער קוואַטשקע: בהמה! זיי קאָנען לשון־קודש גלײַך מיט אײַך! איר דאַרפט נאָר באַלעבעטשען וואָס ניט איז, פון סידור אָדער פון תהלים, בכדי זיי זאָלן מיינען, אַז איר רעדט אויף לשון־קודש.

דער ייִד: אָללרײַט — איך וועל אײַך האַקן גאַנצע שטיקער פונעם דאַווענען, נאָר איך האָב מורא, איך זאָל מיך ניט צעלאַכן.

מיסטער קוואַטשקע: זאָל אײַך גאָט היטן פון אַזאַ געדאַנק! אירט אומגליקלעך מאַכן אי זיך, אי מיך... שאַ! זיי גייען...
(דער ייִד שטעלט זיך אַוועק מיטן פּנים צו דער וואַנט. עס קומט אַן מיסטער טשערקיס, נאָך אים די מיסעס טשערקיס. עס האָט זיך איבערגעטאָן אין אַ נײַעם אָנצוג מיטן צילינדער אויפן קאָפּ. זי האָט אָנגעטאָן אַלע אירע

דימאַנדס און דעם קאָפּ האָט זי איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן וואָל. ביי־דע זעען אויס האָפּערדיק, רעליגיעז געשטימט, קוקן מיט גרויס רעספּעקט אָף דעם מאָדנעם ייִדן אין זיין מאָדנעם קאָסטיום).

מ י ס ט ע ר ט ש ע ר ק י ס : (שטיל צום טיטשער). דאַט איז די מען?

מ י ס ט ע ר ק ו אָ ט ש ק ע : (הויך). איר מעגט ריידן העכער. ערשטנס, איז ער טויבלעך, און צווייטנס — ער, אַז ער דאַוונט, קאָנט איר שיסן מיט האַרמאַטן, וועט ער אויך ניט הערן.

מ י ס ט ע ר ט ש ע ר ק י ס : איז דאַטסאָ? לאָנג וועט ער דאַוונען?

מ י ס ט ע ר ק ו אָ ט ש ק ע : ניין, ניט לאַנג. דאָס הייסט, דאַוונען דאַוונט ער דריי שעה, און פיר שעה, און אַמאָל זעקס שעה אויך. נאָר איצט וועט דאָס נעמען עטלעכע מינוט, וואָרעם דאָס דאַוונט ער פון פאַרנט. (אין דער מינוט לאָזט דער ייִד אַרויס אַ זיפץ, אַז ביידע טשערקיסעס טוען זיך אַ וואָרף).

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : ליסען, מיסטער טיטשער, איך האָב אייך געוואָלט פרעגן עפּעס אַ זאַך. (קוועטשט זיך).

מ י ס ט ע ר ק ו אָ ט ש ק ע : וואָס פאַר אַ זאַך האָט איר גע־וואָלט פרעגן, מיסעס? עפּעס אַ דין, וואָס איז שייך צו עולם־הבא?

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : יאָ. דאָס געהער זיך אָן מיט עולם־הבא, און טאַקע מיט מיר אַליין... אינעם חלק עולם־הבא, וואָס מיין מאַן האַנדלט איין באַ אָט דעם ייִדן, האָב איך דאָך אויך אַ טייל?...

מ י ס ט ע ר ק ו אָ ט ש ק ע : חס וחלילה! אַ ווייב האָט אַ חלק אין איר מאַנס עולם־הבא נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט דאָס פאַרדינט דורך זיין לערנען, אָדער דאַוונען, אָדער צדקה־געבן... אין געקויפטער עולם־הבא האָט דאָס ווייב באַם מאַן, ווי דער מאַן באַם ווייב, קיין שום חלק ניט.

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : אַזוי גאָר? אַ שיינער יושר! (בייז).

מ י ס ט ע ר ק ו אָ ט ש ק ע : מיסעס לעבן, אַזוי איז דער דין: בפירוש אין מדרש פּליאה, הלכות גומעראַבעקע, פּרק עולם־הבא — וואָס זאָל איך טאָן?

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : (ווייך). גיט־זשע מיר אַן עצה, מיס־טער טיטשער, וואָס טוט מען, איך זאָל אויך האָבן כאָטש אַ שטיקל עולם־הבא?

מ י ס ט ע ר ט ש ע ר ק י ס : (צו דער מיסעס). אי דאָנט נאָו וואָט איז די מעדער וויט יו? וואָס באָדערסטו? עס גייט אַוועק די צייט פאַר נאָטינג!

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : (בייז). באַ דיר הייסט עס פאַר נאָטינג... אַבי דו האָסט זיך באַוואָרנט מיט עולם־הבא, און פאַר מיר איז נעווער מאַי! גאָרניט! ער וועט זיך זיצן דאָרטן, ווי אַ שררה, מיט

אַלע אַללרײַטניקעס און מיט אַלע אַללרײַטניצעס אין גן־עדן, שפּילן מיט די חצופות אין פּאָוקער אָדער אין פּינאָקעל, און איך וועל ברענען ווי אַ ליכט אין גיהנום — וואָס אַרט עס אים, אַ שטייגער? (ווייניט שיִער).

מ י ס ט ע ר ט ש ע ר ק י ס : (מיט רחמנות). איל טעל יו, מיסעס, קאַנסט דאָך קויפן פאַר דײַן געלט אַ פּאַרט עולם־הבא, און טאָקע באַ דעם דזשו. ער טוט ביזנעס, לאָז ער שוין טאָן.

מ י ס ט ע ר ק װ אַ ט ש ק ע : (מאַכט אַ רחמנות־פּנים). איך ווייס ניט, אויב ער וועט פאַרקויפן נאָך עולם־הבא... איך וועל אים אַ פרעג טאָן. (גייט צו צום ייִדן, רעדט צו אים הויך, ווי צו אַ טויבן). האָט קיין פּאַראיבל ניט, רב אהרן ברב משה! די מיסעס בעט אײַך, אפשר איז מעגלעך, איר זאָלט איר אָפּטרעטן פון אײַער חלק עולם־הבא... ס'איז אַ יושר, אַזוי ווי איר מאַן וועט האָבן האַלב פון אײַער עולם־הבא, לאָז זי האָבן כאָטש די האַלב פון אײַער האַלב.

ד ע ר י ִ י ד : אדון עולם אשר מלך ברטם...

מ י ס ט ע ר ק װ אַ ט ש ק ע : ער זאָגט: דעמאָלט בלײַבט אים איבער עולם־הבא אָפּן שפּיץ מעסער.

ד ע ר י ִ י ד : נשמת כל חי תברך את...

מ י ס ט ע ר ק װ אַ ט ש ק ע : ער זאָגט: סײַדן מע וועט אים באַצאָלן פאַר אַ פערטל אַזויפיל, ווי פאַר אַ האַלב.

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : אַבי איר זאָגט, ער ווייס ניט, וואָס געלט איז — און דינגט זיך, ווי פאַר אַן אָקס... פאַר אַ פערטל מעג ער נעמען אַ פערטל...

ד ע ר י ִ י ד : כל הנשמה תהלל יה...

מ י ס ט ע ר ק װ אַ ט ש ק ע : ער זאָגט: אַז פאַר אַ פערטל איז די העלפט. עס מאַכט אויס אַזוי גרויס, ווי הונדערט דאָלער.

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : פאַרוואָס איז פאַר אַ פערטל די העלפט — פאַרשטיי איך ניט.

ד ע ר י ִ י ד : אשרי יושבי ביתך עוד...

מ י ס ט ע ר ק װ אַ ט ש ק ע : ער זאָגט: אַז האַלב פון האַלב איז אַלעמאָל אַ פערטל.

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : זאָגט אים, אַז צוליב מיר מעג ער לאָזן ביליקער, פאַר אַ פּופּציקער.

ד ע ר י ִ י ד : לא אָמות כי אחיה ואספר...

מ י ס ט ע ר ק װ אַ ט ש ק ע : ער וויל ניט הערן, ניט זען.

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : דאַרף מען ניט. איכל זיך באַגייון אַזוי.

ד ע ר י ִ י ד : הודו לה' כי טוב...

מ י ס ט ע ר ק װ אַ ט ש ק ע : ער זאָגט: טוב — דאָס הייסט, לאָז שוין זײַן ווי איר זאָגט.

מיסעס טשערקיס: ווייבאלד אזוי, לאז זײַן פערציק דאלער.

דער ייִד: כי לעולם חסדו...

מיסטער קוואטשקע: ער זאָגט: ס'איז צוליב אײַך. איצינד קאָנען מיר צוטרעטן צו דער צערעמאָניע. (טוט א ווונק צו די עדות. זיי גייען צו).

ערשטער עדות: אונדז האָט מען באַשטעלט, מיר זאָלן זײַן עדות בא מיסטער טשערקיס, און מע האָט אונדז צוגעזאָגט צו דרײַ דאָלער אַף א קאָפּ. איצט, ווייבאַלד אַז די מיסעס וועט אויך דארפן עדות, ווילן מיר צוויי מאָל אַזויפיל.

צווייטער עדות: אָדער כאָטש צו פינף דאָלער אַף א קאָפּ.

מיסעס טשערקיס: אַזוי גאָר? הפקר פּעטרישקע?

מיסטער טשערקיס: א סטרײַק? קעגן א סטרײַק האָבן מיר סקעבס!

מיסטער קוואטשקע: (זאָגט עפּעס צו ביידע עדות אַפן אויער). אָללרײַט! איצינד קאָנען מיר צוטרעטן צו דער מכירה. מיס־טער טשערקיס! זײַט־זשע מוחל, קומט אַהער, איר דארפט שטיין אָט דאָ, אין דער רעכטער האַנט. (מיסטער טשערקיס שטעלט זיך אַוועק געבטס). און איר, מיסעס, זײַט זיך מטריח אַהער, אין דער לינקער האַנט. (מיסעס טשערקיס שטעלט זיך לינקס. — צום ייִדן). רב אהרן ברב משה! זײַט־זשע מוחל אַהער צו מיר! (דער ייִד גייט צו, זיפצט). איצט, מײַנע ליבע ייִדן, דארף איך אײַך זאָגן א פּאָר ערנסטע ווערטער, וואָס איר האָט צו טאָן, טאָקע איר ביידע. איר זאָלט קלערן פונעם יום־המות, פונעם לעצטן טאָג, וואָס וועט אַמאָל קומען, דעמאָלט ווען די נשמה וועט זיך אָפּטיילן פון אײַער גוף און וועט דארפן גיין אין גן־עדן אַרײַן צו געניסן פון דעם עולם־הבא, וואָס עס טרעט אײַך אָפּ מיט זײַן גוטן ווילן מורנו רב אהרן ברב משה. פון קיין זאַך אין דער וועלט טאָרט איר איצינד ניט קלערן, ניט גוט, ניט שלעכט, נאָר פון עולם־הבא. דאָס איז איינס. דאָס צווייטע — זײַט אַזוי גוט און גיט די רעכטע האַנט צו אָט דעם ייִדן רב אהרן ברב משה און זאָגט מיר, אויב איר נעמט איבער מיט אײַער גוטן ווילן דעם חלק עולם־הבא, וואָס ער טרעט אײַך אָפּ במתנה? זאָגט „יא".

מיסטער טשערקיס: יעס.

מיסטער קוואטשקע: ניט „יעס", נאָר „יא".

מיסטער טשערקיס: יאָ.

מיסטער קוואטשקע: צי גייט אײַך ניט איבער א שלעכטער געדאַנק און צי האָט איר ניט חרטה, וואָס איר קויפט עולם־הבא? זאָגט „ניין".

מיסטער טשערקיס: נאָסער!

מיסטער קוואטשקע: ניט „נאָסער", נאָר „ניין"!

מיסטער טשערקיס: ניין.

מ י ס ט ע ר  ק ו א ט ש ק ע : איצט זאָגט מיר, ווי אזוי רופט מען אײַך אױף יידיש?

מ י ס ט ע ר  ט ש ע ר ק י ס : דזשאָזעף.

מ י ס ט ע ר  ק ו א ט ש ק ע : און אײַער טאַטן?

מ י ס ט ע ר  ט ש ע ר ק י ס : אַברהמל.

מ י ס ט ע ר  ק ו א ט ש ק ע : יוסף בן אַברהם. און אײַך, מיסעס?

מ י ס ע ס  ט ש ע ר ק י ס : איך — פלאָסי, נאָר אױף יידיש לאה־דוואָסיע, און מײַן מאַמע נחמה־סאָסיע.

מ י ס ט ע ר  ק ו א ט ש ק ע : אָללרײַט! עדות, קומט אַהער! איר זײַט עדות, אַז מורנו רב אהרן ברב משה טרעט אָפּ מיט זײַן גוטן ווילן במתנה פאַר רב יוסף ברב אַברהם האַלב פון זײַן חלק עולם־הבא, און צו האשה מרת לאה־דוואָסיע בת נחמה־סאָסיע די האַלב פון זײַן האַלב עולם־הבא מיט אַלע זכיות און פּריווילעגיעס, וואָס ער קאָן האָבן אױף יענער וועלט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר. אויך זײַט איר עדות, אַז פאַר דער מתנה באַקומט מורנו רב אהרן ברב משה פון רב יוסף ברב אַברהם אַ מתנה צוויי הונדערט דאָלער, און פון האשה מרת לאה־דוואָסיע בת נחמה־סאָסיע אַ חוץ אַ מתנה פערציק דאָלער. האָט איר געהערט? זאָגט „יאָ“.

ב יי ד ע  ע ד ו ת : מיר זײַנען ניט טויב.

מ י ס ט ע ר  ק ו א ט ש ק ע : איך פרעג אײַך ניט, צי איר זײַט טויב; איר זאָגט מיר: „יאָ“.

ב יי ד ע  ע ד ו ת : יאָ.

מ י ס ט ע ר  ק ו א ט ש ק ע : האָט איר פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען? זאָגט „יאָ“.

ב יי ד ע  ע ד ו ת : שור!

מ י ס ט ע ר  ק ו א ט ש ק ע : זאָגט ניט „שור“, זאָגט „יאָ“!

ב יי ד ע  ע ד ו ת : יאָ.

מ י ס ט ע ר  ק ו א ט ש ק ע : האָט דאָ, חלילה, איינער דעם אַנדערן גענויט, געקריוודעט, אָדער אָפּגענאַרט? זאָגט „ניין“.

ב יי ד ע  ע ד ו ת : ס'איז ניט אונדזערע ביזנעס.

מ י ס ט ע ר  ק ו א ט ש ק ע : (אַרויס פון די כלים). אַ גוייִשע קעפּ! זאָגט „ניין“!

ב יי ד ע  ע ד ו ת : ניין.

מ י ס ט ע ר  ק ו א ט ש ק ע : דאַנקען גאָט! (צום יידן). זאָגט מיר דרײַ מאָל אין איין אָטעם: מכשפה לא תחיה! תחיה מכשפה לא! לא מכשפה תחיה! (דער ייד זאָגט אים נאָך דרײַ מאָל. מיסטער טשערקיס שוויצט, הייבט דעם צילינדער, ווישט דעם שוויס. די מיסעס טשערקיס איז אויך רויט און פאַרשוויצט). מיסטער טשערקיס, מזל־טוב! מיסעס טשערקיס, מזל־טוב אײַך! גאָט זאָל אײַך העלפן, איר זאָלט זיך עלטערן

ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר! נאָר איך דאַרף אײַך זאָגן, איר האָט געהאַנדלט אַ מציאה. אַן אַנדערן וואָלט דאָס געקאָסט פֿינף הונדערט דאָלער — און אפשר טאַקע אַלע טויזנט, זאָל מײַן נאָמען ניט הייסן קוואַטשקע!

מיסטער טשערקיס: וועלל! (אַוועק די פֿרומע מינע, טוט אויס דעם צילינדער). איצט וועלן מיר גיין נעמען אַ רעפֿרעשמענז. נאָר ביזנעס בעפֿאָר פּלעזשור. דאָ האָט איר אײַער געלט. (נעמט אַרויס צוויי הונדערט דאָלער און זעקס דאָלער פֿאַר די עדות און גיט איבער צו מיסטער קוואַטשקע. — צו דער מיסעס טשערקיס). מיסעס! אַרויס מיט קעש! (די מיסעס בייגט זיך אָן, פּאַרקאַטשעט אַלע קליידלעך און שלעפּט אַרויס פֿון זאָק פֿערציק דאָלער, גיט איבער מיסטער קוואַטשקע). וועלל! איך גיי טשענזשען מײַן סוט, ביקאָז איך פֿיל היים. און דו, מיר סעס, וועסט זײַן אַזוי גוט און וועסט אונדז טריטען מיט אַ גלעזל מאַקסי אָדער עפּל־סײַדער, אָדער אַן אַנדער דרינק. (גייט אָפּ. נאָך אים גייט אָפּ אויך די מיסעס טשערקיס).

מיסטער קוואַטשקע: (אָפּגעוואַרט אַ האַלבע מינוט נאָך זייער אַוועקגיין, גייט ער צו צום ייִדן). נו, אַצינד, יאָקל בן פֿלעקל, לאָמיר זיך טיילן! (טיילט). אײַך הונדערט, מיר הונדערט, אײַך צוואַנציק, מיר צוואַנציק. און דאָס זײַנען צוויי מאָל דרײַ דאָלער פֿאַר די עדות.

ערשטער עדות: צו דרײַ? אָבער גאָר לאָ!

צווייטער עדות: צו פֿינף דאָלער, פֿעטער!

מיסטער קוואַטשקע: נאָך צו דאָלער — אַן עק!

ערשטער עדות: ניין, ס'וועט ניט גיין!

צווייטער עדות: קיין נדבות ווילן מיר ניט. גיט אונדז וואָס אונדז קומט.

דער ייִד: אײַך קומט? פֿאַרוואָס? איר זינגט שיין?

ערשטער עדות: אַזוי? איר האָט שוין באַקומען לשון?

צווייטער עדות: ביז אַהער האָט איר גערעדט נאָר אַף לאָקשן־קוילעטש.

דער ייִד: שקצים! עזות־פּנימער! גענגסטערס!

ערשטער עדות: אַ גענגסטער זײַט איר אַליין!

צווייטער עדות: אַ גענגסטער מיט אַ מאַסקע, אַ רוח איז דײַן פֿרעמדער באָרד אַרײַן!

דער ייִד: אַז ס'איז יאָ אַזוי, טאָ נאַ־זשע דיר! (שטעקט אָפּ דעם עדות אַ פּאַטש).

צווייטער עדות: (כאַפּט דעם ייִדן פֿאַר דער באָרד). פּאַטשן וועסטו זיך, דו שאַרלאַטאַן, דו עולם־חבא־פֿעדלער?... (ציט אים צו זיך. דעם ייִדנס באָרד איז באַם צווייטן עדות אין די הענט. אין דעם עפֿנט זיך די טיר און עס באַווײַזן זיך מיסטער טשערקיס אין אַן אַנדער קאָסטיום און מיסעס טשערקיס מיט אַ טאַץ. אָף דער טאַץ — אַ פּאָר

פלעשלעך מיט געטראַנקען און אַ פּאָר שעלעכלעך מיט פאַרבײַסן. דער־
זען איינעם פון די עדות מיט אַ באָרד אין די הענט און דעם ייִדן אָן
אַ באָרד, האָבן זיי אַלץ פאַרשטאַנען. נאָר פאַר גרויס וווּנדער זײַנען זיי
געבליבן שטיין אָפּ דער טיר, ווי צוגעשמידט, קוקנדיק איינס אָפּ דאָס
אַנדערע. אַ מינוט האַלט אָן די שטומע סצענע, ווז אַלע זײַנען פאַרגלי־
ווערט, יעדער אין זײַן פּאָזע. דער פאָרהאַנג פאַלט).

געשריבן אין יאָר 1915.

# מיסטער בוים אין קלאָזעט

א שפּאַס אין איין אַקט

פּערזאָנען:

מיסטער בוים.

מיסעס בוים.

שפּרינצל, מיסטער בוימס א גרינע שוועסטער.

[מ י ס ט ע ר  ב ו י ם  קומט אַרײַן צו זיך אין שטוב, טרעפט קײנעם ניט, וואַרפט אַראָפּ דעם הוט, קלאַפּט מיטן שטעקן אין טיש נערוועז.]

מ י ס ט ע ר  ב ו י ם : (הויך). הו איז האָום? (נאָך העכער). הו איז היער? עס קומט אַרײַן מ י ס ע ס  ב ו י ם, אויסגעפּוצט).

מ י ס ע ס  ב ו י ם : וואָט איז די טראָבל וויט יו?

מ י ס ט ע ר  ב ו י ם : ווו ביסטו געווען, דזשעניע?

מ י ס ע ס  ב ו י ם : איך האָב זיך געדרעסט. וואָס איז דען?

מ י ס ט ע ר  ב ו י ם : ווער איז דאָ געווען?

מ י ס ע ס  ב ו י ם : נאָבאָדי.

מ י ס ט ע ר  ב ו י ם : (נערוועז). אַ מאַן פון אָפּיס האָט דאָ באַדאַרפט זײַן!

מ י ס ע ס  ב ו י ם : ניט געווען קײנער... אָך, יאָ! דאָ איז גע־ווען דײַן שוועסטערל... שפּרינצל איז דאָ געווען...

מ י ס ט ע ר  ב ו י ם : (ווערט נאָך מער נערוועז). טערריבל!... ווידעראַמאָל? פאַרוואָס האָסטו איר ניט געזאָגט, דאַט אי עם נאָט עט האָום?

מ י ס ע ס  ב ו י ם : פון וואַנען ווייסטו, אַז איך האָב עס איר ניט געזאָגט?

מ י ס ט ע ר  ב ו י ם : באַדאַרפט געווען זאָגן, אַז איך בין ניטאָ, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן, אַז איך האָב געמופט, אַז איך וויל זי ניט זען — און דאַטס אָלל!

מ י ס ע ס  ב ו י ם : הערט זי זייער, אַז מע זאָגט איר! זי האָט דיך אויסגעזוכט אין אַלע רומס! איך האָב געמיינט, איכל דעם שלאָס באַקומען!

מ י ס ט ע ר  ב ו י ם : דער טײַוול זאָל עס נעמען! נאָ דיר אַ שוועסטערל! נאָ דיר אַ שפּרינצל! אַלבעטשיע, אַז זי וועט מיך אַרויס־טרײַבן פון שטאָט, און איכל מוזן אַריבערמופן אין אַן אַנדער שטאָט! (שפּאַנט אַרום נערוועז). זי פאַרדרייט מיר מײַן קאָפּ! זי ספּוילט מיר מײַנע ביזנעס!... זי טרײַבט מיך אין דער ערד אַרײַן!...

מ י ס ע ס  ב ו י ם : ווער איז דיר שולדיק? האָסטו ניט געזאָלט שיקן איר קײן שיפּסקאַרטן, וואָלט זי ניט געקומען.

מ י ס ט ע ר  ב ו י ם : (לויפט ארום). שיפסקארטן! פון וואַנען זאָל איך וויסן, אַז ס'אַ קרענק? איך האָב געמיינט, זי וועט קומען, וועל איך איר מאַכן אַ ביזנעס, וועט זי זיך באַזעצן מיט איר פעמילי, ווערן סיטיזנער, מיך וועט עס קאָסטן אַ פּאָר דאָלער — און דאַטס אָלל! גיי ריכט זיך, אַז די ווומען וועט מיר ברענגען אַזויפיל טראָבל, מיך מאַכן צו מופן — מירן מוזן מופן, מיסעס בוים, ס'וועט זיך גאָרניט רעלפּן!

מ י ס ע ס  ב ו י ם : (מיט אַ ניגון). איך וועל ניט מופן! איך בין אָללרייט! (עס הערט זיך אַ קלונג). ס'איז זי!...

מ י ס ט ע ר  ב ו י ם : (כאַפּט זיך באַם קאָפּ). ס'איז זי? טערריבל! איכל עס ניט אויסהאַלטן! ס'איז אימפּאָסיבל! איכל זיך אַ מעשה אַנטאָן! איכל זיך נעמען דאָס לעבן! (כאַפּט דעם הוט, וויל לויפן צו דער טיר. דאָס גלעקל ווערט צעריסן קלינגענדיק).

מ י ס ע ס  ב ו י ם : ווּהין לויפסטו? ווילסט זיך מיט איר באַגעגענען אַ נאָז קעגן אַ נאָז?

מ י ס ט ע ר  ב ו י ם : ביסט גערעכט! ביסט גערעכט! וואָס טוט מען? באַהאַלט מיך! פאַרשלים מיך! איכל זיך באַהאַלטן! ווּ באַהאַלט מען זיך? (לויפט אַרום פון איין ווינקל צום אַנדערן פאַרצווייפלט). אַט דאָ אין קלאָזעט וועל איך איבערוואַרטן... איך בעט דיך, דזשעניע, מאַך ניט מיט איר קיין לאַנגע קאָנווערסיישאַנס! זאָג איר: אי עם נאָט האָום — און דאַטס אָלל!... (כאַפּט זיך אַרײַן אין קלאָזעט. מיסעס בוים שטעלט זיך אַוועק גרייט צו עמפּאַנגען די אַרײַנגעקומענע. עס קומט אַרײַן ש פ ר י נ צ ל, אָנגעטאָן דווקא אַמעריקאַניש, מיט אַ שיינעם הוט, קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן).

ש פּ ר י נ צ ל : ניטאָ אים נאָך, מײַן בראַטישעק?

מ י ס ע ס  ב ו י ם : וואָס הייסט דאָס „בראַטישער"? זיצט!

ש פּ ר י נ צ ל : אַזוי גיך האָט איר שוין פאַרגעסן יידיש? בראַטישעק איז די טײַטש אַ ברודער. (זעצט זיך). אַ שיינער ברודער! איך האָב געמיינט, אַז איך וועל קומען צו פאָרן, וועט ער מיך גליקלעך מאַכן. אַ קלייניקייט — אַ ברודער אַ גביר, און נאָך אין אַמעריקע, אַ פרײַע מדינה, פאַרברענט זאָל זי ווערן! און די מענטשן — די כּפּרה מעגן זיי זײַן פאַר אונדזער לעצטן וואַסערפירער! און זייער לשון — פּאַטייטעס, טאַמייטעס, קיטשען און טשיקען, פאַרכאַפּט זאָלן זיי ווערן! אַז אַ קעלער איז אַ בייסמענט, אַ בוידעם אַ רוף, יאַרד איז אַ הויף, סטריט איז אַ גאַס און גאַביטש איז מיסט — נו, קאָן שוין זײַן גוט?... איך וואָלט אויסגעלעבט מײַנע יאָרן און וואָלט ניט געקענט אַט דאָס לאַנד!... האָט ער זיך אָבער נאָסיאַדעט אַף מיר, דער בראַטישעק מײַנער, און גענומען זעצן מיט בריוו, אַ בריוו נאָך אַ בריוו, איך זאָל קומען צו פאָרן אין זײַן אַמעריקע, אין זײַן גאָלדענע מדינה, וועט ער מיך גליקלעך מאַכן... און איך, נאַר, לאָז זיך איבעררײדן, וואַרף אַוועק אַזאַ לאַנד מיט אַזעלכע

מענטשן, מיט אזא געשעפט, א גאלדן געשעפט, א שמאלץ־גרוב, אן איינ־
פאר־הויז, מיט א קאמער, מיט א קלייטל, ווי־ניט־ווי, בעסער, ערגער,
דאס שטיקל ברויט האט זיך געשלעפט! נאר די לעצטע יארן איז געווען
שלעכט, ווייל מע האט גענומען טרייבן, און ס'איז ניט געווען ווער ס'זאל
פארפארן און וואס צו קויפן, ווייטער בין איך דאך געווען א קייסערי־
ניע!... און ווען ניט דער פאגראם, וואלט איך מיך דען פונעם ארט אפילו
גערירט? כ'וואלט גארניט געקוקט דערויף, וואס מיין בראטישעקל שרייבט
מיר גליקן, אז פאר מיינע קינדער וועט זיך עפענען א וועלט, אלע וועגן
זיינען פאר זיי פריי... עס הייבט זיך גאר ניט אן! אט האט מיין משה
דארט אין דער היים, כאטש מע לאזט ניט אריין, פונדעסטוועגן געענ־
דיקט בוכהאלטעריע דורך בריוו בא יעקב מארק אין ליבאווע, האב איך
גערעכנט, אז דא וועט אים מיין ברודער געוויס אויסזוכן א שטעלע בא
יאנקל שיפן, אדער בא ראקענפעלערן, אדער אין אן אנדער קאנטאר...
און מיין טאכטער האט מען דארט אין ריסענלאנד אויך ניט געוואלט
צונעמען אין גימענאזיע, האט זי בא מיר פונדעסטוועגן שטודירט נייען
און שניידן בא דער ניידיטש, אויך דורך בריוו, — וואלט ער כאטש
מיין טאכטער דא פריסטראיעט ערגעץ אין א דעפארטמענט. איז ווער?
וואס? ווען מע קומט, טרעפט מען אים ניט!... א גדולה — ער שיקט
מיר אריין אלע וואך א טשעק! „וואכער" גיט ער מיר! אז אך און ווי
איז מיר, אף וואס איך בין אריבערגעקומען! (וויינט). מיין מאמע זאל
אויפשטיין פון קבר און א קוק טאן אף איר שפרינצל, ווי זי לעבט פון
טשעקן און פון וואכער... (ווישט זיך די אויגן). א בת־יחידה געווען
בא איר... צווישן אכט זין, היצלעס, בויאנעס, האלעדראנצעס, סך הכל
איין טאכטער... (פויזע). צי, א שטייגער, איך זאל כאטש האבן עפעס
א געשעפט... זאגט ער מיר צו, דער בראטישעק מיינער, אז נאך יום־טוב
וועט ער מיר אויסזוכן אן אנדער ביזנעס. איך וויל שוין ניט קיין ביז־
נעס! איך בין דיר מוחל דיינע ביזנעס — איך וויל א געשעפט, ניט קיין
ביזנעס!... אז די אלע „ביזנעסן", וואס ער האט מיר געמאכט ביז אהער,
טויגן אף כפרות... ער נעמט און שטעלט מיך אוועק אין דרויסן, איך
זאל פארקויפן פאטשיילעס!... אינדערהיים פארקויפט מען ניט אין דרויסן
קיין פאטשיילעס!... צי ער וויל, איך זאל פעדלען מיט טיי, מיט וויין און
מיט ציגייערן? אינדערהיים פעדלט מען ניט מיט טיי, מיט וויין און מיט
ציגייערן! צי, א שטייגער, ער נעמט און דינגט מיר א שטוב, איך זאל
זי פון זיך איבערפארדינגען צו די שכנים. איך זאל ווערן, הייסט דאס,
א לענדלארדיכע. איז נע מאלא באבע כלאפאטע — איך קום נאך דירה־
געלט, ווארפט מען מיך אראפ פון אלע טרעפ! וואס איז די מעשה? די
מעשה איז, למאי איך רייד צו זיי אף אונדזער לשון! אוודאי בין איך
דערויף ארויסגעפארן פונעם טייערן ריסנלאנד, פארברענט זאל עס ווערן,
אהערצוצו, א וויסטע אלמנה מיט קינדער יתומים, איך זאל מיך אפ־
שמדן אף אייער לשון! (מיסעס בוים קאן זיך ניט איינהאלטן פון א

שמייכל). איר לאַכט? אײַך איז גוט צו לאַכן, אַז איר זיצט אָט־דאָ־אָ, אין אַזאַ גוטס (שטייט אויף, באַווײַזט מיט די הענט), מיט אַזעלכע שפּיגלען (קוקט אין שפּיגל), מיט פּאָרטעפּיאַנעס, מיט שפּילקעסטלעך, מיט שאַפּעס... (גייט צו צום קלאָזעט. ווו מיסטער בוים געפינט זיך). און די שאַפּעס זײַנען מסתּמא באַ אײַך פול מיט כל טוב, פול ווי אַן אויג... (דעקט אָפּ דעם פאָרהאַנג פונעם קלאָזעט, און עס דערשײַנט מיסטער בוים. אַלע דרײַ בלײַבן פאַרגליווערט).

## לאַנגזאַם פאַלט דער פאָרהאַנג.

געשריבן אין יאָר 1915.

# אינצוויעו אַ זעקס און זעכציק

א בורלעסק לכבוד חנוכה

די פּאַרשוינען:

רב יאַנקל פּעטאַד, אַ ייִד אַ גביר, שוין אין די יאָרן. דאָס אַנ־דערע מאָל חתונה געהאַט.

מאַדאַם פּעטאַד, זײַן ווײַב, אַ „מאַדאַם". ייִנגער פֿון אים מיט אַ יאָר פֿערציק.

דאָקטער לאַקריץ, אַ יונגער דאָקטער־מעדיצין.

נאַפּטאַלין, אַ יונגערמאַן אַן אַפּטייקער. טראָגט בלויע ברילן.

גלאָק, אַ ווינקל־אַדוואָקאַט. רעדט העכער האַלב רוסיש.

די געשיכטע קומט פֿאַר חנוכה, אין אַ קליין שטעטל, נית ווײַט פֿון יעהופּעץ, מיט אַ יאָר דרײַסיק צוריק.

[אַ זאַל. שייין אויסגעפּוצט, גוט באַלייַכטעט. די שפּיגלען לייַכטן. דורך אַן אָפענער טיר, פון דרויסן, קומט אַרייַן **יאַנקל פּעטאַד**. בלייַבט שטיין פאַרחידושט, קוקט זיך אַרום אַף אַלע זייַטן. רעדט צו זיך אַליין.]

**יאַנקל פּעטאַד**: (מיטן באַגאַזש אין די הענט). אָפן טיר און טויער... ניטאָ קיין משוגענער הונט... עס ברענען ליכט... אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן — אַ גאַנצע לימענאַציע באַ מיר אין שטוב!... אַ יום־טוב!... (לאָזט אַראָפּ דעם באַגאַזש). לכבוד חנוכה... אַזאַ יום־טוב! אַ ווערטעלע אויסצוריידן—ח־נו־כה!... מהכתיתי, פאַרוואָס ניט? ייִדן בענטשן חנוכה־ליכטלעך — מעג מען זיך פרייען... נאָר וווּ איז דאָס מייַן מאַדאַם? (קלאַפּט מיטן שטעקן אין טיש). ריוועלע! רבקה! מאַדאַם!... (קנייטשט מיט די פּלייצעס). מע הערט ניט און מע זעט ניט!... (ער לאָזט זיך גיין ווייַטער. דערזעט אַ קאַרטל, טראָגט דאָס צו צום לאָמפּ, טוט אָן די ברילן און לייענט פּאַוואָליע, קוים וואָס ער לייגט צונויף די אותיות איינציק־וויַיז). „רע־ווע־קאַ לי־מאַ־נאָוו־נאַ”... ווער איז די רעוועקאַ לימאָנאָוונאַ? דאָס איז ריוועלע! הייסט זי שוין גאָר רעוועקאַ? לאָז זייַן רעוועקאַ... און לימאָנאָוונאַ איז, אַפּנים, לייבאָוונאַ?... די משמעות, אַז לייב איז אַ לימענע — איז פּעטאַד אַ רעטאַד... לאָמיר זען, וואָס שטייט ווייַטער? (לייענט). „פּאַ־פּאַ־פּאָסלוטשאַיו ח־ח־חנוכה פּאַ־פּאַ־פּאָקאַרנישע פּראָסים פּאַ־פּאַ־פּאָזשאַלוואַט נאַ טשאַשקו טשאַיו”... הייסט עס, אַפּנים, אַזוי גרויס, ווי לכבוד חנוכה האָט מען געלאָזט בעטן אַף אַ גלעזל טיי... וואָס פּאַר אַ מחותן איז חנוכה מיט אַ גלעזל טיי? חנוכה איז מען זיך נוהג, מע באַקט לאַטקעס. לכבוד חנוכה האָט אונדז די תורה געהייסן עסן לאַטקעס, און משה רבינו האָט צוליב דעם הייליקן יום־טוב פּאַזוואָליעט שפּילן אין קאָרטן... מאַכן אינצווייען אַ זעקס־און־זעכציק אָדער אין דרייַ הענט אַ פינף־הונדערט־איינס... ששש... (הערט זיך איַין). עמעצער רעדט. כ'וואָלט געמעגט שווערן, אַז ס'איז דעם דאָקטערס קול... וואָס טוט דאָ דער דאָקטער? ווידער נערוון? צי גלאַט אַזוי אַ גאַסט לכבוד חנוכה?... כ'וואָלט אַ בעלן זייַן הערן, וואָס רייִדן זיי?... באַהאַלטן זיך ערגעץ אין אַ שאַפע, און פון דאָרטן, דורך אַ שפּאַרינקעלע, זען, וואָס מע טוט זיך דאָ, בשעת איך בין ניטאָ אינדערהיים... ששש... מע גייט! טאָמער וואָלט געווען אַ סברה, איך זאָל מיך דאָ צוזעצן ערגעץ אין אַ ווינקעלע? (ער קוקט זיך אַרום אַף אַלע זייַטן). אָדער באַהאַלטן זיך אונטער דער קאַנאַפּע? (ער דערהערט אַ סקריפּ פון דער טיר, טוט ער זיך

א װאָרף אונטערן טיש מיטן באַגאַזש. — עס עפנט זיך די אינעװײ־ניקסטע טיר און עס קומען אַרײַן די מ אַ ד אַ ם פ ע ט אַ ד מיטן דאָקטער ל אַ ק ר י ץ. דער דאָקטער דריקט איר די האַנט).

מ אַ ד אַ ם פ ע ט אַ ד: װאָס קװעטשט איר מיר אַזױ די האַנט? אַלס דאָקטער? צי גלאַט אַזױ, אױס גוטפֿרײַנטשאַפֿט?

ד אָ ק ט ע ר ל אַ ק ר י ץ: גלאַט אַזױ, אױס גוטפֿרײַנטשאַפֿט...

מ אַ ד אַ ם פ ע ט אַ ד: פֿאַרװאָס־זשע זײַט איר מיר אַזאַ גר־טער פֿרײַנט? מצד רחמנות, צי מצד עפּעס אַנדערש?...

ד אָ ק ט ע ר ל אַ ק ר י ץ: ערשטנס, טאַקע מצד רחמנות, אַז איר דאַרפֿט האָבן אַזאַ פֿעטאַד פֿאַר אַ מאַן... און, צװײטנס, איז מײַן סימפּאַטיע צו אײַך...

מ אַ ד אַ ם פ ע ט אַ ד: (פֿאַרשטעלט אים דאָס מױל מיט דער האַנט). ניט געֿרעדט! פֿאַרגעסט ניט, אַז איך בין אַן אָנשטענדיקע פֿרױ...

ד אָ ק ט ע ר ל אַ ק ר י ץ: (אַ קוש די האַנט). קעגן דער נאַ־טור, מאַדאַם, קאָן מען ניט גײן...

מ אַ ד אַ ם פ ע ט אַ ד: גײן זאָלט איר שױן װײסט איר װוּהין!...

ד אָ ק ט ע ר ל אַ ק ר י ץ: איך באַדאַרף טאַקע גײן מאַכן אַ פּאָר װיזיטן. דער עולם, קײן עין־הרע, קרענקט צו ביסלעך. דערװײַל זײַט מיר געזונט און שטאַרק. איך לױף אַװעק אױף אַ קורצע װײַלע. אין אַ האַלבע שעה קום איך צוריק, װעלן מיר מאַכן לכּבֿוד יום־טובֿ אינצװײען אַ זעקס־און־זעכציק.

מ אַ ד אַ ם פ ע ט אַ ד: אָדער אינדרײַען אַ פֿינף־הונדערט־אײנס?...

ד אָ ק ט ע ר ל אַ ק ר י ץ: נײן! בעסער אַ זעקס־און־זעכציק אינצװײען. אַדיע! (ער גײט אַװעק. די מאַדאַם — אין דער אַנדערער טיר. פֿון אונטערן טיש קריכט אַרױס פֿעטאַד).

י אַ נ ק ל פ ע ט אַ ד: (רױט װי אַ צװיק). אָט דאָס װערט אָנ־גערופֿן אַ גלעזל טײ? אין זעקס־און־זעכציק לכּבֿוד יום־טובֿ שפּילן זײ?... װאַרט צו, דו יאַקטער אײנער, עס װעט אַ רוח אין דײַן טאַטנס ערד אַרײַן! (עס הערט זיך אַ קלונג. פֿעטאַד באַהאַלט זיך אונטערן טיש. עס קומט אַרײַן פֿון דרױסן נ אַ פּ ט אַ ל י ן דער אַפּטײקער. פֿון דער אַנ־דערער טיר — די מאַדאַם פֿעטאַד).

נ אַ פּ ט אַ ל י ן: (לױפֿט אַקעגן דער מאַדאַם פֿעטאַד, װיל זי אַרומכאַפּן קושן). באָן זשור, מאַדאַם! מיט אײַער קאַרטל האָט איר מיך פּשוט מחיה געװען!

מ אַ ד אַ ם פ ע ט אַ ד: (שטױסט אים אָפּ פֿון זיך). נאָר אַז הענט!... װאָס האָט איר זיך אַזױ אָנגעפּאַרפֿומירט מיט פּאַרפֿומען? סע שמעקט פֿון אײַך, װי פֿון אַן אַפּטײק.

נ אַ פּ ט אַ ל י ן: אַרום װאָס מע גײט, מיט דעם שמעקט מען... װוּ איז אײַער הינערפּרעסער?

מאדאם פעטאד: וואָסער הינערפרעסער?

נאפטאלין: אײַער אַלטער.

מאדאם פעטאד: (קאָקעטירט). מײַן אַלטער? ער איז גאָרנישט אַזוי אַלט...

נאפטאלין: פאַר אַזאַ בוטאַנטשיק, פאַר אַזאַ באַמבאַנטשיק, ווי איר, איז ער שוין צו אַלט... (וויל די אַרומנעמען).

מאדאם פעטאד: (שטויסט אים אָפּ). איך האָב אײַך איין מאָל געזאָגט: אַז הענט!...

נאפטאלין: איר פאַרגעסט, אַז איר זײַט מיר אַ קרובה...

מאדאם פעטאד: טאָקע אַ קרובה, נאָר פון דער ווײַטן...

נאפטאלין: (באַליידיקט). איר זײַט צו מיר ערגער, ווי צו אַ פרעמדן...

מאדאם פעטאד: (קוקט אים אין די אויגן). ווי צו אַ פרעמדן? וועמען מיינט איר דאָס?

נאפטאלין: די וואַנט מיין איך...

מאדאם פעטאד: איך ווייס, וועמען איר מיינט... איר מיינט דעם דאָקטער לאַקריץ... איר זײַט אים מקנא... אַ מצווה אױף אײַך — גער, גער, גער!... (ווײַזט אים מיטן פינגער).

נאפטאלין: (אַנגעברוגזט). באָן סואַר, מאַדאַם! (געזעגנט זיך מיט איר).

מאדאם פעטאד: (טוט אים אַ צי באַ דער נאָז). זײַט נאָר ניט אַזוי גדולדיק באַ זיך, פּאַני! איך האָב פּײַנט, אַז מע בלאָזט זיך... קומט, וועלן מיר דערוױיַלע טרינקען צו גלעזלעך טיי, נאָכדעם וועלן מיר לכבוד יום־טוב...

נאפטאלין: מאַכן אינצווייען אַ זעקס־און־זעכציק?...

מאדאם פעטאד: וואָס איז אײַך געפעלן אינצווייען אַ זעקס־און־זעכציק. פאַרוואָס ניט אינדרײַען אַ פינף־הונדערט־איינס?

נאפטאלין: ניין! בעסער אינצווייען אַ זעקס־און־זעכציק... פאָלגט מיך, מאַדאַם... (זיי גייען אַוועק. — פון אונטערן טיש קריכט אַרויס יאַנקל פעטאַד).

יאנקל פעטאד: (רויט ווי פײַער). גוטע פרײַנט, קרובים גאָר?... און אַלע ווילן לכבוד יום־טוב בעסער אַ זעקס־און־זעכציק אינצווייען, ווי איידער אינדרײַען אַ פינף־הונדערט־איינס! וואָס זאָל דאָס באַדײַטן? כ׳וועל אײַך געבן אַ זעקס־און־זעכציק — זעקס און זעכציק מכּות אױף דער נאָז וועט זיך אײַך זעצן! (עס הערט זיך אַ קלונג. פעטאַד באַהאַלט זיך אונטערן טיש. עס קומט אַרײַן דער אַדוואָקאַט גלאק, אַן אויסגעפּוצטער. פון דער אַנדערער טיר — מאַדאַם פעטאַד).

גלאק: (שאַרט מיט די פיס). מאַיאַ פּאַטשטעניע, מאַדאַם! ווי אַזוי טשוגוּסטשוּוועט איר זיך אין געזונט?... אײַערע נערוון האָבן זיך אויסגעקאַיעט, פּאָ קראַיני מיערע, זינט אײַער סטאַריקאַשקע איז אוועק־

געפארן אף טארגעס?... גאט זאל העלפן, די טארגעס זאלן זיך פראדאל־זשאיען כאטשבי א וואך צוויי אדער דרייַ!...

מאדאם פעטאד: (קאקעטיש). וואס־זשע וועט אייַך ארויסקומען דערפון?...

גלאק: גארניט. וואס דארף מען אים דא, דעם סטאריקאש־קע?... קסטאטי, וואס האב איך אייַך געוואלט פרעגן? יא! וואס הערט זיך מיט דער דוכאוונע זאוועשטשאניע?... ווען וועט ער אייַך אבעזופע־טשיען?...

מאדאם פעטאד: (אומעטיק). אך! ער וויל ניט הערן, ניט זען...

גלאק: (מיט מיטלייד). ניעגוזשעלי? א פאלנע אטקאז? וואס איז די פּריטשינע?

מאדאם פעטאד: די פּריטשינע איז, וואס ער האט מורא שרייַבן א צוואה... נאך א צוואה, זאגט ער, שטארבט מען...

גלאק: איך אודיוולִיאיעט מיך, מאדאם! איך זע, דאכט זיך, א ראזסודיטעלנע זשענשטשינע — און לאזט זיך אייַנריידן אזעלכע גלו־פאסטן! איך ווייס, אז אייַער סטאריקאשקע טוט א שטארב, נעמט צו די טאכטער מיטן איידעם אינגאנצן, דא ניטאטשקי, און אייַך שטעלט מען ארויס, איזוויניטיע, א פּייַג!...

מאדאם פעטאד: א פערטל קומט דאך מיר פא זאקאנו...

גלאק: פא זאקאנו קומט אייַך א פערטל — ווייסט איר ווען? אז ער כאפט א קאנדראשנע, דאס הייסט, אז גאט העלפט, ער שטארבט אזוינע וונעזאפנא, אומגעריכט... נאר טאמער, ניע דאי באך, האט ער פון פריִער נאך א דוכאוונע זאוועשטשאניע, א צוואה הייסט עס, טאגדא איז דיעלא דריאן!

מאדאם פעטאד: דערצו איז דא אן עצה...

גלאק: נאפּרימער? בעטן דעם אפטייקער נאפּאטאליִן, ער זאל אים אייַנגעבן א פּארציע מישיאק מיט ביטער־וואסער?

מאדאם פעטאד: (קוקט אים אן). איר זייַט משוגע, צי חסר־דעה? (טרעט אפּ).

גלאק: דזשענקא! איך האב געשוטיעט, געמאכט א נאס־מיעשקע...

מאדאם פעטאד: פאר אזעלכע נאסמיעשקעס נעמט מען בא מיר דעם וועג... דאס ווייסט איר?

גלאק: (ציט איר אויס די האנט). איזוויניטיע, לאמיר זיך פא־מירען! (וויל איר שענקען א קוש).

מאדאם פעטאד: (שטויסט אים אפּ). פע, שעמען מעגט איר זיך. איר האט דאך א ווייַב!...

גלאק: (לאכט). א כפרה צען ווייַבער פאר אייַער איין ווזגליאד!

מאדאם פעטאד: ששש... דארטן זיצט דער אפטייקער!

קומט, וועלן מיר טרינקען צו גלעזלעך טיי. מיר האָבן דאָך היַינט עפּעס חנוכה אַף דער וועלט...

גלאַק: וועלן מיר אפשר, פּאַ עטאַמו סלוטשאַיו, מאַכן אינ־צווייען אַ זעקס־און־זעכציק?

מאַדאַם פּעטאַד: בראַש זיי אַלע אינצווייען אַ זעקס־און־זעכציק!... פאַרוואָס ניט אינדריַיען אַ פינף־הונדערט־איינס?

גלאַק: (גייט איר נאָך). ווינטילי, — עס איז טיסיאַטשו ראַז בעסער אינצווייען אַ זעקס־און־זעכציק! (זיי גייען אָפּ. — פון אונטערן טיש קריכט אַרויס פּעטאַד).

יאַנקל פּעטאַד: (ווישט זיך דעם שווייס מיט דער פּאָלע). פו! אויסגעשטאַנען אַ שוויצבאָד!... גוטע פריַינט!... גיבן עצות!... ווילן מיַינער פּטור ווערן!.. מיך ירשהנען!... מכות מיט בכורות!... מאַרגנדיקן טאָג שריַיב איך אַ צוואה און זאָג אָפּ אינגאַנצן דער טאָכטער!... אַצינד פאַרשטיי איך שוין, וואָס דאָ טוט זיך!... מע האָט מיר אָבער געזאָגט: „צו וואָס טויג איַיך אַ מאַדאַם? און נאָך אַזאַ יונגע מאַדאַם?"... (ער טוט זיך אַ פּאַטש אין שטערן). אַלטער נאַר! פּעטאַד איינער! אַ „מאַדאַם" האָט זיך דיר פאַרוואָלט אַף דער עלטער?... אַנגעטריבן אַ פולע שטוב מיט גוטע פריַינט! דאָקטוירים! אַפּטייקערס! אַדוואָקאַטן! און יעדער פון זיי וויל לכבוד יום־טוב דווקא אינצווייען אַ זעקס־און־זעכציק! זעקס או־זעכציק מאָל אַ רוח אין איַיער טאַטנס פּערעטאַטן!... ששש... מע גייט... (ער באַהאַלט זיך צוריק אונטערן טיש. עס קומען אָן אַלע: די מאַדאַם פּעטאַד, דער אַפּטייקער נאַפּטאַלין, גלאַק דער אַדוואָקאַט און אויך דאָק־טער לאַקריץ. וועלכער קומט אַריַין פון דרויסן. אַלע פיר זעצן זיך אַרום טיש, ציִען אויס די פיס).

דאָקטער לאַקריץ: (ריַיבט די הענט. צו אַלעמען). דער עולם, אַן עין־הרע, קרענקט צו ביסלעך... (צו דער מאַדאַם). וואָס איז דאָ באַ איַיך אונטערן טיש, אַ פוס־בענקעלע? ס'איז עפּעס ווייך...

נאַפּטאַלין: איך פיל אויך עפּעס אַ ווייכע זאַך...

גלאַק: איך פּאַלאַגאַיו, אַז עס דאַרף זיַין אַ קאַוויאַר... אַדנאַ־קאַ, גאַספּאַדאַ, די ציַיט שטייט ניט!...

מאַדאַם פּעטאַד: (טאַפּט די קאָרטן). אַלזאָ! שפּילן מיר, הייסט דאָס, אַלע פיר לכבוד דעם הייליקן יום־טוב חנוכה אַ פינף־הונ־דערט־איינס? ווערט עס אָנגערופן „מיט אַ באַלוואַן"...

דאָקטער לאַקריץ: מיר האָבן דאָך געשמועסט — אינ־צווייען אַ זעקס־און־זעכציק!...

נאַפּטאַלין: ווי געשיקט זיך עס אינצווייען, אַז מיר זיַינען דריַי?...

גלאַק: גאַספּאַדאַ! פּאַסלושאַיטיע — איכל איַיך געבן אַ סאָ־וויעט, וועט איר אַלע זיַין אודאַווליעטוואָרעט. לאָז איטלעכער פון אונדז

פֿאַטשערעדי שפּילן מיט דער כאַזיאַיושקע אינצווייען אַ זעקס־און־זעבציק... איך וועל זײַן דער ערשטער...

ד אָ ק ט ע ר ל אַ ק ר י ץ: וואָס עפּעס איר? און ווּ בין א י ך?

נ אַ פּ ט אַ ל י ן: און ווּ בין א י ך? (פון אונטערן טיש קריכט אַרויס יאַנקל פּעטאַד, אַ צעקנייטשטער, אַ צעטראַטענער, און אויסגעשמירטער).

י אַ נ ק ל פּ ע ט אַ ד: און ווּ בין א י ך???...

מ אַ ד אַ ם פּ ע ט אַ ד: אַך! ס'איז מיר ניט גוט! (פֿאַלט חלשות. אַלע בלײַבן דערשטוינט).

י אַ נ ק ל פּ ע ט אַ ד: (צום דאָקטער לאַקריץ). נו? וואָס שווײַגט איר? די מאַדאַם חלשט... איר זײַט דאָך אַ דאָקטער!... אַ פּראָפעסער!...

ד אָ ק ט ע ר ל אַ ק ר י ץ: (ווײַזט אָפּן אַפּטייקער). נאַפּטאַלין דער אַפּטייקער וועט אַ לויף טאָן צו זיך אין דער אַפּטייק ברענגען אַ מיקסטול... איך דאַרף גיין צו מײַנע פּאַציענטן... דער עולם, פֿאַרשטייט איר מיך, קרענקט... (רוקט זיך צו דער טיר).

נ אַ פּ ט אַ ל י ן: אָן אַ רעצעפּט קאָן איך ניט אַרויסגעבן קיין מיקסטורן... (רוקט זיך צו דער טיר).

ג ל אַ ק: אַדנאַקאָ, אַ שיינער דאָקטער! אַ שיינער אַפּטייקער! איר זײַט ביידע גוטע טרוסן!... ופּראָטשעם, איזוויניטיע — איך האָב קיין צײַט ניט... איך דאַרף ספּיעשען אַהיים... (רוקט זיך צו דער טיר).

י אַ נ ק ל פּ ע ט אַ ד: אַזוי? איר ספּיעשעט אַהיים? איר האָט קיין צײַט ניט? און אינצווייען אַ זעקס־און־זעבציק האָט איר אַלע צײַט? זעקס און זעבציק מכות אײַך אין די ביינער. ממזרים! זעקס און זעבציק מאָל זאָל אַ רוח אין אײַער טאַטנס טאַטן פֿערעטאָטן!!!

פּ אַ ר ה אַ נ ג.

געשריבן פונעם מחבר אין זײַנע יונגע יאָרן
און באַאַרבעט פון אים אין יאָר 1916.

Este libro se terminó de imprimir el día 31 de Enero de 1958 en el Establecimiento Gráfico
Río Bamba 345.

עזבון שמואל גילמן
אשדוד